STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06175

PERZENLEKHKAYTN IN DER GESHIKHTE FUN IDN IN AMERIKE

I. B. Bailin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערזענלעכקייטן

אין דער געשיכטע פון אידן אין אמעריקע

פון

י. ב. ביילין

באַנד צוויי

ארויסגעגעבן פון „איקוף" פארלאג, ניו־יארק 1965

PERSENLECHKEITEN

Personalities in the History of the Jews in America

Vol. II

Copyright, 1965

I. B. BAILIN BOOK COMMITTEE

YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

363

אינהאַלט

ישראל בער ביילין — דזש. ב. ק. 7

פערזענלעכקייטן

אַריינפיר: די יידישע אימיגראַנטן 21
סאָלאמאָן נונעז קארוואַלהא — יידישער קינסטלער 25
יעקב צבי סאָבעל: דיין אָרט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן.. 30
טשאַרלס פליישמאַן: דער „הייוון-קעניג" 36
כתריאל צבי סאַראַזאָן: רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער 41
אליקום צונזער: דער בדחן און פאָלקס-זינגער 46
צבי הירש גרשוני: ערשטער יידישער רעדאַקטאָר 54
אברהם גאָלדפאַדן: גרינדער פון יידישן טעאַטער 59
לעאָפּאָלד אוער: פידל-פּעדאַגאָג 68
צבי הירש בערנשטיין: העברעאישער רעדאַקטאָר 73
דזשאָזעף פוליצער: צייטונגס-טריבון 78
סיימאָן באַמבערגער: גאָווערנאָר פון יוטאַ 83
רב יעקב יוסף: דער רב הכולל פון ניו יאָרק 89
א. טאַנענבוים: פּאָפּולערסטער יידישער שרייבער 94
דוד לובין: טוער פאַר אַמעריקאַנער פאַרמערס 98
סאלאמאָן שעכטער: געלערנטער און הומאַניסט 102
נחום מאיר שייקעוויטש (שמר) 107
סעמועל גאָמפּערס: אַרבעטער פירער 113
דר. פעליקס אַדלער: גרינדער פון עטישער קולטור 119
עמיל בערלינער: יידישער דערפינדער 124
דר. סעמועל דזש. מעלצער: מעדיקער 129
אַלבערט מאיקלסאָן: וויסנשאַפטסמאַן 133
אָטאָ פלערשיים: מוזיק קריטיקער 137
יעקב גאָרדין: דער גרויסער דראַמאַטורג 140
דר. פרעדריק פאַרטשיימער: מעדיקער 145
דוד אַפּאַטהעקער: שרייבער און פאָלקס אינטעליגענט 148
י. ד. אייזענשטיין: יידישער ענציקלאָפּעדיסט 153
הענרי מאָרגענטוי: פינאַנץ-מאַגנאַט און שטאַטסמאַן 157
יעקב פ. אַדלער: יידישער טעאַטראַל 163
געצל זעליקאָוויטש: שרייבער און שפּראַך-פאָרשער 170
מ. מ. דאָליצקי: דיכטער און ראָמאַניסט 175
קעני ליפצין: יידישע אַקטריסע 180
צבי הירש מאַסליאַנסקי: יידישער אָראַטאָר 185
לואיס ד. בראַנדייס: יוריסט און ליבעראַל 190
מאָריס ווינטשעווסקי: דער „זיידע" 195

לואי מאַרשאַל: אַדוואָקאַט און כלל־טוער 206

דר. שלמה סאָליס קאָהן: דיקטער און שלום־קעמפער 212

דר. מאָריס לעווי: היילער פון פוס־קראַנקהייטן 217

הענרי גאָלדמאַרק: אינזשיניער 222

מ. זאַמעטקין: יידישער סאָציאַליסטישער לעקטאָר 226

אַדאָלף אָקס: אייגנטימער פון נ. י. „טאימס" 231

פראַנץ באָאַז: אַנטראָפּאָלאָג 237

האַנאַ ג. סאַלאַמאָן: קעמפערין פאַר פרויען־רעכט 242

פיליפּ קראַנץ: יידישער סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר 245

סעמועל אונטערמייער: אַדוואָקאַט און כלל טוער 251

פּלאַטאָן ברונאָוו: יידיש רוסישער מוזיקער 255

שלום עליכם אין אַמעריקע 259

בעלאַסקאָ און וואָרפילד: אַמעריקאַנער טעאַטראַלן: 269

דזשעין עדעמס: אַן אַמעריקאַנער הומאַניסטקע 274

יצחק אייזיק הורוויטש: עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער 278

אב. קאַהאַן: דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" 285

וויקטאָר בערגער: סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן 301

הענריעטאַ סזאָלד: גרינדערין פון „הדסה" 311

ב. פייגענבוים: אַ פּאַנאַטישער קעמפער 316

דר. חיים ספּיוואַק: מעדיקער און פאָרשער 326

דר. האָוואַרד ליליענטאַל: אַ גרויסער כירורג 330

מאָריס ראָזענפעלד: דער „טרערן־מיליאָנער" 334

דזשוליוס ראָזענוואַלד: מאַגנאַט און פילאַנטראָפּ 346

ראובן ברײנין: שרייבער און וועלט־מענטש 355

דר. דוד פיליפּסאָן: רעפאָרמער און היסטאָריקער 360

רודאָלף שילדקרויט: אַ „שטערן" אויף דער בינע 364

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי: לערער פון אימיגראַנטן 369

יוסף און מערי פעלס 375

ר. סיימאָן פלעקסנער: באַקעמפער פון באַצילן 380

אַלבערט סטערנער: אַן אַלזייטיקער קינסטלער 385

ש. יאַנאָווסקי: אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר 389

רעבעקאַ קאָהוט: הומאַניסטקע און כלל טוערין: 395

זאַראַ אַדלער: באַדייטנדיקע יידישע אַקטריסע: 400

דר. הלל זאָלאָטאַראָף 405

לעאָן זאָלאָטקאָף 410

דר. חיים זשיטלאָווסקי: 415

דר. אייברעהעם פלעקסנער 435

דוד עדלשטאַט: פראָלעטאַרישער דיכטער 440

ביבליאָגראַפיע פון קוואַלן 457

אַ וואָרט צום לייענער

מיין טאַטע, ישראל בער ביילין האָט אָנגעהויבן זאַמלען אינפאָרמאַטיווע מאַטעריאַלן וועגן די יידן אין אַמעריקע נאָך אין 1932. איך בין נאָך געווען יונג און האָב אים געהאָלפן זוכן אין פאַרשיידענע ביבליאָטעקן און אַרכיוון, די נויטיקע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. אין דער אַרבעט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן זייער אַ סך אינטערעסאַנטע און ווייניק־באַקאַנטע פאַקטן וועגן לעבן פון די יידן אין אַמעריקע, און ער האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ „געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע".

ער האָט אויף דעם מאַטעריאַל געאַרבעט אַ פיר־פינף יאָר, אָבער אין בוך־פאָרם איז עס קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן — ווייל ס'איז געווען אין מיטן פון דעם ערנסטן פינאַנציעלן קריזיס אין לאַנד, און קיין געלט־מיטלען זיינען ניט געווען, דאָס צו רעאַליזירן.

אין משך פון דער אַרבעט האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף פיל קאָלירפולע און אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אים אינטריגירט. זיי זיינען שפּעטער געוואָרן די באַזע פאַר זיינע קאַפּיטלען איבער די „פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע".

דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין 1955 און דער מחבר האָט שוין געהאַלטן אין צוגרייטן דעם צווייטן באַנד צום דרוק — מיט דער הילף פון איינע פון זיינע תלמידה'ס, טעסי שענקער — ווען דער גרויזאַמער טויט האָט אַרויסגעריסן די פעדער פון זיין האַנט.

איך האָב געוואָלט פאַרענדיקן דאָס וואָס ער האָט אָנגעהויבן—נאָר איך האָב ניט געוואוּסט ווי דאָס צו טאָן. מיט דער הילף פון די טייערע קאָלעגן און תלמידים זיינען מיר צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן דעם י. ב. ביילין בוך־קאָמיטעט, וואָס האָט דערמעגלעכט דאָס בוך זאָל דערשיינען.

עס איז ניט בלויז דער וואונטש פון אַ טאָכטער אַרויסצוגעבן דעם טאַטנס אַ ווערק. איך פיל, אַז דאָס בוך איז אַ וויכטיקער ב י י ט ר אַ ג צו דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע און בכלל צו דער יידישער קולטור. עס רופט אַרויס און פאַרייאייביקט אַ צאָל „פערזענלעכקייטן", וואָס זיינען שוין האַלב אָדער כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן...

איך דריק אויס מיין דאַנק און אַנערקענונג צום י. ב. ביילין איקוף־קלוב פון סי געיט און קוני איילאַנד, דעם י. ב. ביילין קלוב און שטודיר־גרופּע אין

בראָנקס און אַלע מיטגלידער פון י. ב.ביילין בוך־קאָמיטעט פאַר זייער איבערגעבנקייט און אַנטשלאָסנקייט צו ברענגען דעם בוך צום לייענער.

אַ יישר־כח צו אַלע ספּאָנסאָרס, וואָס האָבן דערמעגלעכט אז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

אַ באַזונדערן דאנק מיין טייערן מאַן, יודל קאָהען, (ווי אויך מיינע זין, ברוך און הלל), פאַר זייער ליבשאַפט, געדולד און אויסדויער, פאַר יודל׳ס דערמוטיקונגען און זיין אומאָפּשאצבארע ארבעט, סיי טעכניש, סיי אין בוך־קאָמיטעט, און סיי אין דער היים, — ער האָט באמת געהאָלפן די ארבעט זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

דזשאנעט ביילין קאהען

אַפּריל 29, 1965

ישראל בער ביילין

„...ביילין איז געווען דער לעצטער פונם דור פּראָלעטאַרישע מפיצי־השכלה, פון דעם דור, וואָס פון אים זיינען ווינטשעווסקי און ליבערמאַן און מרמר אַרויסגעוואַקסן, — די וואָס זיינען געקומען פון בית מדרש צום יידישן אַרבעטער.

„ביילין האָט געהערט צום דור, וואָס האָט באמת זיך צו באַווייזן, אַז די יידישע אַרבעטער־קולטור, אַז די יידישע פּאַרגעשריטן וועלטלעכע קולטור איז געווען אַזוי טיף יידיש, ווי טיף מענטשלעך, אַז זי וואָלט געווען ווייניקער מענטשלעך, ווען זי איז ווייניקער יידיש, אַז אירע וואָרצלען האָבן געשטעקט אין די טיפענישן פון פאָלקס־טראַדיציע און געשיכטע.

„פון דער השכלה האָט ער, ווי די פאָרגייער און מיטגייער זיינע, איבערגענומען אַ סך פּאָזיטיווע שטריכן: אַ ליידנשאַפטלעכקייט ביים איינשטעלן זיך פאַרן פאָלק, אַ קריגערישקייט, ווען מ׳דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן אַן עוולה, אַן איפּעריש גלויבן אין בילדונג, און אַן אינערלעכן פאַרלאַנג צו דערציען און לערנען דאָס פאָלק.

„ער געהערט צום דור, וואָס איז געווען מער לערער ווי שרייבער, וואָס שרייבעריי האָט געהאַט בלויז איין ציל — דערהויבן „ליכט־פאַרשפּרייטן״.

„י. ב. ביילין איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך אַלגעמיין און יידיש וויסן. ער איז געווען ווי אַ מילגרוים. אַ שטענדיקער לערנער ווי אַ שטענדיקער לערער, אָבער גלייכצייטיק איז ער געווען אַ גוואַלדיקער פּזרן (דאַנאַר) מיט זיין וויסן. ער האָט עס קיינמאָל ניט געוואָלט פאַר זיך...״ (א. גאָלדבערג, „יידישע קולטור, מאַי, 1961).

ישראל בער ביילין איז געבוירן געוואָרן דעם 28־טן יולי, 1883 (כ״ז תמוז, תרמ״ג — לויט דער יידישער צייט־רעכענונג) אין נאָוואָרעדאָק, לעבן סלאָנים, פּוילן. זיין פאָטער, אַן אור־אייניקל פון שאגת אריה און פון

ר׳ בער רוזשאַנער, איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ וואַלד־סוחר. ישראל־בער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט אין דעם דאָרף קאַטלאָווע, לעבן נאָוואָרע־דאַק, וואו זיינע עלטערן האָבן געוואוינט ביזן סוף פון 1885. זייער דירה איז פאַרברענט געוואָרן אין אַ שריפה. די מוטער האָט אַרויסגעראַטעוועט דעם קליינעם ישראל־בערן און זיינס אַ קליין שוועסטערל און ברודערל פון די פלאַמען. דער פאָטער איז אַפּגעפּאַרן קיין לאָדזש.

„אין 1886 האָט דער פאָטער אַריבערגעבראַכט די פאַמיליע קיין לאָדזש, וואו ער האָט געעפנט אַ רעפאָרם־שול; וועלטלעכע בילדונג מיט רעליגיעזע לימודים. דער פאָטער איז געשטאָרבן אין אָקטאָבער, 1889. צו זעקס יאָר קריגט ישראל־בער אַ „היים״ אין דער דירה פונם באַרימטן לאָדזשער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל, אַן עלטער־פעטער פון דער מוטערס צד. דער רב לערנט מיט אים רש״י. צו זיבן יאָר האָט ישראל־בער שוין געקענט גרויסע טיילן פונם חומש אויף אויסנווייניק. ער ווערט פאַר די שכנים אַ „פּראָפעסיאָ־נאַלער״ לייענער פון בריוו פון אַמעריקע און שרייבער פון בריוו קיין אַמעריקע. ער ווערט פּאָפּולער אין דער תלמוד תורה און אין שכנישן הויף. זיין „טעמע״ צווישן די קינדער איז — אַמעריקע.

„אין 1891 ווערט ער גערעטעוועט פון דער כאָליערע, וואָס האָט דאַן אויסגעבראָכן אין לאָדזש. אין מאי, 1892, בעת דעם פּאָגראָם אויף יידן אין לאָדזש, העלפט ער אָנקלייבן שפּיציקע שטיינער אין קאַמף פון דער יידישער זעלבסט־שוץ קעגן די כוליגאַנעס. ער לייענט דעם „קב־הישר״ און ווערט אָנגעפילט מיט שרעק פאַר „שדים״; אין 1893, אין נייעם שול־חדר, לערנט ער גמרא, אויך רוסיש, העברעאיש, און אביסל פּויליש און געאָגראַפיע. אין 1894 ווערט ער אַ „פּאָליטיקער״, לייענענדיק אין דער „הצפירה״ וועגן דער כינעזיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה. ער לייענט אויך אַרטיקלען און ביכלעך וועגן דעמאָלטיקן דרייפוס־פּראָצעס״.

„אַ בר־מצוה בחור אין 1896, הויבט ער אָן אַליין מער „שלינגען״ ביכער אין העברעאיש, רוסיש, דייטש. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן לערנען אין דער לאָדזשער ישיבה. „מבינים״ הויבן־אָן לויבן די העברייאישע לידער, וואָס ער שרייבט געהיים. אין 1899 האָט ער אָנגעהויבן לערנען אין דער לאָמזשער ישיבה. דאָרט ווערט ער „פּאָפּולער״ צוליב זיין העברעאישן ליד צום יאָר תר״ס. צוויי ישיבה־בחורים שרייבן־איבער דאָס ליד אין פערציק קאָפּיעס, און פאַרשפּרייטן עס. ישראל־בער אָרגאַניזירט אַ ישיבה־בחורים־גרופּע צו לערנען געשיכטע — „דברי ימי עולם״ פון קלמן שולמאַן.

„אין 1900 האָט ישראל־בער אָנגעהויבן גיין צו די „מוסר־אָוונטן״ און זיך „רייניקן פון זינד״. ער גיסט טרערן אויף זיינע „עבירות״... מיט באַ־זונדערן אינטערעס לייענט ער משיח־געשיכטעס: וועגן „שבתי־צבי״ און „פראַנק ועדתו״. ער ווערט אין דער ישיבה פאַר׳מסר׳ט אין „אפיקורסות״..

„דעם 1־טן מאי, 1900, (אויף זיין וועג צו דער ישיבה אין „דער מיר״) אָפּשטעלנדיק זיך אין וואַרשע, ווערט ער אַרעסטירט פאַר באַטייליקן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע (אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס). נאָך עטלעכע וואָכן אַרעסט און עטאַפּ, האָט אים דער רב אַרויסגענומען, געבנדיק אַ „גאַראַנטיע״... ער בלייבט שוין דערנאָך אין לאָדזש. ער איז נאָך אַלץ פרום, לערנט אין בית־מדרש צו קריגן אַ היתר־הוראה, און לערנט אויך פלייסיק די אומלעגאַלע ליטעראַטור „נבתקה״... אין ווינטער 1900־1901 שיקט אים דער לאָדזשער רב לערנען אין בריסק. ער לערנט דאָרט אין „גרויסן „בית־מדרש״ און גרייט זיך גלייכצייטיק צו אַן אוניווערסיטעט. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער פאַרענדיקט ער יורה־דעה אין שניאַדאווער רב׳ס הויז אין לאָדזש, און הויבט אָן טראַכטן, אַז די יידישע געזעצגעבונג איז אויך אַ קלאַסן־יוסטיץ.

„אַ נייער פּעריאָד הויבט זיך אָן מיטן שפּעט־זומער 1901. ישראל־בער דרינגט אַריין אין דער ״בונד״־ישער באַוועגונג. ער רעדט אויף מאַסן־מיטינגען אין וואַלד, ביי דיסקוסיע־קרייזן און אומלעגאַלע קוואַרטירן. ער לייענט די רוסישע און פּאָליטיש־אומלעגאַלע ליטעראַטור. אין ווינטער 1901־1902 גיט ער לעקציעס (אין רוסיש, יידיש, אַריטמעטיק, א. א. וו.); ער דעבאַטירט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און ווערט אַקטיוויזירט אין „בונד״. אין פרילינג פון 1902 שיקט אים דער „בונד״ צו ווערן אַ פאַרשטייער פון האַנדלס־פּראָלעטאַריאַט אין לאָדזש און אומגעגנט. ער באַקענט זיך מיט דער לאַגע פון די אָנגעשטעלטע, און העלפט זיי אָרגאַניזירן.

„פרילינג פון 1903 גרינדעט ער אַ „בונד״־אָפּטייל אין טאָמאַשאָוו און באַטייליקט זיך אין פּראָטעסט־מיטינג קעגן קעשיניעווער פּאָגראָם. סוף זומער 1903 שרייבט ער אָן אַן אַרטיקל פאַרן „לאָדזשער אַרבעטער״. אין 1904 קריגט ער מער פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבעס אין די העכערע קרייזן פון „בונד״, און ווערט אַרעסטירט. עס הויבט זיך אָן אַ פּעריאָד פון 28 טורמעס. צוערשט לאָדזשער טורמע אויף דלוגא גאַס, דערנאָך אין דער קאַלישער טורמע. אין תפיסה שרייבט ער (מיט אַנדערע) און פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציע־רופן פאַר בעסערע טורמע־באַדינגונגען. אויפן פערטן טאָג פון אַ הונגער־סטרייק פירט מען אים אַוועק אַ פאַר׳חלש׳טן אין טורמע־שפּיטאָל. ער קעמפט קעגן צווינגען אים מיט גוואַלד צו עסן. ער באַטייליקט זיך דערנאָך אין דעם טורמע־בונד פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע און ווערט אַרויסגעשיקט צו דער סעראַדזער טורמע. ער באַטייליקט זיך דאָרט אין דעם הונגער־סטרייק פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע און העלפט אַרעסטירטע לערנען רוסיש. דעם 22־טן יולי ווערט ער, מיט אַ היפּשער גרופּע אַרויסגעלאָזט פון טורמע אונטער פּאָליציי־

אויפזיכט. ער טרעט־אויף אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען אין באַלוט און ראדאָגאָשטש.

„אין האַרבסט 1904 שטעלט ער זיך צום פּריזיוו אין דזשעטל און ווערט באַפרייט צוליב פיזישער אויסגעדאַרטקייט. אין נאָוועמבער פון יענעם יאָר איז ער שוין צוריק אין סאַמע קאָך פון דער „בונד״־באַוועגונג אין לאָדזש, אין סאַמע צענטער פון די קרייזן־אָנפירער. אין 1905 נעמט ער אָנטייל אין העלפן אָרגאַניזירן דעם ערשטן גענעראַל־סטרייק אין לאָדזש (נאָך די פּעטער־בורגער געשעענישן פונם ״9־טן נאָוועמבער״).

„ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער „שטורעם״ פון 1905, רעדט ישראל־בער (אין יוני) אויף געהיימע מיטינגען אויף די בית־עולמ׳ס אין נאָוואָ־רעדאָק, לובץ, דזשעטל, קאַרעליץ, מייטשעט. אין יולי „גנבעט ער אַרויס״ אַ פאַרוואונדעטן אַרעסטירטן חבר פון שפּיטאָל אין לאָדזש. אין לאָדזש ווערט פאַרשטאַרקט דער קריג־צושטאַנד: תליות און מאַסן־היגריכטונגען פון רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער. ישראל־בער רעדט אויף געהיימע מאַסן־מיטינגען אין הינטער־שטאָטישע פאַרבאַרגענע מקומות. ער העלפט אָנפירן מיט עקאָנאָמישע סטרייקס. אין אָקטאָבער עפנט ער, צוזאַמען מיט „אַדאַשן״, דעם ערשטן אָפענעם סאָציאַליסטישן מאַסן־מיטינג (נאָכן צאַר׳ס מאַניפעסט וועגן דער דומע); די פּאָליציי פאַרשווינדט פון די גאַסן; דער גענעראַל־סטרייק פלאַקערט; ישראל־בער און י. קאַציק רעדן אויף אַ גרויסן מאַסן־מיטינג אין פּאָגלס זאַל. אין דעצעמבער ווערט דער גענעראַל־סטרייק אין לאָדזש מערדער־לעך דערשטיקט; ישראל־בער רעדט אויף פיל געהיימע אין האַלב־געהיימע אַרבעטער־מיטינגען.

„אין יאַנואַר 1906 ווערט ער דערוויילט אַלס סעקרעטאַר פונם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. ער פירט אַ ריי סטרייקס אין גרויסע פירמעס. סוף אַפּריל איז ער דערוויילט געוואָרן אין קאָמיטעט פון „בונד״ און איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער ליטעראַטור־קאָמיסיע. ער באַטייליקט זיך אין „וועקער״ און אין „פאָלקס־צייטונג״, אויך אין צוגרייטן אַ צאָל פּראָקלאַמאַציעס״. (פון בער גרינ׳ס בוך „יידישע שרייבער אין אַמעריקע״).

ער פאָרט אַרויס קיין וואַרשע און טרעפט זיך דאָרט מיט י. ל. פּרץ. ער ברעכט־צוזאַמען (צום צווייטן מאָל דעם זעלבן יאָר) פון אָנשטרענגונג מיט סטרייק־אָנפירונג און חברים שיקן אים קורירן זיך אין דער שווייץ. אויפן וועג, אין בערלין, טרעפט ער זיך מיט בעבעל׳ן אין דעם דייטשן פּאַר־לאַמענט.

אין אָקטאָבער ווערט ער ווידער אויפגענומען אין זשענעווע דורך דעם אויסלענדישן „בונד״־קאָמיטעט, און פאַרברענגט דאָרט מיט פּלעכאַנאָוון

און זיין פרוי. ישראל־בער באַזעצט זיך דערנאָך אין לאָנדאָן, וואו ער שטו־דירט פילאָסאָפיע און געשיכטע.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין לאָדזש פון דער שווייץ אין מאי 1907, איז ער געווען פול מיט באַגייסטערונג פון די אַרבעטער־כאָרן, וואָס ער האָט געהערט אין ווין און בערלין. האָט ער פאָרגעשלאָגן, אויף דער זיצונג פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד", צו גרינדן אַ יידישן אַרבעטער־כאָר. ער האָט אָנגעוויזן, אַז פיל רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־לידער ווערן שוין געזונגען אין משך פון יאָרן, אָבער עס פעלט אַן אָרגאַניזירטע אקציע אין דער ריכטונג. בלויז איינער אינם קאָמיטעט איז אין אָנהויב געווען קעגן דעם. דער פאָרשלאָג איז דערנאָך אויסגעברייטערט געוואָרן צו אַ קולטור־פאַראיין מיט אָפטיילן פאַר מוזיק, ליטעראַטור און דראַמע. דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט דאָס פלאַנירט צו מאַכן פאַר אַ ריינעם „בונדישן ענין". אייניקע זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שמאָלן כאַראַקטער. אין אָנ־הויב האָט ביילין אויך געקוקט אויף דעם, ווי בלויז אויף אַ פּאַרטיי־ענין, אָבער ער האָט שנעל אויסגעפונען, אַז די עלטערע חברים זיינען געווען גערעכט..

די געגרינדעטע „האַרפע" האָט ברייט געעפנט טיר־און־טויער. אָנהויב 1908 האָבן זיי אַריינגענומען אין דער פאַרוואַלטונג דעם דעמאָלטיקן יונגן טוער פון ס. ס., משה כץ. צום ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט אין מאי, 1908, אין אַ גרויסן זאַל, זיינען געקומען י. ל. פרץ און ה. ד. נאָמבערג, אַלס גאַסט־רעדנער.

דער דערפאָלג איז געווען אַ גרויסער. דער כאָר האָט געזונגען, צווישן אַנדערעס, דעם לעצטן טייל פון א. ליעסינ׳ס „מאַרטירער־בלוט". עס איז אויך געשטעלט געוואָרן שלום אַש׳ס פּיעסע „צוריקגעקומען", רעזשיסירט פון זאָרין.

דעם 28־טן מאי, 1908, איז ביילין אַרעסטירט געוואָרן (צום לעצטן מאָל אין לאָדזש) צוזאַמען מיט די הויפּט־טוער פון „בונד", אינם פאַראייניקטן זאַל און הויפּט־קוואַרטיר פון טעקסטיל־און האַנדלס־אָנגעשטעלטע פאַראיינען, בעת אַ מיטינג פון דרוקער־אַרבעטער. ביילין און אַ צאָל אַנדערע פון די אַרעסטירטע זיינען געווען צווישן די פירנדיקע פון דער „האַרפע"־פאַר־וואַלטונג.

צווישן יענע אַרעסטירטע זיינען אויך געווען: אַ יונגער, סימפּאַטישער דרוקער־אַרבעטער, אברהם קאַכאַנסקי (אַ זינגער אין דער „האַרפע"), יוסף נעכאַוויטש, דעמאָלט אַ וויכטיקער טוער אין לאָדזש (אין אַמעריקע איז ער געווען אַקטיוו אין פילאַדעלפיע), און די יוגנטלעכע — מאיר וואַרשאַווסקי, אהרן סטאָלינסקי, נחום אספּיס, צווישן צענדליקער אַנדערע.

ביילין ווערט פאַרשיקט קיין טשאַרני־יאַר אויף פינף יאָר, און מאַכט

דורך אַן עטאַפּ דורך פיל טורמעס. אין איין טורמע לעבט ער דורך אַן עפּי־דעמיע פון טיפוס, וואו פיל שטאַרקערע אַרעסטאַנטן פון אים, סיי פּאָליטישע, סיי קרימינעלע, זיינען געפאַלן ווי פליגן.

אין אַ צווייטער טורמע לעבט ער דורך אַ כאָליעריע־עפּידעמיע, וואָס האָט דאַן געבושעוועט, און די צאַרישע וועכטער האָבן מורא געהאַט אפילו צוצוקומען צו די געפאַנגענע.ביילין און נאָך עטלעכע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן וואָס האָבן פריער שוין דורכגעמאַכט די כאָלעריע, זיינען די איינציקע, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אויף די קראַנקע. סוף־כל־סוף קומט ער אָן אין טשאַרני־יאַר, וואו ער באַזעצט זיך און ווערט באַפריינדעט מיט נאָך אַ יידישער פאַ־מיליע פון פאַרשיקטע אין יענעם שטעטל — די לערמאַן־פאַמיליע.

אין אַפּריל, 1911, ווערט ער אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע דורך צוויי פון זיינע קוזינעס — חנה און חוה עפּשטיין פון שיקאַגאָ. זיי באַפריינדן אים מיט דזשעין עדעמס פון „האָל האוז״, און מיס סטאַר, וועלכע העלפן אים באַהערשן די ענגלישע שפּראַך אויף אַזוי ווייט, אַז ער זאָל קאָנען אָנקומען צום אינדיאַנאַ אוניווערסיטעט, אין וואַלפּאַרייזאָ, אינדיאַנאַ, וואו ער שטודירט ענגליש, ליטעראַטור און געשיכטע.

אָנהויב 1913 האָט ער חתונה מיט זיין ערשטער קוזינע חוה (איווא עפּשטיין, וועלכע איז אויך געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג און אין די קאַמפּן פאַר פרויען רעכט.

אין יענעם יאָר איז אין ניו היוען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער „אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע״, און ביילין איז געווען איינער פון די שיקאַגער דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר. דאָרט זיינען געווען מאָריס ווינטשעווסקי, אברהם ליעסין, שכנה עפּשטיין און אַנדערע. פון יענער צייט אָן איז ביילין געוואָרן דער איבערזעצער (טראַנסלעיטאָר־סעקרעטערי) פון אלע סאָציאַליסטישע באַשלוסן אויף יידיש.

דעם זעלבן יאָר האָט מען אין שיקאַגאָ אָרגאַניזירט אַ מאַרקסיסטישע שטודיר־קלאַס פון אַרום 75 סטודענטן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דריי יאָר. ביילין איז געווען אַקטיוו אויך אין דער אָנפירונג פון אַט־דער שטודיר־גרופּע, וועלכע איז געווען די ערשטע אין לאַנד (אין דער יידישער שפּראַך) פאַר שטודירן סאָציאַליזם.

אין 1914 האָט ביילין אָנגעהויבן אין שיקאַגאָ אַן אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע פאַר דער גרינדונג פון אַ סאָציאַליסטישן געזאַנג־פעראיין. דער פּראָלעטאַרישער קאָמפּאָזיטאָר, יעקב שייפער, האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פאַר־שטענדעניש פאַר אַט־דער באַוועגונג און אַ דאַנק די אָנשטרענגונגען פון י. ב. ביילין, שייפער, אברהם קאַכאַנסקי, מאיר דובנאָוו און אַנדערע איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן דער ערשטער יידישער אַרבעטער־כאָר אין אַמעריקע.

סוף יאַנואַר, 1915, איז שוין ביילין אַ פֿאָטער פֿון אַ מיידעלע, שיינע (דזשאַנעט), און אין יוני, 1916, ווערט געבוירן זיין זון, משה.

אין 1917 האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿאַררופֿן אַ קאָנווענשאָן (צו־זאַמענפֿאָר) אין סט. לואיס, וואו עס איז אָנגענומען געוואָרן די באַרימטע „סט. לואיס רעזאָלוציע" — קעגן דעם אַריינטריט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ביילין האָט געשטיצט די רעזאָלוציע. מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די מערסטע סאָציאַליסטישע פֿירער רעווידירט זייער מיינונג און זייִנען אַרויסגעקומען פֿאַר דער מלחמה. י. ב. ביילין איז געווען דער פֿירער פֿון דער אָפּאָזיציע, און האָט אַריינגעבראַכט אַ מינדערהייט־רעזאָלוציע, פֿאַרדאַמנדיק די מלחמה. ער האָט זיך פֿעסט געהאַלטן ביי זיין שטעלונג. באַלד נאָך יענעם צוזאַמענפֿאָר האָט די מינדערהייט געגרינדעט דעם לינקן פֿליגל פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און די אַנדערע אָפּ־טיילונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געפֿירט צו דער שפּאַלטונג פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און צום וואוקס פֿון דער לינקער באַוועגונג.

אין 1918 ווערט ער גערופֿן קיין ניו יאָרק, וואו ער ווערט אָנגעשטעלט אַלס בילדונגס־דירעקטאָר פֿונם אַרבעטער־רינג און רעדאַקטאָר פֿונם אָפֿיציעלן חודש׳לעכן אָרגאַן פֿון אַרבעטער־רינג, „דער פֿריינד". ער איז געווען פֿון די ערשטע בויער און קעמפֿער פֿאַר יידישע קינדער שולן צוזאַמען מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי, אונטער זיין פֿירערשאַפֿט זייִנען אין נאָוועמבער, 1918, געעפֿנט געוואָרן די ערשטע צוויי אַרבעטער־רינג קינדער־שולן, איינע אין וויליאַמסבורג און די צווייטע אין האַרלעם. שפּעטער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גאַנצע נעץ פֿון קינדער־שולן איבער ניו יאָרק און איבערן לאַנד, באַזונדערס אין די גרעסערע יידישע צענטערן.

אַלס בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג האָט ער געהאַט אונטער זיין אויפֿזיכט די יידישע קינדער־שולן, דעם לערער־סעמינאַר, דעם פֿאַרלאַג, די כאָרן, אָרקעסטערס און דראַמאַטישע גרופּעס, פֿאָלקס־הייזער, ביבליאָטעקן.

דורך דער צייט פֿאַרעפֿנטלעכט ער די פֿאָלגנדיקע בראָשורן: „אייער חלק עשירות", אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿערע־ראַציע; „קאַרל מאַרקס", ביאָגראַפֿיע, אַרויסגעגעבן דורך דעם בילדונג־דעפּאַרטעמענט פֿונם אַרבעטער־רינג, 1923. „פֿערדינאַנד לאַסאַל", ביאָגראַ־פֿיע, אַרבעטער רינג, 1924, „די יידישע אַרבעטער שול" אַרבעטער־רינג, 1925. ער איז רעדאַקטאָר פֿונם אָרגאַן פֿון אַרבעטער־רינג, „דער פֿריינד", פֿון 1918 ביז 1924; „די קאָאָפּעראַטיווע וועלט" פֿון 1919־1921; „קינדערלאַנד", צוזאַמען מיט יעקב לעווין און י. שטיינבאום, 1920־1925.

אין דער צייט וואָס ער איז בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג,

פאַרט ער כמעט יעדן יאָר אויף אַ טור איבער די פאַראייניקטע שטאַטן; רעדנדיק פאַר קלענערע און גרעסערע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער־רינג מיטגלידער; העלפנדיק אָרגאַניזירן אַרבעטער־רינג קינדער־שולן אין גרעסערע און קלענערע יידישע צענטערן איבערן לאַנד; העלפנדיק אויך אין דער אָרגאַניזירונג פון געזאַנג־סעקציעס, דראַמאַטישע גרופעס, א. ד. ג.

אין 1924 האָט ער מיינונגס־פאַרשיידנהייטן מיט די פירער פון אַרבעטער רינג בנוגע זייער שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער שרייבט אַן עדיטאָריעל אין „פריינד״, סימפּאַטיזירנדיק מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד (וואָס איז אין קעגנזאַץ פון דער מיינונג פון מערסטע פון דער אַרבעטער־רינג פירערשאַפט), און מען נעמט־צו פון אים דאָס רעכט צו שרייבן לייט־אַרטיקלען. ער בלייבט נאָך אַ יאָר אַלס אויספיר־רעדאַקטאָר, אָבער די לאַגע ווערט דאָרט זייער אָנגעשטרענגט, און אין 1925 פאַרלאָזט ער זיין שטעלע אין אַרבעטער־רינג.

ער קען דאַן ניט קריגן קיין שטעלע אין דער „פרייהייט״, פאַרנעמט ער זיך מיט געשעפט. ער דינגט אָפּ אַ זומער־פּלאַץ אין די אַדיראָנדעק־בערג און עפנט אַ קעמפּ פאַר דערוואַקסענע, „טראַוט לעיק קעמפּ״.

אין 1927 קויפט ער, מיט דער פינאַנציעלער הילף פון אַ צאָל פריינט און קרובים, אַ זומער־פּלאַץ אין די קעטסקיל־בערג, אין ראָסקאָו, ניו יאָרק — אַ האָטעל, וואָס ער רופט אָן „ביילינ׳ס מעיפּלדעיל האָטעל״. דאָס איז געוואָרן אַן אָפּרו־פּלאַץ פאַר פיל יידישע שרייבער און קינסטלער, יידישע אינטעלעקטואַלן און האַרעפּאַשניקעס; אויך געשעפטס־לייט. דער פּלאַץ איז אַ שיינער, אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט מיט בערג פון אַלע זייטן, מיט אַ שנעל פליסנדיקן טייך. דער האָטעל קריגט אַ שיינעם נאָמען — סיי צוליב דער שיינקייט פון דער נאַטור, סיי צוליב דער וואַרעמער און פריינטלעכער אַטמאָספערע, געשאַפן דורך ישראל־בער און חוה ביילין — ווי אויך צוליב די קולטור־פּראָגראַמען פון אַ גאַר הויכן קאַליבער.

נאָך דעם געפערלעכן עקאָנאָמישן קראַך אין 1929 האָבן די געשעפטן אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ, און אין 1932 פאַרלירט ער דאָס געשעפט.

אין 1932 אַרבעט ער, צוזאַמען מיט ש. אַלמאַזאָוו, אַלס רעדאַקטאָר פון דעם אינפאָרמאַציע־אָפּטייל פונם „איקאָר־אַלמאַנאַך״.

אין 1933 ווערט ער צוגעצויגן צו דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „האַמער״, אַ חודש׳לעכער מאַרקסיסטישער זשורנאַל, וואו ער אַרבעט צוזאַמען מיט מ. אָלגין און י. סולטאַן (שפּעטער מיט מ. אָלגין און א. ביטלמאַן) און ער פאַרבלייבט אַלס אויספיר־רעדאַקטאָר ביז דער זשורנאַל ווערט אָפּגעשטעלט אין 1939.

אין 1937 ווערט פאַרעפנטלעכט זיין בראָשור „דער בירגער־קריג אין שפּאַניע״, אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער ביוראָ.

סוף 1938, צום ערשטן יאָרצייט פון יעקב שיפער, ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם יידישן מוזיק־פאַרבאַנד י. ב. ביילינ׳ס בוך „יעקב שיפער — מאָנאָגראַפיע" „געשריבן (לויט בער גרין אין זיין עסעי וועגן ביילינ׳ען אין „יידישע שרייבער אין אַמעריקע", איקוף־פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1936) מיט גרויס קענטעניש און מיט עכטער ליבשאַפט און פאַרערונג".

אין 1939־1940 גרייט ביילין צו אַ גרויסע אָפּטיילונג פונם אַלמאַנאַך, אַרויסגעגעבן אין 1940 דורכן יידישן קאָאָפּעראַטיוון בוך־פאַרלאַג פון דער יידישער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן (צום 10־טן יובילײ וועגן דעם „בייטראַג פון די יידן צום אויפבוי פון אַמעריקע". ער פאַראינטערעסירט זיך זייער שטאַרק מיט דער טעמע און שרייבט אָן אַ „געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע", זינט זי איז אַנטדעקט געוואָרן. דאָס ווערק איז אָבער קיינמאָל ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן.

אין 1939 ווערט ער אַ טעגלעכער מיטאַרבעטער אין דער „מאָרגן־פרייהייט", שרייבנדיק פאַרשיידנאַרטיקע אַרטיקלען, ניט נאָר אונטער זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אונטער די פּסעוודאָנימען פון — י. ב. סאָלאָמאָנראָ, י. סאָלאָמאָן, י. בערן, י. ב. תמוז, י סאָן און צוזאַמען מיט זיין פּלימעניק דזשוליוס ביילין, אונטערן נאָמען דר. יואל קאַטלאָוער. ער שרייבט פּאָליטישע אַרטיקלען, ליטעראַרישע, ליטעראַטור קריטיק, איבער קונסט, מוזיק וויסנשאַפט, געזונט, דערציאונגס־פּראָבלעמען, סאָציאַלע פּראָבלעמען, יידישע געשיכטע, אַלגעמיינע געשיכטע און וועלט־ליטעראַטור; יום־טובים (יידישע און ניט יידישע), ביאָגראַפיעס, „היומען אינטערעסט"־אַרטיקלען, לייט־אַרטיקלען, פעליטאָנען און אַנדערע.

אין 1942 ווערט אַרויסגעגעבן זיין בראָשור „די מלחמה אינם פּאַסיפיק", פון יידישן קאָאָפּעראַטיוון בוך־פאַרלאַג.

ווינטער, 1945, ווערט געפייערט, אַביסל פאַרשפּעטיקט, זיין 65־טן געבוירנטאָג, אַראַנזשירט דורך דעם יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט דורך אַ באַנקעט אין אורווינג פּלאַזאַ, ניו יאָרק. איבער 500 מענטשן, געוועזענע סטודענטן פריינט, לייענער און שרייבער האָבן זיך באַטייליקט. י. ב. ביילין איז געווען פאַרבונדן מיטן יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט אין די 25 יאָר און מער פון זיין עקזיסטענץ, טיילמאָל אַלס דירעקטאָר, און אַלע יאָרן אַלס לערער און אין דירעקטאָרן־ראַט. צווישן די רעדנער יענעם נאָך מיטאָג זיינען געווען פּ. נאָוויק און איטשע גאָלדבערג.

אין יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט איז ער געווען לערער פון אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע קעגנשטאַנדן, ווי — פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מאַרקסיזם, יידישע געשיכטע, קולטור־געשיכטע, אַלטערטום, מאָדערנע אייראָפּייאישע געשיכטע, געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע, אַסטראָנאָמיע, יידישע ליטעראַטור, יידישע קאָמפּאָזיציע; געשיכטע פון סאָציאַלן געדאַנק, א. א. וו.

נאָכדעם ווי דער יידישער אַרבעטער־אוניווערסיטעט איז אויפגעלייזט געוואָרן, האָט ער פאַרגעזעצט זיינע קלאַסן אין דער „סקול אָוו דזשוּאִיש סטאַדיס" און נאָך שפּעטער האָט ער פאַרגעזעצט זיינע קלאַסן אין פאַרשיידענע צענטערס איבער ניו יאָרק.

אין 1947 גיט ער אַרויס, אין פּאַמפלעט, אַ ביאָגראַפיע „עמאַ לאַזאַרוס", דורכן פאַרלאַג פון דעם יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן.

אין 1953 ווערט געפייערט זיין 70־יאָריקער געבוירנטאָג אין פּיינטרי רעסטאָראַן, אין ניו יאָרק. באַגריסונגען זיינען אָנגעקומען פון גרעסערע יידישע צענטערן איבערן לאַנד, ווי אויך פון איבער דער וועלט.

פרילינג 1955, ווערט אַרויסגעגעבן אין איקוף־פאַרלאַג, מיט דער הילף פון י. ב.ביילין בוך־קאָמיטעט, זיין ערשטער באַנד „פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע". דער בוך ווערט וואַרים אויפגענומען ביי אַ פייערלעכן צוזאַמענקום אין פראַטערנאַלן קלוב־הויז אין ניו יאָרק. אין אַ פאָררעדע צום בוך, שרייבט דער יידישער געשיכטע־פאָרשער מאָריס יו שאַפּעס, אַז ביילין „האָט אונטערגעשטראָכן די גרויסע פּראָגרעסיווע טראַדיציע, אויסזוכנדיק די פּאַראויסזעענדיקע, די וועלכע זיינען געווען מוטיק אין קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, די הומאַניסטן, וואָס האָבן מיט זייערע אינטעלעקטן געפירט פאָראויס די וויסנשאַפט און קולטור. „אָן צווייפל איז די סימפּאַטיע, סיי פון דעם מחבר און סיי פון זיינע לייענער, מיט די פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן מאַרשירט, לויט היינריך היינעס אויסדרוק, אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט — פון אוממענטשלעכקייט".

ביילין האָט אויך רעדאַקטירט אַ צאָל פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער פונם אַרבעטער־רינג אין די יאָרן 1918־1926. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די זשורנאַלן „צוקונפט", „די וועגעטאַריער וועלט", די „קאָאָפּעראַטיווע וועלט" און אַנדערע.

אין משך פון די יאָרן 1918־1957 האָט ער אויך רעדאַקטירט זיי ביכער פון אַ צאָל דיכטער און דערציילער.

ער האָט זיך אויך געדרוקט אין „סיגנאַל" (אָרגאַן פון „פּראָלעטפּען"); „ניי־לעבן"; „יידישע קולטור"; „פּראָלעטאַרישע דערציאונג"; „היים און דערציאונג"; „זאַמלונגען"; „אונדזער לאַדזש" (אַרויסגעגעבן אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע); דער „דזשואיש בעיקערס וואָיס", „דזשואיש לייף" און פיל אַנדערע.

ער שרייבט אָן צוויי געשיכטלעכע קאַפּיטלען פאַר דעם אַלמאַנאַך „אין דינסט פון פאָלק", אַרויסגעגעבן אין 1947 דורך דעם פאַרלאַג פון יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן („דער ביישטייער פון די יידן צו דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור" און „ביישטייער פון יידן צום אַמעריקאַנער טעאַטער").

ביילין באַטייליקט זיך אין די קולטור־טעטיקייטן פונם פּראָטערנאַלן פּאַלקס־אָרדן, אַלס מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער שול־און־קולטור קאָמיסיע.

אין 1958, אין עלטער פון 75 יאָר, ציט זיך ביילין טיילווייז צוריק פון דער צייטונג — אָבער ער באַטייליקט זיך דריי מאָל אַ וואָך — אַרבעטנ־דיק אויף זיינע „פּערזענלעכקייטן", זיין אויטאָביאָגראַפיע און אַנדערע אַרבעטן.

אין יענעם יאָר ווערט געפייערט דער ביילין־יובילײ אין האַנטער־קאַלעדזש אוידיטאָריום אין ניו יאָרק, אַראַנזשירט פונם יידישן מוזיק־פאַרבאַנד (צוזאַמען מיט דער פייערונג פון 100־יאָריקן יובילײ פונם געבורט פון שלום עליכם), וועלכן ביילין האָט געהאָלפן גרינדן מיט אומגעפער 33 יאָר פריער און אין וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן, וואַרעמען אינטערעס. צו דער געלעגנהייט איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ יובילײ־זשורנאַל. אין אים האָבן זיך באַטייליקט מיט אָפּשאַצונגען וועגן ביילינען: גינאַ מעדעם, דאָרא טייטלבוים (מיט אַ פּאָעמע געווידמעט ביילינען); ר. יוקלסאָן; מאיר וואַר־שאַווסקי און ס. שעלי (יוגנט־חברים); א. גאָלדבערג און י. א. ראָנטש.

ביילין האָט אָנגעהאַלטן זיין שעפערישע אַרבעט ביז אַ צען טעג פאַר זיין טויט, ווען ער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ בלוט־שטורץ אין מאָרך און איז פּאַראַליזירט געוואָרן. זיין ליכט האָט זיך פאַרלאָשן דעם 29טן אַפּריל, 1961. אַ חוץ זיין טאָכטער און זון, אײדים און שנור און פינף אייניקלעך, האָט ער איבערגעלאָזט נאָך זיך פיר דורות יידישע לערער, שרייבער, סטודענטן און לייענער, וואָס ער האָט געהאָלפן דערציען און אויפקלערן און וועלכע וועלן האָפנטלעך, פאָרזעצן זיין אַרבעט.

צווישן זיינע געדרוקטע ווערק פון דער קולטור־ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, זיינען (חוץ דער פריער דערמאָנטער „געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע"); דער דריטער באַנד „פּערזענלעכקייטן"; דער ערשטער באַנד פון זיין „אויטאָביאָגראַפיע"; אַ בראָשור אין ענגליש וועגן דער יידן־נעגער פּראָבלעם; ווי אויך אַ ריי וויכטיקע עסייען, ליטעראַטור־קריטיק, ביאָ־גראַפיעס פון פרענקלין ד. רוזוועלט און אַלבערט איינשטיין און אַנדערע.

דזשאָנעט ביילין קאָהען

פּערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע
פון יידן אין אַמעריקע

(צווייטער באַנד)

אריינפיר

פאָרלויפער פון דער פלייצנדיקער יידישער אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפּיאישע לענדער, זיינען שוין אָנגעקומען אין די אַמעריקאַנער מזרח־שטאַטן נאָך אין דער ערשטער העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט. די אימיגריר־עלעמענטן זיינען געווען: אין די דרייסיקער יאָרן — יידן פון פוילן.

חיים סאַלאָמאָן איז מעגלעך געווען דער ערשטער אָנגעזעענער פוילישער ייד אין דער צייט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, אָבער אַנדערע איינציקע פוילישע יידן האָבן אין עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער אָנגעהויבן צו ווערן וואָס ווייטער אַלץ אָפטערע דערשיינונגען, וואָס האָבן שוין געבראַכט נייע צענדליקער.

איבערהויפּט אין די דרייסיקער יאָרן, נאָך דער אונטערדריקונג פונם פוילישן אויפשטאַנד פון 1830 און 1831, זיינען שוין גענוג פוילישע יידן צו ווערן קענטיקער אין דער ניו־יאָרקער קהילה „בני ישורון". זי איז אייגנטלעך אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אין 1825 פון ענגלישע און דייטשע יידן, מיט בלויז אַ שפּור פון פוילישע און רוסישע יידן. אָבער אין די קומענ־דיקע עטלעכע יאָר האָבן שוין די רוסישע, פוילישע און אונגאַרישע יידן גענומען מאַיאָריזירן די דאָזיקע קהלה.

דאָס איז שוין געווען סוף פון די פערציקער און פופציקער יאָרן. די פאַרשפּילטע רעוואָלוציע אין אונגאַרן צוליב דער צאַרישער אַריינמישונג וואָס האָט זי דערטרונקען אין בלוט, האָט שוין אויך געבראַכט הונדערטער אונגאַרישע יידן. איבערהויפּט די פון טראַנסילוואַניע און פון קראָקאָוויע, וואָס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון אונגאַרן, נאָך דער פאַרשפּילטער רעוואָלוציע און אַנעקסירט געוואָרן דירעקט פון עסטרייך.

צוזאַמען מיט זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן אָנצוקומען, אין נאָך גרעסערע גרופּעס יידן פון בייערן (באַוואַריע, דייטלאַנד), וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער די שווערע רעאַקציאָנערע געזעצן, וואָס זיינען נאָך אָנגענומען געוואָרן אין 1836. דיסקרימינאַציעס פון עקאָנאָמישן וועזן און גרויזאַמע הייראַט־געזעצן, און שפּעטער די רעוואָלוציע פון 1848 און 1849, האָבן געדינט ווי אַלץ וואַקסנדיקע שטראָמען פון אַלגעמיינער און יידישער אימיגראַציע.

אין די פופציקער יאָרן זיינען צו די דאָזיקע עלעמענטן אויך צוגעקומען ביסלעכווייז רוסישע און אוקראַינישע יידן אַלס רעזולטאַט פון די ניקאָ־לאַיעווסקע געזעצן ווענן מיליטער דינסט, די כאַפּערייען פון יידישע יונגע בחורימלעך און צומאָל קינדער. פון די דאָזיקע עלעמענטן איז שוין אין

1852 געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק די ערשטע יידישע קליינע שול פון מזרח יידן.

גלייכצייטיק ווערן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אין משך פון די דאָזיקע צענדליקער יאָרן, געשאַפן נייע שטעטלעך און שטעט אין דעם אָהייאָ טאָל און אין איל׳נאָי, גרייט אויפצונעמען נייע אימיגראַנטן, אָן קיין שוועריקייטן. אַזוי זעען מיר נאָך, ווי אין 1816 קומט קיין סינסינעטי דער ערשטער ייד — דזשאָזעף יאָנאס, דער שפּעטערדיקער לינקאָלן־מיטאַרבעטער אין אילינאָי. מ׳קומט אים אפילו פון די אַרומיקע דערפער באַקוקן און מ׳וואונדערט זיך, וואָס אַ ייד זעט אויס אַזוי ווי יעדער אַנדער מענטש. אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט סינסינעטי אַ נייער יידישער ישוב און נאָך שפּעטער — אַ צענטער פון יידישער אַקאַדעמישער צוגרייטונג פאַר רעפאָרם־רבנים.דערוויל זעען מיר דאָרט שוין אין 1824 אַן אָרגאַניזירטע יידישע קהילה אונטערן נאָמען „בני ישראל״.

אין אַ בריוו, וואָס זיי שרייבן צו דער קהילה פון טשאַרלסטאָן, סאַוט קאַראָליינאַ, גיבן זיי צו פילן זייער טריאומף מיט דער דאָזיקער דערגרייכונג: „מיר פירן שוין איצט אַ קהילה־לעבן דאָרט, וואו ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען בלויז געהערט דאָס ברומען פון ווילדע חיות און דאָס נאָך מער שרעקלעכע געשריי פון ווילדע מענטשן״ (ציטירט לויט דר. פיליפּ פאָנער אין „יידן אין אַמעריקאַנער בירגער־קריג״, „אַלמאַנאַך פון פאַרלאַג פון יידישן פאָלקס־אָרדן, 1947).

און אַט קומט צו אויף דער מאַפּע שיקאַגאָ, דער ערשער ייד, דזשעיקאָב גאָטליב, קומט אַהין אין 1830, ווען שיקאַגאָ איז נאָך געווען אַ דערפל. מען רעכנט, אַז דער ערשער יידישער פאַרמער אין דער סביבה פון שיקאַגאָ, איז געווען דער דייטשער ייד העגרי מייער, דער אַגענט פון דער יידישער קאָלאָניזיר־געזעלשאַפט. ער האָט שוין דעמאָלט פאָראויסגעזען, אַז „שיקאַגאָ האָט זייער גוטע אויסזיכטן פאַר אַ גרויסער קאָמערציעלער צוקונפט״.

שיקאַגאָ איז טאַקע געוואָקסן ווי דורך אַ כישוף. אין יאָר 1850 זיינען שוין דאָרט געווען 200 יידישע תושבים, וואָס האָבן שוין מיט דריי יאָר פריער אָרגאַניזירט דאָרט די ערשטע יידישע קהילה — „די קהילה פון די מענער פון מערב״. איצט איז זי דער צווייטער גרעסטער יידישער שטאָט־צענטער אין דער וועלט, גלייך נאָך ניו־יאָרק, מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון איבער פיר הונדערט טויזנט יידן.

דאָ איז אפשר דער בעסטער אָרט צו פאַרצייכענען דעם וואוקס אין די לעצטע הונדערט יאָר פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן נישט גלאַט אַזוי צוליב אויסטערלישקייט, נאָר אין שייכות מיט די נייע אימיגריר־שטראָמען פון די מזרח־לענדער, און מיט אירע געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייטן, וואָס זי האָט שוין אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין די זעכציקער

און אַכציקער יאָרן אויף אַזוי פיל, אַז אונטערנעמערישע מזרח־יידן האָבן שוין גענומען אַרויסגעבן פּעריאָדישע שריפטן אין יידיש.

פונם יאָר 1790 ביז 1840, אַ סך הכל פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, האָט זיך די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון די פאַרייניקטע שטאַטן פאַרגרעסערט פון פיר מיליאָן ביז זיבעצן מיליאָן, אָדער אויף 325 פּראָצענט. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געהאַט פאַרגרעסערט אין דער זעלבער צייט פון אַרום דריי טויזנט ביז פופצן טויזנט — אָדער אויף פיר הונדערט פּראָצענט.

אין די ווייטערדיקע פערציק יאָר ביז 1880 האָט זיך די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג פאַרגרעסערט פון זיבעצן מיליאָן ביז פופציק מיליאָן — אַ פאַרגרעסערונג שוין בלויז אויף צוויי הונדערט פּראָצענט, אָבער די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אין דער זעלבער צייט פאַרגרעסערט פון פופצן טויזנט אויף אַ פערטל מיליאָן, אָדער פערצן הונדערט פּראָצענט.

און דאָס איז דאָך ערשט געווען דער אָנהויב פון דער ריזיקער כוואַליע פון יידישע אימיגראַנטן פון די מזרח־לענדער בכלל און פון רוסלאַנד, אוקראַינע, ליטע, פּוילן, אונגאַרן, רומעניע און גאַליציע בפרט! יענער גרויסער צופלוס איז געווען אין גרעסטן טייל פון דער דייטש־יידישער אימיגראַציע.

צו אַלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן שוין געווירקט פון פריער, זיינען אין די אַכציקער יאָרן נאָך צוגעקומען די פאַקטאָרן פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע און אין ווייס־רוסלאַנד, די גירושים פון יידן פון די דערפער און פון די רוסישע גובערניעס און דער אַריינשפּאַר פון די אַרויסגעטריבענע אין דער ענגער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" — אַ קליינע צאָל גובערניעס אין ווייס־רוסלאַנד, פּוילן און אוקראַינע, וואו די אָרעמקייט און ענגשאַפט איז כסדר געוואַקסן, אויך צוליב אַ רייע פּויערשע אומוואַנדערונגען אין די שטעט — דער קריזיס אין דאָרף און די פאַנאַדערוויקלונג פונם פעאָדאַל־קאַפּיטאַליזם.

פון די אָנהויב אַכציקער יאָרן האָט שוין די יידישע אימיגראַציע גע־פּליצט יערלעך מיט אַלץ העכערע כוואַליעס ביזן מיטן 1914, ווען די ערשטע וועלט־מלחמה אינם געראַנגל פאַר די וועלט־מערק, האָט אנשטאָט דעם אָנ־געהויבן אַ פאַרפּלייץ פון בלוט און טרערן. אין די איבער פיר יאָר מלחמה האָבן בלויז אַ זייער באַגרענעצטע צאָל יידן געשאַפט זיך אַ בעסערע מערכה. די איבערוועגנדיקע גרויסע צאָל איז איבער די ווייטערדיקע גירושים פון די גרענעץ־שטחים, נאָך מעד פאַראַרימט געוואָרן. דער אויסרייד פון דער צאַרישער רעגירונג איז געווען, אַז די יידן העלפן די דייטשן, אַז זיי שפּיאָנירן פאַר זיי...

דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען איז געווען די אורזאַך פאַרוואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אין די פערציק יאָר פון 1840 ביז 1880 פאַר־

גרעסערט פון אַ פערטל מיליאָן אויף דריי און אַ האַלב מיליאָן, אַ סך הכל פון 1,000 פראָצענט, בעת די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט פון פופציק ביז הונדערט און זעקס מיליאָן — אַ פראָצענט פאַרגרעסערונג פון 112.

אין איינע פערציק יאָר זיינען אַרום צוויי מיליאָן יידן אריינגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין 1920 האָט שוין דאָ עקזיסטירט אַ מעכטיקע פרעסע אין יידיש. עס זיינען אין ניו־יאָרק אַליין דערשינען פיר גרויסע טעגלעכע צייטונגען, אויסער טעגלעכע צייטונגען אין פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ (אַ געוויסע צייט גאַנצע דריי); קליוולאַנד און אפילו סענט לואיס און דעט־ראָיט. דאָס איז חוץ וואָכנבלעטער, מאָנאַטלעכע זשורנאַלן און יאָרביכער. אין 1922 האָט זיך שוין געגרינדעט די „פרייהייט״.

האַנט אין האַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פרעסע האָט זיך אַנטוויקלט דאָס יידישע טעאַטער. עס האָבן זיך אַרויסגערוקט יידישע פובלי־ציסטן און פעליטאָניסטן, זשורנאַליסטן און טעאַטער־מענטשן, דיכטער און דערציילער, דראַמאַטורגן און קריטיקער. שוין פון די צווייגן אַליין פונם קולטור־בוים פאָדערן פאַכמאַנשאַפט, אונטערנעמונגס־פייאיקייט, און שוין ניט־רעדנדיק וועגן טאַלאַנט און וויסן. זיי פאָדערן פערזענלעכקייטן און די לעצטע 70־80 יאָר האָבן זיי אַרויסגערוקט צוזאַמען מיט די פערזענלעכקייטן פונם געזעלשאַפטלעכן־פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן, און פון די וויכ־טיקסטע וויסנשאַפטלעכע צווייגן, האָבן מיר ערשט פאַר זיך אַ היבשע גאַלעריע פון קאַלירפולע מענטשן וואָס האָבן געלאָזן זייערע פוס־טריט אין דער געשיכטע פון די יידן אין לאַנד.

קאַפּיטל איינס

סאַלאָמאָן נונעז קאַרוואַלהאַ – יידישער קינסטלער

דער ערשטער פאָטאָגראַפיסט פון אַ וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע מיט הונדערט יאָר צוריק. — זיין אָנטייל אין פרימאָנטס עקספּעדיציע



דאָס איז געווען נאָך אין מיטן פון לעצטן יאָרהונדערט. די קללה פון שקלאַפעריי איז נאָך געהאָנגען איבערן האָריזאָנט פון אונדזער לאַנד, ווי אַ געדיכטער חושכ׳דיקער וואָלקן, וואָס ווערט געטריבן פון בייזע ווינטן אַלץ ווייטער און ברייטער זיך אויסצושפּרייטן. אין דערזעלבער צייט זיינען די וועגן פונם לאַנד נאָך געלעגן איינגעקאָרטשעטע, ווייט נישט קיין אויסגעצויגענע — צו קאַליפאָרניע צו. מ׳האָט נאָך געדאַרפט אָנצייכענען די שליאַכן, אויף וועלכע אויסצובויען באַנען, וואָס זיינען נויטיק צו ברענגען אַהין אויפן בעסטן און זיכערסטן אופן.

אַ רייע עקספּעדיציעס זיינען שוין געהאַט געמאַכט געוואָרן פאַר דעם צוועק. זינט דזשאָן טש. פרימאָנט האָט צוגענומען פון מעקסיקאָ איר קאַליפאָרניער גן־עדן, און אַליין געמאַכט שוין אַהין פינף רייזעס. עס איז אָנגעגאַנגען אין סענאַט אַ געיעג פאַר דעם וועג צום לאַנד פון גאָלד און זון. דער קריגס־מיניסטער דזשעפערסאָן דעיוויס, דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט פון די אָפּגעריסענע שקלאַפן־שטאַטן, האָט געאַרבעט מעשים, אַז עס זאָל זיין בלויז איין וועג קיין קאַליפאָרניע — דער דרום־וועג. מעגלעך, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אויך אַן אויג אויף אָפּרייסן די דרום־שטאַטן, אויב דער צפון וועט שטערן אין דער ווייטערדיקער אויסשפּרייטונג פון נעגער־שקלאַפעריי, אַן איינציקער וועג דורכן דרום וואָלט פאַרזיכערט קאַליפאָרניע פאַר דער שקלאַפן־מלוכה.

אָבער פרימאָנט, געשטיצט פונם מיזורער סענאַטאָר טאָמאַס האַרט בענטאָן, ווי אַ ריינער געשעפטס־ענין, און אפשר אויך מיט אַן אויג, אַז

קאַליפאָרניע זאָל בלייבן אויף דער מאַפּע פון אַנטי־שקלאַפעריי, האָט דורכאויס געוואָלט דערווייזן, אַז דער וועג דאַרף אויך פירן קיין קאַליפאָרניע דורכן האַרץ פונם לאַנד, דורך איר סאַמע צענטער. די בערג, וואס שטייען אין וועג, וועלן מוזן מאַכן וואַרע פאַר די צענדליקער טויזנטער פון די צפון שטאַטן, וואס וועלן זיך אַ לאָז טאָן ברייטער קאָלאָניזירן דאָס לאַנד ביים פּאַסיפיק.

האָט פרימאָנט אויסגעשטאַט אַ נייע וויסנשאַפטלעכע עקספעדיציע צו געפינען אַ וועג דורך די בערג־קייטן און אָנצייכענען די ליניעס פאַר אַזאַ צענטראַלן באַן־וועג: ער האָט דעריבער צוגערעדט זיין יידישן פריינט סאָלאָמאָן נונעס קאַרוואַלהאָ אָנצושליסן זיך אין זיין עקספעדיציע און אַראָפּ־נעמען די טאָפּאָגראַפישע אייגנשאַפטן פאָטאָגראַפיש אויף די זילבער־פּליטן.

קאַרוואַלהאָ איז געווען אַ קינסטלער, אַ מאלער, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט אויסגעצייכנט מיט זיינע מאלערייען. ווען ער האָט שטודירט און גראַדואירט אַ סאוט קאַראָליינער אינסטיטוט פאַר מאַלעריי האָט ער געקראָגן אַ זילבערנעם מעדאַל פאַר זיין בילד „משה׳ס איינשטעלן זיך פאַרן פאָלק ישראל״. ווען זיין פריינט, דער קעמפער קעגן שקלאַפעריי, פרימאָנט, האָט אים פאָרגעשלאָגן די דאָזיקע פיאָנערישע אָנשליסונג אָן דער עקספע־דיציע, דורך די פעלזן־בערג (ראקי־מאונטעינס), האָט ער אָנגענומען. אוודאי האָט ער זיך ניט פאָרגעשטעלט די שטרויכלונגען און ליידן, וואָס אַזאַ עקס־פעדיציע מוז דורכמאַכן. ער האָט מער געזען דעם רייץ פון אַזאַ רייזע ווי דעם „רעיס״ קעגן די עלעמענטן פון דער נאַטור, וואָס האָט אָוועקגעשטעלט אויף דעם וועג אַזעלכע שרעקלעכע צוימען און שטערונגען.

טשאַרלסטאָן, סאוט קאַראָליינא, איז טאַקע געווען זיין געבורטשטאָט. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1815; דאָרט דערצויגן געוואָרן, שטודירט. ווען ער האָט גענומען פּראַקטיצירן זיין פּראָפעסיע פון מאלעריי און פאָטאָ־גראַפיע, האָט ער געוואוינט אין פילאַדעלפיע, דערנאָך אין באַלטימאָר און שפעטער אין ניו יאָרק. חתונה געהאַט האָט ער מיט סאַראַ סאָליס פון פילאַ־דעלפיע, און זיין ערשטער זון דוד נונעס, איז געבאָרן געוואָרן אין 1848. ווען דער צווייטער זון ,דזשעיקאָב ס. קאַרוואַלהאָ, איז געבאָרן געוואָרן, איז ניט פעסטגעשטעלט. מען ווייסט ניט גענוי צי דאָס איז געווען איידער ער איז אַוועק אויף דער עקספּעדיציע צי נאָכדעם. אַ דריטער זון איז געקומען אין 1856.

קאַרוואַלהא האָט אָנגענומען פרימאָנט׳ס פאָרשלאָג דעם 22טן אויגוסט, 1853, און זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין צו ווערן דער ערשטער אָפּיצ־יעלער פאָטאָגראַפיסט פון אַ וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע. דעם 1־טן מערץ 1854, זעען מיר אים שוין אין סאַלט לעיק סיטי ,וואו ער וואַרט צו

פּאַראייניקן זיך דאָרט מיט דער גאַנצער עקספּעדיציע. ליידיק איז ער דאָרט נישט געזעסן. די נייע סביבה, די אַטמאָספערע פון מאָרמאָנען, די אַרומיקע וויסטענישן האָבן זיך געבעטן ביים קינסטלער געמאָלן צו ווערן.

געלאָזן זיך רעכט אין דער ריכטונג צו קאַליפאָרניע האָט ער דעם 6טן מאַי, 1854, אין די פּוסטקייט פון אַ גרופּע מאָרמאָנישע מיסיאָנערן, וואָס האָבן דערגרייכט די בערג ביי סאַן בערנאַרדינאַ דעם 9טן יוני, 1854. אין זיין בוך, וואָס איז דער איינציקער קוואַל וועגן דער דאָזיקער עקספּעדיציע, זאָגט זיך, אַז אין דער עקספּעדיציע זיינען געווען 22 מאַן, צווישן זיי דעלאַווער־אינדיאַנער, מעקסיקאַנער, איין נעגער און איין ייד — ער אַליין, טאַקע, און פרימאָנט, דער פירער.

קאַרוואַלהאָ האָט אין דעם דאָזיקן בוך אַ גענויעם חשבון וועגן דער עקס־פּעדיציע. אָבער דער שרייבער האָט פאַר זיך בלויז אַ קליינעם אויסצוג פון דעם בוך, וואָס געפינט זיך אין מאָריס שאַפּעסעס „דאָקומענטאַלער יידישער געשיכטע", אונטערן דאָקומענטאַלן נומען 118. פון דעם דאָזיקן אויסצוג אַליין קען מען שוין זען, וואָס די דאָזיקע עקספּעדיציע האָט געדאַרפט דורכמאַכן אין טיפע שנייען אויף שיבעלנע פעלזן־בערג, פיל מאָל נאָך צופוס, הונגעריקע, אומגעוואַשענע, מיט געפאַרן אויף טריט און שריט.

אָט ווי עס ווערט געשילדערט איין אינדיאַנער באַגעגעניש מיט אַ גרופּע פון יוטאָ:

... „ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דעם יוטאָ־דאָרף, פאַרנדיק אַ לאַנגן טאָג, האָבן מיר געשלאָגן לאַגער פאַזע דעם גרענד ריווער, דרייסיק מייל פון דעם לעצטן לאַגער... בעת מיר האָבן געגעבן דעם אַלאַרם, אַז עס דערנעענטערן זיך אינדיאַנער רייטער. גלייך איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל צו באַוואָפענען זיך און צוגרייטן פאַר זיי אַ קבלת־פּנים.

„אַרום 50 אָדער 60 רייטנדיקע יוטאָ־אינדיאַנער, אַלע באַוואָפנטע מיט ביקסן און פייל־און־בויגנס, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן מיט זייערע פּולוועה־האָרנס און פּאַטראָנען־טאַשן... האָבן אַריינגעשטורעמט אינם לאַגער.

„זיי זיינען אויך געקומען נאָך באַפרידיקונג פאַרן פערד, וואָס מיר האָבן שוין באַצאָלט מיט אַ נאַכט פריער.. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז דאָס פערד האָט גאָר נישט באַלאַנגט צו דער פרוי, וועמען מיר האָבן אָפּגעצאָלט, נאָר צו איינעם, וואָס איז איצט צווישן זיי. און זיי האָבן געסטראַשעט..."

קאַרוואַלהאָ דערציילט דאָרט אויספירלעך, ווי קיל פרימאָנט איז געווען, אַז ער איז אפילו צו זיי ניט אַרויסגעקומען. ער האָט בלויז געהייסן דע־מאָנסטרירן פאַר די דראָענדיקע אינדיאַנער דאָס נייע שיס־געווער, וואָס שיסט 6 קוילן נאָכאַנאַנד אָן ווידער־אָנלאָדונג. דאָס האָט גלייך געענדערט

זייער שטעלונג, און זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף אויסטוישן סחורות פאַר זייער פערד. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייערע פערד, וואָס זיי האָבן אויסגעביטן פאַר קאָלדרעס און אַנדערע טעקסטילן, זיינען געווען הינקענדיקע...

די באַשרייבונג פון אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט פונם גרענד ריווער, וואָס איז אייגנטלעך דער מזרח'דיקער אָפּצווייג פון קאָלאָראַדאָ, איז אַ געניוע ווי אַזוי זיי האָבן געמוזט אַריינפאַרסירן זייערע פערדלעך אין קאַלטן וואַסער, אין אייז און אין שנעל־שטראָמיקן פאַרטויבנדיקן געקראַך. די פערד האָבן ניט געהאַט קיין חשק אַריינצושפּרינגען אין אַזעלכע וואַסערן, וואָס זיינען טיפער ווי זייער הויך און אַזעלכע פרירנדיקע. אים גופא, קאַר־וואַלהאָ'ן, איז אויסגעקומען אַמווייניקסטנס צו טונקען זיך אינם אייז־פראָסטיקן טייך אַרום אַ פערטל שעה. ער וואונדערט זיך, וואָס ער האָט זיך גראַד דערביי נישט פאַרקילט, בעת בכלל גענומען איז ער לייכט צו פאַרקילן זיך. „איך האָב אפילו קיין איין מאָל דאָרט ניט קיין נאָס געטאָן".

פון דער לאַנגער רייזע, וואָס האָט זיי דערנאָך געפירט איבער שניי־בערג און אָנשיטן, פון וועלכע זיי זיינען קוים אַרויסגעקראָכן, זיינען זייערע פערד געוואָרן שוואַך און אומנוצלעך, און זיי אַליין הונגעריקע און געפרוירענע. איז דער איינציקער מיטל געבליבן צו אָנפילן די ליידיקע מאָגנס מיט פערדן־פלייש. קריכנדיק אַליין כסדר צופוס, האָט מען שוין געמוזט אויפגעבן גרויסע טיילן פונם באַגאַזש... קאַרוואַלהאָ'ס שווערער אַפּאַראַט האָט געמוזט פאַר־גראָבן ווערן און ער האָט אים שוין קיינמאָל ניט געפונען.

ווען זיי האָבן באַדויערנדיק אויפגעגעסן די בראָזוע פערד זייערע, האָט זייער קאַפּיטאַן, פרימאָנט, זיי דערציילט די מאויים'דיקע מעשה, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין מאַנשאַפט ביי אַ פרי'ערדיקער עקספּעדיציע. אַן אָפּ־טייל, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט צו העלפן אַ צווייטער גרופּע, האָט אין אַ הונגער־צושטאַנד אויפגעגעסן איינעם פון דעם אָפּטייל גופא. ער האָט אויפגעשוידערט, ווען ער האָט דערציילט וועגן דעם שרעקלעכן אַקט און אָנגעזאָגט: „עס טאָר קיינמאָל ניט פאַסירן אַזאַ זאַך, ווי דער'הרג'ענען איינעם פון אונדז און פאַרצוקן אים... אויב עס קומט אויס צו שטאַרבן, זאָלן מיר אַלע צוזאַמען שטאַרבן ווי מענער". ער האָט געוואָרנט, אַז ער וועט דערשיסן דעם ערשטן, וואָס וועט אפילו געבן אָנצוהערענישן וועגן אַזאַ פאָרשלאָג.

די באַשרייבונג אינם בוך ווי אַזוי זיי זיינען דערנאָך פאַרקראָכן אין אַ פאַרשניי'טן טאָל, וואָס איז פון אַלע זייטן געווען אַרומגערינגלט פון בערג, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט שניי פיר פוס טיף, און ווי אַזוי זיי האָבן זיך מיט אַזויפיל מאַטערנישן קוים אַרויסגעקראָכן פון דאָרטן, גיט אַ פולן

באגריף מיט וואס אזא עקספעדיציע איז געווען פארבונדן. דער איינציקער, וואס האט זיך קיין איין מאל ניט פארלארן אין די ערגסטע און סאמע ערנסטע סיטואציעס, איז געווען פרימאנט אליין, דער וועטעראנען־פירער אין שלאכטן און וויסנשאפטלעכע פארש־עקספעדיציעס.

קארוואלהא שרייבט־צו פרימאנט'ן אויך אסטראנאמישע קענטעניש, ווייל ער האט געזוכט אן אריענטאציע אין דעם ווייטערדיקן וועג דורך אויפ־פאסן אויף אן אקולטאציע (ווען א שטערן־קערפער פארשטעלט א צווייטן) מיט א ליכטל אין א שוידערלעכער קעלט ביינאכט.

ס'איז פאראן א סברא, אז קארוואלהא האט אזוי אידעאליסטיש ארויס־געבראכט זיין פריינט פרימאנט אין דעם בוך פאר די צוועקן פון דער פרעזידענט קאמפאניע אין 1856, אין וועלכער פרימאנט איז אבער באזיגט געווארן צו־ליב זיין אנטי־שקלאפערישער שטעלונג.

ווען די עקספעדיציע האט פארענדיקט איר אויפגאבע מיט מאנאטן שפעטער, האט קארוואלהא פארגעזעצט זיין רייזע קיין לאס אנדזשעלעס און סאן פראנציסקא. אין לאס אנדזשעלעס האבן אים אויפגענומען צוויי יידישע קרעמער, שמואל און יוסף לאבאט. ער האט זיך דערנאך אומגעקערט אויף א שויין באוואוסטן וועג קיין באלטימאר, וואו ער איז געווארן טעטיק אין דער יידישער קהילה, אין דער אגיטאציע וועגן דעם אפמאך מיט שווייצאריע, וואס האט פארלעצט יידישע גלייכבארעכטיקונג, ווי אויך אין דער „מארטארא אפערע", (די רציחה וואס די אינקוויזיציע אין באלאניע, איטאליע, איז בא־גאנגען קעגן דער מארטארא־פאמיליע, צונעמענדיק פון זיי זייער יינגעלע צדגאר פאר שמד) און אנדערע יידישע טעטיקייטן.

קארוואלהא באזעצט זיך ארום 1863 אין ניו יארק, אלס מאלער און פאטאגראפיסט, מאכט א דערפינדונג אין די פראצעסן פון באהייצונג, גרינ־דעט די סטים־סופער־היטינג קא. אין 1867 און 13 יאר שפעטער ווערט ער פרעזידענט פון דער פירמע.

אין 1889 זעען מיר אים אין די געהילך־געשעפטן, און ווערט אין די אנהויב 90־ער יארן פארצייכנט אלס דערפינדער. ער שטארבט אין עלטער פון 83 יאר, דעם 27טן מאי, 1897.

אזוי גייט קארוואלהא אריין אין דער געשיכטע, — ווי אן אלזייטיקער פארדינסטפולער אמעריקאנער און ייד, קינסטלער און דערפינדער, רייזנדער און קעמפער.

דער דאזיקער מאטעריאל איז הויפטזעכלעך געשעפט פון שאפעס־דאקומענט און זיינע באמערקונגען אויף ז"ז 670 און 671.

קאַפּיטל צוויי

יעקב צבי סאָבעל

דער ערשטער יידישער שרייבער אין אַמעריקע

ווי צופעליקע, אומאַנטשלאָסענע טראָפּנס רעגן, וואָס טריפן אַראָפּ, ווי אַן אויפגאַב פאר אַ שווערן גוס, אַזוי איז דאָ געווען די דערשיינונג פון יידישע שרייבער אין די זיבעציקער יאָרן.

אין יעדן ערב (אָוונט) אַזוי איז דאָ אויך אין דעם ערב פון אַ ליטעראַטור אין יידיש געווען מער ערב ווי יום־טוב גופא. פען־קינסטלער אין יידיש, וואָס האָבן שוין געשאַפן קלאַסישע מוסטערן אין אמעריקע, קומען ערשט שפּעטער.

דער ערשטער יידישער שרייבער אין אַמעריקע

צווישן די דאָזיקע „ערשטע" אויפן געביט פון „פּערזן־קונסט", אין יידיש, איז צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע דערשינען אינם זומער פון 1876 אין דער צייטונג "אידישע גאַזעטן", „אַ פּאָעמע אין דריי פּאַרזעצונגען" פון יעקב צבי סאָבעל.

די פּאָעמען וואָלטן אפשר אַרויסגעקומען פון דעם שרייבער׳ס פען מער דיכטעריש, קאָמפּאַקטער אין וואָרט און אינהאַלט, ווען ער וואָלט זי נישט געשריבן „פּאַרסאָפּעטערהייט" עטלעכע טעג נאָך זיין אָנקומען אַהער. ער האָט אָבער דאָ געפונען, ווי פיל אַנדערע יידישע אימיגראַנטן צופיל דערשטויב־לעכע און ווידערשפּרעלעכע דערשיינונגען, וואָס האָבן אים אויפגערודערט און האָט געמוזט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן...

ער זאָגט אַליין:

ליידער אָבער פּלאַצט אין מיר די גאַל,
אַן עולם התוהו זע איך איבעראַל...

אַנשטאָט אייניקייט און קעגנזייטיקע פריינטשאַפט, זעט ער ווי זיי זיינען צעטיילט אין אַלערליי סעקטעס, אין 'ציוויליזירטע, מתנגדים און חסידים":

„זי זינדט דאָרט רעפאָרמער אונד אָרטאָדאָקסן,
מען שטויסט זיך צווישן זיך, ווי ווילדע אָקסן..

שפיץ־רעפאָרם, האַלב־רעפאָרם און גאַנץ
שפיץ־אָרטאָדאָקס און אָנע טאָלעראַנץ.
נאַציאָנאַל געפיל איז ביי זיי פאַרלאָשן,
די עֶרלעכע שפּראַך איז ווערט אַ גראָשן".

אָבער פאַקטיש איז נישט בלויז די „ערלעכע שפּראַך" נאָר שפּראַך בכלל און דער יידיש בפרט, ערטערווייז, אפילו ביי אים גופא, ווערט געווען אַ גראָשן, פונם איצטיקן שפּראַך סטאַנדאַרד. דאָס דייטשמערישע איז בלויז ביי אונדזערע קלאַסיקער באַטראַכט געוואָרן ווי שעטנז (שאַטנעז, פרעמד־שטאָף). ביי די מערסטע יידישע משכילים איז עס דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי פון די רייכערע יידן, וואָס האָבן אים אָפּגעגעבן אויף דערציען „אין תורה" לעבן די דייטשע און עסטרייכישע גרעניצן.

יעקב צבי סאָבעל איז געבאָרן געוואָרן אין שאַוול, קאָוונער גובערניע, אין יאָר 1831. זיין פאָטער ר' יצחק איז געווען אַ דיין (דאַיען, אַ רעליגיעזער ריכטער) און האָט געגעבן זיין זון אַ ריין רעליגיעזע דערציאונג אין חדרים און ישיבות. דער יונגער סאָבעל האָט געשלונגען די אַלטע תורה־ליטעראַטור אפילו נאָך זיין החתונה. דאָס איז געווען די בעסטע סחורה, איבערהויפּט אינם שטעטל קעלם, וואו ער האָט געקראָגן זיין באַשערטע. פרנסה האָט ער געצויגן פון די רייכערע יידן, וואָס האָבן אים אָפּגעגעבן אויף דערציען „אין תורה" זייערע קינדער.

זיין לומדות און זיין יחוס זיינען אים בייגעשטאַנען, ווען הערשל נאָוואָזשערס שול אין קאָוונע האָט זיך געוויטיקט אין אַ ראש־ישיבה. דריי יאָר איז ער געווען אין אַמט, וואָס האָט אים געפירט צו רבנות אין סלאָבאָדקע. אָבער דער שטן (סאטן) האָט געפונען אַ וועג צו אים גראָד דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען רב. ער איז פון אים „פאַרפירט" געוואָרן ביסלעכווייז. השכלה־ביכער האָבן אים אַ רייץ געטאָן: אַ טשיקאַוועס צו זען וואָס שרייבן זיי דאָרט די „אפיקורסים". אָבער קוים האָט ער דערפילט די בלומען־שפּראַך פון אברהם מאַפּו און פון אַ קלמן שולמאַן, האָט עס שוין אים געצויגן און אַזוי אַרום האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו דערזען אַ וועלט, אויסער די גרענעצן פון זיינע אַלטע ספרים.

דעמאָלט איז אַוועק די געוויינלעכע פרשה — פרעמדע שפּראַכן, מאַטעמאַטיק, געשיכטע און געאָגראַפיע. ער האָט זיי שוין געשלונגען „אומגעוואַשן", און טאַקע געהאַלטן זיי פאַרבאָרגן אונטער זיין גמרא. ווען זיין סוד איז אויפגעדעקט געוואָרן און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין רבנות־שטעל, האָט ער באַשלאָסן צו גיין „צוריק אין חדר" — אין אַ ראַבינער שול — אין ווילנע אָדער אין זשיטאָמיר, און דערווייל געוואָרן אַ מגיד אין ווילנער אָפּאַ־

טאַוּס קלויז. אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול איז ער אין גיכן אַליין געוואָרן דער לערער פון תלמוד. פּאַרטיק געוואָרן מיט דער ראַבינער־שול איז ער ערשט אַוועק אין אָדעס און גענומען אַ דריי־יאָריקן קורס אינם נאָוואָ־ראָסעיסקי אוניווערסיטעט אין מאַטעמאַטיק.

פּרנסה? סאַבעל האָט שוין דעמאָלט געקאָנט ציען חיונה פון פּריוואַטע תלמידים, פון אַ ליי־ביבליאָטעקל, וואָס ער האָט איינגעשטעלט. זיין באַקאַנט־שאַפט מיט די פירנדיקע, גייסטרייכע יידן אין אָדעס האָט אים פאַרבונדן מיטן באַוואוסטן העברעאישן שרייבער אַלעקסאַנדער צעדערבוים, משה לייב ליליען־בלום און שפּעטער אויך מיט פּרץ סמאָלענסקי׳ן.

אין גיכן ווערט ער אַליין אַ מיטאַרבעטער אין דער העברעאישער פּרעסע — אין „המגיד״, „המליץ״, „הצפירה״ און נאָך אָפטער אין ראַדיקאַלערן „השחר״, וואָס ער שטעלט צוזאַמען ווען סמאָלענסקי איז אַוועקגעפאַלן אַ קראַנקער.

זיין ערשט ווערק אין העברעאיש „ההוזה חזיונות בארבעה עולמות״ (דער וואָס זעט וויזיעס אין פיר וועלטן) האָט אים שוין געשאַפן אַ נאָמען. אָבער זיינע יאָרן אונטערן אָדעסער הימל זיינען שוין געווען געציילטע. דער שרעק־לעכער פּאָגראָם אין אָדעס האָט פאַרניכטעט זיין ליי־ביבלאָטעק, און ער האָט סוף כל סוף געמוזט אַוועק קיין אַמעריקע, דורך רומעניע, גאַליציע, דייטשלאַנד און ענגלאַנד.

געגנוי ווען ער איז אָנגעקומען צו אונדזערע ברעגן דאָ, איז נאָך דער־וויל נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן. די השערה איז אין 1875. דאָס ליד, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט איז דערשינען אין יולי, 1876.

אין דער דערמאָנטער פּאָעמע שילדערט ער טאַקע זיינע איבערלעבונגען אין משך פון פּאָגראָם, אין זיינע וואַנדערונגען ביז ער איז געקומען אין אַמעריקע. ער באַשרייבט די אַנטוישונג, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, נאָכדעם ווי די ערשטע באַגייסטערונג פאַר אַמעריקע, פאַר איר פּרעזידענט גרענט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אינם ווײ־געשריי וועגן „דער יידישער יוגנט״, וואָס געפינט זיך דאָ „אָן ערציאונג, אָנע זיטן אונד טוגענד״.

נישט ווייניקער ווערט ער אויפגעטרייסלט ווי די יידן פון די פאַרשיידע־נע לענדער באַציען זיך איינע צו די אַנדערע:

„אין קליינעם פאָלק און דאָך אַ זאָ פערשידן,
דער פּאָלנישער האַסט דעם רוסישן יידן,
דער קאַלטער דייטשישער יודע האַסט זיי ביידן,
ווייל זיי ניכט דייטש ריידן, אונד זיך דייטש קליידן.

נאָך מער דערזעט ער די יידישע צעריסנקייט אפילו צווישן די, וואָס

זיינען לאַנדסלייט. זיין איינציקער רעטונגס־מיטל ״איינקייט״, ווערט אויך צונישט צוליב קליינלדיקייט און קליינלעכקייט. אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון די איינגעוואַנדערטע יידן אין די זיבעציקער יאָרן, מאַכט ער חוזק פון זייערע זידלערייען:

יד ווילדער חסיד מיטן לאַנגן גאַרגל,
דו מיט דיינע מיידלעך און מיט דעם אָרגל.
דו ווילדער צלם־קאָפּ מיט דור גמרא
... דו דייטשער שפּאַלט, טויגט נאָר פאַר איינע כפּרה. .

ער ווערט אַזוי צעמישט פון דעם וואָס ער זעט און הערט, אַז ער פרעגט זיך —

איך ווייס זעלבסט ניכט אויף.
וועלכע וועלט איך דאָ בין
נאָר זאָ פיל ווייס איך דאָס איך
בין זייער גרין.
איך ביטע לעזער דעם רעטזעל צו באַשיידן:
בין איך אין עולם התוהו, אָדער אין גן עדן?״

אין 1877 דערשיינט אין טאָפּאָלאָווסקיס דרוקעריי סאבאַל׳ס אַ ביכל לידער אין העברעאיש און יידיש. אין העברעאיש רופט ער עס אַן „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן״.

אויפן שער־בלאַט ווערט בלויז געאַכפערט און געלויבט די העברעאישע שפּראַך, אין פערזן:

דיזע גאָלדענע לידער, .
אָה, מיינע ליבער ברידער!
געשריבן מיט ענערגיע
צו איבערצייגן ריכטיק
ווי הערליך און וויכטיק
איזט יודישער פּאָעזיא.
דאָס די אַ הייליגע שפּראַכע,
איזט די איינציגע זאַכע,
וועלכע מיט אונדז וואונדער טהוט,
דאָס ווען דיעזע שפּראַכע בליהט,

דאַן ווייס דער איזראַעליט,
ער האָט קוראַז, שטאָלץ און מוטה!״ .

אָבער נישט אומעטום אינם ביכל איז די זעלבע דייטשמערישקייט און ווילדער אויסלייג. אינם צווייטן ליד „ישראל דער אַלטע“ איז בלויז ווי איר זעט דאָס קעפּל דייטשמעריש. דאָס ליד גופא קלינגט שוין ווי אַ נעענטערער צו אונדזער יידיש —

„איך בין דער אַלטער ישראל,
אַלט פיר טויזנט יאָר:
איין דזשו, איין זשיד,
איך זאָג עס אָפּען און קלאָר.
איך בין איזראַעליט,
איך וויל זיך ניט מאַסקירן;
דער אַלטער רעב יודעל,
איר מוזט אים רעספּעקטירן!“

סאָבעל איז שוין געווען אויף אַזויפיל באַוואוסטזיניק וועגן די אינע־ווייניקסטע קלאַסן־געגנזאַצן אין יידישן פאָלק; אַז ער טיילט אויס די רייכע דייטשע יידן, די רעפאָרמער, ווי די דינער צו דער גאָלדענער קאַלב. דער יידישער סאָציאַליסט פון יענער צייט, אהרן ליבערמאַן, האָט אויפגענומען סאָבעל׳ן, לויט דער רעקאָמענדאַציע פונם פּאָלקיסט־סאָציאַליסט יהלל (יעהאַ־לעל) אַלס אַ רעוואָלוציאָנער.

(זע דאָרט ז. 346).

די דאָזיקע ערשטע פּרוכט פון יידישער ליטעראַטור דאָ אין לאַנד איז נאָך גרין, „איילִיק“ פאַר די צייט, און אין אַ געוויסן זין בטלנות׳דיק. זי האָט שוין איצט ניט קיין פּלאַץ ביי אונדז אַלס ליטעראַטור, נאָר זי איז בלויז פון קולטור־היסטאָרישער באַדייטונג. דער אינטערעסאַנטסטער טייל אין דעם דערמאָנטן ביכל איז דער שיר „דער פּאָלנישער תלמיד־חכם אין אַמעריקע“. ער גיט טאַקע אַ בילד פונם אימיגראַנטן־לעבן אין יענע יאָרן, ווי זיי ווערן אַנטוישט פון זייערע פריערדיקע האָפענונגען וועגן „פרייען לאַנדע“, וואו דער ייד איז ניט „צו שאַנדע“.

ער לאַכט אויס זייער שרעקלעכע צוריקגעשטאַנענקייט, צוגעבונדן צום „טשאָלענט“ און „קוגל“, ווייל מען היט אָפּ דעם שבת און מ׳הייצט נישט איין דעם אויוון. ער שפּעט אָפּ פון זייער דערציאונג, וואָס זיי גיבן די קינדער—

מיט דער יוגנט היר איזט שוין געווים אָלרייט
תורה מיט חכמה איזט ביי איהנען זאָ ווייט“.

פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון יידן אין אמעריקע

פון דער צווייטער זייט באקלאגט ער די שווערע לאגע פונם אימיגראנ־טישן פעדלער און פאקנטרעגער:

אך, אוי ווי איז מיר
איך קריך בייא נאכט אויף אלע פיר,
צו נאכטן אירגענד ביי איינעם פארמער״.

יא, אזוי האט מען דעמאלט געלעבט און געשריבן. ארום פערצן יאר האט סאבעל געלעבט אין און ארום ניו יארק. אין 1890 האט ער זיך באזעצט אין שיקאגא און געוואוינט מיט זיין איידים דר. א. ה. לעוויטאן.

סאבעל איז געשטארבן אין 1913, צו 82 יאר. ער האט דערלעבט צו זען דעם יידישן ישוב פארצענפאכט און פארפעסטיקט מיט א גרויסער יידישער פרעסע.

..ציטירט לויט קלמן מרמר: ארדן אלמאנאך צום 10טן יובילייי, ז. 343.

קאַפּיטל דריי

טשאַרלס פליישמאַן

„דער הייוון־קעניג“

אין דער געשיכטע פון די אימי־גראַנטישע יידן אין אַמעריקע זיינען איייניקע פון זיי אַרויסגעקומען אינם פראָנט פונם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אויבנאָן. זיי האָבן געלאָזן הינטער זיך נישט בלויז זייערע נעמען אויסגע־ריצט אויף אייגענע בראָנזענע, אָדער שטיינערנע גראַווירן, נאָר אויך אויף גאַסן אין פיל שטעט און אויף שטעט גופא. איינער פון זיי איז טשאַרלס לואי פליישמאַן, דער „הייוון־קעניג“ פון אַמעריקע“.

אַן אונטערנעמערישער גייסט האָט אים אַרויסגעהויבן אפילו פון צווישן פיל אַלט־געזעסענע קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריעלער. זיינע איינפירונגען זיינען אפילו פאַר זיי געווען נייעסן פון געוואַגטן כאַראַקטער. אין עטלעכע צענדליק יאָר האָט ער זיך דורך זיינע גרויסע געשעפט־פייאיקייטן אַרויפ־געאַרבעט צו מולטי־מילאָניקע געשעפטן, דורך זיינע עקסטראַוואַגאַנטע רעק־לאַמעס און איינפלוסן.

טשאַרלס ל. פליישמאַן איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעסט, אונגאַרן, אין 1834, אין דער פאַמיליע פון אברהם און באַבעט פליישמאַן. פון קיין יידישע קוואַלן האָט ער ניט געטרונקען, אָבער פון משקה בכלל האָט ער שוין געוואוסט ווען איז נאָך געווען אַ ייִנגל. משקה איז געווען זיין אלף־בית. אברהם פליישמאַן איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ קליין שנאַפּס ברייזל און געמוזט אויך צוהאַנדלען מיט הייוון, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט. די פאַמיליע איז געווען נישט אָרעם אין קינדער — זיבן זיינען געבליבן — און אַלע האָבן געדאַרפט עסן.

טשאַרלס איז קענטיק געווען דער עלטסטער זון אין דער פאַמיליע און געהאָלפן דעם פאָטער אין זיינע אַרבעטן אַרום דעם בראָנפן־ברייזל און דער פּראָדוקציע פון הייוון. אָבער ער האָט נישט געזען קיין צוקונפט פאַר זיך אין דער אַלטער אונגאַרישער היים, און דאָ האָט פון ווייטנס זיך געטראָגן דער

עכאָ פון די גרויסע אונטערנעמונגען אין אַמעריקע, וואָס ווערן אונטערגע־נומען זינט דעם בירגער־קריג האָט זיך פאַרענדיקט.

ער האָט לאַנג זיך געשלאָגן מיט דער דעה און צווישן די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך איין שיינעם טאָג אין 1866 אַראָפּגעלאָזט פון אַ שיף, וואָס האָט דערגרייכט די פּאַראייניקטע שטאַטן, איז אויך געווען פליישמאַן, גרייט צו „שאַרן גאָלד" אויב עס וועט זיך נאָר לאָזן. גראד פאַר אים איז עס געוואָרן אין גישט קיין לאַנגער צייט, אַ ווירקלעכקייט.

פליישיק איז ער געווען. פלענער האָבן אים נישט געפעלט. זעען מיר ווי אין 1872 נעמט ער שוין אַרויס פּאַטענטן אויף צוויי אַפּאַראַטן — איינעם אויף אַן אַקעראייזן, צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פונם פאַרמער, און איינעם פאַר רייניקן בעסער דעם קאַטן אין דער סאוט, ווי מ'האָט עס געטאָן ביז אים.

מיר צווייפלען צי די דאָזיקע צוויי אויסבעסערונגען אין די אַגריקולטור־מאַשינען האָבן אים דאָס געלייגט דעם פונדאַמענט פון זיין ווייטערדיקער פענאָמענאַלער אַנטוויקלונג. עס זעט אויס, אַז ער האָט גלייך אויפגעגעבן דעם געביט פון מעכאַנישע דערפינדונגען און זיך גענומען צו די פּראָדוקטן, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט פון דער היים, און זיי גענומען שטודירן אין ליכט פון די נייע איינדרוקן, וואָס די אַמעריקאַנער אינדוסטריע האָט אויף אים געמאַכט.

זיין שטודיום האָט ער געמאַכט אין פּראָצעס פון פירן דאָס געשעפט, וואָס ער האָט געהאַלטן בשותפות מיט אַ געוויסן מר. זאַק, פאַר דער פּראָ־דוקציע פון הייוון. ער האָט דער ערשטער איינגעפירט אין אַמעריקע די פּראָדוקציע פון הייוון־„קיכלעך" לויט דער אונגאַרישער מעטאָדע. זיין אויפטו איז געווען, וואָס ער האָט פאַרבונדן די צוויי אַרטיקלען, וואָס ער האָט נאָך באַטריבן אין דער אַלטער היים און געמאַכט פון זיי אַ טאָפּלטן פּראָפיט.

דאָס בראַנפן־געשעפט אַליין וואָלט אים מיט דער צייט אויך אַריינגע־בראַכט היפשע פּראָפיטן. אָבער אים איז איינגעפאַלן צו באַקומען הייוון פונם שוים אין אָפּפאַל פונם ספּיריט אָדער מאַלץ. זיין פּאַטענט, וואָס ער האָט אַרויס־גענומען פאַר דעם האָט אים גאַראַנטירט קעגן אַ שאַרפער קאָנקורענץ.

אָבער די טרייב־קראַפט פון שנעל רייך ווערן האָט אים געשטויסן צו אַ געוואַגטן שריט. אין פילאַדעלפיע האָט זיך דעמאָלט געעפנט די הונדערט־יאָריקע וועלט־אויסשטעלונג. די גרויסע פירמעס האָבן דאָרט אויסגעשטעלט זייערע פּראָדוקטן מיט געשמאַק און פאַנטאַסטישער רייכקייט. פליישמאַן האָט אָבער באַשלאָסן צו איבערשטייגן אַלע רעקלאַמעס און זיך מיט איין

קלאַפּ אַרייַנגעשטעלט אין דער ראַם, וואו עס געפינען זיך די גאַר גרויסע געוואַגטע אונטערנעמער.

אנשטאַט די צוויי פּראָדוקציעס, וואָס ער האָט איינגעשטעלט צו שפּייזן איינע די אַנדערע, האָט אים זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט אַרויפגעפירט אויף אַ נאָך גראַנדיעזערן פּלאַן.

איצט איז עס שוין קיין נייעס נישט. כמעט אַלע אינדוסטריעס טוען עס שוין. זיי אינטערעסירן זיך מיט באַקענען דעם בר״יטן עולם מיט זייער פּראָדוקט אויף אַ וויזועלן שטייגער. אָבער אין יענער צייט איז עס געווען אַ נייעס; אַ דערשטוינענדיקע רעקלאַמע.

פליישמאַן האָט אין זיין אויסשטעלונג דערלויבט דעם עולם צו זען ווי אַזוי דער הייוון ווערט געמאַכט, דורכגייענדיק אַלע אַרבעט־פּראָצעסן פון אויפירן דעם ט״יג. דער עולם האָט געקענט זען דעם פּראָצעס פונם וואוקס. דערנאָך האָט ער געוויזן, ווי פונם טייג ווערט אויסגעבאַקן דאָס ברויט. און פון דאָרט איז דער עולם אַרייַנגעפירט געוואָרן אין אַ רעסטאָראַן, וואו מען האָט געגעסן דעם ערשט־געבאַקטן ברויט.

אוי״סער דעם רעקלאַמע־ווערט פון דעם אויפטו, וואָס זייער הייוון האָט זיך אַרויסגעוויזן בחוש צו זיין אַזוי ווירקזאַם און שפּאָרעוודיק און אין אַזאַ היגיעניש־באַוואַרנטן וועג, איז צוגעקומען דער גוואַלדיקער פּראָפיט, וואָס דער דאַזי״קער רעסטאָראַן האָט דערביי אַרייַנגעקראָגן.

אָבער דאָס איז נישט אַלץ. אין גיכן האָט זיך באַוויזן אויף די גאַסן פון פילאַדעלפיע, ניו יאָרק, שיקאַגאָ, סינסינעטי און אַנדערע גרויסע שטעט אַ טיפּ פון שיין־קאָלירטן, אויסגעשטאַטן פליישמאַן־טראָק, וואָס האָט מעגלעך געגומען צעפירן פרישן הייוון אויך אין אַלע „גראָסערי״־געשעפטן. די פערד פון די דאָזיקע טראָקס זיינען געווען אויסגעפוצטע און מען האָט שוין פון ווייטנס געקענט זען, ווי אַלץ אַרום זיי איז ציכטיק און פינקלדיק.

אין גיכן זיינען זיי פאַרשפּרייט געוואָרן אומעטום. די געשעפטן זיינען געוואָרן נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. די פּראָפיטן זיינען געוואָרן גוואַלטיקע. ווען זיין שותף איז געשטאָרבן האָט פליישמאַן אָפּגעקויפט זיין חלק פאַר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר און אליין אָנגעהויב צו באַטרייבן דאָס געשעפט אויף אַלץ גרעסערע מאַסשטאַבן.

פון דעם צו ווערן אַ מיל״יאָנער איז שוין געווען איין טראָט. די פּראָפּיטן פון די ספּירט־פּראָדוקטן האָבן זיך אויך פאַרגרעסערט און פליישמאַנס נאָמען האָט זיך געהערט אין איין אָטעם מיט די גרויסע אויפגעקומענע מיליאָנערן. איידער וואָס ווען האָבן זיך ריזיקע קאָרפּאָראַציעס גענומען יאָגן נאָך אים און געמאַכט אים פאַר אַ דירעקטאָר. אין די סוף זיבעציקער יאָרן

זאָל ער שוין האָבן געווען אין סינסינעטי אַליין אַ דירעקטאָר פון פינף און צוואַנציק קאָמפּאַניס.

אַט זעען מיר ווי ער ווערט דערווייל פאַר אַ פּרעזידענט פון דער „קופּער־עדזש קאָמפּאַני", פון אַ גרויסן עסיק־פאַבריק אין אילינאָי, פון קאָרפּאָראַציעס, וואָס גיבן אַרויס צייטונגען און דאָ זעען מיר אים שוין אַלס פּרעזידענט פון דעם מאַרקעט נעשאַנאַל באַנק.

דאָס זיינען געווען די האָניק יאָרן פון דעם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד פונם אַמעריקאַנער שטייגנדיקן קאַפּיטאַליסטישן אימפּעט. די וואָס זיינען געווען פול מיט איינפאַלן און נייע מעטאָדן האָבן נאָך געקענט אָנהאַלטן זיך אָן די שנעלע פוס־טריט פון די גרויסע רויבערישע באַן־קאָמפּאַניס, מאַין־אייגנטימער און פינאַנץ־אינסטיטוציעס. פליישמאַן האָט געהאַט די נייע מעטאָדן, דעם אימפּעט און דעם איינפאַל, און איז מיטגעוואַקסן פּונקט ווי דער ראַקון וואַקסט צוזאַמען מיט זיינע געשטרייפטע פאַסן, מיט דער ראַזיקער ריזיקער אויסשפּרייטונג. ער איז געוואָרן אַ מולטי־מיליאָנער.

שוין אין די סוף זיבעציקער יאָרן איז ער געלאָפן אויפן רעפּובליקאַנער וואַל־צעטל (דעמאָלט איז נאָך די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי געווען די ליבעראַלע) און דערווייל געוואָרן אַלס סטעיט־סענאַטאָר אין אָהייאָ (1879). 1890 זעען מיר אים אַלס פייער־קאָמישאָנער אין סינסינעטי און אין 1859 איז ער ווידער דערווייל געוואָרן אַלס סטעיט־סענאַטאָר. וואָס איז נאָך וויכטיקער — ער איז געוואָרן שפּעטער זייער נאָענט צום פּרעזידענט מע־קינלי. דער לעצטער פלעגט זיך מיט אים באַראַטן וועגן פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע ענינים.

טשאַרלס פליישמאַן האָט זיך אויסגעטיילט פון פיל אַנדערע מיליאָנערן מיט זיין ברייטקייט און אָפענער האַנט. מ'האָט אים געלויבט פאַר האָבן פיל איינזעעניש מיט זיינע אַרבעטער און זיינע אָנגעשטעלטע. ניט בלויז איז ער געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן איינגעשטעלט פּריווילעגיע פּענסיעס פאַר זיינע אַלטע אָנגעשטעלטע, נאָר ער איז אפילו געווען איינגעהאַלטן, ווען איינער פון זיינע אָנגעשטעלטע אין באַנק איז געכאַפּט געוואָרן אין גנבענען 160 טויזנט דאָלאַר, אין 1893. ער האָט אים ניט געלאָזט אַרעסטירן און געהאַלטן די גאַנצע זאַך בסוד ביז דעם מאַנס טויט. ער האָט גוט געמאַכט דעם שאָדן פון זיין אייגן געלט. ער האָט געגעבן גרעסערע פאָנדן פאַר בילדונגס און דערציאונגס־אינסטיטוציעס.

אין ניו יאָרק סטעיט איז אין די קעטסקיל בערג באַוואוסט זיין שלאָס אין דעם שטעטל, וואָס טראָגט זיין נאָמען — פליישמאַנס.

זיין רעזידענץ אין אַוואָנדעיל איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ מין אוצר

י. ב. ביילין

פון קונסט און ווען ער איז קראַנק געוואָרן און דער דאָקטאר האָט אים פאַר־אָרדענט רייטן אויף אַ פערד, האָט ער זיך איינגעריכט אַ „שטאַל פון טייערע ראַסן־פערד, אין מילסטאָן, ניו דזשוירזי, וואָס איז באַרימט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד. ער האָט אין 6 יאָר אויף זיי אויסגעגעבן 800 טויזנט דאָלאַר.

עס איז גאָרנישט באַוואוסט וועגן פליישמאַנס אויפטוען פאַר זיינע „ברידער־יידן". נישט ער האָט געלייקנט אז ער איז אַ ייד, נישט ער האָט מיט דעם שטאָלצירט. ער איז געשטאָרבן אין 1896 און געלאָזן צוויי זין, מאַרקס און דזשוליוס, וואָס האָבן אים גע׳ירשנ׳ט. דער לעצטער איז געוואָרן דער פרעזידענט פון דער פליישמאַן קאָמפּאַני.

גראָד האָט דער זון דזשוליוס פליישמאַן יאָ אַרויסגערוקט זיין יידיש־קייט, ווען ער איז געלאָפן און דערוויילט געוואָרן אַלס מעיאָר פון סינסינעטי אין יאָר 1900, און ווידער דערוויילט געוואָרן אין 1902. ער איז געשטאָרבן אין 1925.

קאפיטל פיר

כתריאל צבי סאַראַזאָן

דער אַרויסגעבער
פון דער ערשטער
יידישער צייטונג
אין דער וועלט

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָנהויב 1939, זיינען איבער דער וועלט שוין געווען צענדליקער יידישע צייטונגען אָבער מיט איינע זיבעציק יאָר פריער האָט נאָך אפילו אין דער רייכער אַמעריקע ניט עקזיסטירט קיין איינציקע טעגלעכע יידישע צייטונג. אין די זיבעציקער יאָרן האָבן שוין אַ רייע אונטערנע־מונגען געפּרואווט אַרויסגעבן יידישע וועכענטלעכע צייטונגען, ווי די „פּאָסט" (אויגוסט 1870), „די אידישע נייעס", דעם 15טן אַפּריל, 1871, „דער ניו־יאָרקער יודישע צייטונג", סוף 1871. אין 1872, איז אַרויס ליטאָגראַפיש בוכנער׳ס „אידישע צייטונג". אין 1875 איז אויך אַרויס "דער נוא־יאָרקער איזראעליט", אָבער זיי אַלע האָבן געהאַט קורצע יאָרן.

פון אַ לענגער־דויערנדיקן כאַראַקטער איז געווען די שיקאַגאָער צייטונג „די איזראעליטישע פּרעסע", אונטער דער רעדאַקציע פון אַרויסגעבער בענדזשאמין (נחמן בער) עטעלזאָן און ש. ל. מאַרקוס. זי האָט געלעבט קנאַפּע דריי יאָר — פון 1877 ביז 1880. זי האָט זיך רעאָרגאַניזירט און אַרויס אין ניו יאָרק קנאַפּע פינף יאָר — פון 1880 ביז 1885. זי האָט שוין געהאַט מער ממשות. זי האָט זיך שוין געקענט לויבן ווי „די פיינסטע יידישע צייטונג אין דער וועלט" שוין אָנגעהויבן אויסצוזען עטוואָס ווי אַ הײנטצייטיקע גאַזעטע. זי האָט שוין חוץ נייעס און אַרטיקלען אויך געהאַט דערציילונגען און „היסטאָרישע ראָמאַנען" מיט אַ רעליגיעזן אונטערשלאַק.

אָבער די בכורה פון אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג, וואָס האָט זיך דערנאָך עטאַבלירט אַלס די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין דער וועלט, גע־הערט דעם קאָנסערוואַטיוון משכיל כתריאל צבי סאַראַזאָן. ער האָט אַוועק־געשטעלט סוף כל סוף די צייטונג „די אידישע גאַזעטן" אויף אַזאַ פעסטן קאָמערציעלן דויערנדיקן באָדן, אַז זי איז באַטראַכט געוואָרן אין אירע וייטערדיקע אַנטוויקלונגען און פאַרוואַנדלונגען, ווי איינער פון די גרויסע

אַמעריקאַנער געשעפטלעכע דערפאָלגן אויפן צייטונגס־געביט און כתריאל צבי סאַראַזאָן ווי אַ מין ׳צווייטער אַדאָלף אָקס״ — דער אַרויסגעבער פון דער ׳ניו יאָרק טאַימס״.

כתריאל צבי סאַראַזאָן איז געבאָרן געוואָרן דעם 12־טן דעצעמבער, 1834, אין דער פאַמיליע פונם שטעטלשן רב, ר׳ אליה סאַראַזאָן, אי׳ן פויזער, סואַוואַלקער גובערניע. דעם יונגן כתריאלס דערציאונג איז געווען אַ טראַדי־ציאָנעלע אָבער קענטיק אויך אַן אונטערגעשמעלצטע מיט אַביסל וועלטלעכע ידיעות.

אין גייסט פון יענער צייט, אי׳ן פוילן און אין ליטע, האָט מען אים חתונה געמאַכט צו 16 יאָר מיט אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם באַלעבאָס פון סוואַלק — דוד יהלם׳שטיין. האָבנדיק אונטערנעמערישע פייאיקייטן האָט זיך דער יונגער סאַראזאָן איבערגעגעבן צו מסחר. אָבער ווי נאָר ס׳זיינען צו אים דערגאַנגען די נייעס וועגן די ״אַמעריקאַנער גליקן״, האָט עס אים שוין ״געררופעט״ — אַ קוק צו טאָן און זען מיט די אייגענע אויגן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1866, אי׳ן דעם אָנהויב פונם פעריאָד, וואו מען האָט גענומען צוריק אויפבויען דאָס פרידלעכע לעבן, נאָך דעם בירגער־קריג. געשעפטן זיינען געווען גרויסע — אפשר צו קאָפּ־שווינדלענדיקע פאַרן 32־יאָריקן סואַוואַלקער סוחר׳ל. נאָכדעם ווי ער האָט געשריבן אַ קאָרעס־פּאָנדענץ פון ניו יאָרק אין העברעאיש, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, צוריק צו די היימישע מסחרים, געהאַנדלט מיט קעניגסבערג. פיגורירנדיק שוין ווי אַ שטיק ״אַמעריקאַנער״, איז ער געוואָרן טעטיק אינם הילפּס־קאָמיטעט פאַר די פאַרבייפאָרנדיקע עמיגראַנטן, וואָס לאָזן זיך קיין אַמעריקע. אין פינף יאָר שפּעטער מאַכט ער שוין אַ נסיעה איבערן אַטלאַנטיק צום צווייטן מאָל. דאָס איז געווען אין 1871, ווען עס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פּראָבע נאָך פּראָבע אַרויסצוגעבן יידישע צייטונגען.

לויט קלמן מרמר׳ס פאָרשערישער אַרבעט ״דער אָנהויב פון אַ יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״ (אָרדן אַלמאַנאַך, 1940) — האָט סאַראַזאָן אַרויס־געגעבן אין ניו יאָרק, אין יוני, 1871 ,אַ מאַפּע מיט געאָגראַפישע און סטאַ־טיסטישע ידיעות. ער האָט דערנאָך אויך אויסגעפּרואווט זיין מזל מי׳ט אַ יידישער צייטונג — ״די ניו יאָרקער אידישע צייטונג״, אָבער ווי דער היסטאָ־ריקער האָט שפּעטער וועגן איר געשריבן שוין אין ״די אידישע גאַזעטן״. איז זי געווען שיין דייטש געשריבן אונד פיין געדרוקט און די מערסטע אַבאָנענטן דייטשישע און פוילישע האָבן עס גערנע געלעזן — זי איז אונטער־געגאַנגען וועגן געוויסע אורזאַכן״ און ״דער עקספּערימענט ביז טויזנט דאָלער האָט געקאָסט״. אָט אַ ״אידיש״ פון יענער צייט.

סאַראַזאָן, ווי מיר זעען, האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע טויזנט רובל, האָט אים דערלויבט צו עקספּערימענטירן און פּאַרלירן, כדי דערנאָך זיך ווידער צו פּרוּוון. געוואוסט האָט ער, אַז באַלד, באַלד וועט אים דאָס ביסל דערפאַרונג אַרום דער דורכגעפאַלענער אונטערנעמונג, צוניץ קומען. ווען ער הויבט אָן צו מאַכן זיין צווייטן עקספּערימענט, אין 1874, מיט די „אידישע גאַזעטן" האָט ער שוין געלייגט מ'ט דעם אַ שטאַרקן פונדאַמענט פאַר דער קומענד'קער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע. פון די דאָזיקע „גאַזעטן", וואָס ער האָט געגרינדעט, צוזאַמען מיט זיין שוואָגער מרדכי יהלם'שטיין, איז עס אויסגעוואָקסן דער ערשטער יידישער פאַרלאַג-טראַסט. פון די אַלע אַכט יידישע צייטונגען, וואָס זיינען דערש'נען אין די זיבעציקער יאָרן, איז דער איינציקער זכר (זעיכער), געבליבן בלויז עטלעכע נומערן פון די „אידישע גאַזעטן".

די דאָזיקע צייטונג סאַראַזאָנ'ס האָט אין אָנהויב דורכגעמאַכט אַ היבשע אַנטוויקלונג.— פון איין זייט אַ קאַלוואַריער-דייטשמערישע, פון דער צווייטער זייט אַ משכיליש-העברעאישע, מיט אַ באַזונדער אָפּטייל פאַר אַלערליי חקירות, רעליגיעזע מעדיטאַציעס, מוסר און „שטאַט", די אַמאַליקע אַזוי-גערופענע „מענטשלעכקייט", איז אַ גאַר אַנדער באַגריף ווי דאָס, וואָס מיר רופן היינט — „הומאַניזם". זי האָט געזעגלט כמעט אונטער דער משכילי-שער פאָן — „היה אדם בצאתך ויהודי באוהלך". (זיי אַ מענטש אין דרויסן און אַ ייד אין דיין געצעלט).

די צייטונג אַליין האָט זיך אין איר אונטערקאָפּ גערופן „אָרגאַן פאַר אַלע יידישע אינטערעסן". זי האָט זיך געהאַלטן פאַר „אומאָפּהענגיק און אומפּאַרטייאיש". אָבער איר אומפּאַרטייאישקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז נ'ט אַרויסגעטראָטן קעגן וועלכער עס איז יידישער רעליגיעזער גרופּירונג. זי איז געווען ווי אַ מין בריק, צווישן די דייטשע יידן און און די מזרח-יידן. אירע לייענער זיינען מערסטנס געווען יידישע פּעדלער, פאַקטאָרעגער, קליינהענדלער און קליינע באַלעבאַטימלעך פון „שאַפּקעס און סטאָרקעס", אַרבעטער, פּראָלעטאַריער. כאָטש זיי זיינען שוין געווען צו זען אין די גרעסערע שטעט, האָבן זיי אָבער מיט זיך ניט פאַרגעשטעלט וועלכן עס איז אָרגאַניזירטן כוח מיט וועלכן מען דאַרף זיך רעכענען.

אָבער זי איז געוואָרן די ערשטע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ כסדרדיקן לעבן אין משך פון פופציק יאָר. זי'ך אַנטוויקלט, אַריינגעדרונגען אין די וויטסטע יידישע אימיגראַנטישע ישובים פון יענער צייט — פון פּאָרטלאַנד, מעין, ביז סאַן-פראַנציסקאָ. אין דעם באַשטייט סאַראַ-זאָנס אויפטו.

י. ב. ביילין

אין 1885 ווערט די "אידישע גאַזעטן" אַ וועכענטלעכע ביילאַגע פון דער טעגלעכער צייטונג, וואָס ענדערט בלויז איר נאָמען אויף „אידישעס טאַגעבלאַט". עס איז נאָך נישט געווען קיין לייכטער וועג. פאַקטיש איז די צייטונג ערשט געוואָרן פינאַנציעל שטאַרק נאָך אַן עקזיסטענץ פון צוואַנציק יאָר. ערשט אין די נײַנציקער יאָרן, ווען די אימיגראַציע־שטראָמען זיינען שוין געווען טאָג־טעגלעך שטייגנדיקע, איז די צייטונג אריין אין אירע גאָלדענע פעדערן.

און נישט בלויז די צייטונג אליין. די סאַראַזאָן־פירמע איז ביסלעכווייז אריין אויך אין די אַלגעמיינע פאַרלאַג־געשעפטן, געדרוקט און איבערגע־דרוקט אלערליי מעשה־ביכלעך, ראָמאַנען, דערציילונגען און אפילו לידער־ביכלעך. זי האָט מיט דער צייט געגרינדעט אָפּטיילונגען פון דער צייטונג אין שיקאַגאָ מיטן נאָמען „אידישע גאַזעטן פון דער וועסט" (1894־96), אונטער דער רעדאַקציע פון געצל זעליקאָוויטש, און אין אַנדערע שטעט.

אין די ערשטע אַכציקער יאָרן, ווען עס האָבן זיך גענומען גרופּירן די ערשטע יידישע אַרבעטער־פאַראייניקונגען, אָנגעהויכט מיט אַנאַרכיסטי־שע און סאָציאַליסטישע אידייען, האָט סאַראַזאָן און זיינע מיטאַרבעטער גע־עפנט קעגן זיי פייער פון אַלע זייטן. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן פון רעליגיעזע, באַלעבאַטישע און קוואַזי־פּאַטריאָטישע פּאָזיציעס. עס האָבן נישט געפעלט אלערליי שקרים און בלבולים, אָבער די צייט האָט דעמאָלט גע־צוואונגען אפילו די סאַראַזאָנ׳ס זיך אָנהויבן עטוואָס פאַרנויגן קעגן דער אַלץ וואַקסנדיקער מאַכט און אָרגאַניזאַציעס פון די ראַדיקאַליזירטע אַרבע־טער. זיי האָבן געמוזט ענדערן זייערע שטעלונגען אין פיל סטרייק־פאַלן און אַנדערע אַרבעטער־אַקציעס. צו דעם זיינען זיי געצוואונגען געוואָרן אויך דורך דער קאָנקורענץ מצד די אַנדערע נייע טעגלעכע יידישע צייטונגען, וואָס זיינען אַנשטאַנען, און הויפּטזעכלעך צוליב די אַרבעטער־צייטונגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען, אָנגעגורטע מיט יוגנטלעכע כוחות, מיט קרעפטיקע אידייען און אַנטשפּרעכנדיקע פּראָלעטאַרישע שרייבער.

סאַראַזאָן, און שפּעטער אויך זיין זון כאַצקל, האָט זיך אויך פאַר־פעסטיקט אין זיינע פּאָזיציעס, דורך אַ רייע אינסטיטוציעס, וואָס ער אַליין האָט געגרינדעט.

אַלס קאָנסערוואַטיווער משכיל איז סאַראַזאָן געבליבן אויסגעהאַלטן זיין גאַנצן לעבן. ער האָט אריינגעבראַכט שווערע טויזנטער אויסצוהאַלטן דעם העברעאישן זשורנאַל „העברי", צוגעצויגן צו זיינע צייטונגען אַזעלכע משכילים־שרייבער ווי געצל זעליקאָוויטש, לעאָן זאָלאָטקאָף, תשרק, גדליה בובליק, מ. זייפערט און אַ געוויסע צייט אפילו מאָריס ראָזענפעלדן ווען ער האָט זיך אראָפּגעלאָזן צו דער קאָנסערוואַטיווער ניווא.

דער אַלטער כתריאל האָט זיך דערוואָרבן צווישן די באַלעבאַטישע און קאָנסערוואַטיווע יהודים אויך אַ גרויסן נאָמען פון אַ יידישן כלל־טוער. ווען זיין צייטונג האָט דערגרייכט די צירקולאַציע פון זיבעציק טויזנט, איז ער שוין אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט באַטראַכט געוואָרן צווישן זיי, ווי אַ גרויסער יידישער פירער. מ׳האָט אים דערוויילט אַלס פאָרזיצער פונם „קאָמיטעט פאַר די אומגליקלעכע פונם קעשענעווער פאָגראָם״. ער האָט געוואונען פירערשאַפט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און געפאָרן צו די קאָנגרעסן אין באַזעל און אין לאָנדאָן.

ווען ער האָט שוין געהאַלטן נאָענט צו זיין זיבעציקסטן יאָר האָט ער נאָך געזען, ווי די יידישע באַלעבאַטישע צייטונגען שטעלן אָן „לעיבאָר־עדיטאָרס״ און זיין צייטונג איז געצוואונגען געוואָרן צו ענדערן היבשלעך איר טאָן בנוגע אַרבעטער־אינטערעסן.

ווען ער איז געשטאָרבן אין 1905, האָט ער שוין געמוזט אָנהויבן זען, ווי זיין וועלט שאָקלט זיך. אָבער אַ לוויה האָט ער געהאַט פאַר יענער צייט איינע פון די גרעסטע. אַרום פופציק טויזנט מענטשן האָבן אַרויסבאַגלייט זיין ארון. צווישן די מספידים איז געווען, דער באַנקיר־פילאַנטראָפּ דזשעיקאָב שיף.

דאָס „אידישע טאַגעבלאַט״ איז ניט אונטערגעגאַנגען מיט כתריאל סאַראַזאָנס טויט. כאַצקל סאַראַזאָן, צוזאַמען מיט לעאָן קאַמאַיקאַ, האָבן זי ווייטער אַרויסגעגעבן ביז 1928. זי האָט שוין אָבער די לעצטע יאָרן בלויז געזשיפּעט. זי איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ היבשער סומע צום „מאָרגן־זשורנאַל״, וואָס האָט איינגעשלונגען איר מיט אירע מיטאַרבעטער און לייענער — און איז מיט דער צייט אליין פאַרשלונגען געוואָרן.

קאַפּיטל פינף

א ל י ק ו ם   צ ו נ ז ע ר

דער פאָלקס־זינגער
און בדחן

די געדיכטע יידישע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע, פוילן און באַלטישע לענדער, האָבן אין יעדער עת־צרה אַרויסגעגעבן פון זיך דעם זינגער און באַזינגער, דעם אָנקלאָגער און באַקלאָגער, דעם וויינער און באַוויינער, דעם דערמוטיקער, דעם טרייסטער און אָפטמאָל דעם אויפקלע־רער, דעם אויסטייטשער. אַזאַ איז גע־ווען אין דער צווייטער העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט דער פאָלקס־זינגער און בדחן אליקום צונזער.

פונקט ווי וועלוול זבאַרזשער, דער פאָלקס־זינגער פון די יידן, אין יענער צייט, אין גאַליציע, אַזוי האָט אליקום צונזער צעקלונגען זיינע פאָלקס־לידער איבער די אַלע אויבנדערמאָנטע לענדער. מיט 70־80 יאָר צוריק האָבן געזונגען זיינע לידער "קינד און קייט". דער שרייבער פון אָט־דער מאָנאָ־גראַפישער סקיצע, פונקט ווי אַנדערע טויזנטער יידישע קינדער אין זיין צייט, איז איינגעשלעפערט געוואָרן אין זיין וויג מיט אליקום צונזער'ס „בלום". ער האָט אָנגעהויבן צו „פילאָזאָפירן" — וואָס זאָל עס באַדייטן? — דורך דעם שיין פון זיין „ליכט" —

„ליכט, דו ליכט, דו זאָג מיר נאָר,
וואָס זאָל דאָס באַדייטן, ...
דו לייכסט און דו שיינסט העל און קלאָר.
דו באַלייכסט די אויגן פון דער ווייטן,
בא יעדן איינעם ביזטו באַליבט,
אָנגעלייגט און טייער
טאָ זאָג־זשע מיר וואָס דיר פעלט, ..
וואָס ביי דיר אין האַרצן ברענט
אַ פייער?"

גיט איינער איז געוואָרן אויפגעציטערט פונם ליד „די פאַימאָנעס" (כאַפּערס), ווען ער האָט געהאַט אין זיין אייגענער פאַמיליע אַ טאַטן, צי אַ

זיידן, וואָס איז פאַרשלעפּט געוואָרן אַלס קינד צו ווערן אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט.

צונזער׳ס לידער „דער זייגער״, דער „פּאַראָם״, „די ישועה״ און איבער־הויפּט „די פראַגע און ענטפער פון 19טן יאָרהונדערט״, וואָס איז אפילו נאָך אין די 90ער יאָרן געזונגען געוואָרן שטילערהייט אין די ישיבות פון מנגנים ישיבה בחורים... נישט איינער פון זיי האָט זיך דערוואָרבן זיין ערשטע ידיעה אין אסטראָנאָמיע פון צונזערס ליד „צווישן די שטערן און מיליאָנען קאָמעטן״... דערוואוסט זיך מיט אַמאָל, אַז —

„די ערד אַ שטיק פייער, דער וואָלקן פלעגט זיך לעשן״, וואָס איז בפירוש ניט אין איינקלאַנג מיט מעשה בראשית...

ווי אליקום צונזער׳ס וויסנשאַפטלעכער באַגאַזש זאָל ניט האָבן געווען אין יענער צייט לייכט און ווינטיק, איז ער פאַרן אומגעשולטן נאַאיוון פאָלקס־מענטשן דערשינען ווי אַ טיפער ענין. ער איז פון אַזעלכע שורות פאַראינ־טריגירט געוואָרן, און ווען דער פּשוט׳ער פאָלקס־מענטש, געדריקט און געשטיקט פון אַלע זייטן, באַלאַדן מיט דעם קיסר׳ס נאַלאָגן און מיט די קאַראָבקע־צאָלונגען (קהילה־שטייערן) אַלס ייד האָט געהערט צונזער׳ס ליד „ר׳ יאַנקעלע צאָל און צאָל (ר׳ יעקב משלם) איז נישט איינעם אין נאָז אריין, אַז דאָס איז נישט קיין „מצווה פון באַרג סיני״, און נישט קיין זאַך פון אייביק אָן, אַ מיטל פון די גבירים אַרויפצולייגן דעם יאָך אויף די ברייטע יידישע שיכטן. אין דעם דערמאָנטן ליד האָט צונזער מיט יאַשטשערקעס באַ־זונגען דעם ביטערן גורל פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס מ׳באַרייסט און מ׳באַגזל׳ט אויף טריט און אויף שריט, פון וויגל ביזן קבר...

אליקום צונזער איז געבאָרן געוואָרן אין ווילנע, אַרום די יאָרן 1835 און 1840. (די פאַרשיידענע אָנגעגעבענע דאַטעס אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שטימען נישט צווישן זיך):

זיין פאָטער, פייווע, איז געווען אַן אייניקל פון אַ ר׳ אליה, אַ תלמיד פון ווילנער גאון. אָבער ער אַליין איז געווען אַ פּשוטער סטאָליער; אַ קליינעם קרעמערס אַ זון; און געלעבט אַ לעבן פון שווערער אַרבעט און אָפטער נויט. דער קליינער אליק איז געווען פייאיק גענוג צו פינף יאָר צו זיין אַ חדר־יינגל און צו זעקס יאָר צו לערנען אין ר׳ מעלה׳ס ישיבה.

אָבער נישט אויף לאַנג איז אליקומען באַשערט געווען צו זיין אַ ישיבה־בחור. איידער וואָס ווען איז זיין פאָטער געשטאָרבן און געלאָזט אַ היפּשע פאַמיליע ווי אַ שיף אָן אַ רודער. די אלמנה האָט זיך ווי עס איז „עטאַבלירט״ ווי אַ מילך־טרעגערין און אליקום האָט איר געמוזט אין דעם צוהעלפן. ענדלעך האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ „שיינע״ מלאכה — שמוקלעריי. אָבער די שיינקייט איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, זיין באַלעבאָס האָט געהאַט פּרנסה

ברִיוּות און איינער פון זיינע לערן ייִנגלעך, אליקום׳קע פלעגט זינגען און פאַרזינגען זיין שווערע האָרעוואַניע. אָבער ווי שווער ער האט נישט געאַרבעט האָט ער זיינע פרייע מינוטן נישט פאַרטאַכליעוועט. ער האָט ווי אַ הונגעריקער געשלונגען ביכער, ספרים. ער האָט באַמייסטערט דעם תנ״ך, פאַרפולקאָמט זיך אין העברעאיש און גענומען שרייבן לידער.

אין 1853 האָט ער געשאַפן זיין היסטאָריש־נאַסטאַלגיש ליד „ציון מכלל יופי״ (ציון די אויסגעצייכנטע שיינהייט), איבער אים אַליין האָט די העס־לעכקייט פון זיין באַלעבאָס׳ האַנדלונגען בנוגע די אַרבעטער געטריבן צו אַנטלויפן פון אים. ער האָט זיך געלאָזט צופוסנס קיין בויסק, וואו ער האָט שוין געאַרבעט אַלס געזעל, געהאַט עטוואָס לייכטערע באַדינגונגען און מער צייט צו לערנען. און ווען ער האָט אין צוויי יאָר שפּעטער אַנגעשלאָגן אין באַברויסק, איז ער געשטאַנען אויף אייגענע פיס.

זיין מוזיקאַלישקייט, כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט שטודירט מוזיק, האָט אים שוין אין באַברויסק געגעבן אַ שטעלע. ער איז געוואָרן אַ משורר ביי אַ חזן און באַקומען גאַנצע צוויי רובל פאַר ימים־נוראים. אַרום יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשט ליד „רב תחנון״. און אָט קריגט ער אַ שטעלע ביי אַ דאָרפס־ייִדן, צו לערנען מיט זיינע קינדער. אָבער אַז עס איז אַוועק נאָך עטלעכע חדשים און דער באַלעבאָס האָט נאָך אַלץ אַ פאַרמאַכטע פויסט, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די שעמעוודיקייט און געפאָדערט זיין געלט. אָבער אַזאַ ׳חוצפה פון אַ יונגאַטש״ האָט דער תקיפ׳ער באַלעבאָס נישט געקענט פאַרליידן, און איין טאָג האָט ער אַראָפּגעבראַכט די כאַפּערס און פאַרקויפט אליקום׳ען פאַר 25 רובל פאַר אַ ניקאָלאַיעווסקן סאָלדאַט...

דאָס איז שוין געווען דער גורל פון זיין עלטער־זיידנס אייניקלעך — זיינעם אַ ברודער האָט מען נאָך אָפּגעגעבן אין עלטער פון ניין יאָר, דורך די ייִדישע כאַפּערס פאַר אַ סאָלדאַט. עס הייסט — טיי־ווי אַ יתום, וועט ער זיך נישט דאַרפן אַרומוואַלגערן...

אָבער דערפון איז ביי אליקום׳ען געשאַפן געוואָרן דאָס שוין דערמאָנטע ליד „די פאַמאַינעס״ (כאַפּערס) און טאַקע נאָך אין דער קאַזאַרמע האָט ער עס איינגעזונגען מיט די אַנדערע ייִנגלעך סאָלדאַטן. איז עס אין עטלעכע וואָכן אַרום מאַניפעסטירט געוואָרן דעם נייעם צאַר׳ס (אַלעקסאַנדער דער צווייטער) באַפעל, אויפצוגעבן די ייִנגלשע סאָלדאַט־צוגרייטונגען און אליקום האָט ווידער פאַרזוכט די פרייע לופט.

און אָט איז ער שוין אין קאָוונע, אַרבעט בייטאָג ווידער ביי שמוקלערייי און לערנט ביינאַכט אין ר׳ ישראל סאַלאַנטערס מוסר־שטיבל, אָבער אין

דער זעלבער צייט ווערן שוין ביי אים געשאַפן ליד נאָך ליד — די ווערטער ווערן ביי אים עפּעס ווי געוואָרן צוזאַמען מיט די מעלאָדיעס.

צווישן יידן אין שטאָט דערוויסט מען זיך וועגן דעם אוצר, וואָס זיי האָבן צווישן זיך, און מע הויבט אָן איינצולאַדן אליקום׳ען אויף חתונות, ברית׳ן און אזוי אויך יום־טובים. ער ווערט שוין אַ פאַרדינער אין זיין נייער פּראַפעסיע. אין 1861, ווען די „פאַנטשיזנע״ ווערט אָפּגעשאַפט, ווערט ער שוין אַ ווילנער פּרייער תושב און ביסלעכווייז ווערט ער אויך אַ „נביא״ אין זיין אייגענער שטאָט...

אין 1862 דערשיינט זיין ערשט ביכעלע לידער „שירים חדשים״. דאָס מאַכט אים נאָך פּאָפּולערער. ער ווערט אַ טאַטע פון איין קינד, אַ צווייט קינד, אַ דריט קינד, אַ פערט קינד. ער ווערט אַרויסגעפאָדערט אין פאַר־שיידענע אפילו ווייטע שטעט. זיין נאָמען דערטראָגט זיך פון ליטע אַריבער אין וייס־רוסלאַנד און אין קורלאַנד, אין וואָלין און אין פּוילן. מע דרוקט איין ביכל נאָכן צווייטן. אָט איז דער דאָרפס־מלמד פון מיט פופצן יאָר צוריק, אַ באַרימטער מענטש מיט אַ גליקלעכער פאַמיליע.

אוודאי האָט ער ניט גלייך געקענט אָנשפּאַרן אין די הויכע פענסטער. ער האָט זיך מפרנס געווען פון די אָרעמע חתונות וואו ער האָט געדאַרפט טיילן זיינע פאַרדינסטן מיט די קלעזמער. אָבער מיט דעם אליקום בדחן האָט אין גיכן גענומען קלינגען נישט נאָר די שטאָט. אין אַלע שטעט אַרום און אַרום איז געוואַקסן זיין נאָמען. זיין האָנאָראַר פאַר אַן אַרויסטריט איז געשטיגן ביז אַ הונדערטער פאַר אַ חתונה. צו האָבן „אים״ אַליין ביי אַ שמחה איז געווען אַ צייכן פון אַ גבירישער חתונה.

די זון האָט אים גענומען שיינען העל. אָבער אין 1871 ווען עס האָט אויסגעבראָכן די כאָלערע מגיפה, איז אין משך פון דריי טעג אים פאַרשניטן געוואָרן זיין שיינער גאָרטן. אַלע זיינע פיר קינדער האָט די עפּידעמיע מיט אַמאָל צוגערויבט. ער איז אַוועק אין מינסק אָפּצושאָקלען זיך פון דעם טיפן טרויער. אָבער אויך דאָרט איז אים דער בייזער שיקזאַל נאָכגעגאַנגען ווי אַ גזלן. זיין פרוי איז אים אָפּגעשטאָרבן.

ניין, ער איז נישט אַראָפּ פון זינען. די כסדר׳דיקע חתונות, ברית׳ן און אַנדערע שמחות האָבן אים פאַרטויבט. ער האָט חתונה געהאַט אַ צווייטן מאָל מיט אַ פשוטער, זייער גוטער, ליבנדיקער פאָלקס־פרוי, וואָס האָט אים אויפגעבויט אַ נעסט.

אליקום צונזער איז געוואָרן מיט דער צייט אַ געוויסער קולטור־אדרעס. אַרום אים האָט זיך געזאַמלט די יידישע אינטעליגענטערע, באַלעבאַטישע יוגנט. פיל משכילים האָבן אים געערט און געמוטיקט. מ׳האָט אויף אים גע־

נומען קוקן ווי אויף אַ נאַציאָנאַלן פּאָעט. כאָטש קיין פּאָעט אין קינסטלערישן זינען פון וואָרט איז ער נישט געוואָרן.

ער אַליין איז זיך מודה אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז זיין ליד איז קיין ליד נישט אָן דער מעלאָדיע. עס טרעפט זעלטן, אַז אַזאַ איינעם זאָל אַזוי געלונגען זיך שטעלן אַזאַ קריטישן דיאַגנאָז. מיט דער מעלאָדיע זיינען פערזן געוואָרן באַפליגלט און זיך געזונגען. ווען עס איז אַנטשטאַנען די באַוועגונג פון באַזעצן יידן אויף ערד איז עס געווען אליקום צונזער, וואָס האָט אַרויסגעשאָלט מיט זיין — „אין דער סאָכע ליגט די מזל־וברכה", וואָס איז געזונגען געוואָרן אין משך פון יאָרן פון מיליאָנען יידן.

דאָס אייגענע ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די חובבי־ציון באַוועגונג און יידן האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן קיין ארץ ישראל, האָט ער אַ באַגייסטערטער אָנגעשריבן דעם הימן פאַר די ביל־אָוצעס — „וואָס זע איך דורך די שויבן"! די מינסקער באַלעבאַטישע אינטעליגענץ האָט אים אין 1886 געפייערט זיין 25טן יובילייאון זיין יובליי־רייזע איבער פיל שטעט אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד האָט אים פאַרשאַפט פיל אָנערקענונג.

דער באַליבטער פאָלקס־זינגער און בדחן, אליקום צונזער, האָט זיך, אין משך פון יאָרצענדליקער, אָפּגערופן אויף פאַרשיידענע דערשיינונגען אין דעם יידישן לעבן אין דער אַלטער היים. לויט זיינע דעמאָלטיקע השגות זיינען די יידישע צרות געוואָרן פאַראורזאַכט פון יידישן אומגעדולדיק — „דו כאַפּסט רק פאַר דער צייט", „פון נישט וויסן, ווי צו פאָרן גלויבן מיט וויסן", כפירה און אמונה", „פון נישט טריי זיין דעם קיסר, דעם „טאַטן פון לאַנד", פון זיך וועלן „אַרויסמאַכן פון סאָלדאַטן", פון זיין אָפּגעריסן פון דער ערד, פון די יידישע בעלי־טאַקסע, וואָס שרייען כסדר „יעקב משלם", פון די „אַריסטאָקראַטן"...

אין אַ שטיקל צייט אַרום ווערט ער געשטרויכלט מיט געשעפט. אָבער לידלעריי מיט געשעפט פאַרט זיך זעלטן, האָט ער, ווי גאָלדפאַדן זינגט אין זיין „פאַסטוכל", „דאָס געלט פאַרלאָרן", און עס איז אים ווידער געוואָרן שלעכט. האָט ער ווידער זיך געמוזט נעמען אַרומשלעפן. צוריק ווערן בדחן איז אים עפּעס שוין נישט געווען צום האַרצן. זיין געשעפטלעכער באַנקראָט האָט אים שוין באַרויבט פון דער בדחנות־בגילופינ'דיקייט. אַ געוויסע צייט האָט ער געפּרוּווט אָפּגעבן קאָנצערטן. אָבער סוף כל סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפן אָנטרינונג־פּלאַץ פון אַמעריקע.

אָבער ווען דער דאָזיקער זינגער קומט אין 1889 קיין אַמעריקע פאַרכאַפּט אים דער אָטעם. גאַנצע דריי יאָר שווייגט זיין מוזע וועגן די זאַכן וואָס ער זעט. לכתחילה האָט ער טאַקע געמיינט, אַז דאָ וועט ער זיך ערשט צו־

זינגען, ווייל ווי ווערט מען נישט נתפּעל פון אַ „גאָלדענעם לאַנד". אָבער אין דריי יאָר צייט האָט ער שוין „אַראָפּגענומען אַ מאָס" פון זיין נייער היים, און אָפּגעזונגען, אנשטאָט אַ „למנצח" — יאָמערגעזאַנג פון פּיין און פאַר־צווייפלונג. זיין ערשט קריטיש ליד איז דאָ געווען „דאָס גאָלדענע לאַנד" און עס קלינגט ווי אַן אויסגעוויינטער בריוו צו דער אַלטער היים:

„פון אַמעריקע האָב איך אַלס קינד נאָך געהערט,
ווי צווייפלען ידען באַנאַנד:
ווי גליקלעך עס לעבט זיך אויף קאָלאָמבוס'עס ערד,
עס איז דאָרט אַ גאָלדענע לאַנד.
נאָר אַז כ'בין אַהערגעקומען, און אין בוך אַריינגעקוקט
וויפיל טרערן, טרויער, איז אויף יעדן בלאַט געדרוקט!"

איר לייענט און עס וויקלט זיך פאַר אייך אויף אַ מגילת איכה. עס שווימען אַרויס די ענגע גאַסן פון דער איסט־סייד אין ניו־יאָרק, און די געדיכטע אָרעמע מאַסן, פאַרשמאַכטע, הונגעריקע, קראַנקע. „דער איז מפקיר זיין קינד פאַר אַ סענט, דעם וואַרפט מען פון וואוינונג, פאַר רענט".

„דעם אַרבעטערס לעבן שווימט דאָ אַוועק
אין אַ טייך פון זיין אייגענעם שוויס;
האָרעוועט אין „ביזי" און הונגערט אין „סלעק",
און איז שטענדיק אין שרעק מיט זיין „פלעיס".
ווי אַ מאַשין נאָר אַ נייע, ליגט פאַר איר פּראָיעקט,
פיל אַרבעטער, אין הונדערטער, ווערן פון פאַבריק „געסעקט"...

וואָס פאַר אַ שרעקלעכע בילדער ער צייכנט. אמת, מיט גראָטעסקע שטריכן, ווען מיר לייענען עס איצט, זעען מיר ערשט, וואָס די אַרבעטער קאַמפן האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן אַראָפּגעבעזימט אינם מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע.

עס איז אַ פינצטערע סעריע פון שוויץ־„שעפּער", פון טרעמפּס, פון קאַליקעס אָן פיס, אָן הענט, פון שווינדזוכטיקע אין טענעמענטס, וואו מען איז איינגעפּרעסט „ווי די הערינג אין בארלעך".

דער געוועזענער בדחן זעט דאָ ניט בלויז דעם אויסגעזויגענעם אַרבעטס־מאַן, ער זעט אויך די פאַרשקלאַפטע פרוי, די יונגע מיידעלעך, וואָס ווערן פאַרוועלקט אין פאַבריק, און ער פרעגט: „וואו איז זייער בלומען־געשטאַלט?" און די וואָס האָבן שוין חתונה — וואו איז זייער „שלום־בית" —

ווי גיך עס פאַרוועלקט שוין די רויז
זי מוז שוין טענדן אַ בויז

י. ב. ביילין

די בייבי גיט איר קיין רו,
און האַלט אַ דריי באַרדערס דערצו...

ער זעט ווי „קינדערלעך שפּרינגען פון קאַר, מיט „ניוספּייפּערס", פול אין די הענט". ער זעט די קרבנות פון די שריפות אין די פּייער־פאַסטקעס, די אויפרייסונגען אין די קוילן־מינעס, די אָרעמע, דערנידעריקטע פעדלער, דעם גלייכגילט פון דער פּאָליציי און די „גערעכטיקייט" אין די געריכטן.

און ער זעט אויך די צווייטע זייט פון דער מטבע — אוודאי אויך אין גראָטעסקע שטריכן; אָבער עס קוקט פון זיי אַרויס דער אמת אפילו ביים ביים הייניקן טאָג, ווען ער ווייזט אָן, אַז דאָס לאַנד איז טאַקע אַ גאָלדענע, נאָר... פאַר די רייכע —

„וואָס אין יוראָפּ אַ פירסט
איז אין אַמעריקע אַ גביר,
די מאַכט איז פוןביידן גלייך...

שוין אין יענער צייט זעט ער שוין, אַז דאָס רייכטום פונם מיטל־שטאַנד ציט זיך צום קאַפּיטאַליסט".

„אים שאַדט קיין קאָנקורענציע,
זיין קאַפּיטאַל איז גרויס
ער גיט אַ שפּיל אַ ווילינקע,
ווערן קליינינקע באַלד אויס...

שוין 65 יאָר, אַז צונזער האָט עס געזונגען און טויזנטער ׳געכאַפּטע" אויף וואָל־סטריט ווען דערצו איצט צושאָקלען מיט די קעפּ.

דער „גרינער" זעט זיך צוזופּאַסן מיט אַלע כוחות צו זיין נייער היים. זיין ליד באַווינט דעם גרינעם יידן.

— „אַמעריקע זינגט ער — „רעכנט זיך פאַר אַ נייער וועלט. דער גרינער איז אין איר ווי ניי־געבאָרן; פּאַקן ווערט אים אויפן שיף געשטעלט און מאַזלט ווען עס קומט צו פאָרן". ער רעכנט אויס אַלע פּרנסות צו וואָס עם כאַפּט זיך דער גרינער. אָבער בעיקר די אומפאַרמיידלעכקייט פון פּעדלעריי

'עס שיינט, אַז קאָלאָמבוס האָט אַ
געזעץ געשטעלט,
אַן אָפּמאַך מיט זיין געפונענער
נייער וועלט;
אַז יעדער גרינער, וואָס קומט אין
איר אריין,
מוז אומבאַדינגט פון אָנהויב אַ
פּעדלער זיין..

אָבער ער ווייס, אַז דאָס איז נישט קאָלאָמבוס׳עס שולד, נאָר פון דער יאַהודים׳שער פילאַנטראָפּיע. פּאַרקערט — ער באַזינגט גראַד קאָלאָמבוס׳ן, וואַשינגטאָנען. ער גיט קאָנצערטן און זינגט זיינע נייע לידער צוזאַמען מיט די אַלטע, אָבער קיין גרויסער דערפּאָלג איז ער דאָ שוין ניט. ער פּרואווט אַנדערע צייט־שריפטן, אָבער ער קען שוין פון דעם קיין פּרנסה ניט ציען. זיין גלאַנץ־פּעריאָד איז שוין אַריבער. ער מוז לעבן פון אַ דרוקעריי, וואָס ער עפנט אין 1893.

נאָר קיין פאַרגעסענער איז ער ניט. אין 1905 איז אין ניו יאָרק גע־פייערט געוואָרן זיין יובליי און דער יובליי קאָמיטעט האָט צו דער גע־לעגנהייט אַרויסגעגעבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז גלייכצייטיק איבער־זעצט געוואָרן אין ענגליש. אים איז אָבער נאָך באַשערט געווען פאַר זיין טויט צו זען אַ ריי געווינסן פון אַרבעטער־יוניאָנס — קירצערע אַרבעטס־טעג און בעסערע אַרבעטער־באַדינגונגען, און אַ ריי באַוועגונגען פאַר יוניאָן־אָרגאַניזאַציע, אַ יידישע סאָציאַליסטישע פעדערציע, און אַ סאָציאַליסטישע פּרעסע.

ער איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג אין 1913, אין ניו יאָרק. ס׳זיינען נאָך געווען טויזנטער יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן אים נאָך געדענקט פון זיינע „גרויסע יאָרן" אין דער אַלטער היים אָבער נאָך מער האָבן זיי געדענקט, און מען געדענקט נאָך איצט, זיינע לידער, און אַ היבש ביסל פון די איבער זעקס הונדערט, וואָס ער האָט געשאַפן. זיי זיינען דערשינען, אגב, אין צוויי און זעכציק אויפלאַגעס.

מען געדענקט די דאָזיקע לידער, כאָטש זיי זיינען איצט שוין אַזוי פאַרעלטערט, ניט צוליב זייערע פּאָעטישע בילדער, אָדער געפליגלטע גע־דאַנקען, נאָר צוליב זייערע מעלאָדיעס. ער אליין שרייבט אין זיין פאָררעדע צו זיין לידער־זאַמלונג „המנגן" — „... אויב איר לייענט אין ביכל מיינע לידער און די מעלאָדיעס האָט מען אייך ניט איבערגעגעבן, איז דאָס ווי אַ פאָ־טאָגראַפישע בילד, ליבע ברידער, דאַכט זיך אַלעס ריכטיק, נאָר עס פעלט — לעבן". דאָס איז געווען דער ריינער אמת.

קיין ליריקער איז ער ניט געווען און אוודאי האָט ער ניט פאַרמאָגט די קלאַסישע קונסט פון עפּיק, אָבער זיינע פּשוטע פאָלקישע מעלאָדיעס האָבן צוגעגעבן גלאַנץ צו וואָכיקע ווערטער און צו משכיליש־מעסיקע גע־דאַנקען, מיט וועלכע עס איז דעמאָלט פול געווען די העברעאישע פּרעסע. זיי זיינען געווען פונם דראַבנעם קאַליבער און צוגעפּאַסט צו דעם ניוואָ פונם דעמאָלטיקן וואָכעדיקן יידישן האַרעפּאַשניק, קרעמערל און מאַרק־מענטש, אַ דאַרער פוחלאָזער איינשטימיקער זינג־פויגל, אָן אַ טשיפּעק אויפן קעפּל און אָן אַ פיל־קאָלירטע, רייצנדיקע פּערזן.

קאַפּיטל זעקס

צבי הירש גרשוני

ער האָט דער ערשטער רעדאַקטירט אין אַמעריקע אַ צייטונג אויף יידיש

ווי מאָדנע עס זיינען די וועגן פון דער געשיכטע! וואָס פאַר אַ פּלאָנטער אין לעבן אירע אינסטרומענטאַלע פּערזענלעכקייטן מוזן צייטנווייז דורכמאַכן!

דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער צייטונג אין יידיש, אין אַמעריקע, איז געווען אַ געוויסע צייט אַ גע׳שמד׳טער ייד, וואָס האָט זיך דערנאָך געפייניקט מיט חרטה און יסורים פאַר זיינע יוגנט־זינד. דאָס איז געווען אַ ווילנער ייד, פון אַ באַרימטער מיוחס׳דיקער משפחה, אַ ברודער פון דריי רבנים, און אַליין אַ למדן און אַ וועלטלעך געלערנטער, אַ געענדיקטער ראַבינער. זיין נאָמען איז געווען העגרי גערסאָני.

ווען אין אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע, מיט דעם נאָמען צבי הירש גרשוני, אין דעם יאָר 1844, האָט ער אין זיינע ייִנגלשע יאָרן אויך געשטרעבט צו זיין אַ רב, ווי פילע פון זיין פאַמיליע און ווי זיינע לייבלעכע ברידער. זיין דערציאונג איז אין אָנהויב געווען אַ ריין רעליגיעזע. „וואָס דען וועט זיין אַט דער דאָזיקער געראַטענער און שאַרפ׳מוח׳דיקער בחור׳ל, אויב נישט קיין רב?״. ער האָט געלערנט אין ווילנער ראַמאַלעס ישיבה — אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט צוגעשטעלט דעם יידנטום אין רוסלאַנד נישט איין גרויסע יידישע פּערזענלעכקייט. דערנאָך האָט ער „געלערנט פאַר זיך״ אין גאון׳ס קלויז. דאָרט, קענטיק, האָבן אים די נייע חברים באַקענט מיט דער וועלטלעכער משכילי׳שער ליטעראַטור. ער האָט דערזען אַ ליכט אין אַן אַנדער ריכטונג, ווי די וואָס ער האָט פריער נאָכגעפאָלגט.

אויב שוין יאָ ווערן אַ רב, האָט ער דעמאָלט געגומען טראַכטן, איז שוין בעסער זיין אַ מאָדערנער ראַבינער. די עלטערן, פאַנאַטיש־פרומע, האָבן אים

געפּרואווט שטערן אין זיין פּלאַן אַנצוקומען אין דער ווילנער ראַבינער שול, אָבער פון דעם דאָזיקן ערשטן קאַמף זיינעם איז ער אַרויס דער זיגער. ער האָט איבערגעריסן מיט דער פרומער אַטמאָספערע און איז אַוועק אין ראַבי־נער־שול. דאָרט ערשט האָט זיין אַפּעטיט פאַר וועלטלעכער וויסנשאַפט אָנ־געהויבן אָנצונעמען ליידנשאַפטלעכע פאָרמען.

ווען ער האָט געענדיקט די ראַבינער־שול, האָט ער אפילו נישט אָנגעהויבן צו זוכן קיין ראַבינער־שטעלע. ער איז אַוועק קיין פּעטערבורג און איז אָנגעקומען אינם אוניווערסיטעט צו שטודירן פילאָסאָפיע. אין פּראָצעס פון זיין שטודיום, וואָס האָט אים אַרויסגערוקט ווי אַן ערשט־קלאַסיקן פיל־צוזאָגנדיקן סטודענט, הויבט ער אָן צו פאַרקערן אין דער העכערער געזעל־שאַפט. עס דויערט נישט לאַנג און ער באַקומט דורך זיין גוטן נאָמען לערער־מיסיעס פאַר צוריקגעשטאַנענע סטודענטן. דאָס האָט אים אויך געמאַכט פאַרן לערער אינם הויף פונם הויכן, צאַרישן באַאמטן ,גראַף אואוואַראָוו. ער לערנט מיט דעם גראַפס שיינער טאָכטער און פאַרליבט זיך אין איר ביז משוגעת.

אָבער אי־דער וואָס־ווען האָט מען אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער מוז זיך שמד'ן, אויב ער דענקט ערנסט צו ווערן אַ מיטגליד אין די הויכע אַריס־טאָקראַטישע קרייזן אין פּעטערבורג. ער האָט לאַנג נישט געוואָלט קלערן וועגן דעם ענין — און זיך גע'שמד'ט.

ער האָט זיך אָבער סיי־ווי גלייך געכאַפּט, אַז דאָס האָט מען אויסגענוצט זיין היציקן טעמפּעראַמענט אין זיין שוואַכסטן מאָמענט. ער האָט שיר נישט צוזאַמענגעבראָכן פון פאַרצווייפלונג און דערשיטערנדיקער חרטה. פאַר אים איז געבליבן איין וועג — צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער איז אין געהיים אַריבער די פּרייסישע גרעניץ.

דאָס איז געווען אין 1866. צו זיין „מזל" האָט דעמאָלט גראַד גע־פלאַקערט די מלחמה צווישן פּרייסן און עסטרייך און ער האָט נישט געקענט פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד. האָט ערווידער געמוזט „כאַפּן דעם וואַנדער־שטעקן" און אַן וועלכע עס איז דאָקומענטן ,טראָגן זיך ווייטער. מיט גרויסע שוועריקייטן דערשלאָגט ער זיך קיין לאָנדאָן. אָבער נייע צרות קומען אים דאָרט אַנטקעגן. ער האָט זיך געשעמט צו קומען זוכן מיטלען אין יידישע קרייזן. זיין שמד האָט געברענט זיין געוויסן. הונגעריק און היימלאָז האָט ער אַזוי אַרומגעוואַנדערט ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ מיסיאָנערי־שער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט.

דער הויפּט פון דעם מיסיאָנערישן אנשטאַלט, דר. עוואַלד, האָט דערזען אַז דער דאָזיקער יונגער געלערנטער און גרויסער קענער פון דער יידישער

רעליגיעזער ליטעראַטור קען אויפטאָן פאַר דער מיסיע פון באַקערן יידן צום קריסטנטום. ער נעמט אים שענקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, צו־זאָגן גאָלדענע גליקן און גרייטן אים צו דער „הייליקער מיסיאָנערישער קאַריערע".

אָבער דאָ האָט זיך ווידעראַמאָל דער שיר־דערשלאָגענער געני ווי אויס־געטשוכעט פון אַ שווערן קאָשמאַר און זיך גענומען אַרויסרייסן פון די דינע מיסיאָנערישע נעצן. אין גיכן האָט זיך צו אים אויסגעשטרעקט די הילף־האַנט פון אַן אומדערוואַרטן פּלאַץ. דער לאָנדאָנער רב הכולל, דר. נתן אַדלער, האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן אויסגעוואָרצלטן גאונ׳ישן יונגן מאַן, אים אַרויסגעהאָלפן אין זיין נויט און אין 1867 זעען מיר אים שוין ווי ער שטודירט אין פּאַריז אין דער סאָרבאָנע.

אָבער אויך אין פראַנקרייך האָבן די מיסיאָנערן זיך געיאָגט נאָך זייער קרבן, און אים ווידער געפּרואווט פאַרמאַניען: אָבער דאָ האָט גרשוני איינ־מאָל פאַר אַלעמאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר הינטער זיי. אין 1868 פאַר־עפנטלעכט ער אין דעם העברעאישן „המגיד" (אין די נומערן 38־40) אַ שטיק פון זיין יוגנטלעכער לעבנס־דערפאַרונג, וואו ער איז זיך מתוודה אויף זיין לייכטזין פון שמד און שפּעטער אויף זיין זוכן הילף ביי די ענגלישע מיסיאָנערן. ער אַפּעלירט צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג מ׳זאָל אים מוחל זיין און צוריק אויפנעמען אים ווי אַ געטרייען זון פון זיין פאָלק.

אַז גרשוני איז בכלל געווען אַ צוגעבונדענער צום פאָלק זעען מיר פון דעם, וואָס אויסער אין העברעאיש און אין אַנדערע שפּראַכן, האָט ער אויך אין די יונגע יאָרן געשריבן אין יידיש. אין זיין זייער אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג „דער אָנהויב פון אַ יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" (אַלמאַ־נאַך, 1940, פונם „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן") ציטירט קלמן מרמר פון צבי ניסן גאָלאָמב׳ס אַן אויסגאַבע פון גרשוניס אַ ליד אין יידיש „דער צימבל" מיט נאָטן.

„אין יענעם ליד", שרייבט ק. מרמר, „דערציילט דאָס יידישע פאָלק, אַז אין זיין אייגענעם יידן־לאַנד האָט ער געקעמפט מיטן שווערד, ווערנדיק באַזיגט, פאַרבייט ער די שווערד אויף דער האַרפע. שפּעטער אָבער ווען מען פאַרטרייבט אים פון שפּאַניע, גייט זיין האַרפע פאַרלאָרן. „אויף איר — ייעוּז דאָס יידישע פאָלק — „האָב איך דעם צימבל גענומען". —

„פון היספּאַניען טראָג איך דיר\
מיין צימבל אַהער;\
איך זינג דיר מיין ליד — זעץ\
זיך און הער!

מיין ליד איז שוין לאנג באקענט
אין דער וועלט;
מען וויל איך ניט הערן — די
אויערן פארשטעלט.

דער הייליגער קלאנג פון הארץ,
וואס אנטציקט
איז אין די הארטע טענער פון
צימבל פארשטיקט;
דאך קלינגט נאך עטוואס מיט
מיט געוואלד
פונם ליד, וואס איז שוין צוויי
צוויי טויזנט יאר אלט".

גרשוני, שרייבט מרמר, האט געמיינט, אז מיט יידיש באנוצט מען זיך בלויז ווען מ'שרייבט פאר יידישע פרויען און ער ציטירט פון זיינס א העברעאישן מאנוסקריפט 'ספר וסופר וסיפור" וואו ער דאנקט „די שרייבער וואס קוקן ניט אויף זייער כבוד, נאר ווענדן זיך צום גוטן און נוצלעכן, צו לערנען זייערע שוועסטער — אין דער שפראך, וואס זיי פארשטייען. אין זייער ווירקונג אויפן קומענדיקן דור וועלן זיי געפינען זייער לוין".

גרשוני'ן האט דערנאך ארויסגעהאלפן די געזעלשאפט „כל ישראל חברים" צו פארן קיין אמעריקע. ער איז אבער אנגעקומען אין 1869 און געזעצט זיך אנגעליטן אין זיינע ערשטע גרינע חדשים. ער איז געווען א וואכמאן אויף א דאטשע; א מגיד אין א קליין שולעכל און א רב אין מעקאן, דזשארדזשיא. איידער צבי הערש בערנשטיין האט אים ארויסגערופן קיין ניו יארק צו קומען רעדאקטירן דאס ערשטע יידישע וואכנבלאט אין אמעריקע (אין יידיש) — „די פאסט". גרשוני איז אויף אזא אופן געווען אין אמעריקע דער ערשטער רעדאקטאר פון א צייטונג אין יידיש. ביז עס איז אנגעקומען א זעצער פון ווילנע, גראד א דריטער הירש (הירש קאטאן), איז גרשוני אויך געווען דער זעצער פון דער צייטונג, ווי אויך דער הויפט־שרייבער.

לויט מרמר'ס אויבן־דערמאנטער ארבעט, האט זיך גרשוני אליין צוריק־געצויגן פון „פאסט", כדי ניט צו קאמפראמיטירן די נייע צייטונג דורך זיין פארגאנגענהייט. אבער לויט דעם ציקל „הכמי ישראל באמריקה" און ש. ל. ציטראנ'ס „משומדים", וואס ווערט אנגעגעבן אין זלמן רייזענ'ס „לעקסי־קאן פון דער יידישער ליטעראטור", איז גאר גרשוני באזייטיקט געווארן דורך דעם ארויסגעבער־רעדאקטאר צבי הירש בערנשטיין (וועגן אים — א באזונדער קאפיטל). מעגלעך דערפאר, וואס ער האט זיך פארמאסטן אויך

אויף אַ צו־וואַגנדיקן דרך. אין זײַנעם אַ בריוו צום רעדאַקטאָר פון „השחר“, פּרץ סמאָלענסקי׳ן, גיט אָן גרשוני, אַז זײַן שטעלונג איז „אויפצוהייבן ווי אַ שופר“ זײַן קול ׳צו פּראָטעסטירן ביטער קעגן יעדער שטרויכלונג און שטרויכלער, קעגן אַלע פינצטערלינגען“ און דערקלערט אַגב —

„איך בין פריי פון די בענדער פון געמיינדע און משפחה, נאָר איך בין געבונדן מיט די בענדער פון ליבע צו מײַן פאָלק... איך וועל ניט פאַרשווייגן קיינעמס פאַרברעכן אויב ער האָט געזינדיקט קעגן כלל, ווייל איך האָב אויך מײַן אייגענעם פאַרברעכן נישט פאַרשוויגן. איך וועל ניט שרייבן צווידייטיק וועגן קיין פילאַנטראָפּ, ווייל חנפ׳ענען קען איך ניט... מײַן גייסט איז פול מיט קאַמף קעגן אָט־די — אלע — “ (ציטירט לויט ק. מ. דאָ״ט).

אָבער גרשוני האָט שוין געפונען באַשעפטיקונגען אין דער יידיש־ענגלישער פּרעסע, וואו ער האָט זיך איבעראַשנדיק־שנעל אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ געניטער שרײַבער. ער איז געווען בלויז אַ קורצע צייט אַ פּריידיקער אין טעמפּל עמנואל, און דערנאָך פאַרנומען אַ ריי רבנים־שטעלעס — אין אַטלאַנטאַ און אין שיקאַגאָ. אין דער לעצטער שטאָט אַרויסגעגעבן, זינט 1878, אַ וואָכנבלאַט אויף ענגליש און דייטש — „דהי דזשואיש אַדוועגס“. אין אַ יאָר שפּעטער גענומען אויך אַרויסגעבן אַ חודש־זשורנאַל ׳דהי מאַקאַביען“, וואָס איז דערשינען בלויז פינף מאָל.

אין 1882 זעען מיר אים שוין ווידער אין ניו יאָרק, וואו ער גיט זיך שוין אײַנגאַנצן אָפּ מיט ליטעראַטור. ער באַטייליקט זיך אין דער ענגלישער און יידישער פּרעסע, ער איז דער קאָרעספּאָנדענט פאַר העברעאישע צייטונגען אײַנגעשלאָסן דעם „השלח“. איבערזעצט אין העברעאיש לאָנגפעלאָו׳ס פּאָעמע „עקסעלסיאָר“ און איבערזעצט אין ענגליש טורגעניעווס ווערק, ווי אויך אַנדערע רוסישע קלאַסיקער.

גרשוני האָט אויך געשריבן אַ ריי דערציילונגען, אָריגינעלע און איבערזעצטע אין ענגליש, פון יידישן לעבן, און זיי פאַרעפנטלעכט אין אַ זאַמלונג „סקעטשעס אָוו דזשואיש לאיף ענד היסטאָרי“. ער איז אויך געווען טעטיק אויפן געביט פון פאַרשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך. ער איז געווען אַ גרינדער פון דער געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר“.

ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 53 יאָר, אין 1897, אין דער צייט ווען די כוואַליעס פון דער רוסיש־יידישער אימיגראַציע האָבן שוין אָנגעטראָגן גענוג יידן, אז עס זאָלן דערשיינען אַ גאַנצע רייע צייטונגען אין יידיש.

קאַפּיטל זיבן

אברהם גאָלדפאַדן — דער גרינדער פון יידישן טעאַטער



זיין אמת׳ער נאָמען גאָלדענ־פאָדים איז ביי אים פאַרדייטשמערישט געוואָרן. אַזוי אויך אין אַנהויב פיל ווערטער אין זיינע אָפּערעטעס. אָבער נישט זיינע ניגונים. זיי זיינען צו אונדז געקומען אַ דורכגעציטערטע און דורכגעפילטע פון די טיפענישן, „ממעמקים״. אפילו די, וואָס זיינען צוגעאייגנט געוואָרן פון אַנדערע קוואַלן, זיינען דורכגעפילטרירט געוואָרן פונם יידישן פאָלקס־גייסט, דורכגעלויכטן און דורכגעפיבערט מיט זיין געשיכטע.

אברהם גאָלדפאַדן איז געבאָרן געוואָרן אינם יאָר 1840, אין אַ פאַמיליע פון אַ זייגערמאַכער, אינם וואָלינער שטעטל אַלט־קאָנסטאַנטין. זיין פאָטער — חיים ליפּע, איז שוין געווען אַן אויפגעקלערטער פאַר יענער צייט, מיט איבער הונדערט יאָר צוריק. געווען אַ משכיל, דער איינציקער בעל־מלאכה, וואָס האָט אין שטעטל געהאַט אַ חוש פאַר אַ ספר. ער האָט געזען אַז זיין אברהמ׳ל זאָל זיך נישט באַנוגענען מיט׳ן גמרא־מלמד, נאָר אויך לערנען מיט לערער פון העברעאיש, דייטש און רוסיש.

צו צען יאָר האָט שוין אברהמ׳ל געהאַט אויף זיין צונג אַ רייע קאַפּיטלען פון תנ״ך אויף אויסווייניק. ער האָט שוין דעמאָלט דערפילט דעם טעם פון זיין ערשט־געשאַפן ליד אין העברעאיש — „פדיון הבן״. דער פאָטער האָט שוין געהאַט דעם נחת פון זיין שטאָלץ מיט זיין זונ׳ס ערשטע פרוכט.

נאָר פון דער צווייטער זייט איז דער שטראָליקער נחת געוואָרן פאַרצויגן מיט געדיכטע דראָענדיקע וואָלקנס; די גזירה פון נעמען אַכט־יאָריקע קינדער צוצוגרייטן צו אַ 25־יאָריקער מיליטער־דינסט. אַ מערכה — די גזירה איז פאַרלייכטערט געוואָרן פאַר די, וואָס וועלן באַזוכן אַ ׳שקאָלע׳. און אַזוי איז אברהמ׳לע געווען פון די ערשטע יידישע קינדער אין שטעטל, וואָס האָבן באַזוכט אַ שולע, און נישט מורא געהאַט טאָמער וועט עס פירן „צו שמד״.

י. ב. ביילין

ער האָט גלייכצייטיק געלערנט דעם טאַטנ׳ס מלאכה. ער האָט ליב געהאַט דעם שטרענגן ריטם פונם זייגער. ער האָט לויט אים אויך דעמאָלט שוין געשריבן לידער אין העברעאיש און אין יידיש. ער האָט אָבער שוין דעמאָלט אויך דערפילט דעם טעם פון באַ׳גנב׳עט ווערן. זיינער אַ חבר, אַ לערנ־יונג אין פאָטער׳ס זייגער־מייסטעריי, האָט פאַרשריבן זיינע לידער און שטילערהייט זיי אַריינגעטראָגן אין אַ העפט מיט קאַליגראַפישער שריפט, און באַצייכנט עס פאַר זיינע אייגענע לידער. אָבער שפּעטער איז שוין דער גאָלדענער פאָדים געוואוינט געוואָרן באַ׳גנב׳עט צו ווערן. אַ סימן, אַז עס איז געווען וואָס צו גנב׳ענען.

מיר געפינען אים שוין, אין 1857, אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול. דאָרט האָט ער זיך דערוואָרבן נישט בלויז אַלגעמיינע און יידישע לימודים. אהין האָבן אויך פאַרבלאָנדזשעט נייע אידייען פון דרויסן. דאָ און דאָרטן האָבן וואַגנדיקע פייגעלעך פונם שוואַלבן־מין, געפישטשעט... „ניהיליזם״. האָט מען דעמאָלט אָנגערופן יעדע נייע וואַגנדיקע אידייע. סטודענטן האָבן אויך געטאַנצט כדי אויסצוגלייכן זיך די רוקנס. נאָר אברהמ״ל גאָלדפאָדים האָט אין דער צייט געשריבן לידער מיט ריטמיש־טאַנצנדיקע פערזן.

מיר געפינען שוין זיינס אַ ליד פאַרעפענטלעכט אין יאָר 1862 אין „המליץ״ — „אדם לעת ערב״, און שפּעטער „אלון בכות״; אַ ליד אין „קול מבשר״ אין 1863. אין 1865 דערשיינט שוין אין זשיטאָמיר זיין העברעאישע לידער־זאַמלונג „צצים ופרחים״ (בליטן און בלומען). אין 1868 דערשיינט אויף יידיש זיין „דאָס יודעלע״ — „לידער אויף פּראָסט יודישער שפּראַך״. דאָס האלט שוין אויס פיל אויפלאַגעס. דאָס פאָלק האָט שוין געפונען זיין דיכטער, אים געלייענט און געזונגען. אַ סימן — דאָס ביכל איז שוין דער־שינען אין ניין אויפלאַגעס, אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

ניין יאָר האָט גאָלדפאַדן געלערנט אין דער ראַבינער־שול. קיין רב איז ער פון דאָרט ניט אַרויס. דערפאַר האָבן פון דאָרט גראַדואירט פיל צענד־ליקער סטודענטן וואָס האָבן געזונגען זיינע לידער און אים געזען שפּילן טעאַטער אין דר. שלמה עטינגערס „סערקעלע״. די דאָזיקע פרויען־ראָלע האָט געשפּילט טאַקע אברהמ״ל אַליין אין דער אָנוועזנהייט פונם לערער־פּערסאָ־נאַל פון דעם ראַבינער־סעמינאַר. דאָס איז געווען דער ערשטער ביס זיינער אינם פריער־פאַרבאָטענעם „טעאַטער־עפּל״. אָבער זיין ערשטע שטעלע איז געווען נישט פון קיין ראַבינער און נישט פון קיין טעאַטראַל, כאָטש ער האָט זיך אין דער סערקעלע־ראָלע זייער אויסגעצייכנט.

נאָך אַ גראַדואירונג אין 1866 איז אונדזער 26־יאָריקער יונגערמאַן געוואָרן אַ לערער אין סימפעראָפּעלער רעגירונגס־שול פאַר יידישע קינדער,

מיט אַ געהאַלט פון 18 רובל אַ חודש. אין 1868 זעען מיר אים שוין אין אָדעס. דאָרטן לעבט ער אָפּ. עסן פעלט אים ניט, ער וואוינט ביי אַ רייכן פעטער. זיינע שוועסטער־קינדער האָבן אים באַהאַנדלט גערן ווי אַ ברודער. איינער פון זיי שפּילט פּיאַנאָ און העלפט אים אין צוקלייבן און אַראַנזשירן מעלאָדיעס צו זיינע לידער. אָבער מער ווי אַלץ געניסט ער פון דער חבר׳־שאַפט מיט די אָדעסער יונגע יידישע שריפטשטעלער־משכילים, און פון די באַזוכן אין טעאַטער.

אין 1869 דערשיינט זיין נײַ יידיש ביכל „די אידענע״, וואָס באַשטייט פון יידישע לידער, זיין ערשטער דראַמאַטישער פּאַרזוך „צוויי שכנות״ און די „מומע סאָסיע״, אַ קאָמעדיע פון יידישן לעבנס־שטייגער. דאָס ביכל איז אַ דערפאָלג. עס ווערט געלויבט פונם ברייטן עולם און פון דער קריטיק. ער האָט דאָרט באַריִרט די סענסיטיווע סטרונעס פונם אָדעסער יידישן לעבן. „די מומע סאָסיע״ איז געווידמעט זיין יונגער ערשט־פאַרהייראַטער פרוי פּאַולינאַ, די טאָכטער פונם משכילישן דיכטער אליה מרדכי ווערבל. אָבער צו פּרנסה קומט עס נישט. אויף אַ קורצער צייט קריגט ער אַ שטעלע אַלס קאַסירער. אָבער אַליין קאָסירט ער אין זייער ווייניק. אין אַ שטיקל צייט אַרום דרייט ער זיך אַליין אַריין אין אַ הויז־געשעפט. עס האָט אין אָנהויב אויס־געזען, אַז ער טוט גוטע געשעפטן. מען האָט אים געזען צו לעבן מיטאַמאָל ברייט, ווי אַ גרויסער גביר. אָבער עס בייט זיך אין זיין לעבן איבער אויך די דאַזיקע ראָלע, ער באַנקראָטירט אַ גרויסע סומע און מוז זיך אָפּטראָגן פון אָדעס.

ער שטעלט זיך אַריין אין 1875 אין מינכען. עס פאַלט אים איין, אַז ער וועט זיין אַ גוטער דאָקטאָר און גרייט זיך אַריינצוטרעטן דאָרט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט. אָבער דאָס בלייבט איינער פון זיינע אומפאַרווירק־לעכטע פּלענער. אָן מיטלען צו לעבן קאָן מען נישט שטודירן! מוז ער ווידער בייטן זיין „גרים״, זיין „סצענע״, זיי „ראָלע״ און זיין מקום. ער קומט קיין לעמבערג. דאָרט קומט ער זיך צוזאַמען מיט זיין אַלטן פריינט יצחק יואל לינעצקי. אין צווייען ווערט מען שטאַרקער. באַנייען זיי ווידער דעם געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ וועכנטלעכן זשורנאַלכל „ישראל׳יק״. אָבער ווען די צאַרישע רוסלאַנד פאַרבאָט אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום אַריינצולאָזן „ישראליק׳ן״, מוז זיך דער זשורנאַל אָפּשטעלן אויפן זיבעטן חודש.

איז שוין אויס לעמבערג, און די סצענע עפנט זיך אין טשערנאָוויץ. גאָלדפאַדן פּרוּווט דאָרט אַליין אַרויסגעבן אַ נייע צייטונג — „איזראַעליטישעס פאָלקס־בלאַט״. אָבער דאָרט האַלט זיך אָן איר לעבן נאָך ווייניקער. אין דריי חדשים אַרום האָט מען זי שוין געבראַכט צו דער קבורה. צום גליק קומט אים

נאָך אָן מיט דער לעצטער פּאָסט אַ בריוו פון איינעם פון זיינע לייענער אין יאַסי, רומעניע. „איר וועט דאָ קאָנען אַרויסגעבן אייער צייטונג", האָט מען אים געשריבן. דאָס האָט אויסגעקוקט צו זיין שיר נישט אַ מין נס. גיט זיך ווידער אַ דריי דאָס רעדל. די באַן איז אַ גוטע — זי נעמט יעדן אהין, וואוהין זי גייט.

איז דאָס, הייסט עס רומעניע! — האָט ער דערנאָך קיין צייט נישט געהאַט זיך רעכטס אַרומצוקוקן. אָבער פיל יידן זיינען שוין אָנגעלאָפן באַקוקן אָן אמת'ן יידישן פּאָעט. צווישן זיי איז אויך געווען אַ באַקאַנטער לידער־זינגער ישראל גראָדנער. איז וואָס קאָן נאָך זיין אַ בעסערער שידוך ווי צווישן דעם פאָלקס־דיכטער און דעם פאָלקס־זינגער!

אָט פון דער דאָזיקער באַגעגעניש איז אין אַ קורצער צייט אַרום גע־באָרן געוואָרן דאָס יידישע טעאַטער. קיין נס איז דאָ נישט געשען. ס'איז גאָר פּשוט! עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיק געווען, אַז אַ יידיש טעאַטער זאָל געבאָרן ווערן.

די דאָזיקע באַדינגונגען זיינען געווען — אַן עולם, וואָס זוכט פאַר־ווייַלונג. אַ פייַאיקער בחור, וואָס ווייס ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט זיין גוטן קול און מיט זיין בויגיקן קערפּער. עטלעכע זינגער, עטלעכע סטאַטיסטן, אַ גוטע פריזור כדי אַ מאַן זאָל קאָנען אריין אין דער ראָלע פון אַ פרוי, דאָס אַלץ איז גענוג געווען, אַז נאָך עטלעכע דורכפאַלן מיט דעקלעמאַציעס און לידער זאָל סוף כל סוף עפּעס אַרויסקומען.

ישראל גראָדנער איז אַוועק און האָט אים געבראַכט אַ ייִנגל, וואָס האָט אויסגעקוקט צו האָבן אַ שטיקל טאַלאַנט. דערציילט גאָלדפאַדען אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע. דאָס איז געווען שכר (סאָכער) גאָלדשטיין. „איך האָב דעם יונג באַטראַכט און באַלד פאַרשטאַנען, אַז לויט זיין יונג פּנים'ל וואָלט ער געקאָנט טויגן צו פרויען־ראָלען..." צוזאַמען מיט שכר גאָלדשטיין האָט גראָדנער אים געבראַכט עפּעס נאָך אַ ייִנגל.

„איך האָב באַלד אָוועקגעזעצט... (זיי) לעבן מיר, זיי אָנגעשריבן עטלעכע ערנסטע און קאָמישע לידלעך, וואָס זיי האָבן טאַקע באַלד איינגעשטודירט... מיר האָבן באַלד שוין טאַקע אין שטוב. געמאַכט פּראָבע, און ס'איז אַרויס, צו מיינע צרות, אַ צוויי־אַקטיק שטיק. אַ שטיק... איך ווייס אליין ניט וואָס! אַ מין דולעניש, אַן אומזין, אַ קאַלאַטוכע, אַז איך געדענק אפילו נישט וואָס פאַר אַ נאָמען דאָס האָט געהאַט".

אַזוי דערציילט גאָלדפאַדען אליין, ווי אַזוי דער „נס" איז פאָרגעקומען. דער עולם האָט עס אויפגענומען ווי ער וואָלט שוין אויף דעם לאַנג געוואַרט. צוויי מאָל האָט מען עס געמוזט איבערשפּילן אָט די דאָזיקע „קאַלאַטוכע".

ווער וואלט עס געקאנט דעמאלט פאראויסזאגן וואס פאר אן אנטוויק־לונגען עס שטייען פאר אט דער דאזיקער פארזעעניש דורכצומאכן, און אז „עס וועט קומען א צייט”, ווען פון אונטער דער פען פון דעם דאזיקן „קאלא־טוכע”־מאכער וועט ארויסקומען אויף דער בינע א וואנדערבארע שיינע שולמית, נישט ווייניקער שיין ווי די ווענוס, מיט וועלכער עס האבן זיך שוין געקוויקט עטלעכע דורות יידן!

עס וואלט געווען א טעות אנצונעמען, אז אברהם גאלדפאדן האט סתם דורך א צופאל אנגעשריבן עטלעכע געלונגענע פיעסן, אדער אפערעטקעס; אז דורך א צופאל האט זיך ביי אים ארויסגעשלאגן א „שולמית” פונקט ווי אימיצער גייט זיך אזוי אויפן גאס און ציילט די שטיינער אויף וועלכע ער טרעט און געפינט פלוצלונג אן אוצר. דעם דאזיקן טעות, באוואוסט, צי אומבאוואוסט, מאכן אייניקע בירגערלעכע גאלדפאדן־ביאגראפן.

פאקטיש איז גאלדפאדן יא געווען ציל־באוואוסט. שוין אין זיינע שא־פונגען אין די זעכציקער און זיבעציקער יארן — אין זיינע לידער — העב־רעאישע און יידישע פילט מען דעם פראגרעסיוון משכיל, דעם פירשפרעכער פון דער פראגרעסיווער יידישער בירגערלעכקייט אין יענער צייט, וואס ציילט אויפצוהייבן די ברייטע מאסע פון איר גייסטיקער און מאטעריעלער שפלות. גאלדפאדן אליין דערציילט אין זיין אויטאביאגראפיע, ווי ער האט געזוכט די מיטלען, וואס זאלן אמגרינגסטן דערגרייכן דעם דאזיקן ציל. און ער איז געקומען צום שלוס, אז די טעאטער־בינע איז דערפאר דער בעסטער מיטל, אין זיינע אייגענע ווערטער:

„..מען דארף אים (דעם מאסן־מענטש) געבן לעבנס־דראמען, אדער בילדער פון זיין אייגענעם לעבן, אין וועלכן עס זאל זיך אפשפיגלען זיין אייגענע אומוויסנהייט, זיינע אייגענע פעלערן, און זאל ער זיך באשטרעבן ביסלעכוויז זיי צו פארבעסערן... מען וואלט אים געדארפט (אויך) געבן היסטארישע שטיק, ער זאל קענען לייענען פון דער בינע, אויסשפילנדיק זיין אייגענע געשיכטע, זיין פארגאנגענהייט, ער זאל אומשטאנד זיין צו ערפארן און וויסן ווער ער איז אליין”. (גאלדפאדנס אויטאביאגראפיע).

ער האט שנעל אויסגעפונען, אז זיינע פריערדיקע „נאציאנאלע” ירמיה־לידער, די הויך־געפליגלטע מוסר'ס און ירושה־מאנונגען, גייען פארביי די מאסן. נישט דאס ווילן זיי הערן. נישט דאס דארפן זיי. די ברייטע יידישע מאסן לעכצן נאך אביסל פרייע לופט, נאך אביסל פרייד, הייטערקייט. ער האט אויסגעפונען, אז מען קען צו איר צוקומען דורך הארמאנירן מיט אירע פראטעסט־שטימונגען קעגן די אלטע פאראנדקעס, קעגן דעם פעאדאליסטן־דורכגעזאפטן קהל און גאטס־סטראפטשעס.

י. ב. ביילין

דאָס ערשטע שפּיל, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין אַ גערטנדל אין יאַסי, רומעניע, האָט טאַקע „אַנגעריסן״, ניט קוקנדיק אויף אירע שנעל־אָנגעשטשאָבעטע עלעמענטן. אָבער, אַז די ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו געבן זייערע האַרבסט־פאָרשטעלונגען און מ׳האָט שוין אין גערטנדל נישט געקענט איינזיצן און קיין אַנדער בינע האָט מען נישט געקענט קריגן, האָט גאָלדפאַדן, ווי אַ פּאַסטוך צוזאַמענגענומען זיין סטאַדעלע אַקטיאָרן און מיט זיי אַריבער־געפאָרן קיין באַטאָשאַן.

און דאָרט איז עס אין אַ שטיקל צייט אַרום געשטעלט געוואָרן זיין „שטיק״ רעקרוטן — אַ צייט פּיעסע. עס איז געוואָרן די ערב־מלחמה׳דיקע מהומה. מען האָט געהאַלטן אין איין זוכן רעקרוטן פאַר מיליטער.. עס איז געגאַנגען אַ סדרה אבלאַוועס, איבערפאַלן אין די גאַסן בייטאָג, אין די היימען ביינאכט. יונגע מענטשן האָבן זיך נישט געקענט ווייזן פאַר די אויגן, אויב זיי האָבן נישט געוואָלט אריינפאַלן אין די סאָלדאַטסקע שינעלן. ווען מען איז צווישן די געוויינלעכע יונגע באַזוכער פון אַזעלכע פאָרשטעלונגען געלעגן אין זין צו גיין אין טעאַטער און דאָרט פאַרנומען ווערן אין קאַזאַרמע.

אויף די אַקטיאָרן אליין האָט אויך געציטערט די הויט. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף די בוידימער ביז דער רעקרוטן־שטורם וועט פאָראיבער. איז טאַקע אַזוי אַרום באַשאַפן געוואָרן די „רעקרוטן״ פּיעסע. די אַקטיאָרן האָבן דערווייל געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט גאָלדפאַדנס אַנדערע טעאַטער פּלענער, אפילו דער סילועט פון שולמית האָט דאָרט אויפן באַטאָשאַנער בוידעם גאָלדפאַדן צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט פאַר די אַקטיאָרן.

די קאָמעדיע „רעקרוטן״ איז געוואָרן אַ גרויסער דערפאָלג. די שפּיל איז געווען דורכגעוועבט מיט „שקאָצעוואַטער״ „אָפּלאַכער״ פון די כלי־קודש מיטן גאַנצן באַגאַזש פון פּוסטע חלומות. דאָס גאַנצע אָפּגעלעבטע קלאַפּער־געצייג כאַפּט דאָרט גוטע קלעפּ, נאָך איידער די כאַפּערס רייסן זיך אַריין אין קלויז אַריין און כאַפּן דעם פאַר׳מוח׳טן צדוק׳ן פאַר אַ רעקרוט, בעת אַלע זיינען זיך שוין צעלאָפן. די קאָמעדיע איז געשפּילט געוואָרן פאַר געפּאַקטע הייזער און געווען איינע פון די ערשטע, וואָס האָבן אידענטיפיצירט דאָס יידישע טעאַטער מיט גאָלדפאַדענ׳ען ווי זיין פאָטער.

פון באַטאָשאַן האָט זיך גאָלדפאַדן געמוזט פאַרנעמען אין אַ פּלאַץ מיט ווייניקער בלאָטעס און מער יידישע טעאַטער־באַזוכער. גאלאַץ איז געווען זיין צווייטער טעאַטער גן־עדן. דאָ האָט ער געקראָגן אביסל געלט אַראָפּצוברענגען זיין „טרופּע״ (פון גראָדנערן מיט גאָלדשטיינען). דאָרט האָט ער אין אַ האָטעל אויסגעמייסטערט אַ בינע מיט דעקאָראַציעס, אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג

די „רעקרוטן" אום פורים (1877) און עס איז בלויז געבליבן פארן „גליקלעכן אויטאר", ווי אנצוהאלטן די באזוכערשאפט מיט נייע טעאטער־שטיק.

מיט דער אומגליקלעכער אומשטאנד פון נישט האבן קיין רעפערטואר, וואס זאל זיך בייטן אויב נישט יעדן אוונט, איז כאטש יעדע סוף־וואך, האט עס אנגעטריבן גאלדפאדענ׳ען אינם אויסערגעוויינלעכן שאפונגס־אימפעט צו ווערן, נישט בלויז דער ערשטער חשובער יידישער דראמאטורג, נאר אויך שאפער פון אפערעטן מוזיק, וואס זאל זיין פון א קאליבער, וואס מ׳זאל קענען הערן און הערן אין משך פון דורות.

גאלדפאדן האט אויסגעפראוועט אלערליי זשאנערן פון בינע־פאר־שטעלונגען — די שטייגער דראמע, ווי למשל „שמענדריק", צי „די ביידע קוני לעמעלס", „די באבע מיטן אייניקל", „די מומע סאסיע" און אנדערע. וואדעוויל, ווי למשל, „דאס בינטל האלץ" וואו ער צעטרייבט דאס יאגעניש נאך געלט, „קאבצענזאן" און הונגערמאן", „די שטומע כלה", „ברײַנדעלע קאזאק", „דוואשע די פליאטקע מאכערין" ביז די היסטארישע אפערעטעס „שולמית", „בר כוכבא", „דר. אלמאסאדא" און אנדערע.

אין דעם דאזיקן אקטיוון פעריאד, וואס האט אים דערפירט צו דער בינע אין בוקארעסט, וואו זיין „טרופע" איז ווערט געווארן דעם נאמען, אן גענדזן־פיסלעך, ווייל ער האט שוין דארט אפגעקליבן פון צווישן די משוררים אזעלכע אמתע גוטע טעאטראלע כוחות ווי זעליג מאגולעסקא און לייזער צוקערמאן האט ער שוין אויך צוגעקראגן א פערסאנאל פון אקטריסעס. דאס האט אים געגעבן מער פלאץ אויסצובריי טערן זיינע סוזשעטן און נישט דארפן אנקומען צו מענער, אז זיי זאלן שפילן פרויען־ראלן.

ווען ס׳האט אויסגעבראכן די טערקיש־רוסישע מלחמה, און בוקארעסט איז פול געווארן מיט גרויסע מיליטערישע גארניזאנען, רוסישע און רומענישע, וואס האבן מיטגעצויגן א היבש ביסל סוחרים־אימפארטירער, האט זיך שוין אריינגעריסן אין דער יידישער טעאטער־ספערע אויך דער עלעמענט וואס קאן צאלן הויכע פרייזן פאר פאדערשטע זיץ־פלעצער.

אזוי האט דאס יידישע טעאטער אנגעהאלטן זיין וואוקס און גאלדפאדנס שעפערישקייט. נאר אפילו אין דער צייט פון אט־דער פראספעריטעט דורך די פאדריאטשיקעס ,האט גאלדפאדן אנגעהאלטן זיין שעפערישקייט און אויפרייס־שטאף פון סאציאלן כאראקטער, און זיך געגעבן א קער פון אנטי־חסידיזם און אנטי־פאנאטיזם צו אן אויסגעשריי קעגן מלחמה־פראפיטעריי, ווי עס איז געווען זיין פיעסע „דער פאדריאטשיק".

גאלדפאדן האט באריכערט אונדזער יידיש לעבן אין אמעריקע, נאך איידער ער איז אהער געקומען צום ערשטן מאל אין 1887. דאס האבן שוין דא געשפילט זיינע פיעסן פיל פון זיינע פריערדיקע אקטיארן, וואס זיינען

אָפּגעפּאָרן פון רוסלאַנד, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט אויפגעהויבן איר האָק איבערן יידישן טעאַטער און אים פאַרבאָטן.

ווען גאָלדפאַדען איז געקומען אַהער, האָבן שוין צענדליקער טויזנטער יידן דאָ געזונגען זיינע קופּלעטן פון „שולמית״, „באָבע־יאַכנע״, „בר־כוכבא״, „אחשוורוש״ ,און אַנדערע אָפּערעטעס. אָבער אים אַליין האָט זיך דאָ נישט געזונגען. די היגע טעאַטער באַלעבאַטים האָבן אים שוין נישט געדאַרפט. זיי האָבן שוין געהאַט זייערע לאַטיינערס און הורוויטשעס. די בעסטע אַקטיאָרן האָבן מורא געהאַט פאַר זיין קאָנקורענץ. אַלע פאַרזוכן גאָלדפאַדענס צו האָבן דאָ אַן אייגענעם טעאַטער מיט אַן אייגענער טרופּע אין ניו יאָרק האָבן זיך ניט איינגעגעבן. אין זיין טרופּע האָבן די באַרימטע „סטארס״ ניט געוואָלט גיין. די מיטלמעסיקע אַקטיאָרן פון זיין טרופּע האָבן נישט געקענט קאָנקורירן מיט די קעסלערס און מאָגולעסקאָס, ניט אין ניו יאָרק און ניט אין דער פּראָווינץ, וואו ער האָט שוין אויך אויסגעפּרואווט זיין מזל.

און אָט־אַזוי האָט זיך אָפּגעשפּילט די טראַגעדיע פון גאָלדפאַד׳ענען אַליין. דער פאָטער פונם יידישן טעאַטער האָט נישט געהאַט קיין פּלאַץ אינם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. גאָלדפאַדען מוז זיך דאָ אומקערן צו זיין ערשטער, שוין כמעט פאַרגעסענער געליבטע — צו דער ליטעראַטור און פּרעסע.

ער הייבט אָן אַרויסצוגעבן אַ צוויי־וועכנטלעכע הומאָריסטישע וואָכנבלאַט. אָבער ער דערציט אפילו ניט צו ח״י נומערן. הייבט ער אָן זיך צו וואַרפן צוריק צום טעאַטער־וועזן. ער גרינדעט אַ דראַמאַטישע שולע פאַר שפּילן טעאַטער און גיט אויך מוזיק לעקציעס. אָבער שוין אויך אָן דערפאָלג.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ פאַרלאָזט ער אַמעריקע, פאָרט קיין פּאַריז, האָפט צו מאַכן גוט צוליב דער וועלט־אויסשטעלונג פון 1889. אָבער זיינע פאַרשטעלונגען ברענגען אים נישט אריין אפילו גענוג צו קענען האָבן אויף הוצאות.. אין האַרבסט פון 1890 זעען מיר אים שוין אין לעמבערג, ער שפּילט דאָרט זיינע נייע פּיעסעס „משיחס־צייטן״, ׳ראָטשילד״, „ר׳ יאָזעלמאַן״, און אייניקע פון זיינע אַלטע פּיעסן. ער האָט אַ טיילווייזן דערפאָלג אויך אין לעקציעס, אין לעמבערג ,ווי אין אַנדערע שטעט אין גאַליציע, רומעניע און בוקאָווינע. אָבער צו זיין 20טן יובילייִ, ווי דער „פאָטער פון יידישן טעאַטער״, ווערט ער שוין ווידער אַ יתום. ער מוז אויפגעבן דעם טעאַטער־וועזן. ער דרוקט איבער זיינע פּיעסן, לידער־זאַמלונגען ,און מוטשעט זיך אומעטום, וואו ער קומט — אפילו אין פּאַריז וואו ער פּרוּווט זיך ווידער באַזעצן אויף עטלעכע יאָר.

ווען עס ווערט געפייערט איבער דער יידישער וועלט זיין 60טער געבורטסטאָג, אין יאָר 1900, און עס ווערן געמאַכט לכבוד אים צענדליקער

אָונטן, איז עס בלויז ווי אַ מין פורים — אַ „יום־טובדיק לעבן פון איין טאָג". ער לעבט אין נויט.

אין 1904 קומט ער צוריק אין אַמעריקע אויף פאַרבלייבן. קנאַפּע פינף יאָר לעבט ער דערנאָך. אין דער צייט, וואָס ער האָט בלויז זיין פאַרמעגן אין זכרונות פון זיין פריערדיקער קורצער גלאַנץ־פעריאָדע, מאַכן דאָ די יידישע טעאַטער דירעקטאָרן אין יענע יאָרן שטיקער גאָלד.

ווען דער לעבנס־פאַרהאַנג האָט זיך צום לעצטן מאָל אַראָפּגעלאָזט איבער אברהם גאָלדפאַדנען, דעם 9־טן יאַנואַר, 1908, האָט איינע פון די ריזיקסטע יידישע לוויות אין יענער צייט אין ניו יאָרק, אים אַרויסבאַגלייט צו זיין „אייביקער" רו, פּופּציק טויזנט קעפּ האָבן זיך געריסן אין דער הויך צו זען, ווי דער פאָטער פון יידישן טעאַטער ווערט אַראָפּגעפירט פון דער לעבנס־בינע „הינטער די קוליסן"...

קאַפּיטל אַכט

לעאָפּאָלד אוער — דער לערער פון די „יאשאס״ און די „מישאס״

עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער אמת גרויסער לערער גיט אַרויס תלמידים גרעסערע פון זיך. וואו ער זאָל זיך נישט געפינען שלאָגט ער אָן מיט דער צייט שיר נישט אין דער אייביקייט.

לעאָפּאָלד אוער קען מיט רעכט פאַררעכנט ווערן צווישן די גרויסע לערער אויף זיין אייגענעם געביט. נישט בלויז איז ער אליין געווען שוין, אין זיינע יונגע יאָרן, אַ העלער, פינקלדי־קער פיל־קאַליבער ווירטואָז פונם פידל — דאָס וועט אפשר די אַלגעמיינע געשיכטע פון קונסט נישט אַזוי אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט — ווי אַ פאַקט, וואָס ער איז געווען דער לערער פון די גרעסטע פידל־קינסטלער, וואָס די ערשטע העלפט פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט אַרויסגעפירט אויף דער מוזיק־אַרענע.

עס איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט, וואָס כמעט אַלע פון זיי געפינען זיך איצט אין אַמעריקע, באַגייסטערן יערלעך הונדערטער טויזנטער מוזיק־ליבהאָבער, דירעקט פון דער עסטראַדע; און צענדליקער מיליאָנען אומדי־רעקט דורך זייערע פאָנאָגראַף־רעקאָרדס. אָבער נישט אַלע ווייסן, אַז אַרויס־געבראַכט זייער שיין און וואַרעמקייט האָט דער אליין־געניאַלער גרויסער לעאָפּאָלד אוער.

און פאַר אונדז אַמעריקאַנער קולטור־יידן איז נאָך אינטערעסאַנטער וואָס כמעט אַלע פון זיי זיינען געבאָרענע יידן און אַז זייער גרויסער לערער איז אויך אַזוי.

לעאָפּאָלד אוער איז געבאָרן געוואָרן אין 1845 אין אַ יידישער פאַמיליע אין וועשפּרעם, אונגאַרן. גראַד איז אונגאַרן טראַדיציאָנעל אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט הערלעכע מעלאָדיעס, מיט וואונדערבאַרע ראַפּסאָדיעס. די אונגאַרישע ערד האָט געגעבן געבורט צום וואונדערלעכן יאָאַכים, פראַנץ ליסט, מישא האוזער, יאַקאָב גרין, סיוואָדאר נאַשעז, קאַרל פלער, דזשאָזעף

סיגעטי און נאך און נאך. אפענע איינזאפנדיקע אויערן האבן ווי דורשטיקע, געטרונקען די אין־דער־לופט זיך טראגנדיקע ציגיינער־לידער.

דער עלעטערער אוער, לעאפאלד׳ס פאטער, איז אליין געווען א שטיקל קינסטלער. געלעבט האט ער פון שטוב־מאלעריי און דעקאראטיווער הויז־ארבעט, אבער געהאט א געפיל פאר צייכענונג, פאר קינסטלערישער פראפארציע. ער האט שטאלצירט מיט זיין יונגן פיר־יאריקן לעאפאלד, וואס האט שוין ארויסגעוויזן א חוש פאר ריטם. צו פינף יאר איז ער שוין געווען א סענסאציע צווישן מבינים, און אין עלטער פון אכט יאר האט מען אים שוין אוועקגעשיקט קיין בודאפעסט צום מוזיק־פראפעסאר רידלי קאהען. דארט האט ער אויך פארגעזעצט זיין אלגעמיינע שול־בילדונג.

דאס וואונדער־קינד האט גיך געדארפט אנקומען צו א פידל־פראפעסאר און ער האט לערנט ער שוין פידל־טעכניק ביי פראפעסאר דאנט און אין אנהויב פון זיין עלפטן יאר זעען מיר אים שוין אין קאנסערוואטאריע אונטער פראפעסאר העלמסבערגער. ווען אן ווייטערדיקע פאנדן צו קענען אנהאלטן די קאנסערוואטאריע, פרואווט זיין פאטער אים נעמען קיין ווין פאר א קאנצערט. דאס איז געווען סוף 1856, און אן אנהויב פאר די אוערס צו זען די וועלט. דער קאנצערט אין ווין האט זיך איינגעגעבן און דער פאטער האט זיך אוועקגעלאזט מיטן פייאיקן יינגל איבער דער פראווינץ מיט קאנצערטן.

דאס האט אים געגעבן א מעגלעכקייט צו פארענדיקן די קאנסערוואטאריע, נעמענדיק דעם ערשטן פריז, און איז גלייך אוועק קיין האנאווער צו שטודירן ווייטער מיט יאאכימען. דאס אליין איז שוין געווען א ווייטערדיקער הייבער — „יאאכים׳ס א בריליאנטענער תלמיד״. צו 16 יאר אראנזשירן פאר לעאפאלד אוער׳ן איינפלוסרייכע פערזאנען אין פאריז א פרימארגן קאנצערט אינם בארימטן פלעיעל־זאל און צו זיין פרעסטיזש האט אים אקאמפאנירט אויף דער פיאנא זשאזעף וויניאווסקי.

אין פאריז באקענט אים — דער מוזיקער מאשעלעס מיט די גרויסע מוזיק־ריזן—בערליאז און ראסיני. דער ערשטער איז געווען זייער באגייסטערט פארן יונגן ווירטואז און אים דערמוטיקט. צוריק אין האנאווער באקענט ער זיך ביי יאאכימען מיטן גרויסן דענישן פידלער גאדע, מיט קלארא שומאן, האלער און פערדינאנד דאוויד. דער לעצטער רעקאמענדירט אים דערנאך אין 1863 צו געבן א „ריסאיטל״ אין לייפציגער „געוואנדהאוז״. דאס 18 יאריקע יינגל האט געמוזט נעמען א שלוק שטארקן וויין צו האבן גענוג מוט צו שפילן פאר אזא מוזיקאלישן עולם. זיין ווירטואזיטעט איז אים מער ביי־געשטאנען ווי דער וויין. סיי דאוויד און סיי די איבעריקע קריטיקער האבן אים ווארעם באגריסט. דאס האט פאר אים אויסגעלייגט א וועג צו קריגן

די ערשטע פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע אַלס קאָנצערט־מייסטער אין דיסלדאָרף. אין 1865 קריגט ער די זעלבע שטעלע אין האַמבורג אונטער בראַמסן.

אין דריי יאָר שפּעטער (1886) פירט אים שוין אַ שנעל־צוג קיין פּעטער־בורג צו ווערן פּראָפעסאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע. אויסער זיינע רעקאָמענ־דאַציעס פון די גרויסע מוזיקער, האָט ער געפירט מיט זיך נאָך אַ פּאַפּירל — צו זיין ווערט אָנצונעמען אַזאַ הויכע שטעלע פאַר אַזאַ יונגנמאַן. דאָס איז געווען אַ טויף־צעטל, אַ שיין, אַז ער האָט אָנגענומען די פּראַוואָסלאַוונע רעליגיע. ווער קען וויסן וואָס פאַר אַ ביי־טענער עס האָבן זיך אָפּגערופן דערביי אין זיין באַוואוסטזיין? נאָר דאָס זעלבע האָט געטאָן פאַר אים אַנטאָן רובינשטיין...

אויער האָט אין פּעטערבורג פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם גרויסן הענרי וויניאַווסקי, וואָס האָט שוין געהאַט דעם טיטל „סאָלאָאיסט פון זיין מאַיעסטעט, דעם צאַר", און געדאַרפט שפּילן די סאָלאָ צו די קייזערלעכע באַלעטן.

אין 1872 האָט שוין אויער אויך פאַרנומען די דאָזיקע וויניאַווסקיס פונקציע און אין זיין אַרבעט, אַלס פּראָפעסאָר פון דער קאָנסערוואַטאָריע, האָט ער אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, ביז נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע, אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט איין פינקלדיקן פידל־מכשף נאָכן אַנדערן — צווישן זיי — לויטן אַלף־בית — אַזעלכע ווי יוסף אַכראָן, מייא באַנג, אַלעקסאַנדער בלאָך, עדי בראָון, וולאַדימיר גראַפמאַן, צעציליע האַנ־סען, דוד האָפּשטיין, טאָשאַ זיידל, יאַשאַ פישבערג, בענא ראַבינאָף און מאַקס ראָזען, און די לעצטע — די גרעסטע: יאַשאַ חפץ, מישאַ עלמאַן און אפרים צימבאַליסט — און פיל אַנדערע, וואָס רירן צוזאַמען מיט זייערע סטרונעס די סענסיטיווע הערצער פון דער מוזיקאַלישער מענטשהייט.

און דאָ קומט טאַקע דער סימן מובהק פונם גרויסן לערער — אַ רייע תלמידים האָבן אים אַליין, דעם ווירטואָז, ווייט איבערגעשטיגן.

אין רוסלאַנד גופא האָט אויער פיל געהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון טשעמבער (קאַמער) מוזיק. ער איז געווען דער גרינדער פונם באַרימטן פּעטערבורגער קוואַרטעט אין וועלכן ער האָט אַליין געשפּילט. אין זיין טשעמבער־מוזיק האָבן זיך באַטייליקט אַנטאָן רובינשטיין, דער וועלט־באַרימטער פיאַניסט, אַנעט אסיפאָווא, קאַרל דאַווידאָוו און אַלפרעד פּיאַטי. פונם יאָר 1878 ביז 1892 האָט ער דיריגירט די סימפאָנישע קאָנצערטן פון דער קייזערלעכער מוזיקאַלישער געזעלשאַפט אין פּעטערבורג.

אינטערעסאַנט איז, אַז טשאַיקאָווסקי האָט אים געווידמעט זיין באַרימטע פידל קאָנטשערטאָ און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שפּילן זי. זאָל עס זיין וואָס ער האָט מורא געהאַט פאַרן גרויסן מייסטער׳ס שאַרפער קריטיק?

טשאַיקאָווסקי איז אים ניט שולדיק געבליבן. ער האָט די קאָנטשערטאָ איבער־געווידמעט אַ צווייטן באַרימטן פידל־ווירטואָז — אַדאָלף בראָדסקי.

וואָס ווייטער איז לעאָפּאָלד אויער אַלץ אַריינגעדרונגען טיפער אין דער „הויכער געזעלשאַפט". זיין גאַנצע באַקאַנטשאַפט מיט די רוסישע צאַרן אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, אַלעקסאַנדער דעם דריטן און ניקאָלאַי דעם צווייטן האָבן פאַר אים אויך געעפנט די טירן פון אַזעלכע מאָנאַרכן ווי פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, פונם טערקישן סולטאַן אַבדול האַמיד דעם צווייטן און ביי אַזעלכע פּאָליטישע פירער ווי גלאַדסטאָן און דיזראַעלי אין ענגלאַנד, און אַוודאי ביי די מאָנאַרכן אויף די מוזיק־טראָנען פון דער וועלט.

ער איז געווען באַפריינדעט מיט אויסער די שוין־דערמאָנטע בערליאָז און ראָסיני, יאָאַכים און ליסט, בראַמס און קלאַראַ שומאַן, אויך מיט ריכאַרד און יאָהאַנעס שטראַוס, מיט סען סעאַנס און גונאָד און נאָך און נאָך. ער איז אויפגעטראָטן מיט טורגעניעוון, פאַן בילאָוון און מיט פיל הויכע באַ־אַמטע אין צאַרישן רוסלאַנד.

אָבער די רעוואָלוציע פון 1917 האָט צעטריבן פיל פון די דאָזיקע „פריינט" זיינע און אין זיין עלטער איז אים געווען ניט גרינג איינצולעבן זיך אין יענער שטורמישער צייט. אין 1918 איז ער אַוועק אויף אַ שטיקל צייט אין נאָרוועגיע און אין 1920 האָבן אייניקע פון זיינע תלמידים אַראָפּגע־בראַכט אים, און אייניקע פון זיינע לעצטע תלמידים קיין אַמעריקע. מיט זיי איז אויך געווען מאַדאַם באַגוטסקאַ־שטיין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זיין פרוי. ער האָט זיך באַזעצט אין ניו יאָרק.

אַ גרויסער אויפרודער איז פאָרגעקומען אין דער מוזיקאַלישער וועלט ווען עס איז געפייערט געוואָרן אין 1925 זיין אַכציקסטער געבורטסטאָג. די הויפּט אַראַנזשירער זיינען געווען אפרים צימבאַליסט און יאשא חפץ. בילעטן האָבן זיך פאַרקויפט פון די „בילעטשיקעס" פאַר פאַבלהאַפטע פרייזן. פאַר שטיין לעבן אַ וואַנט האָבן מענטשן געצאָלט אַזוי הויך ווי 50 דאָלאַר.

דער שרייבער איז געווען איינער צווישן די טויזנטער וואָס איז געבליבן אין דרויסן, אַ גוטן בלאָק אַוועק פון זאַל. די שטיקעניש איז געווען אַזוי גרויס טראָץ די באַמיאונגען פון דער פּאָליציי אָפּצוציען דעם עולם אין אַנדערע גאַסן. דאָס איז פאָרגעקומען דעם 28טן אַפּריל. די פּיאַנאַ־קאָנצער־טיסטן זיינען דאָרט געווען אָסיפּ גבריאַלאָוויטש, סערגעי ראַכמאַנינאָוו, יוסף האָפמאַן און פּאול סטאָסעוויטש. די פידלער זיינען געווען יוסף אכראָן,

י. ב. ביילין

יאשא חפץ און אפרים צימבאַליסט. אַזויפיל מוזיקאַלישע שטערן האָבן נאָך קיינמאָל פריער איין קאָנצערט ניט באַלויכטן. עס איז געווען אַ געשיכטע־טאָג.

ער האָט געשאַפן פיל קאָמפּאָזיציעס פאַר פידל, אַ ריי סאָלאָס, און פאַר טשעמבער מוזיק. אינטערעסאַנט איז זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „מאַי לאָנג לאַיף אין מוזיק״ און „וויאָלין פּלעאינג עז אַי טיטש איט״. גאדאל זאַלעסקי אין זיין בוך „דזשואיש מיוזישנס״ און די „דזשואיש יוניווערסאַל ענציקלאָפּעדיא״ שרייבן וועגן אים באַזונדער וואַרים.

ער איז געשטאָרבן לעבן דרעזדען, פון לונגן־אנצינדונג אין 1930.

קאַפּיטל ניין

צבי הירש בערנשטיין

דער ערשטער העברעאישער צייטונגס־רעדאַקטאָר און טעאַטראַל אין אַמעריקע

צייטונגען אין אַמעריקע בכלל, און אין די זיבעציקער פון פאַריקן יאָרה. בפרט, זיינען שוין ניט געווען קיין נייעס און אוודאי האָט זיך שוין דערביי נישט געפאָדערט קיין פּיאָנערן־גייסט. ענגלישע צייטונגען זיינען שוין דאָ אַרויס אינ׳ם 17טן יאָר־הונדערט. אָבער יידישע צייטונגען אין יידיש, מיט יידישע בוכשטאַבן, אין אַמעריקע, האָט דאָ מיט הונדערט יאָר צוריק געקענט זיין בלויז אַ חלום.

דער פּיאָנער, וואָס האָט זיך פאַר־מאָסטן אַריינצולייגן געלט אין אַזאַ עסק, איז געווען אַ וואַגנדיקיר אונטער־נעמער; נישט בלויז האָט ער ריזיקירט מיט זיין געלט, ער האָט אויך געשטעלט אין קאָן זיין „גוטן" יידישן נאָמען.

יידיש איז נאָך דעמאָלט אין די מערסטע באַלעבאַטישע הייזער נישט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ ציוויליזירטע שפּראַך. אפילו יידישע נאַציאָנאַליסטן האָבן מערסטנס געקוקט אויף יידיש ווי אויף אַ „זשאַרגאָן", ווי אויף אַ קאָ־רופּטירטן, צעקליאַטשעטן דייטש. שרייבן אויף יידיש וועגן וויכטיקע ענינים, אָדער וועלט־זאַכן, האָט אין פיל אויגן פון געבילדעטע יידן אויסגעקוקט אין יענער צייט, ווי אַ מיחוש, אויב נישט קיין פולשטענדיקער משוגעת. די וואָס האָבן עס שוין יאָ געטאָן, האָבן געפּרואווט זיך באַרעכטיקן דורך דער פאַרזיכערונג, אַז דאָס טוט מען צוליב די אָרעמע פּרויען, ווי צבי הירש גרשוני האָט געשריבן, לויט קלמן מרמר׳ן, אין אַ העברעאישן מאַנו־סקריפּט, אַז פּונקט אַזוי ווי די העברעאישע ראָמאַנען פון אברהם מאַפּו׳ן און אַנדערע משכילים האָבן געווירקט אויפן האַרץ פון דעם ישיבה־בחור, „אַזוי ווירקן אויך די דערציילונגען „רב חייציקל אַליין", דער „גוט יום־טוב ביטער", „רב חיים׳ל קאַצין" און דערגלייכן אויף די הערצער פון די יידישע טעכטער".

„דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע" פון קלמן מרמר, אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן אַלמאַנאַך פון 1940.

י. ב. ביילין

אָבער דער, וואָס האָט שוין יאָ איינגעשטעלט זיך צו „שרייבן פאַר וויבער” (שלום עליכם׳ס איראָנישער אויסדרוק) האָט זיך באמית „אויסצו־שטעלן” דעם „אָרעמען יידישן לשון דורך ׳באַרייכערן׳ אים מיט וואָס מער דייטשמערישע ווערטער און זאַץ־בויאונגען. גראד האָבן זיך צו דעם צוגעפּאַסט יידישע משכּילים, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט דייטש דורך מענדעלסאָנ׳ס ביבל־איבערזעצונג, אָדער די, וואָס זיינען געקומען פון די דייטש־עסטרייכי־שע גרעניץ־געביטן, אויסער דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ חוש פאַר דער רעאַלער ווירקלעכקייט און אַן אינטואיציע פון אַ דיכטער, צו ווערן אַ פּיאָנער פון אַ צייטונג אויף יידיש אין אַמעריקע. אַזאַ איז גראד געווען דער ערשטער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון אַן אַמעריקאַנער צייטונג אין יידיש „די פּאָסט”, צבי הירש בערנשטיין.

געבאָרן אינ׳ם פּויליש־ליטווישן שטעטל נזשטאָט־שירווינט, סוא־וואלקער גובערניע אין אַ באַלעבאַטישער, מיוחס׳דיקער פאַמיליע, אי׳ן יאָר 1846, האָט זיך צבי הירש בערנשטיין דערוואָרבן אַ יידישע טראַדיציאָנעלע דערציאונג און אַ לויפיקייט אין אַ גראַמאַטישן העברעאיש, גוט געגוג, אַז ער זאָל שוין אין זיינע יונגע יאָרן פאַרזוכן דעם טעם פון געדרוקט ווערן אין דער העברעאישער פּרעסע פון יענער צייט.

דער יונגער בערנשטיין האָט געשריבן פאַר אייניקע העברעאישע צייט־שריפטן, צווישן זיי אויך פאַרן „הכרמל”, „הלבנון” און „המגיד”. ניט וואָס ער האָט געצויגן פון זיי פּרנסה. ער איז געוואָרן אַ געשעפטס־מענטש נאָך אין זיין פאָטערס הויז און באַטייליקט זיך אין זיינע עסקים. ווען ער איז שוין געווען מיט אַ שותף אין זיין אייגענעם געשעפט האָט ער זיך שוין געקענט דערלויבן דעם לוקסוס אַליין אַרויסצוגעבן אין העברעאיש אַ פּאָלעמי־שע בראָשור קעגן יעקב באַכראַכ׳ן „ספר היחוס לכתב אשורי”.

בערנשטיין איז געווען באַפריינדעט מיט׳ן העברעאישן דערציילער פּרץ סמאָלענסקי׳ן און ווי ער, אין דער יוגנט „געבלאָנדזשעט אין די לעבנס וועגן”. און מאָדנע: אין דער זעלבער צייט, וואָס ער שאַפט אַ מאַטעמאַטישע טאַבעלע פאַר געשעפטס־לייט, אַז זיי זאָלן בעסער זיך קענען אָריענטירן אין זייערע געשעפטן און זיך נישט לאָזן באַשווינדלען, באַשווינדלט אים דערווייל זיין שותף און ער פאַרלירט אַ גרויסן טייל פון זיין פאַרמעגן. דאָס האָט אים געמאַכט אַרויסצוּוואַנדערן אין דער נייער וועלט.

געווען איז עס אינ׳ם יאָר 1870, אין ניו יאָרק האָט ער שוין געפונען אַ ריזיקע יידישע באַפעלקערונג פון אַרום אַכציק טויזנט נפשות, אָבער צעטיילטע אין צענדליקער קהילות און גרופּירונגען. ער האָט באַלד איינ־געזען, אַז דער דייטשער ייד, ווי אויך דער ספרד׳ישער, האָט זיך שוין דאָ

געשאַפן אַ פּרעסע — פּיל וואָכנבלעטער און זשורנאַלן אין ענגליש און דייטש, אָבער קיין איינע נישט מיט יידישע אותיות, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעם פּשוט׳ן אומגעלערנטן יידן, אין די ענגלישע און גאָט׳יש׳־דייטשע שריפטן צו קענען לייענען אַ צייטשריפט און וויסן וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט.

בערנשטיינס איניציאַטיווע האָט זיך אין גיכן געלאָזט פילן. נישטאָ קיין יידישער בוכשטאַב־זאַץ — זיינען אָבער פאַראַן באַנען און דאַמף־שיפן.

אין עטלעכע וואָכן האָט ער שוין פון ווילנע און ווין געקראָגן מוסטערן פונ׳ם יידישן אלף־בית, און זיי געלאָזט דאָ אויסגיסן אין בליי. ער האָט נאָכ־געפאָרשט און געזוכט אַ יידישן שריפטזעצער און אויסגעפונען וועגן צבי הירש גערשוני׳ן, אַראָפּגעבראַכט אים פון מעיקאָן, דזשאָרדזשיא, און ער האָט אים געקראָגן ניט בלויז אַ זעצער, נאָר אויך אַ פייאיקן מיטרעדאַקטאָר און אַזוי איז, ווי מיר האָבן שוין געזען, דערשינען דאָ די ערשטע צייטשריפט אויפן אַמעריקאַנער באָדן אין יידיש — „די פּאָסט״.

דאָס איז געווען אין אויגוסט, 1870, אַ היסטאָרישע דאַטע, נישט בלויז פאַר די מזרח־יידן, נאָר אויך פאַר פיל דייטש־רײדנדיקע יידן. קענטיק, אָבער, אַז די ביידע הירשן האָבן זיך פאַרפלאָנטערט איינער אין דעם אַנדערנס הערנער. גיכער פון אַלץ איז עס אַרויסגעקומען צוליב דער „קנאת־סופרים״ — מ׳האָט זיך נישט געקענט אַריענטירן, ווי אויף איין שיף קענען זיין צוויי קאַפּיטאַנען, און אַזוי שנעל ווי בערנשטיין האָט געקראָגן דעם דריטן הירש, דעם ווילנער זעצער הירש קאַטאַן, האָט ער אָפּגעבראָכן מיט הירש גערשוני׳ן נאָך פיר וואָכן שותפות און אַליין אָנגעגאַנגען מיט דער צייטונג.

„די פּאָסט״ האָט אין משך פון די וויטערדיקע מאָנאַטן געמאַכט גוטע געשעפטן, עס האָט זיך געשאַפן אַ באַזע פון הונדערטער אַבאָנענטן און עטלעכע טויזנט קויפער. עס זיינען אַריינגעקומען אַנאָנסן, ניט בלויז פון ניו יאָרק און באָסטאָן, פילאַדעלפיע, נוארק, נאָר אויך פון אַנדערע שטעט.

דער דאָזיקער מאַטעריעלער דערפאָלג האָט אָנגעהאַלטן נישט קוקנדיק אויף בערנשטיינ׳ס פאַרדייטשמערישטן יידיש. קלמן מרמר אילוסטרירט דעם דאָזיקן יידיש מיט אַן אויסצוג פון זיינס אַ בריוו אינ׳ם שפּעטערדיקן „טאָגע־בלאַט״. ער שרייבט אַזוי אין אַ פאַרענטפערונג:

„איך קען ניט ערווידערן, דאָס האָב איך נור די ריינע וואַרהייט געשריבן און איך וואר זאָגאר זייער מילד אין מיין שרייבן... איך וועל נאָך שפּעטער פּיליכט אין אַ ספר מיוחד נאָך איינמאָל איבער יענער צייט שפּרעכן״. (דאָרט, זייט 338).

טאַקע דער דערפאָלג האָט אים אַריינגעזאָגט אין אַ תאווה צו נעמען שפּילן גאָר גרויס. אויב די צייטונג איז שוין אַזאַ גרויסער דערפאָלג, פאַרוואָס

נישט מאַכן זי אַ ציַיטונג פאַר יידישע אינטערעסן אין פיר שפראַכן ? אמת, פאַר דעם פאַדערט זיך אַ גרעסערע אינוועסטירונג, אָבער עס האָט זיך געיאַוועט אַ שותף, אַ געוויסער „יעקב קאָהען, אַן אַלטמאַדישער ייד פון סואוואַלקער גובערניע". דאָס איז געווען אַ פּאָליטישן פון טעמעני, וואָס איז „געלאָפן" פאַרן אַמט פון סופּערוואיזער און געזען פאַר זיך אַ גרויסן זיג אין די וואַלן, דורך האָבן פאַר זיך אַזאַ גרויסע אוידיטאָריע ווי לייענער פון יידיש, ריין־דייטש, העברעאיש און ענגליש.

ווי בערנשטיין אַליין האָט דערנאָך דערציילט אין זיינע זכרונות אין „ילקוט מערבי", האָט קאָהען צוגעזאָגט אַריינצולייגן דרייסיק טויזנט דאָלאַר אויף אַן אייגענער דרוקעריי — אַ ריזיק פאַרמעגן אין יענער צייט. דערוויייל האָט מען זיך אַריינגעשטעלט אין אַ געביידע אויף פּאַרק ראָו, לעבן סיטי האָל, וואו עס האָבן קוואַרטירט די גרויסע ניו יאָרקער צייטונגען. די ציַיטונג „די אידישע נייעס" האָט אַרויסגעלאָזט איר ערשטן נומער דעם 15טן אַפּריל, 1871, וואָס איז גראַד אויסגעפאַלן ערב פּסח, אין 32 גרויס־פאַר־מאַטיגע זייטן. שוין אין דעם ערשטן נומער איז אַריינגעבראַקט געוואָרן אַרום צען טויזנט דאָלאַר, אַזוי ווי אין די וואַלן האָט טעמעני דעמאָלט געכאַפּט אַ מפּלה, האָט זיך בערנשטיינ׳ס לאַנדסמאַן גלייך צוריקגעצויגן פונם גאַנצן עסק, און די אונטערנעמונג האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז.

בערנשטיין איז גיך צו־זיך געקומען פונ׳ם דורכפאַל און מיט זיינע געשעפטס־פעאיקייטן צוריק אַריין אין די צייטונגס־געשעפטן. דאָס מאָל איז אויף אים אויסגעפאַלן צו זיין דער ערשטער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון אַ ריינער העברעאישער צייטונג — „הצופה בארץ החדשה" („דער בעאָ־באַכטער פונ׳ם נייעם לאַנד"). די דאָזיקע צייטונג האָט שוין געהאַט אַן אריכת־ימים פון אַרום זעקס יאָר. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין 1876, אינ׳ם גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס איבער׳ן לאַנד. בלויז געציילטע קאָפּיעס פון דער צייטונג זיינען נאָך געווען מיט 3־4 צענדליק יאָר צוריק.

קענטיק, אַז קיין צו גרויסע איינקונפטן האָט ער פון דער צייטונג גופא נישט געהאַט אפילו אין די גוטע יאָרן. ער האָט געמוזט צו־פאַרדינען פון זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין די העברעאישע צייטשריפטן. דאָך האָט ער אויפגעבנדיק דעם צייטונגס־געביט, נאָך געהאַט גענוג רעסורסן אַריינצו־שטעלן זיך אין אַ נייעם געשעפט. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו אַ קליינעם באַנק־געשעפט, וואָס ער האָט אין אַ קורצער צייט אַרויפגעאַרבעט אויף אַ העכער מדרגה.

אָבער דער פּיאָנער אין אים האָט זיך ווידער אָפּגערופן. אויב נישט אַ יידישע צייטונג איז כאָטש אַ יידיש טעאַטער. ער איז געוואָרן דער איינ־

טימער פונ׳ם „רומעניען אָפּערא האוז" און דאָרט אין אַ קורצער צייט גע־בראַכט צו קבורה זיין פאַרמעגן...

קיין אביון איז ער אָבער נישט געבליבן. דאָס איז געווען דער רעסורס־פולער געשעפט־אונטערנעמער. ער איז ווידער אַריין אין די באַנק מאַני־פולאַציעס, פאַרפעסטיקט זיך נאָך מיט ריעל־עסטעיט געשעפטן און מ׳האָט מיט אים נישט געדאַרפט זאָגן „עניני". אין די עלטערע יאָרן האָט ער זיך צוריק־געצויגן צוליב זיין אַסטמע־קראַנקהייט, אין די קעטסקיל־בערג אַרום טע־נערסוויל און געשטאָרבן דעם ערשטן אויגוסט, 1907 אין עלטער פון 61 יאָר.

קאַפּיטל צען

ווי אַזוי דזשאָזעף פּוליצער האָט זיך באַרימט געמאַכט

צווישן די אימיגראַנטן, וואָס האָבן דערגרייכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן צו אַ הויכער מדרגה פון פּראָ־מינענץ, געפינט זיך אַן אימיגראַנט פון אונגאַרן, אַ זון פון יידישע עלטערן — דזשאָזעף פּוליצער.

דאָס יידישע אימיגראַנטן יינגל האָט זיך דערשלאָגן צו אַ מדרגה, וואו זיין בילד האָט דער פּאָסט־אָפיס באַערט מיט אַ פּלאַץ אויף איינעם פון זיינע פּאָסט־מאַרקעס, צוזאַמען מיט די בילד־ער פון די גרויסע פּרעזידענטן און פון די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייטן אין לאַנד. ער איז געווען דער באַלע־באָס און וואָרט־זאָגער פון איינער פון די גרעסטע צייטונגען אין ניו יאָרק — „דהי נ. י. וואָרלד".

ווען ער איז געשטאָרבן, אין אָקטאָבער 1911, האָט די גאַנצע פּרעסע פון ניו יאָרק אים געזונגען די גרעסטע לויב־געזאַנגען. מען האָט אים פּראָקלאַ־מירט פאַר איינעם פון די גרעסטע צייטונגס־מענטשן און פאַר איינעם פון די אָנגעזעענסטע פּאָליטיקער אין לאַנד. די פונדאַציע, וואָס ער האָט געלאָזן פאַר דער שולע פון זשורנאַליזם, ביים קאָלומביער אוניווערזיטעט, און דעם „אייביקן פאָנד" פאַר יערלעכע פּריזן צו די בעסטע ליטעראַטור־שאַפער האָבן אים פאַראייביקט, ווי איינעם פון די גרויסע אין אַמעריקאַנער זשור־נאַליזם.

וואָס איז דער אמת וועגן אים? וואָס איז דער קאַליבער פון זיין גרויס־קייט מיט וועלכע עס נעמען זיך אַזוי איבער די יידן פון די „הויכע פענצטער" און ווי וייט זיינען געגאַנגען זיינע „הויכע פּרינציפּן" פון אַ ריינער און ערלעכער פּרעסע?

לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף די הויכפּונקטן פון זיין קאַריערע:

דזשאָזעף פּוליצער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ יידישער האַלב־אסימי־לירטער פאַמיליע, אין בודאַפּעסט, אונגאַרן, דעם 10טן אַפּריל, 1847. מיר וייסן גאָרנישט וועגן זיין היים און סביבה, וועגן זיינע ערשטע יאָרן. ער

האָט קענטיק וועגן דעם נישט געוואָלט רעדן, כדי נישט צו אונטערשטרייכן זיין אויסלענדישן אָפּשטאַם; מיר ווייסן בלויז, אַז זיין דערציאונג איז געווען אַ פּריוואַטע און אַז ער האָט אין עלטער פון זעכצן עמיגרירט פון אונגאַרן קיין אַמעריקע.

דאָס יונגע בחורל איז אַהער אָנגעקומען אין 1863. אין רעכטן מיטן פונעם בירגער־קריג און האָט נאָך באַוויזן אַריינצוטרעטן אין דער יוניאָן־אַרמיי ווי אַ פּריוואַליקער סאָלדאַט אין דער קאַוואַלעריע. אַלס אַזעלכער האָט ער געקעמפט ביז׳ן סוף פון דער מלחמה. נישט האָבנדיק אין זיין האַנט קיין שום פּריערדיקע באַשעפטיקונג, זעען מיר אים ווי ער קומט־אָן קיין סט. לואיס, דריט זיך אַריין אין געריכט, ווי אַ פּאַראינטערעסירטער אין געזעץ, און ווערט אָנגעשטעלט אין דער רעדאַקציע פון דער דייטשער ציטונג „די וועסטליכע פּאָסט״, אַלס געריכט־רעפּאָרטער.

ווי אַ רעפּאָרטער, און זייער שנעל ווי אַ פּאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר, האָט ער זיך אַריינגעוואַקסן אינעם פּאָליטישן געווירבל פון יענער צייט, געקראָגן אַ צוטריט צו די ברייטערע שיכטן ווילער פון דייטשן און אונגאַרישן אָפּשטאַם. זיין אונטערנעמערישקייט האָט אים שנעל געמאַכט, אין די יאָרן פון 1866 און 1868, פּאַר אַ שותף אין דער ציטונג.

דער יונגערמאַנטשיק, ספּריטנע און אויסערגעוויינלעך פּייאיק, ווייזט זיך אַרויס צו ווערן אַן עקספּערט אין דער פּאָליטיק פון מיזורי־שטאַט און ווערט דערוויילט אין דער סטעיט־לעגיסלאַטור אין די וואַלן פון 1869, אין עלטער פון 22 יאָר. און אַזוי שטייגט ער אין זיין אַמעריקאַנער פּאָליטישער אַנטוויקלונג און ווערט דערוויילט אין דריי יאָר שפּעטער אַלס דעלעגאַט צו דער נאַציאָנאַל־ליבעראַלער רעפּובליקאַנער קאָנווענשאַן אין סינסינעטי. אויף יענער קאָנווענשאַן אין 1872 איז נאָמינירט געוואָרן דער באַוואוסטער ליבעראַל האָרעיס גרילי פּאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער פּירער פון די ליבעראַלן איז באַזיגט געוואָרן און פּרעזידענט גראַנט איז ווידער־דערוויילט געוואָרן. אָבער פּוליצער גופא האָט זיך אַלץ מער באַפּעסטיקט אין די פּאָליטישע פּאָזיציעס.

אין 1874 זעען מיר אים אַ דערוויילטן צו דער מיזורער סטעיט־קאָנ־ווענשאָן איבערצואַרבעטן די שטאַט־קאָנסטיטוציע. עס איז שנעל אָנגעלאָפן די צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לאָזן פון זיך הערן אויסער די גרעניצן פון מיזורי. אין האַרבסט, 1876, און אין ווינטער 1877, איז ער דער וואַשינג־טאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער דעמאָקראַטיקער איינפלוסרייכער ציטונג „דהי ניו יאָרק סאַן״. זיין פּאָליטישע קראַפט, צוזאַמענגעפּאָרט מיט זיינע אונטער־נעמערישע אַמביציעס, דערמעגלעכן אים אָפּצוקויפן די צוויי סט. לואיסער ציטונגען — „דהי סט. לואיס דיספּעטש״ און „דהי פּאָסט״. ער גיסט זיי

צוזאַמען און ברענגט אַרויס אייך ציימונג „דהי פּאָסט־דיספּעטש״, אין 1878, וואָס איז זייער שנעל געוואָרן פּאָפּולער צווישן עולם.

מען דערוויילט אים אין יענעם יאָר צו דער נאַציאָנאַלער דעמאָקראַטישער קאָנווענשאָן און ער באַטייליקט זיך אין אויסהאַמערן איר פּלאַטפאָרם. דאָס האָט אים שוין צוגעגעבן נאַציאָנאַלן גלאַנץ און איינפלוס. זיינע גרויסע פּראָפיטן פון דער דערפאָלגרייכער „פּאָסט־דיספּעטש״ גיבן אים אַ מעגלעכקייט צו לאָזן זיך אויף נאָך געוואַגטערע אונטערנעמונגען. ער קויפט אָפּ אין 1883 די „ניו יאָרק וואָרלד״, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שוואַך געלייענטע און ווייניק וואָס איינפלוסדיקע צייטונג, און ווייזט ווידער דעם גרויסן וואונדער — ער פאַרוואַנדלט זי אין אַ מעכטיקן כוח. די צייטונג האָט שנעל גענומען וואַקסן און איבערשטייגן אַנדערע, עלטערע ניו יאָרקער צייטונגען. פון אַ פופצן־טויזנטיקער צירקולאַציע איז זי אויסגעוואַקסן צו אַן איבער 350 טויזנטיקער.

איצט האָט שוין דער־נאָך־אַלץ פאַראויסשטויסנדיקער צייטונגס־מאַגנאַט געוואָלט אַ פּרואוו טאָן זיין כוח אין פּראַקטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אין די וואַלן צום קאָנגרעס פון 1885—1887, איז ער געלאָפן שוין אַלס קאַנדידאַט אינם ניינטן דיסטריקט פון ניו יאָרק, און ער איז דערוויילט געוואָרן אין קאָנגרעס אויפן דעמאָקראַטישן וואַל־צעטל. אויסגעפּרואווט זיין כוח און רעזיגנירט אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום.

זיין הויפּט־אַמביציע איז שוין, קענטיק, געוואָרן נישט אַזוי צו זיין אַליין אַ קאָנגרעסמאַן — דאָס האָט ער דאָך שוין אַזוי לייכט דערגרייכט, — נאָר צו קענען פאָרמולירן און פּאָנאַדערלאָזן די קאָנגרעסלייט ווי־וואָס־ווען עס איז נויטיק פאַר דעם בירגערלעכן קלאַס. געהייסן האָט עס: „וואָס עס איז גוט פאַר אַמעריקע״.

איינער פון פּוליצערס כאַראַקטעריסטישע שטריכן אין יענע יאָרן איז געווען, וואָס ער איז געוואָרן „אַמעריקאַנישער״, ווי געבאָרענע אַמעריקאַנער, און אין דער זעלבער צייט זיך געהאַלטן פאַר אַ ליבעראַל, דאָך ניט לינקער פונם צענטער. ער האָט אָפט אין זיין צייטונג געברויכט די אויסגעדראָשענע ליבעראַלע פראַזן, אָבער ווען עס איז אויסגעקומען צו איבערזעצן זיי אין לויפנדיקע פּראַקטישע טערמינען האָבן זיי אים ניט „געסטייעט״.

אָט אַזוי האָט זיין „ניו יאָרקער וואָרלד״ גענומען איינע פון די סאַמע דזשינגאָאיסטישע און אימפּעריאַליסטישע שטעלונגען צו דער מלחמה מיט שפּאַניע אין 1898. מען וואָלט אפשר געקענט מיינען, אַז דאָס האָט אויך מיטגעווירקט ביי אים, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַנדערע יידן, דער נקמה־געפיל קעגן שפּאַניע און איר היסטאָרישע אינקוויזיציע און גירוש.

אָבער אפילו דאָס האָט מען וועגן פּוליצער׳ן נישט געקענט זאָגן. בכלל האָבן בײַ אים יידישע ענינים קיין שום ראָל ניט געשפּילט. מיר געפינען אים נישט בײַ קיין שום יידישער אקציע. ער איז נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין שום יידישער אינסטיטוציע, אָדער מיט אַ וועלכע עס איז יידישער אונטערנעמונג.

אין די ענדע אַכציקער יאָרן האָט ער שוין אָנגעהויבן צו ליידן שטאַרק אויף זיינע אויגן. אָבער די פירערשאַפט פון דער צייטונג האָט ער אָנגעהאַלטן ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן, אפילו ווען ער איז שוין געווען אינגאַנצן בלינד. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קענער פונם אַמעריקאַנער פּרעסע־וועזן און פונם זשורנאַליזם, און מורא געהאַט צו פאַרלאָזן זיך אויף זיינע רעדאַקטאָרן אפילו אַז ער פּלעגט אין ערגעץ אָפּפאָרן.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פלעגט ער אַרומפאָרן מיט זיינע סעקרעטאַרן אויף אַ יאַכט־שיף און פון דאָרט קאָמאַנדעווען, דורך טעלעגראַמעס און אַנדערע מעסעדזשעס, און געגעבן ריכטונג צו זיינע מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן.

בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָט פּוליצער פאַרטיידיקט די פּרעסע. ווען איינער פון זיינע סעקרעטאַרן האָט אויסגעדריקט אַ צווייפל אין דער פינקטלעכקייט און ראַיעלקייט פון דער פּרעסע, אפילו פון דער „ניו־יאָרקער וואָרלד״, האָט זיך פּוליצער צערעדט וועגן דער פּרעסע אַזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן דער פרומקייט און אָרענטלעכקייט אַליין.

נאָך דעם ווי ער האָט זיך איינמאָל אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ צייטונגס־עניין און זיך געפילט אויפגעלייגט, האָט ער זיך געווענדט צו זיין סעקרעטאַר: „נו, וואָס דענקסטו וועגן אונדזער צייטונג, (מיינענדיק די „ניו יאָרק וואָרלד״), האַלטסט דו נישט, אַז דאָס איז די בעסטע צייטונג?״

דער סעקרעטאַר האָט אים אָנגעקוקט מיט צווייפלהאַפטע אויגן...

— האָב נישט קיין אַנגסטן, מיט מיר קענסטו זיין אַזוי אָפנהאַרציק, אַז קיין זאַך דאַרף דיר נישט צוריקהאַלטן, נו, וואָס מיינסטו?

— איך האַלט, מיין האַר, אַז די צייטונג איז נישט ראַיעל... זי איז וייט פון פינקטלעך. זי איז סענסאַציאָנעל. שיר ניט געל..

— דו מיינסט עס ערנסט? ביזט משוגע, צו וואָס?

— אין אייראָפּע רופט מען אונדזערע צייטונגען „בלאָף פּרעסע״... מיר צעלייגן אויף טעלערלעך אַלערליי שונד־זאַכן.. ס׳איז בלויז מאָרד, פאַרגוואַלטיקונגען, און דאָס ביסל רכילות צוגעפּראַוועט מיט ספּאָרט.

פּוליצער האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן פון כעס: „ביזט אַ נאַר... דו פאַרשטייסט עס ניט. איך גיב אויס צענדליקער טויזנטער

דאָלאַר צו באַקומען פּינקטלעכע ראַיעלע נייעס.״.. און וואָס שייך אַמעריקאַנער צייטונגען זיינען זיי די בעסטע אין דער וועלט. אונדזערע סענסאַציעס? דאָס איז נישט ווייל אונדזער פּרעסע איז געל... דאָס איז וואָס מיר ווילן אַרויס־שטעלן די אונטערוועלט מיט אירע מאָרדן און פאַרגוואַלטיקונגען אין איר פולער נאַקעטקייט. די אונטערוועלט וויל באַהאַלטן אירע מעשים פון דער ליכטיקער שיין און מיר, די פּרעסע לייט, גראָבן זיי אויס, כדי אַלע זאָלן זיי זען...״ (ציטירט לויטן זכרון פונם איינדרוק וואָס דער דאָזיקער אינצי־דענט האָט אויף מיר געמאַכט ווען איך האָב אים געלייענט אין אַ פּוליצער ביאָגראַפיע, געשריבן פון זיין סעקרעטאַר).

פּוליצער האָט „איינגעוויקלט די טומאה אין דער יראה״ און באַוויזן פונקט קאַפּויר, וואָס ערלעכע פּאָליטיקער און זשורנאַליסטן אין אַמעריקע גופא האָבן אַרויסגעבראַכט, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער אַמעריקאַנער פּרעס־רעפּוטאַציע אין אייראָפּע און אַזיע.

האָט העראַלד ל. איקעס נאָך אין דער רוזוועלט ערא, געשריבן: „דער צייטונגס־וועזן און געשעפט־פאַרוויקלונג אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב גייען האַנט אין האַנט, און דער רעזולטאַט איז, אַז די פּרעסע ווערט אַלץ מער און מער אַ פאַרטרעטער פון די „ספּעציעלע אינטערעסן״... ער רופט אָן די פּרעסע אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט — „אַ חוצפה׳דיקע, אומגעוויסנ־האַפטע און סאָציאַל־שעדלעכע... צייטונגס־קליקע, וואָס איז אַזוי נאָענט צום שפּיץ פונם עקאָנאָמישן פּיראַמיד״. (פון „אמעריקאַס האוז און לאָרדס״).

און שערידאַן, אין זיין „קריטיק״, האָט זיך נאָך מיט אַ צייט צוריק אָנ־גערופן „די סאַמע רשעות׳דיקע, פאַרברעכערישע, העסלעכע, גיהנום׳דיקע״. — און באַשלאָסן קיינמאָל מער נישט אריינצוקוקן אין אַ צייטונג אַריין.

אָבער פּוליצער האָט זי געזען ווי די „ערלעכסטע אין דער וועלט״. וואָס איז עס געווען מער — בלאָף, צי בלינדקייט, אפשר ביידע זאַכן צוזאַמען? ווען דער גרויסער אַמעריקאַנער קינסטלער ס אַ ר ד ז ש ע נ ט האָט געמאָלן זיין בילד, אין 1907, האָט מען עס פון זיין פּנים נישט געקענט אַראָפּלייענען. בלינד איז ער זיכער געווען. כאָטש פאַראייביקט זיך האָט דזשאָזעף פּוליצער, ניט מיט זיינע „אמת׳ן וועגן זשורנאַליזם און פּרעסע״, נאָר מיט זיין פּוליצער פּריז־פאָנד, וואָס ער האָט געגרינדעט און פון וועלכן עס ווערן אויסגעטיילט יעדן יאָר פּרעמיעס, וואָס באַטרעפן פון 500 ביז צוויי טויזנט דאָלאַר, פאַר אויסצייכענונגען אין אַ פּיעסע, ראָמאַן, פּאָעזיע, געשיכטע, ביאָגראַפיע און זשורנאַליסטישער אַרבעט.

געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1911.

קאַפּיטל עלף

סיימאָן באַמבערגער

דער ערשטער ניט־מאָרמאָנישער גאָווערנאָר פון יוטאַ

אין אַ מאָרמאָנען־שטאַט, וואָס איז אין דער צייט פון דער מלחמה מיט מעקסיקאַ, אין מיטן פון פאַריקן יאָר־הונדערט שיר נישט געבליבן אויסער די גרעניצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און וואו קיין ניט־מאָרמאָן איז גאָר באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פרעמדן, שיר ניט קיין שונא, איז אַ ייד דער־ווילט געוואָרן אין 1916 פאַר גאָווער־נאָר!

וואָלט עס נישט געווען אין דער רעכטער סומאַטאָכע פון דער ערשטער וועלט מלחמה, וואָלט עס דאָ אין אמעריקע, געווען איינע פון די גרעסטע סענ־סאַציעס. סטייטש ווען קיין שום אַנדער אַמעריקאַנער, פּראָטעסטאַנט, קאַטאָ־ליק, פּרעסביטעריאַנער צי באַפּטיסט, עפּיסקאָפּאַלער צי מעטאָדיסט, האָט ניט געקענט פאַרנעמען דעם הויפּט־אַמט אינם שטאַט זאָל עס גאָר אַ יידן אָנ־קומען אַזוי גרינג? דערצו נאָך אַן אימיגראַנטישן יידן!

און גראַד האָט דער דאָזיקער אימיגראַנטישער ייד הינטער זיך אַ פּערזענלעכע רייכע געשיכטע — אַ „האָרעישאַ אַלדזשיר" איבער׳חזר׳אונג אין דער ווירקלעכקייט. די דאָזיקע געשיכטע גיט אונדז אַ שליסל צו דעם סוד, ווי אַזוי די דייטשע יידן האָבן דאַן, אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַרויפגע־דראַפּעט זיך צו די הויכע ווירטשאַפטלעכע קאָמערציעלע שטופּעס אין לאַנד. באַמבערגערס קאַריערע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר צענדליקער טויזנ־טער, אַנדערע יידן, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר אַ היפּשן טייל פונם רוקנביין אין דער איצטיקער אַמעריקאַנער סטרוקטור פון דער מיטעלער קאָמערציעלער און פינאַנסיסטישער בורזשואַזיע.

זאָל דאָ פריער געזאָגט ווערן, אַז סיימאָן באַמבערגער איז געווען אַ ליבעראַלער גאָווערנאָר. דער שטאַט יוטאַ האָט נאָך ביז אים נישט געהאַט אַזאַ פּאָליטיקער, וואָס האָט געפּרואווט דורכפירן אַ ריי רעפאָרמען פאַרן נידעריקערן שיכט פון פאַרמער און באַלעמעלאָכעס, בעת ער אַליין איז

נישט געווען ניט קיין באַלעמעלאָכע און נישט קיין פּאַרמער. ער האָט אָבער געהאַט אַ ווייטערן בליק ווי די אַנדערע פּאָליטישנס. אומדירעקט האָט ער געזען פאַר זיין קלאַס היפּשע געווינסן פון אַ ליבעראַלער פּאָליטיק פאַר די ברייטערע שיכטן אין לאַנד.

סיימאָן באַמבערגער איז אַלט געווען בלויז פערצן יאָר, ווען זיין פאָטער, אַ מיטלמעסיקער בּאַלעבאָס, האָט זיך צוגעהערט צום רוף פון זיין עלטסטן זון, וואָס האָט זיך שוין פּאַרפעסטיקט אין אַמעריקע, צוזאַמען מיט פיל דייטשע און יידיש־דייטשע אימיגראַנטן אין דעם מיטל־מערבדיקן, קומ־ענדיקן שטאַט פון מיזורי. דער פאָטער האָט אַריבערגעבראַכט זיין גאַנצע פאַמיליע אין דער צייט ווען דאָס לאַנד איז געשטאַנען שוין אין די בראַנדן פון דעם בירגער־קריג אין 1861. מיזורי, ווי אַ שטאַט פון אַ צענטראַלן כאַ־ראַקטער, צווישן צפון און דרום, האָט געהאַט אַלע אויסזיכטן צו ציען אַ היפּשן טייל פינאַנס־בענעפיטן פון דעם בלוטיקן קאָנפליקט.

געבאָרן אין 1847, אין דאַרמשטאַט, דייטשלאַנד, איז דער יונגער סיימאָן, אַן אויסגעכאַוועטער אין אַן אַטמאָספערע פון האַנדל און פּראָפיטן, געווען באַזונדערס סענסיטיוו צו די בריוו פון זיין עלטערן ברודער פון אַמעריקע, וועגן די גוטע געשעפטן, וואָס עס וואַרטן ממש אין די פּאַראיי־ניקטע שטאַטן אין די קומענדיקע יאָרן. בעת, פון דער צווייטער זייט, איז די דייטשע בורזשואַזיע בכלל און די יידישע בפרט, געווען היבשלעך איבער־געשראָקן פון דער אַגיטאַציע, וואָס פערדינאַנד לאַסאַל אין זיינע סאָציאַליס־טישע אָנהענגער האָבן דעמאָלט אָנגעפירט. זיי האָבן געפאָדערט אויסגע־ברייטערטע וואַל־רעכט און קרעדיט־רעפאָרמען דורך וועלכע די אַרבעטער־מאַסן זאָלן קענען אויסמיידן די טאָפּלטע עקספּלואַטאַציע אַלס פּראָדוצירער און קאָנסומענטן.

אַזוי שנעל ווי סיימאָן האָט דערזען זיין ברודערס אַלגעמיינעם געשעפט — „דזשענעראַל סטאָר“ — אין פּלעזענט הילס, מיזורי, האָט ער אַריינגעצויגן אין זיך טיף דעם ריח פון די אַמעריקאַנער פּראָפיטן. אָבער קיין בעלן צו פאַרבלייבן אַ בּאַלעבעסל אין אַזאַ „היק־ישוב“ איז ער נישט געווען. ער איז אַוועק ווי מיט שטורעמס איינגעבונדענע אין זיינע פּאָלעס קיין סט. לואיס, די גרעסטע שטאָט אין יענער צייט פאַר הונדערטער מיילן אַרום, און אריין אַלס „יינגל“ אין אַ גרויסער אַנגראָ־פירמע, וואָס פירט מסחר מיט הונדער־טער קלענערע שטעט און ישובים.

דאָס „יינגל“ האָט באַלד גענומען רייסן די אויגן מיט זיין שנעלער און פינקטלעכער אָריענטאַציע אין די געשעפטן און גענומען שטייגן צו עטלעכע שטאַפּלען מיטאַמאָל. אים איז געלונגען דורך דער צייט צו עטאַבלירן

קאָנטאַקטן מיט צענדליקער דייטש־אַמעריקאַנער ישובים אין מיזורי גופא, און אין די אַרומיקע שטאַטן. ער לערנט גלייכצייטיק זייער געשמאַק ענגליש און אײדער וואָס־ווען — ער ווערט שוין אַליין אַ געשעפטסמאַן אין אַן אינ־דיאַנאַ־שטעטל. ער אַרבעט מיט אימפעט פון יוגנט בכלל, פון דייטשער פּינקט־לעכקייט און יידיש־בירגערלעכער געשעפטסמעסיקייט. אין איין יאָר איז געוואָרן אַ גוט־גייענדיקער געשעפט. ער פאַרקויפט עס מיט אַ היבשן פּראָפיט.

מיר פאָלגן אים נאָך דערנאָך אין אַ ריי שטעטלעך. ער עפנט אַ סטאָר, אַרבעט עס אַרויף אין עטלעכע מאָנאַטן, פאַרקויפט עס מיט שיינעם פּראָפיט און שוין איז ער אין אַהייא. אויך דאָרט האָט ער פיל דייטשע אימיגראַנטן־ישובים. ווידער אין אַ סטאָר, וואָס וואַקסט צוזאַמען מיט די באַפעלקערונגען. אָבער מער ווי אַ יאָר דאַרף ער קיין איין געשעפט נישט אַנהאַלטן. ער קריגט שטענדיק אַ גוטן קויפער. אָט איז ער שוין צוריק אין מיזורי, ווייס אויסגע־צייכנט וואו איין און וואו אויס.

און ווידער נייע געשעפטן — געקויפטע און פאַרקויפטע. ער דערלייגט נישט צו קיין שום עסק. קיין פּלאַץ ווערט פאַר אים נישט צו ווייט. קיין גע־שעפט ווערט אים נישט צו־פרעמד. אָט פאַרפאַרט ער אין אַ געגנט וואָס איז נאָך אַזוי יונג, אַז עס איז אַ טייל פון קאָלאָראַדאָ טעריטאָריע. אָבער ער דערשנאַפּט דאָרט אַ מאָדנעם ריח — אַ נייעם מסחר, טאַקע מיט געלט גופא. מענטשן דאַרפן האָבן געלט אויף קורצע טערמינען; עס לוינט זיך צו פינאַנסירן פאַר זיי נייע אונטערנעמונגען.

אנשטאָט צו פאַרקויפן יעדן יאָר אַ געשעפט מיט אַ היפּשן פּראָפיט, קען ער פאַרקויפן דריי געשעפטן, פיר, פינף. ער דאַרף נאָר געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו קויפן.. ער אָרגאַניזירט מיט זיין באַשיידענעם קאַפּיטאַל אַ קליינע באַנק. מענטשן טראָגן אהין דעפּאָזיטן אויף קליינע פּראָצענטן. ער קאָן אויסלייען דאָס געלט צו קליינע געשעפט־קויפער. „די צייט איז גוט״. קיינער גייט נישט באַנקראָט. עס לוינט נישט.

די באַנק אַרבעט שוין אויך. נאָך געשעפטן גייען איבער פון זיינע הענט מיט גרויסע פּראָפיטן. און אָט דערשמעקט ער נייע געשעפט־ריחות. עס מאַכט זיך אים צו קויפן אַ „מאין״. סע לאָזט זיך פון דעם שעפּן אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב. אָבער אַז עס מאַכט זיך אַ קונה פאַר דעם אויך מיט גאָר אַ גרויסן פּראָפיט, פאַרקויפט ער דאָס אויך. ווער ווייסט אים שפּעטער נישט לאָזן קויפן אַנדערע?

און אַזוי איז ער אַריין אין די גאָלדענע רעקאָנסטרוקציע־יאָרן פון נאָכן בירגער־קריג. פאַרמעגנס זיינען אָנגעוואַקסן ווי ווילד־גראָז. ער איז שוין אין זיינע סוף צוואַנציקער יאָרן געווען אַ רייכער מאַן. ער כאַפּט זיך, אַז כאָטש ער איז געווען שטענדיק זייער וואַכזאַם, האָט ער אָבער איין זאַך פאַר־

נאַכלעסיקט, וויפיל מער וואָלט ער נאָך געקענט דערגרייכן. דאָס דערוויסט ער זיך, ווען זיינע פילצאָליקע געשעפטן דערפירן אים צו יוטאַ.

יוטא האָט דעמאָלט געדייצט די פאַנטאַזיע פון פיל אַוואַנטוריסטן. דער איינציקער שטאַט, וואו אַ מאַן מיט געלט האָט נאָך געקענט האָבן וויפיל ווייבער ער וויל. דערצו דער איינציקער שטאַט אין יענער צייט, וואו קיין אַנדערער אויסער אַ מאָרמאָן, קען דערגרייכן צו רעגירונגס־מאַכט. דעם יונגן באַמבערגער'ן איז איינגעפאַלן שוין צו עטאַבלירן יוטאַ ווי זיין שטענדיקע היים. דאָס מוז ווערן זיין שטאַט. ער קען דאָ נאָך רייכער ווערן!

ער איז אריין אין די האָטעל־געשעפטן. ווידער אויסגעצייכנט אָבער די מאַין־געשעפטן זיינען נאָך מער צוזאָגנדיק; פאַרקויפט ער מיט אַ גרויסן פּראָפיט די האָטעלן און נעמט זיך זוכן, מיט מאַינינג־אינזשינערן, בייע מעטאַל־אוצרות. ער פאַרצווייפלט נישט, ווען די זוכענישן דויערן לענגער ווי די פריערדיקע געשעפטן. אָבער אין אַ שיינעם טאָג געפינט ער גאָלד־פעלדער ביי דעם ישוב „סוויטוואָדער" און פּראָפיטן איבער פּראָפיטן שעפּן זיך פון זייער עקספּלואַטאַציע. אָט דערנעענטערט ער זיך שוין צום מיליאָנערן־קלאַס, פאַרשאַפט זיך נאָך מאינס — קוילן — שוואַרצע דימענטן! נייע פּראָפיטן!

אין קוילן־פעלד איז צו ווייט פון די צענטערן. טראַנספּאָרט קאָסט צופיל — נעמט ער און בויט אַ קליינע באַן־ליניע אין דרום יוטאַ צו איינער פון זיינע קוילן־גריבער. קוים אריין אין דעם אימפּעט פון לאָקאָמאָטיוו־געשעפטן, בויט ער שוין אויך אויס אַ באַן־ליניע צווישן סאָלט־לעיק סיטי און אָגדען. דאָס איז שוין אַ געשעפט פון גרויס־קאַפּיטאַל. ער ווערט אין דער באַן־פירמע דירעקטאָר און טרעזשורער. אין גיכן ווערט מר. סיימאָן באַמבערגער באַוואוסט אין יוטאַ, ווי אַ מאַן וואָס האָט זיינע פינגער אין יעדן גרויסן געשעפט. ער ווערט אויך דירעקטאָר אין אַ גרויס באַנק־געשעפט אין סאָלט־לעיק סיטי.

לאָמיר אָבער נישט פאַרגעסן: אין די דאָזיקע „גאָלדענע" יאָרן, וואָס דער דאָזיקער יונגער מיליאָנער האָט געמאַכט אַזעלכע פאַרמעגנס, האָבן אַרבעטער אין די טויזנטער און הונדערטער טויזנטער געשקלאַפט אין די מאינס — ביי קוילן און ביי גאָלד, ביי אייזן און ביי קופּער, צין און אַנדערע מעטאַלן, וואָס די אַמעריקאַנער ערד האָט געהאַלטן אין איר שויס. סיי אין יוטאַ, סיי אין אַנדערע שטאַטן, זיינען יערלעך הונדערטער לעבנס פאַרצוקט געוואָרן אין די מאינס. צענדליקער טויזנטער האָבן דאָרטן אָנגעזאַמלט, (אַנשטאָט ווי באַמבערגער, און אַנדערע מיליאָנערן) אַלערליי שווינדזוכטן, בלוט־קראַנקהייטן האַרץ־שוואַכקייטן, וואָס האָבן זיי געפירט יונגערהייט אין דער זעלבער קאַלטער ערד וואָס זיי האָבן צעגראָבן.

צי האָט באַמבערגער׳ס געוויסן אַ טיאַכקע געטאָן יעדעס מאָל, ווען אַן אויפרייס אין זיינע מאַינס האָט פּראָדוצירט אַזוי פיל אלמנות און יתומים? עס איז שווער אַריינצוזובליקן אין הערצער, וואָס זיינען שוין אויסגעבעט, אָדער געפּאַנצערט, מיט גאָלד. אָבער מיר זעען, ווי ער האָט אין די שפּעטערע יאָרן, אָפּגעשטעלט אין אַ היפשער מאָס זיין ווילדן געלאָף נאָך גאָלד. ער האָט זיך גענומען קאָנצענטרירן אויף פאָלקס־בילדונג און קאָנסטרוקטיווער פילאַנטראָפּיע.

מעגלעך, אַז די צוויי נייע ליידנשאַפטן זיינען ביי אים אויך בלויז מיטלען צו דערגרייכן נאָך אַ מאַכט! — פּאָליטישע מאַכט. אָבער זיי האָבן אין זייער צייט עפּעס אויפגעטאָן. אין 1898 ווערט ער צוליב זיינע טעטיגקייטן פאַר פאָלקס־בילדונג אויסגעקליבן אַלס מיטגליד אין דער רעגירונגס — „באָרד אָוו עדיוקיישאָן". דאָס איז שוין געווען אַ ברוך אין דער מאָרמאָנישער בלינדער טראַדיציע. אויסגעקליבן אַ יידן! אָבער וואָס איז נאָך וויכטיקער — ער האָט אויפגעהויבן דעם גאַנצן ענין פון בילדונג אויף אַ העכערער מדריגה.

אין טערמין פון דעם אַמט האָט ער ביז 1903 אויסגעקעמפט פאַר די שול־לערער העכערע שכירות און באַדינגונגען. אַלס דעמאָקראַט איז ער געווען דער קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין יוטאַ פאַר סטעיט־סענאַטאָר, און דערווײַלט געוואָרן דער ערשטער דעמאָקראַט אויף אַ רעגירונגס־אַמט, און לסוף אין די וואַלן פון 1916 ווערט ער דערווײַלט פאַר גאָווערנאָר און דינט אָפּ דעם פולן טערמין ביזן יאָר 1920.

אונטער זיין אַדמיניסטראַציע זיינען דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע סאָציאַלע רעפאָרמען אין יוטאַ. ווידער פאַרגרעסערט די געהאַלטן און חשיבות פון די לערער אין אַלע בילדונג־אינסטיטוציעס; דורכגעפירט אייניקע פאַרלייכטערנדיקע רעפאָרמען לטובות די אַרבעטער. די גרעסטע הילף־מיטלען האָבן דערגרייכט די קראַפט־פאַרמער דורך אַ ריי קרעדיט־רעפאָרמען פאַר מאָרטגעדזשעס, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרגרעסערן דעם פאַרזייטשטח. ער האָט אויך געהאָלפן דורכפירן אַן אמענדמענט אין געזעץ פון די מאַין־טעקסעס, וואָס זאָל האָבן דערגרייכט אַ מער יושר׳דיקע פאַנאַנדערטיילונג אין דער טעקס־איבערלאָדונג.

פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט ער דעמאָלט געקראָגן גרויסע אָנערקענונג פאַר זיין ענערגישער קאַמפּאַניע אין שטאַט גופא און אין די דערבייאיקע שטאַטן, פאַר די אַלע ליבערטי באָנד קאַמפּאַניעס, וואָס ער האָט אָנגעפירט אויף זיינע אייגענע הוצאות.

י. ב. ביילין

וואָס ווייטער האָט ער גענומען אַלץ מער אינטערעס אין יידישע ענינים. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער יידישער קהילה אין סאַלט-לעיק סיטי — די „בני ישראל" — די ערשטע יידישע קהילה אינם שטאַט. ער ווערט אויך דאַן אַקטיווער טוער אינם קאָלאָניזאַציע פאָנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון ראַבאַי יצחק לאַנדמאַן צו העלפן פינאַנסירן די יידישע קאָלאָניסטן פון פילאַדעלפיע און ניו יאָרק אין די קאָלאָניעס פון סאַנפיט קאונטי, אין יוטאַ, פאַזע דעם טייך סעוויער, און אויף אַזאַ אופן האָבן יידן געגרינדעט די „שטאָט" קלאַריאָן.

באַמבערגער האָט באַלאַנגט צו פיל יידישע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס. ער איז געשטאָרבן אין 1926, אין עלטער פון 97 יאָר.

קאַפּיטל צוועלף

ווען אויף דער איסט-סייד האָט געשטורעמט מיטן רב יעקב יוסף

דער באַרימטער
ניו יאָרקער „רב הכולל"

עס איז געזאָגט געוואָרן: דאָרט, וואו פאַנטאַזיע לייגט צו איר פאַר־כישוף'טן פּענזל, ווערן קליינע, פאַר־וואָרפענע, שטיינערנע אינדזלען פאַר־וואַנדלט אין פּרוכטבאַרע גן־עדנס, פּשוט'ע שטיינדלעך — אין מעכטיקע פעלזן, אָרעמע, ליימענע הייזער, — אין פּאַלאַצן און איינפאַכע מיטלמעסיג־קייטן אין דערשטוינלעכע ריזן.

דאָס קומט אַרויף אויפן געדאַנק, ווען מיר זעען ווי אויף פאַרשיידענע געביטן פון לעבן ווערן זאַכן, מענטשן, פּירער און פּערזענלעכקייטן אַמאָל, איבערגעשאַצט און אָפטמאָל אפילו מאַגניפיצירט ווי אַן אַמעבאַ אין אַ שטאַרקן מיקראָסקאָפּ. מער ווי אומעטום קומט עס פאָר אויפן געביט פון רעליגיע. אין די אויגן פון פאַנאַטיקער און פאַנטאַסטיקער, ווערן אָפטמאָל געוויסע רבנים און מגידים, פאַרהערלעכט צו דער מדרגה פון גרויסע גאונים און הייליקע מענטשן, אַזעלכע, וואָס זיינען מוסטערן פון איבערגעגעבנקייט און אָפּפערווילּיגקייט.

פאַקטיש זיינען די פאַרהערלעכטע אליין ניט שולדיק אַזויפיל אין דער דאָזיקער מאַגניפיצירונג, ווי די איבערגעשוימטע, הייסע אָנהענגער גופא. ריכטיק האָט וועגן דעם ענין געזאָגט טאָמאַס מור — „גלויבן, פאַנאַטישער גלויבן, ווען ער ווערט נאָר איינמאָל פאַרפעסטיקט צו וועלכן עס איז צווייפל־האַפטן „אמת", עסט זיך שוין איין מיט אַלע כחות און האַלט זיך ביזן לעצטן".

דאָס לעבן פונם ניו־יאָרקער רב הכולל, ר' יעקב יוסף (דזשאָזעף) איז אַ גוטע אילוסטראַציע צו די אויבערשטע געדאַנקען. און נישט בלויז דאָס לעבן, נאָר נאָך מער זיין טויט, ווי מיר וועלן זען שפּעטער.

דער „קאָפּ" פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים אין ניו יאָרק, ר' יעקב יוסף (דזשאָזעף) איז געבאָרן געוואָרן אין אַ קליינעם ישוב אין קאָוונער גו־בערניע, קראָזשע, אין 1848. ער האָט געלערנט אין דער וואָלאָזשינער באַ־

רימטער ישיבה, אונטער ר׳ הירש־לייב בערלין און אונטער ר׳ ישראל סאַלאַנטער. ער איז דאָרט געווען באַוואוסט מיט זיין שאַרפן מוח און גע־קריגן דעם צונאָמען חריף. אין 1868 זעען מיר אים שוין ווי ער פירט רבנות אין ווילאַן און דערנאָך אין זשאַגאַר, קאָוונער גובערניע.

אין 1883 ווערט ער ווילנער מגיד און מורה הוראה, קריגט אַ נאָמען פון אַ זעלטענעם מגיד, וואָס שטורעמט אויף די צוהערער. 1888 דערשיינט אין ווילנע זיין ספר „לבית יעקב״. אין ווילנע האָבן זיך שוין דעמאָלט געלאָזט הערן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן און דער שטורמישער מגיד פאַרלאָזט זיך נישט אויף ניסים און נישט אויף דער צאַרישער זשאַנדאַרמיע, נאָר הויבט אָן צו פירן זיין אייגענע מלחמה מיט די סאָציאַליסטן און „דעמאָקראַטן״.

אין איינער פון זיינע דרשות שטיצט ער זיך אויף אַ פסוק אין חומש בראשית אין אָנהויב פונם עלפטן קאַפּיטל — „ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים״ — און די זעלבע רייד (געדאַנקען) — די מעשה פון דער דור הפלגה, און „דערוויזן״, אַז דעמאָלט זיינען שוין געווען די, וואָס פאַר־מעסטן זיך קעגן גאָט מיט זייערע טורעמס, וואָס זיי ווילן בויען.

צי דער דאָזיקער קאַמף קעגן די סאָציאַליסטן אין ווילנע איז דער־גאַנגען צו די אויערן פון די קהילה־פירער אין ניו יאָרקער „בית מדרש הגדול״ און זיי האָבן דעריבער געזוכט צו קריגן ר׳ יעקב יוסף׳ס הילף קעגן זייערע אייגענע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן געפירט זייער פראָפּאַגאַנדע אויף דער איסט סייד, איז שווער צו זאָגן. מען האָט זיך אַ היבשע צייט געאַמפּערט מיט אים וועגן זיינע שווערע באַדינגונגען. ר׳ יעקב יוסף האָט געפאָדערט, אויסער אַ געהאַלט, וואָס זאָל אים דערמעגלעכן צו לעבן אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ הויכן גייסטיקן באַאַמטן, אויך אַ בכבוד׳יקע דירה און אַז די קהילה זאָל אויסצאָלן אַלע זיינע חובות אין ווילנע — אַן ערך פון פופצן הונדערט רובל. סוף כל סוף האָט מען אים אַלץ נאָכגעגעבן.

מען האָט אים געשיקט שיפסקאַרטן און אַנדערע סומעס אויף הוצאות אין וועגן פאַר אים מיט זיין גאַנצע הויז־געזינד. דעם 8־טן יולי, 1888 איז זיין שיף אָנגעקומען אין האָבאָקען, אָבער צוליב שבת איז ער געבליבן אויף דער שיף און ווען ער איז אַראָפּ פון שיף, אין אָוונט, האָט ער גלייך אין האָבאָקען געהאַלטן זיין ערשטע דרשה.

אַ ריזיקער קבלת פנים, וואָס מ׳האָט אים געמאַכט אין ניו יאָרק, איז פּאַקטיש געווען אַ רעקלאַמע פאַר זיין ערשטע דרשה אין ניו יאָרק דעם קומענדיקן שבת, אינם גרויסן בית המדרש, וועלכער האָט נישט געקענט אריינגעמען דעם פיל־טויזנט קעפיקן עולם, וואָס איז אים געקומען הערן. פּאָליציי איז אַרויסגערופן געוואָרן צו האַלטן אָרדנונג.

אָבער די גרויסע דערוואַרטונג, אַז דאָ וועט מען עפּעס הערן אַזוינס,

וואָס קיין אויער האָט נאָך דאָ נישט געהערט, איז געווען בלויז צו פאַרגרעסערן די אַנטוויקלונג פון דעם עולם אַמעריקאַנער יידן, וואָס האָבן שוין געהערט פיל געשולטע, אויסגעשטודירטע רבנים. אַזוי, אַז פון דער גליענדיקער היץ מיט וועלכער מ׳האָט אים לכתחילה אופגענומען, איז געוואָרן אַ קעלט — אַ גוואַלדיקע אומצופרידנקייט.

אָבער אַנשטאָט צו פאַרשטאַרקן די אייניקייט צווישן די אָרטאָדאָקסישע קהילות זיינען זיי אין די קומענדיקע יאָרן, נאָך מער צעשפּאָלטן געוואָרן. אַ גאַנצע ריי מחלוקת׳ן פון אַ נייעם כאַראַקטער, האָט אויך געהאָלפן אויפצולעבן אַלטע תביעות. צוליב די גרויסע הוצאות אויף אויפצוהאַלטן דעם רב און זיינע גרויסע פאָדערונגען האָט די קהילה, וואָס האָט אים מיט יאָרן צוריק אַראָפּגעבראַכט, געמוזט אַרויפלייגן אומדירעקטע טאַקסעס אויף אַלע יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן אָפּגעהיט כשרות. יאָרן לאַנג האָט מען געצאָלט און געצאָלט.

דער הויפּט־שטייער איז געווען דער אַלטער היימישער „ר׳ יעקב משלם־טעקס" אויף פלייש, אויף שעכטן עופות און אַנדערע. כשר פלייש האָט שוין געמוזט האָבן אַן עקסטראַ מאַרקע. דאָס איז געווען געווען געגנוג אויפצופלאַמען מיט דער צייט די יידישע אָרעמע פרויען פון דער איסט סאַיד, און עס האָט אויסגעבראָכן אַ קאַמף אַרום יעדן כשר׳ן בוטשער־שאָפּ (יאַטקע). הונדערטער פרויען האָבן זיך געראַנגלט אין בלוטיקע געשלעגן מיט דער פּאָליציי.

גאָר אַ גרויסער קאַמף האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַרום די שעכט־הייזער פון עופות. די פאַרביטערטע פרויען זיינען איינמאָל באַפאַלן די אַלע וואָס זיינען געקומען מיט עופות, אַרויסגעריסן זיי פון די הענט און הונדערטער הינער זיינען צעטראָטן געוואָרן אונטער די פיס און אַנדערע צעפלויגן איבער די קעפּ, איבער דעכער און איבער וועגענער. די געוואַלדן פון די „באַרויבטע" פרויען, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע עופות, און די אויסגעשרייען פון די פרויען־פּיקעטס, האָבן פאַרוואַנדלט די געגנט אַרום די שלאַכט־הייזער — אין אַ שלאַכט־פעלד. פּאָליציי און פייער־לעשער האָבן אַריינגעכאַפּט געגנוג פלעשער אין קאָפּ, איידער זיי האָבן צעטריבן די קעמפערישע פרויען־מאַסן.

אַוודאי האָבן די אָרטאָדאָקסן באַשולדיקט די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן אין „אויפהעצן" די פרויען. די אַרבעטער־צייטונגען, דער „פאָרווערטס" און די „וואַרהייט" האָבן ביידע דעמאָלט געשטורעמט קעגן די כלי־קודש, וואָס האָבן אוממעגלעך געמאַכט פאַר די אָרעמע מאַסן צו עסן אַמאָל אַ שטיקעלע פלייש.

די געשעעניש האָט נאָך מער געווירקט אויף די געציילטע קהילות.

איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצורוקן פון דער פעדעראַציע און זיך אָפּגעזאָגט פון די חלקים־צאָלונגען, וואָס זיי האָבן פריער צוגעזאָגט. דאָס האָט געטראָפן דעם ר׳ יעקב יוסף שווערער, ווי די פיקעט־דעמאָנ־סטראַציעס פון די פרויען. ער איז פון ערגערניש אריינגעפאַלן אין אַ שווערער קראַנקהייט. ער איז אויסגעגאַנגען דעם 30טן יולי, 1902.

די נייעס האָט זיך שנעל פאַרשפרייט. איבער הונדערט טויזנט יידן האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן אין די איסט סאידער גאַסן, געשטויסן זיך צווישן צענדליקער טויזנטער, צו זיין מער אין פראָנט. דאָס האָט מען באַגלייט צום לעצטן מאָל דעם קערפּער פון זייער גייסטיקן פירער.

פערציק רבנים פון אַלערליי אָרטאָדאָקסישע קהילות זיינען נאָכגע־גאַנגען נאָך זיין מיטה (טויטן־געלעגער), נאָכדעם ווי זיי האָבן אים מספּיד געווען. צענדליקער טויזנטער יידן פון די אַרומיקע גאַסן אַרום דעם „בית המדרש הגדול” האָבן זיך געשפּאַרט דורך פאַרצאַמונגען און פּאָליצייאישע קאָרדאָנען. אַנדערע צענדליקער טויזנטער האָבן געפּלייצט פון די ברוקלינער בריקן און קאָמוניקיר־טראַמווייען.

די גרעסטע יידישע לוויה־פּראָצעסיע אין דער געשיכטע פון די יידן אין ניו יאָרק און אין אַמעריקע, און פון דער גאַנצער וועלט האָט געשטראָמט דורך הענרי סטריט אין די דערבייאיקע גאַסן און אַריינגעגאָסן זיך אין גרענד סטריט. ווען זי האָט געגומען פאַרבייגיין האָ׳ס פאַבריק פון דרוק־מאַשינען און די אַרבעטער האָבן זיך גענומען אַרויסשיטן פון פאַבריק צו מיטאָג־צייט, האָט אַן אַרבעטער־גרופּע, אָנגערייצט פון אַנטיסעמיטישע העצער, גענומען באַוואַרפן טיילן פון דער לוויה מיט שאָלעכץ און אָפּפאַל פון פּרוכטן און גרינסן.

די בויאַנעס האָבן וואָס ווייטער געקראָגן מער חוצפּה. ווען דער ווידער־שטאַנד פון יונגע בחורים האָט זיי נישט שטאַרק געטראָפן. די יידן האָבן גענומען וואַרפן שטיינער אין די פענצטער פון דער פאַבריק פון וואַנען עס זיינען געפלויגן אַנטיסעמיטישע באַליידיקונגען.

באַלד האָט מען פון דער פאַבריק געעפנט מיט וואַסער־קישקעס. פונם פערטן שטאָק האָט מען שוין געשליידערט שווערערע שטיקער בליי, בלעך, אייזן, און עס איז אַנטשטאַנען אַ מאַסן־קאַמף. ביז פּאָליציי־אָפּטיילן זיינען אָנגעקומען, זיינען שוין צענדליקער יידן געלעגן צעבלוטיקטע. איין יינגל איז צעטראָטן געוואָרן אויף טויט. פיל האָט מען צוגענומען אין שפּיטאָלן.

דער מעיאָר סעט לאָו האָט פאַראָרדנט אַן אויספאָרשונג. פיל פון די באַטייליקטע אין דער לוויה האָבן אָנגעקלאָגט די האָ־פירמע פאַר די באַ־שעדיקונגען אין שווערע טויזנטער.

אָבער צוליבן טומל מיטן אַנטיסעמיטישן איבערפאַל האָבן פיל יידן פאַרפעלט צו זען די סקאַנדאַליעזע קאָמעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן די קהלות אַרום דעם כבוד פון האָבן דעם נפטר ביי זיך אויפן בית־עולם. די קהילה אין עלדרידזש סטריט האָט צוגעזאָגט דער אלמנה צו געבן טויזנטער דאָלאַר און וועכענטלעכע צען דאָלאַר פאַרן לעבן לאַנג, האָט דער בית־המדרש הגדול צוגעזאָגט דער אלמנה פופצן הונדערט דאָלאַר און פופצן דאָלאַר וועכענטלעך.

דער מחבר פונם „אוצר הזכרונות", י. ד. אייזענשטיין, שרייבט אַז דער גרויסער בית־מדרש האָט נישט צוגעלייגט צום עסק. גלייך האָט דער אַרויס־געבער פון „טאַגעבלאַט", כתריאל צבי סאַראַזאָן, באַצאָלט פופצן הונדערט דאָלאַר פאַר דעם נאָענטסטן קבר, כדי צו ליגן לעבן ר׳ יעקב יוספ׳ן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ „קבר־בום". דער פּרייז פון אַלע קברים אויף יענעם בית עולם איז אַרויפגעשרויפט געוואָרן.

פון דער משפּחה, וואָס ר׳ יעקב יוסף האָט געלאָזט נאָך זיך, איז באַ־זונדער פּראָמינענט זיינס אַן אייניקל לאַזאַרוס ידזשאָזעף. ער איז איין צייט געווען דער קאָנטראָלער (אויפזעער איבער פינאַנסן) פון דער ניו יאָרקער שטאַט־רעגערונג און האָט זיך דערוואָרבן אַ באַדייטנדיקן אָנזען ווי אַ יידישער כלל־טוער.

קאַפּיטל דרייצן

א. טאַנענבוים און זיינע ווערק

דער פּאָפּולערסטער
יידישער שרייבער אין אַמעריקע
מיט פופציק יאָר צוריק.

נאָך פאַר אבנר טאַנענבוים׳ען זיינען געווען אין אַמעריקע יידישע שרייבער מיט אַ געוויסער פּאָפּולאַריטעט, ווי „העכסט אינטערעסאַנטע״, „געלערנטע״, „פאַרשטענדלעכע״, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז דער מאַסן־לייענער קען זיי פאַנאַנדערבייסן. אָבער קיינעם פון זיי איז ניט געלונגען צו האַלטן אַזוי געשפּאַנט דעם פּשוט׳ן יידישן באַלעמעלאָכע, דעם קליינעם קרעמער, אָדער פּעדלער, דאָ, אָדער אויף יענער זייט ים, מיט זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען, איבערגעזעצטע אָדער אייגענע, באַאַרבעטע, אָדער צוגעאייגנטע פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי דאָס איז געלונגען דעם שרייבער א. טאַנענבוים.

אבנר טאַנענבוים איז געבאָרן געוואָרן דעם 1־טן מערץ, 1848, אין שירוויניט, אַרום ווילנע, אין אַן אָרעמער, האַלב־משכילישער יידישער פאַמיליע, וואו ער האָט געקראָגן אַ דורכשניטלעך יידישע דערציאונג. אָבער ווען די פאַמיליע האָט זיך איבערגעקליבן קיין אוקראַינע, אין דער גרעסערער שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, איז ער אַריין אין דער מער מאָדערנער יידישער מלוכה־שול, וואו דער גרויסער יידישער העברעאישער דיכטער א. ב. גאָטלאָבער איז געווען דער הויפּט־פּרינציפּאַל. ער האָט אויך געהאַט דעם גליק, אַז דער שפּעטערדיקער מענדעלע, וואָס איז נאָך אין די סוף פופציקער אַליין געווען אַ יונגערמאַן, זאָל זיין זיין לערער אין רוסיש. אבנר האָט נאָך דעמאָלט ניט דערגרייכט זיין צענטן יאָר, ווייל אין 1858 איז שוין שלום יעקב אַבראַמאָוויטש — מענדעלע — אָפּגעפאָרן קיין באַרדיטשעוו.

אָבער אויך די טאַנענבוים פאַמיליע איז אינם זעלבן יאָר אָפּגעפאָרן פון קאַמענעץ. דער פאָטער האָט געקראָגן אַ שטעלע ביים באַראָן גינזבורג אין זיינעם אַ בעסעראַביער אונטערנעמונג און זיין מערכה האָט זיך פיל פאַרבעסערט. ער איז געוואָרן בכח אַריינצוגעבן זיין פייאיקן יינגל אין גימ־

נאַזיע און ווי אַ צוגאָב אים געלערנט העברעאיש און איר אַלטע ליטעראַטור. ער האָט שפּעטער געקראָגן אַ דיפּלאָם פון דער אוניווערסיטעט אין אָדעס.

ער האָט זיך איינגיכן דערשלאָגן צו אַ גרויס געשעפט און פּאַרוואַלטעט מיט אַ גרויסער אַפּטייק. אָבער די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן און די גירושים פון די גרויסע צאַרישע שטעט, האָבן קענטיק אים אַרויסגעשלאָגן פון זיין פאַרמעגלעכן מעמד. ווי שוין אַ געניטער רייזנדער, איז פאַר אים גע־בליבן אַן אַנטרינונגס־פּלאַץ — אַמעריקע, און די גוטע געלעגנהייט, וואָס די אַכציקער יאָרן, נאָכן גרויסן קריזיס פון 1873, האָבן דאָ געשאַפן פאַרן געשעפטס־מענטשן.

אין 1887 זעען מיר שוין א. טאַנענבוים׳ען אין אַמעריקע. אָבער די גליקן וואָס ער האָט געזוכט האָבן זיך אין ערגעץ פון אים באַהאַלטן. ער האָט דאָ אַריינגעכאַפּט די ריכטיקע נויט. נאָענט צו צוויי יאָר האָט ער נישט גע־וואוסט איין טאָג פון וואַנען ער וועט לעבן דעם צווייטן. אָבער אין צוויי יאָר שפּעטער, אַז ער האָט זיך שוין אַ היפּש ביסל אויסגעגרינט און באַקענט זיך מיטן קליינעם ראַדיקאַלן יידישן ווינקל, האָט אַ נייער אָדער אין אים גע־נומען שלאָגן.

אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט אַנגעשריבן אויף טשיקאַווען פאַרן ראַ־דיקאַלן, האַלב־אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט „דער מאָרגנשטערן", וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן אב. בראַסלאַווסקי און י. יאַפּע, זאָל האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אין יענער צייט, און פּלוצלונג האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ טיר פון וועלכער ער האָט פריער אפילו נישט געטראַכט. ער איז צו איר צו־געקומען, לייכט אַ קלאַפּ געטאָן, און זי האָט זיך פאַר אים ברייט געעפנט.

אין משך פון עטלעכע חדשים זעען מיר שוין א. טאַנענבוים׳ען אַלס רע־דאַקטאָר פון דער צייטונג. ווען זי פאַרמאַכט זיך צוליב פינאַנציעלע שוועריג־קייטן, עפענען זיך אויף פאַר אים די טירן פון אַ ריי רעדאַקציעס, וואָס האָבן אויפגענומען זיינע אַרטיקלען מיט אָפענע אָרעמס. די אורזאַך איז געווען אַ פּשוטע: ער האָט געשריבן אינטערעסאַנט און לייכט. ער האָט פּונקט צו־געטראָפן דעם מאַסן־לייענער. ער האָט אים געוויזן זאַכן פון וועלכע ער האָט פריער ניט געוואוסט, לענדער פון וועלכע ער האָט געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף, נעמען, וואָס ער האָט געהערט ווי אין חלום און געגאַרט עפּעס צו וויסן וועגן זיי...

אין די צען יאָר פון 1893 ביז 1903, האָט ער געשריבן עטלעכע טויזנט אַרטיקלען אין דעם „יידישן טאָגעבלאַט" און אין „די אידישע גאַזעטן". פאַר־עפנטלעכט אין אַ פיינעם העברעאיש, אַרטיקלען אין צייטונגען ,אינם העברעאישן מאָנאַטלעכן זשורנאַל „הלאום". געווען דורך דער צייט, אויך

רעדאַקטאָר, אין יאָר 1898, פון דעם אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדע־ראַציע „מבשרת ציון". געטומען שרייבן „היסטאָרישע ראָמאַנען", אָפט אַלס באַארבעטונגען פון אויסגעקלערטע אויטאָרס, אָדער פסעוודאָנימען. ער האָט צייטנווייז זיך אָראָפּגעגליטשט צום ראַנד פון שונד, אָבער קיין פולער „שונדיסט" נישט געוואָרן. פּאַרקערט: מיט זיינע אינטערעסאַנט־געשריבענע לייכטע ראָמאַנען, פאַרבונדן מיט עלעמענטאַר־וויסנשאַפטלעכע ענינים, האָט ער גיכער אָפּגעריסן טויזנטער לייענער פון שונד.

עס איז בלויז אַ הידוש ווי טאַנענבוים האָט געקאָנט לאַווירן צווישן רעליגיעזע יידן און ניט רעליגיעזע; צווישן ציוניסטן און סתם נאַציאָנאַליס־טישע יידן און אַנאַרכיסטישע. פאַר די לעצטע פלעגט ער דאָך שרייבן אין משך פון די יאָרן 1889 ביז 1893 די יערלעכע אפיקורסישע „תפלה־זכה'ס", וואָס זיינען געוועזן טיילן פונם יום כיפור־באַל קולט.

אַרום 1890 האָט ער שוין אַ בעסערע מערכה:

עס האָבן אים „גענומען" אין אַרענדע" פאַרשיידענע פאַרלעגער. זיינע אַנציענדיקע „נייע ראָמאַנען" זיינען געווען צוגעמאָסטן צו די נייע יידישע לייענער, וואָס פלעגן סוף וואָך נעמען אַזעלכע ראָמאַנען אויף איבערלייענען פאַר אַ פּאָר סענט און אומקערן זיי, כדי צו נעמען ווידער אַנדערע. פיל פון טאַנענבוים'ס ראָמאַנען זיינען אויך דערשינען וועכנטלעך, העפטנווייז, פאַר פינף סענט אַ העפט, און פלעגן זיך צוגיין אין די שווערע טויזנטער.

טאַנענבוים'ס ראָמאַנען זיינען געוואָרן מיט דער צייט קאָנקורענטן מיט די צייטונגען. פאַקטיש זיינען זיי געווען טאַקע אינטערעסאַנטע און אין אַ בעסערן יידיש, ווי די נאָך אַלץ פאַרדייטשמערישע פרעסע. מען קען זאָגן, אַז טאַנענבוים איז אין אַ גרויסער מאָס פאַראַנטוואָרטלעך, וואָס די יידישע צייטונגען האָבן גענומען איינפירן ביי זיך ראָמאַנען, וואָס זאָלן האַלטן די לייענער אין כסדר'דיקער שפּאַנונג. מען האָט זיך גענומען רייסן איבער דעם דאָזיקן פליסיקן צושטעלער פון ראָמאַנען און ער האָט שוין מער קיין נויט נישט געוואוסט.

זייך כח איז געלעגן אין באַארבעטן באַוואוסטע אינטערעסאַנטע און לייכטע ווערק און אַזוי צופּראַווען, אַז זיי האָבן געקראָגן אַן אייגנאַרטיק פּנים. אַזוי האָט ער, צום ביישפּיל, באַארבעט אַלע ווערק פון זשול ווערן, וואָס איז דעמאָלט געווען נישט בלויז דער „גאָט פון דער יוגנט", נאָר אויך פון פיל־וויניקער געלערנטע דערוואקסענע מענטשן. ער האָט זיי אַרומגע־פירט אין פאַרשיידענע לענדער, באַקאַנט זיי מיט וויכטיקע ענינים, אין פאַר־לויף פון אינטערעסאַנטע באַגעגענישן, מיט די צוגעגלעכסטע פאַר זיי מיטלען. ער האָט זיי געפירט איבער ימים, איבער מדבריות, פאַרביי אייזבערג און

וואולקאנען, צום נארד־פאל און צו די גאלד־גרובן פון קאליפארניע, און וואוהין ניט.

דער יידישער לייענער־מארק אין רוסלאנד און אין די ארומיקע מזרח־אייראפייאישע לענדער האט זיך אויך א לאז געטאן אינם סוף פונם יאר־הונדערט צו טאנענבוימס ווערק. אין גיכן האט זיך שוין נישט געפונען קיין איינציקער בוכהענדלער, אדער ביבליאטעקאר, אן טאנענבוימס ראמאנען, רייזע באשרייבונגען, ביאגראפיעס פון גרויסע מענטשן, פאפולערע, כמו־וויסנשאפט־ווערק, ווי למשל: זיין „דאקטער און צויבערער", די „רייזע צום „נארד־פאל", „צווישן הימל און וואסער", „ א רייזע אין לופט־שיף" און אזוי ווייטער. פיל זאכן וואס ער שילדערט, זיינען אין יענער צייט נאך געווען בלויז פאנטאסטיק, און איצט זיינען זיי שוין נישט נאר געווארןווירקלעכ־קייטן נאר האבן אפילו שוין ווייט אריבערגעיאגט די דרייסטסטע פאנטאזיעס.

די צאל פון טאנענבוימס ווערק גרייכן אין די הונדערטער. פיל פון זיינע ווערק זיינען אין צען און אפילו אין מער טיילן.

צווישן זיינע וויסנשאפטלעכע ארבעטן געפינען זיך אזעלכע ווי „ער־קעלטונג (פארקילונג) און קאטאר", „געאגראפיע פון די פאראייניגטע שטאטן", „געשיכטע פון די אידן אין אמעריקע", קאשינגס האנט־בוך ווי צו פירן מיטינגען לויט פארלעמענטארישע געזעצן", „די פראנצויזישע רעוואלוציע", „די אידן פון פרס און מדי", „די ערשטע אינדיאנישע פעלקער", „מענטשן־פרעסער" און אנדערע. דעם גרעסטן דערפאלג האט ער געמאכט מיט זיין ווערק „קאלט און ווארעם", וואס איז דערשינען אין 1895, אין לאנדאן, אין פיר טיילן. דאס לעצטע איז ברייט פארשפרייט געווען צווישן די יידישע ארבעטער אין רוסלאנד אין אנהויב פון דעם יארהונדערט.

מיט דער פארשונג, וואס עס האט געמאכט א. קאטיק וועגן דער יידישער לייענשאפט און וואס זי לייענט, קומט אויס, אז טאנענבוים׳ס ווערק זיינען געלייענט געווארן פינף מאל אזויפיל ווי יעדער אנדערער גוט־געלייענטער יידישער שרייבער.

געשטארבן איז טאנענבוים אין ניו־יארק, אין 1913, אין עלטער פון 65 יאר.

קאַפּיטל פערצן

דוד לובין און זיינע אויפטועז פאַר די אַמעריקאַנער פאַרמערס



צווישן די פוילישע יידן, וואָס זיינען אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע אין דער צווייטער העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט, זעט זיך היפש אָן די פערזענלעכקייט פון דוד לובין, אין אַ ווינקל, וואו יידן האָבן זיך נאָך דעמאָלט זייער ווייניק באַוויזן — אויפן געביט פון אַגריקולטור. נישט וואָס לובין האָט אויסגעקליבן פאַרמעריי אַלס זיין פרנסה — הגם ער האָט צו דעם עניין אויך ניט צוגעלייגט, איז ער שוין פריער געווען אַ גביר אויב נישט קיין מיליאָנער. זיין באַרימטקייט איז געקומען ווען ער האָט זיך געווידמעט צו אַ קאָלאָסאַלער אויפגאַבע — אויפצוהייבן אין אַ געוויסן גראַד דעם מצב פון די פאַרמער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און גלייכצייטיק אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

לובין האָט אָנגעהויבן צו דענקען אין אינטערנאַציאָנאַלע טערמינען. דער פאַרמער איז געווען אין זיינע אויגן וויכטיקער ווי דער אינדוסטריעלער אַרבעטער. ער איז געווען באַאיינפלוסט, פון איין זייט פון די נאַטוראַליסטן, וואָס האָבן געזען אין פאַרם-מענטש דעם גאַנצן, ערלעכן, דעם נאָענטסטן צו דער נאַטור מענטשן. און דעריבער, הייסט עס, איז ער דער עיקר פון דער מענטשהייט. פון דער צווייטער זייט איז ער געווען באַאיינפלוסט פון יענע עקאָנאָמיסטן, וואָס האָבן געזען אין דעם ערד-באָדן דעם אורשפּרונג פון קאַפּיטאַל-אָנזאַמלונג, און ממילא דער שטאַרקסטער פונדאַמענט פון דער גאַנצער אָרדנונג. דעם פּראָלעטאַריאַט האָט ער קנאַפּ-וואָס געקענט.

געבאָרן געוואָרן איז דוד לובין אין דעם פוילישן שטעטל קלאָדאָווע, אינם יאָר 1848. מען האָט אים געבראַכט אַלס יינגל אין די פאַראייניקטע שטאַטן און מיר געפינען אים שוין אין זיינע צייטיקערע יאָרן אַלס געשעפטס-מענטש אין דער ווייטער וועסט. מיר האָבן דעם ערשטן בליק אויף אים אַלס שותּף צו אַ געשעפט מיט זיין האַלבן ברודער, קאַלאָנעל (קוירנעל) העריס

וויינשטאָק, אין סאַקראַמענטאָ, קאַליפאָרניע. זייער געשעפט איז שנעל געוואָרן באַקאַנט אין דער ווייטער וועסט ווי די ערשטע "איין־פרייז סטאָר" אין מערב פון דעם מיסיסיפי. זיינע הויפט־קונים זיינען געווען די פאַרמערס פון אַרום. ער האָט מיט זיי געטאָן גוטע געשעפטן. ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף דעם זיכערסטן הויפט־קלאַס פאַר זיינע אונטערנעמונגען.

אָבער פלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן צו באַמערקן, ווי אויף די דאָזיקע שטענדיק סאָלידע, געזונטע און אויפגעלייגטע מענטשן — מוטיקע און אָפטימיסטישע, פאַרציט זיך אַ וואָלקן איבער זייערע שטערנס. ער האָט באַמערקט ווי זיי ווערן פיל פאָרזיכטיקער און באַזאָרגטער אין זייער קויפן געוויסע פראָדוקטן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דינגען — אַ זאַך, וואָס זיי האָבן עס פריער קיינמאָל נישט געטאָן. אים, אַלס פאָרשערישן געשעפטסמאַן, האָט דאָס פאַראינטערעסירט. ער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערצופרעגן די, וואָס ער האָט פערזענלעך בעסער געקענט. דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו הערן פון זיי, האָט אים שטאַרק איבערראַשט. ביי אים איז אויסגעקומען אַז קאַליפאָרניע מיטן רייכן, פעטן באָדן, מיט די וואונדערבאַרע פרוכטבאַרע טאָלן, איז אַ לאַנד, וואָס פליסט אייביק מיט מילך און האָניק און אַז די מילך און האָניק בלייבט מיטן פאַרמער.

אַלס ליבהאָבער פון דער נאַטור, און אויך פון אַ געשעפטס־שטאַנדפונקט, אין ער אַליין אויך אריין אין דער פאַרמעריי, אינם צווייג פון פרוכט־ווירטשאַפט. ער איז געווען אַזוי באַגייסטערט פאַרן געדאַנק פון זען יידישע פאַרמער, אַז אין 1884 איז ער אַוועק קיין פאַלעסטינע זען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי יידן וועקן דאָרט אויף די ערד פון שלאָף. ער איז צוריקגעקומען אַ באַגייסטערטער. אין 1885, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן צו דערזען פאַרטיקע פרוכט פון זיין אייגענער ווירטשאַפט, האָט ער אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע פרוכט־ווירטשאַפטלער אין קאַליפאָרניע. פון יענעם צוזאַמענפאָר האָט ער ארויסגעטראָגן דעם געדאַנק, אַז עס איז נויטיק צו גרינדן אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע אין דער פאָרם פון אַ בירזשע (עקסטשענדזש) פון די פרוכט־ווירטשאַפטלער. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ נייעם קאַפיטל אין דער עקאָנאָמישער פאַרם־געשיכטע פון דער וועסט, אַזוי גוט ווי אין דעם גרויס־פאַרקויף פון פאַרם־פראָדוקטן.

לובין איז אויך געווען פון די ערשטע אַגראַר־עקאָנאָמיסטן צו אַרבעטן פאַרן געדאַנק פון פינאַנסירן די פאַרמערס דורך ספעציעלע פאַרם־באַנקען. ווי אַ רעפאָרמער האָט ער שנעל אָנגעהויבן צו דענקען אין דער ריכטונג פון באַשיצן אין אַ גלייכער מאָס די אינדוסטריעס און די אַגריקולטורעלע באַפעלקערונג. לובין האָט קענטיק ניט פאַרשטאַנען דעם הויפט־גייסט פונם

קאַפּיטאַליזם, וואָס שטרעבט כסדר צו קאַפּיטאַל־קאָנצענטראַציע פון איין זייט און וואָס ווירקט אין דער ריכטונג פון פאַראָרעמען די גרויסע מאַסע האַרע־פּאַשניקעס פון דער צווייטער זייט. געוויס האָט לובין געקוקט אויף דעם ענין פון אַ בורזשואַזן שטאַנדפּונקט.

דער דאָזיקער פילאַנטראָפּ האָט באַטראַכט די הויכע קאָסטן, וואָס די פאַרמער דאַרפן צאָלן פאַר אינדוסטריעלע מכשירים און פערטיליזיר־שטאָפן און די ביליקע פרייזן, וואָס זיי דאַרפן, צוליב אויסלענדישער קאָנקורענץ, קריגן פאַר זייער האַרעוואַניע, ווי אַ הימל־שרייענדיקע עוולה. ער האָט געזען ווי די האַרעפּאַשנע פאַרמער ווערן אויף אַזאַ אופן געדריקט פון צוויי זייטן. זיין גרויסע אַגיטאַציע אין די אינטערעסן פון די פאַרמער האָט ער אַריבער־געטראָגן אין דער פּרעסע. דורך זיין פיל־זייטיקער טעטיקייט אויף דעם געביט האָט ער די פאַרם־אישו דערהויבן אין דער פאָרם צו אַ נאַציאָנאַלער פּראָבלעם. אויף דער רעפּובליקאַנער קאָנווענשאָן אין קאַליפאָרניע האָט לובין אַריינגעבראַכט די פראַגע אַלס איינע פון די וויכטיקסטע אישוס. איבערן גאַנצן לאַנד איז די באַוועגונג אַ לענגערע צייט געווען באַוואוסט ווי „לוביניזם״. אין 1896 און 1897 האָט די דאָזיקע פּראָבלעם באַשאַפן אַזאַ גרויסן אינטערעס, אַז אין פילאַדעלפיע אַליין האָבן 55 גלחים פאַרמירט אַ „לובין קלוב״ צו אונטערשטיצן די דאָזיקע באַוועגונג. פון צייט צו צייט זיינען די דאָזיקע לובין־פּלענער באַנייט געוואָרן, כאָטש דער געדאַנק וועגן סובסידיעס פאַר די פאַרמער איז אין זיין לעבנס־צייט קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אָבער לובין־קלובן האָבן זיך פאַרמירט דאָ און דאָרטן, נישט קוקנדיק אויף די ערשטע דורכפאַלן.

עס איז אים אויך דעמאָלט נישט איינגעפאַלן, אַז אַנשטאָט צו באַזייטיקן דעם פּאַראַזיטישן טייל, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין דעם האַנדל מיט פאַרם־פּראָדוקטן מצד די קליינע פאַרמיטלער און געשעפטסלייט, וועלן גאָר אויפ־קומען מעכטיקע טראַסטן און מאָנאָפּאַליעס, וואָס וועלן אַרויסקוועטשן ביים פאַרמער די שווייס און מי פון זיין ענערגיע פאַר זייערע אייגענע פּראָפיטן און אין דער זעלבער צייט אָנהאַלטן הויכע פרייזן פאַר די קאָנסומערס.

דער הויפּט־פּאַרזען פון דעם דאָזיקן בירגערלעכן עקאָנאָמיסט איז געווען, וואָס ער האָט אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנען פון וואַנען עס נעמט זיך די פאַראָרעמונג פון די ברייטע מאַסן, און די ריזיקע אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל אין די הענט פון די באַנקירן און אינדוסטריאַליסטן. ער האָט פאַרזען דעם הויפּט־קוואַל פון וואַנען די פּראָפיטן פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל קומען. די עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער.

זעענדיק, אַז זיינע פּלענער אַרבעטן נישט, האָט ער אָנגעהויבן גלויבן,

און דאס איז דערפאר, ווייל די קאנקורענץ פון די פארמער פון אנדערע לענדער דערלאזט נישט קיין פעסטע פרייזן אויף די פארם־פראדוקטן. מען מוז, הייסט עס, שאפן פאר דעם צוועק אן אינטערנאציאנאלע פאראייניקונג פון אלע פארמער. דאס איז מסתמא ביי אים אנגעהויבט געווארן דורך דער אינטערנאציאנאלער פאראייניקונג פון די ארבעטער, דורך דעם סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל.

אוועקלאזנדיק זיך אויף דעם געדאנק, האט ער גענומען אנפירן א קארעספאנדענץ מיט די מלוכות פון אלע באדייטנדיקע לענדער. ער איז געווארן דער שטאטסמאן פון דער אינטערנאציאנאלער אגריקולטור, וואס האט געזאלט אויסמיידן אגריקולטור־קריזיסן.

די רעגירונג פון די פאראייניקטע שטאטן, ענגלאנד און פראנקרייך האבן לובינס פלענער איגנארירט. ער האט אבער יא אנגעשלאגן אין די סאמע העכסטע קרייזן פון דער רעגירונג אין איטאליע. עס איז נישט געווען אזוי צוליב דעם וואס דער איטאליענישער קעניג איז געווען אזוי פאראינטערעסירט אין דער לאגע פון די פארמער ווי אין דעם וואס זיין פינאנץ־מיניסטער, דער ייד לואידזשי לוצאטא, וואס האט זיך באריימט געמאכט מיט רעפארמירן די לאנג־באנקראטירטע איטאליענישע פינאנצן, האט זיך איינגעשטעלט פאר לובינ׳ס אידייען און באוואויגן דעם קעניג צוצוגעבן זיין אויטאריטעטן־געוויכט צו דעם פלאן פון אגריקולטור־אינטערנאציאנאל.

דער פרעסטיזש, וואס דער איטאליענישער קעניג האט צוגעגעבן דער דאזיקער באוועגונג, האט נישט וויניק געהאלפן, אז דער ערשטער אינטערנאציאנאלער אגריקולטור קאנגרעס אויף וועלכן עס זיינען פארטראטן 40 רעגירונגען, זאל זיין א דערפאלג. פארזאמלט האט ער זיך טאקע אין רוים אין 1905, און איז געווארן פארצייכנט אלס דער ערשטער אין דער געשיכטע פון דער וועלט, אז די פארמער פון אזויפיל לענדער זאלן זיך פאראייניקן פאר פאליטישע און עקאנאמישע צילן. עס איז גאנץ נאטירלעך, אז לובין זאל האבן דערוויילט געווארן צו זיין דער סאמע אנפירער פון דעם דאזיקן אינסטיטוט.

לובין איז געבליבן ביז זיין טויט, אין 1919, דער אנפירער פון דעם אינטערנאציאנאל. ער איז געשטארבן און באערדיקט געווארן אין רוים. דארט וואו ער איז געקומען עטוואס נעענטער צו פארווירקלעכן זיין אידייע. צום 25טן יובילייי פון דעם דאזיקן אינטערנאציאנאל האט דער פארם־קאנגרעס געשיקט דעלעגאציעס צו זיין קבר אין רוים. די איראניע פון דער געשיכטע איז, וואס די איינציקע וואס האט דארטן געפעלט איז געווען — א דעלעגאציע פון די פאראייניקטע שטאטן.

קאַפּיטל פופצן

פּראָפעסאָר סאַלאָמאָן שעכטער — געלערנטער און הומאַניסט



אין יידישע קאָנסערוואַטיווע און טיילוויז רעפאָרמירטע קרייזן פון צווישן די געלערנטע אויטאָריטעטן פון יידישן העכערן וויסן, ווערט פּראָפ. שניאור זלמן (סאַלאָמאָן) שעכטער באַטראַכט פאַרן גרעסטן יידן, אין דעם געביט, אין אייראָפּע און אַמעריקע, פאַר די לעצטע הונדערט יאָר. אָן שום ספק האָט ער געהאַט אַ גרויסן גייסטיקן איינפלוס אויף די ענגלישע און אַמעריקאַנער יידישע רעליגיעזע פירער. נישט אין ליבעראַלע און ברייט־הומאַניסטישע האַנדלונג מצד יידישע רבנים, דאָ און דאָרטן, קען מען געוויסער רעכט צוגעשריבן ווערן צו דעם דאָזיקן ריזיקן געלערנטן יידן, צו זיינע ווערק, געדאַנקען, אויפטוען און אַנטדעקונגען אויפן געביט פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

סאַלאָמאָן שעכטער איז געבאָרן געוואָרן אינם קליין רומענישן שטעטל פאָקסאַני, אין דעצעמבער, 1849, אין דער פאַמיליע פון יצחק און חיה שעכטער. דאָס שטעטל וואָס האָט פאַרמאָגט אַרום זעקס טויזנט יידישע נפשות ליגט אינם געביט פון די קאַרפּאַטן־בערג פון מאָלדאַוויע. זיינע עלטערן זיינען דאָרט געווען אימיגראַנטן פון לוקאַטש אין וואָלין, און מיט זיך מיטגעבראַכט דעם אַזוי־גערופענעם „פילאָסאָפישן חסידיזם" פון חבד (כאַבאַד), די חסידישע שיטה פונם ליאַדער רב שניאור זלמן. ח ב ד מיינט די דריי מדרגות פון פאַרשטאַנד — חקירה (פאָרשונג,) בינה (פאַרשטאַנד) און דעה (וויסן). אַט־די דריי ווינקלשטיינער אין זיין רעליגיעזן גלויבן, ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען, האָט שעכטער מיט זיך מיטגעטראָגן זיין גאַנצן לעבן, אפילו אין די יאָרן ווען ער איז געווען פּראָפעסאָר אין האַרוואַרד, ענגלאַנד, און זיינע סטודענטן זיינען אין גרעסטן טייל געווען נישט־יידן.

יצחק שעכטער, וועלכער איז טאַקע געווען אַ שוחט, איז אַנטלאָפן פון

רוסלאַנד צוליב מיליטער־דינסט, קיין רומעניע, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אונטער דער איבערהערשאַפט פונם טערקישן סולטאַן. ווען שניאור זלמן איז נאָך געווען אַ קינד פון פיר יאָר איז פאָרגעקומען די קרימער מלחמה. פון וועלכער עס איז אומדירעקט אַרויסגעקומען די זעלבסטשטענדיקייט פון רומעניע. אָבער די פּראַוואָסלאַווע רעליגיע פון צאַרישן רוסלאַנד איז אויך געווען די אָפיציעלע רעליגיע פון רומענע און די אויפגעבלאָזענע שנאה צו אַנדערש גלויביקע, דער אויסגעפּראוווטער וואפן אין די הענט פונם הערשנדיקן קלאַס איז געווען די זעלבע, ווי אין רוסלאַנד.

דער יונגער שניאור זלמן איז שוין יינגלוויז געווען אַ גרויסער מתמיד. צו צען יאָר האָט מען אים געשיקט אין דער ישיבה פון פּיאַטרא און צו דרייצן יאָר האָט ער שוין גלערנט אין לעמבערג ביים רב יוסף שאול נאַטאַנסאָן, וואָס האָט אים שוין באַוואונדערט פאַר זיין התמדה און אָריגינעלקייט אין דענקען. אין 1875, זעען מיר אים אין ווין. צום ערשטן מאָל אין לעבן קומט ער אין קאָנטאַקט מיט אַ מאָדערנער דערציאונגס־סיסטעם. ער לערנט און פאָרשט ברייטער און טיפער די אַלטע יידישע מאָדערנע געלערנטע ווי דר. אַדאָלף יעלינעק, דער באַרימטער פּרעדיקער, מיט יצחק הירש ווייס און דעם לעקטאָר מאיר פרידמאַן, וועמען ער האָט פאַרגעטערט נישט אַזוי פאַר זיין יידישקייט, ווי פאַר זיין מענטשלעכקייט. שעכטער האָט טאַקע דעם לעצטן געווידמעט זיין ווערק וועגן סעדיה גאון.

אין 1879 האָט ער פון ווייס'ן געקראָגן זיין סמיכה אויף רבנות. אָבער שעכטער האָט זיך קיינמאָל מיט איר נישט באַנוצט. פון ווין איז ער נאָך געפאָרן לערנען אין בערלין ביי די דאָרטיקע מאָדערנע יידישע געלערנטע. ביים רב דר. פינקוס און פרידריך פרענקל, וואָס האָט פאַרנומען דעם גרויסן גייגער'ס (באַרימטער פאָרשער און קריטיקער) פּלאַץ און אַ חבר פון פּראָפ. גרעץ, איבערהויפּט פון די גרויסע געלערנטע דר. מאָריץ שטיינשניידער און איזראַעל לעווי. פון זיי האָט ער זיך דערוואָרבן זיין קריטישע חריפות אין זיינע אַרבעטן און רעוויזיעס פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. כאָטש אין די שפּעטערע יאָרן איז אים אויסגעקומען אויפצושטיין קעגן אייניקע פון זיינע פאַרגעטערטע רביים פאַר נישט האָבן קיין פולע און ברייטע היס־טאָרישע פּערספּעקטיווע אין זייערע ווערק.

אין 1882, האָט אים דער יונגער קלאָוד ג. מאָנטעפיאָר, פון דער באַ־רימטער פאַמיליע, איינגעלאַדן מיטצופאָרן מיט אים קיין ענגלאַנד און העלפן אים פאָרזעצן זיין שטודיום פון יידישער קלאַסישער שאַפונג אין וועלכער ער האָט זיך געהאַט שטאַרק פאַראינטערעסירט. אין לאָנדאָן איז שעכטער אַריינגעפאַלן אינם קרייז פון אַזעלכע באַרימטע יידן ווי לוסיען וואָלף,

איזראַעל זאַנגוויל, דער היסטאָריקער איזראַעל אייבראַהאַמס, אשר מייערס, רעדאַקטאָר פון „דזשואיש קראָניקל" און אַנדערע.

נאָכדעם ווי שעכטער האָט באַהערשט אין זייער אַ שנעלער צייט די די ענגלישע שפּראַך האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן די קריטישע שטריכן פון זיין פּען איבער היסטאָרישע ביכער. ענדלעך איז ער אַרויסגעקומען מיט זיין ערשטער גרויסער אַרבעט אין 1887 רעווידירנדיק דעם עטישן ספר „אבות דרבי נתן". ער האָט די דאָזיקע אַרבעט פון פאַרגלייכונגען מיט אַלערליי קוואַלן געקענט בלויז טאָן, אויסנוצנדיק די רעסורסן פונם בריטישן מוזיי און פון דער רייכער פּריוואַטער מאָנטעפיאָר־ביבליאָטעק, און טאַקע דערפאַר געווידמעט דאָס ווערק צו קלאָוד מאָנטעפיאָר.

זיין צווייטע גרויסע אַרבעט איז געווען די מדרש־ענציקלאָפּעדיע, וואָס ער האָט אָנגערופן „מדרש הגדול", און איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך לייענען הונדערטער מאַנוסקריפּטן אין פאַרשיידענע ביבליאָטעקן, איינגע־שלאָסן אויך תימנ'ער טעקסטן. די ערשטע טיילן פון דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך ערשט באַוויזן אין 1902 און באַטראַכט געוואָרן פון פאַכמענער פאַר אַ גרויסן אוצר.

אין יענע יאָרן האָט ער פאַרגעזעצט די אַרבעט פון זיינע סעריעס „סטאַדיס אין דזשודאַאיזם", וואָס זיינען דערשינען יאָרן לאַנג אין דעם ספּעציעלן „דזשואיש קוואָרטערלי רעוויו", וואָס איז שפּעטער פאַר־געזעצט געוואָרן פון „דראָפּסי קאָלעדזש".

אין 1890 ווערט ער לעקטאָר אין דעם באַרימטן ענגלישן האַרוואַרד אוניווערסיטעט אין תלמוד און רבנישער ליטעראַטור. דאָרט האָט ער גע־פונען אַ רייע פּריינט צווישן די פּראָפעסאָרן און גענוג צייט אָנצוגיין מיט זיינע ווייטערדיקע שטודיומס אין די אַלגעמיינע וועלט־ליטעראַטורן פון פאַרשונג ווי אין די יידיש־אַלטע קוואַלן.

דאָ איז נישט דער פּלאַץ אָפּצושטעלן זיך אויף אַלע זיינע פאַרשונגען אין ענגלאַנד און שפּעטער אין אַמעריקע, וואו ער האָט אויסגעלעבט די לעצטע 15־16 יאָר פון זיין לעבן. אָבער איין פּאַסירונג, וואָס האָט אים באַ־רימט געמאַכט אויף דער גאַנצער וועלט פון היסטאָרישער וויסנשאַפט מוז דאָ פאַרצייכנט ווערן. דאָס איז די אַנטדעקונג פון דער „גניזה" — אַ באַהאַלטענער אוצר פון אַלטע שימות, פון שטיקלעך און ברעקלעך אַלטע מאַנוסקריפּטן אין אַן אַלטער שול אין קאַירא.

אמת, דאָס איז געווען אַ צופאַל, וואָס צוויי ענגלישע פרויען האָבן גע־בראַכט קיין קעמברידזש אַ פּעקל אַלטע שריפטן, וואָס זיי האָבן געקויפט אין דרום־פּאַלעסטינע, און אין איינעם פון די אָפּגעריבענע בלעטלעך איז

העברעאיש האָט שעכטער דערקענט, אַז דאָס איז פון „בן סירא", אַ יידיש ווערק פון גרויסן ווערט, וואָס די וועלט האָט בלויז געהאַט אין גריכישער איבער־זעצונג און אין פראַגמענטן פון תלמוד. דער העברעאישער אָריגינאַל איז געווען אַ פאַרלוירענער. ווען שעכטער מיט זיינע פריערדיקע פאָרשונגען פון די אַפּאָקריפטישע אַלט־יידישע שריפטן האָט דערזען עטלעכע אויסצוגן פון א בלעטל, האָט ער גלייך דערקענט, אַז דאָס איז פון בן־סירא. פאַר אים איז עס געווען אַ גוואַלדיקע געשעעניש.

זיינע אויספאָרשונגען האָבן אים דערנאָך געפירט קיין קאַירא, אין דער אַלטער, אַלטער שול, וואו ער האָט אין באַהאַלטענע פעק שמות גע־פונען ריזיקע פעק, פראַגמענטן, שמות פון פיל ספרים, וואָס דאַרפן נאָך אויסגעפאָרשט ווערן אין משך פון יאָרצענדליקער.

שפּעטער האָט ער געאַרבעט שוין דאָ אין אַמעריקע, ווען דר. סאַבאַטאָ מאָרעיס האָט אים צוגעצויגן צום יידישן סעמינאַר, און דאָ אַנטוויקלט זיין רייכע טעטיגקייט אויפן יידישן פאָרשונגס־געביט.

ווי אַזוי פראָפ. שעכטער האָט זיך באַצויגן צו דער בורן־מלחמה קען מען זען פון פאָלגנדיקן אויסצוג:

„מיר זיינען איצט געבענטשט מיט אַ מאַסע „געלע דאָקומענטן, געלע דרשות, געלע תפילות (אומגראַמאַטיש געשריבענע), וואָס ווענדן זיך צו זייער געלן גאָט, אַז ער זאָל מצליח זיין זייערע וואָפנס צום כבוד פון זיין הייליקן נאָמען און פון דער ענגליש־זאַקסישער ראַסע. פון דער צווייטער זייט שטיצט זיך די פּראָ־בורן פּאַרטיי אויפן קאַפּיטל 35 פון יחזקאל. ווי איר ווייסט האָס איך דעם אימפּעריאַליזם פון אַלע מינים און אַלע צייטן". (פון אַ בריוו צו דר. סיירוס אַדלער, אין 1900).

בכלל איז ער געווען קריטיש אפילו צו דער ענגלישער „דעמאָקראַטיע", וואָס דערלאָזט אַן עטאַבלירטע קירכע זאָל האָבן אַן איינפלוס אויף פּאָליטיק און אויפן געדאַנקענגאַנג.

דערפאַר האָט ער פאַרהערלעכט דעם גרעסטן אַמעריקאַנער — ל י נ ק אָ ל ן, וואָס ער האָט אויך באַטראַכט „פאַרן גרעסטן מענטשן אין דער וועלט פון אַלע צייטן". ער האָט טאָקע וועגן אים געשריבן אַ מערקווירדיקע אָפּשאַצונג פאַר וועלכער עס איז נויטיק געווען אַ טיפער שטודיום.

זיין פרייד איז געווען באַזונדערס גרויס, ווען דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּברעכן דעם אָפּמאַך מיט דער צאַ־רישער רעגירונג פאַר נישט געבן די אַמעריקאַנער יידן, וואָס באַזוכן אָדער וואוינען אין רוסלאַנד די זעלבע רעכט, וואָס זיי האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

י. ב. ביילין

פראָפעסאָר שעכטער האָט שטענדיק געקעמפּט פאַר דער איינִיקייט פון די יידן אין אַמעריקע אָבער ער האָט אונטערגעשטראָכן. . נישט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע איינִיקייט. . . „אַ פּרינציפּיעלע איינִיקייט”, די אַנערקענונג פון די לעבנס־וויכטיקע פאַקטן, וואָס זיינען געווען אַנטשיידנדיק אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט און אומגעהויער־וויכטיק פאַר אונדזער לעבן אין דער צו־קונפט, וואָס דאָס איז דער איינציקער באַדינג, וואו ישראל קען האָפן צו האָבן אַ נאָמען און אַן איבערבלייבעניש אין דער וועלט. . .”

דאָס איז כמעט אַ נביאישע צוואה פאַר דער איצטיקער צייט, ווען שלום אויף דער וועלט איז אַ באַדינג פאַר איבערבלייבעניש און דער עקזיסטענץ פון יידן און אַנדערע פעלקער אין דער וועלט, איינגעשלאָסן אויך ישראל. דאָס איז די העכסטע פאָרם פון יידישער שטאַטסמאַנשאַפט. ישעיה האָט עס געזען, און ווי עס זעען זי איצט די הערלעכסטע מענטשן פון אונדזער איצטיקן דור, אין ישראל, ווי אין אַנדערע לענדער.

ווייל אין דער זעלבער צייט, וואָס ער איז געווען דער אויסגעצייכנטסטער געלערנטער פון יידישער וויסנשאַפט און אַלטער ליטעראַטור, איר גרויסער פּאַטריאָט, איז ער אויך געווען דער גרויסער וועלט־בירגער, וואָס האָט פאַר־שטאַנען די ענגע שייכות פון אַלוועלטלעכער פרייהייט און גערעכטיקייט מיט דער עקזיסטענץ פונם יידישן פאָלק און פון אַלע אַנדערע מינדערהייט־פעלקער. און דערפאַר איז ער געווען דער געשוואָרענער שונא פון קאָלאָניאַליזם און אימפּעריאַליזם.

ווען סאָלאָמאָן שעכטער איז געשטאָרבן, אין 1915, האָט ער איבער־געלאָזט אַ גוט־אָרגאַניזירטן איינגעפונדעוועטן יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פאַר וועלכן עס זיינען אים דאַנקבאַר צענדליקער טויזנטער קאָנסערוואַטיווע יידן. אָבער אויך פּראָגרעסיווע יידן האָבן צו דאַנקען אים פאַר צוגרייטן יידישע פּראָגרעסיווע פירער צווישן די גייסטלעכע, וואָס העלפן אויף זייער אופן אינם קאַמף קעגן קאָלאָניאַליזם און אימפּעריאַליזם.

קאַפּיטל זעכצן

שמר און זײַנע ראָמאַנען

נחום מאיר שײַקעוויטש
דער פּראָליפישער שרײַבער

אין נאָוועמבער, 1955, איז געוואָרן אַ האַלבער יאָרהונדערט, זינט עס איז געשטאָרבן דער ברייט באַוואוסטער יידישער ראָמאַנען־שרייבער שמר. ווי פּאָפּולער ער איז געווען צווישן דעם ברייטן יידישן עולם פון ניו יאָרק האָט מען געקענט דעמאָלט זען פון דער הונדערט טויזנט קעפּיקער יידישער מאַסע, וואָס האָט זיך דעמאָלט פאַר־זאַמלט אַרום דער געביידע פון דער עדיוקיישאַנאַל עלייענס, אָפּצוגעבן אים זיין לעצטן כבוד.

שמר׳ס אמתער נאָמען איז געווען נחום מאיר שײַקעוויטש. לויט זיין אויטאָביאָגראַפיע איז ער געבאָרן געוואָרן סוף ווינטער פון 1850, אין אַ גבירישער פאַמיליע אין ניעסוויזש, מינסקער גובערניע. זיין פאָטער יצחק זאָל האָבן געווען אַן אומפּראַקטישער מענטש, וואָס האָט שנעל פאַרטאַכליעוועט אַ רייכע ירושה און איז יונג געשטאָרבן, בעת זיין פרוי האָדע, אויך פון גבירישן יחוס, האָט דערגרייכט אַן עלטער פון 104 יאָר און איבערגעלעבט איר זון. איר פאָטער גבריאל גאָלדבערג האָט געלעבט גאַנצע 112 יאָר.

נחום מאיר שמר — הייסט עס, האָט לויט די שטרעבונגען פון זיינע עלטערן, געזאָלט זיין אַ רב. מען האָט נישט דערלאָזט צו אים קיין שום וועלטלעכע בילדונג. יונג האָט ער אין זיך אָבער דערפילט די ליידנשאַפט פון אַ דערציילער. ער האָט געהיימערהייט זיך אָנגעלייענט מיט די העברעאישע משכילישע שריפטן, הויפּטזעכלעך מיט די ראָמאַנען פון אברהם מאַפּו און קלמן שולמאַן, זיך צוגעאייגנט דעם תנ״ך אויף אויסנווייניק. מיט דעם דאָזיקן באַגאַזש האָט ער געגומען פאַרפאַסן זיין ערשטן ראָמאַן אין העברעאיש, אין פיר טיילן ״אהבת קדם״, א מין פאַראַלעל צו מאַפּו׳ס באַרימטן ראָמאַן „אהבת ציון״. ער האָט אויך אויסגעפּרואווט זיין פען אין לידער.

אָבער קיין מבינים אויף זיינע שריפטן זיינען אין ניעסוויזש נישט געווען. מיט זיינע זעלטענע פעיאיגקייטן און גוטן זכרון שנעל באַהערשט דייטש און רוסיש, אָנגעטרונקען זיך מיט׳ן ווין פון די קלאַסיקער און מיר

י. ב. ביילין

געפינען אים שוין אויפן 20טן יאָר, ווי ער איז אַן איידים אויף קעסט אין אַ דערפּאָלגרייכער אַדוואָקאַטן־פאַמיליע אין פּינסק.

זיין שווער מיכל בערטשינסקי, איז געווען אַ באַוואוסטער כלל־טוער און ממילא איז זיין הויז געווען אַ מין צענטער, וואו עס זיינען זיך צונויפ־געקומען די אָרטיקע משכילים און שריפטשטעלער. דער יונגער שמר האָט זיך אַזוי אַרום באַקענט מיט די שרייבער צבי הכהן שערעשעווסקי, מ. א. שאַצקעס, א. ד. דובזעוויטש, הערש מאַסליאַנסקי, און זיין שוואָגער אברהם חיים ראָזנבערג. שמר ווערט אין גיכן אַן אָפּטער גאַסט אינ׳ם „המליץ" מיט זיינע פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע און עלעמענטאַרע היסטאָרישע אַרטיקלען און ביאָגראַפיעס, מערסטנס פון אַ טשיקאַווען, און סענסאַציאָנעלן כאַראַקטער. אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין אומפּראַקטישקייט. ווען דער שווער האָט אים צוגעשטעלט אַ ברעטער־געשעפט און באַוויזן אין אַ קורצער צייט צו פּטר׳ן סיי דעם געשעפט, סיי דעם נדן וואָס ער האָט געקראָגן און געמוזט אַוועק קיין ווילנע צו זיין רייכן פעטער וויגאָדסקי.

אין דער ירושלים פון דער ליטע האָט שמר געקראָגן זיין „כהונה" אַלס ראָמאַנען־שרייבער. זיין ערשטער דערפאָלג איז געווען מיט זיין ראָמאַן אין העברעאיש „זבחי האינקוויזיציה" — „די קרבנות פון דער אינקוויזיציע", וואָס עס האָט פון אים אָפּגעקויפט דער פאַרלעגער שמואל יוסף פין. אמת, צוליב צענזור־ענינים האָט זיך די דערשיינונג פונם ראָמאַן פאַרצויגן און איז שפּעטער דערשינען אונטערן נאָמען „חתן דמים" אויף יידיש און אין העברעאיש אונטער דעם נאָמען „קין". דער שרייבער פון די שורות געדענקט זייער גוט דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף אים דער דאָזיקער ראָמאַן. ער האָט אים געלייענט איןביידע שפּראַכן, נישט וויסנדיק, אַז דאָס איז דער זעלבער בוך, צוליב די פאַרשיידענע נעמען. אָבער אַלס 12־13 יעריק יינגל נישט חרטה געהאַט פאַר׳ן איבערלייענען אים אַ צווייטן מאָל.

אינגיכן האָט ער גענומען שרייבן טאַקע פאַר׳ן זעלבן פאַרלעגער מעשה־ביכלעך אין יידיש, און דעמאָלט האָט ער עס זיך דערוואָרבן דעם נאָמען שמר, פון די לעצטע בוכשטאַבן אין זיין נאָמען, צוליב דעם וואָס ער האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן זיין שרייבער רעפּוטאַציע אויב ער וועט שרייבן אין יידיש. זיין ערשט יידיש ביכל האָט געהייסן „אַ טויטער בעולם הזה", און ער האָט דערפאַר געקראָגן גאַנצע דריי רובל, נישט ווייניקער פונ׳ם שוין דעמאָלט ברייט־באַקאַנטן ראָמאַניסט אייזיק מאיר דיק.

שמר האָט דעמאָלט גענומען אַנטוויקלען אַן אומגעהויערע פּראָדוקטי־וויטעט: אַ ביכל — אַ טאָג. אין ניין טעג — ניין מעשות. דער מין פון די דאָזיקע מעשות קען מען זען פון די נעמען גופא. אויסער דאָס פריער שוין

דערמאָנטע ביכל, האָבן די איבעריקע געטראָגן נעמען אויף זיך ווי „מחותנים פון שונאים״, „אַ געוויסער טעות״, „אומגעריכטעס גליק״, „חאַצקעל דער באַבעס״, „לודוויג דער אייזענער״, „דאָס גן־עדן פייגעלע״, „די פרינצעסן אין וואַלד״, „צוויי טעג און צוויי נעכט״.

אָט די דאָזיקע מעשות האָבן אָנגעריסן צווישן די מאַסן־לייענער און עס איז געוואָרן אויף זיי אַ גרויסע נאָכפראַגע. אָבער גראד האָט אים זיין פעטער וויגראַדסקי, דער ארמיי־פּאַדריאַטשיק, געגעבן אַ שטעלע, וואָס האָט אויף עטלעכע יאָר איבערגעריסן אָט די דאָזיקע מעשות־פּראָדוקציע. עס איז געווען ערב דער מלחמה מיט טערקיי און דעם צאַר׳ס אַרמייען האָבן זיך געדאַרפט באַזאָרגן מיט פוראַזש און שייקעוויטש (שמר) האָט פּאַרוואַלטעט מיט דעם און דערוויל אָנגעזען זיך אַ וועלט — פריער אין פוילן, לובלינער גובערניע און דערנאָך אין רומעניע, ווען די מלחמה האָט שוין געפלאַקערט.

אין רומעניע איז גראַד דעמאָלט פאָרגעקומען דער געבורט פון יידישן טעאַטער, מיט וועלכן שמר האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט און באַזונדערס די פּערזענלעכקייט פונ׳ם טעאַטער־גרינדער, אַבֿרהם גאָלדפאַדן. נישט קיין וואונדער, וואָס ער האָט געמוזט שרייבן קיין פינסק, אַז מ׳זאָל אים שיקן אויף הוצאות. ער אליין שרייבט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז בעת אַנדערע ליווראַנטן פון דער רוסישער אַרמיי „זיינען געגאַנגען אין גאָלד״ האָט ער נישט געהאַט אפילו אויף הוצאות. דאָס האָט שוין אויף שטענדיק פאַר־חתמ׳עט זיין גורל אַלס געשעפט־מענטש.

אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט זיך געפונען אין רומעניע, זיינען זיינע פריערדיקע מעשות אַרומגעפאָרן אומעטום, וואו עס זיינען נאָר געווען יידישע ישובים. אַזוי דערפאָלגרייך און באַוואוסט איז ער געוואָרן צווישן דעם ברייטן עולם, אַז די גרויסע ווילנער פאַרלאַג פירמע „האלמנה והאחים ראָם״ האָט מיט אים געשלאָסן אַ קאָנטראַקט איבערצונעמען אַלע זיינע ראָמאַנען, וואָס ער וועט אָנשרייבן. און אַזוי האָט זיך נאָך מער גע־נומען טראָגן דער נאָמען שמר — און זיינע ראָמאַנען האָבן געצויגן נישט בלויז לייענער אין די ליי־ביבליאָטעקן, נאָר אויך טרערן — ביטערע טרערן, פון פרייד און לייד פון זיינע העלדן און העלדינס אין די אַלע גרויסע ראָ־מאַנען, וואָס די נעמען אַליין אויסרעכענען וואָלט ניט געקלעקט דער פּלאַץ פון דעם איצטיקן קאַפּיטל.

אין גיכן האָבן די איבעריקע פאַרלעגער אים אַרויסגעריסן פונ״ם „מאָנאָפּאָל״ פון דעם ראָם־פאַרלאַג און אים געצאָלט פיל העכערע פרייזן. ערשט דעמאָלט האָט זיך שמר באַזעצט אין אָדעס, אינם צענטער פונ׳ם יידישן טעאַטער און געוואָרן אַ צושטעלער אויך פון פּיעסן. דער טעאַטער־דירעקטאָר

י. י. לערנער האָט אים געצאָלט צוויי הונדערט רובל א חודש „ראָיאַלטיס“ פאַר זיינע פּיעסן.

עס האָט שוין לאַנג נישט געדויערט און שמר האָט אָרגאַניזירט אַן אייגענע טרופּע מיט וועלכער ער איז אַרומגעפאָרן איבער די בעסעראַבישע שטעט און אין אַנדערע רוסישע גובערניעס מיט זיינע פּיעסן אַזוי שפּעט ווי אין 1882.

אָבער אָט הויבן זיך אָן פאַר אים צרות און וואַנדערונגען. דאָס יידישע טעאַטער ווערט פון דער צאַרישער רעגירונג פאַרבאָטן און ער מוז זיך ווידער איבעראָריענטירן. אָט לעבט ער אין קיעוו און אָט אין פּאָלטאַווער גובערניע און ענדלעך צוריק אין דער ראָמאַנען־אינדוסטריע פאַר וועלכער עס ווערט דער מאַרק אַלץ ברייטער.

אָט הערט ער, אַז אין וואַרשע בליט אויף דער יידישער טעאַטער — קומט ער באַלד אהין און שטעלט צו זיינע פּיעסן. אָבער גראַד דעמאָלט, ווען זיין פּאָפּולאַריטעט דערגרייכט די העכסטע מדרגה הויבט זיך אויף קעגן אים אַ שטאַרקע קאַמפּאַניע מצד די וואַגיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע און העברעאישע מייסטערס פון ליטעראַטור. דער הויפּט־אָנפירער איז געווען שלום עליכם, דער מייסטער, וואָס האָט געגומען דעם יידישן עולם מיט זיינע קינסטלערישע ווערק און מיט זיין פרישן הומאָר און וואָס האָט פיינט געהאָט בתכלית השנאה אָט דעם טיפּ פאַקן־ליטעראַטור, וואָס שמר האָט צוגעשטעלט.

אוודאי איז שלום עליכם נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געשטעלט אין קאַמף קעגן דער שמר־ליטעראַטור. מיט אים זיינען געווען אַזעלכע ווי ראַווניצקי, דוד פרישמאַן און אַנדערע יידישע און העברעאישע שרייבער. שלום עליכמ׳ס פּאַמפּלעט „שמר׳ס משפּט“ האָט ממש געריסן שטיקער פון שמר׳ן.

אוודאי האָט שלום עליכם עטוואָס איבערגעטריבן אין זיין קאַמפּאַניע ריין־צו־האַלטן די יידישע ליטעראַטור, אין זיינע באַשולדיקונגען, אַז שמר פאַרשפּרייט שונד און אומריינע געשלעכטס־סצענעס צווישן דער יוגנט. אַזוי ווייט איז שמר קיינמאָל נישט געגאַנגען. זיין פאַרטיידיקונג איז געווען, אַז די ברייטע מאַסע, וואָס ער וויל אַרויסציען פונ׳ם אַלטן „אָפּגעלעבטן שטייגער־לעבן“ האָט נישט קיין חוש פאַר קונסט אָדער פאַר נאַטירלעכע לעבנס־סצענעס און געשעענישן.

שמר האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס אפילו ווען ער איז שוין אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1889 און אויפגענומען געוואָרן מיט גרויסע אָוואַציעס, ווען מ׳האָט לכבוד אים געשפּילט זיין פּיעסע „די קאָקעטע דאַמען“.

שמר האָט דאָ, אין אַמעריקע געמאַכט דעם זעלבן גרויסן דערפאָלג מיט זיינע ראָמאַנען און פּיעסן, ווי אין אייראָפּע. זיין ערשטע פאַרפאַסטע נייע פּיעסע אין אַמעריקע אינ'ם „פּאָלינגס טעאַטער", איז געווען „רבקה, אָדער אַ פונק פון יידישקייט". זי האָט געמאַכט ביי דעם דעמאָלטדיקן יידישן טעאַטער עולם אַ ריזיקן דערפאָלג.

שמר'ן איז דאָ אויסגעקומען, ווי אין דער היים צו שפּרינגען פון איין „געשעפט" צו אַ צווייטן. אין טעאַטער האָט ער זיך צעריסן מיט'ן הויפּט־אַקטיאָר היינע, און געוואָרן אַ זשורנאַל־אַרויסגעבער. דאָס איז געווען דאָס וואָכנבלאַט „דער מענטשן־פריינט", וואָס איז דערשינען קנאַפּע צוויי יאָר, ביז אינ'ם 1891 אַריין. ער אַליין כמעט האָט אויסגעפילט יעדן נומער מיט אַלערליי אַרטיקלען, דערציילונגען, לידער און וואָס נישט. אָבער אין דעם 51טן נומער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען, איז אויך אויסגערונען זיין לעצטער דאָלאַר וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיינע ערשטע דערפאָלגן.

ער האָט געמוזט פאַרקויפן זיין דרוקעריי, וואָס האָט פאַרשווערט אַנשטאָט צו העלפן זיינע פינאַנציעלע יאָכן, און זיך צוריקגענומען פאַר זיין אויסגע־פּרוווטער פּרנסה פון שרייבן ראָמאַנען. ער האָט געשריבן פאַר צוויי פאַר־לעגער מיטאַמאָל. שמר האָט געהאַט דעם כוח צו שרייבן גלייכצייטיק עטלעכע ראָמאַנען און קיינמאָל נישט פאַרמישט זיך מיט זיינע העלדן.

אַ גאַנצע רייע אַנדערע אונטערנעמונגען — ווידער זשורנאַלן — יום־טוב און חודש בלעטער „דער אידישער פּאַק", דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „די נאַציאָן"; שפּעטער דער 'טעלעפאָן", שמר'ס מערכה אין זיינע ערשטע „גרינע" יאָרן, איז געווען נישט פון דעם דערפאָלגרייכן מאַסן־שרייבער, וואָס ער האָט זיך אויסגעמאָלן צו זיין אין די ערשטע האָניק־וואָכן פון זיין קומען. איידער עס האָט זיך ביי אים איינגעשטעלט אַ נאָרמאַל לעבן האָט ער דורכ־געמאַכט געגנוג „אַרויפס און אַראָפּס". נישט קוקנדיק אויף זיין פענאָמענאַלער פּראָדוקציע, איז אים געוואָרן ענגער און ענגער. אין דעם האָט הויפּטזאַכלעך געשטעקט די קאָנקורענץ, וואָס ער האָט געדאַרפט אויסשטיין מיט דעם פלייץ פון איבערגעזעצטע ראָמאַנען.

אָבער ווען זיינע קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן און ער האָט גענומען אָנשלאָגן „שטאַרקערע טעמעס", ווי למשל זיין ראָמאַן „די יידישע עמיגראַנטן" און די „גאָלדענע מדינה", האָט ער שוין געקומען וויסן פון אַ רואיקערן לעבן.

אַרום און אַרום, מיט דער גאַלעריי פון זיינע גראַפן, גבירים, גיבורים און גנבים, וואָס זיינען געווען ביי פאַר'ן דרוכשניטלעכן מאַסן־מענטש, איז שמר געבליבן שטאַרק הינטערשטעליק, וואָס איז שייך קוואַליטעט אין ליטעראַטור.

ער האָט אָבער דאָך זיין פאַרדינסט אין שאַפן אַ ברייטן קאָנטינגענט לייענער, וואָס האָבן זיך אויפגעהערט שרעקן פאַר אַ דיקן בוך און אַריינגעדרונגען צו דער דינסט־מיידל אין קיך, ווי צום אויבערשטן אין וואַרשטאַט מיט עפּעס, וואָס האָט אים אין אַ געוויסער מאָס צוגעגרייט צו נייעסן, צו אַ באַדערפעניש מער צו וויסן, און קריגן ברייטערע השגות.

היסטאָריש איז שמר געווען אַ געשעעניש נישט פון ריינעם צופאַל, נאָר פון אַריינפּאַסן זיך אין דער סביבה און אַטמאָספערע פון דער ערב־רעוואָלוציאָנערער צייט, פון איינגעקלאַמערטקייט אינ׳ם אַלטן שטייגער לעבן. ער האָט אַרויסגעשלאָגן די מאַסע פון יענעם פאַרגליווערטן צושטאַנד. פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג איז איר אויפגאַבע אין אַ געוויסער מאָס שוין גרינגער געוואָרן.

פאַקטיש זיינען נאָך איצט פאַראַן איניקע ראָמאַנען זיינע, ווי למשל, דער, וועגן אבן עזרא, וואָס קען געלייענט ווערן מיט אינטערעס און אויך מיט אַ געוויסן נוצן.

קאַפּיטל זיבעצן

סעמועל גאָמפּערס און זיין ראָל אין דער אַרבעטער באַוועגונג



„עס טרעפט, אַז איינער קויפט זיין וועלט אין איין איינציקער שעה" — זאָגט איינער פון אונדזערע אַלטע יידישע חכמים. אָבער דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ פּערזאָן, וואָס האָט פאַרקויפט זיין וועלט אין משך פון אַרום פערציק יאָר און געלאָזן מיט זיך אַ פלעק אין דער געשיכטע, אַמווייניקסטנס ביי די פּראָגרעסיווע יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. ער האָט אָבער געקאָנט זיין אַ כוח פאַר אַמעריקאַנער פּראָגרעס.

דאָס איז געווען סעמועל גאָמפּערס, איינער פון די גרינדער און באַגרינדער פון דער „אַמעריקאַן פעדערישאַן אָוו לעיבאָר", איר פירער און אידעאָלאָג, נישט בלויז ביז זיין לעצטן טאָג פון זיין לעבן, נאָר אויך איצט, איבער דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט. זיין שווערע, טויטלעכע האַנט פירט נאָך איצט מיט די פּרעזידענטן און וויס־פּרעזידענטן, און מיט דעם גאַנצן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, וואָס דאַרף פאַרטרעטן די אינטערעסן פון מיליאָנען אַמעריקאַנער אַרבעטער.

גאָמפּערס שטאַמט פון האָלענדיש־ספרדיש־פּאָרטוגעזישע יידן. ער איז געבאָרן געוואָרן אין לאָנדאָן, אין יאָר 1850. זיין פאָטער, אַ ציגאַרמאַכער האָט אים געבראַכט קיין אַמעריקע ווען אים, דעם זון, איז נאָך נישט געווען קיין דרייצן יאָר. קיין פיל בילדונג האָט זיך דער יונגער סעמועל ניט דערוואָרבן. עס איז אַ סברה, אַז ער האָט קיינמאָל ניט פאַרענדיקט האַי־סקול. אָבער אַ גוטן קאָפּ האָט ער געהאַט, ענערגיע — נאָך מער. עלנבויגנס און פלייצעס, וואָס קענען מאַכן אַ וועג, אפילו צווישן אַ געדיכטן עולם. אָבער זיין הויפּט־קראַפט איז געלעגן אין זיין צונג — אַ ווייכע און אַ שנעלע, וואָס האָט געהאַט די אייגנשאַפט אויך זיך אַנצושאַלן און אָנצושאַרפן. אָט די אייגנשאַפט איז אים זייער שטאַרק געקומען צו הילף אין קריטישע מאָמענטן.

אַליין איז ער געוואָרן אַ ציגאַר־מאַכער און זייער שנעל זיך אָנגע־הויבן צו פילן אין זיין יוניאָן, וואו ער איז געוואָרן דער הויפּט פירער. די ציגאַרנמאַכער, די מיוחסים, זיינען אין משך פון דער אַנטוויקלונג אין דער טאַבאַק־אינדוסטריע אָראָפּגעפאַלן פון זייער גדולה. דער ציגאַר איז אויך געוואָרן אַ פאַבריק־פּראָדוקט. עס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין אים די מאַשין פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט, דער קנאַפּ־געשולטער אַרבעטער. די פלאָג פון סוועט־שאַפּ האָט אים אויך געטראָפן. אין די דאָזיקע שווערע קאַמפן פון די ציגאַרן־מאַכער האָט זיך אויסגעשמידט דער שטאַרקער כאַ־ראַקטער פון סעמועל גאָמפּערס און זיין פריינט אַדאָלף שטראַסער, אַ גע־וועזענער סאָציאַליסט.

ביידע האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אויף די העכסטע שטאַפלען אין דער יוניאָן — שטראַסער אַלס נאַציאָנאַלער פּרעזידענט און גאָמפּערס דער פּרע־זידענט פון דער ניו יאָרקער יוניאָן. גאָמפּערסעס פייאיגקייטן, רעדנערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע, זיינען געווען אַנזעעוודיקע. פירנדיקע אַרבעטס־קרעפטן זיינען געווען וויניק און די אימיגראַציע־כוואַליעס האָבן כסדר געפּלייצט מיט נייע אַרבעטס־הענט. איידער וואָס־ווען האָט זיך גאָמפּערס אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן אינם סאַמע שפּיץ פון די אַנטוויקלונגען.

אין אָנהויב האָט עס אויסגעזען, אַז אַט דער יונגער, פעסטגעפאַקטער ציגאַרמאַכער און יוניאָן־פירער איז אויך אַן אַרויסשפּראָץ פון די ראַדיקאַלע באַוועגונגען. אויך ער האָט אין אָנהויב באַנוצט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע שפּראַך און געפליגלטע ווערטער. אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן זיינען געווען אָפטע געסט אין די אַרבעטער־קרייזן די מטושטש׳ע אידעאָלאָגיעס פון די „נאַיטס אָוו לעיבאָר", פון די אַנאַרכיסטן, אַלערליי סאָציאַליסטן און פילאָסאָפירנדיקע פּאָזיטיוויסטן. אַרבעטער האָבן זיך צוגעהערט צו די און צו יענע. זיי זיינען געווען צעטומלט פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגישער דור־הפלגה. האָט דער מער־צוזאָגנדיקער אָראַטאָר געקראָגן אַן אויער, נישט קוקנדיק אויף די האָר־שפּאַלטערייען פון די צווישן זיך קעמפנדיקע אידע־אָלאָגישע גרופּירונגען.

גאָמפּערס האָט שנעל אויסגעלערנט די „תורה" פון די אומגאַנגס־פּראַזן אין יענער צייט. ער האָט זיי גענוצט כל זמן זיי האָבן אים געדינט. סאָציאַליסטן האָבן אים אָנגענומען פאַר אַן אייגענעם. אַנאַרכיסטן האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער איז גענייגט צו זיי. אפילו מיט דעם „נאַיטס אָוו לעיבאָר" איז גאָמפּערס אין אָנהייב געווען ווי אַ שטיקל שמעלקע. אין דער אמת׳ן האָט זיך גאָמפּערס דערוויַיל געכאָוועט אַ דעמאַגאָג און אַ כיטרער, עקשנות׳דיקער רעאַקציאָנערער אָפּאָרטוניסט.

אָן קיין גרויסע קענטעניש בכלל און מיט קנאַפּער ערודיציע פון סאָציאַל־פּאָליטישע ענינים בפרט, האָט גאָמפּערס געגאַרט און געוואַרט: — די געלעגנהייטן זיינען פאַר אים געקומען, ווען ער האָט געקענט אַריבערפירן די טרעיד־יוניאָניסטישע אידעאָלאָגיע פון דער ענגלישער קרוין־אימפּעריע אויף די גלאַנציקע רעלסן פון דער אַמעריקאַנער שטורם־און־דראַנג „פּראָס־פּעריטי״, און פאַרפעסטיקן זיך אליין אין אַן אייגענער אימפּעריע וואו אַלץ ליגט אין האַנט פון אַרבעטער אַריסטאָקראַטן און יוניאָן ביוראָקראַטן.

ווען סעמועל גאָמפּערס האָט געקראָגן דעם פּרעזידענטן־האַמער אין האַנט אַריין, נישט בלויז פון זיין ציגאַרנמאַכער יוניאָן, נאָר פון דער גאַנצער „אַמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר״, האָט ער גענומען אַרויסלאָזן די פריערדיקע הייס־ברענענדיקע פראַזן, ווי איינער וואָס שליידערט אַוועק אַ הייסע קויל, וואָס ער האָט גענומען אין האַנט אריין. ביסלעכווייז האָט ער זיי „פאַרלאָרן״ און גענומען אַוועקלייגן זיין גאָמפּעריסטישע תורה פון „ריינעם״ פאַך־יוניאָניזם, פון „לאָזן פּאָליטיק צו די פּאָליטישנס״ פון די צוויי גרויסע פּאַרטייען, און ענדלעך צו פאַרדאַמען אַלע פאַרזוכן פון די סאָציאַליסטן איינ־צופלאַנצן זיך אין די יוניאָנס און צו פריידיקן אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער״ סאָלידאַריטעט.

דעם כיטרען עגאָאיסט האָט עס אויסגעזען, ווי די טראָסטן און גרויסע מאָנאָפּאָליעס וועלן „קיינמאָל״ נישט צולאָזן די אַרבעטער אין זייערע פאַבריקן צו אָרגאַניזירן זיך. אויב ער וויל זיין אַ געוועלטיקער איבער אַרבעטער, און נישט דערוועקן קעגן זיי דעם צאָרן פון די ריזיקע גיגאַנטן, מוז ער עס זיין איבער פאַך־יוניאָנס, דאָרט וואו די אַרבעטער אַריסטאָקראַטיע וויל גאָרנישט קיין מאַסן־יוניאָנס. ווער דאַרף זיי די דאָזיקע מאַסן? זאָלן זיי גיין זוכן אַרבעט אין אַנדערע פאַכן, נישט אין זייערע מיוחס׳דיקע, קוואַליפיצירטע שעפּער.

פאַר די גאָמפּערסעס און זייערע שותפים איז געוואָרן אַ לייכט לעבן, ווען דאָס ניט אָרגאַניזירן קיין נייע עלעמענטן אין דער יוניאָן איז געוואָרן אַ טוגנט, אַנשטאָט אַ פאַרברעכן. פון דעם דאָזיקן ווינקל האָט מען געמיטלעך געקענט צוזען און שווייגן ווי אַזוי יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָרן אין די אינדוסטריעלע יוניאָנס ווערן געלינטשט און געמאָרדעט. דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער נייער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע פון די אי־דאָבעליו־דאָבעליו („איינ־דאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד״) וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די סאַמע שווערסטע אַרבעטער, לעיבאָרערס, אויף די לאָמבער־קעמפּס, (געהילץ־לאַגערן) אויף די פּלאַנטאַציעס, און די גרויסע ריזן־פּלאַנטן און מאינס (פאַבריקן און מינעס).

נאָכדעם ווי גאָמפּערס׳ן איז געלונגען צו פאַרפעסטיקן זיך אין זאָטל,

צו באַזייטיקן די „נאַיטס אָוו לעיבאָר" אַלס אַ פאַקטאָר אויפן יוניאָן־געביט און אַרויסקוועטשן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן פון זייערע פּאָזיציעס, האָט זיך אַרויסגעוויקלט די פאָלגנדיקע גאָמפּעריסטישע תורה, וואָס הענגט נאָך איצט איבער מיליאָנען אַרבעטער, ווי אַ דראָענדיקער באַרג איבער זייערע קעפּ.

1. די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג מוז זיין ריין פון אַלע „איזמען", פון פּאָליטיק, פון סטראַטעגיק, פון צוקונפט־פּלענער און פון אומקאָמפּראָמיס־לעכע קאַמפן מיט די באַלעבאַטים.

2. די באַלעבאַטים זיינען ניט די שונאים פון די אַרבעטער, גיכער זיינען זיי זייערע עלטערע שותפים. זיי דאַרפן זען אויסצוקומען ווען עס וואַקסט אָן אַ סכסוך, ווי דאָס איז דער פאַל ביי באַלעבאַטים.

3. קאַפּיטאַליזם איז אַן אידעאַלע אָרדנונג, וואָס טאָר ניט אָפּגע־שאַפט ווערן, נאָר אויב עס זיינען דאָ פעלערן דאַרף מען זיי באַזייטיקן אויף אַ פרידלעכן אופן. סטרייקן דאַרף מען בלויז ווען עס בלייבט ניט קיין אַנדער מיטל.

4. ניטאָ אַזאַ באַשעפעניש ווי אַן אַרבעטער־קלאַס. היינט איז מען אַן אַרבעטער און מאָרגן קען מען אַליין זיין אַ באַלעבאָס.

5. אין שאַפּ איז מען אַן אַרבעטער; אין דרויסן בלויז אַ בירגער ווי אַלע בירגער. ממילא — קיין באַזונדערע אַרבעטער פּאַרטיי.

6. ממילא איז ניטאָ קיין אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס. די אינטערעסן פון אַלע בירגער אין לאַנד זיינען איינע און די זעלבע.

7. סאָציאַליזם איז עקאָנאָמיש אויף אַ פאַלשן באָדן, סאָציאַל אומבאַ־רעכטיקט, אינדוסטריעל־אומדערטרעגלעך. אויב עס זיינען דאָ שלעכטע באַלע־באַטים דאַרף מען זיי באַקעמפן אָבער ניט די אָרדנונג.

אין דער פּראַקטיק איז אָפיציעל די אַפּ. אָוו. ל. צווישן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט אַן אמת'ע פאַרזעעניש. אין ענגלאַנד גופא האָבן זיך שוין די טרעיד־יוניאָנס לאַנג אָפּגעשאָקלט פון אַט־דער פּאָליטיק. די פאַך־באַזע איז אַן איבערבלייבעניש פונם פעאָדאַליזם, ווען די באַלעבאַטים זיינען געווען איין חברותא מיט זייערע געזעלן, וואָס פלעגן מיט דער צייט אַליין ווערן באַלעבאַטים. אָנצוהאַלטן דעם דאָזיקן פאַך־בליק אין אַ צייט ווען די גרויס־אינדוסטריאַליסטן האָבן גאַנצע אימפּעריעס, וואָס באַשעפטיקן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, איז בכלל רעאַקציע פון ערגסטן סאָרט און אַ שטענדיקער געגרייטער מעסער אינם רוקן פון די אַרבעטער.

אין באַדינגונגען פון פאַך־יוניאָניזם זיינען אין אַמעריקע אַנטשטאַנען די קאָמפּאַני־יוניאָנס, אַגענטורן פון די באַלעבאַטים, וואָס האָבן פאַרזיכערט די

אינדוסטריעס פון סטרייקס און פון אלע קאָאָפּערייטאָגן, וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן פאַר די גרויס־מאַגנאַטן.

ער האָט פאַרזיכערט (פאַרשטייט זיך נישט אויף אייביק), אַז די אַרבעטער זאָלן ניט גרינדן קיין אייגענע אַרבעטער־פּאַרטיי, נאָר אַז זיי זאָלן אויסקלייבן קאַנדידאַטן פון ביידע פּאַרטייען, וואָס ווילן, הייסט עס, זיין פריינטלעך צו די אַרבעטער און דורכוואַרפן די, וואָס זיינען אומפריינט־לעך. ווי דאָס אַרבעט אין דער פּראַקטיק ווייסן מיר... די 30־40 מיליאָן שטימען פון די פאַמיליעס פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן לויט אַט־דעם רעצעפּט אפילו נישט געקענט פאַרווערן אַזאַ מין אַרבעטער־געפערלעכן „טאַפט־האַרטלי־געזעץ", אָדער אַזעלכע סקעבישע געזעצן ווי „ראַיט טו וואָירק", און דערמוטיקט פון ספּיאָנאַזש, מסירות און אַנדערע סקעבערייען. זיי האָבן נישט געקענט רעדוצירן זייערע שווערע שטייערן ווען זייערע געזעצגעבער האָבן פאַרלייכטערט די דאָליע פון די מיליאָנערן און ביליאָנערן.

גאָמפּערס האָט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איינ־געשפּאַנט די אַרבעטער אינ׳ם קריגס־וואָגן, געפּרייזדיקט קריג קעגן די סאָוועטישע פעלקער און ביז היינטיקן טאָג האַלטן נאָך אַן זיינע יורשים, פריער די גרינס און איצט די מיניס, און אַנדערע, די פּראָוואָקאַציעס קעגן אַלע אַנטי־אימפּעריאַליסטשע לענדער.

גאָמפּערס אליין איז געווען אַן אָפענער אַגענט פונם אַמעריקאַנער אימ־פּעריאַליזם. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דער פאַן־אַמעריקען לעיבאָר פע־דעראַציע, איז געווען צו דערמעגלעכן פון דער צווייטער זייט די אַריינ־דרינגונג פונם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל טיפער אין די צענטראַלע און דרום־אַמעריקאַנער לענדער, און צוריקהאַלטן די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות פון די דאָזיקע לענדער דורך אָפּאָרטוניסטישן איינפלוס אויף די דאָרטיקע יוניאָנס.

אינם נאָמען פון דעמאָקראַטיע האָט גאָמפּערס געדולדעט די ערגסטע ביוראָקראַטישע עלעמענטן אין די יוניאָנס, געדולדעט די הויכע געהאַלטן פון די באַאַמטע, וואָס האָבן אָפּטמאָל איבערגעשטיגן די געהאַלט פון גאָווער־נאָרס און סענאַטאָרן. זיין סיסטעם פון יוניאָן פּרעזידענטן און וויס־פּרעזידענטן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די הויפּט־באַאַמטע, האָט אויסגעליידיקט יעדן דעמאָקראַטישן אינהאַלט פון דער יוניאָן גופא.

וואָס פאַר אַ טומל גאָמפּערס האָט געמאַכט ווען ער האָט אויף דער באַזע פון זיין „פילאָסאָפישער" איינשטעלונג, אַז „אַרבעט איז נישט קיין סחורה" אונטערן קאַפּיטאַליזם, אויסגעפּועל׳ט אויף אַ ווילע, אַז דער הויכער געריכט זאָל דערקלערן דעם אַנטי־טראַסט קלעיטאָן־געזעץ נישט אַנווענדבאַר צו

יוניאָנס. אַך, וואָס פאַר אַ „זיג!" און וואָס זעען מיר איז געווען דער רעזולטאַט? אַ גאַנצע רייע יוניאָנס (ווי די העטערס, יונייטעד מאַין־וואָרקערס א. א. וו.) זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין ריזיקע סומען און אויף אַזאַ אופן צעבלוטיקט און רואינירט די יוניאָן־קאַסעס און געדראָעט יוניאָן מיטגלידער צוצונעמען פון זיי זייערע הייזקעס. די אַנטשיידונג איז געווען, אַז דער געזעץ קען נישט געבן קיין פריוויליגיעס געוויסע גרופּעס, נישט קיין אַרבעטס־געבער און נישט קיין אַרבעטס־נעמער...

דער גאָמפּערסיזם האָט אויפגעמאַכט טיר און טויער פאַר אַלערליי יוריסדיקציע־קאַמפן צווישן איין יוניאָן און דער צווייטער. אַ סברה, אַז דאָס איז אויך געווען אַ סגולה, אַז קיינער זאָל חס־ושלום נישט אָפּפרעגן די נויטיקייט פון דער צענטראַליזירטער פעדעראַציע גופא.

פון דעם נעמט זיך אויך טיילווייז דער ביטערער קאַמף קעגן די אינדוסטריעלע יוניאָנס. אונטער זיי קענען דאָך ניט פאָרקומען פאַלן וואו איין יוניאָן זאָל סקעבן קעגן אַ צווייטער אין דער זעלבער אינדוסטריע, אָבער פאַר די ביוראָקראַטן טויגן נישט אַזעלכע יוניאָנס. נישט מ׳קען דעמאָלט מאַנעווורירן איין יוניאָן קעגן אַ צווייטער, און נישט מ׳קען דעמאָלט אָנהאַלטן די „הייליקייט" פון די אָפּמאַכן מיט די באַלעבאַטים. ביי גאָמפּערסן איז דאָס געווען אַ הייליקייט פון הייליקייטן. וואָס דען? סטרייקן אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג?

געשטאָרבן איז גאָמפּערס דעם 13־טן דעצעמבער, 1924, אין מעקסיקאָ סיטי. ער איז „געפאַלן" אויפן „שלאַכטפעלד", זיך געלאָזט וואוילגיין אויף באַנקעטן, וואָס די באַלעבאַטים האָבן דאָרט אַראַנזשירט לכבוד אים און זיינע קאָלעגן. זיי זיינען געווען שטענדיק באַגייסטערט פאַר זיין גרויסער פערזענלעכקייט.

קאַפּיטל אַכצן

דר. פעליקס אַדלער

דער באַגרינדער פון דער עטישער קולטור - באַוועגונג

צווישן די, וואָס האָבן נישט פאַרמאַכט די אויגן און אויסגעפונען די אומגערעכטיקייטן אין אונדזער איצטיקער אָרדנונג, זיינען געווען נישט בלויז הייס-בלוטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס גייען אַזוי ווייט ווי איבערבויען די גאַנצע מענטשלעכע געזעלשאַפט פון אָנהויב ביזן סוף, נאָר אויך קילע באַרעכנטע רעפאָרמער. זיי דענקען באַזאָכט, פילאָסאָפירן נאָך לאַנגזאַמער. „פון כאַפּן קומט קיין גוטס ניט אַרויס" גלויבן זיי. ווען די מענטשהייט האָט אַזוי לאַנג געליטן פון שלעכטיגקייטן, קען מען זי מיט איינמאָל ניט איבערמאַכן.

און ווער זאָגט עס גאָר, אַז מ'דאַרף זי אינגאַנצן איבערמאַכן. עס איז אינגאַנצן נישט נויטיק, האַלטן זיי. אַלץ וואָס מען דאַרף טאָן איז מיט גוטן אויפווייזן די הערשער זייערע טעות'ן. די געפילן פון יושר, זאָגן זיי, זיינען פאַראַן ביי אַלע מענטשן, אָרעם צי רייך, נאָר ביי אַנדערע דרעמלען זיי אַ לענגערע צייט און ביי אַנדערע אַביסל ווייניקער. יושר איז, הייסט עס, נישט קיין געפיל, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז אָרעמע מענטשן. עס טרעפט, אַז רייכערע מענטשן זיינען אפילו מער יושר'דיק ווי ווייניקער פאַרמעגלעכע. זיינען זיי זיכער. זייער גאַנג איז, אַז פון טאָג-צו-טאָג ווערן מענטשן אַלץ בעסער, יושר'דיקער, פאַרשטענדלעכער, און עס וועט קומען אַ טאָג.

פעליקס אַדלער איז אויך געווען אַ רעפאָרמער, אָבער פון אַן אַנדער מין. ער האָט אָנגענומען אַן עטוואָס שנעלערע טעמפּאָ. ער האָט געהאַלטן, אַז יעדער איינער, רייך צי אָרעם, האָט וואָס צו רעפאָרמירן אָבער ער איז זיכער, אַז מען דאַרף אפילו נישט קיין סך רעפאָרמירן. מען דאַרף לכתחילה לאָזן אויפוואַקסן דעם קינד אין אַן אַטמאָספערע פון עטישער קולטור. מען דאַרף אָנהויבן דערציען קינדער עטיש אַזוי שנעל ווי זיי נעמען זיך באַוועגן, און באַוועגנדיק זיך הויבן זיי שוין אָן קומען אין צוזאַמענשטויס מיט אַנדערע. אָט-די דאָזיקע צוזאַמענשטויסן דאַרפן שוין אויסגעמיטן ווערן.

י. ב. ביילין

אויב מען זאָל אַזוי דערציען קינדער פון אָנהויב אָן, אנשטאָט דער ביז־איצטיקער דערציאונג פון אַגרעסיע און „נישט לאָזן זיך", וועט אויפקומען אַ דור וועמען עס וועט אינגאַנצן זיין פרעמד אומגערעכטיקייט, קריגערייען, קאַמפן און אוודאי בלוט־פאַרגיסונגען און מלחמות.

וואָס שייך די מענטשן, וואָס זיינען שוין אָנגעשטעקט מיט דער אַלטער דערציאונג, איז עס נאָך אויך ניט קיין פאַרפאַלענער ענין. מען דאַרף כסדר האַלטן וואַך דעם עטישן באַוואוסטזיין, שאַצן הויך די עטישע מעלות פון יעדן יחיד, פאַרקוקן יענעמס חסרונות און זען אַריינצודרינגען טיף אין דעם צווייטנס מאָראַלע ווערטן און ביסלעכווייז קולטיווירן די עטישע הויכן פון אַנדערע יחידים. ווען יעדער איינער זאָל נאָר אַזוי טאָן, וועט דערגרייכט ווערן די העכסטע קולטור־שטופע פון דער מענטשהייט, איז דר. פעליקס אַדלער געווען זיכער. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס קען קומען דורך דער־נענטערטע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. עס איז ניט גענוג, האַלט ער, צו זיין טאָלעראַנט. עס איז נויטיק צו באַמערקן שאַרפער די אונטערשיידן צווישן זיך און דעם עטיש־העכער־שטייענדיקן מענטשן און אָנהענגען זיך אָן אים, אָן זיינע עטישע פירונגען. אָבער דאָס דאַרף זיין די ריכט־שנור נישט בלויז פונם יחיד, נאָר אויך אינם געזעלשאַפטלעכן כלל־לעבן.

פעליקס אַדלער איז געבאָרן געוואָרן אין אַלזעי, דייטשלאַנד, אין 1851. זיין פאָטער סאַמועל איז געווען אַ געלערנטער אין וועלטלעכע און יידישע ענינים. ער איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין ניו יאָרק, אין 1857, איבער־צונעמען די רבנות אינם באַרימטן רעפאָרם־טעמפל עמנואל. דער זעקס־יאָריקער פעליקס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון די טעמפל־יאַהודים. דאָרט איז דעמאָלט געווען דער סאַמע צענטער פון דער יידישער גרויס־בורזשאַזיע אין ניו יאָרק. אויף אַזויפיל איז יענע געזעלשאַפט געווען רעפאָרמירטע און אויפגעקלערטע, אַז פעליקס האָט זי אין פאַרגלייך מיט אַנדערע סביבות, באַטראַכט ווי די סאַמע קולטורעלסטע איבערן לאַנד.

זיין באַשלוס איז געווען אין אָנהויב נאָכצופאָלגן אין זיין פאָטער'ס טריט. דער טעמפל־ראַט האָט אים אין די דערוואָקסענע יאָרן געשיקט פאַר דעם צוועק צוריק קיין דייטשלאַנד צו שטודירן רעפאָרם־רבנות. אין 1870, אין עלטער פון 19 יאָר זעען מיר, ווי ער פאַרענדיקט זיינע לימודים אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט מיטן ראַנג „קאַוואַליער פון די קונסטן" („בעטש־לאָר אָוו אַרטס") און פאָרט דערנאָך ווידער שטודירן אין די אוניווערסיטעטן פון בערלין און היידעלבערג. ער שטודירט אויך אין דער הויכשול פאַר יידישער וויסנשאַפט: — די אַלטע יידישע ליטעראַטור, ביבל־קריטיק, קאַנט'ס פילאָסאָפיע.

אין 1873 קריגט ער זיין דאָקטאָר־ראַנג אין היידעלבערג און אין אָקטאָ־

בער פון זעלבן יאָר ווערט ער שוין איינגעלאַדן צו האַלטן אינם טעמפל עמנואל זיין ערשטן פאָרטראַג. ער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, אָבער גלייכצייטיק אַרויסגערופן אויך קריטיק. ער האָט קיין איינמאָל נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „גאָט" און אינגאַנצן אַריוסגעלאָזן פון חשבון וועלכע עס איז רעליגיע. פאַרקערט: ער האָט געשטעלט אונטער אַ קריטישן פראַגע־צייכן די העכערע מאָראַל פון דער יידישער רעליגיע איבער אַנדערע רעליגיעס.

דער יונגער פריידיקער האָט כסדר אונטערגעשטראָכן די עטישע קולטור, וואָס איז לויט זיין אָנשויאונג, דער ווערטפולסטער עלעמענט, לויט זיין אָנשוי פון יעדער רעליגיע. צוליב דעם האָט ער אינגאַנצן איגנאָרירט אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווייל זיי פאַרטונקלען בלויז דעם עיקר, די עטישע קולטור. ווען עס איז געקומען צום פאָרלייענען דעם פסוק „וזאת התורה אשר נתן משה לבני ישראל", האָט ער אים אויסגעלאָזן און אפילו די רעפאָרם־יידן האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ גרויסע אפיקורסות. סטייטש? ער וויל נישט צוגעבן, אַז משה האָט געגעבן די יידן די תורה.

לויט דר. אַדלער׳ס מיינונג איז די דאָזיקע תורה אַ זאַמלונג פון פאַרשיי־דענע אויטאָרן וואָס אָפטמאָל זיינען זיי ווידערשפּרעכלעך איינער מיטן צווייטן. ער האָט שנעל באַוויזן, אַז ער איז מייַלן־וויט אפילו פון זיין פאָטערס רעפאָרם־יידישקייט, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען פון די עקסטרעמסטע.

דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרלאָזט די סינאַגאָגע, אמת, ניט אַזוי דעמאָנסטראַטיוו, ווי דאָס האָט געטאָן שפּינאָזאַ מיט צוויי הונדערט יאָר פאַר אים אין אַמסטערדאַם, אָבער ער איז אַוועק אינגאַנצן פון רעליגיע און אַריבער אויף ריין עטיש־פילאָסאָפישע רעלסן.

אין 1874 זעען מיר אים שוין אַלס פּראָפעסאָר אין קאָרנעל אוניווערסיטעט פאַר העברעאישער און אָריענטאַלישע ליטעראַטורן, אָבער באַלד שטעלט זיך אַרויס, אַז דער יונגער פּראָפעסאָר איז צו־אַפּיקורסיש אפילו פאַר קאָרנעל־אוניווערסיטעט. קומט ער צוריק קיין ניו יאָרק און גרינדעט די איצט באַ־וואוסטע עטישע קולטור־געזעלשאַפט. ער ציט אַריין אין דער דאָזיקער גע־זעלשאַפט יידן און נישט־יידן, וואָס זיינען פריי פון רעליגיעזע טראַדיציעס און צערעמאָניעס און שטרעבן בלויז צו מאָראַלן און סאָציאַלן פּראָגרעס.

די באַוועגונג האָט געקריגן אַ היבשע ביסל אָנהענגער דאָ און אין אויסלאַנד, מערסטנס צווישן דער רייכער אינטעליגענץ און צווישן אויפגע־קלערטן, פּראָגרעסיוון יידישן בירגערטום. דער הויפּט־לאָזונג איז געווען — די פילאָסאָפיע פון אַ אוניווערסאַלער מאָראַל פאַר אַ אוניווערסאַלער מענטש־הייט. עס איז נישט נויטיק, לערנט די דאָזיקע פילאָסאָפיע, צו גלויבן אין דער טעזע פון אַ פּערזענלעכן גאָט. עס איז יאָ נויטיק אונטערצושטרייכן

אויפפירונג, אָבער נישט גלויבן. ער גלויבט נישט אין קיין משיחים, אָבער ער האַלט פון די יידישע נביאים און פון די גרויסע ניט־יידישע און יידישע פילאָסאָפן, און גרויסע פּאָעטן. אין דער אַרבעטער פראַגע שטיצט ער זיך אויף פּ. א. לאַנגע׳ס (אַ קאַנטיאַנער) געדאַנקען־גאַנג, אויף קאַנט׳ן און אויף ריינער קריסטלעכער עטיק; געהאַלטן, אַז יעזוס איז געווען אַ פּאַרזעצער פון די יידישע נביאים.

עס איז נויטיק, האָט דר. אַדלער געהאַלטן, אַרויסצוציען פון זיי אַלע די מאַקסימאַלסטע עטישע ווערטן און צו דערהויבן זיי צו נאָך העכערע מדרגות אין גייסט פון דער צייט. ער איז אָבער נישט קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט. ער האַלט, אַז די העכסטע רעאַליטעט איז די גייסטיקע אוניווערס. וואָס מער מיר וועלן זיך אין איר אַריינלעבן אַלץ מער וועלן מיר אַריינדרינגען אין איר טיפער געדאַנקלעכקייט.

דר. אַדלער האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ פילאָסאָפיע איז כאַראַקטעריסטישער מער צוגעפּאַסט צו אונדזער דעמאָקראַטיע.

ער האַלט, אַז אין דעם וואַנדער־וועג פון דער מענטשהייט צו איר ציל וועלן מיר שוין אַרויספורעמען אין דעם ליכט אונדזערע אינסטיטוציעס — די פאַמיליע, די שולע, פּראָפעסיע, שטאַט און די גאַנצע אוניווערסאַלע געזעלשאַפט. ער איז אַזוי מיטגעריסן מיט דעם דאָזיקן אידעאַל, אַז ער פאַרגעסט אָן דער רעאַליטעט.

דער דאָזיקער הומאַניסט זעט נישט איין אַז יושר, אָדער עטיק איז אַ באַגריף, וואָס ווענדט זיך אין וואָס פאַר אַ מוח ער געפינט זיך. דער יושר פון אַ קאַפּיטאַליסט איז נישט דער יושר פון דעם אַרבעטער, אָדער פשוט׳ן פאָלקס־מענטש. ער גיט אונדז נישט קיין בילד ווי דאָס קען דערגרייכט ווערן, ווי די אינסטיטוציעס פון דעם הערשנדיקן קלאַס וועלן דורכגעדרונגען ווערן מיט אַ „ריינער עטיק״.

אין 1878 גרינדעט זיין עטישע קולטור־געזעלשאַפט דעם ערשטן פרייען קינדער־גאָרטן, וואו עס ווערט עקספּערימענטירט אין טרעגירן קינדער אין אַלערליי האַנט־אַרבעטן און אַנדערע פּראָגרעסיווע מעטאָדן. נאָך די ערשטע דערפאָלגן פון דעם דאָזיקן קינדער־גאָרטן־סיסטעם האָבן נאָכגעפאָלגט די „יאַסלעס״, וואו קליינע עופה׳לעך ווערן שוין דערצויגן דורך ספּעציעלע דערציער. אַזוי איז אַנטשטאַנען די אונדז באַקאַנטע אינסטיטוציע „העגרי סטריט סעטלמענט״.

אין 1888 איז געשאַפן געוואָרן די „טשאַילד סטאַדי אַסאָסיאיישאָן״, די מוטער־געזעלשאַפט, צו שטודירן די נאַטור פון קינד. נאָך אין 1882 ווען עס האָבן זיך אַ הויב געטאָן די נייע אימיגראַציע־כוואַליעס און די איסט־סייד

האָט זיך גענומען שטיקן פון שרעקלעכער ענגשאַפט, האָט דער דאָזיקער עטישער דערציער געקלאַפּט טרעוואָגע און עס איז צושטאַנד געקומען די „סטעיט טענעמענט־האוז קאָמישאַן“, אין וועלכע ער אַליין האָט זיך אַקטי־וויזירט אין יאָר 1888.

ווי אַ רעפאָרמער איז דר. אַדלער שפּעטער אַקטיוו אין דער אויפדעקונג פון גרעפט און קאָרופּציע אין דער ניו יאָרקער שטאָט־רעגירונג, העלפט אָננעמען אַ ספּעציעלן געזעץ אין דעם הינזיכט („סעטה לאָ“), פון 1904 אָן פון נאַציאָנאַלער „טשאַילד לעיבאָר ביוראָ“. ער ווערט באַשטימט פון מעיאָר מיטשל אַלס פאַרמיטלער צו שליכטן דעם סטרייק פון 60 טויזנט אַרבעטער פון פרויען־קליידער. ער ווערט איניציאַטאָר איינצושטעלן די סיסטעם פון „אַרביטרעישאַן“.

ווי אַ פאָרזיצער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער יוניאָן פון די עטיקאַל־קולטור געזעלשאַפטן רופט ער דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס וועגן מאָראַלער בילדונג און אין 1911 דעם ערשטן אוניווערסאַלן ראַסן־קאָנגרעס.

אין 1902 ווערט ער פּראָפעסאָר אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט פון פּאָליטישע און סאָציאַלע עטיקס, אין 1908 און 1909 איז ער אַן אויסטויש־פּראָפעסאָר אין בערלין און אין 1923 אין אָקספאָרד אוניווערסיטעט. אין 1928 איז ער פּרעזידענט פון מזרח־אָפּטייל פון דער אַמעריקאַנער פילאָ־סאָפישער געזעלשאַפט. צו פיל פון זיינע לעקציעס פלעגן קומען פּראָגרעסיווע רבנים און גלחים, באַזונדערס ווען ער האָט באַהאַנדלט די סאָציאַלע פּראָב־לעמען פון טאָג.

ווי אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון אַלע פּעריאָדישע אויסגאַבן פון דער עטיש־קולטורעלער געזעלשאַפט האָט ער געשריבן אויך אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין פילאָסאָפיע. צווישן זיינע גרויסע ווערק, אַנהויבנדיק פון „קריד אַנד דיד“, אין 1877 ביז זיין לעצט גרויס ווערק „ריקאָנסטראַקשאַן אָוו דהי ספּיריטועל אידיעל“ האָט ער אָנגעשריבן נאָך זעקס גרויסע ווערק איבער די סאָציאַל־עטישע פראַגן פון דער צייט.

אַ טיפן איינדרוק האָט געמאַכט זיין ווערק „דהי וואָרלד קראַיסיס ענד איטס מינינג“.

ווען ער איז געשטאָרבן אין 1933, איז אַוועק פון דער וועלט אַ גרויסער פרייער דענקער. אין מיין מיינונג האָט ער פאַרפעלט צו זען די וויכטיקייט פון דער באַוועגונג פאַר סאָציאַליזם. ווי די אַמאָליקע אוטאָפּיסטן האָט ער געדענקט, אַז מ׳קאָן דורך עטישע דרשות און פילאָסאָפישע טעזיסן איבער־רעדן דעם הערשנדיקן קלאַס, אַז ער זאָל העלפן אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אויפן יסוד פון עטיק און מאָראַלע פּרינציפּן.

זע אַרבעט פון ב. לוויאַי אין אוניוו. ידזש. ענציקלאָפּ באַנד 1, זז 91־92

קאַפּיטל ניינצן

עמיל בערלינער — דער ערשטער ייִדישער דערפינדער אין אַמעריקע



כמעט אין יעדן אַמעריקאַנער הויז געפינט זיך אַ גראַמאַפאָן. אין פיר הייזער פון פינף געפינט זיך אַ ראַדיאָ. אין צוויי הייזער פון יעדע זיבן געפינט זיך אַ טעלעוויזיע. איבערן לאַנד — אַרום 50 מיליאָן טעלעפאָנען אָבער וויפיל פון די אַלע באַזיצער ווייסן, אַז אין דעם האָט אַ זייער גרויסן חלק אַ ייִנגער ייִדישער אימיגראַנט, וואָס איז געקומען אַהער אין 1870 ?

זיין נאָמען איז אפילו אומבאַקאַנט צו פיל מענטשן, בכלל אינפאָרמירטע און אינטעליגענטע.

איר זיצט אין אַ ריזיקן פילם־טעאַטער. איר זיינט היבשלעך ווייט פון דער בינע. ניט בלויז הערט איר יעדן וואָרט, איר הערט אפילו יעדן שאָרך, יעדן ריר, זיפץ, אַ פּליעסק פון וואַסער ביים ברעג טייך.

אַ רעדנער רעדט און איר זיינט ערגעץ אויפן העכסטן באַלקאָן, אָבער דער „מאַיק" (מיקראָפאָן) טראָגט זיין שטים אויף זיינע פליגל און עס איז, ווי איר וואָלט געזעסן אין די ערשטע רייען. אַ זינגער קאָן זיך דערהייבן אַראָפּצוטויכן צו אַ קוים־הערבאַרער פּיאַניסימאָ, אָבער עס דערגייט צו יעדן. עס טרעפט, אַז מען הערט נישט גוט — צעשרייט מען זיך גלייך: „מאַיק"! ‚מאַיק" !

וויפיל מענטשן ווייסן פון וואַנען דער „מאַיק" שטאַמט ?

איז לאָמיר ראשית וויסן דעם נאָמען פון „מאַיק'ס" דערפינדער, בערלינער.

עמיל בערלינער איז געבאָרן געוואָרן אין 1851, אין דער דייטשער קעניגרייך האַנאָווער, אין דער פאַמיליע פון אַ קליין סוחר'ל, שמואל בערלינער און זיין פרוי שרה פרידמאַן בערלינער. עמיל, דאָס ערשטע קינד פון עלף, האָט זיך צופיל נישט אויסגעצייכנט פון די אַנדערע אין זיינע ייִנגלשע יאָרן. דער פאָטער איז געווען אַ תלמודיסט און געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן פאַר־זוכן פון די אַלטע תלמוד־קוואַלן. די מוטער איז פון דער נאַטור געווען אַ

ליבהאָבערן פון מוזיק און עמיל פלעגט לאַנג שטיין הינטער די טירן און פענצטער פון רייכע הייזער צו הערן זייערע פּיאַנאָ־קאָנצערטן אָדער איבונגען.

ווען ער האָט געענדיקט אַ כיר־קלאַסיקע „באָרדינג" שולע, אין שטעטעלע וואָלפּענביטעל, איז ער, אין 1865 געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ גאַלאַנ־טערי־געשעפט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און האַנאָווער, אַלס שותף צו עסטרייך, איז געוואָרן פאַרנומען פונם אַראָגאַנישן פּרייסישן מיליטער. מיט שרעק האָבן די בערלינערס געקוקט אויף די פּרייסישע אולאַנער, וואָס האָבן זיך מיט גוואַלד איינגעקוואַטירט אין זייער הויז.

קיין גרויסן דערפאָלג אין דעם גאַלאַנטערי־געשעפט האָט עמיל נישט געמאַכט; האָט אים דער פאָטער אָפּגעגעבן אין דער לער צו אַ דרוקער. דאָרט האָט ער געמוזט אויפשטיין פאַרטאָג, צעברעכן דעם אייז, כדי צוצוקומען צום וואַסער, איינצוואַשן זיך. נאָכן פרישטיק פון ברויט מיט קאַווע, אויסגע־קערט די דרוקעריי און צוגעגרייט די געצייג פאַר די דרוקער. אַזוי אַ גאַנצן טאָג — איינגעקויפט פאַר די געזעלן קעז, ביר און ברויט, ווידער געקערט, ווידער צוגעגרייט. אין 10 אַזייגער שפּעטער איז ער נאָך אַלץ געווען ביי דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבן.

עמיל איז שוין בעסער צוריק אַוועק אַלס „מענטש" אין אַ געשעפט. שוין ווען עס האָט „אָפּגעקלונגען" זיין 16טער יאָר האָט ער גע'חלום'ט וועגן דערפינדונגען. ווען ער האָט געשלעפּט די שווערע שטיקער סחורה, האָט אים שוין געוואָלט זיך וויסן ווי אַזוי די סחורה איז געוועבט געוואָרן. נעמט ער און מייסטערעווט זיך אויס, אין זיין פרייער צייט, אַ מין וועב־שטול — געוויס איז עס געווען אַ האַמעטנע און נישט קיין אָריגינעלע. ער האָט געלייענט ביינאַכט, ווען אַלע פלעגן שוין שלאָפן, געלייענט און גע'חלום'ט וועגן עפּעס גרויסע אויפטואונגען.

באַזונדערס האָט אים פאַראינטערעסירט אַמעריקע. אַזויפיל פון זיין שטעטל זיינען שוין דאָרט געווען. און ווען אַן אַלטער פאַמיליען־פריינט, נתן גאָטהעלף, איז געקומען צו גאַסט פון וואַשינגטאָן גופא און אָנדערציילט זיך נסים ונפלאות פון אַמעריקע; — איז עמילס הארץ שוין געווען אין דעם „גאָלדענעם לאַנד". בפרט נאָך, אַז גאָטהעלף זאָגט אים גלייך צו אַ שטעלע אין זיין געשעפט און אַז אָט־אָט האַלט ביי אויסברעכן אַ מלחמה קעגן פראַנקרייך אונטער דער הויפּט־קאָמאַנדע פונם פּרייסישן קעניג.

די אַנטוישונג ביי עמיל'ן איז געווען אַ אַ גרויסע. קעגן זיין ריין ציכטיק שטעטל האָט וואַשינגטאָן דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ חזיר־שטאַל; שמוציק, טומלדיק, קאַרופּט.

אָבער עמיל האָט זיך איינגעשפּאָרט: ער וועט אַלץ אויסהאַלטן. ער מוז ווערן אַ גוטער אַמעריקאַנער. ער האָט „גוט" פּאַרדינט, 3־4 דאָלאַר אַ וואָך איז געווען אין די זיבעציקער אַ גוטער אָנהויב. ער האָט געשפּאָרט, געביטן די באַשעפטיקונגען, געפאָרן קיין ניו יאָרק, געפּרוּווט אַלערליי פּרנסות, געצייכנט, געמאָלן, געהאַט אַ וואונדערשיינע האַנטשריפט. איבער־נאַכט זיך אויסגעלערנט ענגליש. די סחורות, וואָס ער האָט פּאַרקויפט אין וואַשינגטאָן, אין דער ערשטער צייט, פלעגן זיין איינגעוויקלט אינם „קאָנג־רעשאָנאַל רעקאָרד", איז עס עמיל'ן געווען אַ צווייענדיקע לערע — ענגליש און אַמעריקאַנער געזעץ, שיינע, אָפּגעטאָקטע רעדעס... ווען דער גרויסער קראַך פון 1873 האָט אַ דונער געטאָן און דער ריזיק־אויפגעהויבענער פּיראַ־מיד פון ספּעקולאַטיווע און אויפגעבלאָזענע געשעפטן האָט צוזאַמענגעבראָכן, האָט עמיל געמוזט ווידער בייטן באַשעפטיקונגען — געהאַנדלט מיט קלעפּ־שטאָף, אַוועק קיין מילוואָקי, צום גרויסן דייטשן צענטער, געוואָרן אַ וואַיאַזשאָר איבערן מיסיסיפּי, אויסגעפּרוּווט אַלץ און אַלעמען, און צוריק אין די מזרח־שטאַטן — אין ניו יאָרק.

צופעליק געקריגן אַ שטעלע פון אַ פלאַש־וואַשער אין אַ לאַבאָראַ־טאָריע צו אַנאַליזירן צוקער. ניט ווייט פון דאָרט איז געווען „קופּער יוניאָן" און די רייכע ביבליאָטעק. דאָ האָט בערלינער ניט בלויז געטרונקען, נאָר געזויפן וויסנשאַפטלעכע ביכער, נישט אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען, אָבער עפּעס האָט זיך צוגעקלעפּט. אַ באַקאַנטער אייגנטימער פון אַ דערבייאיקער דראָג־סטאָר, אַ דייטשער ייִד, האָט אים איינמאָל געשענקט דאָס דייטשע וויסנשאַפט־לעכע בוך „סינאָפּסיס פון פיזיק אונד מעטעראָלאָגיע" — און דאָס האָט גע־ענדערט נישט בלויז זיין לעבן. דאָס האָט געמאַכט געשיכטע.

דאָס איז געווען די צייט, ווען אַמעריקאַנער דערפינדונגען האָבן זיך געטראָגן איבער דער וועלט מיט דער קראַפט פון אַ יונגן פרילינג. אין די זיבעציקער יאָרן האָט מען שוין געקענט אויסרעכענען אַ היפשן יאָר־הונדערט פון אַמעריקאַנער דונער־אָפּליטערער, וואַהיטני'ס 'קאָטן־דזשין", פולטאָנ'ס דאַמף־שיף, מאָרס'עס עלעקטרישער טעלעגראַף; גודיער'ס וואולקאַניזירטע גומי, האו'ס ניי־מאַשין, עריקסאָנ'ס „מאָניטאָר"; וועסטינגהאוז'עס לופט־טאָרמאָז און די ערשטע שרייב־מאַשינען. מען האָט שוין געוואוסט פון אַ שטיקל עלעקטרישער באַלייכטונג, וואָס מ'האָט דערגרייכט אויף עטלעכע מינוט. קאַפּיטאַליזם האָט געמאַכט זיינע מייליקע שפּרייזן.

נישט קיין וואונדער, וואָס אויפן שוועל פונם צווייטן יאָרהונדערט זיינען שוין געשטאַנען אָנגעגרייט דערפינדונגען — אַזעלכע ווי דער טעלעפאָן, פאָנאָגראַף, עלעקטרישע באַלייכטונג, עלעקטרישע קראַפט פאַר גאַסן־באַנען

און מאַשינען, און אַנדערע. דער הונדערטסטער יובליי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט דער אויסשטעלונג אין פילאַדעלפיע, האָט נאָך אָבער די אַלע נייע זאַכן נישט געזען.

אמת, אַלעקסאַנדער גרעהעם בעל, דער שאָטלענדישער אימיגראַנטישער פּראָפעסאָר, האָט שוין געהאַט אַ מעכאַניזם, דורך וועלכע קורצע אָפּגעהאַקטע געשפּרעכן זיינען שוין געפירט געוואָרן, אָבער עס האָט געפעלט די דער־גאַנצונג, צו וויסן ווי אַנצוטרייבן אַ כסדר׳דיקן עלעקטרישן שטראָם, וואָס זאָל מיטרייסן מיט זיך אַלץ, וואָס עס ווערט אין אים קאַנאַליזירט — נישט בלויז אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס בלייבן נישט פאַרענדיקטע, ווייל דער שטראָם דערשלעפּט זיי נישט.

די דאָזיקע דערגאַנצונג האָט נאָך לאַנגע, שווערע, אומדערמידלעכע פּרוואון און דורכפאַלן ענדלעך געמאַכט דער יונגער יידישער אימיגראַנטישער דילעטאַנט, וואָס האָט אין וויסנשאַפט זיך מער געפּלאָנטערט ווי אָריענטירט — עמיל בערלינער. ער האָט אויך געמאַכט אַן אומגעלומפּערטן טעלעפאָן. דאָס איז געווען אַ מין זייף־קעסטל, מיט דראָטן, ספּרוזשינעס, באַטרייעס און וואָס ניט. פון דעם האָט ער אויגעמייסטערוועט זיין מיקראָפאָן. דער אַפּאַראַט, וואָס פאַראייניקט דעם עלעקטרישן שטראָם פון דער מענטשלעכער שטים אין איין שטראָם.

דאָס אַלץ, וואָס האָט געפעלט צו גרעיהעם בעל׳ס טעלעפאָן. דאָס זעלבע כמעט איז געווען מיט עדיסאָנ׳ס פאָנאָגראַף, וואָס האָט אויך געהאַט דעם קאַרדינאַלן חסרון, וואָס עס האָט געקוויטשעט, ניט מיט קיין נאַטירלעכער שטים און נישט אין קיין רעגלמעסיקן גאַנג. דאָ איז ווידער בערלינער׳ס טראַנסיסטער, דער אַן־אַ־זייטיקער פלאַט רעקאָרד (דיסק), און זיינע אַקוסטי־שע פאַרצוגן אַריינגעקומען אין שפּיל.

נישט אַזוי גרינג איז עס פאַרגעקומען. דאָס איז אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. בערלינער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין נאַכמאַכן, אין פּרוואון זיך צואייגענען פרעמדע פּראַצע אין דערפינדונגען. לאַנגע פּראָצעסן האָבן זיך פאַרצויגן פון די פאַרשיידענע קאָמפּאַניס קעגן אים. איבערהויפּט ווען ער האָט פאַרפולקאָמט זיין גראַמאָפאָן אנשטאָט עדיסאָנ׳ס פאָנאָגראַף, האָבן זיך די משפּטים קעגן אים פאַרשטאַרקט.

אָבער בערלינער איז ניט געווען קיין הינקענדיקער מלמד, ער האָט זיך באַוואָרנט פריער. דער סוף איז געווען, אַז די בעל טעלעפאָן קאָמפּאַני האָט אים אַריינגענומען צו זיך, פאַרפולקאָמט דעם טעלעפאָן און איז געוואָרן די מעכטיקסטע און רייכסטע "יוטיליטי־קאָמפּאַני אין דער וועלט.

בערלינער איז אַוועק אויף אַ רייזע קיין דייטשלאַנד און דאָרט איז זיין

גראַמאָפאָן אויפגענומען געוואָרן גרויס. מעכטיקע פאַבריקן זיינען געעפנט געוואָרן צו פּראָדוצירן זיי. בערלינער האָט אַריינגעפירט זיינע ברידער אינם געשעפט און זיי זיינען אויך „געגאַנגען אין גאָלד״.

בערלינער איז ניט געווען גלאַט אַזוי אַ געלט מענטש. ער האָט זיינע מיליאָנען דערנאָך פאַרווענדט אויף פיל שכל׳דיקע הומאַניטאַרע צוועקן. ווי נעיטן שטראוס האָט ער געפירט אַ לאַנגן קאַמף קעגן די מילך־קאָמפּאַניס און פון דער גרויסער שטערבלעכקייט פון קליינע קינדער צוליב דער אומריינער מילך און אַנדערע אומסאַניטאַרישקייטן און האָט געגרינדעט אַ ריי פאָנדן צו באַקעמפן טובערקולאָזיס, אַרויסגעגעבן אַ ריי שריפטן און פאַרשפּרייט זיי פריי צווישן פאָלק.

אָן בערלינערס דערפינדונגען פון מיקראָפאָן, טראַנסמיטער, און כסדר׳דיקע גלייכצייטיק־לויפנדיקע עלעקטרישע שטראָמען, וואָלט נישט מעגלעך געווען די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע און פיל אַנדערע אפּאַראַטן, וואָס זיינען געבויט אויף זיינע פּרינציפּן.

בערלינער האָט געהייראַט אין עלטער פון דרייסיק יאָר, געהאַט זעקס קינדער און דערגרייכט אַ זייער טיפע עלטער. אַ שונא פון מלחמה האָט ער געאַרבעט פאַר איין שפּראַך פאַר אַלע פעלקער און געהאָפט, אַז זיין דער־מעגלעכן אַרויסצורוקן דעם מענטשלעכן קול צו די „עקן פון דער וועלט״ וועט זיין אַ גרויסער בייטראַג פאַרן שלום פון דער וועלט. די טיפע עקאָנאָמישע סיבות פון מלחמה האָט ער אָבער נישט געזען.

ער איז געשטאָרבן אין וואַשינגטאָן, ד. ק. דעם 3־טן אויגוסט, 1929.

קאַפּיטל ניינצן

דר. סעמועל דזש. מעלצער און זיינע מעדיצינישע אויפטוען

דער ליטווישער ישיבה־בחור, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסער דאָקטאר אין אַמעריקע

אין 1940 האָבן מיר פאַרלאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיע איינעם פון אירע דרייסטע אומדערמידלעכע פאָר־שער, אַ קלאָרן אַנאַליטיקער, אַ מענטש וואָס האָט כסדר געברויזט מיט שאַפונג, מיט אָרגאַניזירונג, מיט אַ קאָפּ פון אַ גאון און אַ האַרץ פון אַ ווייכן, פאַר־געבנדיקן פאָטער. זיין נאָמען איז געווען דר. סעמועל דזשעימס מעלצער.

מיט שיר המעלות׳ן באַוואָרנט פון אַלע זייטן איז דעם 22טן מערץ, 1851 אַ מוטער געגאַנגען שווער צו קינד. דער טאַטע, אַ כלי קודש אינם קליין שטעטעלע טראָפּע, לעבן קאָוונע, האָט כסדר געהויבן די אויגן צום הימל, אַז זיין קימפּעטאָרן זאָל שוין אָריבערקומען בשלום. ווען דאָס קינד איז אַרויס־געקומען מיט אַ ריזיקן קאָפּ האָט מען נביאות געזאָגט, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער גאון.

די נבואה איז מקוים געוואָרן. נאָר ער איז נישט געווען קיין גאון אויפן שטול פון רבנות, נאָר עפּעס וואָס האָט זיינע זייער פרומע עלטערן קיין גרויס נחת נישט פאַרשאַפט.

געלערנט האָט ער גראַד זייער גוט: אַלץ געדענקט, זיין שאַרפער קאָפּ האָט אַלץ פאַרשטאַנען. אָט־אָט און ער פאַרענדיקט די ישיבה און וועט שוין קענען זיין אַ רב, פּסק׳ענען שאלות. אָבער פּלוצלונג האָט ער פאַרלאָזן די ישיבה, אַריבער די גרעניץ קיין קעניגסבערג, דעמאָלט פּרייסן, און זיך אַריינגעוואָרפן ווי אַ דאָרשטיקער אויף וועלטלעכע לימודים.

מיט זיין געניאַלן מוח האָט ער זיך שנעל צוגעגרייט צום אוניווערסיטעט. אים האָט פאַראינטערעגירט די כעמישע וויסנשאַפט מיט איר שפּראַך פון אותות און מופתים מיט אירע אומענדלעכע קאָמבינאַציעס און צונויפפאָרונגען.

ער האָט געענדיקט כעמיע און זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. אים איז איינ־געפאַלן צו פּראָדוצירן אַ נייעם מין זייף. זיין דערפינדונג האָט זיך אים איינ־גענעבן, אָבער צום געשעפט מיט זייף האָט ער זיך ניט געטויגט. ער האָט עס געמוזט אויפגעבן.

איז ער צוריק אַוועק קיין דייטשלאַנד, דאָס מאָל קיין בערלין, אַריין אויפסניי אין אוניווערסיטעט. דאָס מאָל אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט. דער דאָזיקער קעגנשטאַנד איז אים שוין לאַנג צוריק געפעלן. אָבער ווען ער האָט איינמאָל אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט געמאַכט אַ חשבון הנפש, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטן העברעאישן מאקסים — „לא לחכמים לחם", פילאָסאָפן, הייסט עס, האָבן קיין ברויט נישט. דאָס איז גוט פאַר איינעם מיט אַ גרויסער ירושה. . און זיין פאַמיליע איז דאָך געווען פון די טיפּיש ליטווישע קבצנ'סקע משפּחות.

האָט ער ווידער איבערגעלאָזט די פילאָסאָפיע פאַר פאַרמעגלעכערע און גענומען שטודירן מעדיצין. ער האָט שווער געאַרבעט, אָבער געהאַט גרויס דערפאָלג. אינם יאָר 1882, האָט ער שוין אַרויסמאַרשירט פונם אוניווערסיטעט מיטן גלאַטן פאַרמעט אויף וועלכן ער איז שוין איינגעשוואָרן געוואָרן אין דער פּראָפעסיע פון היפּאָקראַטעס און גאַלען, די קלאַסישע מעדיקער.

אַוועק פון דער היים אַ כעמיקער און איצט קערט ער זיך אום אַ מעדי־ צינישער דאָקטאָר, אַ געעענדיקטער פון אַ באַרימטן דייטשן אוניווערסיטעט. אָבער קיין גרויסע פּראַקטיק האָט ער אין שטעטל נישט געקענט האָבן, האָט ער גענומען זוכן אַ דאָקטאָר־שטעלע ערגעץ אַנדערש.

אין 1883 זעען מיר אים שוין ווי ער איז אַ שיף־דאָקטאָר אויף אַ טראַנסאַטלאַנטישער ליניע, פאָרט הין־און־צוריק, היילט די קראַנק־געוואָרענע אויף דער רייזע, אָבער ווי לאַנג וועט ער זיך אַזוי אַרומדרייען הין און צוריק, ווי אַ קאַץ, וואָס קען נישט כאַפּן איר עק? אים האָט געצויגן ווייטער צו שטודירן, ווייטער צו פאָרשן. איז ער איינמאָל אַראָפּ פון דער שיף אין ניו יאָרק און געפונען דאָ אַ גוטן באָדן פאַר זיין פאָרשערישן גייסט.

מיט זיין שאַרפן קאָפּ און גוטמוטיקער פּערזענלעכקייט, וואָלט דר. מעלצער געקענט דאָ ווערן אַ זייער פאַרמעגלעכער מעדיקער. האָט אים אָבער כסדר געצויגן צו וויסן נאָך מער קעגנשטאַנדן, צו פאַרפולקאָמענען זיך נאָך מער אין ביאָלאָגיע, אין פילאָסאָפיע און אין פאַרמאַקאָלאָגיע. אויסרעכענען אַלע זיינע אויפטואונגען אין די ראַמען פון איין אַרטיקל איז אַן אוממעגלעכ־ קייט. וועלן מיר זיך דאָ בקיצור באַקענען מיט אַ טייל פון די געביטן אין וועלכע דער דאָזיקער שאַרפער קאָפּ האָט זיך אַריינגעריסן.

פון היפּשער וויכטיקייט זיינען זיינע פאָרשונגען אויפן געביט פון

אַנעסטעטיק, צוזאַמען מיט זיין מיטאַרבעטער דזש. אוער. זיי זיינען געווען די ערשטע צו באַריכטן וועגן דער אַנעסטעטישער און רעפּרעסנדיקער ווירקונג פון מאַגנעזיום־זאַלצן דורך אונטערהויטיקע איינשפּריצונגען.

צוזאַמען מיט אוערן האָט ער איינגעפירט די מעטאָדע פון עטהעריזירן, דורך אַריינהויכן עס אינם ברוסט־קאַסטן פאַר אַנעסטעזיע. ער האָט אויך די נייע מעטאָדע גענומען געברויכן אַריינצוהויכן לופט דורך דעם ברוסט־קאַסטן כדי צו פאַרסירן אָטעמונג אין פאַלן פון פּאַרגיפטיקונגען.

נישט פון קלענערער וויכטיקייט זיינען געווען זיינע עקספּערימענטן מיט מאַגנעזיום סולפאַט. ער האָט דערפונדן אַן איינפאַכן באַוועגלעכן אַפּאַראַט פאַר אַריינהויכונגען אינם „פאַרינקס״, דער שלונד איבערן וושט (וועישעט), עסאָפאַגוס).

צווישן זיינע קלאַסישע בייטראָגן מוז מען דערמאָנען דעם מעלצער־געזעץ וועגן קעגנגעזעצטער אינערוואַציע (סטימולירונג פון דער נערוון־סיסטעם). דער דאָזיקער געזעץ שטעלט פעסט, אַז אַלע לעבעדיקע פונקציעס ווערן כסדר קאָנטראָלירט פון צווי קעגנגעזעצטע כוחות: פאַרגרעסערונג פון איין זייט און באַשרענקונג פון דער צווייטער זייט.

פון אַ הייבשן באַדייט איז דער איצט־באַקאַנטער מעלצער־לאיאָן־טעסט פאַר גאַל־קראַנקהייטן. מעלצער האָט אַנטדעקט, דורך זיינע עקספּערימענטן אויף חיות, אַז די אַנוועזנהייט פון מאַגנעזיום סולפאַט (מאַגניזשיום־סאַלפעיט) אינם ערשטן טייל פון דער קליינער קישקע (דואָדענום) רעגט־אָן די עוואַקואַציע פונם גאַל־בלאָז און זיין מיטאַרבעטער לאיאָן האָט אָנגעווענדט דעם דאָזיקן טעסט אויף מענטשן.

אָט־דער דאָזיקער מעלצער־לאיאָן טעסט אויף אויסליידיקן דעם גאַל־זעקל אָן אַן אָפּעראַציע, האָט סיי אַ דיאַגנאָסטישן באַדייט, סיי אַ טהעראַפּעטישן (היילנדיקן) כאַראַקטער.

ווי מיר זעען איז דר. מעלצער געווען אַ גרויסער מעדיצינישער פאָרשער און אַ באַרימטער אַמעריקאַנער פיזיאָלאָג און פאַרמאַקאָלאָג. אָבער ער איז געווען מער ווי דאָס: ער איז אויך געווען אַ מעדיצינישער גייסטיקער פירער און אַ גרויסער הומאַניסט. זיינע הויכע אַמטן אין דער פּראָפעסיע, — און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען אַן אימיגראַנטישער דאָקטאָר, — ווייזן, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע פּערזענלעכקייט ער איז געווען.

אין די יאָרן 1903־1904 איז ער דערווײלט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער „אַמעריקאַן גאַסטראָענטעראָלאָדזשיקאַל אַסאָסיעישאָן״. אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין סט. לואיס, אין 1904, פון קונסטן און וויסנשאַפטן, איז ער געווען דער הויפּט פונם פיזיאָלאָגישן און פאַרמאַקאָלאָגישן דעפּאַרטמענט פון ראָקעפעלער אינסטיטוט פאַר מעדיצינישער פאָרשונג.

דר. מעלצער איז געווען דער פּאָרזיצער פון דער ערשטער סעסיע פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר כירורגיע פונם ברוסטקאַסטן איין יאָר פאַר זיין טויט. ער האָט נאָך פריער געדינט אַלס באַראַטנדיקער דאָקטאָר אינם האַרלעמער שפּיטאָל; אַ פּרעזידענט פון דער „הארווי־געזעלשאַפט״ (הארווי איז געווען דער אַנטדעקער פון דער בלוט צירקולאציע) און פון דער אַמעריקאַנער פיזיאָלאָגישער געזעלשאַפט.

ער איז געווען אַ גרינדער און פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פאַר עקספּערימענטאַלער ביאָלאָגיע אין מעדיצין; אַ גרינדער און ערשטער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַרן פּראָגרעס פון קלינישע אויספאָרשונגען, אין 1909. אַ גרינדער און פּרעזידענט פון דער מעדיצינישער ברודערשאַפט פאַר אַנטוויקלען אינטערנאַציאָנאַלע מאָראַל (1915).

זיין גאַנץ לעבן האָט זיך דר. מעלצער אויסגעצייכנט מיט זיינע גאונישע פאָרשונגען אויף נייע געביטן, מיט זיין אויסערגעוויינלעכער אַרבעטס־ענערגיע, פליסיגקייט און אָריגינעלקייט. ער האָט ליב געהאַט צו טרעטן אויף נאָך נישט באַטראָטענעם באָדן. ער איז געווען אַלזייטיק און טיף.

און גראָד זיינען עס געווען געביטן, וואו ער האָט נישט דערוואַרט אָנצושלאָגן, אין זיינע פּראָספּעקטן און זוכענישן, אָדער פון גאָלד. אין דעם האָט מען געקענט מער ווי אַלץ זען זיין גרויס מענטשלעך האַרץ, וואָס האָרמאָניזירט מיט זיין ריזיקן קאָפּ. זיין געוויסנהאַפטיקייט צוזאַמען מיט זיין גאונות האָט זיך געפילט אין יעדער אַרבעט זיינער.

דערצו איז ער אויך געווען אַ באַגאַבטער קליניקער. זיין פריערדיקע „בלאָנדזשענדיקע״ אוניווערסיטעט יאָרן — פון כעמיע און פילאָסאָפיע, זיינען ביי אים נישט געגאַנגען פאַרלאָרן. ער איז אַהער געקומען שוין אַן אָנגעלאָדענער מיט אַ פילפאַכן וויסן און ער האָט אים דאָ פאַרשפּרייט ביז זיין לעצטן אָטעם, דעם זיבעטן נאָוועמבער, 1920.

פון זיינע ניי־אַנטדעקטע טעכניקן פון היילונג האָט די מענטשהייט מער נוצן, ווי פון אַנטדעקן אַ נייעם פּלאַנעט, אָדער אפילו אַ נייעם שטערן. ווייל דערווייל דער פּלאַנעט גופא איז נישט קיין נייער. מיר האָבן בלויז פון אים נישט געוואוסט. אָבער וואָס שייך אַ נייע טעכניק פון היילונג, איז עס טאַקע אַ נייעס, וואָס דערפרייט מענטשלעכע הערצער.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

אַלבערט מאַיקלסאַן — דער ערשטער גרויסער יידישער וויסנשאַפטסמאַן אין אַמעריקע

(זיינע אויפטואונגען אויף די געביטן פון כעמיע, אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק.

ער האָט געוואונען אַ נאָבעל־פּרייז



יידישע וויסנשאַפטסמענער אין 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט זיינען נאָך געווען פאַר אַלבערט א. מאַיקל־סאָנען, אויף די געביטן פון כעמיע, אַסטראָנאָמיע און פיזיק־מאַטעמאַטיק. בלויז צו דערמאָנען, ווי אַ ביישפּיל, אַזאַ ווי דזשעימס דזשאָזעף סילוועס־טער, אַ זון פון אברהם דזשאָזעף, וואָס האָט אָנגענומען דעם צו־לאָג־נאָמען פון סילוועסטער. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1814 און זייער יונג האָט גע׳שמ׳ט ווי אַ גאון אין מאַטעמאַטיק, און איז געווען פּראָפעסאָר אין ווירדזשיניער אוניווערסיטעט; דזשאָן האָפּקינס אין באַלטימאָר און גאָר שפּעטער אין אָקספאָרד אוניווערסיטעט אין ענגלאַנד. געווען אויך גרינדער און ערשטער רעדאַקטאָר פונם „אַמעריקען דזשורנאַל אָוו מאַטעמאַטיקס" און באַרימט געווען, ווי „דער גרויסער סילוועסטער".

אָדער דער וויסנשאַפטסמאַן עדוואַרד איזראַעל פון קאַלמאַזאו, מישיגן, דער אַסטראָנאָם און געאָגראַף, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון דער וויסנשאַפט, בעת ער איז אומגעקומען אין דער וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע אין די אַרקטישע געגנטן אונטער גענעראַל א. וו. גרילי. עס זיינען געווען נאָך יידישע וויסנשאַפטלייט שוין אין יענע צייטן, וואָס וואָלטן אין גרעסערע אָפּהאַנדלונגען געדאַרפט האָבן זייער פּלאַץ. אָבער קיינער פון זיי איז נישט געווען פון אַזאַ קאַליבער, ווי עס איז געווען אַלבערט אברהם מאַיקלסאָן, דער באַרימטער פיזיק־מאַטעמאַטיקער, דער וואָס האָט זיך געיאָגט נאָכן זייער ספּריטנעם ליכט־שטראַל, אים געוואויגן און געמאָסטן פון אַלע זייטן און באַלויכטן מיט אים פיל טונקעלע ווינקלען.

י. ב. ביילין

אַלבערט אברהם מאיקלסאָן (מיכלזאָן) איז געבאָרן געוואָרן אין דייטש־לאַנד, אין 1852, און אָנגעקומען אַלס ייִנגל אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז געווען אַ ייִנגל מיט ברייט־צעעפנטע, אַלץ־שלינגענדיקע אויגן, פאַר־אינטערעסירט, נישט בלויז אינם נייעם לאַנד און היים, נאָר אויך אין דעם גרויסן, אומענדלעכן רוים אַרום. כדי צופרידנשטעלן זיין חשק צו זען די וועלט איז ער אָנגעקומען שטודירן אין דער פלאָטן־אַקאַדעמיע פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, אין אַנאַפּאָליס.

דער יונגער מאיקלסאָן האָט דאָרט געשלאָגן טיפע וואָרצלען; ניט אַרומצופאָרן, ווי אַ פלאָטן־אָפיצער פון איין עק ערד־קוגל צום צווייטן. זיין חשק האָט זיך אין משך פון זיין אַקאַדעמישן שטודיום נאָך מער פאַרשאַרפט. אים האָט שטאַרק פאַרטשעפּעט די פיזישע מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, און זיין אויפגעבליטער מוח האָט שוין געמאַכט פיל ווייטערע רייזעס, ווי ער וואָלט געקענט מאַכן אַלס פלאָטן־אָפיצער. מאיקלסאָן איז געבליבן ביי מאַטעמאַטיק און די פיזיש־כעמישע וויסנשאַפטן. געענדיקט די אַקאַדעמיע מיט די העכסטע אויסצייכענונגען אין 1873, זעען מיר אים שוין גלייך נאָכדעם ווי אַ לערער פון פיזיק און כעמיע, טאַקע אין דער זעלבער הויך־שול, וואָס ער האָט פאַרענדיקט.

אין 1883 זעען מיר אים שוין ווי אַ פולער פּראָפעסאָר פון פיזיק אין דער „קעיס סקול אָוו אפּלאַיד סאיענס". ער האַלט אָן די שטעלע זיבן יאָר, אָבער אין די אַלע יאָרן רוט ער נישט מיט דער פּראָפעסאָרישער שכינה אויף זיך, נאָר פאָרשט אומדערמידלעך די באַוועגונגען פון דער ערד אין דעם רוים, מעסט זיי כדי צו זען צי די העכערע ספערעס איבער דער ערד (אַטמאָס־פער, סטראַטאָספער) ווערן מיטגעצויגן מיט דער ערדס רייזע אַרום איר אַרביט מיט דער זעלבער שנעלקייט, ווי עס ווערט מיטגעצויגן דער ליכט־שטראַל. זיינע אַרבעטן אויף דעם געביט האָבן אויסגעלייגט וועגן פאַר די פאָרשונגען פונם „צווייטן אַלבערט" — איינשטיין, אין די געביטן פון רע־לאַטיוויטעט פון צייט און רוים, ווען ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער פּראָפעסאָר אין דער שווייץ.

שפּעטער, אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָרן פונם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט. מאיקלסאָן איז שוין דעמאָלט געווען פּראָפעסאָר פונם שיקאַגער אוניווערסיטעט און דער הויפּט פונם פיזיק־דעפּאַרטמענט. איינשטיין האָט שוין דעמאָלט צעשטורעמט אַרום זיך די פיזיקער פון יענער צייט. איינשטיינ'ס טעאָריעס האָבן געדאַרפט באַוויזן ווערן מיט אַקטועלע פאַקטן, נישט בלויז מיט דעם כישוף פון די מאַטעמאַטישע פאָרמולעס.

דעמאָלט האָבן ווידער מאיקלסאָנס פאָרשונגען וועגן ליכט, שטראַלן און עטער, און זיינע אויסמעסטונגען געהאָלפן צו באַשטעטיקן איינשטיינ׳ס טעאָריעס פון רעלאַטיוויטעט. אין אַלע זיינע פאָרשונגען און אויסמעסטונגען האָט זיך באַקומען אַז עפּעס פעלט צו דער גענויקייט פון די חשבונות, און אַז די פעלונג איז אַ רעזולטאַט פון דער רעלאַטיוויטעט אין די פּאָזיציעס און באַוועגונגען פון די ריזיקע וועלט־רעדער — זונען, שטערן און לבנות.

מאיקלסאָן האָט זיך אַליין געשאַפן דעם מיטל מיט וועלכן ער האָט געמאָסטן אַזעלכע אומבאַגרייפלעך „קליינע גרויסן". ער האָט פאַר דעם צוועק דערפונדן דעם אינטערפעראַמעטער, איינער פון די וויכטיקסטע אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטן מיט וועלכע מען קען אַפּערירן אין פּראָבלעמען פון די דעליקאַטסטע אויסמעסטונגען.

נאָך אין 1889 איז מאיקלסאָן באַלוינט געוואָרן פון זיינע פאָרשונגען מיטן „רומפאָרד מעדאַל". אינם יאָר 1900 האָט ער געקראָגן אויף דער פאַריזער וועלט־אויסשטעלונג דעם „גראַנד־פּרי" מעדאַל", דעם גרעסטן פּרייז. אין 1904 האָט ער געקראָגן אין רוים דעם „מאַטענטשי־מעדאַל". אין לאָנדאָן האָט ער אין 1907 באַקומען פון דער קעניגלעכער אַקאַדעמישער געזעלשאַפט דעם „קאָפּלי־מעדאַל".

אָבער אין די אינטעלעקטועלע יידישע קרייזן פון אַמעריקע האָט מען זיך געפרייט, ווען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון די אַמעריקאַנער יידן, האָט איינער פון זיי געקראָגן דעם „נאָבעל־פּרייז" פאַר פיזיק, אַלס צוגאָב צו דעם מעדאַל, וואָס מאיקלסאָן האָט געקראָגן פון דער אַקאַדעמישער געזעלשאַפט אין ענגלאַנד.

אַלבערט מייקלסאָן איז געווען דער צוועלפטער ייד, וואָס האָט ווען באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז. אָבער אין אַמעריקע איז ער געווען דער ערשטער ייד און דעריבער האָט עס געמאַכט אַזאַ רושם.

מאיקלסאָן האָט מיט זיינע פאָרשונגען און מעסטונגען רעוואָלוציאָניזירט די אַסטראָנאָמישע, פיזיקאַלישע און מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן. ער איז געוואָרן אַ גאַסט־פּראָפעסאָר אין די גרעסטע אוניווערסיטעטן פון דער וועלט. אין 1912 האָט ער געקראָגן דעם „עליאָט־קרעסאָן־מעדאַל". אין 1916 האָט ער געקראָגן דעם „דרעיפער־אויסצייכענונג־מעדאַל". אין 1925 האָט אים דער שיקאַגער אוניווערסיטעט דערהויבן צו דער „אַנגעזעענסטער מדרגה פון פּראָפעסאָרשיפ". עס איז כמעט נישטאָ אין דער וועלט קיין אנערקענונגס־צייכן, וואָס מאיקלסאָן זאָל נישט האָבן באַקומען אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט.

י. ב. ביילין

אַלע גרויסע אוניווערסיטעטן איבער דער וועלט האָבן אים אַריינגעשיקט זיינע דאָקטאָראַט־טיטולן. אַלע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן איבער דער וועלט האָבן אים אַריינגענומען אַלס ערן־מיטגליד.

דער ערשטער צו מעסטן די שטערן לויט זייערע ליכט־שטראַלן, איז מאיקלסאָן אַליין באַשטראַלט געוואָרן מיט אנערקענונגען, וואָס וואָלטן געקענט פאַרדרייען דעם קאָפּ פון יעדן בשר ודם. אָבער מאיקלסאָן, אויב ער האָט ווען עס איז פאַרריסן דעם קאָפּ איז עס געווען צו די וועלטן איבער אונדזערע קעפּ. ער איז געווען און געבליבן באַשיידן זיין גאַנץ לעבן. אין אַמעריקע איז ער געווען דער פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן. פּיל געלערנטע באַהויפּטן, אַז „די צוויי אַלבערטס" האָבן רעוואָלוציאָניזירט די וויסנשאַפט מער ווי וועלכער עס איז געלערנטער זינט ניוטאָנ׳ען, מיט דריי הונדערט יאָר צוריק.

כדי צו מעסטן גענוי צי דאָס איז ריכטיק, צי עס איז איבערגעטריבן, צי עס איז נאָר „אויב ניט נאָך העכער" דאַרף מען זיין אַ מאיקלסאָן און באַוואָפנט מיט אַ גייסטיקן אינטערפעראָמעטער.

אַלבערט א. מאיקלסאָן האָט באַרייכערט די וויסנשאַפט מיט דויערנדיקע ביטראָגן. ער איז געשטאָרבן אין 1931, אינם עלטער פון 79 יאָר.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אָטאָ פלערשיים און זיינע בייטראָגן

דער ערשטער יידישער
מוזיק־קריטיקער
אין אַמעריקע

מיר ווייסן וועגן פיל מוזיקער, וואָס זיינען געצוואונגען געווען צו ווערן געשעפטסלייט. מיר קענען אַזעלכע נאָך היינטיקן טאָג. נישט ווייל זיי זיינען בעסערע סוחרים ווי מוזיקער, נאָר דערפאַר, וואָס אין אונדזערע באַדינגונגען קען טרעפן, אַז מען זאָל שפּילן אָדער זינגען, צי גאָר קאָמפּאָנירן אויף אַ לײדיקן מאָגן.

אָבער דאָ האָבן מיר אַ פאַל, ווי פון אַ סוחר בן סוחר, און איינגעטונקט פאַר דורות אין דערפאָלגרייכע געשעפטן, זאָל זיך אָפּטאָן דער דערפאָלג פון געשעפט און זאָל ווערן אַ מוזיקער, און מיט גרויס דערפאָלג.

אָטאָ פלערשיים איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אַלטער יידיש־דייטשער פאַמיליע אין דער היסטאָרישער שטאָט ע־לאַ־שאַפעל, אינ׳ם יאָר 1853. דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז געווען אַ פאַרקאַכטער געשעפטסמאַן און געחלומ׳ט צו מאַכן פון זיין אָטאָ׳ן אַ גרעסערן און דערפאָלגרייכן סוחר, ווי ער אַליין איז געווען. ער האָט דעם זון געגעבן אַ קלאַסישע גוטע דערציאונג, אָבער מיטן אויג, אַז די קוואַליטעט פון זיין צוקונפטיקן יורש, זאָל מיט זיין ירושה פאַרפילפאַכן דאָס פאַרמעגן.

ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין אָטאָ גייט צו קאָנצערטן און גיט זיך אָפּ מיט מוזיק, האָט ער אים פאַרגעוואָרפן, אַז געשעפט מיט מוזיק זיינען נישט קיין פּאָר קליידער און אים פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט אַזאַ „לייכטזיניקייט". ווען אָטאָ איז אויפגעוואַקסן האָט אים דער פאָטער געקויפט אַ געשעפט. ער האָט גאָרניט פאַרדעכטיקט אַז זיין זון ליגט ניט אין קאָפּ די גאַנצע קאָמערץ־שפּיל, ווייל ער שטודירט מוזיק די גאַנצע צייט געהיימערהייט.

אָטאָ האָט געמוזט ווערן אַ געשעפטסמאַן, אָבער נישט קיין דערפאָלגרייכער. עס איז ניט באַוואוסט, צי ער האָט בכיוון אַזוי געפירט דאָס געשעפט, אַז ער זאָל לײדן אַ קראַך, אָבער עס איז אַזוי געשען צוליב

דעם, ווייל זיין קאָפּ איז געלעגן ביי די דריי „ביס" (באַך, בעטהאָווען, בראַהאַמס) ביי דעם אויפגעקומענעם ריכאַרד וואַגנער און ביי זיין פאַרגייער קאַרל מאַריא וועבער איין געשעפט נאָכ'ן צווייטן האָט ער פאַרלאָרן, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער געמאַכט גרויסע פאָרשריט אין מוזיק.

אין 1875 פאַרלאָזט אָטאָ פלערשיים דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט אַלע פאַמיליע־פלענער פאַר נייע געשעפטן און קומט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. געוויס איז דער דאָזיקער מוזיק־פאַר'שיכור'טער יונגערמאַן נישט געקומען ווערן אַן „אַמעריקאַנער" אין זין פון געשעפטן, פון ספּעקולאַציעס. פון זיין קלאַסישער בילדונג האָט ער געוויס פאַרגעדענקט אַנאַכאַרס'עס דעפיניציע וועגן האַנדלס־מאַרק, אַז דאָס איז אַ „פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט, אַז דאָרט זאָל איינער דעם אַנדערן אָפּנאַרן".

אויב אָטאָ פלערשיים איז געקומען קיין אַמעריקע איז עס געווען גראַד דערפאַר, ווייל ער זאָל זיך דאָ קענען אויסלעבן אָן פאַלשקייט, אָן אַ וויטער־דיקן באַהאַלטן זיינע סימפּאַטיעס. אויך אין מוזיק האָט ער אויפגעציטערט, ווען ער האָט דערהערט אַ פאַלשן טאָן, אַ צוגעאייגנטע מוזיקאַלישע פראַזע, וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדערן. דאָ אין לאַנד, האָט ער באַשלאָסן זיך אויס־שליסלעך איבערצוגעבן זיך זיין געליבטער מוזע — מוזיק.

כדי צו „מאַכן אַ לעבן" האָט ער געזוכט און געפונען לעקציעס אין די קענגנשטאַנדן, וואָס ער האָט אַליין געלערנט. ער האָט צוגעגרייט סטודענטן אין שפראַכן און אין פיאַנאָ. ער איז געוואָרן שנעל אַ דערבאַלגרייכער פּיאַנאָ־לערער. גלייכצייטיק ווערט ער אריינגעפירט אין דער שרייבער־פּראָפעסיע דורך אַ געלונגענעם פעליטאָן, אינ'ם פירנדיקן דייטשן „וואָכנבלאַט" אין ניו יאָרק. מבינים האָבן דערזען פאַר זיך אַ שרייבער פון הויכן קינסטלערישן געשמאַק. גלייך נאָכדעם הויבט ער זיך אָן אויך צו באַטייליקן מיט אַר־טיקלען וועגן מוזיק אינם ע נ ג ל י ש ן זשורנאַל „מיוזיקאַל רעוויו".

אין 1880 זעען מיר אים שוין אין שפּיץ פון דעם נייעם מוזיק־זשורנאַל „מיוזיקאַל קוריער", און ער רעדאַגירט אים מיט אַ צווייטן דייטשן יידן מאַרק מ. בלומענבערג. דער דאָזיקער זשורנאַל איז אינגיכן געוואָרן דער פירנ־דיקער זשורנאַל אין אַמעריקע, און אינגיכן אויך אין דער גאַנצער גרויסער ענגליש־ריידנדיקער מוזיק־וועלט. ווען אַ מוזיקער איז באַהאַנדלט געוואָרן אין דעם זשורנאַל האָט עס שוין געמיינט אַ געוויסע אַנערקענונג.

פלערשיים איז געוואָרן ד ע ר מוזיק קריטיקער פון יענער צייט. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר נייע מוזיקאַלישע וועגן. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר וואַגנער'ס רעוואָלוציאָנערער מוזיק און אין דעם זין דערצויגן דאָ מוזיקער, וואָס האָבן אויך זיך גענומען אויף אַזאַ פּראָגרעסיוון וועג. ווער ווייס

צי די שפּעטערדיקע קאָמפּאָזיטאָרן וואָלטן געפונען דאָ אַזוי שנעל אַ גינסטיקן באָדן, ווען ניט פלערשיים׳ס קרייץ־צוג קעגן מוזיק־סטאַגנאַציע און דעם כסדר׳דיקן האַלטן זיך אין די ראַמען פון דער קלאַסישער מוזיק.

מיט אַ דרייסטיקייט פון אַ קעמפער האָט ער דאָ אויך אַרויפגעפירט אויף דער מוזיק־בינע די דעמאָלט נאָך דאָ ניט־אנערקענטע בראַהאַמס און ריכאַרד שטראוס, איבערהויפּט האָט ער דאָ געשפּילט אַ היפשע ראָלע אין דערמוטיקן אָרטיקע אַמעריקאַנער יונגע מוזיקער. מ׳קאָן אים דרייסט אָנרופן דער „אַמעריקאַנער סטאַסאָוו״, סיי מיט זיין קאָנסטרוקטיווער קריטיק, סיי מיט זיין וואַרעמער באַציאונג צו יונגע טאַלאַנטפולע קינסטלער, וואָס טאַפּן נאָך אַרום זיך אין דער פינצטער צו געפינען זייער וועג.

ער גופא האָט אויך געפּרואווט זיין האַנט אין קאָמפּאָזיציע, כאָטש זיין הויפּט־ראָלע איז געווען אויפן געביט פונם קריטישן וועג־ווייזער. צווישן זיינע גרעסערע מוזיק־שאַפונגען געפינען זיך „מאָמענט מוזיקאַל״ (ניט צו־זאַמענמישן מיט שובערט׳ס באַרימט מייסטערווערק פאַר דער פּיאַנאַ), „נאָ־ווועלעט״, „עלעוויישאָן״ און דאָס דייטשע „לאָס זיך האַלטן״. ער אַליין האָט זיך ניט באַטראַכט פאַרן גרויסן קאָמפּאָזיטאָר, און נישט צוליב די קאָמפּאָזיציעס פאַרנעמט ער אַזאַ פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער מוזיק, נאָר צוליב זיינע קריטישע אַרבעטן.

ביז׳ן יאָר 1894 איז אָטאָ פלערשהיים דאָ געווען אַקטיוו אין אָט־דער ראָל. דאַן איז ער צוריק אַוועק קיין אייראָפּע, אָבער די צוואַנציק יאָר זיינע אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ער געהאָלפן אויפצובויען צוזאַמען מיט אַנדערע פירנדיקע מוזיקער דאָ אין לאַנד, די מערכה פון דער מוזיק, וואָס האָט דערנאָך אַרויסגעבראַכט אַ גאַנצע פּלעיאַדע אַמעריקאַנער דערצויגענע מוזיקער, צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס ווערן איצט באַוואוסט אין דער גאַנצער מוזיקאַלישער וועלט.

זיין שטאַם פון יידישן פאָלק האָט פלערשיים קיינמאָל נישט פאַר־לייקנט. עס איז אָבער נישט באַקאַנט, אַז ער זאָל האָבן געהאַט וועלכן עס איז אינטערעס אין יידישע כלל־ענינים. געשטאָרבן איז ער אין 1917, אין דייטשלאַנד, נאָך אין רעכטן ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און גראַד האָט ער געהאַלטן, אַז מוזיק וועט פאַראייניקן די מענטשהייט. און אפשר האָט ער טאַקע דעמאָלט געהאַלטן, אַז דאָס איז צוקונפט־מוזיק.

(פאַקטן אַנטנומען פון „מיוזיקעל קוריער״, דזשולאי, 1901, און „דיקשאַנערי אָוו מיוזיק ענד מיוזישענס״).

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

יעקב גאָרדין — זיין קאָלירפולע פּערזענלעכקייט

יעדע פּערזאָן טראָגט מיט זיך אַ געוויסן זיגל, וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע פּערזאָנען. אָבער נישט יעדע פּערזאָן איז אַ פּערזענלעכקייט, וואָס טיילט זיך אויס אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע, אין אַן אַרום־און אַרומיקע פּערזענלעכקייט.

אַזאַ איז געווען יעקב גאָרדין, דער וואָס האָט אַ רוק־געטאָן פאָראויס דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע און גע־געבן אים מער חשיבות און מער מעג־לעכקייטן צו געדייען צווישן אַן עטוואָס מער קולטיווירטן עולם. מען קען זאָגן, אַז ער איז געווען דער פ א ט ע ר פון דעם מער וועזנטלעכן יידישן טעאַטער דאָ אין לאַנד, וואָס האָט שוין געקענט האָבן דעם זכות פון רופן זיך אין געוויסע קרייזן דאָס ליטעראַריש יידיש טעאַטער”.

געקומען איז סך הכל גאָרדין קיין אַמעריקע, פאַרצוזעצן פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון טאָלסטאָי׳ען, פון לעבן אַ פּראָדוקטיוון לעבן פון יגיע־כפּים׳דיק. ער האָט געהאַט אַ מאָראַלישן ווידערווילן צו דער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט, מיט איר האַנדל און וואַנדל, מיט איר פאַלשקייט און שווינדל. אַלס אַ יונגער אידעאַליסט האָט ער געפּריידיקט אַ ברידערלעך לעבן אין קאָלאָניעס אויפן שויס פון דער נאַטור. בלויז די צאַרישע פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען האָבן אים געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיין פאָטערלאַנד. זיין פּלאַן איז געווען, ווי פיל אַנדערע אַזעלכע אידעאַליסטן פאַר אים, צו גרינדן אין אַמעריקע אַ קאָמוניס־טישע קאָלאָניע.

יעקב גאָרדין איז געבוירן געוואָרן אין אַ פאַרמעגלעכער, און אַנגעזעענער יידישער פאַמיליע אין מירגאָראָד, פּאָלטאַווער גובערניע. דאָס יאָר איז געווען 1853, ערב דער סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה. זיין פאָטער יחיאל־מיכל, אַ חסיד, אַ חב״ד׳ניק איז שוין גלייכצייטיק געווען אַנגעשטעקט מיט השכלה, און יעקב

האט שוין געקראגן א מער ווייניקער בעסערע דערציאונג, ווי בלויז תנ״ך און תלמוד. ער האט שוין פלייסיק, כאטש אומסיסטעמאטיש, געלערנט אויך רוסיש און דייטש.

די צייט פון זיין יינגלשאפט, די באפרייאונג פון די פויערים פון „פאנשטשינע״, אין 1861, און בכלל די רעפארמען, וואס אלעקסאנדער דער צווייטער איז געצוואונגען געווען צו מאכן אונטערן דרוק פון די „זעמ־ליאוואלצעס״, און אין די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, האט ארויסגע־רופן צווישן די מער פארגעשריטענע טיילן פון דער יוגנט בכלל, ליבעראלע אידייען. אן אנגעלייענטער אין דער רוסישער ליטעראטור האט ער אין עלטער פון 17 יאר גענומען אויספרובירן זיין פען. געשריבן בריוו און קארעספאנ־דענציעס אין דער פראווינציעלער רוסישער פרעסע. אין צוויי יאר שפעטער איז ער שוין א באזארגטער מיט א ווייב און מיט א נדן.

וואס פון זיין ווייב איז געווארן איז אומבאקאנט. מיר ווייסן אבער יא אז זיין נדן איז זיך צעגאנגען ווי אייז אונטער דער זון, און ער האט געמוזט ווערן נע ונד. דא געווען א העלפער ביי פעלד־ארבעט, דארט געווארן א שיפן־אנלאדער אין פארט (אין אדעס), געווען אויך א שטיקל וואנדערנדיקער אקטיאר, געווארן אפילו אומאפיציעלער רעדאקטאר פון עטלעכע צייטונגען, ווי „אדעסקאיא נאוואסטי״ און „יעלעסאוועטגראדסקי וויעסטניק״, געוויינלעך אונטער פסעוודאנימען (יאקאוו מיכאילאוויטש, איוואן קאליוטשי און אנדערע).

ארונטערפאלנדיק אונטער דער השפעה פון דער עטישער שטונדיסטן סעקטע, שרייבט ער דערציילונגען פון זייער לעבן, ווי אויך פון יידישן לעבן און דערגרייכט שוין מיט זיי די פרעסע אין קיעוו און אין פעטערבורג אין 1880. מיט דער צייט פארמעסט ער זיך אויף רעפארמאטארישער ארבעט, באציט זיך שוין קריטיש צו די יידישע טראדיציאנעלע לערעס און נעמט פריידיקן און אונטערשטרייכן די ביבלישע סאציאל־עטישע פרינציפן. ער ארגאניזירט די „גייסטיק־ביבלישע ברודערשאפט״, אן ארגאניזאציע, וואס באציט זיך נעגאטיוו צו יעדן מין עקספלואטאציע, צו אלערליי דיסקרימי־נאציעס צוליב רעליגיע אדער ראסע און שטרעבט אויפצוהייבן דעם מענטשן־מין צו דער העכסטער מדרגה פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

די אויפגעהויבענע חיבת־ציון באוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבן אין רוסלאנד נאך דער פאגראמען כוואליע פון 1881, האט דעם שוין קאס־מאפאליטיש אריענטירטן אידעאליסט נישט באפרידיקט. אנשטאט דעם פריידיקט ער צו באזעצן יידן אויף דער ערד אין רוסלאנד גופא און מיט דעם לייזן די יידן־פראגע. אבער נישט מ׳האט דעמאלט געקענט פועלן ביי דער רוסישער רעגירונג אויסצוטיילן ערד־שטחים פאר יידן, נישט די יידישע

מעצענאַטן האָבן געוואָלט גיין קעגן דער רעגירונגגס־ליניע. ווען עס ווערט גאָרנישט פון זיין קאָלאָניע פּלאַן, באַזעצט ער זיך אַליין אין אַ דאָרף און ער באַאַרבעט די ערד מיט׳ן שווייס פון זיין שטערן.

דריי יאָר זיינען געווען פאַר אים גענוג צו באַווייזן, אַז יידן קאָנען לעבן פון ערד־מי. ער קערט זיך צוריק קיין יעליסאַוועטגראַד, וואו ער פירט ווידער אַ סעקטע־לעבן פון „ביבלישע ברידער״ אין וועלכער ער האָט אויך געהאַט די מיטהילף פון אַ „ביבלישער שוועסטער״ — אַנאַ פּאַקראָסאָווא. צוזאַמען מיטן ״ברודער״ גריגאָרי בערנשטיין האָבן זיי געגרינדעט אַ ביבליש געבעט־הויז וואו עס איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ כסדר׳דיקע פּראָפּאַגאַנדע פון די טאָלסטאָישע אידייען.

ווי מיר האָבן געזען איז יעקב גאָרדין געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד אין 1891. ער האָט אויסגעפונען זייער שנעל, אַז אַמעריקע איז נאָך אַ שווערערער באָדן פאַר אַ קאָמוניסטישער קאָלאָניע, ווי עס איז געווען רוס־לאַנד. פון זיין פאַרצווייפלונג האָט אים אַרויסגעפירט פיליפּ קראַנץ, וואָס האָט שוין געהאַט דעמאָלט הינטער זיך אַן אויסגרין־פּראָצעס פון לאָנדאָן און ניו יאָרק. ער האָט אין אים אַנטדעקט אַ טעאַטראַלן אָדער, און אים צו־גערעדט אָנצושרייבן די פּיעסע פאַרן יידישן טעאַטער; אים באַקאַנט מיט די טעאַטראַלן יעקב אַדלער און זעליג מאָגולעסקאָ.

אָט אויף אַזאַ אופן איז געבאָרן געוואָרן גאָרדינ׳ס ערשטע פּיעסע „סיביריא״, און זי האָט געהאַט אַ נישקשה׳דיקן אָפּרוף. מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן די 18־יאָריקע „גאָרדין־עפּאָכע״, אָדער ווי אַנדערע, ווייניקער קריי־טישע, רופן זי „די גאָלדענע עפּאָכע פון יידישן טעאַטער אין אמעריקע״.

גאָרדין איז געווען אין פיל פון זיינע פּיעסן אַ פּריידיקער פון מאָראַל, אַ לערער, אָבער ער אַליין איז אויך געווען אַ גוטער סטודענט. ער האָט זיך דערגרונטעוועט צום ריכטיקן יידישן פאָלקס־לשון אָן דייטשמעריזמען און צעקריפּלונגען, און די ווענט פונם יידישן טעאַטער האָבן דורך זיינע פּיעסן גענומען רעדן, הנאה האָבן, פון אַ קערנדיקן און קאָרנדיקן יידישן לשון. דערצו נאָך האָט זיינע אַ פּיעסע, אפילו ווען אַ שוואַכע, אַן איבערגע־אַרבעטע אָדער כמעט אַ שונדישע, דאָך געהאַט אַ שטיקל רעאַליסטישן טעם.

אָבער דער עיקר האָט גאָרדין מיט זיינע בעסערע פּיעסן אויסגעבויט אַ בכבודיק׳ע בינע פאַרן יידישן טעאַטער. אַן אינטעליגענטער מענטש האָט דאָרט ניט געדאַרפט רויט ווערן פאַר חרפּה, אָדער געל ווערן פון עגמת־נפש. די אַקטיאָרן גופא, די בעסערע, טאַלאַנטפולע האָבן אין גאָרדינס פּילע פּיעסן געקענט אַרויסוויקלען זייערע פייאיגקייטן, אויפהייבן זיך צו דער מדרגה פון קינסטלער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַזעלכע אַרטיסטן ווי יעקב

פ. אדלער, קעני ליפּצין, מאָגולעסקאָ, מאָריס מאָשקאָוויץ; דוד קעסעלר און אַנדערע. פאַר אַדלערן איז גאָרדין גאָר געווען ווי אַ מלאך פון הימל: מיט זיין מאַנלעכער בינע־פּערזענלעכקייט האָט ער אינם ביז־גאָרדין־טעאַטער ניט געקענט קריגן פאַר זיך אַ פּאַסנדיקע ראָלע. זיין אומגליק איז געווען וואָס ער האָט קיין שטים נישט געהאַט צום זינגען. אָבער ביי גאָרדין־פּיעסן, אויסער אָפּערעטקעס, איז געווען קנאַפּ־וואָס געזאַנג.

אָבער גאָר גלאַט איז עס נישט צוגעגאַנגען. גאָרדין האָט אַ סך גע־דאַרפט קעמפן מיטן דעמאָלטיקן יידישן אַקטיאָר (מיט די סטאַרס בפרט), ביז ער האָט אים איינגעבראָכן אין זיין „עברי" און אָפּגערייניקט די יידישע בינע פון פּאַיאַצערײַ... נישט ווייניק איז ער אויך אויסגעשטאַנען פון דער יידישער פּרעסע (בפרט פון „פאָרווערטס") און פון די באַלעבאַטים פון די טעאַטערס, וועלכע האָבן, ביים אויסקלייבן אַ פּיעסע געהאַט בלויז איין אויס־קוק: דורכן פּענצטערל פון דער קאַסע.. (יעקב מעסטל, — 60 יאָר יידישער טעאַטער אין אַמעריקע", אָרדן אַלמאַנאַך, 1940, ז. 407).

נישט קיין וואונדער, וואָס יידישע־טעאַטער באַזוכער, האָבן ערשט אין גאָרדינס פּיעסן אָנגעהויבן צו קולטיווירן דעם טעם פאַר אַ בעסערן טעאַטער, פאַר אידייאישקייט אין אים, פאַר שעפּן פון אים אָפּטמאָל מוט און באַוואוסט־זיין, אויב אפילו דאָס איז אים געקומען אין קליינע דאָזעס.

די ברייטע יידישע מאַסן פון יענער צייט — די נייַנציקער, און אין ערשטן צענדליק פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיינען נישט געווען בלויז אַרויסגעריסענע פון זייער היימישער סביבה אונטער נייע הימלען און אויף אַ נייעם באָדן, נאָר אויך אַריינגעשליידערט אין אַ פרעמדער עקאָנאָמיק, אין אַן אַטמאָספערע פון אַ שווינדלעכער עקספּלואַטאַציע און אין כסדר'דיקע שוויץ־געוועטן מיט דער מאַשין. ער האָט דאָ געטראָפן אַנדערע זיטן און אַנדערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. גאָרדינס דראַמעס אין וועלכע עס האָבן זיך געפּילט די קאָנפליקטן, האָבן האַרמאָנירט מיט די קריוודעס, מיט די מאָראַל־איינשטעלונגען פון אַ היפּשן טייל פונם טעאַטער־עולם.

ער האָט באַוויזן צו דראַמאַטיזירן גראַד יענע אַספּעקטן פון סאָציאַלן לעבן, וואָס זיינען בלויז נוגע געווען דער יידישער אוידיטאָריע פון זיין צייט, ספּעציעל אין אַמעריקע.. (נ בוכוואַלד, „טעאַטער, 1943 ז 296)

דער אמת איז, אַז דאָס איז געווען דער פאַל נישט בלויז אין אַמעריקע. עס געדענקט זיך ווען מ'האָט אין לאָדזש געשטעלט אין 1906 און אין 1907, גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול" האָט עס געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויך דאָרט טאַקע צוליב די זעלבע געוואַלד־ריסן אינם משפּחה־געוואַנט,

וואָס זיינען שוין אויך פאָרגעקומען אינם דעמאָלטיקן „מאַנטשעסטער פון מזרח״.

צו די פאָפולערע גאָרדין־פיעסן דאַרפן צוגערעכנט ווערן „דער יידישער קעניג ליר״, געשאַפן אין 1892, „מירעלע אפרת״ (1898), וואָס איז געוואָרן איינע פון די פיעסן אין יידישן טעאַטער רעפּערטואַר; „כאַסיע די יתומה״ (1903), „די אמת׳ע קראַפט״ (1904), „אלישע בן אבויה״ און ‚דער מטורף״ (1905), אינם לעצטן יאָר איז אויך געשאַפן געוואָרן „גאָט מענטש און טייוול״, וואָס איז משמעות געווען זיין גרעסטער דערפאָלג אומעטום, וואו נאָר עס איז געשפּילט געוואָרן יידיש טעאַטער.

צווישן זיינע בעסערע פיעסן דאַרפן אויך פאַררעכנט ווערן זיין „קרייצער סאָנאַטאָ״, „סאפאָ״, „דער אומבאַקאַנטער״, אויף די בערג״; „אָן אַ היים״. אַ רייע פון זיינע פיעסן זיינען איבערזעצט געוואָרן אין פיל אייראָ־פּייאישע שפּראַכן און אין העברעאיש. די צאָל פון גאָרדינס פיעסן, אייגענע און איבערזעצטע, אָדער איבערגעמאַכטע, דערגרייכט אַרום 80. מיט זיינע איבערזעצונגען און באַארבעטונגען האָט ער אַריינגעפירט אין דער ליטעראַטור פון יידישן טעאַטער, וועלט־באַרימטע אייראָפּייאישע דראַמעס.

אין די לעצטע 18 יאָר פון זיין לעבן האָט גאָרדין געשריבן אויך פאַר צייטונגען און זשורנאַל, יידישע, רוסישע און ענגלישע. ער האָט געשריבן, דאָ די ערשטע גוטע סקיצעס אין יידיש, עסייען און קריטישע אַרטיקלען, און הויפּטזאַכלעך, כסדר געוועקט די ברייטע יידישע מאַסן צו בילדונג און אַנטוויקלונג, פאַר ליטעראַטור און קולטור.

גאָרדין איז דאָ געוואָרן אַ סאָציאַליסט. דער „זיידע״, מאָריס ווינטשעווס־קי, איז געווען איינער פון זיינע בעסטע פריינט, בעת מיט אב. קאַהאַנ׳ען איז אים כסדר אויסגעקומען צו פירן אידייאישע און פּאָלעמישע קאַמפן. איינער פון גאָרדינס גרויסע פאַרדינסטן איז וואָס ער האָט אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר דער בעסערער דראַמאַטישער ליטעראַטור פון לעאָן קאָברין און ז. ליבין, און געמאַכט פּלאַץ פאַר די ווערק פון פּרץ הירשביין, דוד פּינסקי, אָסיפּ דימאָוו און אַנדערע.

גאָרדינ׳ס טויט, אין 1909, האָט אַרויסגערופן טרויער אין דער גאַנצער יידישער וועלט. זיין לוויה אין ניו יאָרק, די לעצטע וואָך אין יוני, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די גרעסטע אין דער ניו יאָרקער געשיכטע פון די יידן, ביז שלום עליכמ׳ס.

פ. אדלער, קעני ליפּצין, מאָגולעסקאָ, מאָריס מאָשקאָוויץ; דוד קעסעלר און אַנדערע. פאַר אַדלערן איז גאָרדין גאָר געווען ווי אַ מלאך פון הימל: מיט זיין מאַנלעכער בינע־פּערזענלעכקייט האָט ער אינם ביז־גאָרדין־טעאַטער ניט געקענט קריגן פאַר זיך אַ פּאַסנדיקע ראָלע. זיין אומגליק איז געווען וואָס ער האָט קיין שטים נישט געהאַט צום זינגען. אָבער ביי גאָרדין־פּיעסן, אויסער אָפּערעטקעס, איז געווען קנאַפּ־וואָס געזאַנג.

אָבער גאָר גלאַט איז עס נישט צוגעגאַנגען. גאָרדין האָט אַ סך גע־דאַרפט קעמפן מיטן דעמאָלטיקן יידישן אַקטיאָר (מיט די סטאַרס בפרט), ביז ער האָט אים איינגעבראָכן אין זיין „עברי" און אָפּגערייניקט די יידישע בינע פון פּאַיאַצעריי... נישט ווייניק איז ער אויך אויסגעשטאַנען פון דער יידישער פּרעסע (בפרט פון „פאָרווערטס") און פון די באַלעבאַטים פון די טעאַטערס, וועלכע האָבן, ביים אויסקלייבן אַ פּיעסע געהאַט בלויז איין אויס־קוק: דורכן פענצטערל פון דער קאַסע.. (יעקב מעסטעל, — 60 יאָר יידישער טעאַטער אין אַמעריקע", אָרדן אַלמאַנאַך, 1940, ז. 407).

נישט קיין וואונדער, וואָס יידישע־טעאַטער באַזוכער, האָבן ערשט אין גאָרדינס פּיעסן אָנגעהויבן צו קולטיווירן דעם טעם פאַר אַ בעסערן טעאַטער, פאַר אידייאישקייט אין אים, פאַר שעפּן פון אים אָפּטמאָל מוט און באַוואוסט־זיין, אויב אפילו דאָס איז אים געקומען אין קליינע דאָזעס.

די ברייטע יידישע מאַסן פון יענער צייט — די ניינציקער, און אין ערשטן צענדליק פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיינען נישט געווען בלויז אַרויסגעריסענע פון זייער היימישער סביבה אונטער נייע הימלען און אויף אַ נייעם באָדן, נאָר אויך אַריינגעשליידערט אין אַ פרעמדער עקאָנאָמיק, אין אַן אַטמאָספערע פון אַ שווידערלעכער עקספּלואַטאַציע און אין כסדר'דיקע שוויץ־געווענטן מיט דער מאַשין. ער האָט דאָ געטראָפן אַנדערע זיטן און אַנדערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. גאָרדינס דראַמעס אין וועלכע עס האָבן זיך געפּילט די קאָנפליקטן, האָבן האַרמאָנירט מיט די קריוודעס, מיט די מאָראַל־איינשטעלונגען פון אַ היפּשן טייל פונם טעאַטער־עולם.

ער האָט באַוויזן צו דראַמאַטיזירן גראַד יענע אַספּעקטן פון סאָציאַלן לעבן, וואָס זיינען בלויז נוגע געווען דער יידישער אוידיטאָריע פון זיין צייט, ספּעציעל אין אַמעריקע... (נ. בוכוואַלד, „טעאַטער, 1943 ז 296)

דער אמת איז, אַז דאָס איז געווען דער פאַל נישט בלויז אין אַמעריקע. עס געדענקט זיך ווען מ'האָט אין לאָדזש געשטעלט אין 1906 און אין 1907, גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול" האָט עס געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם אויף דאָרט טאַקע צוליב די זעלבע געוואַלד־ריסן אינעם משפּחה־געוואַנט,

אַזוי איז עס געווען די לאַגע ביז דר. אברהם יאַקאָבי האָט געעפנט דעם ערשטן קינדער־קליניק אין נ.י. און ביז דר. פרעדריק פאַרטשיימער, האָט אַזאַ קליניק געעפנט אין דער מיטל־וועסט, אין סינסינעטי. ביז די דאָזיקע הומאַניסטן זיינען ניט אַריינגעטראָטן אין אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף מיטן מלאך־המות פון די יונגינקע, צאַרטע בלימעלעך.

פרעדריק פאַרטשיימער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1853, אין אַ יידישער אימיגראַנטן פאַמיליע פון דייטשלאַנד, אין סיניסינעטי, אָהייאָ 1)

ער האָט געקראָגן אַ גרינטלעכע, גוטע דערציאונג און שטודיום אין מעדיקאַל קאָלעדזש אָוו אָהייאָ און דערנאָך גראַדואירט אין 1873, אינם פריען עלטער פון 20 יאָר, פונם ניו יאָרקער קאָלעדזש אָוו פיזישנס ענד סוירדזשאַנס".

אָבער ערשט דעמאָלט, מיטן דאָקטאָר־טיטל, איז ער אַוועק אין די מעדיצינישע צענטערס פון איירָאפּע, שטודירט אין שטאָקהאָלם און ווירצבורג נאָך צוויי יאָר, און דערנאָך פּראַקטיצירט אין ווין אַלס אַסיסטענט פונם פּראָפעסאָר פליישמאַן, דער ספּעציאַליסט איבער קינדער־קראַנקהייטן.

אין 1876 זעען מיר אים שוין צוריק אין אַמעריקע. ער איז אַנגעשטעלט געוואָרן אַלס לעקטאָר אין אָהייאָ מעדיקל קאָלעדזש, אין סינסינעטי, און אין דריי יאָר שפּעטער, אין 1879 איז ער שוין פּראָפעסאָר פון קינדער־קראַנקהייטן און אין 1881 אויך פּראָפעסאָר פון מעדיצינישער כעמיע. און אַזוי שטייגט ער כסדר אין אויטאָריטעט.

פון יאָר 1882 ביז 1893 איז ער אויך פּראָפעסאָר פון פיזיאָלאָגיע, און פּראָפעסאָר פון מעדיצינישער טעאָריע און פּראַקטיק פון 1893 ביז 1913. אין משך פון די דאָזיקע יאָרן האָט דר. פאַרטשיימער געשריבן צענדליקער אָפּהאַנדלונגען אויפן געביט פון פּעדיאַטרישער וויסנשאַפט.

דר. קאַגאַן, אין זיין בוך, פאַרזיכערט אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין איין טעקסט־בוך וועגן קינדער־קראַנקהייטן, וואָס איז דערשינען אין סוף פונם לעצטן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון דעם 20טן, וואו מען זאָל דאָרט ניט ציטירן פון פאַרטשיימער'ס פּעדיאַטרישע פאָרשונגען און פון זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון אינערלעכע מעדיצין.

דר. פרעדריק פאַרטשיימער איז אויך באַוואוסט אַלס דער גרויסער אָרגאַניזאַטאָר פון קליניקס אין דער וועסט פאַר פּעדיאַטריקס און אינערלעכע קראַנקהייטן. דאָס וואָס דר. אברהם יאַקאָבי האָט אין דעם זינען אויפגעטאָן

(לויט דער „יוניווערסאַל דזשואיש ענציקלאָפּעדיאַ", אָדער לויט דר. קאַגאַנס „אַמעריקען דזשואיש פיזישענס ענד סוירדזשאַנס" איז ער געבאָרן געוואָרן אין ניו יאָרק).

אין ניו יאָרק, האָט פּאָרטשיימער מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער געטאָן אין סינסינעטי און אין אַנדערע שטעט אין מערב.

שוין אין 1892 איז דערשינען זיין ווערק וועגן מויל־קראַנקהייטן ביי קינדער, וואָס האָט געגעבן דער מעדיצינישער פּראַפעסיע קאַמפּס־מיטלען קעגן אַ היפּשער צאָל קינדער־קראַנקהייטן. אָבער גלייכצייטיק האָבן אים אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט די פּראָבלעמען פון פּראָפילאַקסיע (באַצייטיקע פאַרהיטונג פון אינערלעכע קראַנקהייטן) און אין 1909 איז דערשינען זיין מעדיציניש ווערק וועגן דער „פאַרהיטונג און היילונג פון אינערלעכע קראַנק־הייטן".

פאַר די דאָזיקע ווערק האָט ער אין 1912 צוגעקראָגן פונם האַרוואַרד־אוניווערסיטעט דעם טיטל דאָקטאָר פון וויסנשאַפטן, אָבער דער דאָזיקער אומדערמידלעכע פאָרשער איז סיי ווי געווען זאַט מיט הויכער אַנערקענונג. ער איז געווען איינער פון די גרינדער, און פּרעזידענט, פון דער געזעלשאַפט פון אַמעריקאַנער דאָקטוירים און כירורגן, אין יאָר 1910. פון 1905 ביז 1909 איז ער געווען דער דיען פונם אָהייאָ מעדיקאַל קאַלעדזש. ער איז דערוויילט געוואָרן נאָך אין 1895 פאַרן פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער פעדריאַטישן געזעלשאַפט.

דר. פּאָרטשיימער איז געשטאָרבן אין עלטער פון זעכציק יאָר, אין סינסינעטי, אין יאָר 1913. לויט דער „דיקשאַנערי אָוו אַמעריקאַן מעדיקאַל ביאָגראַפי" האָט דער אָהייאָ מעדיקאַל קאַלעדזש אינם אוניווערסיטעט פון סינסינעטי, אין 1916, פאַראייביקט זיין אָנדענק דורך דער גרינדונג פון אַ מעדיצינישער קאַטעדרע אויף זיין נאָמען.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

דוד אַפּאַטהעקער — שרייבער און פאָלקס-אינטעליגענט

גענויאַלער שרייבער
פון לידער, ראָמאַנען
און הומאָרעסקעס

די געשיכטע ווייס פון זעלטענע מענטשן, מיטרייסנדיקע פּערזענלעכ־קייטן, וואָס האָבן זיך אַ טראָג געטאָן מיטן כוח פון אוראַגאַנען און שיר ניט געשטעלט די נאַטור אליין אין אַ פאַר־לעגנהייט.

מיט אזעלכע גרויסע היסטאָרישע נעמען ווי די אַלעקסאַנדער מוקדונס, האַניבאַלס, צעזאַרס, דזשינגיס קאַנס, נאַפּאָלעאָנס און דעם קינסטלעך־אויפ־געפּוישטן, אָנגעבלאָזענעם היטלער, באַשעפטיקן זיך מערסטנס די געשיכטע שרייבער פונם אַלטן טיפּ. אָבער וויניק געשיכטעס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די באַשיידענע, שטילע פּאַראויסגייער פון עפּאָכעס; אידעאַליסטן, וואָס כאַפּן זיך אָן אין דער ערשטער וויזיע, וואָס זיי דערזעען און פּרואוון זיך זי פאַרווירקלעכן.

צווישן אונדזערע ערשטע יידישע פּאַראויסגייער דאָ אין לאַנד, וואָס האָבן דערהערט, ווי פון ווייטע הימלען אַראָפּ, דעם אמת, אַז מענטשן טאָרן נישט און דאַרפן נישט, לעבן פון אויסנוצן די קראַפט און זאַפט פון אַנדערע מענטשן, נאָר קאָנען פּראָדוצירן און געניסן צוזאַמען די פּרוכט פון זייער אַרבעט, איז געווען דער באַשיידענער אידעאַליסט און פאָלקס־אינטעליגענט דוד אַפּאַטהעקער.

געבאָרן אין פּאַניוועזש, אין 1855, אין דער פאַמיליע פון אַ משכיל, האָט ער אין עלטער פון אַכט יאָר פאַרלאָרן זיין מוטער און איז זייער יונג געוואָרן אָפּגעריסן פון אַ נאָרמאַלער היים. אין עלטער פון צען יאָר זעען מיר אים שוין אין ווילקאָמיר, קאָוונער געגנט, וואו ער לערנט אין דער ישיבה, „עסט טעג און טרינקט טרערן". אָבער אויב ער איז פון דאָרט נישט אַרויס קיין „כלי־קודש", מיט אַ שטרעבונג צו ווערן אַ גרויסער רב, האָט ער אָבער זיך אָנגענומען מיט אַ היבש ביסל חשק צו לערנען און צו וויסן וועגן דער אַרומיקער וועלט. אין יענער ישיבה האָט דעמאָלט געשפּרייט זיין השפּעה דער באַוואוסטער משכיל משה לייב ליליענבלום, און דוד'ל האָט געהאַט אַ

שיינעם מוסטער פאַר זיך פון ערלעכקייט און ערנסט, פון באַשיידנקייט און שיינער קולטור.

ער איז נאָך אַ 16־יאָריקער יינגל און איז שוין זעלבשטשטענדיק. ער גיט שוין אַליין לעקציעס אין העברעאיש, רוסיש און דייטש און פאַרדינט שוין אויף זיין מאָגערער אויסקומעניש.

אַלס יונגערמאַן פון 22־יאָריקן עלטער געפינען מיר אים אין קיעווער אוניווערסיטעט אַלס פרייער צוהערער, — נישט בלויז צו די לעקציעס פון די פּראָפעסאָרן, נאָר אויך צו די געהיימע רעפעראַטן פון די „ניהיליסטישע" סטודענטן. ער שטויסט זיך אָן אויף דער ליטעראַטור פון די אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן, און שלינגט זייערע ווערק. אָבער דעם צאַר'ס היטער דרעמלען ניט און שלאָפן נישט. אין 1879 ווערט ער אַרעסטירט און פּראָצעסירט. דער אורטייל איז פאַרשיקונג. ס'איז אים אָבער געלונגען דורך אַ צופאַל צו אַנטלויפן און אויף יענער זייט גרעניץ האָט ער שוין גרינגער געקאָנט אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם.

זיין ערשטע אויסלענדישע שטאָט איז געווען די יידישע טשערנאָוויץ אין בוקאָווינע. דעם בער ציט אין וואַלד און אַפּאַטהעקערן ציט צו ביכער. פון וואַנען און פון וואָס ער האָט געקראַגן די מיטלען איז נישט באַקאַנט, אָבער איידער מען קוקט זיך אום, איז ער דער אייגנטימער פון אַ שטיקל ביבליאָטעק. ער ווערט אויך אַ באַוויבטער.

ער הויבט אָן אַליין אַרויסצוגעבן 'פּרוכט פון זיין פען". ווי אַלע אַמאַטאָרן דוכט זיך אים, אַז ער קען שרייבן לידער. גיט ער אַליין אַרויס „צען שיינע פאָלקס־לידער. . אויף העברעאיש אונד יודיש־דייטש מיט זעהר שיינע מעלאָדיען". פאַקטיש זיינען עס נישט געווען קיין לידער אין פּאָעטישן זין, נאָר געגראַמטע פּובּליציסטישע שטיקלעך אמת'ן, ווי די דעמאָלטיקע משׂכּיל'ישע אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן האָבן פּראָפּאַגאַנדירט.

אָט דאָס ערשטע ווערק זיינס האָט פון איין זייט אַרויסגערופן אַ שאַרפע פאַרניכטנדיקע קריטיק אינעם „יודישן פאָלקס־בלאַט", אין נומער 15, 1881, פון י. מ. וואָלפסאָן; פון דער צווייטער זייט אַ גינסטיקע רעצענזיע אינעם העברעאישן זשורנאַל „המגיד" פונעם באַרימטן קריטיקער שמעון בערנפלעד. אינעם ליד האָט ער אַראָפּגעריסן די יידישע שטעקל־דרייער, קרעמער, שענקער, פּראָצענטניקעס, אָבער קיין טאַלאַנט האָט זיך אין די „לידער" נישט אָנגעזען.

עטוואָס מער דערפאָלגרייך איז ער געוואָרן אינעם געביט פון סאַטירע מיט זיין ביכל '„שולחן ערוך הלכות תיקון", כלומרשט געשריבן פון לייבושל חסיד. ער האָט זיך אויך געפּרוּווט באַטייליקן אין אַ ריי יידישע, העברעאישע

און דייטשע צייטשריפטן. אָבער ער האָט זיך געמוזט מיט אַלץ שיידן — אפילו מיט זיין ווייבל.

משמעות, ער האָט פון די אַלע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען נישט געהאַט דעם דערפאָלג וואָס ער האָט דערוואַרט. ער האָט אין דעם באַ־שולדיקט, ווי יעדער איינער אין זיין פלאַץ, די הינטערשטעליגקייט פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע. פון דערווייטנס האָט אַמעריקע געוואונקען מיט צו־זאָגנדיקע אויגן. זעען מיר אים שוין אין 1886 אין אַמעריקע.

די קאַמפּן, וואָס די אַרבעטער האָבן דאָ אין יענע יאָרן געפירט, האָט ער נאָך דעמאָלט, אין זיין אוטאָפּיסטיש־סאָציאַליסטישן צושטאַנד, נישט פיל באַנומען. סך־הכל איז ער געקומען אין דער נייער וועלט צו גרינדן דאָ אַ קאָמוניסטישע קאָלאָניע. ער האָט נישט געוואוסט, אַז נאָך פאַר אים זיינען שוין דאָ געווען געוואָגטע פאַרזוכן און גרויסע אַנשטרענגונגען אויף אַזאַ געביט. ער האָט מסתמא נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, ניט פון די אָוועניס־טישע און ניט פון די פוריערא־סטישע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך ניט געקענט האַלטן, ווי אַזויסן אין אַן אַרומרינגלונג פונם קאַפּיטאַליס־טישן אָקעאַן.

האָט ער נישט געקריגן קיין געגנוג אויערן פאַר זיין קאָמוניסטישער או־טאָפּיע. אָבער אַזוי ווי ער האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און זיך געפונען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער שולמאַן פאַמיליע אין ברוקלין, איז אים יאָ געלונגען אויפצובויען אַ „קאָמונע״.

דאָס איז געווען אַ שאָפּ צו פּראָדוצירן פרויען־קליידער. צווישן דער גרויסער פאַמיליע איז געווען גרינגער צוזאַמענצוקלייבן דעם נויטיקן קאַ־פּיטאַל, הויך האָבן געזונגען די זינגער־מאַשינען צום ריטם „אמונה אין דער קאָמונע״. עס האָט אין אָנהויב אויסגעקוקט, אַז עס וועט „אַרבעטן״. דריי יאָר „קאָמונע״ האָט אָבער נישט באַוויזן, אַז דאָס איז שוין אַ פאַקט פון לעבן. זי איז געווען „אַ רויז צווישן ווילד־גראָז״ — זי איז אונטערגעגאַנגען.

אַנטוישט אין דער פּראַקטישקייט פון אַ קאָמונע אין דערמיט פון אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט, האָט ער זיך גענומען צו פּראַקטישע געשעפטן, דורך וועלכע ער זאָל אויך קענען האָבן אַ געוויסע גייסטיקע באַפרידיקונג. ער האָט געעפנט אין בראַנזוויל אַ דרוקעריי און ער אליין איז געוואָרן דער ערשטער „קאַסטימער״ — אַן אַרויסגעבער פון הומאָריסטיש־סאַטירישע זשורנאַלן, ווי די „בייטש״ און די „פלעדער־מויז״. קיין הומאָריסט איז אָבער אַפּאַטהעקער ניט געווען, פונקט ווי ער האָט געמיינט, אַז ער איז אַ פּאָעט. עס איז געווען גיכער אַ פלאַכער וויץ, אָן אַ שפּיץ, און אָן דער שאַרפקייט, וואָס זאָל זיך אריינקריצן אין מוח.

ער האָט געהאַט מער דערפאָלג אַלס אַ מיטאַרבעטער אין וועקסלער׳ס „נייעסטע פּאָסט״, וואו זיין לוין איז געווען פינף דאָלאר אַ וואָך. גלייכצייטיק האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט „וואַרהייט״, אינם „פאָלקס־אַדוואָקאַט״ און אין זיינע אייגענע זשורנאַלן, „די נייע היימאַטה״ און „פאָלקס־בלאַט״.

אַפּאַטהעקער האָט אָנגעקליבן פונדעסטוועגן געגוג געלט. אַז ער זאָל קענען איבערבייטן בראַנזשוויל אויף פילאַדעלפיע. דאָס איז געווען שוין אין 1885 און ער האָט ווידער „געפּרואווט זיין מזל״ מיט אַ דרוקעריי און מיט אַ נייעם וואָכנזשורנאַל „די געגנוואַרט״. איז עס ניט אַמאָל געווען פון זיין זייט אַן אָנוואונק, אַז ער איז שוין פאַרבייגעגאַנגען זיין אוטאָפּיסטישן פּעריאָד און רעכנט זיך שוין מער מיט דער קעגנוואַרט?

ער האָט דערוואַרט אַ סך פון דער אונטערנעמונג, צוגעצויגן צו איר דעם בעסטן פּעליטאָניסט פון יענער צייט יהושע וואַגמאַן און דעם גרעסטן יידיש־העברעאישן דיכטער אין אַמעריקע פון יענער צייט — מנחם מענדל דאָליצקי, וואָס איז אגב געוואָרן זיין אַגענט און רייזנדיקער קאָרעספּאָנדענט אין דער „קאַנטרי״. דער זשורנאַל האָט דערגרייכט אַ צירקולאַציע פון אַרום פינף טויזנט אַבאָנאַמענטן — אַ הויכע ציפער פאַר יענער צייט.

אַפּאַטהעקער אַליין האָט גענומען ווידער אויספּרואוון זיין פעדער, דאָס מאָל — צו שרייבן ראָמאַנען. אַזוי איז געבאָרן געוואָרן זיין ראָמאַן פון יידיש־אַמעריקאַנער לעבן „די פאַרבלאָנדזשעטע״. אָבער קיין צו גרויסער בעלעטריסט איז ער אויך ניט געווען. וואָס ער איז יאָ געווען איז אַן איבערגעגעבענער, אומדערמידלעכע קולטור־טוער, אינסטיטוציע־בויער, יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָר, גרינדער פון דראַמאַטישע גרופּעס, פון פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, און דעבאַטיר־קלובן. ער אַליין האָט געהאַלטן דעם עולם געשפּאַנט מיט זיינע לעקציעס און זיך געמאַכט באַליבט אין פילאַדעלפיע. אָבער נאָך אַ 14־יאָריקער טעטיקייט אין דער שטאָט פון ברודער־ליבע איז ער געווען געצוואונגען אויפצוגעבן זיין קאַטאַרזשנע אַרבעט אַרום דעם וואָכנבלאַט, וואו ער איז געווען רעדאַקטאָר, פאַרוואַלטער, קאָרעקטור־לייענער, עקספּעדייטאָר און פון דעם אַלעם האָט זיין „געשעפט״ כסדר געצאַנקט ווי אַ ליכטל.

זעען מיר אים טאַקע שוין אין 1909 צוריק אין ניו יאָרק, אַלס רעדאַקטאָר פון דער "אידישער בינע״, און אַלס טיכטיקער מיטאַרבעטער אין די הו־מאָריסטישע וועכנטלעכע זשורנאַלן „דער קיבעצער״, ווי אויך אינ׳ם „קונדס״, אונטער זיין פּען־נאָמען „דער הינקנדיקער שלימזל״. זיין נאָמען איז שוין געווען אַן עטאַבלירטער און דער עולם האָט גערן געלייענט זיינע לידער און

ראָמאַנען אין „וואַרהייט" — לואי מילער'ס קאָנקורענץ־צייטונג צום „פאָרווערטס".

אַפּאַטהעקער האָט נאָך דערלעבט צו זען 1 באַנד פון זיינע שריפטן אַרויס־געגעבן אין 1910 פון דער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּ". ביי זיין טויט אין האַרבסט פון 1911, זיינען איבערגעבליבן פיל ווערק זיינע אין מאַנוסקריפּט — איבערהויפּט טעאַטער־פּיעסן, וואָס ער האָט אויך פּרובירט שרייבן און ווידער אָן מזל.

בלויז אייניקע דראַמאַטישע פאַראיינען האָבן געשפּילט עטלעכע מאָל זיינע פּיעסן, אַזעלכע ווי למשל, „דער לעצטער סטרייק", „משיחס צייטן", „גימפּלס סדר", „דער אַנאַרכיסט", „דער גר צדק אָדער גראַף פּאָטאָצקי", און אַנדערע.

אַן אַפּאַטהעקער וואָס איז היינט באַקאַנט אין ברייטע קרייזן איז דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער־יידישער היסטאָריקער הערבערט אפּאטהעקער. ער איז אַ גליד פון דוד אַפּעטהעקער'ס משפּחה.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

י. ד. אייזענשטיין

העברעאישער ענציקלאָפּעדיסט
ייִנע ליטעראַרישע אויפטוען

יהודה דוד אייזענשטיין, וואָס איז געשטאָרבן דעם 17 מאַי, 1955, אין עלטער פון איבער 101 יאָר, האָט אין זיינע געדאַנקען געלעבט לענגער ווי דאָס. ווי אַ רעליגיעזער ייד האָט ער געגלויבט אין דער אומשטערב־לעכקייט פון דער נשמה און אין דער זעלבער צייט איז ער געווען איבער־צייגט, אַז פאַר זיין לאַנגן לעבן פון איבער הונדערט יאָר האָט ער צו פאַר־דאַנקען צווישן אַנדערע זאַכן, זיין גלויבן.

יהודה דוד אייזענשטיין איז געבאָרן געוואָרן אין מעזעריטש, צווישן שעדליץ און בריסק, דעם 12טן נאָוועמבער, 1845, וועגן זיינע קינדער יאָרן איז בלויז באַוואוסט, אַז זיין זיידע האָט מיט אים געלערנט תנ״ך און תלמוד, ביז ער איז געווען אימשטאַנד צו לערנען פאַר זיך. אַלץ וואָס ער האָט זיך שפּעטער דערוואָרבן אין העכערע לימודים און אין וועלטלעכע ענינים האָט ער אַליין דערלערנט און סיסטעמאַטיזירט. עס איז געווען „אַ זופּ פון יעדן ברונעם״, וואָס איז אים געווען נאָענט צוצוקומען.

אין ניו יאָרק איז ער געקומען צווישן די קליינע גרופּקעלעך פון פּוילישע יידן, אין 1872. ניו יאָרק איז שוין דעמאָלט געווען אַ היפּשער יידישער צענטער פון דייטשע, אונגאַרישע, עסטרייכיש־גאַליציאַנער און פּוילישע יידן. זיי האָבן זיך מערסטנס גרופּירט אויף דער איסט סייד, און די מער פאַרמעגלעכע האָבן זיך שוין פאַרפלאַנצט אין האַרלעם. מיר ווייסן ניט קיין סך וועגן זיינע ׳גרינע״ יאָרן אין ניו יאָרק. אָבער דער פּראָצעס פון „אויסגרינען זיך״ האָט ביי אים געמוזט זיין אַ שנעלער. עס איז אפילו נישט באַוואוסט צי ער איז דורכגעגאַנגען „די קאָרידאָרן פון אַרבעט״, איידער ער איז אַליין געוואָרן אַ געשעפטסמאַן. אָבער איינס איז זיכער — ער האָט גע־פּרוּווט אין די שפּעטע אָוונטן צו וואַרעמען זיך אין דער „זון פון וויסן״. ער האָט געשלונגען ביכער, אָן אונטערשייד, צי ער האָט זיי אַלעמאָל פאַר־דייעט, ווי עס דאַרף צו זיין.

עס איז אויך זיכער, אַז זיין התמדה איז געווען אַ סטאַבילע. ער האָט נישט בראַקירט. ער האָט קנאַפּ־וואָס אין אַנהויב געוואוסט ווי אַזוי נאָכצופאָלגן אַ קענגשטאַנד און אויסשעפּן אים. דאָס האָט ער ערשט גענומען טאָן שפּעטער אין לעבן.

די פּיאַיגסטע מענטשן קענען לאַנג ניט אַנהאַלטן אַ שלום־בית צווישן „געשעפט" און „תורה". איינס שטערט דאָס צווייטע. אים האָט אויך געצויגן צו נוצן זיין וויסן, צו טיילן זיך — אויב נישט מיט די אַרבעטער, וואָס האָבן ביי אים געשטעפּט העמדער, איז מיט די יונגעלייט, וואָס האָבן, ווי ער גופא, זיך אַליין געלערנט. ס'ווערט אפילו אַנגעגעבן, אַז נאָכדעם ווי ער האָט זיין שאַפּ אויפגעגעבן, האָט ער זיך געפּרוואווט פאַראַנקערן אין באַנק־געשעפטן. נאָר איידער ער האָט נאָך פאַרענדיקט זיין פערטן יאָר־צענדליק זעען מיר אים שוין אין דער ראָלע פון'ם פּלייסיקן זאַמלער, איבערזעצער און פאַרטייטשער, ענציקלאָפּעדיסט און אויטאָר. און אָט אין ד ע ר ראָלע האָט ער געאַרבעט איבער זעקס צענדליק יאָר, און געוואָרן ווי אַ מין באַוועגלעכער דענקמאָל פון אַלטמאָדישן למדן און „אַלץ־וויסער".

געשריבן און געפאָרשט האָט ער מערסטנס אין דעם געביט פון העברעאישער ליטעראַטור און איר געשיכטע. ער איז געווען אויך אַן אָפטער גאַסט אין דער יידיש־ענגלישער פּרעסע. אויפ'ן געביט פון אַמעריקאַניזאַציע איז ער געווען דער ערשטער צו פאַרעפנטלעכן אין יאָר 1891 אַ העברעאישע און יידישע איבערזעצונג פון דער פרייהייט־דעקלעראַציע (אומאָפּהענגיקייט) און פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע.

זיין הויפּט־אויפטו אָבער איז געווען די אונטערנעמונג פון דער העברעאישער ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל", אין 10 בענדער, וואָס ער האָט אַליין רעדאַגירט. אמת, זי איז געווען זייער ווייט פון פאָלקאָמענהייט און צומאָל אפילו פון וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט. מען האָט צו איר געהאַט פיל טענות. אָבער אין איר צייט איז זי געווען אַ גרויסער אויפטו, וואָס איז באַגריסט געוואָרן אין דער יידיש־לומדישער וועלט. מיט אַ פינף יאָר צוריק, אין עלטער פון 96 יאָר, האָט ער נאָך גענומען אַרבעטן אויף אַ רעוויזיע פון דער דאָזיקער ענציקלאָפּעדיע.

דאָס ווייזט אויף דער אומדערשעפּלעכער ענערגיע זיינער, אויף זיין פעלזנפעסטן כאַראַקטער און אַרבעטסזאַמקייט, וואָס קען דינען ווי אַ מוסטער פאַר פיל־פיל יינגערע שרייבער און רעדאַקטאָרן. ער איז געווען אַ לעבעדיקע, איבערצייגנדיקע באַשטעטיקונג, וואָס עס האָט געשריבן אין זיין „ליטעראַרי קערעקטער" אייזעק ד'איזראַעלי — 'די זעלבסט־געבילדעטע צייכענען זיך קנאָטן פון ש ט י י ן א ו ן א י י ז ן.

אָט מיט דער עקשנות האָט ער רעדאַגירט און קאָמפּילירט צענדליקער

ווערק און איז וואָס ווייטער אין די יאָרצענדליקער אַלץ מער באַוואונדערט געוואָרן און מ׳קאָן זאָגן, אַז ווען ער האָט נאָך אין די ניינציקער יאָרן זיינע געאַרבעט מיט חשק אויף זיינע קאָמפּילאַטיווע ווערק האָט מען מיט רעכט זיך געקענט באַנוצן מיט׳ן וואָרט־שפּיל — אייזנשטיין׳ס פלייסיגקייט איז גע־קנאָטן פון שטיין און אייזן. ..

דאָס מיינט בשום אופן נישט, אַז ער איז געווען אַ האַרטער מענטש. פּונקט פאַרקערט; ער איז געליבט געוואָרן פון פיל וואָס האָבן אים פּערזענלעך געקענט אין משך פון לאַנגע יאָרן, ווי אַ הומאַניטאַריער און בקי אין דער יידישער אַלטער ליטעראַטור, און וואָס האָט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די זאָרג פאַר׳ן מענטשן און מענטשלעכקייט, וואָס מען געפינט אין אַ טייל פון דער אַלטער יידישער רעליגיע ליטעראַטור.

ער האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט געלערנטע אין יידישע אַלטער־טימלעכע ווערטן איבער דער גאַנצער וועלט. עס ווערט דערציילט, אַז בעת דער באַרימטער יידישיר הומאַניטאַריער, פילאַנטראָפּ און קעמפער פאַר יידישע רעכט, משה מאָנטעפיאָר איז געוואָרן הונדערט יאָר אַלט, און די גאַנצע יידישע וועלט האָט געפייערט אין 1884 זיין רירנדיקן יובליי, האָט אים דעמאָלט יהודה דוד אייזענשטיין געשיקט אַ באַגריסונג און אים גע־וואונטשן אַז ער זאָל „לעבן אַמווייניגסטנס נאָך 20 יאָר, ווי אונדזער ערשטער משה״. אייזענשטיין אַליין איז דעמאָלט געווען נאָך אין זיין וואַקסנדיקן עלטער פון דרייסיק יאָר. עס איז אים דעמאָלט גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז ער אַליין וועט אַריבערשטייגן מאָנטעפיאָר׳ס הונדערט יאָריקע דערגרייכונג.

דער שרייבער פון דער איצטיקער ביאָגראַפישער סקיצע האָט זיך נישט איינמאָל געקליבן צו באַזוכן פערזענלעך דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן זקן און נעמען פון אים אַ גבית עדות וועגן זיינע אַרבעטן און ווי אַזוי ער דערקלערט זיין אַקטיוו לעבן אין אזא הויכן לעבנס־עלטער, אָבער ער האָט ליידער פאַרשפּעטיקט. ער וואָלט אים נישט בליוז אינטערוויואירט נאָר אויך באַדאַנקט פאַר זיין „אוצר ישראל״ פון וועלכן דער שרייבער האָט נישט זעלטן געשעפּט מאַטעריאַל פאַר זיינע אַרבעטן.

ווי די צייטונגען האָבן איבערגעגעבן, זאָל ער האָבן דערקלערט פאַר רעפּאָרטערס זיין אַקטיוו לאַנג־לעבן מיט דעם וואָס ער האָט נישט געראויכערט און נישט גענוצט קיין אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. ער שרייבט עס אויך צו צו זיין גרויסער אַקטיווקייט און ווינציקן געברויך פון פלייש; צו זיין אָפּטימיזם און נישט אריינפאַלן אין קיין יאוש, וואָס אין דעם האָט אים אַרויס־געהאָלפן, ווי ער האָט געמיינט, זיין רעליגיעזיטעט און גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה.

ער האָט דערצויגן זיין פֿאַמיליע אין רעליגיעזן גייסט. איינער פֿון זיינע זיבן אייניקלעך, איירא אייזנשטיין, איז אַ רב אין שיקאַגאָ, אין דער קהילה פֿון „אנשי אמת". אויסער די זיבן אייניקלעך האָט ער נאָך זיך געלאָזן דריי זין און דריי טעכטער, אויך ביין אור־אייניקלעך און אַ שוועסטער.

צו זיין הונדערטסטן געבורטסטאָג איז ער באַערט געוואָרן פֿון יידישן בוך־ראַט אין אַמעריקע מיט אַן אַטעסטאַט פֿאַר זיינע דערגרייכונגען אַלס פֿאָרשער, רעדאַקטאָר און ווייטזעענדיקער אַרויסגעבער, און איז געלויבט געוואָרן פֿאַר זיינע „אומאָפּשעצבאַרע ביטראָגן צו דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע".

פֿאַר אָט־די פֿאַרדינסטן האָט אים נאָך אין 1952 דער יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר אין אַמעריקע באַלוינט מיטן טיטל „חשובער דר. פֿון ליטעראַטור.

אויסער זיין העברעאישער ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל" האָט ער ווי אַן אָרטאָדאָקס צוזאַמענגעקליבן, אויך אין העברעאיש, די יידישע געזעצן און מנהגים, עטישע געבאָטן און מערקווירדיקע קלוגע געדאַנקען פֿונ׳ם תלמוד, פֿון פֿאַרשיידענע רבנ׳ישע קוואַלן, דרושים און דרשות — אַן אַרבעט וואָס איז אויך פֿון אַ מין ענציקלאָפּעדישן פֿאַרנעם. אָבער דאָס זיינען נאָך נישט אַלע זיינע ווערק. אין מאַנוסקריפּט זיינען געבליבן אומפֿאַרעפֿנטלעכט נאָך זעכציק ווערק.

אין פֿיל יידישע קרייזן וועט איצט פֿעלן דער דאָזיקער געערטער זקן וואָס איז געווען אַ לעבעדיקע בריק צווישן דער איצטיקער עפּאָכע מאַכנדי־קער צייט און צווישן דעם מיטן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, ווען מער ווי אַ דריי פֿערטל פֿון דער וועלט האָט זיך נאָך געצאַפּלט אין די נעגל פֿון פֿעאָ־דאַליזם און קאָלאָניאַליזם.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

הענרי מאָרגענטוי

פינאַנסיר און אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר קיין טערקיי און פּוילן

דעם 26טן אַפּריל, 1956 איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט ס׳איז אין מאַנהיים, דייטשלאַנד, געבוירן געוואָרן הענרי מאָגענטוי. ער איז געווען דאָס ניינטע קינד אין דער פאַמיליע פון אַ רייכן פאַבריקאַנט, אַסימילאַטאָר און דורכגעטריבענעם געשעפטסמאַן.

עס איז אים געווען גוט הענרי׳ן, אין די ערשטע צען יאָר פון זיין לעבן, אין דער שטאָט פון וואַסערע 20 טויזנט איינוואוינער אין יענער צייט. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס הענרי מאָרגענטאו. (ניט פאַרבייטן אים מיט זיין זון, דעם ייִנגערן הענרי מאָרגענטאו, וועלכער איז געווען פינאַנץ־מיניסטער אין פרענקלין ד. רוזוועלטס קאַבינעט) האָט פאַרעפנטלעכט אין 1922, ווייזט ער אַרויס פיל מאָל, אַז ער איז געווען „געוואַלדיק צופרידן וואָס די מאַמע האָט אים געהאַט“.

צען יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז פון אַ מאַנהיימער געוואָרן אַ ברוקלינער און נישט וואַרטנדיק זייער לאַנג — אַ ניו יאָרקער. אָבער נישט צוליב וועלכע עס איז אידעאַלן האָט די מאָרגענטוי־פאַמיליע פאַרלאָזן מאַנהיים.

הענרי מאָרגעטוי׳ס פאָטער איז געווען אַ היפשער פאַבריקאַנט. ער האָט געהאַט ציגאַר־פאַבריקן אין מאַנהיים, אין לאַדוש און אין עפּנהיים, און אין געוויסע צייטן באַשעפטיקט אַרום טויזנט אַרבעטער. אַזעלכע מאַגנאַטן האָבן אפילו אין אַלט־דייטשלאַנד ווייניקער געוואוסט פון רעכטלאָזיקייט ווי די אָרעמע יידן. נייַן, ער איז אַוועק קיין אַמעריקע צוליב ספּעקולאַנטישן איינפאַל ווי צו ווערן מיט איין קלאַפּ נאָך רייכער, ווי ער איז געווען.

דער פאָטער הענרי׳ס האָט שוין געהאַט דעמאָלט אַ רעפּרעזענטאַנט אין אַמעריקע — זיינעם אַ ברודער. די געפונענע גאָלד־מאַינס (מינעס) אין קאַליפאָרניע האָבן אים אין מאַנהיים נישט געלאָזט שלאָפן.

דער דאָזיקער „גאָלד־אַנקל“ האָט עטלעכע מאָל געשריבן קיין מאַנהיים

וועגן די גאָלדענע גליקן און יעדער אַמעריקאַנער, וואָס איז געקומען מיט גרוסן פונם אַנקל, האָט געהאַט צו דערציילן וועגן דעם גאָלד, וואָס „וואַלגערט זיך" אין די בערג און ביי די טייכן; האָט עס שוין העברי׳ס פאָטער, וואָס האָט נישט פיינט געהאַט קיין גאָלד, געגעבן אַ טיאָכקע. אָבער דאָ איז געקומען די גאָלדענע געלעגנהייט:

די נייעס האָט דערגרייכט דייטשלאַנד, אַז אַמעריקע גייט אַרויפלייגן אַ הויכן טאַריף אויף אויסלענדישע סחורות — ביגאַרן איינגעשלאָסן. דער ציגאַר־פאַבריקאַנטס גרעסטער און בעסטער אַפּזאַץ־מאַרק איז געווען — אַמעריקע. דאָס איז געווען אַן אַנזאָג פון אַ פינאַנציעלן אומגליק. אָבער אין מאָרעגנטוי׳ס דורכגעטריבענעם קאָפּ איז די שלעכטע ידיעה שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גוטער בשורה. ס׳טייטש! ער וועט נעמען און מיטאַמאָל גלייך אַרויסשיקן אינם גאָלדענעם לאַנד זיינע גאַנצע ציגאַר־זאַפּאַסן, אַז זיי זאָלן אָנקומען נאָך איידער דער טאַריף־אַפּצאָל וועט אַריין אין קראַפט און אויף אַזאַ אופן פאַרצוקערן די גאַנצע פאַרלעגענע ציגאַר־זאַפּאַסן מיט איין מאָל.

פאַקטיש האָט די פראַכט־שיף פאַרשפעטיקט און געלאַנדעט איין טאָג נאָכן איינפיר פון טאַריף. דאָס האָט שוין אויסגעזען זייער שלעכט. עס איז ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי צו פאָרן קיין אַמעריקע און זען אויפקלייבן דאָס גאָלד אין די גאַסן... און אָט אַזוי זיינען די מאָרגענטוי׳ס אָנגעקומען אין 1866 אין ברוקלין. זיי האָבן שוין דאָרט געהאַט אַן איינ־געאָרדענטע היים, וואָס צוויי ברידער העברי׳ס, און אַ שוועסטער האָבן צו־געגרייט פאַר זיי, אַרויספאָרנדיק מיט עטלעכע וואָכן פריער.

דער קליינער העברי האָט זיך אין משך פון עטלעכע מאָנאַטן שוין אָנ־געהויבן צו פילן אַן אַמעריקאַנער, די פּאַבליק סקול איז געווען נאָך אפשר מאַגנעטישער ווי זיין היימישע פאָלקס־שולע אין מאַנהיים. באַלד איז ער אַריבער אין אַ מאַנהעטענער שולע ווען די פאַמיליע האָט זיך אַריבער־געקליבן „אַפּ־טאַון", אויף סעקאַנד עוועניו און ראָג 59טע גאַס, וואָס עס איז שוין דעמאָלט געווען „עק־שטאָט". איין זאַך אָבער האָט העברי׳ן פאַר־ביטערט די יאָרן. זיין „ענגליש" איז באַטראַכט געוואָרן פון די איבעריקע יינגלעך אין סקול ווי אַ מאָדנע „דאַטש־שפּראַך".

אָבער איינמאָל דאָס בייגעקומען איז שוין העברי׳ן אָנגעקומען די אַמערי־קאַניזאַציע גרינג. ער איז דורכגעגאַנגען היי־סקול, סיטי־קאָלעדזש און אין עטלעכע גלגולים האָט ער אפילו געמוזט איבעררייסן זיין לערנען און קומען צו זיין פאָטערס הילף. דער אַלטער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרדייען די ענגלישע שפּראַך; די מוטער האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און פירונגען און העברי׳ן איז אויסגעקומען, ווי ער פאַרזיכערט

אין זיי אויטאָביאָגראַפיע, צו נעמען דעם יאָך אויף זיינע יונגע פּלייצעס, צוזאַמען מיט זיינע שוועסטערס.

העברי האָט אין אָנהויב געאַרבעט אין אַ לאָיערס אָפיס פאַר פיר דאָלאַר אַ וואָך. אָבער ער איז געווען זיכער, אַז „ער וועט מאַכן גוט״, און דאָס איז געוואָרן זיין לעבנס־אַמביציע. ווען ער האָט גראַדואירט אַלס אַדוואָקאַט אין 1877, האָט ער שוין געהאַט גענוג פּראַקטיק און געניטשאַפט און דורך זיינע שותפים און זייערע פאַרבינדונגען האָט ער זיך דערוואוסט אַלע „טריקס״, ווי צו מאַכן אַ דאָלאַר, און ווי צו אינוועסטירן אים, אַז ער זאָל ווערן פון יאָר צו יאָר גרעסער און גרעסער.

דער שטאַרקער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַמעריקע אין 1873, האָט אים קיין שאָדן נישט אָנגעטאָן. אפילו דעם איינציקן דאָלאַר, וואָס ער האָט געטראָגן דעפּאָזיטן אין באַנק אַריין, האָט ער אַרויס־געראַטעוועט ווען ער האָט באַמערקט, ווי דער באַנק־פּרעזידענט איז עפּעס צו נערוועז. פאַרקערט, דער קריזיס האָט אים געלערנט ווי אַזוי צו אינ־וועסטירן, ווען צו קויפן און ווען צו פאַרקויפן. און דער אמת איז, אַז ער האָט „געמאַכט גוט״, פונם בורזשואַזן שטאַנדפּונקט.

ער האָט געוואוסט וואו און וואָס צו קויפן, אין וועלכע נייע געשעפטן אַריינצוגיין, וואו צו איינבירגערן זיך און פון וועלכע שנעל אַרויסצוגיין. אין די צענדליקער יאָרן, וואָס האָבן אויסגעדינט דעם יאָרהונדערט, און שפּעטער, האָט העברי מאַרעגנטוי אָנגעקליבן שווערע מיליאָנען.

ער איז געווען אַ דירעקטאָר אין גרויסע קאָרפּאָראַציעס און באַנקען. ער האָט געהאַלטן און פאַרוואַלטעט מיט פיל ווערט־פּאַפּירן, „סטאַקס און באָנדס״ פון אַזעלכע גרויסע קאָמפּאַניעס, ווי די „אָנדערוואוד טאַיפּרייטינג קאָמפּ״., און געוואָרן איינער פון אירע דירעקטאָרן, ווי אויך פון דער „עקווי־טעיבל לאיף אינשורענס קאָמפּ.״ ער האָט געקויפט און פאַרקויפט מיט גרויסע פּראָפיטן בלאָקס הייזער אין געגנט פון וואָל סטריט, אויף מעידען לעין, אין די 50ער און 60ער גאַסן פון „אַפּטאַון״, אין בראָנקס, און אין האַרלעם. ער איז געווען אין די באַנק־געשעפטן מיט דזשעימס סטילמאַן, געוואָרן דירעקטאָר פון דער „צעלולאָיד פּיאַנאָ קאָמפּ.״.

שוין אין 1880, ווען גאַנץ האַרלעם איז געגאַנגען אונטערן האַמער, האָט ער אָפּגערייניקט שיינע קאַפּיטאַלן פון קויפן, פאַרקויפן מיט באַשיידענע פּראָפיטן, וואָס האָט אים מיט דער צייט געמאַכט פאַר איינעם פון די גרויסע ריעל־עסטייט אָפּערייטאָרס״, איינגעשלאָסן אויך איינעם פון די גרעסטע, ווילי‌אַם וואַלדאָרף אַסטאָר.

זיינע פינאַנציעלע אינטערעסן זיינען נישט געווען קיין באַגרענעצטע — אַלץ איז געווען ביי אים רעכט: אויפן ציימונגס־געביט — אין „לעידיס האום דזשורנאַל״, אויפן קונסט־געביט — אין פילאַדעלפיער סימפאָנישן אָר־קעסטער, אויפן ריעל־עסטעיט געביט — אַלס פרעזידענט פון „העראַלד־סקווער ריעלטי קאָרפּאָרעישאַן״, דירעקטאָר פון דער „לאַיערס מאָרטגעידזש קאָמפּ.״, און אַזוי אויך אין פּאָליטיק. ער האָט געוואוסט די שטיקלעך פון טעמעני און דאָך געווען דאָרט אַ וואָרט זאָגער, און געטרייסט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט געפּרואווט פאַרמיידן צו־שרייענדיקע סקאַנדאַלן.

ערשט ווען ער דערגרייכט שוין אין די 50־ער יאָרן כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט פאַרגעסן אָן זיינע יוגנט־חלומות צו מאַכן גוט אויף אַלע געביטן — איינגעשלאָסן דעם געביט פון דער ׳מענטשהייט״. ווערט ער אַקטיווער אין פּאָליטיק און אין פילאַנטראָפּיע. ער ווערט דערוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער פינף־קאָמיטע פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קאַמפּאַניע. ער ווייסט, אַז דאָ און דאָרטן זיינען מענטשן אין פּאָזיציעס נישט מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דער זאַך, נאָר פאַר אייגענע אינטערעסן. אָבער אויך אַזעלכע, באַטראַכט ער, זיינען נויטיק, אבי זיי פּילן אויס געוויסע פונקציעס.

זיין אַריינוואָרפן זיך אין 1912 אין דער קאַמפּאַניע צו דערוויילן ווילסאָנען פירט אים אַריין טיפער אין פּאָליטיק. נאָך דעם זיג באַלוינט אים דער נייער פּרעזידענט, וואודראָוו ווילסאָן, נישט מיט אַן אַמט אין מיניסטאָרן־קאַבינעט, ווי ער האָט דערוואַרט, נאָר מיט אַן אַמבאַסאַדאָרשאַפט קיין... טערקיי. וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט דעמאָלט אונדזער רעפּובליק געהאַט מיט טערקיי? מאָרגענטוי׳ן איז עס ניט אָנגעשטאַנען. ער איז געווען אַ לענגערע צייט אומצופרידן ביז ער האָט זיך איבערגעבעטן און אָנגענומען.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע פּרואווט ער דערוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע עס איז אים אויסגעקומען צו שפּילן, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן אין 1941, און טערקיי איז געבליבן מיט די שליסלען פון די דאַרדאַנעלן אין אירע הענט..

אוודאי טרייבט מאָרגענטוי היבשלעך איבער זיין ראָלע אינם קריג, וואָס שייך זיינע לייסטונגען אַלס אַמבאַסאַדאָר. דער גרעסטער טייל פון זיין אויטאָביאָגראַפיע גיט זיך אָפּ מיט די עטלעכע יאָר פון זיין דיפּלאָמאַ־טישער קאַריערע, פאַר וועלכער עס בלייבט אונדז ווייניק פּלאַץ אין דער דאָזיקער מיניאַטור־ביאָגראַפיע.

אָבער עטלעכע שורות וועגן זיין צווייטער דיפּלאָמאַטישער מיסיע זיינען זייער וויכטיק. דאָס איז געווען אַלס דער פירער פון דעם פּרעזידענט׳ס

קאָמיסיע אויסצופאָרשן די שרעקלעכע הריגות, וואָס די פוילישע פילסודסקי־גענעראַלן און באַאַמטע האָבן דורכגעפירט אין פוילן, באַזונדער די שרעק־לעכע האַנדלונגען פון די האַלערטשיקעס, און די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּאָגראָמען, וואָס די ענדעקעס האָבן געמאַכט אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה.

די פוילישע אַנטיסעמיטישע הערשער אין יענער צייט, מיט דעם פרע־מיער פּאַדערעווסקי אין שפּיץ, האָבן שנעל דערקענט אין מאָרגענטוי׳ן זייערע אייגענע „מאַשקעס״, די מה יפית״דיקע אַסימילאַטאָרן, און אים „געגומען״ מיט אַלע דיפּלאָמאַטישע „טריקס״ אַזוי אַז די קאָמיסיע, אונטער מאָרגענטוי׳ס פירערשאַפט, האָט כמעט פולשטענדיק ריינגעוואַשן די צענטראַלע פּילסודסקי־פּאַדערעווסקי רעגירונג און צוגעשריבן די שרעקלעכע הריגות, באַיקאָטן און דערנידעריקונגען צו די קלענערע באַאַמטע אינם יונגן, ערשט אָרגאַני־זירטן מלוכה־לעבן.

כמעט אַלע יידישע פּאַרטייען, סיי אין פוילן, סיי אין אַמעריקע און סיי אין אַנדערע לענדער, האָבן אויפגענומען מאָרגענטוי׳ס באַריכט מיט אַנטריסונג. ער אַליין פּרואווט מיט אַלע כוחות דערווייזן, אַז ער האָט געמוזט זיין „אומפּאַרטייאיש״, ווייל געשיקט איז ער דאָך נישט געוואָרן אַלס דער שליח פון די יידן, נאָר פון דער גרויסער רעפּובליק פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און דעריבער וואָלט בעסער געווען, ווען אַ נישט־ייד וואָלט אָנ־געפירט מיט אַזאַ קאָמיסיע. אַ טיפּישער מה־יפית־שטאַנדפּונקט!

אינטערעסאַנט איז, אַז אפילו זיין אייגענע קהלה, די „פרייע סינאַגאָגיע״, וואו ראַבאַי סטיפען וואיז איז געווען דער גייסטיקער פירער, האָט אים אויך נישט געגעבן קיין קניפּ אין בעקל פאַר זיין „אונטערטעניקייט״. און מאָרגענטוי באַרימט זיך נאָך מיטן גרויסן פּאַמפּ און באַנקעטן, מיט וועלכע פּאַדערעווסקי האָט אים אויפגענומען! דער סוף איז געווען, אַז ער רע־זיגנירט אַלס פּרעזידענט פון דער „פרי סינאַגאָג״. דאָס איז געווען זיין פּראָטעסט קעגן דר. וואיז׳עס פאָרן קיין וואַשינגטאָן אין פאַרבינדונג מיט דעם ענין פּאַלעסטינע.

מאָרגענטוי׳ס אַנטי־ציוניזם איז בשום אופן נישט געווען פון דעם מין, מיט וועלכן פּראָגרעסיווע קעגנער פון ציוניזם האָבן געקענט סימפּאַטיזירן.

מאָרגענטיו׳ס שטעלונג איז געווען דורכאויס אַ בורזשואַז־אַסימילאַטאָרישע, אַזאַ מיט וועלכער פּראָגרעסיווע עלעמענטן קענען נישט האָבן קיין שום מגע ומשא.

און איידער מאָרעגנטוי איז געשטאָרבן האָט דזשעימס וואָטערמאַן וואיז וועגן אים געשריבן אין זיינער אַ ביאָגראַפישער סקיצע, אַז מאָרגענטוי איז געווען איינער פון די, וואָס „אויב זייער אייגענע פּראָנט־טיר איז פאַר־מאַכט, וועלן זיי זיך שווערן, אַז עס איז וואָרעם אין דער גאַנצער וועלט״. וואָס פאַר אַ לאַקאָנישער פּאָרטרעט פון דעם דאָזיקן „גרויסן יידישן דיפּלאָ־מאַט! ער איז געשטאָרבן אין 1946 אין עלטער פון 90 יאָר.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

יעקב פּ. אַדלער — זיין היסטאָרישע ראָל אין יידישן טעאַטער

אָסקאַר ווײַלד האָט געפונען בלויז צוויי טראַגעדיעס אין אונדזער וועלט: איינע איז ווען איינער קריגט נישט וואָס ער האָט געוואָלט, די צווייטע איז ווען ער קריגט עס יאָ.

יעקב פּ. אַדלער האָט סוף כל סוף געקראָגן די בינע, **וואָס ער האָט** געוואָלט און ער איז געוואָרן דראַמאַטיש, אויב נישט טראַגיש, איינער פון די גרעסטע כוחות אין יידישן טעאַטער, און דאָס נישט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אין יענער צייט, אין דער גאַנצער וועלט. ער איז דער „נשר הגדול" (נעשער הגאָדויל) — דער אַדלער פון דער יידישער בינע.

אָנגעהויבן האָט ער גראד נישט מיט אַזעלכע פליגל. דער אַדלער אין אים האָט זיך ערשט צעוואַקסן נאָך מיזערנע יאָרן פון אַ בידנער זומער־פייגעלע, וואָס קען נישט זינגען און קען זיך בלויז לאָזן וואויל־גיין מיט גאָלדענע. פליגן. אָבער דערנאָך — זיינען ביי אים אויסגעוואַקסן די מעכטיקע שטאָל־אַרטיקע פליגל; דאָס איז געווען שוין דעמאָלט, ווען ער האָט זיך באַגעגנט אויף איין ברעט מיט אַ צווייטן יעקב — יעקב גאָרדין. פון דער דאָזיקער באַגעגעניש איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע פירמע, אַ רייכע שותפות אויפן געביט פון דעם אָרעמען יידישן טעאַטער.

יעקב אַדלער איז געבוירן געוואָרן אין אָדעס, אין 1855, ער איז געווען ביי זיינע עלטערן איינער פון צוועלף קינדער. אָבער געבליבן פון זיי איז בלויז ער און איין שוועסטער. די אַנדערע צען זיינען פאַרזייט געוואָרן אויפן ווייכן באָדן פון אָדעסער „בית־עולם".

האָבן די עלטערן טאַקע געהיט די צוויי קינדער ווי צוויי אויגן אין קאָפּ. זיי האָבן יעקבן געגעבן לערנען צו אַ פּריוואַטן וועלטלעכן לערער. דייטש איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע ווי אויך אַביסל פראַנצויזיש — מאָט

ער עס געלערנט, אָבער אָן גרויס חשק. אין דער יידישער רעגירונגס־שולע האָט ער געלערנט רוסיש און אַביסל מאַטעמאַטיק.

אָבער די יאָרן זיינען נישט געשטאַנען אויף קיין אָרט. דער פאָטער האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ טעקסטיל געשעפט, אָבער יעקב האָט זיך דאָרט לאַנג נישט געהאַלטן. זיין שיינע האַנטשריפט האָט אים לייכט אַריינגעפירט אין אַן אַדוואָקאַט׳ס קאַנטאָר. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער צייטונג „אָדעסקי וועסטניק" אַלס קאָפּירער פון מאַנוסקריפּטן און צום סוף זיך אַריינגעקראָגן, אַלץ מיט זיין שיינער האַנטשריפט, אַלס שרייבער אין דעם שטאָטישן רעגירונגס־אמט, פון געזונט, וואָגן און מאָסן.

דערוויל האָט ער זיך באַקענט מיטן רוסישן טעאַטער. יעדע פּיעסע איז ביי אים געווען אַן אַנטפּלעקונג. ער פלעגט די דורכזיצן מיט אַן אָפּענעם מויל אויף מיט אַ גרופּע טעאַטער־פּאַטריאָטן און פאַרברענגענדיק מיט זיי די פרייע אָוונטן, ווי „גאָט אין אָדעס" איז אים דאָס טעאַטער־לעבן דערשינען אין גליענדיקע קאָלירן. טעאַטער האָט שוין ביי דער חברה געמיינט מער ווי טעאַטער־שפּיל, דעם יונגן יעקב איז שוין געגאַנגען אין לעבן וואָס מער אַנצושמעקן זיך מיט אַלע זיינע רייצענדיקע ריחות.

שעה׳ן גאַנצע פלעגט ער אָפּשטיין, אין פרייערע טעג ביי אַ שפּיגל און געפּרואווט נאָכמאַכן דעם אָדער יענעם אַקטיאָר, וואָס האָט אים אימפּאָנירט מיט אַלע זיינע תנועות און גרימאַסן. פון צייט צו צייט פלעגט ער דעקלאַמירן פאַר דער אייגענער כאַפּטע טעאַטער־פּאַטריאָטן און מאַכן אַ היבשן איינדרוק. וואָס ווייטער האָט ער אַלץ מער געשלונגען די ווערק פון רוסישע און דייטשע דראַמאַטורגן.

און ווען די גוטע שעה האָט אָנגעטראָגן אין אָדעס עטלעכע אַקטיאָרן, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון טעאַטער האָבן זיי שוין צוזאַמענגעקלאַפּט אַ טרופּע, וואָס האָט אָנגעהייבן צו שטעלן פּיעסן און יעקב האָט זיך שוין נאָך נעענטער געגעבן אַ רוק־צו צו זיין אידעאַל טעאַטער־שפּיל. אינגיכן איז אים אפילו אויסגעקומען מיט צו פאָרן מיט דער גרופּע און אַליין קריגן אַ קליינע ראָלע.

באַלד האָט יעקב דערפילט זיין באַדייטנדיקן כוח אַלס יונגער, שטאַלטנער, שיינער מאַנספּאַרשוין. זיין חסרון איז בלויז געווען וואָס זיין קול. אַז אַנגענומענער אין רעדן, איז געווען שטומפּיק אין זינגען. אַ גרויסע פרייד איז ביי אים געווען ווען איינער פון דער טרופּע, שפּילנדיק אין גאָלדפאַדנ׳ס „צוציק און מוציק" איז קראַנק געוואָרן און עס איז יעקב׳ן צוגעטיילט געוואָרן צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ. אָבער ווי קליין די ראָלע איז נישט געווען איז עס אים דאָך אויסגעקומען, ווי ער וואָלט געדאַרפט שפּאַלטן דעם ים.

א שוויס איז אים באפאלן ווי אין א שרעקלעכן פיבער. אים האט זיך געדוכט, אז קיינער האט נישט געהערט וואס ער זאגט און אז דער גאנצער עולם האט געזען זיין הילפלאזיקייט. אבער עס איז נישט געווען אזוי שלעכט ווי ער האט געמיינט. צו זיין גרויסער איבערראשונג האט ער געהערט, אז ער איז געווען זייער גוט.

די ערשטע גרעסערע ראלע קריגט ער אין כערסאן, ווען ישראל ראזענבערג׳ס טרופע האט אים געגעבן צו שפילן די מארקוס־ראלע אין אברהם גאלדפאדנ׳ס „קאלדוניא״. דערווייל אבער האט ער, צוליב דעם ארומ־שלעפן זיך מיט דער טרופע פארלוירן זיין שטעלע אין אדעס און איז שוין אזוי ארום פארבליבן אן אקטיאר. ער פארט שוין ארום און זעט א וועלט מיט שטעט און שטעטלעך. אין יעקאטערינאסלאוו ווערט ער צו מזל א חתן פאר א יונגער אקטריסע סאפיע אבערלענדער, וואס ווערט מיט דער צייט זיין ערשטע פרוי.

אינגיכן קומט גאלדפאדן אליין קיין אדעס. דער טאטע פונם יידישן טעאטער דערקענט גלייך אין דעם יונגן בחור א קראפט, וואס ער וועט קענען נוצן. ער נעמט אים אריין אין זיין טרופע און אדלער׳ן קומט שוין אויס צו קריגן גרעסערע ראלן, אויף גרעסערע בינעס, אין גרעסערע שטעט. אט איז ער אין וויטעבסק, אין דווינסק, אין באברויסק.

אבער דא איז אנגעלאפן דאס יאר 1881. דאס ביסעלע יידישע רעכט ווערן שנעל צעפלייגן ווי צעשראקענע פויגל, פון די רעאקציאנערע גזירות, ווי א רעזולטאט פונם אטענטאט אויף אלעקסאנדער דעם צווייטן. ווען די טרופע קומט־אן קיין ריגע, קומט שוין נאך איר אן דער פארבאט קעגן יידישן טעאטער.

אין 1882 זעען מיר שוין אדלערן, צוזאמען מיט דער גאלדפאדן־טרופע אין לאנדאן. נישט קוקנדיג אויף דעם, וואס ער קאן נישט זינגען, קריגט ער אנגעזעענקייט אין די ראלן פון ליבהאבער און דראמאטישע פערזענלעכ־קייטן. אין די קומענדיקע פינף יאר ציילט ער זיך שוין צווישן די סאמע באליבטע אקטיארן. איבערהויפט נעמט ער אויס ביי דעם שיינעם געשטאלט מיט זיין רייצנדיקער ראמאנטישער שטימע און דראמאטישער קראפט. אין 1886 קריגט ער שוין אין לאנדאן דאס גרויסע וועכנטלעכע געהאלט פון א פונט מיט צען שילינג.. ער שפילט שוין אפילו אין אן אייגענער פיעסע — „דער אדעסער בעטלער״. מען הערט שוין וועגן אים אין אמעריקע און מען צעפויקט שוין דארט, אז אט־אט קומט ער.

אינטערעסאנט איז ווי א ניו־יארקער פרעסע אגענט האט אים צוגעפוצט

י. ב. ביילין

אין אַן אַנאָנס פון אַ ניו יאָרקער יידישער צייטונג (דעם 21 טן יולי, 1886), צווישן אַנדערן זאָגט מען דאָרט אָן די גרויסע נייעס, אײנם שוין־איינמאָל־„ריכטיקן יידיש !״

„אַדלער קאָמט מיט דער ריכטיקער יודישע טרופּפּע דיאַ אין ניו יאָרק נאָך ניט געשפּילט האָט, מיט איבער הונדערט נייע שטיק, די מאַן נאָך אין ניו יאָרק ניט געזעען האָט. וויר זינט איבערצייגט דאָס דאָס ריזיגע פּובליקום ערוואַרטע מיט גרויס אונגעדולד אויף דעם באַרימטן יודישן שוישפּילער אדלער, דער דעם גרעסטן סוקסעס געמאַכט האָט אין די גרעסטע שטעט אין יוראָפּ...״

און אָט איז ער שוין אין אַמעריקע. גראַד אין ניו יאָרק האָט ער אויף צו להכעיס נישט געקענט קריגן קיין שום ראָלע אין וועלכן עס איז טעאַטער. דער פּרעסע־„בום״ האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. אַן אַקטיאָר, וואָס קען נישט זינגען, דאַרף מען נישט אין ניו יאָרק. מען האָט דאָך גאָלד־פּאַדענען אַליין אויך נישט געדאַרפט.

דערפאַר נעמט מען אים יאָ אויף אין שיקאַגאָ. ער שפּילט דאָרט אין מעדיסאָן סטריט טעאַטער. דאָרט האָט ער ווידער חתונה, דאָס מאָל מיט דער אַקטריסע, סאַראַל עוויצקי, וואָס ווערט שפּעטער באַוואוסט ווי סאַראַ אַדלער, אַ ווינקל־שטיין אין דער גרויסער נעסט פון דער שפּעטער־בארימטער אַדלער־פאַמיליע.

אינגיכן אָבער קערט ער זיך אום צוריק קיין אייראָפּע. ער שפּילט אין אַ ריי שטעט, און מאַכט שוין אַן איינדרוק אין לאָנדאָן, לעמבערג, וואַרשע און לאָדזש. אין דער לעצטער שטאָט קלאַפּן שוין די וועב־שטולן צום טאַקט פון גאָלדפאַדן־לידער, וואָס ווערן פאַרשפּרייט דורכן יידישן טעאַטער.

אין 1891 זעען מיר אים שוין צוריק אין אַמעריקע. ער באַזעצט זיך אין ניו יאָרק און ווערט שנעל אַנערקענט, אַז זיין פּלאַץ איז צווישן די בעסטע יידישע אַקטיאָרן. ער טראָגט אַריין אַ געוויסע מאָס קינסטלערישקייט אפילו אין סענטימענטאַלע מאַכערייקעס פון די לאַטיינערס און הורוויטשעס, ביס־לעכווייז גייט ער איבער צו ערנסטערע פּיעסן. ער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט דער אייראָפּייאישער בעסערער בינע, האָט גע־נומען פּראָפּאַגאַנדירן פאַר אַ געזונטערן יידיש טעאַטער. ער האָט קריטיקירט דאָס שפּילן, דעם שונד־רעפּערטואַר, די סצענעס און דורכדעם ביי אַ סך פון די דעמאָלטיקע שוישפּילער אַרויסגערופן אייניקע דראַמאַטישע טאַלאַנטן.

אפשר וואָלט ער גאָר קיינמאָל ניט אַרויסגעקראָכן פון די שונד־וועגן אין וועלכע דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך באַוועגט, כאָטש ער האָט זיי געזען,

נאָר ניט געהאַט דעם כוח צו רעוואָלטירן. אָבער דאָ איז אים געקומען אַ הילף פון אַן אומדערוואַרטן גאַסט.

עס איז אָנגעקומען יעקב גאָרדין, אַליין אַ זוכער אויף אַלערליי געביטן — פרנסה, געזעלשאַפטלעכקייט, קולטור, ליטעראַטור און — ווען פיליפּ קראַנץ האָט אים געוויזן דעם נידעריקן מצב פון יידישן טעאַטער, איז עס נישט געווען אַרויסגעוואָרפן.

יעקב גאָרדין האָט זיך שנעל אָריענטירט אין דעם סאָציאַלן געמיט פונם יידישן פאָלקס־מענטש, אין זיין תמימות׳דיקער מאָראַל, און געזען, אַז עס זיינען פאַראַן מאַסן פאָלקס־יידן, וואָס וואָלטן וועלן זען אָפּשפּיגלונגען פון זייערע עקספּלואַטאַטאָרן און שונאים ; אַז עס זיינען פאַראַן צווישן די יידישע אַקטיאָרן פיינע טאַלאַנטן, אָבער עס פעלן בעסערע פּיעסן, וואָס זאָלן דער־מעגלעכן אַרויסצוברענגען זייער טאַלאַנט.

ווען יעקב גאָרדין טרעפט זיך צוזאַמען מיט יעקב אַדלערן נעמען די צוויי יעקבס צוזאַמען זייערע כוחות אָראָפּצוקייקלען דעם שווערן שטיין וואָס ליגט אויפן וועג פון אַ מער בכבוד׳יקן יידיש טעאַטער און אַזוי שאַפט זיך דער קער, וואָס פירט אַריין די אַזוי־גערופענע גאָלדענע עפּאָכע פונם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע. גאָרדין שרייבט אַן „סיביריאַ״, און אַדלער שפּילט די הויפּט־ראָל.

הייבן זיך טאַקע אָן די וויכטיקסטע שעפערישע יאָרן אויך פאַר יעקב אַדלער׳ן. גאָרדין האָט אים שוין כסדר אין זינען, ווען ער שרייבט אַזעלכע פּיעסן ווי ׳דער יידישער קעניג ליר״, „דער מטורף״, „חאַשע די יתומה״, „גאָט, מענטש און טייוול״, „מירעלע אפרת״, „דער ווילדער מענטש״ און „אלישע בן אבויה״ און אַזוי ווייטער. יעקב פּ. אַדלער׳ס שטאַרקסטע טראַ־גישע ראָל קומט אָבער אַרויס פונם גרעסטן דראַמאַטורג אין אַלע צייטן — אין שעקספּירס „שיילאָק״. די וואָס געדענקען אים פון יענע יאָרן באַהויפּטן, אַז זיי האָבן נאָך אַזאַ שיילאָק ניט געזען אפילו אויף דער אַזויפיל העכערער ענגלישער בינע.

געשפּילט האָט דעמאָלט „שיילאָק״ אַ ענגלישע טרופּע, און יעקב אַדלער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין יידיש און אַרויסגערופן מיט זיין שפּילן אַ היבשע סענסאַציע. דאָס האָט אים שוין עטאַבלירט ווי אַן אמת׳ן אַדלער אויפן סאַמע העכסטן פעלזן־שפּיץ פון יידישן טעאַטער. זיין הויך־פּונקט דערגרייכט ער אין 1917, אין עלטער פון 62 יאָר.

דער דאָזיקער יעקב האָט געוואונען אין יענער צייט די בכורה אינם יידישן טעאַטער. אין דעם געראַנגל פאַר פּאָפּולאַריטעט צווישן אַזעלכע

„שטערן" ווי טאָמאַשעווסקי און פיינמאַן, קעסלער און מאָגולעסקו, מאָריסאָן און אַנדערע, האָט יעקב אַדלער מערסנטטייל געהאַט „מער מזל". דער רע־זולטאַט איז דעמאָלט געווען — אַ בעסערער באָדן פאַר גרעסערע דראַמאַ־טורגן ווי גאָרדין גופא. עס דערשיינען שפּעטער אויפן האָריזאָנט פונם יידישן טעאַטער אַזעלכע ווי שלום עליכם און שלום אַש, דוד פּינסקי און לעאָן קאָברין, ז. ליבין און ב. גאָרין, מאַרק אַרנשטיין און פּרץ הירשביין, פּ. בימקאָ, בערקאָוויטש, ה. לייוויק, אַנסקי, דימאָוו, גאָטעספעלד, סעקלער און אַנדערע.

דאָס יידישע טעאַטער האָט גלייכצייטיק גענומען זען אויף זיין בינע די דראַמאַטישע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור: שעקספּיר און איבסען, גאָגאָל און בערנאַרד שאָ, טאָלסטאָי און גאָרקי, דאָסטאָיעווסקי און סטרינדבערג, אַנדרעיעוו און יושקעוויטש, טשעכאָוו און פּשיבישעווסקי, שילער און טאָלער, אָקטאַוו מירבאָ און ראָמאַן ראָלאַן, סווען לאַנגע און זשולאַווסקי, פּויכטוואַנ־גער א. א.

ווען עס אַנטשטייט אין 1918, מאָריס שוואַרץ'עס „ייד. קונסט־טעאַטער", זיינען שוין יעקב פּ. אַדלער'ס פליגל געלעגן איינגעטוליעטע, ער האָט נאָך אָבער דערלעבט צו זען שוואַרץ'עס גרויסע אויפפירונגען, די מאָסקווער „הבימה", די נייע כוחות פון דער „ווילנער טרופּע". וואָס ווייטער איז זיין בינע דערשיינונג געוואָרן אַלץ זעלטענער — איינמאָל אין יאָר צו אַ יובל־פאָרשטעלונג. עס איז שוין אָבער געווען אַ האַלב־פּאַראַליזירטער אַדלער, בלויז זיין מייסטער־גרים איז געבליבן. ער האָט נאָך בלויז באַוויזן צו פאַראייביקן זיין שאָטן־בילד אינם פילם מאַיקל סטראָגאָף.

ביז זיינע „פעדערן" האָבן אָנגעהויבן אַרויסצופאַלן, איז ער פיל מאָל געווען אין אייראָפּע, און גענומען דעם עולם, איבערהויפּט אין רוסלאַנד און פּוילן, מיט שטורעם. אָבער אין די אינטעליגענטערע קרייזן האָט ער געלאָזן אַ שלעכטן טעם. ער האָט זיי שאָקירט מיט זיינע אומגעלומפּערטע באַרימערייען. אַזוי איז אין „פאָלקס־בלאַט" ציטירט געוואָרן זיינע אַ רעדע נאָך דער פאָרשטעלונג אין וואַרשע, אין אַ רעצענזיע פון „איש קאָוונע" אין וועלכער עס גיבן זיך איבער פאָלגנדיקע „למנצח־ווערטער":

„... ביי מיר אין אַמעריקע, און אין לאָנדאָן ווייסן זיי שוין ווער אדלער איז און וואָס ער קען. דער אַרטיסט, דער וואכער זשעני טאָר אָבער אויף קיין איין אָרט לאַנג נישט זיצן, ווייל דער זשעני געהערט דער גאַנצער וועלט. אַזוי האָט מיין קאָלעגע שעקספּיר געטאָן און אַזוי טו איך. ניט אומזיסט

נעם איך מער געהאַלט פון די אַלע ייִנגלעך". (ציטירט לויט ז. זילבערצווייג'ס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער").

זיין „שוואַנען־געזאַנג" איז פאָרגעקומען ביי זיין 70 טן יובילײ־פייער, אין 1925, אין מאַנהעטן אָפּערע הויז. דאָס האָט ער דאָרטן געהערט זיינע לעצטע באַגייסטערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. זיין לוויה אין אָנהייב אַפּריל, 1926, איז געווען פון די גרעסטע יידישע לוויות אין ניו יאָרק. אַזוי האָט ער זיך נאָך פריער פאַרזאָרגט מיט אַ תקיעת כף פונם באַוואוסטן „סעקאָנד עוועניו אַנדערטייקער (לוויה אונטערנעמער) שוואַרץ. ער האָט אים געמוזט צוזאָגן צו מאַכן די שענסטע לוויה, וואָס אַ יידישער אַקטיאָר האָט ווען עס איז געהאַט.

דער גרויסער אדלער האָט נאָך זיך געלאָזן אַן אדלער־דינאַסטיע, אָבער וועגן איר — אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

געצל זעליקאָוויטש — זיין מערקווירדיקע קאַריערע

שרייבער און שפּראַך־פאָרשער

אַן אויסערגעוויינלעך פּייאיק יינגל ציט אויפמערקזאַמקייט. פון אַ געניאַלן מוח ווערט כמעט יעדערער נתפעל. דער „ריטעווער עילוי״ האָט געהאַט אַ שם אין דער ליטע אַרום און אַרום. דאָס איז געווען געצל זעליקאָוויטש. וועגן אַזעלכע ווערן באַשאַפן אַלערליי גוזמאות און לעגענדעס. נישט אַלע פון זיי האָבן וואַרשיינלעכקייטן פון אמת. אָבער עס איז קלאָר, אַז ער האָט געהאַט אויף זיך אַ גאונישן קאָפּ. זיין מוח האָט זיך נישט באַוועגט מיטן דורכשניטלעכן ריטם פון מענטשן פון וועלכע מיר זאָגן געוויינלעך, אַז זיי האָבן שכל הישר, אַ גראַדמעסיקן שכל. זיינער איז געפלויגן מיט ראַקעטן־שנעלקייט.

זיין קענטשאַפט אין אַלטע, שוין־לאַנג־טויטע־שפּראַכן האָט דערשטוינט. עס איז געווען אַ רעטעניש פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען עגיפּטאָלאָגיע, ווי אַזוי צו אַזאַ יונגן מענטשן האָט זיך גענומען דער חשק, די אויסדויערקראַפט, צו איבערזעצן דאָס „בוך פון די טויטע״ פונם אַלט־עגיפּטישן אינם העבּרעאישן — ספר המתיב — איז אומדערקלערבאַר.

און דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך גענויטיקט אין די סאַמע עלעמענטאַרסטע יידישע און וועלטלעכע ידיעות. די משכילים האָבן אין יענער צייט געפּרואווט זיי צו וועקן צום לעבן, צו מלאכה, צו עלעמענטאַרער בילדונג, צו נעמען באַפרייען די לעבעדיקע וועלט אַרום זיך. אָבער ער, געצל זעליקאָוויטש, האָט ליידער זיך געגראָבן אין אַלטע שמות (שעימעס), אין טוכלע קאַטאַקאָמבעס, אין מוזעאומס און פּיראַמידן, „געשטערט די רו״ פון די טויטע און „געלאָזט צו רו״ די לעבעדיקע, ליידנדיקע, לעכצנדיקע נאָך פרישע לופט און פרייער וועלט.

נישט קיין וואונדער, וואָס אין געזונטע פאָלקס־קרייזן קוקט מען אויף אַזעלכע גאונים אָפּטמאָל ווי אויף „טשודאַקעס״ אָדער ווי אויף האַלבע משוגעים (לאַמבראָזאַ).

ניין, עס איז נישט קיין וואונדער; געצל, דער ריטעווער עילוי, איז געבוירן געווארן אין 1855, אין אן אטמאספערע פון וועלטלאזיקייט. זיין פאטער, ר' דוד, איז געווען אן אויסגעשלאסענער פון עולם הזה. ער האט ניט אנערקענט די וועלט. ער האט נישט אנגעהויבן צו פרעגן זיך די פראגע — פון וואנען קומט דאס ברויט, וואס ער עסט, דאס בעט אין וועלכער ער שלאפט די עטלעכע שעה. ער איז געזעסן יום ולילה און געלערנט גאטס תורה. כסדר זיך געגרייט צו „יענער וועלט".

זיין מוטער איז געווען די פרנסה־געבערין, געהאט א לעדער קראם, די איינציקע אין שטעטל, און געזארגט, אז איר געצל זאל זי פאר דער צווייטער האנט פירן גלייך אין גן־עדן. געצל האט גע'שמ'ט אויך אין די גרעסטע ישיבות ווי אן עילוי, און מען פלעגט דערציילן, אז מ'האט אין פיל גמרות געקאנט אריינשטעכן א שפילקע דורך די בלעטער און געצל פלעגט זאגן פון דער פארקערטער זייט וואס פאר א ווארט די שפילקע האט דורכגעשטאכן.

מיר האבן נישט קיין ידיעות ווי ער האט זיך באצויגן צו דער סמיכה אויף רבנות, וואס ער האט געזאלט קריגן צו זעכצן יאר. מיר געפינען נאר, אז אין 1879 איז ער שוין געווען אין פאריז, אז ער האט דארט גענומען שטודירן די אלטע אריענטאלישע שפראכן און גלייכצייטיק פארדינט זיין לעבנס מיטל אלס העברעאישער לערער אין דער פאמיליע פונם גביר מיכאל ערלאנגער, א פילאנטראפ.

אויף אזוי פיל האט זיך געצל זעליקאוויטש אויסגעצייכנט שנעל אין אזעלכע שפראכן, ווי אלט־עגיפטיש, עטיאפיש, אראביש און סאנסקריט, אז אין 1885 ווערט ער אנגענומען פון דער ענגלישער רעגירונג אלס ענגליש־אראבישער איבערזעצער, אין אן ענגליש־מיליטערישער עקספעדיציע, געשיקט קיין עגיפטן צו באפרייען דעם גענעראל גארדאן פון כארטום. ער האט אין דער עקספעדיציע געהאט דעם טיטל פון ערן־לייטענאנט.

אבער אייך „שלים־מזל" האט זעליקאוויטש געהאט. וואס אין אלע העכערע שטעלעס, וואס ער האט פארנומען א קורצע צייט, האט מען זיך געכאפט, און חרטה געהאט פאר אנשטעלן אים. אין דעם פאל פון דער עקספעדיציע קיין עגיפטן, האט מען געזאגט, אז דאס איז געווען א באפעל פון לארד קיטשענער איבער א פארדאכט, אז ער, זעליקאוויטש, איז אין סימפאטיע מיט די אפריקאנער און אזיאטישע פעלקער. אויב דער חשד איז געווען א באַרעכטיקטער האבן מיר אין אים געהאט פון די ערשטע יידישע שונאים פון אימפעריאליזם.

אינגיכן זעען מיר אים שוין צוריק אין פאריז, וואו ער ווערט דיפלא־

מירט אין דעם פאַריזער אוניווערסטעט (סאָרבאָנע) אַלס געלערנטער אין עגיפּטאָלאָגיע און אין דער זעלבער צייט שרייבט ער שוין אין דער אַראַבישער צייטונג „אַל חאַראַם", און אין די דעמאָלטדיקע העברעאישע צייטונגען ווי „המגיד", „המליץ", אין דער זאַמלונג „כנסת ישראל" און אין דער פראַנצויזישער „ל'אינטראַנסיזשאַן אוניווערסאַל איזראַעליט".

עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט אין יענער צייט זיך באַטייליגט אין „וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס", וואָס האָבן געררייזט איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סמירנאַ, אַטען, רוים, טוניס, אַלזשיר און מאַראָקאָ, וואָס פאַר אַ „וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס" דאָס זיינען געווען געפינען מיר נישט אפילו אינעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", וואָס האָט זיך באַזירט אויף זיינע אייגענע אויטאָביאָגראַפישע סקיצן. מען קאָן עס מיט רעכט פאַרדעכטיקן, אַז דאָס זיינען געווען פאַנטאַזיעס פונם אויטאָר, וואָס זיינען קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין 1887 זעען מיר אים שוין אין אַמעריקע. ס'דויערט נישט לאַנג און ער איז שוין פאַררעכנט אינעם פּענסילווייניער אוניווערסיטעט, אין פילאַדעלפיע, ווי פּראָפעסאָר פון עגיפּטאָלאָגיע — אַ זייער בכבוד'יקע שטעלע אין יענער צייט פאַר אַ ליטווישן אימיגראַנטישן יידן. אָבער דער דאָזיקער כבוד איז געווען אַ קורץ־טערמיניקער „צוליב אינטריגעס". ווייסן מיר ווידער נישט וואָס דאָס האָט געמיינט — אַנטיסעמיטיזם, אָדער אַנטי־אימפּעריאַליזם פון זיין זייט, צי אפשר האָט מען זיך געכאַפּט, אַז זיין עגיפּטאָלאָגישע קאַטעדרע האָט ניט געגוג אויטאָריטעט.

דערווייל האָט דאָ די יידישע פּרעסע צוגעקראָגן אַ געבילדעטן און פּיקאַנטן יידישן זשורנאַליסט. מיכאַל מינץ האָט זעליקאָוויטשן אָנגעשטעלט פאַרן רעדאַקטאָר פון זיין „פאָלקס־אַדוואָקאַט", און אין 1890 איז ער געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן ביז זייער אונטערגאַנג, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונם „יידישן טאָגעבלאַט" און פון די „אידישע גאַזעטן". אין צווישן האָט ער אין שיקאַגאָ רעדאַגירט אין משך פון צוויי יאָר „דאָס אידישע טאָגעבלאַט פון דער וועסט", שפּעטער, אין באָסטאָן דעם „אידישן אַדלער", אין ניו יאָרק — „די טעגלעכע פּרעסע" און די „אָבענד־פּאָסט". אַלץ קאָנסערוואַטיווע, אפילו רעאַקציאָנערע אויסגאַבן.

פּראָפעסאָר זעליקאָוויטש האָט זיך געניאַל, ווי אין זיין יוגנטלעכער עילוי'שאַפט, צוגעפּאַסט צו די קאָנסערוואַטיווע בליקן פון זיין אוידיטאָריע. עס איז ביי אים אָפּן געווען אַ פראַגע פון „זיין אָדער נישט זיין" אין עקאָנאָמישן זין. האָט ער צוגעשטעלט דעם שטאָף, וואָס האָט זיך געפאָדערט — קאָנסערוואַטיווע פּאָליטישע אַרטיקלען, שונד־ראָמאַנען, וויסנשאַפטלעכע פּאָ־

פּולאַריזאַציעס, פּעליטאָנען, סקיצן, דערציילונגען, עצות פאַר פרויען, קאָס־מעטישע פּראָבלעמען, רעצענזיעס איבער ביכער און קריטישע אָפּהאַנדלונגען, אין אַלץ איז ער געווען שנעל, גלאַט, לויפיק און אָפּטמאָל שאַרפזיניק.

כדי צו שרייבן אויף אַזויפיל געביטן, האָט ער געמוזט האָבן פאַר־שיידענע פען־נעמען, און פאַרשטייט זיך, אויך געניאַלע, למשל, אַזעלכע ווי „באַראָן יקום פורקן", „וחלקלקות" (וואַכלאַקלאַקויס), „דער ליטווישער פילאָזאָף" „עסטעטיקוס", „ליטווישע חכמניות", און נאָך אַזעלכע.

אַט אַזוי האָט ער געשריבן טיפזיניקע אָפּהאַנדלונגען וועגן „חכמת היהדות" אין וועלכער ער האָט געהאַט צו זיך, אין דער יידישער פּרעסע פון יענער צייט, ווייניק גלייכנס. און אַט האָט ער געהאַט אַזעלכע ראָמאַנען ווי למשל „מאַדאַם יצר הרע", צי „די ביטערע נקבה", „דער באַרויבטער קבר", „נקמה פון אַ בר מנן". „יאָקום בעמבע". זיי זיינען דערשינען אין בוך־פאָרם אינם פאַרלאַג פון דער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני".

דער געוועזענער פּראָפעסאָר האָט גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט פיינע עסייען און אמת־ווערטפולע ביטראָגן אין דער העברעאישער פּרעסע. ער האָט זיך געוויזן אָפט אין ראובן ברייינס „ממזרח וממערב", אין „הברי", „נר מערבי". ‚הדבורה", התורן", „הדואר", אין אַדעסער „העולם" אין לעוו־נערס העברעאישע קינדער־זשורנאַלן „הפרחים", אין „השחר", אין „בן שחר" פון מ. קרינסקי. זיין העברעאישער סטיל איז אַן־און־פאַר זיך געווען אַן איינציקער אין זיין מין.

עס איז אויך אַ פאַקט, אַז ער האָט זיין יידיש אויך גענוצט מיט פיל ליבשאַפט און אייגנאַרט, געריניקט עס פון דייטשמעריזמען, אויף וויפיל עס איז מעגלעך געווען אין יענע יאָרן.

ער האָט נישט אומעטום געהאַט דערפאָלג, אָבער ער האָט פיל געהאָלפן אין דער רייניקונג פונם יידישן לשון פונם קוידער־וועלט, וואָס איז אויף אים דאָ אָנגעוואַקסן. זיין יידיש איז געווען אַ לייכטער, גראַציעזער, גוטע מאַטער־יעלע אומשטענדן וואָלטן אים נישט געצוואונגען צו פאַרקויפן זיך און זיין פען, ווי אַ געניאַלער מענטש האָט ער אויך געשאַפן צוזאַמען אַזעלכע ביכער פאַר ברייטערע מאַסן, ווי למשל, זיין „אידיש־אַמעריקאַנער רעדנער", וואו ער האָט צונויפגעזאַמלט 521 רעדעס אין יידיש, העברעאיש און ענגליש פון די בעסטע רעדנער און שרייבער, אויך ווערק פון הויכן וויסנשאַפטלעכן ווערט.

נויט האָט אים געצוואונגען צו שרייבן אפילו „בר־מצוה־רעדעס", ווייל די פירמע „טאַגעבלאַט"־לייענער האָבן עס געפאָדערט. ער האָט אויך שריפט־לעך געלערנט אַלערליי שפּראַכן. ער איז דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן די

ערשטע אַראַבישע „מעטאַדע" אין יידיש—דער אַראַבישער לערער. מעטאַדעס וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין פאַרשיידענע אויסגאַבן.

צווישן אַנדערע איבערזעצונגען און זעלבסטשטענדיקע שאַפונגען, אין זיין בוך אין העברעאיש „תורת בודהא", בודאס לערע (דוכט זיך, אַז ער האָט עס אויך איבערזעצט אויף יידיש), געשריבן אין דעם מערקווירדיקן ביבליש־סאַנסקריטישן סטיל. ער האָט אויך אַ לענגערע צייט געאַרבעט אויף אַן אַנטאָלאָגיע פון דער אַלטער, מיט מאָך־און־אור באַוואָקסענער ליטעראַטור פון די חתים (כיטים, בני חת, פון די ערשטע קולטור־פעלקער אויף די ברעגן פון מיטלענדישן ים). ער האָט אויך איבערזעצט דעם אַלט באַבילאָנישן גילגמש־עפּאָס אין העברעאיש, ווי אויך דעם שוין דערמאָנטן אַלט־עגיפּטישן „ספר המתים".

צווישן זיינע אַנדערע ווערק, וואָס זיינען דערשינען אין בוכפאָרם, איז ווערט צו פאַרצייכענען זיינע „אָפּגעקליבענע שריפטן" אין יידיש, צו דער געלעגנהייט פון זיין 50־טן יובילעי, זיינע ,ציורי מסע" (רייזע־פאַרצייכענונגען) אין העברעאיש, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין די העברעאישע קרייזן; זיין ווערק אין ענגליש „דאָון אָוו עדזשיפשאַן סיוויליזעישאָן", וואָס איז דערשינען אין פילאַדעלפיע, נאָך אין 1887; זיין ווערק אין פראַנצויזיש, „ל'עקאָל דע־היברו" וועגן אידישן גלויבן אין „אַ לעבן נאָכן טויט", פאַרעפענטלעכט אין די פריע אַכציקער יאָרן, און ערנסט רענאַן, דער גרויסער דענקער, זאָל האָבן דערמאָנט דאָס ווערק אין זיין באַריכט צום צוזאַמענפאָר פון דער „אַזישער געזעלשאַפט".

פון דעם וואָס עס איז דאָ קורץ פאַרצייכנט געוואָרן (לויט די אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן אינם זיבעטן באַנד פון „יעווריעסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ"), איז שוין אויסגעוואַקסן אַ פּערזענלעכקייט פון גרויס געלערנטקייט און געניאַלע פייאיקייטן. ווען מ'האָט אים נאָך אין די סוף־צוואַנציקער יאָרן געזען פון צייט צו צייט אויף דער איסט־סאַיד האָט ער גיכער געמאַכט דעם איינדרוק מיט זיינע גרויסע, אַרויסגעשפּרייטע וואָנצעס און הויכן שטערן, ווי אַ דייטשער אָדער פּוילישער פּראָפעסאָר.

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צום אַמאָליקן ליטווישן קליינשטעטלדיקן עילוי, וואָס שלינגט גאַנצע גמרות און פאַרבייסט מיט תוספות'ן און מהרשא'ס!

געשטאָרבן איז ער דעם 28־טן נאָוועמבער, 1926.

קאַפּיטל דרייסיק

מ. מ. דאָליצקי — זיינע לידער, ראָמאַנען, פּאַבלען

דיכטער און ראָמאַניסט.

אַ גערבאָרענער ביאַליסטאָ־קער, אַ זון פון אַ שוחט, אַ למדן און אַ חכם, האָט אייגנטלעך מנחם מענדל דאָליצקי נישט געהאַט די סביבה אויס־צודיסטילירן פון אים אַ דיכטער. אין זיינע יינגלשע יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך דעם ביבלישן ריח פונם אַלטן פּאַרציי־טיקן פּאַטריאַרכישן לעבן און שפּעטער זיך „געטאָפּטשעט" אינם תלמוד ביז'ן זיבעצנטן יאָר. . מער ניט — זיין אַלטע באָבע, וואָס האָט דערגרייכט איבער אַ הונדערטער, איז געווען פול מיט הונ־דערטער אַלטע יידישע לעגענדעס.

ווען ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1856 (1 איז אין דער פּאַמיליע קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, אויב נישט קיין גרויסער רב, איז אַמווייניגסטנס אַ בכבוד'יקער שוחט, ווי דער טאַטע. מ'האָט אים דערצויגן ביי די מלמדים אין שטאָט. דערצו האָט ער אויך דורכגעמאַכט די זאַמענהאָף שטאָטישע שול.

אָבער אַז עס איז אים געוואָרן זיבעצן יאָר און ער האָט גע'שמ'ט מיט זיין שווימען אינ'ם תלמודישן ים, האָט אים אַ קנישינער באַלעבאַטישער ייד אויסגעכאַפּט פאַר אַן איידעם און אים געהאַלטן אויף קעסט. מנחם מענדל האָט ווייטער געלערנט און דערווייל האָבן אים דורכגענומען די ערשטע השכלה־שטראַלן. אַ נייע וועלט האָט ער דערזען, נייע קלאַנגען דערהערט. די ווערק פון מאַפּו און סמאָלענסקין זיינען ביי אים געווען ווי געהיימע פינגער, וואָס האָבן אים לייכט געקלאַפּט אין רוקן, און גערופן אים צו זיך, צום קאַמף קעגן די אַלטע באַגריפן פון די קלויזן און חסידים־שטיבלעך. •

דאָס האָט אים גענומען איבערפלאַנצן אין אַ נייעם גאָרטן. אין עלטער פון ניינצן יאָר האָט ער שוין זיך דערזען אין פליגלען פון דיכטונג און אין פאַנצער פון קאַמף. ער האָט אָנגעשריבן זיין ליד „לקוי שני המאורות" (דער

1) לויט לעקסיקאָן קוואַלן, 1858

עקליפס פון די צווי שטערן), אַ סאַטירישער, שאַרפער אָנגריף אויף דעם חסידיזם און זיינע רביים, אויף ראַנגלעניש צווישן זיך פאַר אנערקענונג און גרויסקייט.

זיין צוכאַפּן זיך צו דער העברעאישער און אַנדער־שפראַכיקע וועלט־לעכע ליטעראַטור מיט גרויסער ליידנשאַפט און התמדה, זיינע שפּעטע שעה׳ן מיט די ביכער, און די רעליגיעזע ראַנגלענישן ביינאַכט אויפן קישן, האָבן אים אויסגעשעפּט. דאָקטוירים האָבן אים פאַראָרדנט אַן איבערבייט אין קלימאַט, אַ דערפרישונג אין דער בערגיקער שלעזישער לופט פון עסטרייך. דאָס האָט אים היבשלעך געהאָלפן. מעגלעך אַ פרישער שטראָם פון באַנייטער יוגנטלעכקייט האָט אים אויך דערגרייכט פון דעם געדאַנק, וואָס ער איז אַזוי נאָענט פון ווין, די שטאָט וואו עס דרוקט זיך דער „השחר" (השאַכאַר — „מאָרגנשטערן") און פון דער געלעגנהייט צו זען דעם רעדאַקטאָר גופא, דעם באַרימטן פרץ סמאָלענסקין.

און אזוי האָט ער זיך טאַקע באַקענט מיט דעם דאָזיקן השכלה־אויטאָריטעט. סמאָלענסקין האָט דעם יונגן בחור דערמוטיקט. ווען ער האָט געהערט אים לייענען אויסנווייניק דאָס דערמאָנטע סאַטיריש ליד. און אַזוי איז צוגעקומען צום כאָר פון דער העברעאישער פּאָעזיע נאָך אַ יונגער, ליידנ־שאַפטלעכער משורר. מען האָט פאַר אים געמאַכט פלאַץ נישט בלויז אין „השחר" נאָר אויך אין פיל אַנדערע העברעאישע אויסגאַבעס.

צו קיין פרנסה אָבער איז עס נישט געקומען. צוריק אומקערן זיך אין קנישין וואָלט געמיינט פאַר אים זעלבסט־פאַרשיקונג און איזאָלירונג פון דער משכילישער וועלט. ער האָט געפּרוווט האַנדלען מיט ביכער. ער האָט אָפּגעקויפט ביי סמאָלענסקין צווי טויזנט עקזעמפּלאַרן פון זיין „התועה בדרכי החיים" און געפּרוווט זיי פאַרקויפן און קלייבן אַבאָנענטן פאַר סמאָלענסקינ׳ס אַנדערע זשורנאַלן, איבערהויפּט פונם „המביט". ער האָט אָבער שנעל אויסגעפונען, אַז די תורה איז ניט קיין סחורה. ער האָט פאַרלאָרן אין דער דאָזיקער אַגענטור זיין גאַנץ נדן. אים איז איבערגע־בליבן איין אויסוועג — ווערן אַ העברעאישער לערער.

נישט מאַכנדיק פון לערערי קיין „גליקן", אין זיין היימשטאָט ביאַ־ליסטאָק, האָט אים דער העברעאישער שריפטשטעלער יהל״ל אָראָפּגעבראַכט קיין קיעוו. אָבער צום אומגליק האָט ער דאָרט אָנגעטראָפן אויפן פּאָגראָם (1881). אַזאַ חורבן האָט נאָך דער ווייכער, יונגער דיכטער נישט געזען. זיין השכלה וועלט־אַנשוי האָט געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ. ער איז באַלד מיטגעריסן געוואָרן מיט דער „חובבי ציון"־באַוועגונג און די סטרונעס פון זיין מוזע האָבן זיך מאָביליזירט אין איר דינסט.

אין 1882 זעען מיר אים שוין אין פעטערבורג. נישט בלויז איז די הויפּטשטאָט געווען מער געשיצט פון פּאָגראָמען ווי קיעוו, נאָר דאָרט האָט ער אויך געפונען די פריינטלעכע שטיצע פונם גרעסטן יידישן דיכטער אין יענער צייט י. ל. גאָרדאָן. ער האָט ביי אים געוואוינט עטלעכע וואָכן, אָבער מאָסקווע האָט אים נאָך מער צוגעזאָגט אינם זין פון העברעאישער לערעריי בפרט נאָך, אַז ער איז וואַרעם רעקאָמענדירט געוואָרן צום מעצענאַט פון העברעאישער ליטעראַטור, קלמן ז. וויסאָצקי. מאָסקווע איז כמעט אויף צען יאָר געווען דאָליצקיס וואוינאָרט.

זיינע נייע ציון־לידער האָבן געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן אַ געוויסן טייל פון דער יידישער יוגנט. ער האָט זיך שוין דעמאָלט געדרוקט אויך אין „המליץ" און אין ראַבינאָוויטש'ס זאַמלבוך „כנסת ישראל". וויסאָצקי האָט אים דערנאָך אָנגעשטעלט פאַר זיין סעקרעטער אין כלל־ישראל אָנגע־לעגנהייטן, און אַלס אַזעלכער האָט ער אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם דאָזיקן מיליאָנער און אים אויך אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג צו באַזעצן ארץ ישראל מיט יידישע פאַרמער.

צווישן זיינע לידער, וואָס זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער, זיינען געווען אַזעלכע ווי „על חרבות ציון", „אם אשכחך", „חנון", „שירי מנחם", „שיר ציון" און אַנדערע. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ ריי דערציילונגען אין העב־רעאיש, ווי „בתוך לבאים" (צווישן לעמפּערטן) און זיין גרופּע קלענערע דער־ציילונגען „מבית ומחוץ" אין וועלכע עס זיינען געשילדערט געוואָרן די צרות, וואָס יידן שטייען זיך אויס פון די אויסנאַמס־געזעצן, פון די גירושים, און דאָרט שוין פאַראויסגעזען דעם גירש פון מאָסקווע,די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין צוויי יאָר אַרום.

אין די צען מאָסקווער יאָרן זיינע האָט ער אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער יוגנט און דער ניט־אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ. אין זיין טעטיגקייט־קרייז פון די „בני ציון" איז דערצויגן געוואָרן דר. י. טשלענאָוו, דער שפּעטער־באַוואוסטער ציוניסטישער טוער, מנחם מענדל אוסישקין, אברהם אידעלסאָן און אַנדערע. אַרויסגעריסן געוואָרן פון מאָסקווע איז ער צוליבן גירוש, אין 1892. עס ווערט דערציילט, אַז ווען י. ל. גאָרדאָן האָט אויפן טויטן־בעט זיך דערוואוסט וועגן דאָליצקי'ס גורל, אַז ער מוז אַוועק קיין אַמעריקע, האָט ער אים ספּעציעל געווידמעט אַן אָפּשייד־ליד אין וועלכן ער גיט אים איבער זיין דיכטער־פען.

אין אַמעריקע האָט דאָליצקי דעמאָלט געפונען קנאַפּע בעלינים אויף העברעאישער לערעריי און ליטעראַטור. ער איז אינגיכן געוואָרן איינגע־בירגערט אינם „יידישן טאָגעבלאַט". און פיל באַלעבאַטישע יידיש־לייענער

פון די צייטונגס־ראָמאַנען פון מ. מ. וואָלפאָוויטש (זיין פּאָטער׳ס נאָמען וואָלף) האָבן נישט געוואוסט, אַז דאָס האָט געשריבן דער באַרימטער העברעאישער פּאָעט מ. מ. דאָליצקי. שפּעטער האָט זיך דאָליצקי צוגעוואוינט און שוין געגעבן זיין פולן נאָמען אונטער זיינע ראָמאַנען אינם „טאָגעבלאַט״ און דערנאָך אינם „מאָרגן־זשורנאַל״. איבער פערציק ראָמאַנען אין יידיש זיינען פון אים פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין משך פון אַרום 35 יאָר, אין אַמעריקע.

עטלעכע פון זיינע ראָמאַנען זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אינם „אונדזער לעבן״, אין אָדעס, מיט אויסבייסונגען פון דער צאַרישער צענזור. אין בוך פאָרם זיינען אַרויס בלויז עטלעכע פון זיינע ראָמאַנען אין יידיש, ווי למשל, „שטאַרקער פון אייזן״, „דער געבילדעטער מערדער״, „אידישע היידן״ (געצנדינער). דער פאַרלעגער, יעקב סאַפּירשטיין האָט געפּרואווט אַרויסגעבן דאָליצקי׳ס העברעאישן ראָמאַן „מלחמת התחיה״ (דער לעבנס־קאַמף), העפטנווייז, אָבער דער שוואַכער פאַרקויף האָט נישט באַרעכטיקט די פולע אויסגאַבע און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם 29־טן העפט.

אין דער זעלבער צייט זיינען אין איראָפּע דערשינען זיינע העברעאישע לערן־ביכער, צווישן זיי דריי בריוונשטעלערס, אין וועלכע עס זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון א. מאַפּו׳ן און פּ. סמאָלענסקי׳ן. ביי אונדז אין לאַנד זיינען אין העברעאיש בלויז דערשינען אַ טייל פון זיינע ווערק — אַ זאַמלונג פון אַלע זיינע לידער — „כל שירי״... „החלום ושברו״, אַ דערציילונג פון דעם קאַנטאָניסטן לעבן אונטער ניקאָלאי דעם ערשטן.

דער יידיש־אַמעריקאַנער באָדן איז נאָך אין די 90ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט געווען צו־פעליק, אַז אַזאַ סענטימענטאַלער דיכטער זאָל לאַנג דאָ קענען אָנהאַלטן אַ געשעפט־אונטערנעמונג. דער איינציקער פּרוּוו, וואָס דאָליצקי האָט דאָ געמאַכט אויף דעם געביט איז געווען דער חודש־זשורנאַל „די צייט״ און אויך דאָס האָט בלויז אויסגעהאַלטן צען נומערן. און גראַד האָט ער געהאַט צוזאַמענגעקליבן אַרום אים אַ רייע שרייבער מיט נעמען, ווי יעקב גאָרדין, מ. ד. הערמאַלין, פּיטער וויערניק, א. טאַנענבוים, מאָריס ראָזענפעלד, יהודה שטיינבערג.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען דאָליצקי׳ס לידער דערשינען יעדן זונטאָג אין דעם „מאָרגן זשורנאַל״, ווי אויך זיינע

אָריגינעלע פּאַבלען און באַאַרעבטונגען פון דער אַלטער תלמוד׳ישער און מדרש־ליטעראַטור אין משך פון איבער צען יאָר. פיל פון זיי זיינען אמת׳ע פּערל, וואָס וואָלטן געמעגט אַרויסגעגעבן ווערן.

דאָליצקי׳ס אַלטע באָבע האָט ניט פּאַרדעכטיקט, אַז אירע וואונדער־מעשות און לעגענדעס, וואָס זי האָט דערציילט איר אייניקל מענדל׳ען, וועלן אין צענדליקער יאָרן שפּעטער ביי אים פאַרוואַנדלט ווערן אין בריליאַנטן.

מ. מ. דאָליצקי׳ס דיכטונגען וויברירן מיט אַ טיפן בענקשאַפטלעכן ליריזם, כאָטש זיין אולטראַ־נאַציאָנאַליזם איז נישט אינם געשמאַק און וועלט־אַנשוי פון דעם שרייבער.

געשטאָרבן איז דאָליצקי אַרום 1931, אין ניו יאָרק.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

קעני ליפּצין און אירע קרוין-ראָלעס אויף דער בינע

אַמאָליקע קעניגין אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע

אין דעם יאָרצענדליק, ערב די גרויסע באַוועגונגען צווישן די יידישע פאָלקס מאַסן און אינטעליגענץ און די סוף־יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, האָבן זיך שוין גענומען פילן די יע־רונגען פון טאַלאַנטירטע יחידים צום אויסדרוק אויף פאַרשיידענע געביטן. פאָלקס־קינסטלער, וואָס זיינען געווען זעלטנהייטן צווישן די רעכטלאָזע יידן אפילו אין די יאָרצענדליקער פונם 19טן יאָרהונדערט, האָבן זיך שוין גע־נומען אין מער קענטיקע צאָלן אַנט־פּלעקן זיך דאָ און דאָרטן, ווי די ערשטע גראָז־בלימלעך סוף אַפּריל.

אָבער טאַלאַנט, אפילו ווען ער איז פון אַ קוואַליקן כאַראַקטער, מוז אויך האָבן גייסטיקע באַדינגונגען פאַר נאָרמאַלער אַנטוויקלונג, אָפּטמאָל באַזונדערע גייסטיקע באַדינגונגען. אַזאַ פאָלקס־קינסטלערין ווי ק. ליפּצין וואָלט קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכן צו דעם שטאַפּל פון רום וואָס זי האָט דערגרייכט, אויב נישט די באַזונדערע גינסטיקע באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך פאַר איר געשאַפן דורך איר הייראַט מיט מאיקל מינצ׳ן און דורך איר גייסטיקער באַהעפטונג מיט יעקב גאָרדינ׳ען.

קעני ליפּצינ׳ס הייראַט מיט מאיקל מינצ׳ן איז געווען אַ ברייטער טויער פאַר קינסטלערישע דערגרייכונגען. פאַר איר האָט עס געמיינט ניט בלויז דערמוטיקונג פון הויכן גראַד, נאָר אויך די שאַפונג פון אַ „פּובליסיטי“ פון אַן אויסערגעוויינלעכן כאַראַקטער.

מינץ האָט אין זיין פאַרגעטערנדיקער ליבע צו קעני ליפּצין געשאַפן פאַר איר די מעגלעכקייט צו ווערן אומאָפּהענגיק פון די טעאַטער־דירעקטאָרן און געשעפט־פאַרוואַלטערס. ער פלעגט דינגען פאַר אירע אַרויסטריטן צייט־ווייליקע טעאַטערס. אין דער זעלבער צייט האָט זי געקראָגן אין זיין צייטונג „דער טעגלעכער העראָלד“, אַזאַ קאָלירפולע, עקסטראַוואַגאַנטע רעקלאַמע, וואָס אפילו די, וואָס דער „פאָלקס אַדוואָקאַט“ האָט איר פריער געגעבן, האָט

איר דאָ געמאַכט אויסזען ווי אַ שטערן, וואָס טויכט אַרויס מיט אַ גוואַלטיקער שנעלקייט פון צווישן געדיכטע כמאַרעס.

דערצו איז נאָך יעקב גאָרדין געווען דער צווייטער שטויס־כוח. צו שרייבן ספּעציעלע ראָלעס פאַר אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע, מיינט שוין פון אָנהויב אָן אַ זיכערער דערפאָלג. ער האָט פאַר קעני ליפּצין „צוגעשניטן אַלץ צו דער מאָס". ער האָט אויפגעהויבן איר ראָלע צו איר טעמפּעראַמענט און אַריינגעהויכט אין איר נשמה, ווי ער האָט זי געזען. ער האָט פאַר איר גע־פּלאַנירט זיינע שטאַרקסטע פּיעסן. דאָס האָט שפּעטער געבראַכט צו דעם, אַז מינץ האָט אָפּגעקויפט פון גאָרדינען דאָס אויסשליסלעכע רעכט אויף זיינע פּיעסן, וואָס ער שרייבט פאַר „זיין קעני׳ן". מען האָט געשמועסט, אַז מינצ׳ן גייט אין לעבן, אַז זיין קעני זאָל זיך דערוועגבן נישט בלויז געלד, נאָר אויך „גין"־געלד. (ווען איר לייגט צו צו איר נאָמען „גין" באַקומט זיך קעני־גין.) און צו דעם האָט מינץ געשטרעבט, אַז זיין פרוי זאָל זיין די קעניגין פון דער יידישער בינע און ער האָט די שטרעבונג נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג, כל זמן ער האָט זי נישט פאַרמאַכט.

ווי בעסי טאָמאַשעווסקי דערציילט אין אירע מעמואַרן, זאָל מאַדאַם ליפּצין האָבן געווען „די רייכסטע יידישע שוישפּילערין... זי איז געווען באַהאָנגען מיט בריליאַנטן און דזשולערי. זי האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ ליאַלקע ווען איך האָב זי דערזען דעם ערשטן מאָל: נישט הויך, מיט קליינע פיסלעך און שיינע שיכלעך מיט גרויסע קנעפּלעך; גערעדט גיך, גיך און זייער באַ׳טעמ׳ט. וואונדערלעך געקליידט, ריין און ציכטיק, גרויסע, דורכ־דרינגעכע אויגן, און זייער רירעוודיק".

צווישן די גרויסע דערפאָלגן, וואָס קעני ליפּצין האָט געגומען פאַר־צייכענען און גינסטיקע אָפּרופן פון אַ גרעסערער צאָל קריטיקער, איז געווען איר „מעדעאַ־ראָל", אין וועלכער זי איז אַרויסגעקומען אין 1896. דאָס איז גריל פאַרטער׳ס אַ פּיעסע, וואָס גאָרדין האָט באַאַרבעט ספּעציעל פאַר איר, און דערנאָך אין „מעדעאַ׳ס יוגנט", וואָס גאָרדין האָט שוין פאַר איר ספּעציעל געשריבן.

לעאָן קאָברין, אין זיינע „זכרונות פון אַ יידישן דראַמאַטורג", שרייבט וועגן די דאָזיקע צוויי פּיעסן און קעני ליפּצינ׳ס ראָלן:

„זי איז אַזוי ווי געבוירן געווען פאַר אַזעלכע טראַגעדיעס, ווי „מעדעאַ". זי האָט פאַר דעם געהאַט דעם קלאַסיש־מעלאָ־דעקלאַמאַטאָרישן טאָן, דעם טעמפּעראַמענט, טראַגישן בליק און דעם געשריי... די ליידנשאַפט אַליין, די פּרימיטיוו, אין גאַנצן נאַקעט, ווי ערשט פון דעם נאַטור־פייערדיקן קוואַל אַרויס האָט זיך מעדעאַ־ליפּצין פאַר די אויגן געטראָגן..."

אָבער איר קרוין־ראָלע האָט זי געשאַפן מיט איר מירעלע אין גאָרדינ׳ס

„מירעלע אפרת". דאָ איז זי געווען אין איר אייגענעם עלעמענט און די פּען האָט זיך נישט געהויבן אפילו ביי די שאַרפסטע און אומ'ברחמנות'דיקע קריטיקער צו אויספּיקן אין איר כאָטש אַ קליין פּגימה'לע. מילא אין מינצ'ס טעגלעכן „העראַלד" איז די רעצענזיע דערשינען, ווי אַ וויכטיקע וועלט־נייעס — אויף דער ערשטער זייט:

„מאַדאַם ליפּצין האָט צום ערשטן מאָל געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוצייגן איר פאַלשטענדיקן טאַלאַנט און זשעני. מיר האָבן אין איר געזען מירעלע אפרת, די שטאָלצע, איידעלע, גוטע, ליבנדע און סימפּאַטישע ליידנדיקע פרוי... מיט איינעם וואָרט: מאַדאַם ליפּצין איז אָהנע צווייפל, די גרעסטע דראַמאַטישע שוישפּילערין פון אונזער בינע".

ערשט שפּעטער האָבן קריטיקער אָנגעהויבן אַרויסצוטויכן פונם פאַרשיכור'נדיקן איינדרוק, וואָס די קינסטלערין האָט געמאַכט און גענומען געפינען אויך נעגאַטיווע שטריכן אפילו אין דער דאָזיקער גרעאַטנסטער ראָלע. מען האָט גענומען אָנווייזן איר שוואַכע זייט, אַז זי איז נישט קיין רעאַליסטישע שוישפּילערין, נאָר אַ קלאַסישע טראַגעדיסטן.

אין זיין קאַמף מיט גאָרדינען, האָט זי אַב. קאַהאַן טיילווייז אָראָפּגעריסן — צוזאמען מיט דער פּיעסע גופא. אָבער ווען ער פאַרגלייכט זי מיט דער גרויסער יידישער רעאַליסטישער שוישפּילערין אסתר רחל קאַמינסקי, שרייבט ער, אַז „מאַדאַם ליפּצין אויף איר שטייגער שאַפט אַ בעסערע מירעלע, ווי מאַדאַם קאַמינסקי אויף איר שטייגער".

אָבער יאָ דעפעקטן, ניט — דעפעקטן, קעני ליפּצין האָט זעלטן פאַרבראָקירט אַ ראָלע. זי האָט אַלץ גענומען אויף זיך. זי האָט געשפּילט י ה ו ד י ת אין דער אָפּערעטע „יהודית און אליפרנות, מאדלען אין אָקטאַוו מירבאָ'ס „שלעכטע פאַסטוכער". איר ראָלע אסתר'קע אין גאָרדינ'ס „שחיטה" פלעגט אָפט אַרויסרופן ביי פיל פרויען אין פובליקום היסטערישע אויסברוכן ווען זי לויפט אַרום מיט'ן חלף און די האָר־הויבנדיקע געשרייען.

זי שפּילט ראַניע אין גאָרדינ'ס „די שבועה", קאַטיושקא מאַסלאָוואַ אין זאָלאַטאַרעווסקי'ס באַאַרבעטונג פון טאָלסטאָי'ס „וואָסקרעסעניא", די יתומה אין דער שוין־דערמאָנטער גאָרדין־פּיעסע „חאַסיע, די יתומה", די מוטער אין פינסקי'ס באַוואוסטער דראַמע; אין די ווילדע אין ז. ליבינ'ס פּיעסע און טערעזא ראָקען זין עמיל זאָלאָ'ס כאַראַקטער: זי שפּילט די ב ע ר ט אַ־ראָלע אין גאָרדינס „אומבאַקאַנטער". בערטא איז אַ הויקער. פיל אַקטריסעס זאָגן זיך אָפּ צו שפּילן אַזאַ ראָלע, וואָס „קלעפּט זיך צו זיי אין די אויגן פון עולם". אָבער ליפּצין האָט זיך אויך פון דער ראָלע נישט אָפּגעזאָגט.

אַן אויסנאַם איז געווען די ראָלע פון אַ פּראָסטיטוטקע אין שלום אַש'ס

פיעסע „גאָט פון נקמה". זי איז געווען אויף אַזויפיל אַלט־פּרענקיש, אַז זי האָט באַטראַכט די פּיעסע פאַר אוממאָראַליש, און דעריבער האָט זי זיך אָפּ־געזאָגט פון האָבן אין איר װעלכע עס איז האַנט. בכלל איז זי אין אירע עלטערע יאָרן, איבערהויפּט נאָכדעם ווי איר מאַן, מאיקל מינץ איז באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד, איז זי אפילו געוואָרן אָבערגלויבעריש. ווי דוד קעסלער האָט פאַרזיכערט, האָט זי איינמאָל אים געבעטן צו ברענגען צו איר „אַן אָפּ־שפּרעכערן פון אַן עין־הרע". ווען זי האָט אָנגעהויבן איר באַרג אַראָפּ איז זי געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט איר אַלטקייט, נאָר אַז מען האָט זי געגעבן אַן „עין הרע".

צווישן אירע ראָלעס זיינען געווען פּנינה אין גאָרדינ'ס „אויף די בערג". זי האָט גשפּילט אין מ. מ. דאָליצקי'ס „חרטה", אין ז קאָרנבילט'ס „בונדיסט־קע", אין פּשיבישעווסקי'ס „שניי" און אין קאָברינ'ס „מאַכט פון ליבע".

איר אייגענע טראַגעדיע איז געווען, וואָס זינט זי האָט זיך דערוואָרבן איר אייגענעם טעאַטער האָט זי שוין ניט געהאַט קיין גענוג צייט צו פאַר־טיפן זיך אין אירע ראָלעס און עס האָבן זיך גענומען אויך ווייזן פאַרזעענישן, אָבער דאָ און דאָרטן האָבן נאָך אַלץ אַרויסגעבליצט מיטרייסנדיקער מעלאָ־דראַמאַטיזם און טראַגיק. זי שפּילט אין אָסקאַר װאַילד'ס אַ פּיעסע סאַלאָמעאַ, די ראָלע „חוה", אין זאָלאָטאַרעווסקי'ס „זינדערין".

אין 1909־1910 שפּילט זי אין קאָברינ'ס "שפּין"; הילדאַ — אין איב־סענס „בוימייסטער סאָלנעס". אינטערעסאַנט איז דעמאָלט געווען אב. קאַהאַנ'ס אויסדרוק אין זיין רעצענזיע: „הקול קול מירעלע אפרת, אנשטאָט איבסענ'ס „הילדאַ" קומט אַרויס אַ „שניידערין". קאַהאַן האָט זי נאָך גאָרדינ'ס טויט אין 1909, גערימט אַלס מעלאָדראַמאַטישע שוישפּילערין אָבער גראָד דעמאָלט האָט זיך שוין איר העלקייט גענומען טונקלען.

קעני האָט אויך געשפּילט אין רוסיש. זי איז דערשינען אין גאָרקי'ס „מיעשטשאַניע", אין אַנדרעיעוו'ס „אשמדאי" און טאָלסטאָי'ס „אַנאַ קאַרעגינאַ" און צוריק אויף דער יידישער בינע: זי איז ליקיע אין זאָלאָטאַרעווסקי'ס „קינדער", בערטא אין ראַקאָוו'ס „גנב'טע", זי שפּילט אין אברהם שאָמער'ס „אויפן ים איז עליס איילאַנד", און זאלאָטאַרעווסקי'ס „ערליך באַצאָלט" און אין זיין „עגונה". אין 1921 שפּילט זי אין מ. זייגערט'ס „פרייע ליבע" און אין „ליבע אָדער רייכטום"; אין קאָרנבליט'ס „איר ערשטע זינד", און דאָס שעפּט נאָך אַלץ ניט אויס די צאָל ראָלעס, וואָס זי האָט געשפּילט.

עס איז כמעט זיכער, אַז דער זעלבסטמאָרד פון איר מאַן מאיקל מינץ איז געווען אַ רעזולטאַט פונם באַנקראָטירטן צושטאַנד פון איר טעאַטער אין יענער צייט. די פאָלקס־אַרטיסטין האָט זיך געמאַכט איר לעבנס־אויפגאַבע

צו באַצאָלן אַלע חובות און ריין האַלטן איר מאַנ׳ס נאָמען. איר לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ טראַגישער. איר גורל איז געוואָרן עלנט. איינזאַמקייט און דער געפערלעכער קאַנסער אויף וועלכן זי איז צוויי מאָל אָפערירט געוואָרן.

דאָקטוירים האָבן איר פאַרבאָטן צו שפּילן ווייטער, אָבער זי האָט אָנגעהאַלטן דעם „פייער אויף איר מזבח״ ביז׳ן לעצטן. זי איז געשטאָרבן דעם 28טן סעפּטעמבער 1918. אַ גריוסע לוויה האָט איר געפירט צום רו־פּלאַץ אויף וואַשינגטאָנער בית־עולם, אין ניו יאָרק. דער איינציקער הספד איז געווען פון אברהם שאָמער.

מאָריס ראָזענפעלד האָט דעמאָלט געשריבן — „איר׳ס איז געווען אַ געטלעכע קונסט״. און יואל ענטין: „זי איז דורכאויס ראָמאַנטיק געווען, אָן אַ שיעור פאַנטאַזיע און אייביגעס שטרעבן נאָך יוגנט, שיינקייט און הערלעכקייט. אומבאַוואוסטערהייט האָט איר נשמה אימער אַרויפגעשטרעבט, אימער דאָס נידעריקע צו דערהייבן״.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

דער קראַפטפולער אָראַטאָר צבי הירש מאַסליאַנסקי

איינער פון די ערשטע ציוניסטישע פירער אין אַמעריקע

אין אונדזער יידישן לשון איז צבי הירש מאַסליאַנסקי געווען איינער פון די גרעסטע אָראַטאָרן, אויב מיר ווילן נישט נוצן דאָס וואָרט „פּרעדי־קער״! ער האָט דאָך קיינמאָל נישט געשראָקן מיט׳ן גיהנום און נישט צו־געזאָגט אויף יענער וועלט קיין גן־עדנס. דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז ער איז אינ־גאַנצן נישט געווען קיין רעליגיעזער רעדנער. ער האָט זיך אָבער באַנוצט מיט מדרשים, אַזוי גוט ווי מיט „אבן עזרא״ און מיט שפּינאָזע׳ן; מיט די העברעאישע פּאָעטן פון דער שפּאַנישער גאָלדענער עפּאָכע, אַזוי גוט ווי מיט טאָלסטאָי׳ען און איינשטיינען.

ער איז געווען אַ פּיל־זייטיקער יידישער אינטעליגענט, אַ דענקער און אַ געדענקער, אַ וואַרעמער מענטש. כאָטש פאַר אונדזער געשמאַק און באַגריף, מערסטנס פון אַ פלאַמענדיקן נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער. ער האָט אין תוך מיט זיך פאַרקערפּערט די שטרעבונגען און באַגריפן פונם אינטעליגענטערן און מער וועלטלעכן יידישן בירגערטום.

צבי הירש מאַסליאַנסקי איז געבאָרן געוואָרן אין סלוצק, מינסקער גובערניע. געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג פון חדר און ישיבה פון „דער מיר״. אַ געוויסע צייט געווען אַליין אַ ישיבה־רבי אין פּינסק. איינער פון זיינע דאָרטיקע תלמידים איז געווען חיים ווייצמאַן, דער שפּעטעריקער פּרעזידענט פון דער מדינת ישראל רעפּובליק. מאַסליאַנסקי איז ביסלעכווייז „אַרונטער״ אונטער דער השפּעה פון די משכילים און היפּש־לעך אין זיין נאַציאָנאַליזם, באַאיינפלוסט געוואָרן פון מאַפּו׳ן און פּרץ סמאָ־לענסקין, פון י ל. גאָרדאָנ׳ען און פון משה לייב ליליענבלומ׳ען.

זיין פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם האָט ער נאָך אָבער געקראָגן פון דר. פּינסקער׳ס רוף צו יידישער עמאַנציפּאַציע; געווען פון די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַטאָרן מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר נאָך פריער פאַר דר. הערצל׳ס ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט געהאָלפן די ערשטע רוסישע „בני ציון״־

גרופירונגען. דער שטויס דערצו האָבן געגעבן די טרויעריק־באַרימטע פּאָג־ראָמען פון 1881, מיט וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט געפּרואווט לעשן די פונקען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

ווען און וואו איז מאַסילאַנסקי געוואָרן אַ וועלט־באַרימטער יידישער אָראַטאָר, אַ מטיף לאומי" (פאָלקס־רעדנער), ווי מ'האָט אים שפּעטער גערופן. שווער אָנצווייזן קאָנקרעט, אָבער אַ שטיקל באַגריף קענען מיר באַקומען פון אַן עפּיזאָד, וואָס דער בעל־דבר אַליין דערציילט אין זיינע מעמואָרן.

ער איז דעמאָלט געווען אַ זיבן־יאָריק יינגל און ניט געקענט אָפּרייסן זיך פון די מעשות וועגן יידישן חורבן, האָט ער צונויפגערופן אין אַ שבת חזון (אין די „ניין טעג") עטלעכע יינגלעך — חברים פון זיין חדר, אין זייער וואוינונג. דער טאַטע איז געשלאָפן, האָט ער געקענט „פּראַווען שטיק". ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם ווייסן טישטוך פונם טיש, זיך עס אַרויפגעטאָן אויף זיך, ווי אַ טלית, און גענומען האַלטן אַ דרשה וועגן חרוב געוואָרענעם בית־המקדש. ער האָט אָנגעשלאָגן אַזאַ הויכן טאָן, אַז זיין פּאָטער האָט זיך אויפגע־כאַפּט פון זיין שלאָף און אים „מכבד געווען" פּאַר צוויי עבירות — פּאַר אויפ־וועקן אים פון זיין „עונג־שבת"שלאָף און פּאַר לאָזן אום שבת אַ טיש נאַקעט...

אָבער זיין צונג האָט זיך פון דעם פּאַל ניט איבערגעשראָקן, אונטער איר איז געלעגן אַ כוח ווי קוועקזילבער. אין 1881 האָט ער זי שוין נישט געקענט צוריקהאַלטן. ווען אַ מגיד האָט פּאַרענדיקט אין שול אַ דרשה און דערמאָנט די פּאָגראָמען, איז ער גלייך אַליין אַרויף אויף דער בימה און גענומען ריידן אַזוי רירנדיק, אַז דער רב, וואָס איז דערביי גע־ווען האָט מיטגעוויינט מיט אים און מיט'ן גאַנצן עולם. אויף מאָרגן איז ער, לויט אַ מסירה, אַרעסטירט געוואָרן אויף דער באַשולדיקונג, אַז ער „בונטע־וועט". ער ווערט אַרויסגעשיקט פון שטאָט.

דער פּאַל איז געווען אין אָדעס. אין גיכן זעען מיר אים שוין ווי ער לאָזט זיך איבער די יידישע שטעט מיט זיינע אויפרודערנדיקע רעדעס. זיין נאָמען הייבט אָן קלינגען איבער אַלע יידישע גרעסערע קיבוצים, ניט בלויז האַלט ער רעדעס, נאָר טוט אויך אַקציעס. צוזאַמען מיט אוסישקינ'ען גרינ־דעט ער צווייגן פון די חובבי־ציון. אין איינִקע שטעט ווערט ער אַרעסטירט פּאַר זיינע האַלב־רעוואָלוציאָנערע רעדעס. ער צעטראָגט בערנע'ס אַ ליד, וואָס פּראָטעסטירט קעגן דער באַגרענעצונג פון יידן אין זינען פון וואוינ־רעכט: „גיט אונדז אַמווייניגסטנ'ס די פרייהייט פון הינט, וואָס קענען נעכטיקן אין יעדן פּלאַץ און אָטעמען יעדע לופט"..

דער רירנדיקער אָראַטאָר האָט געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו האַלטן זיינע

רעדעס, אריינזאגן דארט דער צארישער רעגירונג איר „לויב", אויף אזא אופן, אז יעדער ייד זאל פארשטיין, אז אלץ וואס ער זאגט מיינט קאפויר.

אין מאהילעוו איז מאסליאנסקי'ן אויסגעקומען צו האבן קעגן זיך נאטש־אלסטווא, וואס האט נישט געלאזט אים האלטן זיין דרשה. האט ער אויס־געקליבן דעם טאג פון דעם קייסער אלעקסאנדער דעם דריטנס געבורטסטאג, אויף האלטן א פאטריאטישע רעדע אין רוסיש און בענטשן דעם צאר. לכבוד דעם זיינען געקומען אין שול אריין דעם גובערנאטאר'ס לייטענאנט, דער גענעראל פון דער זשאנדארמעריע, דער פאליציימייסטער און זיינע אדיוטאנטן און מאסליאנסקי האט געהאלטן א הייסע רעדע פארן קיסר'ס געזונט און לעבן און אויסגעלאזט — אלץ אין רוסיש — „איז פארלענגער אים גאטעניו זיינע יארן, ווי ער האט אונדז פארלענגערט אונדזערע יארן. גיב דיין גענאד און דערבארעמונג, ווי ער גיט אונדז חסד און רחמנות.."

נאטשאלסטווא איז געווען צופרידן... אבער דער עולם יידן איז ארויס מיט הערצער פול מיט פראטעסט און צארן קעגן די מערדערלעכע פאגראמען, איבערהויפט די ווילדע נגישות און גזירות פון די איגנאטיעוו־דעקרעטן, ארויסצוטרייבן יידן פון די גרויסע שטעט, פון די דערפער און פון די אינע־ווייניקסטע גובערניעס.

אינם לעצטן יאר פון זיינע טורס איבער די יידישע שטעט, האט ער אויך אויפגערודערט די יידן פון פוילן. זיינע דרשות אין ווארשע און אין לאדזש אין 1893 האבן געצויגן טויזנטער מענטשן.

איך געדענק גוט, ווי ער איז געשטאנען אין דער איבערגעפאקטער שול אין לאדזש, און געהאלטן דעם עולם אין הויכער שפאנונג. אוודאי האב איך נאך דעמאלט א צען־יאריקער יינגל, קנאפ־וואס פארשטאנען. איך געדענק עס אבער צוליב דעם אויפרודער, וואס דאס האט געמאכט אין שטאט, ווייל ער איז גלייך נאכדעם ארעסטירט געווארן און בלויז די באמיאונגען פון דעם רב ר' אליהו חיים מייזל, האבן אים דערנאך באפרייט.

אין זיינע מעמוארן דערמאנט מאסליאנסקי דעם דאזיקן אינצידענט און דריקט דארט אויס אן אויסערגעוויינלעכע באוואונדערונג פארן סטאזש פון דעם דאזיקן ארטאדאקסישן ריז, דעם אלטן לאדזשער רב.

אין די ניינציקער יארן איז כמעט נישט געווען קיין גרויסע שטאט אין אייראפע, וואו מאסליאנסקי זאל נישט האבן געהאט ארויסגעטראטן — אין דייטשלאנד, בעלגיע, האלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד און אויך אין ארץ־ישראל. אומעטום איז ער אנערקענט געווארן פארן יידישן טריבון. ער האט אבער גערעדט און געשריבן נישט בלויז אין יידיש, נאר אויך אין העברעאיש, רוסיש און דייטש און דערנאך אויך ענגליש.

י. ב. ביילין

אין אַמעריקע איז מאַסליאַנסקי געקומען אין 1894 און דאָ גלייך געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן צווישן די יידן. ער אַליין דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי שנעל ער האָט זיך דאָ צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און צום טיפּ יידן, וואָס האָט זיך דאָ געהאַלטן אין אויסשמעלצן. „איך האָב זיך צוגעפּאַסט צו מיינע צוהערער״, — שרייבט ער דאָרט — „צו זייער לעבן און צו זייערע פאָדערונגען״.

אָט אין דעם איז געלעגן זיין גרויסער דערפאָלג. „ריידן מוז מען נישט בלויז אין צ י י ט נאָר אויך אין פּ ל אַ ץ. ער האָט שוין אָנגענומען איינשטיין׳ס פּרינציפּ. לויט אים איז די רעדנער־קראַפט אַ פאַרזעצונג פון די אַמאָליקע נביאים.

אויסער זיינע נאַציאָנאַליסטישע איינשטעלונגען איז מאַסליאַנסקי געווען אַ הומאַניסט און שלום־פריידיקער. ער ווייזט אָן, אַז איינע פון די ערשטע לעקציעס, וואָס די ביבל גיט אונדז איז אין דער קין און הבל מעשה — ווי שרעקלעך עס איז ברודער־מאָרד! און וואָס זיינען דען די מלחמות אויב ניט אויפן גרויסן מאַסשטאַב קין און הבל געראַנגלען? ער איז אויך געווען קעגן עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש. אין איינער פון זיינע געשריבענע רעדעס אין העברעאיש זאָגט ער — „בני שחץ — האוכלים ואינם עושים, החיים על חשבון אחרים — (אין יידיש: חוצפּה׳דיקע יונגען, וואָס עסן און אַרבעטן נישט, וואָס לעבן אויפן חשבון פון אַנדערע״.

מאַסליאַנסקי׳ס פּלאַץ אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען ניט בלויז פונם אָראַטאָר, נאָר אויך פונם אָרגאַניזאַטאָר. פון 1900 ביז 1910 איז ער געווען וויצע־פּרעזידענט פון דער ניויאָרקער סעקציע פון דער יידישער „קאָנסאָמפּטיוו רעליעף סאָסייעטי אָוו דענווער״. צוזאַמען מיט׳ן יהודים׳שן כלל־טוער לואי מאַרשאַל איז ער געווען פּרעזידענט און רעדאַקטאָר פון דער „אידישער וועלט״.

מאַסליאַנסקי׳ס אויסערגעוויינלעכע רעדנער־קראַפט, צו זיין קלאָרער, אָפּגערונדעטער דיקציע, צו זיין וואַרעמען, דערפרישנדיקן קול און רייכער בויגיקער שפּראַך, קומט נאָך צו צו זיין בינע־דערפאָלג אויך זיין אימפּאָזאַנטע פּערזענלעכקייט, אַ מאַיעסטעטישער קאָפּ, וואָס ער האָט געטראָגן ווי אַ גייסטיקער קעניג. צו זיין רייכן שפּראַך־אוצר און פּערפעקטער אויסשפּראַך איז נאָך אויך צוגעקומען זיין וואונדערבאַרע מימיק און אָנגענעמע זשעסטיקולאַציע, ווי פון אַ מיטרייסנדיקן אַקטיאָר.

ער האָט מאָמענטנווייז איינגעצויגן זיין שטים, מאָמענטנווייז האָט זי זיך צעדונערט. אָבער די ווערטער זיינע זיינען שטענדיק געווען בליציק. מערסטע יידישע מגידים פלעגן פשוט זעגן די לופט מיט זייערע משונה׳דיקע האַנטבאַוועגונגען. ער האָט זי געגלעט ווי ער וואָלט האָבן פאַר זיך זיידנס. ביי

אים איז עס געווען דער כישוף פון צונג און האַלדז, פון ליפּן און פון געדאַנק און פון הענט, וואָס שרייבן אין דער לופט און מ׳קען עס לייענען.

קומענדיק קיין ניו יאָרק צו אַ קאָנווענשאָן אין 1913, האָט דער שרייבער דערמאָנט זיך דעם טעם פון מאַסליאַנסקי׳ס באַצויבערנדיקער שפּראַך און געגאַנגען אים הערן, נאָך אַ הפסקה פון 20 יאָר. אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזען דעם קורצן אַנאָנס: „מאַסליאַנסקי ידבר״, (מאַסליאַנסקי וועט ריידן) האָט עס שוין אים געצויגן כאָטש ער איז ווייט, ווייט געווען פון זיין אידעאָלאָגיע.

אין זיינע דרשות האָט מאַסליאַנסקי זייער אָפט אַרויסגעבראַכט די ביבלישע הומאַניטאַרע סאָציאַלע געזעצן און געוויזן, אַז ביי יידן זיינען שוין געווען אַבאָליציאָניסטן מיט אַרום דריי טויזנט יאָר פריער, ווי אין אמעריקע. ער פלעגט אָפט אונטערשטרייכן, דעם געבאָט „ולא תסגיר עבד אל אדוניו״ — „דו זאָלסט נישט איבערגעבן דעם אַנטלאָפענעם שקלאַף צוריק אין די הענט פון זיין האַר״.

דער גרויסער העברעאיש־יידישער שרייבער און הומאָניסט ראובן ברײנין, אין איינעם פון זיינע בריוו צו מאַסליאַנסקי׳ן, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ווי אַ פאָררעדע צו „מאַסליאַנסקי׳ס זכרונות״ אין יידיש (זיי זיינען אַרויס אויך אין ענגליש און העבראיש) שרייבט ער צווישן אַנדערן:

... איר קענט צוריקבליקן מיט שטאָלץ אויף אייער פאַרגאַנגענהייט; איר האָט אין אייער צייט געשאַפן די שולע פאַר די יידישע פאָלקס־רעדנער. מיט אייער גרויסער באַגייסטערונג, מיט אייער רעדנער־קראַפט, מיט אייערע רעדעס, וואָס זיינען שטענדיק געווען דורכגעזאָפּט מיט דעם עכט־יידישן גייסט, אָנגעפילט מיט די פּערל פון אונדזער אַלטער ליטעראַטור, און צו־גלייך מיט מאָדערנער קינסטלערישער פאָרם, האָט איר געדינט אַלס ביישפּיל פאַר אייערע תלמידים... איר האָט געלעבט מיט׳ן פאָלק און פאַרן פאָלק״.

אין 1921 איז מאַסליאַנסקי ווידער געפאָרן קיין פּאַלעסטינע. ער האָט דערלעבט דעם טיפן עלטער פון זיבן און אַכציק יאָר, ווען ער איז געשטאָרבן אין 1943.

זיינע געזאַמלטע דרשות, אין העברעאיש און ענגליש, זיינע מעמואַרן אויך אין יידיש, זיינען ווערטפולע בייטראָגן. אין זיי געפינען זיך אויסגעלייטערטע געדאַנקען, לעגענדעס און לאָר פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

לואיס ד. בראַנדייס — דער גרויסער יוריסט און ליבעראַל



לואיס דעמביץ בראַנדייס געהערט אָן ספק צו די גרעסטע פּערזענלעכקייטן וואָס אַמעריקאַנער יידן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן.

די ווידערשפּורכן, וואָס שונאים זיינע האָבן ביי אים געפונען, זיינען אינגאַנצן אַנדערע פון די, וואָס זיינע קעגנער אין דעם פּראָגרעסיוון לאַגער האָבן ביי אים באַגעגנט. ער איז נ י ט שטענדיק געשטאַנען אויף דער זעלבער ליניע פון לאָגיק און אַוודאי ניט שטענדיק אויף דעם זעלבן פּונקט פון געזעץ; דאָס האָט ער אַליין אויסגעצייכנט געוואוסט. צוזאַמען מיט פיל אַנדערע דיאַלעקטיש־דענקענדיקע מענטשן האָט ער ש אַ ר ף אונטערשטראָכן דעם צייט־ווייליקן און באַדינגלעכן כאַראַקטער פון געזעצן אָפטמאָל אפילו דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון די געזעצן אין דער איצטיקער געזעלשאַפט. אָבער ניט שטענדיק איז ער מיטגעגאַנגען ביז דעם סאַמע לאָגישן סוף פון דעם דאָזיקן איינשטעל.

דער גרויסער יוריסט, וואָס איז געווען דער ערשטער ייד אין אַמעריקע באַשטימט צו ווערן אין סופרים־ קאָורט, איז געבוירן געוואָרן דעם 13טן נאָוועמבער 1856, אין לואיוויל, קענטאָקי. זיינע עלטערן אַדאָלף בראַנדייס און זיין מוטער פרעדריקאַ (דעמביץ), זיינען געווען עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד. זיי האָבן צו אָפן סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציע פון 1848, אַז זיי זאָלן קענען פאַרבלייבן אין פרידן אין פנים פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. זיי האָבן געהייראַט אין אַמעריקע, אין 1849.

סיי אַדאָלף בראַנדייס, סיי זיין שוואָגער לואי דעמביץ, זיינען געווען פון דער היים ליבעראַלן. פרעדריקאַ אַליין איז געווען אַ הויך־געבילדעטע פרוי, דערצויגן אין אַ פיינער קולטור סביבה. אַ ליבהאָבערין פון ליטעראַטור און מוזיק, האָט זי אין אַזאַ אַטמאָספערע דערצויגן אירע קינדער. זייער הויז, אין לואיוויל, איז געווען אַ באַקאַנטער אַדרעס פאַר אַלערליי פאָרגעשריטענע קולטור־מענטשן און איבערהויפּט פאַר די אַבאַליציאָניסטן. באַזונדערס האָט

לואי דעמביץ, דעם גרויסן יוריסט׳ס אַנקל, אויסגעצייכנט זיך אַלס קעמפּער קעגן שקלאַפעריי. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט זיך געפונען אין דער סאוט, אין צענטער פון שקלאַפעריי, איז ער געווען איינער פון די וואָס האָבן נאָמינירט לינקאָלן פאַר פּרעזידענט. דער יונגער לואי ד. בראַנדייס האָט שוין אין זיינע פריע קינדער־יאָרן אַרויסגעוויזן סימנים פון אַ גוטן סטודענט און קומענדיקן פאָרשער. זיין דערציאונג האָט ער באַקומען אין אַ פּריוואַטער דייטשער אַקאַדעמיע, אין לואיוויל. ער האָט גראַדואירט האַי־סקול אין עלטער פון פערצן יאָר. מ׳האָט אים געשיקט אין דייטשלאַנד צו פאָרענדיקן זיין שטודיום. ער האָט פלייסיק געלערנט (1875־1873) אין דרעזדן, צוריקגעקומען לערנען אין אַמעריקע יוריספּרודענץ, און געענדיקט דעם יו־רידישן פאַקולטעט אין האַרוואַרד, אויף זיין 21טן יאָר, אין 1877.

קיין גרויסע שוועריקייטן אין זיין קאַריערע אַלס לאָיער האָבן זיך נישט פאַראויסגעזען פאַר׳ן יונגן יוריסט. פאַרקערט: ער איז גלייך געשטאַנען פּנים צו פּנים מיט אַ גרויסער קאַריערע. ער האָט געוואונען פּראָצעסן, נישט בלויז דורך זיין גרינטלעכן קענען די גרונט־פּרינציפּן פון יוריספּרודענץ, פאַר זיין וואונדערבאַרן זכרון פון אַלערליי פּרעצעדענטן, נאָר אויך דורך זיין אָרי־גינעלן אופן פון אויספאָרשן די אומשטענדן פון זיין קליענט׳ס תביעות און פון זיין קעגנער, אין אַלע זייערע פאַרצווייפלונגען. ער איז שטענדיק געקומען אַ באַוואָפנטער צום קאַמפּס־פּלאַץ. עס שרייבט וועגן אים סימור ס. גוטהמאַן אין דער „יוניווערסאַל דזשואיש ענציקלאָפּעדיע״:

„בראַנדייס האָט געבראַכט „צום גרינעם טיש״ דעם אמת פונ׳ם אומ־באַשטרייטבאַרן פאַקט. אַפּרייסנדיק זיך פונ׳ם אָנגענומענעם שולחן־ערוך פונ׳ם געזעץ, האָט ער דורך און דורך גרינטלעך אונטערזוכט דעם עקאָנאָ־מישן וועזן פון יעדער געגעבענער פּראָבלעם״.

עס האָט בראַנדייס׳ן נישט לאַנג גענומען צו דערזען אין פולער נאַקעט־קייט די גייציקע ציין־און־נעגל פון די טראַסטן, כאָטש ער איז צוליב זיין הויכער געלערנטקייט און פּייאיקייט געווען אַן אָנגעשטעלטער, און אפילו אַ דירעקטאָר אין איינעם פון זיי. און ווען ער האָט זיי גוט באַנומען און געזען וואָס פאַר אַ מכה זיי זיינען אויפ׳ן קערפּער פון דער אַזוי־גערופענער „פרי ענטערפּרייז״, האָט ער זיך נישט קיין וואָקל געטאָן און געוואָרפן זיי די אַרויסרוף־הענטשקע אין פּנים אַריין.

ניט אומזיסט האָט ער שפּעטער געקראָגן דעם ביי־נאָמען „דער פאָלקס־אַדוואָקאַט״. זיין ערשטער גרויסער אַרויסטריט קעגן זיין איינענעם מאָנאָ־פּאָל טראַסט פאַר וועלכן ער האָט געאַרבעט — די יונייטעד שו־מאַשינערי־קאָמפּאַני״, אין די אינטערעסן פון די קלענערע פאַבריקאַנטן, האָט קעגן

אים אויפגעשטעלט אַ וואַנט פון צאָרן און האַס. די „אידעאָלאָגן" פון דער מאָנאָפּאָליע האָבן קעגן אים אויפגעקליבן אַלע זיינע פריערדיקע איינשטע־לונגען און טעאָריעס וועגן רעכט פון קאָרפּאָראַציעס, און געפּרואווט זיי וואַרפן אים אין פּנים אַריין ווי גיפטיקע פיילן צו דערווייזן זיינע ווידערשפּרוכן.

אין דער אמת'ן זיינען גראַד די דאָזיקע ווידערשפּרוכן געווען נישט זיינע, נאָר זיי זיינען געווען די בליץ־שנעלע ענדערונגען, וואָס דער אַמערי־קאַנער אימפּעריאַליזם האָט פאַראורזאַכט אין זיין אימפּעטיקער אַנטוויקלונג. דער אויפשטייג פון די מאָנאָפּאָליעס, איז געוואָרן קלאָר פאַר יעדן סאָציאַל דענקענדיקן מענטשן, ברענגט מיט זיך די ירידה פון די קלענערע אונטער־נעמער, שוין נישט רייידנדיק וועגן אַ פאַרגרעסערטע עקספּלואַטאַציע פון די מיליאָנען פּראָדוצירער און געברויכער.

אָט אין דעם דאָזיקן ערשטן צוזאַמענשטויס מיט אַ טראַסט האָט בראַנדייס, וואָס ווייטער גענומען דערזען מער ליכט. ער האָט דערזען די עקספּלואַטאַציע פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל אויך אין די אייזנבאַן־טראַנספּאָרט געשעפטן, אין די באַנק־מאַניפּולאַציעס, אין די אינשורענס־קאָמפּאַניעס. ער איז אַרויסגעגאַנגען פאַרטיידיקן דעם יחיד קעגן דער רויב־קראַפט פון דער קאָמפּאַני און זיך מיטאַמאָל געפונען שטיין אויף דער פּלאַטפאָרם פון סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט און געפּרואווט זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן זי, נישט אָפּשאַפנדיק די אָרדנונג גופא.

אָט אין דעם ליגט באמת בראַנדייס'עס גרויסער ווידערשפּרוך. נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינגעשטעלט מיט גרויסער קענטשאַפט און לאָגיק פאַר'ן שוץ־געזעץ פאַר אַרבעטער־פרויען אין אָרעגאָן, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט פאַר'ן סופרים־קאָורט, און דער העכסטער געריכט אין לאַנד איז דערשטוינט געוואָרן פון זיינע אייזערנע אַרגומענטן, האָבן נאָכגעפאָלגט אַ רייע סאָציאַלע קריוודעס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן באַנעמען און שטעלן זיך קעגן זיי. זיי האָבן זיך ביי אים אַנטוויקלט אויף אַ גאַנץ לאָגישן אופן.

אויב אַ מינימום אַרבעטס־לוין איז וויכטיק פאַר פרויען־אַרבעטערינס, איז ער אויך וויכטיק פאַר אַלע אַרבעטער. אייב אַ קירצערער אַרבעטסטאָג פאַרלענגערט דאָס לעבן און געזונט פאַר פרויען — פאַרוואָס אויך נישט פאַר אַלע אַרבעטנדיקע מענטשן? דורכשטודירנדיק די גאַנצע געשיכטע פון גע־זעצגעבונג אין ענינים פון מינימום־לוין און אַרבעט שטונדן האָט ער אין זיין דערקלערונג (אין 1908) פאַר'ן סופרים קאָורט, אין אַ סומירונג פון אַרום פיר הונדערט זייטן געשריבן:

„.. ווי אייזן־שטאַרק עס זיינען די כוחות פון קאָנסערוואַטיזם וואָס האָבן געקענט נישט צולאָזן צו אונדז דעם איינפאַכן געדאַנק, אַז מענער און

פרויען דאַרפן, ניט ווייניקער ווי לאַסט־בהמות, ווערן געשפּייזט און געהויזט, אויב זיי זאָלן בלייבן נוצלעכע אַרבעטער און אָנהאַלטן זייער לעבן״.

בראַנדייס האָט זיך איינגעשטעלט דערנאָך פאַר׳ן געדאַנק, אַז די יוניאָן־אַרבעטער און באַלעבאַטים דאַרפן האָבן גלייכע כוחות אין זייערע פאַרהאַנדלונגען וועגן אַרבעטס־לוין. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר פאַרמערס קאָאָפּעראַטיוון און פאַר די קליינע געשעפטסלייט, אַז זיי זאָלן נישט איינגעשלונגען ווערן פון די גרויסע העכט.

נאָך זיין אָנהויבן איינשטעלן זיך פאַר די אינטערעסן פון די סוועט־שאַפּ אַרבעטער אין 1910, אין דעם גרויסן גאַרמענט־סטרייק אין ניו יאָרק, אַלס אומפּאַרטייאישער פאַרזיצער, האָט ער זיך שוין מער פאַראינטערעסירט אינ׳ם לעבן פון די יידישע אַרבעטער אויף דער איסט־סאַיד אין ניו יאָרק. פאַר־אינטערעסירט זיך אין דער געשיכטע פון זייער אימיגראַציע און אויף אַזאַ אופן איז ער דערנעענטערט געוואָרן צו זיין פאָלק. אין 1912 זעען מיר אים שוין ווי ער ווערט אַפילו אַ יידישער נאַציאָנאַליסט און טרעט אַריין אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נאָך זיין באַקענען זיך דורך דזשעיקאָב דע־האַאַז מיט דר. הערצל׳ס פּאָליטישער פּראָגראַם.

אין 1914 זעען מיר אים שוין ווי ער ווערט דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און דורך זיין איינפלוס, לעבט זי אָפּ פון די „קלעפּ״, וואָס זי האָט געקראָגן, פאַרלירנדיק צוליב דער וועלט־מלחמה די שטיצע פון די אייראָפּייאישע יידן.

ווען ער ווערט אין 1916 נאָמינירט פון פּרעזידענט ווילסאָן פאַר׳ן סופּרים־קאָורט, באַגעגנט ער אַ מעכטיקע קעגנערשאַפט אין קאָנגרעס מצד די ביטערע רעאַקציאָנערן אין וואָל־סטריט, אין סענאַט און אין די קרייזן פון די מאָנאָפּאָליסטישע לאָיערס. אין איין פּעטיציע טרעטן קעגן אים אַרויס זיבן געוועזענע פּרעזידענטן פון דער „לאָיערס באַר אַסאָסיעשאָן״״; צווישן זיי טאַפט, דער געוועזענער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַר וויל־סאָנען און פון עליהו רוט, דער פריערדיקע מלוכה־סעקרעטער. וואָכן־לאַנג איז אָנגעגאַנגען די ביטערע קאַמפּאַניע קעגן דעם „שרעקלעכן ראַדיקאַל״. ער איז אָבער סוף כל סוף דורכגעגאַנגען מיט זייער אַ קליינער מערהייט.

אוודאי האָט ער געמוזט אויפגעבן זיין ציוניסטישע פּרעזידענטשאַפט, ווען ער איז געוואָרן אַ ריכטער אין סופּרים־קאָורט, אָבער ער איז שוין געווען פאַרבונדן אידייאיש מיט אַלע אירע פירער און פירונגען. ער איז אַ היפּשע צאָל יאָרן געווען איר ערן־פּרעזידענט און אין די יאָרן 1920־1921 דער ערן־פּרעזידענט פון דער וועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער ציוניזם האָט אין בראַנדייס׳ן געהאַט אַ גרויסע מאָראַלע און מאַטעריעלע

קראַפט. נישט בלויז האָט ער באַוואויגן פיל יידן אין די הויכע פינאַנץ־קרייזן צו פינאַנסירן פיל פּאַלעסטינער פּראָיעקטן, נאָר ער אַליין האָט מאַ־טעריעל געהאָלפן אַלע ציוניסטישע אַקציעס.

כאָטש נישט שטענדיק האָט ער איינגעשטימט מיט די ציוניסטישע פּאַרטיי־פירער, אפילו ניט מיט דר. חיים ווייצמאַנ׳ען, אָבער אין ישראל קען מען נאָך געפינען פיל אינסטיטוציעס אויף בראַנדייס׳עס נאָמען. אין 1931 איז אויף זיין נאָמען געגרינדעט געוואָרן דער מושב „כפר בראַנדייס״ (בראַנדייס־דאָרף). מען ווייס זיין גרויסן איינפלוס, וואָס ער האָט אויסגעאיבט אויף לאָרד באַלפור און זיין דעקלעראַציע, און אין פיל שפּעטערדיקע סכסוכים מיט דער ענגלישער רעגירונג אין דער פראַגע פון די פּאַלעסטינער גרעניצן.

ביי אים איז אַמעריקאַניזם נישט געווען קיין ווידערשפּרוך מיט זיין יידישקייט. ער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט — „די אַמעריקאַנער אידעאַלן פונ׳ם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זיינען די אידעאַלן פון די יידן אין משך פון צוואַנציק יאָרהונדערט״. אויב דער דאָזיקער מאָטאָ קען היפּשלעך באַצייכנט ווערן מיט פראַגע־צייכנס — וועמעס אַמעריקאַנער אידעאַלן — ד׳עבס׳עס צי פּאַלמער׳ס? און פאַרוואָס עפּעס צוואַנציק יאָרהונדערט — פאַרוואָס נישט די 27 יאָרהונדערטער פון השוע, עמוס און ישעיהו? איז ער דאָך כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דער ווידערשפּרעכלעכער, אָבער רייכער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אין משך פון צוויי און צוואַנציק יאָר אין סופרים־קאָורט פאַרנומען דאָרט צוזאַמען מיט אָליווער װענדל האָלמס, די ליבעראַלסטע פּאָזיציעס, וואָס זיינען דאָרט ווען עס איז געגומען געוואָרן.

ווען סטעפען ס. ווייז האָט פאָרגעשלאָגן דעם פּרעזידענט ווילסאָן צו שיקן בראַנדייס׳ן אַלס אַמעריקאַנער דעלעגאַט צום שלום קאָנגרעס אין ווערסאַיל, האָט ווילסאָן אים אָפּגעזאָגט מיט דער פאַרשנדיקער באַמערקונג: „איך דאַרף אים האָבן אומעטום, אָבער איך מוז דאָך אים אין ערגעץ לאָזן״.

האָט ער טאַקע דורך זיין אין דעם סופרים־קאָורט דער „שטענדיקער אָפּפרעגער״, פיל געהאָלפן אין שאַפן די אַטמאָספערע פאַר רוזוועלט׳ס „נייעם דיל״, און פאַר זיין מער ליבעראַל אָפּגעקליבענעם געוועזענעם סופרים־קאָורט.

דאָס איז אַליין, אַן־און־פאַר זיך, געווען אַ גרויסער ביטראַג פאַר אַמעריקע. לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען, אַז אין וואַלטהעם, מאַסאַטשוזעטס, געפינט זיך אַן אוניווערסיטעט אויף בראַנדייס׳עס נאָמען.

געשטאָרבן איז בראַנדייס אין 1941, אין זיין 85טן יאָר.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

אונדזער בכור, אונדזער „זיידע״

ווי געפעלט אייך דער דאַזיקער זעלבסט פּאָרטרעט?

...„ אַ געבוירענער אַ יאַנאָווער. אַ קאָוונער האַדעוואַניק, אַ קיידאַנער נכתב, אַ לאָנדאָנער אידים און אַ ניו־יאָרקער „סיטיזן״, וואָס איז מגולגל געוואָרן אַזויפיל מאָל, וואָס איז געוואָרן, אָן גוזמאות — פון אַ לשון־קודש׳דיקן בחור אַ רוסיפיצירטער העברייער, דערפון אַ פּאַרטייטשטער רוס, דערפון אַ פראַנצויזישער טייטש, דערפון אַן אַנגליזירטער פראַנצויז, דערפון אַ יידישער אַמעריקאַנער — דאָס אַלץ מיט דענישע, האָלענדישע, בעלגישע, שווייצאַרישע שטויב אויף די שטיוול...״

אַזוי האָט דער „זיידע״ פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אָנגעשריבן זיין אייגענעם „אינטערנאַציאָנאַלן פּאַספּאָרט״, וואָס איז אָבער דערנאָך היפּשלעך פאַרלענגערט געוואָרן מיט זיין רייזע אין זיין פריער־אויסגעחלום׳טן צוקונפט־לאַנד — אין דער מדינה פון די סאָוועטן, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויפצובויען סאָציאַליזם אין אונדזער צייט.

דאָס איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי, אַ זון פון אַ ר׳ זיסל נאָוואַכאָוויץ, אַן אייניקל פון אַ פּוילישן מיאַטעזשניק, ר׳ יצחק, וואָס איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אינם אויפשטאַנד פון 1831, און זיין פרוי, די אַלמנה איז געוואָרן אַ מאַמע צו אַלע יתומים, אביונים געפּייניקטע און אומגליקלעכע. דער שפּעטערדיקער „זיידע״ מאָריס ווינטשעווסקי, איז געבאָרן געוואָרן ליפּקע בן־ציון, אַן אַרומגערינגלטער מיט פיל גוטסקייט און צערטלעכקייט. ווען ער איז קראַנק געווען, האָט מען אים אין קיין זאַך ניט אָפּגעזאָגט. מען האָט אים געגעבן „אַ טעלער צום צעברעכן, א מחזור צום צערייסן... אַ געוויכט פון זייגער צום קייקלען...״ ווער ווייס, צי דאָס איז פאַרן קינד נישט אַמאָל געוואָרן זיין סימבאָל אין לעבן — צו קייקלען ווייטער דאָס געוויכט פון דער צייט, צו שטויסן דעם זייגער פאָראויס...

צי ער האָט צעריסן דעם אַלטן מחזור אויף שטיקלעך ווייסן מיר נישט.

אין די וויטעדיקע „קייקלעניש ן" האָט ער אים סימבאָליש זיכער צעריסן. צו דרייצן יאָר האָט ער שוין אָנגעקוואָלן פון קרילאָוו'ס פאַבלען אין רוסיש און אים געפּרוּווט נאָכמאַכן אין דער זעלבער שפּראַך. ווען ער האָט געענדיקט די פאָלקס־שול אין קאָוונע האָט ער אין גימנאַזיע נישט געקענט גיין, ווייל דער פאָטער איז געווען „אין דער שטיל" אַ קבצן. האָט מען אים געשיקט קיין ווילנע, וואו ער האָט זיך געגרייט צו דער דאָרטיקער ראַבינער שול, שטודירט דייטש דורך משה מענדעלסאָנ'ס ביאור אויפן תנ"ך, געלייענט לודוויג בערנע'ן, דעם העברעאישן זשורנאַל „המגיד", דורך וועלכן ער דערוויסט זיך וועגן דער „פּאַריזער קאָמונע", פון די, וואָס האָבן געשטורעמט די הימלען".

איז ער שוין צוריקגעקומען קיין קאָוונע אַן אויפגעשטורעמטער און אַ פּאַרצווייפלטער. עס איז געווען לייכט פאַר זיינעם אַ חבר, שלומ'קע זאַקס אַריבערצוציען אים ניט בלויז פון קלויז אין מאַרק, פון לערנען צו „שווינדלערישע געשעפטן", נאָר אויך שיר־ניט צו ווערן אַ גנב. אָבער דער עכאָ פון בערנע, דעם פרייהייטס־קעמפער און אמת־זוכער, האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד צו דער תאווה פון געלט און נאָך געלט, און אַ באַפרייטער פון די דאָזיקע אומערלעכע לײדנשאַפטן, ווערט ער אין עלטער פון זיבעצן יאָר אַ קעמפער פאַר ערלעכקייט און אמת.

אַן אָנגעלאָדענער מיט דער השכלה־ליטעראַטור אין העברעאיש, מיט די פרייהייטלעכע שריפטן פון בערנע און די רוסישע ניהיליסטן, נעמט ער שוין טונקען זיין פען ניט פאַר שפּיל, נאָר פאַר ערנסטע צוועקן. ער פאָדערט שוין דעמאָלט רעפאָרמען פאַר דער תלמוד־תורה. דאָס איז געווען זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ אין „המגיד". זי איז דערשינען דעם 30טן יולי, 1873, אין אַן אָנהויב פון פען־שווערדריי, וואָס האָט זיך פאַרפאָכטן אויף קנאַפּע זעכציק יאָר.

אין איין חודש שפּעטער, אין אָנהויב סעפּטעמבער, 1873, זעען מיר אים שוין אַלס קאָנטאָר־אָנגעשטעלטן אין דער רוסישער שטאָט אָריאָל. אַ דאַנק זיין פאָטער'ס באַקאַנטשאַפט מיט'ן באַנקיר שלמה פיינבערג. דאָס איז געווען די שטאָט, וואָס ער האָט פאַרגעסן אויף אַ מאָמענט צו פאַרצייכענען אין דעם אויבנדערמאָנטן צעטל פון „ויסעו ויחנו" — פון די שטעט, וואָס האָבן געלייגט זייער התימה אויף זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג. אין אָריאָל איז דער שפּעטערדיקער ווינטשעווסקי געוואָרן אַ סאָציאַליסט, אמת בלויז אַ פאָלקס־סאָציאַליסט, אַן מאַרקסיזם און אָן אַ פּראָלעטאַרישן דרך, אָבער דאָך אַן איבערמאַכער פון דער וועלט!

אוודאי איז דער דאָזיקער סאָציאַליזם אין אָנהייב געווען אַ באַדנלאָזער

און נישט קיין פּאַראַנקערטער. דער פויער, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער אַקס, אַרום וועלכן דער נייער געדאַנק האָט זיך געזאָלט דרייען, איז ביי אים אומקערנדיק, זיך צוריק קיין קאָוונע, אינגאַנצן אויסגעבלייכט געוואָרן. ערשט אהרן ליבערמאַנ׳ס פּראָקלאַמאַציע אין העברעאיש, אין 1876, „אל שלומי בחורי ישראל״, האָט אים אָנגעוויזן אַז די „גאולה״ הענגט נישט אָפּ בלויז פון פויער... אַז עס זיינען פּאַראַן געגנוג באַרויבטע און באַ׳עוולה׳טע אין שטאָט, צווישן יידן און נישט יידן.

און וואָס אהרן ליבערמאַנ׳ס רוף האָט אָנגעהויבן צו פּאַרפּלאַנצן אינם מוח פונם יונגן אידעאַליסט, האָט אָנגעהויבן צו לאָזן ביי אים טיפערע וואָרצלען ווען ער איז מגולגל געוואָרן אין קעניגסבערג, דייטשלאַנד, ווי אַן אָנגעשטעלטער אין פיינבערג׳ס דאָרטיקן באַנק־קאַנטאָר. דאָרט, דורך דער סאָציאַליסטישער פּרעסע און ליטעראַטור, ווערט ער שוין ביסלעכוויז אַריינגעצויגן אין סאָציאַליסטישער טעטיגקייט: ער קלייבט אַבאָנימענטן פּאַר ליבערמאַנ׳ס העברעאיש־סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת״, שרייבט פּאַר אים אַן אַ ליד. ווען דער „אמת״ און זיין רעדאַקטאָר ווערן פּאַרשפּאַרט אין אַן עסטרייכישער טורמע, ווערט ער דער 21־יאָריקער בחור׳ל, אַליין דער רעדאַקטאָר פון ראַדקינסאָנ׳ס „אסיפת חכמים״. ער פּילט אויס כמעט אַליין די ערשטע נומערן, לויפט אויך פּאַרזאַמלונגען, שלינגט די נייטיקע צייטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן און ביכער. לערנט זיך ווי אַזוי צו שרייבן קורץ מיט וואונקען און אָנצוהערענישן. ער ווערט דער „יגלי איש הרוח״, דער פּאַנטאַזיאָר, וואָס שרייבט פּאַנטאַזיעס און פעליטאָנען, שרייבט לידער. שרייבט קריטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען אונטערן צווייטן פּען־נאָמען „בן נץ״ (ניט צוזאַמענמישן מיט׳ן הנ״ץ, ניימאַנאָוויטשעס פּסעוודאָנים אין „הצפירה״). אין פּאַרשיידענע פּאָרמען זיינען די אַלע שריפטן פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם אונטערדריקערישן קאַפּיטאַליסטישן וועלט־סדר. ער שרייבט אפילו אַ ראָמאַן, וואָס איז טיילוויז אויטאָביאָגראַפיש, אָבער הויפּטזאַכלעך סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. ער לאָזט איבער די „יידישע פראַגע״ געלייזט צו ווערן אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

אין יענער צייט פּאַרעפּענטלעכט ער זיין ערשטן אַרטיקל אין יידיש אינם „קול לעם״ (פּאָלקס־שטימע), אַ ביילאַגע צו ראַדקינסאָנ׳ס „הקול״, אַ העברייאישע וואָכנבלאַט. אין 1878 זעען מיר אים שוין אויך אין דייטשע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן. ער שרייבט אָבער הויפּטזאַכלעך אינם „הקול״, קאָרעספּאָנדירט מיט ליבערמאַנ׳ען, ביז ער ווערט אין דער אַנטי־סאָציאַליסטישער בהלה אַרעסטירט צוזאַמען מיט דריי אַנדערע חברים און ענדלעך אַרויסגעשיקט קיין דענמאַרק. און פון דאָרט האָט מען אים לאָנדאָן געוואונקען.

דאָרט הייבן זיך אָן נייע באַקאַנטשאַפטן און נייע השפּעות. ווינטשעוו־

סקי באַקענט זיך מיטן באַרימטן אַנאַרכיסט יאָהאַן מאָסט אין דער זעלבער וואָך, אין וועלכער ער האָט זיך פריער באַקענט מיטן אַפּאָרטוניסטישן העב־רעאישן שרייבער נפתלי הלוי. אָבער אים איז „קאַלט" אין לאָנדאָן. אים ציט קיין פּאַריז, דאָרט האָט פּיאָטר לאַווראָוו, דער באַרימטער רוסישער עמיגראַנט געזאַמלט אַרום זיך אַנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערן פון זיבן לענדער, די „סאָ־ציאַליסטישע גרופּע", וואָס ער האָט געכאַוועט גייסטיק. ווינטשעווסקי, איינער פון זיי, האָט געהאָלפן הונגערן פינף טעג אין דער וואָך. מיט יאָרן שפּעטער האָט ווינטשעווסקי אָנערקענט לאַווראָוו'ן פאַר זיין גייסטיקן פאָטער. לאַווראָוו אַליין איז געווען אַקטיוו אין דער פּאַריזער קאָמונע, געווען אַ מיטגליד פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, און זיך פריער געהאַלטן פאַר אַ תלמיד פון מאַרקס'ן, אָבער אין די 80קער יאָרן האָט ער פאַרלאָרן זיין גלויבן אין דער מעגלעכקייט קענען אָרגאַניזירן אין רוסלאַנד אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, און איז ווידער געוואָרן אַ נאַראָדניק.

אָבער סוף 1879 זעען מיר שוין ווינטשעווסקי'ן צוריק אין לאָנדאָן — פריער נאָר אויף עטלעכע טעג און דערנאָך שוין אויף גאַנצע פופצן יאָר. זיין ערשטע באַשעפטיקונג — לעקציעס אין העברעאיש און שפּעטער אין ענגליש פאַר אָנפאַנגער. דאָס האָט אים נאָך עטלעכע יאָר געהאַלטן אין די קרייזן פון די דאָרטיקע העברעאישע משכלים פון איין זייט און פון די דייטשע סאָ־ציאַליסטישע קרייזן, וואו ער איז געווען טעטיק פון דער צווייטער זייט. אַרבעט צווישן יידיש־ריידנדיקע יידן האָט אים אין 1879 אויסגעקוקט צו זיין האָפנונגסלאָז. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור אין יידיש, „יהי אור", און האָט זי נישט געקאָנט לאָזן דרוקן נישט קאָנענדיק שאַפן די פיר פונט פאַרן דרוקער...

ערשט ווען אהרן ליבערמאַן איז אַרויסגעקומען פון די תפיסות און זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן, האָט ער זיך דאָרט גענומען רודערן. דאָס איז געווען שוין אין 1880. זיי גרינדן דעם „יידישן אַרבעטער־בענעפיט און בילדונג פאַראיין". אמת לאַנג האָט דער פאַראיין ניט געלעבט — ליבערמאַן איז אין זיין 36יאָריקן עלטער געוואָרן פאַרליבט און אַנטווישט אין לעבן און ער, ווינטשעווסקי, האָט געקראָגן, דורך רעקאָמענדאַציע אַ גוטע שטעלע ביי דער יידישער באַנק־פירמע „זעליגמאַן ברידער". אָבער אין 1884, ווען דער יאוש, וואָס איז באַפאַלן די יידיש־רעוואָלוציאָנערע קרייזן אומעטום, — אַ רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין 1881, האָט נאָכגעלאָזן און אַ פליי פון יידישער אימיגראַציע האָט געשאַפן נייע מעגלעכקייטן, נעמט זיך דעמאָלט ווינטשעווסקי ערשט רעכט צו דער אַרבעט.

אַ באַזאָרגטער מיט פרנסה דורך זיין פעסטער שטעלע אין דער באַנק,

דערשיינט שוין זיין פיר־יאָריקע בראשור פון דער פינצטערניש אַרויס און עס ווערט טאַקע „יהי אור". אַ יאָר צייט האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ נייער יידישער שניידער־פאַראיין, און עס זיינען שוין געווען פּראָלעטאַרישע לייענער. דערצו הייבט זיך אָן אויף אָן ערנסטן אופן ווינטשעווסקי'ס גלענ־צנדיקע טעטיגקייט אויפן געביט פון יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. ער ווערט דער רעדאַקטאָר פונם „פּוילישן יידל" אונטערן העברעאישן פּען־נאָמען בן־נץ, און אין באַנק גייט ער אָן מיט זיין אַדאָפּטירטן נאָמען לעאָפּאָלד בענעדיקט, וואָס בלייבט אים שוין אָפּיציעל אויפן גאַנצן לעבן. פונם „פּוילישן אידל" ווערט דערנאָך „די צוקונפט".

דאָס איז געווען די ערשטע פּראָלעטאַרישע צייטונג אין יידיש. דאָס איז געווען די לאַבאָראַטאָריע פון דער יידישער אַרבעטער־לעקסיק. דאָרט זיינען דערשינען די ערשטע אַרבעטער לידער און דערציילונגען און אויף אַזאַ אופן איז ווינטשעווסקי פול באַרעכטיקט געוואָרן צום וואונדערבאַרן טיטל „דער זיידע פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור". כאָטש צום ערשטן מאָל האָט אים גערופן „זיידע" דיאַנאַ בעלסקי, אַ מיידל, וואָס איז געווען אין אים פאַרליבט ווען אים איז בלויז געווען 19 יאָר, און צום צווייטן מאָל, אין באַנק, ווען זיינער אַ מקורב אין קאַנטאָר וואָס מ'האָט גערופן „סאָני" — איז געוואָרן אַ טאַטע, איז שוין דאָרט ל. בענעדיקט במילא געוואָרן אַ „זיידע".

אגב איז דער נאָמען „ווינטשעווסקי" גופא אַ נאָמען פון זיין הויפּט־העלד אין דער בראָשור „יהי אור". ער איז געוואָרן אַ שרויפער (ווינטש — אַ שרויף.)

אין זעלבן יאָר 1884 איז אַרויס, אויך אונטערן העברעאישן פּסעוודאָנים „בן נץ זיין ערשטע לידער־זאַמלונג.

די ווייטערדיקע יאָרן אין לאָנדאָן זיינען געווען יאָרן פון קאַמף און פון שאַפן מוסטערן פון יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, סיי אינם „אַרבעטער פריינד, וואָס ער האָט געהאָלפן גרינדן אין 1885 און וואו ער איז געווען דער פאַקטישער רעדאַקטאָר (אָפּיציעל איז עס געווען פיליפ קראַנץ, וואָס האָט זיך אַקאָרשט אויסגעלערנט יידיש שרייבן און דערנאָך זיין שוואָגער ק. גאַלאָפּ) און סיי אין זיין פּראָזע און פּאָעזיע, ראָמאַנען, קריטישע און פּאָלעמישע אַר־טיקלען, צו 29 יאָר האָט ער געהייראַט רבקה העריס אין 1885.

אַן אויסנאַם איז געווען דער פּעריאָד פון דער היימאַרקעט טראַגעדיע אין שיקאַגאָ, וואָס האָט געהאַט אירע אָפּקלאַנגען אין דער גאַנצער וועלט. דער פּאָגראָם אויף דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג פאַר אַן 8־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג האָט ווידער אָנגעוואָרפן אַ בהלה, איבערהויפּט אין ענגלאַנד.

ווינטשעווסקי האָט זיך געפּרוּווט באַהאַלטן אונטער אַלערליי פּסעוודאָנימען, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן — מ׳האָט דערקענט דעם זיידן. ער האָט שוין אָנגעהויבן אונטערצושרייבן זיך מיט אינגאַנצן פּרעמדע בוכשטאַבן, אַ „ב״ אָדער אַ „ג״. אָבער מ׳האָט דערקענט. האָט ער שוין גענומען שרייבן אינגאַנצן אָן חתימות, און אויף אַ שטיקל צייט אינגאַנצן אויפגעהערט.

אין זיינע לאָנדאָן יאָרן זיינען געבאָרן געוואָרן ווינטשעווסקי׳ס שטאַרקסטע לידער און ער אַליין האָט מקיים געווען דאָס, וואָס ער זאָגט אָן דעם „אַרבעטער פריינד״ צו זיין גרינדונג —

„איך בעט דיך, דערקלער זיי, אַז זיי קענען מאַכן
אַ סוף צו דער הערשאַפט פונם קאַפּיטאַליסט,
און קוק ניט אויף דעם וואָס וועט פון דיר לאַכן —
דעם שקלאַף, וואָס פאַרלוימדעט דעם סאָציאַליסט. . .״

ער האָט אָבער ניט געקוקט אויף די „חכמים״, וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט״, אויף די וואָס האָבן „חרטה געהאַט אויף זייערע נאַרישקייטן״, אויף די וואָס זיינען אַריבערגעלאָפן צום שונא, נאָר געפאָדערט און גערופן: „וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע!״

מאָריס ווינטשעווסקי׳ס שטאַרקסטע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע לידער זיינען געשריבן געוואָרן אין לאָנדאָן. אָבער אין זינען פון סאָציאַליסטישער אָנגעהעריקייט און זיין אַ בויער פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז דער „זיידע״ געבליבן אַ לעגנגערע צייט זייער הינטערשטעליק.

קאַרל מאַרקס׳ ראָלע אַלס טעאָרעטיקער און גייסטיקער פירער פונם מאָדערנעם סאָציאַליזם, איז שוין דעמאָלט געווען לאַנג באַוואוסט, אָבער ווינטשעווסקי האָט זיך אין די פיר יאָר, וואָס דער אַלטער פּיאָנער און פירער האָט נאָך דאָרט געלעבט, נישט באַמיט קיין איינמאָל צו גיין און אַ קוק טאָן אויף אים, שוין ניט ריידנדיק וועגן אָננעמען זיך מיט די שטראַלן פון זיין חכמה. דאָס קען זיכער צוגעשריבן ווערן צום פאַקט, וואָס דער „זיידע״ האָט בשום אופן נישט געקענט מוחל זיין מאַרקס׳ן פאַר זיין קוקן אויף לאַסאַל׳ן שיר ניט ווי אויף אַן אויבנאויפיקן אַגיטאַטאָר און אומפאַראַנטוואָרטלעכן בעל־גאווה. ביי ווינטשעווסקי׳ן איז לאַסאַל געווען די גרעסטע פּערזענלעכקייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דער מעכטיקסטער טריבון פונם פּראָלעטאַריאַט, די שאַרפסטע און קלינגענדיקסטע פען אין דער סאָציאַליסטישער זשורנאַליסטיק. זיינע רעדעס, וואָס האָבן נאָך אפילו אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן, 20 און 30 יאָר נאָך לאַסאַל׳ס טויט, צירקולירט אין דייטשע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קרייזן, האָט ווינטשעווסקי אַ לאַנגע צייט געקענט אויף אויסווייניק.

און בכלל איז נאָך דעמאָלט דער זינגעוודיקער ווינטשעווסקי לויט זיין באַנק־שטעלע, און לויט זיין בענקענדיקער שטעלונג צו דער ראָמאַנטיק פון דער באַוועגונג איידער צו אירע ברייטע טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען, נישט געווען קיין קאַנדידאַט פאַר וועלכער עס איז פּאַרטיי־גרופּירונג. איז ער דאָך געווען מיט־רעדאַקטאָר פונם „אַרבעטער־פריינד“, וואָס איז אַ לענגערע צייט געווען 'אַל־פּאַרטייאיש'. עס איז אַ פאַקט, אַז אפילו דער ערשטער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס אין פּאַריז, אויף וועלכן עס איז געגרינדעט געוואָרן דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, האָט אין ווינטשעווסקין קיין שום רעגונג ניט אַרויסגערופן.

אפילו אַזוי שפּעט ווי אין אויגוסט 1891, (פאַרזיכערט אב. קאהאן, אינם דריטן באַנד „בלעטער פון מיין לעבן“) האָט נאָך מאָריס ווינטשעווסקי זיך נישט געהאַט אַרויסגעזאָגט צו וועלכער פּאַרטיי ער געהערט. דעמאָלט האָט ער נאָך אַלץ מיטגעאַרבעט מיט אַנאַרכיסטן און אומפּאַרטייאישע און אַז ער האָט רעזיגנירט פונם „אַרבעטער־פריינד“ האָט ער מיטגעאַרבעט אין דער נייער „פרייער וועלט“ און ווידער באַדויערט דעם „ברודער־קאַמף“ צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן.

די דעבאַטעס צווישן די צוויי ריכטונגען האָט ער גערופן „דער קאַלטער גערודער“ פון וועלכן עס שוידערט פאַר קעלט... אָבער צום סוף איז ווינ־טשעווסקי גופא אויך אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין די דאָזיקע קאַמפן און אָנגערופן דעם רעדאַקטאָר פונם „אַרבעטער פריינד“ ש. יאַנאָווסקי „אַ כיטרע חיה מיט אַ קעפּל“. זיין פעדער ווערט נאָך אומרואיקער און ליד נאָך ליד, איינ־געשלאָסן זיין באַקאַנט לידל „די דריי שוועסטער“, ווערט אַרויסגע'כישופ'ט. ער הויבט זיך אָן מער אַריינצואוואַרפן אין דער פּראַקטישער אַרבעט פון אָרגאַניזירן, פון צונויפגיסן אַרבעטער־גרופּירונגען. ער ווערט דעמאָלט אויך אַ רעדנער, אַ לעקטאָר אין יוניאָנס און אין 1893 איז ער שוין אַליין אַ דעלעגאַט פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פון דער יידישער יוניאָן־באַוועגונג אין ענגלאַנד צום אינטערנאַציאָנאַל'ן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ציריך, וואָס ער האָט נאָך מיט פיר יאָר צוריק איגנאָרירט.

דעמאָלט זעען מיר אים שוין אויך ענערגישער אויפן ליטעראַטור־געביט, איבערזעצט אין יידיש איבסנ'ס דראַמע „נאָרא“ און שרייבט צוויי אַרטיקלען וועגן איבסנ'ס ווערק. זיינע לידער זיינען שוין ביי דער צייט געזונגען געוואָרן אין רוסלאַנד, ליטע און פוילן און נאָך מער אין אַמעריקע. זיינע 'משוגעת'ן' און פעליטאָנען אין דער אַנאַרכיסטישער און סאָציאַליסטישער פּרעסע אין ענגלאַנד, זיינען גלייכצייטיק געלייענט געוואָרן אין אַמעריקע, און האָבן אַרויסגערופן די גרעסטע באַגייסטערונג אין די פּראָלעטאַרישע קרייזן, ווען

מען האָט געהערט, אַז דער „זיידע אַליין קומט קיין אַמעריקע רעדאַגירן אַ סאָציאַליסטישע צייטונג.

דער קבלת פּנים וואָס ווינטשעווסקי האָט געקראָגן ביי זיין אָנקומען אין אַמעריקע פון זיינע שטענדיקע לייענער איז געווען אַן איבערגעוויינלעכער פאַר יענער צייט און אַ מאַניפעסטאַציע פון באַוואונדערונג און ליבשאַפט. דערצו האָט אויך בייגעטראָגן דער אַפּאַראַט פון דער „אַרבעטער־צייטונג אַסאָסיעישאַן", וואָס האָט אַרויסגעגעבן די „אַרבעטער־צייטונג" און גע־ווען ערב דעם אַנהויב פונם 'אַבענד־בלאַט". דער ווינטשעווסקי־אויפנאַם אין ווינדזאָר טעאַטער איז שוין גלייכצייטיק געווען אַ מאָביליזאַציע פאַר דער נייער צייטונג און דער איבערגעפאַקטער עולם האָט בייגעטראָגן מיט אַ פאַרטאָפּלטער שמחה.

דער זעלבער פּרעסע־אַפּאַראַט שאַצט גלייך אָפּ די סיטואַציע און שיקט אַרויס ווינטשעווסקי'ן אויף אַ טור פון קבלת־פּנים'ס דעם „זיידן" און אומעטום איז די התלהבות פון זען דעם גרויסן גאַסט מיט די אייגענע אויגן, געווען אַן אַנשטעקנדיקע. די נייע צייטונג האָט זיך מיט אים גוט רעקלאַמירט. בפרט נאָך, אַז שוין אינם ערשטן נומער איז דערשינען דעם זיידנס אַ טעאַטער־רעצענזיע וועגן די צוויי יעקב'ס (יעקב גאָרדין, דער אויטאָר פון דער פּיעסע און יעקב אדלער, דער שפּילער פון דער הויפּט־ראָל). גלייכ־צייטיק שרייבט ער פאַר'ן נאָוועמבער נומער „צוקונפט". און איידער וואָס־ווען איז ער שוין אַן אַריינגעצויגענער אין די ביטערע קאַמפן פון יענער צייט, אין און אַרום דער באַוועגונג.

ווי ער אַליין כאַראַקטעריזירט עס שפּעטער האָט ער געפונען ביים אַריבערקומען אַהער —

„...אַ מערקווירדיגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי: אַ באָס, אנשטאָט אַן אינטעלעקטואלן פירער... אַ דיסציפּלין, ניט אַ גענאָסנשאַפטלעכע, נאָר אַ מיליטעריש־פּרייסישע... „מויל האַלטן!" יעדע קריטיק קעגן אַ פּאַרטיי־פירער דערקלערט פאַר אַ מאַיעסטעט־באַליידיקונג און אַזוי באַשטראָפט. יעדע אַגיטאַציע פאַר אַ פאַרבעסערונג אין דער פּאַרטיי — כמעט הויכפאַרראַט.

„... איך האָב דאָ געפונען אַ פּאַרטיי־צייטונג, וואָס האָט קאָנטראָלירט אַלץ און אַלעמען און איז צו קיינעם אַליין ניט געווען פאַראַנטוואָרטלעך... דעליאָנ'ס שלאָגוואָרט איז געווען אַ „פּאַרטי־ענד־פּרעס", אַ פּרעסע קאָנ־טראָלירט פון דער פּרעסע. די פּרעסע — דאָס איז געווען די רעדאַקציע און די רעדאַקציע איז געווען דער רעדאַקטאָר... און האָט אימיצער געהאַט אַ קעגנערישע מיינונג, האָט מען דערשטיקט די מיינונג און אונטערדריקט דעם קעגנער".

ווי מיר זעען פון דעם איז דער הויפּט־קאַמף געווען ביי ווינטשעווסקי׳ן מיט׳ן פירער פון דער ס. ל. פּ. (סאָשעליסט לעיבאָר פּאַרטי) און מיט זיין שטרענגער דיסציפּלין. ווינטשעווסקי איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אַ „פרייער פויגל", אויסער דער פּאַרטיי. ער האָט דאָך נאָך אין לאָנדאָן דער־קלערט:

„איך לאָז ניט פאַרצאַמען מיין וועג דורך פּראָגראַמען, איך קען קיין פּאַרטיימאַן ניט זיין; איך קען מיין געוויסן ניט בינדן און שליסן אין ענגע שנוראָווקעס אַריין..."

ער האָט אַ געוויסע צייט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס די באָסטאָנער יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן אים גערופן צו זיין רעדאַקטאָר פון זייער צייטונג דער „אמת". שרייבט ק. מרמר אין זיין ביאָגראַפיע — ׳בלעטערט מען דורך דעם „אמת", אַזוי זעט מען, אַז פון זיינע 368 זייטן האָט ער אַליין אויסגעפילט איבער 300. פון אָנהייב האָט ער בלויז געהאַט איין מיטאַרבעטער, זיין פריינט יעקב גאָרדין...״

דער „אמת" איז געווען פאַר יענער צייט אַ מוסטער־זשורנאַל, „אין גוטן איירָאָפּייאישן געשמאַק", אָבער ווינטשעווסקי אַליין האָט געזאָגט, אַז דער באָסטאָנער „אמת" איז „געווען אַן איבעריקע צייטונג". פּאַקטיש האָבן זיינע אַרטיקלען אינם „אמת" אויפגעבורעט די אָפּאָזיציע צו פיל פון די אַלטע אַלטע פירער, וואָס האָבן געלעבט אין אַ וועלט פון זייערע אייגענע פאַרשטע־לונגען, אָדער זיך צוגעפּאַסט צו זייערע נייע, בעסערע מערכות.

פון די קאַמפן, וואָס האָבן זיך געוויקלט אין פאַרבינדונג מיט די אָפּאָזיציעס צו דער ס. ל. פּ. איז אין 1897 אַנשטאַנען די גרינדונג פון „פאָרווערטס" און לואי מילער, ווינטשעווסקי און אַב קאַהאַן, האָבן אין דער דאָזיקער גרינדונג גענומען דעם טיכטיגסטן אָנטייל. לואי מילער איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר.

דריי יאָר אַרבעט ווינטשעווסקי פאַרן „פאָרווערטס" און נעמט קיין סענט ניט פאַר זיין מיטאַרבעט. ווען ער פאַרלאָזט דעם „פאָרווערטס" בעט ער ניט קיין דאַנק פאַר זיין אַרבעט, נאָר ער פאַרלאַנגט נאָר איין זאַך —צו־צולאָזן יעדע ערלעכע קריטיק.

אין 1902 וועקט זיך אויף די איינגעשלאָפענע „צוקונפט" און ווינ־טשעווסקי ווערט איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער, און איידער וואָס־ווען — איר רעדאַקטאָר. דעם נאָמען וואָס דער דאָזיקער זשורנאַל האָט זיך גע־שאַפן אין יענע יאָרן איבער דער וועלט — דער בעסטער זשורנאַל אין יידיש,

„פאָרווערטס" יובילײ־אויסגאַבע, 1917, פּאַרקירצטע ציטאַטן פון קלמן מרמרס ווינטשעווסקי ביאָגראַפיע, פרייהייט פאַרלאַג.

אין דער געשיכטע — איז אָן צווייפל געווען ווינטשעווסקי׳ס פאַרדינסט. אין אַ קורצער צייט האָט ער איינגעשטעלט אַ מוסטער־זשורנאַל, וואָס האָט דער־נאָך געדינט די שפּעטערדיקע רעדאַקטאָרן.

אין 1903 ווערט שוין ווינטשעווסקי אויף אַ געוויסער צייט ווי פאַרוואָרפן אין סט. פּאָול, מינעסאָטאַ. און דער נייער צוקונפט־רעדאַקטאָר ב. פייגנבוים, פאַרזיכערט די לייענער, אַז ערשט איצט, אַן די מאַטערנישן פון אַ רעדאַקטאָר, וועט „דער גלענצענדסטער און באַליבטסטער טאַלאַנט אין זיין פאַך״ האָבן מער צייט פאַר זיינע בייטראַגן. אַזעלכע ווי ער פלעגט מאַכן פאַרן „אַרבעטער־פריינד״ — ..׳אַן אייביקע הייליקייט, וועלכע מען טראָגט נאָך אַרום אויף די הענט ביזן היינטיקן טאָג״. (צוקונפט, אפּריל, 1903)

די יאָרן 1903 ביז 1906 זיינען געווען יאָרן פון כסדר׳דיקן וואוקס פון דער יידישער ראַדיקאַלער פּרעסע. עס איז אין יענע יאָרן געפּאַכטן געוואָרן אַ לאַנגער, פאַרצויגענער קאַמף צווישן דעם „פאָרווערטס״ אונטער קאַהאַנ׳ס רעדאַקציע און דער „וואַרהייט״ אונטער דער רעדאַקציע פון לואי מילער. ביידע זיינען זיי געווען סאָציאַליסטישע ציַיטונגען אין זייערע יונגע יאָרן, צו־ליב אַזעלכע אויפרודערונגען אין יידישן לעבן, ווי דער קעשענעווער פּאָגראָם, דער האָמלער פּאָגראָם און רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד פון 1905 און 1906. נאָך די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּאָגראָמען אין די יאָרן זיינען הונדערטער טויזנטער נייע יידישע אימיגראַנטן פון אַ העכערן אָרגאַניזיר־קאַליבער געקומען צו די ברעגן פון אַמעריקע און האָט צען־פאַך פאַרגרעסערט די לייענערשאַפט, די יוניאָנס, דעם אַרבעטער רינג און די סאָציאַליסטישע גרו־פּירונגען.

ווינטשעווסקי האָט נישט בלויז נאָכגעפאָלגט מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן די אַלע געשעענישן נאָר מיטגעלעבט און מיטגעקעמפּט. ניט ער האָט פאַר־לאָרן דעם קאָפּ נאָך דער קיִשענעווער מהומה, נישט אין די שפּעטערדיקע רעאַקציע־יאָרן און אויך נישט אין דער נאָך־מלחמה׳דיקער וואַקכאַנאַליע. ער איז אין 1907 ביז 1909 ווידער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט״ ווען די „וואַרהייט״, זיין ציַיטונג, וואָס ער האָט אויך געהאָלפן גרינדן, האָט פאַרלאָזן אירע אייגענע פּרינציפּן און פונם סאָציאַליסט לואי מילער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ הוירסט מענטש, האָט ער זי פאַרלאָזן. ווען דער „פאָר־ווערטס״ האָט אָנגעהאַלטן דעם קורס פון סאָציאַליסטישער ירידה האָט ער אויך ניט געשוויגן.

ווינטשעווסקי האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיטגעאַרבעט מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, מיטגעאַרבעט אין איר „נייע וועלט״, אָנוועזנדיק געווען אויף איר ערשטן צוזאַמענפאָר אין ניו־הייווען אין 1913

און אין 1916 האָט ער געהאַט פיל נחת ווען די צוויַיגן פון דער דאָזיקער פע־דעראַציע האָבן איבערן לאַנד געפייערט זיין 60טן יובילײ, וואָס דער „פאָר־ווערטס" האָט אויך געפייערט. נאָכדעם ווי עס איז אויף אַ צייט געשאַפן גע־וואָרן אַ שלום און ווינטשעווסקי איז צוריק געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס" אויף עטלעכע יאָר, ביז קאהאן האָט ווידער 'דערזען', אַז ווינ־טשעווסקי קען דאָך נישט שרייבן..."

נאָכ'ן פאַרראַט פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל אין 1914 טרעט ווינטשעווסקי אַרויס קעגן אים. ווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַ דונער געטאָן, געפינט זי אין ווינטשעווסקי'ן אַ הייסן אונטערשטיצער.

אַלס רעדאַקטאָר פון „גערעכטיקייט" הויבט ער שוין אָן איינצוזען אירע רעכט... ער העלפט אין דער גרינדונג פון דער „פרייהייט" און איז איינער פון אירע חשוב'סטע מיטאַרבעטער. ער פאָרט דערנאָך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו מ'נעמט אויף דעם „זיידן" ווי גוטע אייניקלעך קענען נאָר, און קומט צוריק מיט אַ רויטן בילעט אין זיין קעשענע, און ווען ער גייט אויס אין 1932, וויינט די יידישע אַרבעטערשאַפט, וואָס זי האָט פאַרלאָרן איר פיאָנער, איר בכור און איר ליבן „זיידן".

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

די פּערזענלעכקייט פון לואי מאַרשאַל



איינער פון די וויכטיקסטע ביר־גערלעכע יידישע כלל־טוער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין משך פון עט־לעכע צענדליק יאָר, איז געווען דער באַוואוסטער קאָנסטיטוציאָנעלער יו־ריסט לואי מאַרשאַל. וועגן אים זאָגט די „יוניווערסאַל דזשואיש סאַיקלאָ־פּעדיאַ", אַז זיין פּערזענלעכקייט, זיין פירערשאַפט און זיין וויסן האָט זיך אויסגעשטרעקט און דערלאַנגט אין אַלע ווינקלען פון יידישן לעבן, זיין קאַר־יערע איז אַן־און־פאַר זיך אַ געשיכטע פון דער יידישער געמיינדע אין זיין צייט".

ווי מיר געדענקען אים נאָך מיט זיין גרויסן, פעסט־אַריינגעמויערטן קאָפּ אינם נאַקן, מיטן הויכן שטערן און פולע אויגן, וואָס האָבן כמעט ווי אַרויס־געשוואומען פון הינטער זיינע אַרײַנגעזאָטלטע ברילן אויף דער פּראָמינענטער נאָז, איז ער שטענדיק געווען אויטאָראַטיוו און סענסיטיוו צו עוולות, וואָס עס באַגייט דער געזעץ צו ווייניקער פּריווילעגירטע, אָדער וואָס ווערן אומגע־זעצלעך באַגאַנגען קעגן מינאָריטעט־גרופּעס. זיין וואָפן איז געווען פּרעצעדענט און אויסטייטש פונם געזעץ, און פונקט ווי דער קאָמפּאַס מיט זיין נייגונג צום צפון׳דיקן פּאָליוס, האָט זיך זיין שכל און לאָגיק אין אַ היפּשער מאָס געווענדט אויף דער זייט פון שוואַכערע. מען קאָן זאָגן, אַז צווישן די בורזשואַזע יוריסטן איז ער געווען נעענטער צו די פּאָזיציעס, וואָס עס פלעגט פאַרנעמען אַ צווייטער גרויסער יוריסט, לואי ד. בראַנדייס.

לואי מאַרשאַל איז געבאָרן געוואָרן אין סיראַקיוז, ניו יאָרק, אין סוף 1856, אין דער פאַמיליע פון יעקב מאַרשאַל, אַן אימיגראַנט פון בייערן, דע־מאָלט איינע פון די גרעסערע דייטשע מלוכות. ער איז געווען צווישן די עמיגראַנטן וואָס זיינען געלאָפן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין 1849, זיך באַזעצט אין סיראַקיוז און זיך געשפּייזט פון אַ קליינעם לעדער און פעל־געשעפט.

די מאַרשאַל פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַכט נפשות. זי איז געווען

אַ רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע. די מוטער, פּלאָרענס, האָט געהאַט אַ דערציאונג האָט אויסער פּאָבליק־סקול און האַי־סקול אויך געמוזט באַזוכן א יידישע אין דייטשער ליטעראַטור, אָבער זי איז געווען רעליגיעז און איר זון לואי שולע, וואו ער האָט געלערנט די ביבל און אַ היפּש ביסל העברעאיש. די פּייאיגקייטן פונם ייִנגל זיינען געווען צוגעפּאַסט אַריינצוזאַפּן אין זיך אַלערליי ידיעות און גלייכצייטיק אויך דייטש און דייטשע ליטעראַטור און געשיכטע, און שפּעטער זיך אויך דערוואָרבן די קלאַסישע שפּראַכן פון לאַטיין און גריכיש, אַזוי גוט ווי אַ פּערפעקטן פּראַנצויזיש.

גלייך נאָך האַי־סקול איז ער אָנגעקומען אין דער לער אין אַן אָפּיס פון אַ גרויסן לאָיער נאַטעניעל ב. סמיט. דער יונגער לואי האָט אין איין יאָר איינגעשלונגען די גאַנצע געזעץ־ליטעראַטור, וואָס ער האָט געפונען אין סמיט׳ס אָפּיס. ער האָט זיך נישט צוריקגעצויגן אפילו פון אַזעלכע אַלטע שריפטן, וואָס האָבן שוין אויף זיך געהאט מער שטויב, ווי אינעווייניק ניט אָפּגעבליאַקירטע ווערטער. דערציילט דער באַרימטער לאָיער דזשאָן ק. מומפּאָרד („נ. י. הערald־טריביון," יוני 15, 1924). וועגן אַ משפּט, וואָס איז פּאָרגעקומען אין דעם אַפּעליר־געריכט, אין פאַרבינדונג מיטן אירי־קאַנאַל, וואו די לאָיערס האָבן זיך געאַמפּערט וועגן אַן אַלטן דאָקומענט, וואָס וואָלט באַלויכטן די טונקעלע ווינקלען פון דעם פּראָצעס. דער ריכטער האָט פאַראָרדנט דעם קאורט־ביבליאָטעקאר אויסצוגעפינען דעם דאָקומענט. אָבער אַלע זוכענישן פון אים און פון זיינע געהילפן זיינען געווען אומזיסט. דער ריכטער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוגיין מיטן פּראָצעס ביז מען וועט אים צושטעלן דעם אָפּוועזנדיקן דאָקומענט. פּלוצלונג האָט זיך פון אַ ווינקל דערהערט אַ ניט־זיכער שטימעלע פון אַ ייִנגל — „איך ווייס וואו מען קאָן עס געפינען..." עס האָט זיך פון דאָרט אַרויסגערוקט דער קליינער לואי מיט שיקלדיקע אויגן, און זיך געלאָזט לויפן צוריק צו זיין באָס׳עס אָפּיס, און צו דער פאַרוואונדערונג פון אַלע לאָיערס און ריכטער צוגעשטעלט אַ צעפּאַטליעטן, קוים זיך־האַלטנדיקן דאָקומענט. דאָס איז געווען אַ באַריכט פון אַ באַרימטן לאָיער דזש. ב. מור.

דאָס גיט אונדז אַ באַגריף וועגן דער קאַפּאַציטעט און פלייס פונם יונגן לערן־ייִנגל. שפּעטער, ווען ער האָט שטודירט אין ניו יאָרק, אין קאָלאָמביער געזעץ־פאַקולטעט, האָט מען אים שוין באַטראַכט פאַר אַ געני. אין איין יאָר האָט ער דורכגעמאַכט אַ שווערן צוויי־יאָריקן קורס, מיט די בעסטע אויסצייכענונגען. אין עלטער פון 20 יאָר האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים קיין סיראַקיוז, און ביז מען האָט אים געגעבן זיין באַר־עקזאַמען האָט ער געשריבן „בריפס" פאַר פאַרשיידענע לאָיערס און זיי האָבן זיך אַלע געוואונדערט מיט

וואָס פּאַר אַ טאָלק און פּאַכמאַנשאַפט אַט די דאָזיקע לאָיערשע דאָקומענטן זיינען געשריבן געוואָרן.

דעם עקזאַמען האָט ער אויסגעהאַלטן אַזוי גלענצנדיק, אַז איינער פון די יוריסטן־עקזאַמענערס, ר ו ג ע ר האָט אים גלייך אַריינגענומען אין זיין לאָ־אָפיס אַלס שותף.

זיין שותף רוגער איז ניט לאַנג נאָכדעם געוואָרן דער שעף־ריכטער אין דעם אַפּיל־געריכט און די פירמע האָט זיך שוין גערופן „דזשעני, ברוקס און מאַרשאַל". דער יונגער לואי מאַרשאַל איז זייער שנעל געוואָרן אַקטיוו אין די געריכטן, און צוליב זיין פלייסיקן שטודירן פּרעצעדענטאַלע פּראָצעסן איז ער שטענדיק געגאַנגען אויף אַ „זיכערער בריק". איין ירושה־פּראָצעס האָט ער געוואונען פאַרן „מאָונט סאיניי שפּיטאַל", וואָס פיל לאָיערס האָבן אים ניט געוואָלט אָנרירן, ווייל אין די נידעריקע געריכטן איז דער פּראָצעס פאַרלאָרן געגאַנגען. ווען ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין ניו־יאָרק, אין 1894, איז ער שוין געווען באַוואוסט איבערן לאַנד ווי אַ גרויסער קענער פון קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצן.

טאַקע אין ניו יאָרק ווערט ער אַקטיוו אין דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט. וואו־נאָר עס האָט זיך געמערקט די פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם, האָט ער זיך גענומען אָפּרופן אויף אַרויסיאָגן זי, נאָטירלעך אויף זיין אופן. ער איז געוואָרן טעטיק אין אַלע גרויסע געזעלשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס צום סוף און צום אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט. ער איז געווען דער אָנפירער אין פיל קאַמפן קעגן בלבולים, קעגן רעכט־באַרויבונגען פון יידן אין צאַרישן לאַנד, קעגן די פּאָגראָמען. אין דער קאַמפּאַניע איבערצורייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיטן צאַר, צוליב דעם, וואָס די רעכט פון יידן, אַמעריקאַנער בירגער, ווערן נישט אָנערקענט פון דער זעלבסטהערשאַפט, האָט ער צוזאַמען מיטן באַרימטן פילאַדעלפיער ריכטער מאַיער סולצבערגער, אויסגעזוכט אַלע דיפּלאָמאַטישע פּרעצעדענטן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע, אויסגעגראָבן אַלע אָנטשיידונגען פון די הויכע געריכטן אין די ענינים. ער איז דערשינען אַ גאַנצן טאָג פאַר דער קאָנגרעס־קאָמיטע און געענטפערט אויף אַלע פראַגעס, וואָס די קאָנגרעסלייט האָבן געשטעלט, און אויף אַזאַ אופן דורכגעפירט די רעזאָלוציע פאַר אָפּברעכן די באַציאונגען, וואָס די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" האָט אונטער זיין פירערשאַפט פאָרגעשלאָגן. און אַזוי האָט ער עס דורכגעבראַכן אין סענאַט.

מאַרשאַל איז טאַקע געווען איינער פון די גרינדער פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" און איז נאָך סולצבערגער'ן געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע. זי איז דעמאָלט נאָך געווען באַהערשט פון אַ מער־ליבעראַלן גייסט, ווי זי איז איצט.

אין רעליגיע איז לואי מאַרשאַל געווען אַ רעפאָרמער, אַ קאָנסערוואַטיוו. ער האָט באַלאַנגט אין רעפאָרם־טעמפּל און אין דער זעלבער צייט געוואָרן איינער פון די טעטיקסטע פירער פונם איבערגעבויטן יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, אין 1901, אָבער דאָס איז נישט געווען מאַרשאַל׳ס איינציקער ווידערשפּרוך.

אין די שפּעטערדיקע צוזאַמענשטויסן, וואָס ער האָט געהאַט מיט די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט אין דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״, האָט ער אָנגעהויבן צו קריגן רעספּעקט פאַר דער אויסגעהאַלטנקייט פון די מער־פאָרגעשריטענע יידישע אַרבעטער־פירער. ער האָט זיך דעמאָלט, אויף דער עלטער אפילו גענומען לערנען יידיש, און לייענען די יידישע פּרעסע און ביכער, כדי בעסער צו פאַרשטיין נישט בלויז די שפּראַך פון די יידישע מאַסן נאָר אויך זייער גייסט, וואָס ער האָט פיל מאָל באַקעמפט און באַוואונדערט אין דער זעלבער צייט.

ער האָט פאַר פאַרשיידענע פירער פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״ אויסגעדריקט גרויסע באַגייסטערונג פאַר מאַקס גאָלדפאַרב׳ן, דעמאָלט דער לעיבאָר־עדיטאָר פון „פאָרווערטס״, וואָס האָט אָנגעפירט אינם „דזשאָינט״ דעם קאַמף קעגן דער איבערהערשאַפט פון די רייכע יהודים אין דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״.

לואי מאַרשאַל, ווי מיר האָבן געזען, האָט געאַרבעט פאַר דעם קאָנסערוואַטיוון רבנים־סעמינאַר, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער אַרויסגעוויזן מער ווי טאָלעראַנץ צו נישט־גלויביקע און נישט־יידן. ער איז געווען איינער, וואָס האָט באַלאַנגט צו דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, נישט קוקנדיק אויף איר אָפענער אידענטיפיקאַציע מיט די גרויסע טראַסטן, און אַ סברה, אַז דאָס איז טיילווייז געווען צוליב דעם, וואָס די דעמאָקראַטן אין דער סאַוט זיינען פיל רעאַקציאָנערער אין אַלע הינזיכטן און אויך אין אַרבעטער־געזעצגעבונג און אין די דיסקרימינאַציעס קעגן די נעגער.

דאָס לעצטע דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, ווען מיר פירן אונטער דעם סך־הכל פון לואי מאַרשאַל׳ס פּאָזיטיווע פאַרדינסטן. זיין קאַמף קעגן נעגער־דיסקרימינאַציעס איז ביי אים געווען אַ טייל פון זיין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן וועלכע־עס־איז מינאָריטעט־פאַרפאָלגונגען. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן שטענדיק געקעמפט קעגן אַריינברענגען אין דער פּאָבליק־סקול סיסטעם דעם עלעמענט פון רעליגיע, כדי נישט אויפצובלאָזן צווישן די קינדער און די יוגנטלעכע רעליגיעזן אָדער ראַסן־האַס.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלס רעפּובליקאַנער — און בכלל לויט זיינע אָנשויאונגען — איז ער געווען פאַר אָפּהיטן די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם, אין

דערזעלבער צייט אָבער איז ער געווען קעגן די פאַרפאַלגונגען, וואָס האָבן זיך אין יענע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ שאָט געטאָן אויף סאָציאַליסטן און געפאָדערט פאַר זיי גערעכטיקייט און פרייהייט פון געדאַנק. ער האָט פאַרטיידיקט אַ יידישע צייטונג, מסתמא דעם „פאָרווערטס״, און גענומען אויף זיך די אחריות צו לייענען דאָרט די הויפּט־אַרטיקלען און גאַראַנטירט, מיט זיין אויטאָריטעט, „קעגן וועלכן עס איז פאַרראַט מצד דער צייטונג אין יענער צייט״.

פאַר זיין אַרבעט לטובת די נעגער האָט מאַרשאַל פיל מאָל געקריגן די אָנערקענונג אויף די קאָנווענשאַנס פון דער נעגער־אָרגאַניזאַציע צו דערשלאָגן זיך פולע גלייכהייט.

ער איז געווען אַ קעגנער פון ציוניזם און אים באַקעמפט, און אין דער זעלבער צייט געוואָרן, נאָך דער באַלפור־דעקלעראַציע, איינער פון די הויפּט־טוער פאַר דער פּאַלעסטינער אַגענטור און פאַר אַלע אירע אינסטיטוציעס.

אַלס גרויסער קענער פון קאָנסטיטוציע־געזעץ איז ער דערווילט געוואָרן אין ניו יאָרק סטעיט צו דריי קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאַנס וואָס האָבן געדאַרפט אריינטראָגן פאַרבעסערונגען אין די פאַרעלטערטע געזעצן, און האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ פּראָגרעסיווער פּאָזיציע אויף די דאָזיקע קאָנווענשאַנס.

זיין ראָל אויפן ווערסאַלער קאָנגרעס

זיין הויפּט־גערעאַנגל פאַר יידישע רעכט האָט לואי מאַרשאַל געפירט אויפן ווערסאַלער שלום־קאָנגרעס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און געאַרבעט דערפאַר, צוזאַמען מיט אַנדערע דעלעגאַטן פון יידישע און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אַז אין די שלום־אָפּמאַכן מיט דייטשלאַנד, רומעניע און פּוילן זאָל אַריינגעשריבן ווערן געזעצן וועגן דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין די דאָזיקע לענדער. אויך אויף דעם געביט האָט מאַרשאַל אַרויסגעוויזן זיינע גרויסע קענטענישן אין דער געשיכטע פון פעלקער.

מאַרשאַל איז אויך געווען דער פּרעזערווירער, נישט בלויז פון אונטערדריקטע פעלקער, נאָר אויך פון אונטערדריקטע און געיאָגטע פייגל, אינם עניין פון דער באַרבאַרישער פאַרניכטונג פון די וועלדער אין די אַדיראָנדאַקס צוליב זייער עקספּלואַטאַציע. ער האָט אויך אויף דעם געביט אָנגעווענדט פיל חריפות און פאָרשונגען, און סוף כל סוף געוואונען.

לואי מאַרשאַל איז באַזונדערס אַריין אין אַ קעמפערישער שטימונג, ווען פאָרד האָט מיט זיין אָרגאַן "דיערבאָרן אינדעפּענדענט" אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע אויפן דראגאָן פון אַנטיסעמיטיזם, און גענומען פאַרשפּרייטן די כלומר׳שטע "פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון". מאַרשאַל האָט אין נאָמען פון דער "אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" פאַרפירט קעגן דעם פּילפּאַכן מיליאָנער אַ פּראָצעס, וואָס האָט אים סוף כל סוף געצוואונגען עפּענטלעך צוצוגעבן, אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן פון זיינע ראַטגעבער און "אויספאָרשער".

זיין זון, דזשעימס מאַרשאַל, אויך אַ גרויסער לאָיער, איז אין פיל פאַלן אַוועק נאָך ווייטער אין פאַרטיידיקן די רעכט פון פאַרפאָלגטע פאַר זייערע אידייען.

זיין פרוי פלאָרענס האָט פיל געטאָן פאַר גרינדן שולן פאַר יידישע מיידלעך און אויך פאַר די, וואָס האָבן זיך גענומען גליטשן אויף שעדלעכע וועגן.

געשטאָרבן איז מאַרשאַל אין עלטער פון 73 אין צ י ר י ך, שווייץ, דעם 11־טן סעפּטעמבער, 1929.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

דאָקטאָר, דיכטער, הומאַניסט און שלום־קעמפער

די קאָליר־רייכע לעבנס געשיכטע פון דר. שלמה סאָליס קאָהן

וויכטיקער מעדיצינישער פאָרשער

אַן אַמעריקאַנער ייד אין פולן זין פון וואָרט, אַ ייד אין פולן זין פון וואָרט, אַ הומאַניסט אין פולן זין פון וואָרט און איינער פון די שיינע גייסטער וואָס יידן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן, און מיט וועלכע אַלע יידן קענען שטאָלצירן, אָן קיין שום וואַקלעניש, דאָס איז געווען שלמה דע־סילוואַ סאָליס קאָהן.

אַזעלכע זיינען געווען ווייניק, און אפשר איז ער איינער, דער איינציקער פון דעם מין אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ ייד, וואָס שטאַמט פון אַמעריקאַנער געבאָרענע אין משך פון היפשע לאַנגע דורות צוריק. ער איז געווען איינער פון די באַליבטסטע און השובסטע אַמעריקאַנער יידן. די שטאָט פילאַדעלפיע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט עטלעכע חדשים נאָך זיין טויט געגרינדעט אַ „פּאַבליק סקול" אויף זיין נאָמען. ער איז געווען באַליבט ביי יידן און ביי נישט־יידן.

שלמה סאָליס קאָהן איז געבאָרן געוואָרן דעם 1טן סעפּטעמבער, 1857, אין אַ דורות'דיקער אַלטער ספרדיש־אַריסטאָקראַטישער יידישער פאַמיליע. אין 1872, אין עלטער פון 15 יאָר, האָט ער שוין געענדיקט אַ הויך־שול מיט'ן טיטל „בי־עי", קאַוואַליער פון קונסטן און צו צוואַנציק יאָר האָט ער שוין זוכה געווען צו קריגן זיין מייסטער־טיטל. ווען ער איז אַוועק לערנען מעדיצין אין דזשעפערסאָן קאַלעדזש אין פילאַדעלפיע האָט ער שוין באַוויזן צו פאַרדינען פאַר זיך. גלייכצייטיק מיט זיינע אייגענעם שטודיום איז ער געווען אַ לערער אין אַ פילאַדעלפיער יידישער שול, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון דער „געזעלשאַפט צו דערציען יינגלעך".

זיין טיטל דאָקטאָר פון מעדיצין האָט ער געקראָגן אינ'ם יאָר 1883, און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך שוין כסדר געלאָזט הערן. ער איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער אינסטרוקטאָר פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט, אַן אָריגינעלער פאָרשער אין דעם ענין פון דער טיפוס־קראַנקהייט. ער איז

געווען פון צווישן די ערשטע, וואָס האָבן פאָרגעשלאָגן אָפּצוגעבן זיך מיט אונטערזוכונגען פון אַלערליי אַלערגיעס („אַלוירדזשיס").

אין 1904 זעען מיר אים שוין ווי אַ פּראָפעסאָר פון מעדיצין און מ'הייבט אים שוין אָן „צו צערייסן". ער ווערט דאָקטאָר פון'ם אַלגעמיינעם גרויסן שפּיטאָל אין פילאַדעלפיע. אויך אינם יידישן שפּיטאָל און שפּעטער אויך אין דעם „ראָש שפּיטאָל פאַר שווינדזוכטיקע". ער דינט נאָך אַלץ ווי פּראָפעסאָר אין דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, ווי אויך אַלס פּראָפעסאָר אין דעם פּאָלי־קליניק. ער איז אַ בכבוד'יקער מיטגליד אין דער אַמעריקאַנישער מעדיצי־נישער געזעלשאַפט און אַ געוויסע צייט — איר סעקרעטאַר.

אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אַרום זעקס יאָר באַטייליגט אין רעדאַגירן די מעדיצינישע אויסגאַבע 'פּאָליקליניק" (1904־1899) און איז געווען אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דעם זשורנאַל „אַמעריקען מעדיצין". שוין אין די פּאָזיציעס אויף וועלכע ער האָט זיך געפונען אין דער מעדיצין, קענען מיר זען ווי אַזוי עס ברייטערט זיך כסדר אויס זיין וועלט־אָנשויאונג. אין דעם קאַמף קעגן שווינדזוכט זוכט ער ניט בלויז די פיזישע זייט פון דער קראַנקהייט, כדי צו באַקעמפן זי גרינטלעך. מען מוז, נאָך זיין מיינונג זיך ווענדן צו די הויפּט־קוואַלן פון וואַנען די דאָזיקע קללה פון דער מענטשהייט האַלט זיך אין אין פאַרשפּרייטן — מען מוז זיך דערשלאָגן צו די סאַמע וואָרצלען אירע — און זיי זיינען גאָר נישט די אָנשיקענישן פון דער נאַטור, נאָר זיי זיינען פאַראורזאַכטע פון דער שלעכטער אָרגאַניזאַציע פון דער מענטשהייט גופא — פון איר עקאָנאָמיק.

דר. סאָליס קאָהן איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנערקענט אַז טובערקולאָז פון די לונגען איז אַ פּראָלעטאַרישע קראַנקהייט; אַ קללה, וואָס שוועבט כסדר איבער מענטשן, וואָס צוליב זייער שרעקלעכער אָרעמ־קייט לעבן זיי אָן דעם מינימום פון היגיענישע באַדינגונגען, אָן נויטיקער נאָרונג, רו און אונטערהאַלטונג. אין זיין זוכן מיטלען ווי אַזוי צו באַקעמפן אַזאַ צושטאַנד, וואָס רואינירט דעם הויפּט־קערן פון'ם לאַנד, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דער הענרי דזשאָרדזש טעאָריע, וואָס האָט אין יענע יאָרן צוגעצויגן גרויס אויפמערקזאַמקייט. די טעאָריע איז נאָך איצט אויך באַקאַנט אונטער דער פאָרמולע פון „סינגל טעקס".

אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען וועגן דעם ענין, אין דעם זשורנאַל „אַמעריקען היברו", שרייבט דר. סאָליס קאָהן (סעפּט. 14, 1894)

„סטרייקס און לאַקאַוטס צוזאַמען מיט זייערע אומרוען און ליידן, זיינען פאַר'ן קערפּער פון'ם לאַנד דאָס זעלביקע, וואָס היץ, קעלט און אַנדערע אומנאָרמאַלקייטן זיינען פאַר'ן איינצלנעם מענטשן — דאָס זיינען נישט קיין

קראַנקהייטן אַן־און־פאַר־זיך, נאָר סימפּטאָמען, וואָס וואַרענען, אַז זיי זיינען דאָ. כדי צו דערמעגלעכן אַ זיכערע רפואה מוזן מיר אויספאָרשן ניט די סימפּטאָמען, נאָר די אורזאַכן..

די אורזאַכן וואָס האַלטן אָן דעם שטענדיקן קאַמף צווישן דעם, וואָס פאַרדינגט זיין אַרבעט און צווישן דעם, וואָס דינגט זי, שטאַמען פון. . . די ניט גלייכע באַציאונגען צווישן די באַלעבאַטים און זייערע אַרבעטער... די אַרבעטער זיינען דער שוואַכערער צד... ווען ביידע צדדים וואָלטן געווען גלייכע אין׳ם פאַרדינגען די הענט און קויפן זיי.. וואָלטן די אַרבעטער נישט געפילט צו זיין די געקריוודעטע, וואָס דאָס איז די אמתע אורזאַך פון די סטרייקן...

„אויב מיר זעען די וועלט, די פאַראייניקטע שטאַטן, אָדער אַן אַנדער לאַנד ווי אַן איינס, איז גאָר נישטאָ וואָס צו צווייפלען אין דער מעגלעכקייט פון׳ם לאַנד צו דערנערן, ווי געהעריק, יעדן אַרבעטענדיקן מענטשן... אויב מיר וועלן זוכן אַ קינסטלעכן שטער אין דעם... וועלן מיר אים געפינען אין דעם פּריוואַט־אייגנטום אויפ׳ן גרונט און באָדן...

„דאָס זיינען די צינזן, וואָס עס קריגן אַרויס די מענטשן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם גרונט־באָדן, וואָס עס באַלאַנגט צו אַלעמען. זיי באַגרענעצן עס די נאַטירלעכע געלעגנהייטן פון די אַרבעטער צו באַנוצן זיך מיט זייערע פייאיקייטן און דאָס פאַראורזאַכט, אַז די פאָדערונג אייף אַרבעטס־הענט זאָל זיך כסדר פאַרקלענערן, וואָס מיר אנערקענען ווי אַ קינסטלעכן, פּאַטאַ־לאָגישן און קרענקלעכן צושטאַנד...״

דר סאָליס קאָהן ווי די אַנדערע סינגל־טעקסערס, האַלטן, אַז אַזוי לאַנג ווי עס וועט נישט זיין אַן איינציקער הויכער טעקס אויפ׳ן לאַנד, און דער באָדן וועט אַלץ באַלאַנגען פּריוואַט צו איינציקע אייגטימער, וועלן ניט העלפן אַלע פאַרזוכן אָפּצושאַפן סטרייקס און אינדוסטריעלע קאַמפן. זיי וועלן נישט אָפּשאַפן די לאַנגע אַרבעטס־שעה׳ן און „סוועט־שאַפּ״־סיסטעם ווי אויך די נישט דערצאָלטע אַרבעטס־לוינען, נישט די געזעצן און נישט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. „די אַלע פאַרזוכן זיינען אַרויסגעוואָרפענע, פונקט ווי עס זיינען אַרויסגעוואָרפן די פאַרזוכן צו ענדערן די הויך פון די ים־וואַסערן דורך אַ רעזאָלוציע פון קאָנגרעס, אָדער צו פאַרלענגערן דעם טאָג דורך אַ באַשטימונג פון די חשוב׳ע בירגער פון שטאָט״ (לויט מ. דיעוויס׳ „יהדות אמריקה בהתפתחותה״).

די „סינגל־טעקסערס״ האָבן נישט איינגעזען, אַז כדי אָפּצושאַפן די קלאַסן־הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע איז נויטיק אויסצובורייטערן זייער פּאָ־

ציאַליזאַציע אויף אַלע נאַטור־רייכטימער און אינדוסטריעס. אָבער דר. סאַליס קאָהן האָט אייגעזען אויך די אַנדערע איבלען פון דער אָרדענונג — די מלחמות, די פאַרשקלאַפונגען פון גאַנצע פעלקער. ער האָט אפילו געקוקט קרום אויפ׳ן בירגער־קריג, וואָס האָט פאַקטיש נישט דערגרייכט דעם ציל צו באַפרייען די נעגער צו דער מדרגה פון באמת פרייע מענטשן.

אָבער אויך אין דעם, ווי אויך אין זיין קריטיק אויף דער מלחמה מיט שפּאַניע כלומר־שט צו באַפרייען קובאַ, דערזעט ער נישט דעם פולן אמת. ער זעט נישט אַז אויך די מלחמות זיינען פּראָדוקטן פון דער אומגלייכהייט אינ׳ם געוויכט פון די מלוכות און פעלקער, און זייערע כוחות־פאַרהעלטעניש אויפ׳ן עקאָנאָמישן, קולטורעלן און פּאָליטישן געביט, אין דער אָרדענונג פון פּריוואַט־אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיטלען, פון עקספּלואַטאַציע און כאַפּ־לאַפּ.

זיכער איז אָבער אַז זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר אַלע געקריוודעטע און פאַרפאָלגטע און ממילא אויך פאַר׳ן יידישן פאָלק קעגן אַלערליי דיסקרימינאַציעס, וואו זיי זאָלן נישט האָבן פאַרגעקומען. אין אַנ־הייב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָך איידער זי האָט אַרויסגעוויזן אירע אייגענע נעגאַטיווע שטריכן, איז ער געווען א ציוניסט, א דעלעגאַט צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל.

דר. סאָליס קאָהן האָט געהאַלטן, אַז יידישע טראַדיציע מיינט נישט אַזוי די דינים און מצוות. זי איז אויף אַזויפיל ווערטפול אויף וויפיל זי האַלט זיך אָן די גערעכטיקייט־נאַרמען פון די אַמאָליקע סאָציאַלע נביאים. ער האָט געזען אין אַזעלכע יידן דעם העכרן אידעאַלערן מענטשן. ער האָט זיך באַקלאָגט אויף די יידישע גבירים.

„ווי קענען מיר זיין אַ ברכה פאַר׳ן לאַנד, אויב מיר וועלן נישט זיין בעסער ווי אַנדערע פעלקער?... אויב מיר וועלן קענען דערוויזן, אַז די יידישע פאַבריקאַנטן באַצאָלן בעסער זייערע אַרבעטער, אַז אונדזערע אַדוואָ־קאַטן ווענדן אָן אַ פולע מאָס גערעכטיגקייט, און זיי וועלן קענען געבן אַ מוסטער פאַר די וואָס האָבן קיין שום פאַרבינדונג נישט מיט געזעץ, וועלן מיר בלויז דעמאָלט קענען זאָגן, אַז מיר האָבן עפּעס אויפגעטאָן. אויב נישט וועלן מיר עס ניט קענען באַווייזן".

דר. סאָליס קאָהן פלעגט רעדן וועגן דער צוקונפטיקער יידישער מדינה ווי וועגן אַ לאַנד, וואָס זאָל רעגירט ווערן לויט „אַבסאָלוטער גערעכטיקייט", אַ פאַרווירקלעכונג פון די פאַראויסזעאונגען פון די סאָציאַלע נביאים, דעם זיג פון יושר איבער דער רשעות. די דאָזיקע געדאַנקען זיינען זיך ביי אים

צוזאַמענגעקומען מיט די אידעאַלן פון גערעכטיקייט פאַר אַלע מענטשן און פעלקער.

אוודאי איז דער דאָזיקער הומאַניסטישער בליק, אין דער פאָרם אַן אוטאָפּיסטישער. נישט די סאָציאַלע נביאים און נישט די אַנדערע אוטאָפּיסטן פון אַלע צייטן, האָבן פאַראויס אַ רוק געטאָן אין דער פּראַקטיק די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט בלויז דורך גוטע וואונטשן. אָבער אויך אוטאָפּיסטן האָבן זייער פּלאַץ אין דער געשיכטע. זיי האָבן אָנגעהאַלטן דאָס פייערל פון האָפע־נונג, די וויזיע פון אַ גערעכטער און פרייער וועלט, ביז עס זיינען באַשאַפן געוואָרן די אָביעקטיווע באַדינגונגען און די כוחות צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אידעאַל.

חוץ די אַלע זאַכן איז שלמה סאַליס קאָהן געווען אַ דיכטער אין לעבן און אין ליטעראַטור. דיכטונג האָט ער געברויכט, ווען נאָר ער האָט געפילט אַז ער מוז זיך דערהויבן כדי ווייטער קענען אָנגיין מיט זיינע פאָרשונגען, בילדונגס־טעטיקייטן און קהל׳שע עובדות. ער איז געווען אַ קענער פון העב־רעאיש און איבערזעצט אין ענגליש פיל העברעאישע דיכטונגען פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע. טרעפלעך שרייבט וועגן אים זיין ביאָגראַף אין העברעאיש, משה דעיווויס, גלייך אינ׳ם ערשטן פּאַראַגראַף — „דער פאָר־טרעט פון שלמה דע־סילווא סאַליס קאָהן איז געווען, ווי ער וואָלט אויסגע־האַקט געוואָרן פון דער גאָלדענער עפּאָכע פון שפּאַניע״.

אַ פולשטענדיקע איבערזעצונג אין ענגליש פון משה אבן עזרא׳ס דיכטונגען (נישט צוזאַמענמישן מיט אברהם אבן עזרא) איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן פון דער „יידישער פּובליקאַציע געזעלשאַפט״ פון וועלכער דער דאָקטאָר און דיכטער איז געווען אַ וויכטיקער גרינדער און טוער. אָבער ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט זיינע אייגענע לידער (אין ענגליש) און פיל יידישע און אַלגעמיינע זשורנאַלן. ער האָט נישט געזוכט גלאַט אין דער וועלט אַריין נאָך מערסטנס וועגן וויכטיקע געשעענישן און אינטערעסן וואָס האָבן אים טיף גערירט. אייניקע פון זיינע דיכטערישע שאַפונגען זיינען אַריין אין אַמעריקאַנער אַנטאָלאָגיעס. אָפּגעקליבענע לידער זיינע זיינען אַרויס אין אַ באַזונדער בוך, אין 1929 — „ווען לאָוו פעסט באַי׳ ענד אַדהער פּאָעמס״. ער האָט אפילו אָנגעשריבן צוויי קורצע לידער אין העברעאיש.

אָבער זיין לעבן גופא פון לינדערן מענטשלעכע וויייטיקן, פון העלפן אין אומגליקן און פון אַ רייכער געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט, איז געווען אַן אמת שיינע פּאָעמע. ער איז געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע דעם 12טן יולי, 1948, אויף זיין איין און נייַנציקסטן יאָר.

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

דר. מאָריס לעווי — זיין אייגנאַרטיקער אויפטו

דער גרינדער פון דעם ערשטן קאַלעדזש פאַר פוס־קראַנקהייטן

דר. מאָריס לעווי, פּיאָנער און גרינדער פונם וויסנשאַפט־צווייג אין מעדיצין, וואָס רופט זיך פּאָדיאַטריע, האָט שטודירט די פיס פון אַלערליי באַשעפענישן. נישט אַלע האָבן די זעלבע אייגנשאַפטן. נישט אַלע האָבן די זעלבע פאָרמען, געשטעלן, ביין־פאָרמירונגען און מוסקולן.

דער גרינדער פונם ערשטן קאַלעדזש פאַר פוס־קראַנקהייטן

האָט איר אַמאָל באַטראַכט דעם הונדערטפוסיקן בוים וואָרים? זיין קערפּער איז לייכט ווי אַ פעדער. זיין באַוועגונג איז זאַכט און פּאַמעלעך. פונדעסטוועגן שאַנעוועט ער יעדן איינעם פון זיינע פיס. ער האָט פאַר זיי איינזעעניש. ער בינדט זיי נישט. ער קרעמפּט זיי נישט. ער האָט אויף זיי נישט קיין „קאָרנס" און קיין „האָרנס". ער פּייניקט זיי נישט און זיי פּייניקן אים נישט. ער ווייסט ניט פון „רומאַטעס", אַטריטיס, פלעביטיס, וועריקאָזיס און ענלעכע אַנשיקענישן.

מיר מענטשן האָבן בלויז צוויי פיס. און אונדזער קערפּער האָט אַ וואָג־דורכשניט פון אַרום 140 פונט. אויף יעדן פוס מאַכט אויס אַ משא (מאַסע) פון זיבעציק פונט. די דאָזיקע פיס דערמעגלעכן אונדזער קערפּער־געביידע צו באַוועגן זיך פון אָרט צו אָרט. אין שטוב — פון איין צימער צום צווייטן. פון שטוב — אין גאַס, אויף טרעפּ — אַרויף און אַראָפּ. אָפטמאָל טראָגן מיר מיט מיט זיך אַ געוויסע משא און דאָס נעמען אונדזערע פיס אויך פאַר ליב. מיט איין וואָרט — זיי זיינען פון די שווערסטע אַרבעטער ביי אונדז, צווישן אַלערליי אברים פון קערפּער. עס האָט זיך איצט איינער פאַרמאָסטן אויף אַ „שפּאַציר" פון אַלבאַני ביז סאַקראַמענטאָ, קאַליפאָרניע — אַ מהלך פון 3 טויזנט מייל!

אָבער אַלס די שווערסטע אַרבעטער גיבן מיר זיי, לויט ווי דער סדר־

העולם איז ביז איצט געווען, די קלענסטע שכירות, די מינדסטע איינזעעניש. אויב אדאם סמיט, ריקאַרדאָ און מאַרקס האָבן עס איינגעזען אין די לעצטע 150 יאָר בנוגע די שווערסטע האַרעפּאַשניקעס מיט די הענט, האָט עס בנוגע אונדזערע האַרעפּאַשנע פּיס איינגעזען דר. מאָריס י. לעווי מיט אַן אַכציק יאָר צוריק.

(דאָ רעדט זיך ניט וועגן כיראָפּאָדן (טשיראָפּאָדיסטן), וואָס האָבן שוין מיט יאָרן צוריק זיך פאַרנומען מיט שניידן די מאָזאָליעס פון די פּיס־פינגער און די איינגעוואַקסענע נעגל, פון קאָרנס און אַנדערע אָנוואוקסן אויף די פּוס־זוילן. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן די זוילן, נאָר וועגן די צוויי גאַנצע זיילן, וואָס אין יידיש, האָבן פאַר זיי איין נאָמען — פּיס.)

דעם 26טן מאַי 1957 אין דער פרי, איז אין עלטער פון קאַרגע הונדערט יאָר געשטאָרבן אין שלאָף דער דאָזיקער פּיאָנער פון פּאָדראַטע, פון היילן די פאַרשיידענע אַבנאָרמאַלקייטן און קראַנקהייטן, וואָס די אָרעמע פּיס שטייען זיך אויס. דער פאַרשטאָרבענער דר. לעווי האָט בלויז אין די לעצטע 45 יאָר אַרויסגעלאָזט פון זיין אינסטיטוט פאַר פּאָדריאַטרע גראַדואירטע צוויי טויזנט און פינף הונדערט פּוס־דאָקטוירים און באַהאַנדלט אין דער זעלבער צייט אַרום אַנדערהאַלבן מיליאָן פּאַציענטן אין זיינע פּוס־קליניקעס.

דר. לעווי איז געבאָרן געוואָרן אין אַלבאַני, ניו יאָרק, דעם ערשטן דעצעמבער, 1857. זיין פאָטער, אַליין אַ דאָקטאָר, האָט געהאַט פערצן קינדער און זיי געגעבן אַ גוטע דערציאונג. אַלבאַני האָט שוין מיט הונדערט יאָר צוריק געהאַט אַ מעדיצינישן קאַלעדזש, און מאָריס, נאָכן דורכגיין די ני־דעריקערע שול־סיסטעם, האָט שטודירט און גראַדואירט יענעם קאַלעדזש, אין 1876, אין עלטער פון 19 יאָר.

שוין דעמאָלט האָט דער ערשט פון איי אויסגעפּיקטער דאָקטאָר זיך פאַרקלערט וועגן די פּוס־קראַנקהייטן, וועגן וועלכע מען האָט אים אין קאַלעדזש ניט געלערנט, אים האָט עס שטאַרק געוואונדערט: זיין פאָטער, דער דאָקטאָר, איז אליין געווען הילפלאָז, וואָס שייך זיינע צעווייטיקטע פּיס. יאָרן לאַנג האָט ער געליטן פון אַן איינגע׳עקשנ׳טן ווייטיק אין דעם אויסגע־בויגענעם פאַדערטייל פון דער אויבערשטער זייט פּוס, וואָס דאָקטוירים רופן איצט אַן „מעטאַטאַרסאַלגיא״. איינמאָל האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און איז אַוועק צו אַ כיראָפּאָדיסט (טשיראָפּאָדיסט) און יענער, אַ פּשוט׳ער קאָרן־און נעגל־שניידער, האָט אים געגעבן אַן עצה און די יסורים זיינען שנעל פאַר־שוואונדן. אויסגעהיילט! און ער, דער אויסגעשטודירטער דאָקטאָר, האָט דערפון נישט געוואוסט!

דאָס איז אַריין אין נאָז אויך דעם ערשט־גראַדואירטן זון, ער האָט

באשלאסן, אז אין מעדיצין איז פאראן פיל מער צו לערנען ווי דאס וואס די קאלעדזשעס גיבן. איז ער אוועק אין אייראפע און ווייטער שטודירט מעדיצין, אין די יארן 1878 און 1879, אין די אוניווערסיטעטן פון היידלבערג און ווין.

קומענדיק צוריק אהיים, אין די פאראייניקטע שטאטן, האט ער פראקטיצירט אלגעמיינע מעדיצין, אבער דער פוס־ענין איז אים שוין ניט ארויס פון קאפ. ער האט אים אליין גענומען „פאנאנדערבייסן". אפילו ווען ער האט אין די אנהייב ניינציקער געקראגן א הויכן מעדיציניש אמט אין סטעיט אלס סעקרעטאר פון דער „באורד אוו מעדיקאל עקזאמינערס" פון ניו יארק שטאט, האט ער אלץ געהאלטן עס פאר א לעבנס־אויפגאבע אוועקצושטעלן די מענטשהייט אויף געזונטע פיס.

דעם שטאט־אמט האט ער אנגעהאלטן אין משך פון 22 יאר, ביז 1913, ווען ער איז געווארן פרעזידענט פון א שול פאר פאדיאטריע. דאס איז געווען נישט קיין געוויינלעכע דערשיינונג. דער מענטש האט כמעט איינער אליין געשאפן א נייעם ווינקל אין דער מעדיצין — דעם אפטייל פון פאדיאטריע. די פוס האט צום ערשטן מאל געקראגן אנערקענונג צוגלייך מיט די אנדערע טיילן פונם מענטשלעכן קערפער.

אפיציעל איז ער דעמאלט, אין 1913, ארויסגעקומען מיט זיין „אני מאמין" „איך וועל אפגעבן מיין צייט צו מאכן פאדיאטריע אן אנערקענטע און בכבוד'יקע פראפעסיע. איך וועל זיך איינשטעלן פאר פוס־היגיענע און זען אויסהיילן קינדער מיט דעפעקטע פיס". דאס איז ארויסגעקומען צוזאמען מיט זיין רעזיגנאציע פון דעם שטאט־אמט פון פאדיאטריע, וואס האט זיך איינגעשטעלט אין הארלעם, אויף 53־55 124 טע גאס, אין ניו יארק.

פאר זיינע קאלעגן־דאקטוירים איז ער געווארן א רעטעניש: „פריש, געזונט און משוגע!" — האבן זיי אים פאראורטיילט. דוכט זיך, א גוטער, בארימטער דאקטאר, און ווערט 'פארריקט' און „לאזט זיך אראפ צו די פיס". וואס פאר־א פאזיציע וועט ער שוין איצט האבן? אבער אזעלכע רייד האבן בלויז געשטארקט זיין אנטשלאסנקייט. אים איז שוין געלונגען דורכצופירן א סטעיט־געזעץ, וואס דערלויבט צו לערנען און פראקטיצירן פאדיאטריע. עס איז אים איצט בלויז געבליבן צו זען, אז די מעדיצינישע שולן און קאלעדזשעס זאלן ארייננעמען פאדיאטריע אין זייער קאריקולום.

איינע פון זיינע אויפגאבן איז אויך געווען צו דערציען דעם ברייטן עולם, וואס איז געהאלטן געווארן אין אומוויסנקייט. פינף און זיבעציק פראצענט פונם אמעריקאנער פאלק ליידט פון פארשיידענע פוס־קראנקהייטן, די אורזאך, האט ער געפונען, ליגט אין די הויכע אפצאסן. ענגע שיך, אומצו־

געמאַסטענע זאַקן און שקאַרפּעטקעס — די אַלע אורזאַכן שעדיקן די מוסקולן פון די פוס־שטאַמען און רופן אַרויס פאַרשיידענע צוואווקסן און אָנ־וואוקסן אויף די פיס, און וואָס איז נאָך וויכטיקער — אַלערליי בלוט קראַנק־הייטן אין די אַרטעריעס און ווענעס.

אין 1948 איז דער ערשטער אינסטיטוט פון פּעדיאַטריע געוואָרן דער קאַלעדזש פון פּעדיאַטריע אינם לאָנג־אײַלענדער אוניווערסיטעט. אין 1955 האָט זיך די דאָזיקע שולע אָפּגעטיילט פונם לאָנג־אײַלענדער אוניווערסיטעט און איז געוואָרן דער „ניו יאָרקער קאַלעדזש פון פּעדיאַטריע״.

דאָס מיינט בשום אופן נישט, אַז דער דאָזיקער אַלטער דאָקטאָר איז געוואָרן אַזוי איינזײַטיק, אַז צוליב די פיס האָט ער שוין געגומען פאַרזען דעם קאָפּ און דעם איבעריקן „לייב־און לעבן״, פאַרקערט: ער האָט באַטראַכט זײַן בייטראָג וועגן די פיס ווי אַ נייטווענדיקער צוגאָב צו אַן אַלגעמיינעם גע־זונטן לעבן.

ער האָט געהאַט אויך אַנדערע אינטערעסאַנטע פילאָסאָפישע באַאָ־באַכטונגען וועגן דעם געזונט. ער האָט זיך צו זיי דערטראַכט אין משך פון זײַן אייגענעם לאַנגן ענערגישן לעבן. „פּראָוווּט קיינמאָל נישט צו פאַרלירן ענערגיע און קעגנשטעלן זיך צו נסיונות״, איז איינער פון זײַנע געבאָטן. דאָס האָט געמיינט, אַז מען פאַרלירט מער אינם געראַנגל קעגן „שוואַכקייטן צו געוויסע זאַכן״ ווי אין נאָכגעבן די דאָזיקע שוואַכקייטן.

ער אַליין האָט באַטראַכט אַלקאָהאָל און ציגאַרן פאַר „שוואַכקייטן״. אָבער ער האָט אין זײַנע ניינציקער יאָרן געטרונקען בראָנפן און זיך נישט גע־פּרוּווט קעגנשטעלן דעם דאָזיקן נסיון. ער האָט אויך געזינדיקט בנוגע ציגאַרן. ער האָט בלויז געשניטן זייער צאָל. פון צוועלף ציגאַרן אַ טאָג, האָט ער אַראָפּגעלאָזן אויף אַכט און דערנאָך אויף זעקס.

דאָס ווײַזט, אַז דער מענטש האָט געהאַט בכלל אַן אויסערגעוויינלעכן רעזערוו פון ענערגיע, נישט קוקנדיק אויף די דערמאָנטע „שוואַכקייטן״, וואָס ער באַטראַכט אַז עס איז געזינטער נישט צו פאַרלירן אומזיסטע ענערגיע אין באַקעמפן זיי. ער וואָלט מסתמא דערגרייכט נאָך אַ טיפערע עלטער, ווען ער וואָלט ניט געהאַט די דערמאָנטע „שוואַכקייטן״.

ער וואָלט בכלל נאָך געלעבט היפּשע עטלעכע יאָר ווען נישט צוויי אומגליקספאַלן מיט אַ האַלב יאָר פאַר זײַן טויט. ער האָט זיך אויסגעגליטשט אין זײַן אייגענעם אָפיס אויף איסט 124 טע גאַס, און צעבראָכן זײַן לינקן אָרעם, ווען אין דריי חדשים אַרום האָט זיך שוין דער אָרעם עטוואָס געהאַט פאַרהיילט איז ער ווידער געפאַלן אויף דעם זעלבן אָרעם אויפן גאַס, אַרויס־גייענדיק פון אַ טעקסי. דאָס מאָל איז שוין דער אָרעם געוואָרן נאָך מער גע־שעדיקט און ווידער צעבראָכן.

מיט אַ צוויי וואָכן פאַר זיין פּלוצלונגדיקן טויט, האָט ער נאָך, דורך אַן אַמפּליצירטן טעלעפאָן, גערעדט פינף מינוטן צו אַ פאַרזאַמלטן עולם אין וואַלדאָרף אַסטאָריא האָטעל, צום יערלעכן ״דינער״ פון די ״סילוריאַנער״ — אַ וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפט, וואָס פאָרשט דעם פאַרצייטיקן לעבן פון די אַנרוקנביינערדיקע באַשעפענישן. ער איז אין דער געזעלשאַפט געווען אַ ערן מיטגליד. זיין באַגריסונג דורכן אַמפּליצירטן טעלעפאָן איז אַרויסגעקומען קלאָר און פריש, פול מיט בליצנדיקן הומאָר.

דאָס איז געווען בלויז צוויי וואָכן איידער ער האָט פאַרמאַכט אויף אייביק זיינע אויגן און ״אויסגעצויגן זיינע אייגענע פיס״. דעם 13טן מאַי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער דערמאָנטער דינער.

אויסגעגאַנגען איז ער, אין מיטן שלאָף, מאָנטיק דעם 26טן מאַי, 1957, פאַרטאָג אין זיין צימער אינם לוצערן האָטעל, אַמסטערדאַם עוועניו און 97־טע גאַס, ניו יאָרק.

דר. לעווי האָט געלאָזן נאָך זיך אַ טאָכטער, מרס. לעאָ הערץ פון ניו־ראָשעל, ניו יאָרק, אַ שוועסטער, אַליס לעווי פון אַלבאַני; דריי אייניקלעך און זעקס אור־אייניקלעך.

וואָס איז נאָך וויכטיקער — די אַרום פופצן הונדערט פוס־דאָקטוירים, וואָס ער האָט געלאָזן. זיי וועלן פאָרזעצן זיינע פאָרשונגען און מיט דער צייט פאַרמיידן די קומענדיקע דורות פון ווערן געמוטשעט מיט אַלערליי פוס קראַנקהייטן און יסורים, צוליב די שרעקלעכע מיסברויכונגען און עקס־פּלואַטאַציע פון די וואָס טראָגן געדולדיק אונדזער גאַנצן געבוי.

קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

הענרי גאָלדמאַרק — דער אינזשיניער, וואָס האָט געבויט פאַר דער אייביקייט

בויער פון באַרימטע בריקן און שליוזן

דער גרויסער ענגלישער שטאַטסמאַן וויליאַם פּיט האָט אַמאָל געזאָגט — „מ׳קאָן נישט באַזיגן אַמעריקע״. ער האָט עס געמיינט אויפ׳ן געביט פון קריג און קאָנקורענץ. אָבער אַמעריקע האָט געדאַרפט באַזיגט ווערן אויף פיל אַנדערע געביטן. זי האָט געדאַרפט אָפּגעשאָבן ווערן פון איר אורמאָך, פון איר ווילדער נאַטור. זי האָט געדאַרפט געצוימט ווערן פון אירע שטורעמס, פון אירע שטראָם־פאַלנדיקע טייכן, פון אירע לאַנגע, אומענדלעכע שטרעקעס. זי האָט געדאַרפט אויפגעבויט ווערן פון אירע זאַמדן און פעלזן.

אַלע פעלקער פון דער וועלט, וואָס האָבן באַזעצט דאָס לאַנד, וואָס ליגט צווישן די צוויי גרעסטע אָקעאַנען, האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער באַזיגונג. מיר, יידן, אויך — פון וואַנען מיר זאָלן נישט האָבן געקומען; אויב מיר דאָ האָבן נישט אַזויפיל אויפגעריסן דאָס רוי־ערד ווי אַנדערע, האָבן מיר אָבער דאָרט וואו עס האָט זיך גענויטיקט, פאַרשטאָפּט אירע לעכער, געבריקט אירע אָפּגרונטן, באַהעפט אָפּגעריסענע שטיקער אירע — אויף לאַנד, אויף וואַסער, געהאָלפן אויספּלאַנירן אירע וועגן מיט וועלכע זי איז איצט באַרימט אין דער גאַנצער וועלט.

איינער פון די, וואָס האָבן צו דעם בייגעטראָגן אין גאָר אַ גרויסער מאָס איז דער בוי־אינזשינער הענרי גאָלדמאַרק. דאָס איז געווען דער אויספּלאַנירער פון אַ ריי באַן־וועגן, בריקן; וויאַדאַקטן, שליוזן; קאַנאַלן און טייך־בריקן. און נישט ווייניקער — אַ היפּשער מחותן מיט׳ן אויפבוי פונ׳ם גרעסטן קאַנאַל, וואָס האָט פאַראייניקטביידע ריזן אָקעאַנען. און דאָס גראַד אין אַ פּלאַץ, וואו די נאַטור האָט אַנגעהורבעט פעלזן, וואָס זיי זאָלן נ י ט ד ע ר ל אָ ז ן די צוויי גיגאַנטן זיך איינע די אַנדערע געבן די הענט. דאָס איז דער פּ אַ נ אַ מ אַ ־ק אַ נ אַ ל.

עטלעכע דורות האָבן גע׳חלומ״ט וועגן אַזאַ דערגרייכונג, די גרעסטע אין יענער צייט אויף דעם געביט פון איבערצייכענען די געאָגראַפישע אָדערן פון דער ערד. בלויז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מיט פיר צענדליק יאָר שפּעטער איבערגעשטיגן דעם דאָזיקן אויפטו דורך פאַראייניקן אַ גאַנצע רייע טייכן, אָזערעס און ימים אין איין קאַלאָסאַלן וואַסער־וועג. אָבער אין די יאָרן פון סאַמע אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט איז עס געווען די גרעסטע דערגרייכונג פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע אויף דעם געביט.

פ אַ ר ד ע ם איז די סענסאַציע געווען דער סועץ־קאַנאַל, וואָס איז פאַר־ענדיקט געוואָרן נאָך אין 1869. ער האָט געשלאָסן דעם שידוך צווישן די וואַסערן פונ׳ם מיטלענדישן ים מיט׳ן רויטן ים. יאָ, דאָס איז אויך געווען אַ גרויסער מיילשטיין פון ציוויליזאַציע. זיין לענג איז איבער 104 מייל, ברייט אַרום 150 פוס און טיפעניש אויף 36 פוס, נאָר האָט ניט קיין שליוזן צו פאַרשליסן אים און אויפשליסן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט דעם אויפטו אינ׳ם פּאַנאַמאַ קאַנאַל, וואָס איז געבויט געוואָרן פונ׳ם אינזשעניר־גענעראַל געטהאַלס, און פון זיין געהילף פאַר די שליוזן הענרי גאָלדמאַרק.

די שליוזן וואָס גאָלדמאַרק האָט געבויט זיינען פינף־און־אַכציק פוס די טיף 110 פוס די ברייט און ט ו י ז נ ט פוס לאַנג.

דאָס איז בלויז איינע פון גאָלדמאַרק׳ס דערגרייכונגען. ער האָט פון זיין לאַנגן 83־יאָריקן לעבן מער ווי אַ העלפט אָפּגעגעבן פאַר בויען אַמעריקע, אירע אויבערוועגן און אונטערוועגן, אירע בריקן און דאַמבעס, אירע שליוזן און וויאַדאַקטן. זיינע אויפטואונגען זיינען צעוואָרפן איבער אַ גרויסע צאָל שטאַטן דאָ, און אפילו אין אויסלאַנד. ער האָט אויסגעאַרבעט פּלענער פאַר קאַריע און כינע.

הענרי גאָלדמאַרק איז געבוירן געוואָרן אין ניו יאָרק, דעם 15טן יוני, 1857. זיין פאָטער, אַ מעדיקער און אַנטדעקער, יוסף גאָלדמאַרק, איז געווען אַן אונגאַרישער ייד. אינ׳ם רעוואָלוציאָנערן יאָר, 1848, איז ער געווען אַ ליבעראַלער דעפּוטאַט פון אונגאַרן אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. די שפּעטער־דיקע רעאַקציע האָט אים געצוואונגען צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע. ער איז דער אַנטדעקער פונ׳ם פאַרמלאָזן געמישטן שטאָף „אַמאַרפאָאַס פאָספאָרוס״. פון זיינע קינדער אויסער הענרי׳ן האָט איין טאָכטער, עליס, געהייראַט דעם באַרימטן יוריסט לואי ד. בראַנדייס (שפּעטערדיקער סופרים־קאורט ריכטער), און אַ צווייטע טאָכטער דר. פעליקס אַדלער, דעם עטישן קולטור־פירער.

הענרי האָט שוין אין זיין יוגנט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פיאַי־

קייטן. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דעם ברוקלינער פּאָליטעכניקום, איז ער אָנגעקומען אין האַרוואַרדער אוניווערסיטעט און דערנאָך זיך נאָך מער פאַרפולקאָמט אין אויסלאַנד, אין׳ם קעניגלעכן פּאָליטעכניקום פון האַנאָווער. אין 1880 זעען מיר אים שוין צוריק אין ניו יאָרק, אָנגעשטעלט פון דער אירי באַן־קאָמפּאַני אַלס איר בריקן־אינזשעניער. פון דעמאָלט אָן ווערט ער ברייט באַקאַנט ווי אַ פּייאָנער־בוייער פון באַן־בריקן.

זיין קרעדאָ אין בריקן־בוי איז געווען זיכערקייט און סאָלידע שיינקייט — „פאַרפראָרענע מוזיק״, ווי געטהע האָט אָנגערופן גוטע אַרכיטעקטור. ער איז געווען פון די ערשטע (און אפשר טאַקע דער ערשטער) צו בויען אַ בריק פון בלויזן שטאָל. נישט קיין וואונדער, וואָס פיל באַנען האָבן אים אָנגעשטעלט צו אינספּעקטירן די זיכערקייט און פעסטקייט פון זייערע באַן־בריקן. אין אַט־דער ראָל זעען מיר אים אַרבעטן אַ לענגערע צייט פאַר דער „סאַנטאַ־פעי באַן־קאָמפּאַני״, פאַר „באָסטאָן און מעין״, פאַר „טשעספּיק און אָהייאָ״ און אַנדערע.

אין די יאָרן פון 1887 ביז 1891 זעען מיר אים אין קענזעס סיטי און ער אַרבעט פאַר דער „מעמפיס ענד גאָלף באַן־קאָמפּאַני״. ער האָט טאַקע חתונה אין קענזעס סיטי, אין 1892, מיט לואיז קאַנדיט אָוענס. ער הייבט דאָן אָן צו אַרבעטן אַלס הויפּט בוי־אינזשעניער פאַר דער „טעקסאַס ענד פּעסיפיק״ – „בעלט רוט״, און פאַר דער „וועסט שאָר״ ליניע ביז 1894. אין דער זעלבער צייט איז ער דער פאַראַנטוואָרטלעכער אינספּעקטאָר פאַר דער זיכערקייט פון די מעטאַלורגיש־סטרוקטורעלע פאַבריקן אין פאַרשיידענע שטאַטן איבער׳ן גאַנצן לאַנד און פון 1891 ביז 1896 פּלאַנירט ער און אינספּעקטירט די בריק־וועגן פאַר דער שיקאַגער וועלט־אויסשטעלונג און פּלאַנירט פאַר דער „אָגדען ענד יוטאַ״ די בריקן אין די יאָרן 1896 און 1897.

סוף 1897 באַטייליקט ער זיך צוזאַמען מיט׳ן אינזשעניער דזשאָרדזש ס. מאָריס אין אויספּלאַנירן די וויאַדאקטן אויף קאָנעקטיקוט עוועניו, אין וואַשינגטאָן. אין דער זעלבער צייט פון 1897 ביז 1899 באַטייליקט ער זיך מיט אַנדערע אינזשעניערן אין אַ באַראַטונג וועגן די טיפע וואַסער־וועגן און אַ שליוזן־דאַמבע אין אַ קאַנאַל צווישן די „גרעט לעיקס״ און „טאַיד וואַטער״ אין דעטראָיט.

אָבער אין מיטן די אַלע בויאונגען פאַר אויסשפּרייטונג און ניי לעבן שטאַרבט זיין געליבטע פרוי לואיז. עס גיט אים אַ וואַקל אויף אַ ווײַלע, אָבער ער ווייס, אַז דאָס לעבן און אויפבוי דאַרף אָנגיין. צוזאַמען מיט זיין פריינט מאָריסאָן נעמט ער זיך פּלאַנירן און בויען די באַן און וועג־בריקן איבער׳ן טייך מיזורי, ביי אַטשינסאָן, קענזעס, אין די יאָרן 1899 און 1902. ער הייראַט אַ צווייטן מאָל — זיין פרוי ווערט מערי קאַרטער טאָמקינס.

פון 1902 אן זענען מיר אים א לענגערע צייט ביי די פלאנירונגען פון נייע לאקאמאטיוו־און־קאר שעפער פאר דער „קאנאדיען פאסיפיק". אט איז ער אין מאנטרעאל און אט אין ווינ־פעג, אין פארט־וויליאמס און אנטאריא. ער פארענדיקט די מיסיע אין 1906, ווען ער ווארפט זיך שוין אריין אין דער ארבעט ביים פאנאמא קאנאל.

נאך מיט יארן צוריק האבן זיך פראנצויזישע פירמעס גענומען פאר־ווירקלעכן דעם חלום פונם פאנאמא קאנאל, אבער יארן זיינען אוועק, הונדער־טער ארבעטער זיינען אויסגעשטארבן, מיליאנען זיינען פארטאכלעוועט גע־ווארן. גאנצע מאיאנטקעס זיינען פארוואנדלט געווארן אין זאמד.. דער גע־שטאנק פון גרעפט און קארופציע האט צוגעצויגן די מחנות מאלאריע־טראגנדיקע מאסקיטאס און געקאסעט לעבנס. אבער דער פראיעקט איז נאך איבערגעבליבן מערסטנס אויפ׳ן פאפיר. עס זיינען געקומען די וואגנדיקע טיכטיקע אמעריקאנער אינזשעניערן אונטער דער אנפירונג פון גענעראל ג. וו. געטהאלס, מיט אזעלעכע געהילפן ווי הענרי גאלדמארק און די אקעאן־וואסערן האבן זיך צוזאמענגעגאסן, אין 1914, ערב דעם פארפלייץ פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער מאדערנער מענטש האט טריאומפירט איבער די פעלזן. גאלד־מארק און אזעלעכע אינזשעניערן ווי ער מיט זייערע אויסגעצייכנטע בריקן, האבן טריאומפירט איבער דעם געזעץ פון גראוויטאציע. אויב עמיצער האט א רעכט צו שטאלצירן מיט דער וואונדערלעכער אמעריקע, זיינען עס זיכער די, וואס האבן זי פלאנירט און געבויט.

אין זיינע בריקן האט הענרי גאלדמארק אריינגעבויט אייביקייט; אין זיינע שליוזן און קאנאלן, וועגן און וויאדאקטן האט ער געשאפן ווערק, וואס באדן זיך אין זון. ער האט ארויסגעוויזן א חוש פאר קראפט און שיינקייט אין דער זעלבער צייט, לעבן זיין הויז, אין שטעטעלע נאיאק, ביי ניו יארק.

הענרי גאלדמארק׳ס א פיל יינגערע שוועסטער פאולין, איז פון אנהויב פון דעם יארהונדערט, געווען טעטיק אין געזעלשאפטלעכע קאמפאניעס. זי איז געווען א צייט פרעזידענט פון דער ניו יארקער קאנסומערס ליג און א מיטגליד פון אינדאסטריעל באארד אין ניו יארקער סטעיט לעיבאר דע־פארטמענט, ווי אויך וויצע־פארזיצער פון דער ניו יארקער „טשאילד לעיבאר קאמישאן".

די ביטערע איראניע פון הענרי גאלדמארק׳ס שיקזאל האט אים צוגע־שפילט, אז ע ר, וואס האט אזוי געוויסנהאפט פארזיכערט די לעבנס פונ׳ם אמעריקאנער פאלק אויף די וועגן פון לאנד און וואסער, זאל אליין אומקומען פון א וועג־מאשין — אן אויטאמאביל, דעם 20טן יאנואר, 1941, אין עלטער פון 83 יאר.

קאַפּיטל ניין און דרייסיק

מ. זאַמעטקין — די ערשטע מאַגנעטישע קראַפט צווישן די יידישע לעקטאָרן-סאָציאַליסטן

אינם קלאַסישן גריכנלאַנד, אין אַן אָרדנונג פון האַרן און שקלאַפן, האָבן זיך די האַרן פיל אָפּגעגעבן מיט אָראַטאָרישער קונסט. עס איז געווען אַ געצייג פון פאַררייזן די ציין, אָדער — פאַררייזן אימיצן דורך אַ מסירה — צום טויט. אַריסטאָפאַנעס — דער קינסטלער פון קאָמעדיע — האָט געוואָרנט וועגן זיי: „עס איז נויטיק איבערצוקערן יעדן שטיין, כדי צו זען, אַז אַן אָראַטאָר זאָל פון אונטער אים נישט אַרויסשפּרינגען און אַ ביס טאָן".

אינם אָנהויב פון דער רוסיש-פּוילישער יידישער אימיגראַציע אין אַמעריקע האָבן נישט בלויז קיין אָראַטאָרן, אין יידיש, זיך נישט געוואַלגערט אונטער יעדן שטיין, נאָר עס איז אינגאַנצן נישט געווען דער מין. דער ערשטער — צו האַלטן אַ רעדע אין יידיש איז גראַד געווען אב. קאַהאַן, אָבער זיין רעדנער-קראַפט איז גלייך פאַרטונקלט געוואָרן אין פאַרגלייך מיט מיכאַעל זאַמעטקינ׳ס.

פריער אין רוסיש און עטלעכע יאָר שפּעטער אין יידיש, איז ער אין דעם אימיגראַנטן-קוואַרטאַל פון דער איסט-סאיד, אין ניו יאָרק, געווען ד ע ר רעדנער וועמענס „ווערטער זיינען שיטער און געדאַנקען געדיכט". ער האָט נישט בלויז אויסגעצייכנט געוואוסט זיין קעגנשטאַנד. ער האָט אויך געוואוסט דעם בעסטן אופן ווי אַזוי אים אַרויסצוברענגען מיט גרויס קראַפט און איבערצייגונג. די, וואָס האָבן געהערט זיינעם אַ פאָרטראָג איינמאָל, זיינען שוין געווען כמעט זיכערע קאַנדידאַטן צו קומען אים הערן אַ צווייטן מאָל.

מיר ווייסן קנאַפּ-וואָס וועגן זאַמעטקינ׳ס אָפּשטאַם. ער האָט מסתמא אַנטמוטיקט צו פרעגן אים וועגן דעם ענין. מיר ווייסן בלויז, אַז זיין געבורט-שטאָט איז געווען אָדעס און אַז ער האָט שוין אין זיינע יינגסטע יאָרן פאַרקערט אין סאָציאַליסטישע קרייזן. מען רעכנט אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אַרום 1858. (אין זלמן רייזענ׳ס לעקסיקאָן ווערט אָנגעגעבן זיין געבורט אַרום 1860).

זיכער איז, אַז זאַמעטקין איז געווען נישט בלויז אַ סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאָר אַן אַריינגעטאָנענער אין איר מיט לייב און לעבן. פון זיינע שפּעטערדיקע יאָרצענדליקער אין אַמעריקע, איז קענטיק, אַז זיין יוגנט האָט שוין געזען שטורמישע אַקטיווע פול־בלוטיקע טעג. זיי האָבן איבערגעלאָזט צייכנס — טויזנטער מענטשן, וואָס דערמאָנען אים נאָך איצט מיט ליבשאַפט און פאַרערונג.

עס האָבן אים שוין מסתמא געמוזט אַנטקעגנקומען געגנוג געפאַרן, ווען ער האָט אין 1882 געשטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער צווייטער גרופּע „עם עולם" און געפירט זיי אין דער „נייער וועלט" אויף לעבן אַ סאָציאַליסטיש לעבן וואו עס איז, אין אַ קאָמונע. מיר ווייסן שוין פון דער אַנטווישונג, וואָס די דאָזיקע אידעאַליסטן האָבן דאָ באַגעגנט. דער גרעסטער טייל פון די אָוועניסטישע און פוריעאיסטישע קאָמונעס (ליוט די אוטאָפּיסטישע סאָציאַ־ליסטן ראָבערט אָוען און שאַרל פוריע) זיינען שוין דעמאָלט געווען מער אין דער געשיכטע, ווי אין דערווירקלעכקייט, אויפן שויס פון דער מאַמע־נאַטור. זייער גורל איז געווען — דער „סוועט־שאַפּ"!

זאַמעטקין איז, ווי טויזנטער אַנדערע, ניט געווען קיין אויסנאַם. זיינע הענט זיינען געוואָרן מאַשינען אַרויסצוקריגן העמדער. דאָס איז פאַר אים געווען די גרינגסטע מלאכה. אָבער ער האָט שוין נישט געדאַרפט איבערלייענען נאָך אַמאָל טאָמאַס הוד׳ס „ליד פון העמד" כדי צו דערפילן דעם שוידער פון „נייען העמדער פאַר פרעמדע, און פאַר זיך תכריכים", לויטן „זיידנס" (ווינטשעווסקי׳ס) איבערזעצונג. אַלס סאָציאַליסט פון דער היים האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אויף אים ליגט דער חוב צו אָרגאַניזירן זיינע ברידער־אַר־בעטער, צונויפלייגן זייערע כוחות אין איין כוח און זייערע ווילנס אין איין ווילן, אין איין ציל.

די ערשטע זאַך האָט ער זיך גענומען צו אויפקלערונג. ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן צו וועקן די אַרבעטער צו זעלבסטטעטיקייט. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געגרינדעט דעם „זעלבסטבילדונג פאַראיין". אוודאי איז דאָס ערשט געווען בלויז אַן אָנהויב און אַן עקס־פּערימענטאַלער. לאַנג האָט דער דאָזיקער פאַראיין ניט געלעבט. אַלס די ערשטע ראַדיקאַלע אַינסטיטוציע, אין ניו יאָרק האָט זי נאָך הינטער זיך ניט געהאַט קיין דערפאַרונג און ניט קיין טראַדיציע. דער פאַר־איין, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין אָנהייב 1883, האָט נישט דערלעבט צו פייערן קיין איין יובילײ, אפילו ניט דעם מינימאַלסטן יאָר.

אָבער אַן אָנהויב איז עס געווען. אַביסל דערפאַרונג איז געבליבן. דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם רוסישן פּראָגרעסיוון פאַראיין וואָס זאַמעטקין

האָט געהאָלפן גרינדן. אויב ער האָט אים נישט עטאַבלירט אויף אַ לענגערער צייט האָט דער פֿאַראיין אָבער א י ם עטאַבלירט אַלס גלענצנדיקן לעקטאָר און רעדנער. זיינע טעמעס זיינען שטענדיק געווען אָנרעגנדיקע און צייט־מעסיקע. און אויב ער איז נישט געווען דער בעסטער אָרגאַניזאַטאָר, וואָס איז נויטיק געווען, איז ער זיכער געווען איינער פון די בעסטע אויפקלערער און אויסטייטשער, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט אין יענער צייט.

די מערסטע מער־אויפגעקלערטע אַרבעטער זיינען געווען די, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט די דערפאַרונגען פון דער עמיגראַציע, אין לאָנדאָן, ליווערפול, לידז און אַנדערע ענגלישע שטעט. לאָנדאָנ׳ס יידישער קוואַרטאַל איז דעמאָלט געווען אונטער דער גייסטיקער העגעמאָניע פון אַנאַרכיסטן. יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען געווען אין דער מינדערהייט און געהאַט ווייניקער פייאיקע רעדנער, שרייבער און לעקטאָרן. די אַכציקער יאָרן אין ניו יאָרק זיינען געווען אין אַ געוויסן זין, צווישן די אימיגרירטע יידישע אַרבעטער, קאָפּיעס פון די זיבעציקער יאָרן אין ענגלאַנד.

דער יונגער מיכאַאיל זאַמעטקין, וואָס האָט באַהערשט אין אַ היפּשער מאָס די מאַרקסיסטישע פילאָסאָפיע, איז דעריבער געווען אין ניו יאָרק דער העפטיקער מאַרקסיסטישער קעמפער קעגן אַנאַרכיזם, זיכער נישט ווייניקער ווי פיליפּ קראַנץ און אין אַ געוויסער מאָס דער „זיידע״, זיינען געווען אין די אַכציקער יאָרן אין ענגלאַנד. אויב די פּאָזיציעס פון די אַנאַרכיסטן צווישן די יידישע אַרבעטער אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און שיקאַגאָ, האָבן זיך היפּשלעך גענומען וואַקלען, איז עס געווען אונטער די גייסטיקע האַמער־קלעפּ פון זאַמעטקינ׳ען און זיינע חברים.

אין דעבאַטעס איז זאַמעטקין געווען ערלעך, אָבער געפערלעך. ער פלעגט זיך קאָנצענטרירן אויף די הויפּט־טעזיסן פון זיין קעגנער און האַמערן ביז זייערע פלאַנקן זיינען היפּשלעך אָפּגעדעקט געוואָרן און די אַטאַקע האָט זיך פאַרשפּרייט שוין אויף אַלע גייסטיקע פּאָזיציעס פונם שונא. אָט אין דעם פייער פון די דאָזיקע דעבאַטעס איז זאַמעטקין נאָך מער געשטאָלט געוואָרן אין זיין לאָגיק און וואָגיקייט פונם אַרגומענט.

אָבער גלייכצייטיק איז זאַמעטקין געווען דערבאַרעמיק צו זיין קעגנער. ווען ער האָט צעקלאַפּט זיינע אַרגומענטן האָט ער אויך געהאַט אַ טבע צו אַנאַליזירן פונוואַנען עס וואַקסן זיינע טעות׳ן און שוואַכע פּאָזיציעס. פער־זענלעך איז ער געבליבן מיט זיי פריינט און אפילו פיל מאָל, נאָך דער דעבאַטע, אַוועק אין אַ קאַפע און ברידערלעך פאַרבראַכט.

זאַמעטקין איז געווען אַ לעקטאָר, וואָס די פּראָווינץ האָט נישט פאַר־גונען ניו יאָרק צו מאַכן אים פאַר אַן אויסשליסלעכן אייגנטום. מ׳האָט אים

געפּאָדערט אין אַ ריי שטעט אין משך פון אַ דריי און אַ האַלב יאָרצענדליקער. זיינע לעקציעס זיינען געווען יום־טובים פאַר די מער אויפגעקלערטע יידישע אַרבעטער אין דער פּראָווינץ.

ווען די אַנאַרכיסטן זיינען שוין אַרויס צעקלאַפּטע אין די אידייען־שלאַכטן מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פאַרשיידענע אָפּאָרטוניסטישע כוחות האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער היפשלעך שוין אויפגעבויטער יידי־שער אַרבעטער באַוועגונג, האָט זאַמעטקין איבערגרופּירט זיינע קריגערישע געדאַנקען קעגן די אַנאַרכיסטן און זיי אויסגעשטעלט אין קאַמפּס־אָרדענונג קעגן פּרעי׳ס „פּאָזיטיוויסטישע״ טעאָריעס, קעגן די קאָאָפּעראַטאָרן, וואָס האָבן געלייגט צו גרויסע האָפנונגען צו באַקעמפן מיט קאָאָפּעראַטיוון די גאַנצע סאָציאַליסטישע אָרדענונג, ווי קעגן די „פעיר ענד סימפּל״ אָפּאָר־טוניסטישע יוניאָן־פירער. ער איז דערביי געווען נישט ווייניקער דער־פאָלגרייך צו צעקלאַפּן די דאָזיקע פאַלשע האָפנונג, פּונקט ווי ער האָט אין קאַמף מיט די אַנאַרכיסטן צעקלאַפּט די האָפנונג, אַז די סאָציאַלע רעוואָ־לוציע שטייט שוין אין אַמעריקע האַרט ביי דער טיר און זי וועט באַלד אַריינפירן די „פרייע אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפט״.

דערציילט לעאָן קאָברין אין זיין מעמואַרן־בוך „פּופציק יאָר אין אַמע־ריקע״, אַז זאַמעטקין איז געווען דער ערשטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעדנער, וואָס ער האָט געהערט אין אַמעריקע. ער האָט אים געהערט אין פילאַדעלפיע, אין רוסיש, אין אַ האַל אויף דער דריטער און פּאַין סטריט. דער האַל איז געווען, דערציילט ער, אַן איבערגעפּאַקטער. זאַמעטקין האָט אויף אים דעמאָלט געמאַכט אַ טשיקאַווען איינדרוק, (קאָברין אַליין איז דעמאָלט געווען אונטער אַנאַרכיסטישער השפּעה). אָט ווי ער שילדערט אים:

„עפּעס איז אין זיין קול געווען און אין דעם גאַנצן אופן פון זיין רעדן, וואָס האָט אַנגעשטעקט זיינע צוהערער מיט היסטעריע. אַלצדינג האָט אין אים געגרעדט, מ׳קאָן זאָגן געפלאַמט און פּראָטעסטירט — אפילו די מלבושים אויף אים, האָט זיך געדאַכט... קיינער פון די דעמאָלטיקע יידישע רעדנער, אַנאַרכיסטן אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, האָט נישט גערעדט אַזוי אַקטיאָריש, ווי ער און קיינער פון זיי איז נישט געווען ווייניקער אַקטיאָר ווי ער״.. (דאָרט, ז: 164־165).

קאָברין איז גערעכט, זאַמעטקין איז געווען ווייט פון אַן אַקטיאָר. ווען איך האָב אים געהערט אין שיקאַגאָ, דוכט זיך אין סוף 1911, אָדער אין אָנהויב 1912, האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט דער פּערפעקטער אַרכיטעקטור פון זיין לעקציע. אוודאי איז ער נישט געווען קיין קאַלטער לונג־און לעבערדיקער פּראָפעסאָר, און האָט מיטגעריסן מיט אַן

אומגעוויינטלעכער התפעלות און אין דער זעלבער צייט מיט קילער לאָגיק.

זאַמעטקין איז געווען זייער טעטיק אין דער שטורמישער קאַמפּאַניע פון 1896, ווען דער סינגל־טעקסער הענרי דזשאָרדזש איז געווען קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון ניו יאָרק. ער איז געווען אין „עלפער קאָמיטעט" און עס איז נישט געווען אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט קיין סאָציאַליסטישע קאָנ־פערענץ צו וועלכער ער זאָל נישט האָבן דעלעגירט געוואָרן. און וואָס שייך באַטייליקונגען אין דער אַרבעטער פּרעסע איז ער געווען אומעטום אָנגעלייגט.

ער איז געווען אין דער רעדאַקציע פון דער „אַרבעטער־צייטונג", פון׳ם „אָבענד־בלאַט" און געווען צוזאַמען מיט אב. קאהאן אויפ׳ן טור צו שאַפן די פאָנדן פאַר דער גרינדונג פון „פאָרווערטס", וואו ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער, און ווען אב. קאהאן האָט אויפגעגעבן די רעדאַקציע פון „פאָרווערטס", האָט ער גלייך נאָך אים איבערגענומען די רעדאַקציע. דאָס איז גראָד געווען די שווערסטע צייט, וואָס די צייטונג האָט דורכגעלעבט.

א קורצע צייט איז ער אויך געווען דער לעצטער רעדאַקטאָר פון דעם סאָציאַליסטישן וואָכנשריפט „דער סאָציאַל דעמאָקראַט". זיינע אַרטיקלען אין דער שפּעטערדיקער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע וועגן די אַקטועלע פראַגן פון דער באַוועגונג זיינען געלייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס. צווישן זיינע איבערזעצונגען איז די בעסטע — טשערנישעווסקי׳ס ראָמאַן „טשטאָ דילאַט"?

ער האָט געלאָזן אַ טאָכטער, וואָס איז זייער גוט באַוואוסט אין דער ענגלישער ליטעראַטור און טעאַטער. זי איז לאָראַ ז. האָבסאָן, דער אויטאָר פון „דזשענטלמענ׳ס אַגרימענט".

זאַמעטקין איז געשטאָרבן דעם 7־טן מערץ, 1935.

קאַפּיטל פערציק

אדאָלף אָקס — אייגנטימער פון דער „ניו-יאָרק טאַימס"



איינער פון די גלאָריפיצירטע העלדן פונם אַמעריקאַנער בירגערטום אויפ׳ן געביט פון אויפהויבן זיך אַליין פונם נידעריקן אָרעמען שטאַנד און דערלאַנגען הויך צו די שטערן פון פינאַנס און אינדוסטריע, איז האָרעישיאָ אַלדזשיר. אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע פון די אויפקום-יאָרן פון נאָך דעם בירגער-קריג זיינען באמת נישט געווען קיין גרויסע זעלטנהייטן אַזעלכע פאַלן, וואו מענטשן האָבן זיך פון קליינשטאַנד, אָדער מיטלשטאַנד, אַרופגעאַרבעט צום ראַנג פון אַן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַן, אָדער צו ווערן אַ געני פון פינאַנס-קאַפּיטאַל.

ווי אַזוי זיי האָבן זיך עס אַרויפגעאַרבעט איז ניט אַלע מאָל געווען זיכער און אין אַ היפּשער צאָל פאַלן אינגאַנצן נישט קלאָר. צי אויף אַן ערלעכן וועג, אויב אַזעלכער איז בכלל פאַראַן אונטערן קאַפּיטאַליזם, צי אויף אַ קרומלעכן, אָבער זיי זיינען געוואָרן באַקאַנטע מוסטערן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און אינם זשורנאַליזם.

איינער פון די דאָזיקע פאַלן, וואָס האָט געדרייצט אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר די פאַנטאַזיע פון יונגעלייט, איז געווען אַדאָלף אָקס, דער מיליאָנערישער אַרויסגעבער פון דער „ניו יאָרק טאַימס".

אַדאָלף סיימאָן אָקס איז געבוירן געוואָרן אין אַ יידישער בירגערלעכער פאַמיליע אין סינסינעטי, אין יאָר 1858, דעם 12-טן מערץ. זיין פאָטער דזשוליוס אָקס, איז געבוירן געוואָרן אין אַן אויפגעקלערטער יידישער פאַמיליע אין בייערן, דייטשלאַנד. ער האָט אימיגרירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, און זיך שנעל אַמעריקאַניזירט. אין די סוף פערציקער יאָרן געפינען מיר אים, ווי ער דינט אין דער אַרמיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַלס אָפיצער, און באַטייליקט זיך אין דער מלחמה קעגן מעקסיקאַ, אין 1848.

דזשוליוס אָקס באַטייליגט זיך אויך פיר יאָר צייט אינם בירגער־קריג, פון 1861 ביז 1865. אָבער די ענציקלאָפּעדישע קוואַלן שוויגן אויף וועלכער זייט ער האָט זיך באַטייליקט. פון דעם פאַקט, וואָס די פאַמיליע באַזעצט זיך גלייך נאָכן סוף פונם בירגער־קריג אין נאַקסוויל, טענעסי, און וואוינט אין משך פון צענדליקער יאָרן אין דער „סאוט" קען מען גיכער אָננעמען, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אינם מיליטער אויף דער זייט פון דער קאָנפעדעראַציע, די באַטייליקונג אין דער מלחמה קעגן מעקסיקאַ איז אויך פון קנאַפּן פּראָגרעסיוון יחוס...

אין עלטער פון 12 יאָר, ווערט דערציילט, איז דער יונגער אַדאָלף געווען אַ „ניוס־באָי", אַ גאַסן פאַרקויפער פון צייטונגען. צו פערצן יאָר איז ער אַ לערן־יינגל אין דער דרוקעריי פון דער צייטונג „נאַקסוויל קראָניקל". אין די יאָרן 1875 און 76', איז שוין אַדאָלף אַ „פּאָלנער" זעצער, אין לואיוויל, קענטאַקי, אין „קוריער דזשורנאַל". עס האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגער אַדאָלף וועט ביי זעצעריי נישט בלייבן. אין 1877 העלפט ער שותפים צו גרינדן אין טשאַטאַנוגאַ די „דיספּעטש" און אין 1878, אין עלטער פון צוואַנציק יאָר, קריגט ער אַ פולן קאָנטראָל איבער דעם אָרעמערן צייטונגל „דהי טשאַטאַנוגאַ טאימס", ער פאַרנעמט דאָרט אַלערליי פּאָסטנס. ער איז דער אַרויסגעבער, דער רעדאַקטאָר, דער מיטאַרבעטער און דער געשעפטס־פאַרוואַלטער. אין אַ קורצער צייט שטעלט ער דאָס וואַקלדיקע צייטונגל אויף געזונטע, פעסטע פיס.

נישט בלויז מאַכט ער די „טשאַטאַנוגאַ־טאימס" פאַר דער וויכטיקער שטאַט־צייטונג, וואָס גיט פירערשאַפט די שטאָט־טאַטעס און רופט זיך אָפּ אויף אַלע לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער מוניציפּאַליטעט, נאָר ווערט באַוואוסט און פאַרשפּרייט איבער אַלע דרומשטאַטן אַלס אַ פירנדיקע צייטונג. אין אַ רייע קאַמפּאַניעס פאַר שטאָט־רעפאָרמען, הויפּטזאַכלעך זיין קאַמף פאַר פאַרק־אויסברייטערונג און פאַר מאַכן דעם שטאַטישן באַרג פאַר אַ לאַנד־מאַרק און אַטראַקציע אונטערן נאָמען „לוקאוט מאַונטין", האָט ער געוואונען דעם צוטרוי פון די בירגער.

וואָס ווייטער איז אַלץ מער געוואַקסן אַדאָלף אָקס'עס איינפלוס און זיין נאָמען. ער אַנטוויקלט גרויס איניציאַטיווע אויף פאַרשיידענע געביטן. ער ווערט דער גרינדער פון דער נייעס־אַגענטור „אַסאָשיעיטעד פּרעס" אין דער סאוט. אין 1896 קריגט ער אַ קאָנטראָל־אינטערעס אין דער האַלב־ באַנקראָטירטער צייטונג „דהי ניו יאָרק טאימס". דאָס איז דעמאָלט שוין געווען אַן אויסגעשפּילטע צייטונג נאָך אַ דרייסיק־יאָריקן דערפאָלג. אַ ריי אַנדערע צייטונגען האָבן זי שוין געהאַט אַרויסגעשטופּט דורך פאַרשיידענע סכעמעס

פון איר פריערדיקער היפּשער צירקולאַציע. איבערהויפּט איז שוין די צייטונגס־קאָנקורענץ. אינם סוף פון די 90־ער יאָרן, ווי איצט, געפירט געוואָרן מיט׳ן כוח פון „סענסאַציעס״, „סקופּס״, קריגעניש און סקאַנדאַלן פון אינטימען לעבן, און דעטעקטיוו־מעשות.

אָקס האָט געוויזן, אַז אַ צייטונג קען געדייען אָן די דאָזיקע אַנציאונגען, און געמונען אָפּקלייבן אַ לייענערשאַפט פון ערנסטערן כאַראַקטער. אין דעם איז אין יענער צייט אָן צווייפל באַשטאַנען זיין פאַרדינסט אין פאַרגלייך מיט יענע צייטונגען, וואָס אַלס צוגאָב גיבן „קעפּ״, וואָס זיינען דריי מאָל אַזוי גרויס ווי די נייעס גופא, און די נייעס איז אָפטמאָל אַזוי ניי ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, און אַזוי ריין...

דאָס מיינט, נישט אַז די „ניו יאָרק טאַימס״ איז ווען עס איז געווען אָדער איז איצט די צייטונג, וואָס איז ריין און ציכטיק ווי אַ טויב... שוין מיט דעם אליין, וואָס זי איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע צייטונגען אינם קאַפּיטאַליזם, שטעלט זי מיט זיך פאָר נישט בלויז פאַר זיך גופא אַ מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציע, וואָס באַטייליקט זיך ווי אַלע גרויסע אינדוסטריעס אין דער גרויס־עקספּלואַטאַציע פונם קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך איינע פון זיינע וויכטיקע פעסטונגען ממילא גיט זי טאַקע די נייעס, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין די אינטערעסן פונם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל. „אָל דהי ניוס, דהעט איז פיט טו פּרינט״, איז אָקס׳עס מאָטאָ, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיין צייטונג, נאָך אין סוף פון לעצטן יאָרהונדערט, און די צייטונג האַלט זיך אין דעם דאָזיקן פּירוש נאָך היינט צו טאָג, צוואַנציק יאָר נאָך אַדאָלף אָקס׳עס טויט.

ווי אַ קעמפערישע קאַפּיטאַליסטישע צייטונג, וואָס ווענדט אָן אַלע זשורנאַליסטישע תחבולות אין דער וועלט צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַסן־איינשטעל, איז זי דאָך באַרעכטיקט צו נעמען פאַר זיך דעם קרעדיט פאַר „ברענגען די נייעס פון אַלע וועלט־טיילן צו אונדזער טיש״. אָבער אין וואָס פאַר אַ פ א ר ב ווערן זיי געגעבן ?!

עס איז אמת, אַז זי האָט דעם גרעסטן שטאַב פון קאָרעספּאָנדענטן אין אַלע ווינקלען, וואו עס קומט עפּעס פאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווידרקונגס־ספערע, אַז זי קען זיך מיט רעכט אָנרופן ווי טהעקערי, האָט די פּרעסע נאָמינירט, ווי „די גרויסע מאַשין, וואָס שלאָפט קיינמאָל ניט״.

„זי האָט אירע אַמבאַסאַדאָרן, האָט טהעקערי געשריבן, אין יעדן ווינקל פון דער וועלט — אירע קוריערן געפינען זיך אויף יעדן וועג. אירע באַאַמטע מאַרשירן, צוזאַמען מיט אַרמייען און אירע געזאַנדטע האָבן אַ גלייכן צוטריט צו די קאַבינעטן פון די מלוכה־מענטשן. זי געפינט זיך אומעטום״. נאָר דאָס איז דאָך נישט אַלץ. ווער העצט צו מלחמה ?

ניט בלויז פאַר דער שונדישער פרעסע איז מלחמה אַן אָנגעלייגטער, געגאַרטער גאַסט. אויך פאַר דער „נ. י. טאַימס״ און פאַר אירס גלייכן איז מלחמה — „מינק״, דער טייערסטער אַרטיקל, די בעסטע קאָניוקטור פאַר ציר־קולאַציע, פאַר נייע צענדליקער זייטן רעקלאַמעס. דאָס איז די צייט, וואָס אַלע מאַנאָפּאָליעס „כאַפּן אָן דעם מזל ביים גאָרגל״ און ווילן אים נישט אַרויסלאָזן. אין דעם זינען האָט זיך אָקס „פאַרדינט״ אַלע לויבן, וואָס ער האָט געקראָגן אין 1918 פון קאָלאָמביע אוניווערסיטעט און דעם פּוליצער גאָלדענעם מעדאַל פאַר זשורנאַליזם.

אין 1927 איז אָקס ווידער באַלוינט געוואָרן מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיין זשורנאַליסטישן הויכן סטאַנדאַרד, וואָס ער האָט געשאַפן. ער איז שוין אין יענער צייט געווען אַ מולטי־מיליאָנער, ניט בלויז פון די ריזיקע ציטונגס־געשעפטן, און פון די דיווידענדן פון אַלערליי אינוועסטירונגען, נאָר אויך פון זיין ראַדיאָ־סטאַנציע און הויפּטזאַכלעך פון זיין גרויסער ציי־טונגס־פּאַפּיר אינדוסטריע.

די ניו יאָרקער אָקס־ציטונג איז אַזוי געשטיגן אין צירקולאַציע און אין איינפלוס, אַז זי ווערט פאַררעכנט צווישן די סאַמע גרעסטע אין דער וועלט. פון אַ ציטונג מיט ווייניקער ווי אַ 10־טויזנט צירקולאַציע, האָט ער זי שוין, אין 1929, צירקולירט אין 425 טויזנט עקזעמפּלאַרן און איר זונטיק־אויפלאַגע צו דריי פערטל מיליאָן. זי האָט שוין דעמאָלט דערגרייכט אַנאָנסן צו אַ יערלעכן סך־הכל פון דרייסיק מיליאָן שורות.

אין 1905, מיט פופציק יאָר צוריק, האָט אַדאָלף אָקס געלאָזט זיך אויפבויען די הויכע „טאַימס״־געביידע אויפן ראָג פון בראָדוועי און 7טער עוו. און 42 גאַס, און דער גאַנצער סקווער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „טאַימס״־סקווער.

איינער פון אָקס׳עס בייטראָגן איז געווען זיינע פאַרבינדונגען מיט פּיאָ־נערישע אויפטאַונגען אויף די געביטן פון פיל וויסנשאַפטן, ווי זיינע קעיבל־באַריכטן אין פאַרבינדונג מיט מאַרקאָני׳ס ראַדיאָ־אַנטדעקונג, מיט פּירי׳ן וועגן סאַוט־פּאָל, לינדבערג׳ס סאָלאָ־פלי קיין פּאַריז, און מיט אַנדערע טראַנסאַטלאַנטישע פלי־רייזעס; מיט די וואַגנדיקע עקספּעדיציעס פון אַמונד־סען, עלסוואָירט, סקאָט, שעקלטאָן און אַנדערע.

די ערשטע איינפירונגען אין ציטונגען רעטראָ־גראַווירישע בילדער זיינען געווען אָקס׳עס, ווי אויך דער אַפּטייל „בריוו צו דער טאַימס״, וואָס גיט אַ געוויסע מאָס פון אויסדרוק פרייהייט צו געוויסע מיינונגען. אמת, מיר האָבן זעלטן דאָרט געזען אַ וויכטיקן אַרויסטריט פונם ראַדיקאַל־פּראָג־

רעסיוון לאַגער, איבערהויפּט אין שייכות מיט'ן סאָוועטן־פאַרבאַנד, די נייע כינע און די אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

אָקס'ן קומט אויך קרעדיט פאַר איינפירן אַ ספּעציעלע צייטונגס־פּאַפּיר פאַר צוקונפטיקער רעפערענץ אין די גרויסע ביבליאָטעקן. פאַר געשיכטע־שרייבער איז עס זייער אַ וויכטיקער קוואַל אין פיל הינזיכטן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז מערסטנס אַ פאַר'סמ'טער, ווי עס קומט צו קולטור, עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. עס איז אַ פאַקט, אַז אין דעם „קעניאַן פונעם מאָדערנעם צייטונגס וועזן", ווערן באַגראָבן פיל פאַקטן און געדאַנקען, רעקאָרדס און געשעענישן, וואָס זיינען ווערט מער ווי אַ לעבן פון איין טאָג.

אַ באַזונדערע „שוואַכקייט" האָט אַדאָלף אָקס געהאַט פאַר דער „פּאַבליק פּאַרק סיסטעם". ער האָט שטענדיק געקעמפט פאַר אָפּהיטן זיי, כאָטש אין דער זעלבער צייט האָט זיין צייטונגס־פּאַפּיר טראַסט אויסגעהאַקט וואַלד־ביימער אין די צענדליקער טויזנטער און אויסגעשמידט פון זיי נייע מיליאָנען. אין דעם זעען מיר אויך די אויגנשיינלעכע ווידערשפּרעכלעכע ראָלע פון גרויס־קאַפּיטאַליסטן צווישן זייער עקספּלואַטאַציע און פילאַנטראָפּיע. פאַקטיש איז ער ניט קיין ווידערשפּרוך, נאָר איינס איז אַ מין „דערגאַנצונג" צום צווייטן.

אָקס איז געווען דער פּיאָנער און אָרגאַניזאַטאָר אין אַנטוויקלען דעם טשיקאַמואָגאַ־טשאַטאַנוגאַ נעשאָנאַל פּאַרק. באַזונדערס האָט ער דערקלערט אַ שטאַרקן קאַמף ווען אַ ניו יאָרקער שטאַטישע קאָמיסיע האָט זיך גענומען ענדערן די טאָפּאָגראַפיע פונעם סענטראַל פּאַרק און טאַקע דערפאַר האָט ער זיך דערדינט, אַז מ'זאָל אים אָנרופן „דער וואַכהונט פון סענטראַל פּאַרק".

אין דער זעלבער צייט איז אָקס געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער „פּאַבלישערס אַסאָסיעישאָן פון ניו יאָרק", וואָס האָט געפירט אין פאַרשיידענע צייטן ביטערע קאַמפן קעגן אַרבעטער און אַנגעשטעלטע פון דער צייטונגס־אינדוסטריע. ער איז אויך געווען 25 יאָר אַ דירעקטאָר פון דער נייעס אַגענטור „אַסאָשיעיטעד פּרעס".

אָקס איז געווען אַ מיטגליד פון דער יידישער קהלה אין ניו יאָרק און אַ פירער אין דער יידישער רעליגיעזער רעפאָרם־באַוועגונג און געאַרבעט אַלס פאָרזיצער פאַרן 5 מיליאָן דאָלאַר פאָנד פונם רעפאָרמירטן „היברו יוניאָן קאָלעדזש". אָבער נישט אַלס אייגנטימער פון דער „טאַימס".

צווישן אַלע אַנדערע גרויסע כיבודים, וואָס ער האָט געקראָגן ביי זיין

לעבן, זיינען געווען אַ רייע כבוד־טיטולן פון פאַרשיידענע אמעריקאַנער אוני־ווערסיטעטן און פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, וואָס האָט אים אַריינגע־נומען אין איר „לעגיאָן פון כבוד״ (לידזשאָן אָוו האנאר).

אָקס איז געווען אויף אַזויפיל אויסגעהאַלטן אין זיינע פּרינציפּן פון „אומפּאַרטייאישקייט״ אין זיין צייטונג, אַז ווען ער איז געשטאָרבן אין 1935, האָבן יידישע צייטונגען אין זייערע לויב־געזאַנגען נישט געקענט אָנווייזן קיין איינציקן פאַקט ווען און וואו האָט זיין צייטונג אַ ברען געטאָן מיט אַ געפיל פאַר די יידישע מאַסן, דאָ אין לאַנד, אָדער אין אויסלאַנד מער ווי וועלכע עס איז אַנדער ענגלישע צייטונג.

קאפיטל איין און פערציק

פראַנץ באָאַז — דער צעשמעטערער פון היטלער׳ס ראַסן־טעאָריעס



צווישן די טויזנטער אַנטי־פאַשיסטישע וויסנשאַפטסלייט אויף דער וועלט זיינען געווען פיל גרויסע נעמען. מיט זייערע פרייהייטלעכע דעמאָקראַטישע שטעלונגען האָבן זיי באַדייטנדיק געהאָלפן אין דער אַטאַקע אויף די היטלערישע גייסטיקע פּאָזיציעס. אָבער די סאַמע טויטלעכסטע קלעפּ וואָס האָבן דעם פאַשיזם צוריקגעשליידערט גייסטיק צו דעם זומפּ וואו ער האָט באַלאַנגט, האָט ער געקראָגן פון פראַנץ באָאַז, דער באַרימטער אַנטראָפּאָלאָג און ראַסן פאָרשער.

היטלער׳ס טעאָרעטיקער האָבן געשעפּט זייער „תורה" וועגן יידן פון אַזעלכע לאַנגאָניקע יידן־שונאים אין די אַלטע צייטן ווי אַפּיאָן, ציצערא, פון פיל קאַטוילשע גלחים, אין די ערשטע יאָרהונדערטער, און פון די שפּעטערדיקע לוטעראַנישע יאָרהונדערטער. זיי האָבן „גענאָסן" פון אַזעלכע פילאָסאָפן ווי פיכטע און די אַנטיסעמיטן שטעקער און ראָשפּאָר, פון אַזעלכע „לומדים" ווי בראַזאל און פורישקעוויטש און אפילו פון אַזאַ „יידישן" משוגע׳ענעם ווי אָטאָ וויינינגער און אַנדערע. אָט די טעאָריעס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון די אַלפרעד ראָזנבערג׳ס, אויף אַ כלומר׳שט וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט, אַז עס זיינען פאַראַן „הויכע" ראַסן און „בידעריקע", „פּאָזיטיווע" און „נעגאַטיווע", קאָנסטרוקטיווע און פּאַראַזיטישע. יידן זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן אין די סאַמע נידעריקסטע קאַטעגאָריעס, בעת די אַריער זיינען געקרוינט געוואָרן מיט אַ מאַיעסטעטישער פולקאָמהייט, פריי פון וועלכע עס איז דעפעקטן און אָנגעלאָדן מיט׳ן כוח פון שעפערישקייט און אָרגאַניזאַציע. נישט אומזיסט זיינען זיי באַשטימט צו זיין די הערשנדיקע ראַסע.

ב אָ אַ ז האָט אין אַ ריי אַנטראָפּאָלאָגישע און פילאָסאָפישע ווערק צעשמעטערט זייערע „אייזערנע" טעאָריעס, ב אַ וו י ז ן, אַז זיי זיינען גראָד פאַר־

קערטע פון וויסנשאַפט, אַז זיי זיינען געבויט אויף לויטער בלאָמאַזש און שאַנטאַזש. אויף ליגן און פעלשונגען. ער האָט באַוויזן, אַז אַפילו געוויסע וויסנשאַפטסלייט זיינען פאַרפירט געוואָרן און באַטראַכט ווי ראַסעס דאָס, וואָס ווערט פאַרגעזעצט דורך געבורט און ירושה אייגנשאַפטן.

אַרויסגייענדיק פון אַ שטאַנדפונקט, באַזירט אויף פאַקטישע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז עס זיינען נישטאָ קיין „העכערע" און „נידעריקע" ראַסן; אַז שנעלע אַנטוויקלונגען אין מענטאַליטעט און פיזיק און צוריקגעשטאַנענע זיינען הויפּטזאַכלעך באַווירקט פון דער ס ב י ב ה. ער באַווייזט, אַז אַפילו דער פאַסאָן פונעם מענטשלעכן קאָפּגעבוי, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער סימן מובהק (קען־צייכן) פון ראַסע, ענדערט זיך פון איין דור צום צווייטן, אַלס רעזולטאַט פון ענדערונגען אין דער סביבה (זע זיין ווערק „טשענדזשעס אין באָדילי פאָרם אָוו דיסענדענטס אָוו אימיגרענטס").

אין זיין „אַריער און נישט אַריער" זאָגט ב אָ אַ ז: „אַן אַריער איז יעדער איינער, וואָס רעדט אַן אַרישע שפּראַך — אַ שוועד, אַן אַמעריקאַנער נעגער, אָדער אַן אינדינער. „אַריער" איז אַ לינגוויסטישער טערמין און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער ראַסע.

דער דאָזיקער באַרימטער געלערנטער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1858, אין מינדען, וועסטפאַליע. ער האָט דורכגעמאַכט די דייטשע שול־בילדונג, מיטעלע און הויכע און באַקומען אין 1881 דעם ראַנג פון דאָקטאָר פילאָסאָף פונם קיעל"ער אוניווערסיטעט. אים האָבן געצויגן די ווייטע שטרעקעס צו לערנען און פאָרשן. ער האָט אין 1883 אָן לאַנגע איבערלייגונגען אָנגענומען צו זיין אַ מיטגליד פון אַ וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע קיין באַפינלאַנד, אינדזלען אינם סקאַנדינאַווישן אַרקטיק.

שווער צו זאָגן וואָס אים האָט אהין געצויגן? — די אומענדלעכע, קוים באַוועגלעכע אייז־פעלדער, צי די קליינע ישובים פון די עסקימאָסן. אָבער דאָרט, אין יענע טיף־פאַרשנייטע געגנטן האָט זיך פאַרוואָרצלט און אויסגעוואָקסן דער בוים אויף וועלכן ער האָט אויפגעהאָנגען זיינע לעבנס־פרוכטן. דאָרט האָט ער זיך געגנומען פאַראינטערעסירן אין דער קולטור פון די עסקימאָסן און זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן צום שטודיום פון אַנטראָפּאָלאָגיע — די וויסנשאַפט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן מין.

אין 1885 זעען מיר אים שוין צוריק אין בערלין אַלס אינסטרוקטאָר פונם אוניעוורסיטעט און אַלס אַסיסטענט אינם קעניגלעכן עטנאָגראַפישן מוזיי. אין 1886 איז ער שוין ווידער אין מרחקים, אין קאַנאַדישן צפון־פּאַסיפיק, צו שטודירן דאָרטיקע צפון־מערב שבטים, אונטער דער אויפזיכט

פון דער בריטישער געזעלשאַפט פאַר וויסנשאַפטלעכן פאָרשריט. פון 1888 ביז'ן יאָר 1892 — אינסטרוקטאָר אין אַנטראָפּאָלאָגיע אין קלאַרק־אוניווער־סיטעט.

אין 1893 ווערט ער הויפּט־אַסיסטענט פונם אַנטראָפּאָלאָגישן דעפּאַרט־מענט אויף דער שיקאַגער וועלט־אויסשטעלונג. ער ווערט אין 1896 אַסיס־טענט קוראַטאָר אינם אַמעריקאַנער מוזיי פון נאַטור־געשיכטע (און קוראַטאָר אין די יאָרן פון 1901 ביז 1905). דערוויילֹ ווערט ער באַשטימט אין 1896 אַלס לעקטאָר פון פיזישער אַנטראָפּאָלאָגיע אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט, און אין 1899 אַלס פּראָפעסאָר. אין די יאָרן 1900־1905 זעצט ער פאָר זיין שטודיום פון די צפון פּאַציפישע שבטים אין קאַנאַדע מיט דער „דזשעסופּ צפון־פּאַסיפיק עקספּעדיציע. שפּעטער פירט ער אויך אַ רייע אַמעריקאַנער עקספּעדיציעס אין מעקסיקא און פּאָרטאָ־ריקא. ער ווערט איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אויפן געביט פון די דאָזיקע פעלקערשאַפטן.

אין זיינע ווערק האָט ער דערנאָך צוגעשטעלט דעם זייער וויטכיקן באַ־ווייז וועגן דער קרובה'שאַפט פון די סיבירישע שבטים מיט די עסקימאָסן און אַמעריקאַנער אינדיאַנער. דאָס איז שוין געווען נישט בלויז אַן אַנטראָפּאָ־לאָגישע אַנטדעקונג נאָר אויך אַ געאָגראַפישע. דאָס האָט באַוויזן, אַז סיביר און אַלאַסקא, בעסער געזאָגט — אַזיע און אַמעריקע זיינען אַמאָל געווען איין קאָנטינענט ביז די שטראָמען פונם צפון־פּאַסיפיק האָבן זיך דורכגעריסן און צעטיילט זיי אין צוויי באַזונדערע ערד־טיילן.

אין 1911 האָט ער אין זיין ווערק „מאַינד אָוו פּרימיטיוו מען" (אַ בוך, וואָס ער האָט רעווידירט אין 1938, דערווייזן, אַז עס איז ניטאָ קיין גרונט־אונטערשייד אינם געדאַנקען־גאַנג פון פּרימיטיווע און ציוויליזירטע מענטשן; אַז עס איז נישטאָ קיין איינגעבאָרענער חילוק אין דער מענטאַליטעט צווישן ווייסע און נעגער, און אַז עס זיינען נישטאָ קיין „העכערע" און „נידעריקערע" ראַסן. דאָס דאָזיקע בוך ווערט פון ענציקלאָפּעדיעס באַטיטלט ווי די „מאַגנאַ־קאַרטאַ" (דער גרויסער טשאַרטער) פון זעלבסט־רעספּעקט פון די אַזוי־גערופענע „נידעריקערע ראַסן".

נאָך אַזוי לאַנג צוריק ווי 1890 האָט פראַנץ באַאַז שוין געגומען אָנגרייפן די ראַסיסטישע טעאָריעס. נישט קיין וואונדער, וואָס די קלעניקעס אין די דרום־שטאַטן האָבן געהאַט אויף אים „אַ האַרץ", ער האָט כסדר באַקעמפט די אויסנאַמס־געזעצן קעגן די נעגער־מאַסן. אין 1910 האָט ער אויפגערודערט די נאַציאָנאַלע נעגער־קאָנפערענץ מיט זיין פאָרטראַג אויף דער טעמע „די אמתע ראַסן פּראָבלעם", אין וועלכער ער האָט באַוויזן די אומגינסטיקע באַ־דינגונגען און שוועריקייטן, אונטער וועלכע עס דאַרפן אַרבעטן אַמעריקאַנער

נעגער. דער דאָזיקער פאָרטראג איז פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער פרעסע און ברייט ציטירט געוואָרן.

אָבער אין דער זעלבער צייט זעען מיר ווי ער באַקעמפט — אין משך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה די פאַרקערטע טעאָריע, וואָס האָט כסדר גע־בייטשט די דייטשן מיט׳ן עפּיטעט „הונען״. ער האָט באַוויזן, אַז דאָס איז אויך פאַלש און געטאָן עס מיט דער גרינטלעכקייט פון אַ גרויסן פאַראַנט־וואָרטלעכן וויסנשאַפטסמאַן.

דערפאַר איז ער אין היטלער׳ס יאָרן פון צוגרייטן די צווייטע וועלט־מלחמה, און בעת דער מלחמה גופא, אַרויסגעטראָטן מיט די שאַרפסטע כלי־זין (קלעיזאיען) קעגן היטלער׳ס פאַשיסטישער ראַסן־טעאָריע, און פאַר דע־מאָקראַטיע. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם מאַניפעסט וועגן פריי־הייט פאַר דער וויסנשאַפט, וואָס איז גע׳חתמ׳עט געוואָרן פון צוועלף הונדערט אַמעריקאַנער וויסנשאַפטסלייט. ער איז געווען פאָרזיצער פונם שפּעטערדיקן אַמעריקאַנער קאָמיטעט פאַר דעמאָקראַטיע און אינטעלעקטועלער פרייהייט.

זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק — צוועלף גרויסע און איבער זעקס הונ־דערט אָפּהאַנדלונגען, אויף געביטן פון אַנטראָפּאָלאָגיע און פילאָלאָגיע, האָבן אים געבראַכט די אָנערקענונג אַלס דער פירנדיקער גייסט פון די אַמערי־קאַנער אַנטראָפּאָלאָגן און פילאָלאָגן. ער האָט געמאַכט אַן איבערזיכט פאַר קאַרנעגי אינסטיטוט איבער נאָענט צו צוויי הונדערט און פופציק אָפּגע־שטאָרבענע אינדיאַנישע שפּראַכן.

ווי אַ רעזולטאַט פון זיינע פאָרשונגען איבערן לעבן פון די אַמערי־קאַנער אינדיאַנער האָט ער געשאַפן צוויי ווערק וועגן פּרימיטיווער קונסט, וואָס איז פאַקטיש געוואָרן אַ קאָנקאָרדאַנס (ווערטערבוך פון אויסצוגן) פון אַמעריקאַנער מיטאָלאָגיע, נישט ווייניקער זיינען אָנגענומען געוואָרן זיינע ווערק „ראַסע, שפּראַך און קולטור״, „אַנטראָפּאָלאָגיע און דאָס מאָדערנע לעבן״, „דער וואוקס פון אַ קינד״ (די אַלע אין ענגליש) און „קולטור און ראַסן״, אין דייטש.

ער האָט אויך „באַרויבט״ די יידן פונם ראַסעדיקן „אתה בחרתנו״ — ניטאָ קיין יידישע ר אַ ס ע! סירישע יידן ווערן אָפּט אָנגענומען פאַר שפּאַניער, אָדער פאַר איטאַליענער. אַרמענישע יידן — פאַר יוגאָסלאַוון אָדער אַנדערע אַלפּינעזער, און בלאָנדע, בלאָ־אויגיקע יידן, ווערן אָנגענומען פאַר צפון־מערב׳דיקע איירָאָפּייער״ (אַריער און נישט אַריער).

פאַר זיינע וויכטיקע ביישטייערן איז פּראָפעסאָר באָאַז געערט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים. בכבוד׳יקע דאָקטאָר־ראַנגען פון די אוניווערסי־טעטן אין אָקספאָרד, קאָלאָמביע, קלאַרק, האואַרד (אַ נעגער־אוניווערסיטעט)

און גראַץ. צו דער געלעגנהייט פון דעם 25־יאָריקן יובליי אין 1906 זינט ער האָט געקראָגן זיין ערשטן דאָקאָטראַט, האָט ער באַקומען אַ פּראַפּעסיאָנעלע אנערקענונג אין אַ יובילייי־באַנד, מיט אַ ביבליאָגראַפיע פון זיינע פּריער־דיקע ווערק און אָפּהאַנדלונגען. צווישן די פאַרשיידענע אַרבעטן וועגן אים איז אויך פאַראַן אַן אַרבעט פון דר. א. א. ראַבאַק אין זיין ענגליש ווערק „יידישע איינפלוסן אין מאָדערנעם געדאַנק" (דערשינען אין 1929).

צווישן באָאז'עס ערן־אַמטן אין פאַרשיידענע צייטן ציילן זיך אַזעלכע ווי פּרעזידענטשאַפט פון דער אַמעריקאַנער אַנטראָפּאָלאָגישער געזעלשאַפט פאַר וויסנשאַפטן און פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר וויסנשאַפטלעכן פאָרשריט — די לעצטע אין 1932.

באָאז האָט אויך נישט געהאַט קיין באַזונדערן פּעדאַסטאַל פאַר וועלכער עס איז שפּראַך, אָדער טראַדיציע. ער האָט געהאַלטן, אַז אויך זיי ווערן פיל מער דעטערמינירט (באַשטימט) פון דער סביבה אין וועלכער דאָס קינד וואַקסט אויף, איידער פון זיין אָפּשטאַם, דערפאַר ווייל די פיזישע אייגנשאַפטן אויף וויפיל זיי האָבן בכלל אַן איינפלוס, דערשיינען זיי אין אַ גרויסער וואַריאַציע אין יעדער גרופּע.

זיינע פעסטשטעלונגען זיינען אַ גרויסער ביישטראָג פאַרן קאַמף פון אַלע מינאָריטעטן, וואָס ווערן אויסגעטיילט צו דיסקרימינאַציעס, וואו זיי זאָלן זיך נאָר נישט געפינען.

ער איז געשטאָרבן אינם טיפן עלטער פון 84 יאָר, 21־טן דעצעמ־בער, 1942.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

האַנאַ סאָלאָמאָן — אירע גרויסע פאַרדינסטן

פאַר מענטשן מיט אַ סך ליידיקע צייט איז דאָ אַ טויזנט אופנים ווי אַזוי זי אויסצופילן. האַנאַ ז. סאָלאָמאָן האָט זי אויסגעפילט מיט העלפן אומבאַהאָלפענע. רייכע פרויען איבערהויפּט האָבן נישט גענוג צייט, ווען זיי זיינען גוט־באַזאָרגט, אַרומגערינגלט מיט אַלערליי קאָמפאָרטן — לאַקייען, דינער, באַרימטקייטן, ספּעציאַליסטן און פּאַסאָנען, מאַניקורן און וואָס נישט. זיי זיינען פאַרנומען מיט אַלערליי פאַרווײלונגען, און אויב זיי זיינען אַמאָל פאַרנומען מיט עפּעס, וואָס איז לטובת הכלל, איז עס כדי צו שטילן דאָס ברומען פון געוויסן, אָדער די טענות פונ׳ם רעפאָרם־ראַבאַי.

האַנאַ ג. סאָלאָמאָן איז אויך געווען אַ גוטע קאַנדידאַטקע אויסצולעבן אַזוי אירע איבער אַכט־צענדילקער יאָרן. זי איז נישט געווען פון די אַלטע, אָפּגעלעבטע דאַמען, וואָס פּרואוון נאָך אויס זייער לעצטע „שפּיל“ — פילאַנטראָפיע, גראַד איז זי געווען אַ באַזונדערע שיינהייט. הויך, שטאַלטנע, מיט אַ פּאָר קלוגע, פייערדיקע אויגן. אַזאַ פרוי ווערט באַוואונדערט פון אַלעמען און דאַרף נישט רייסן די אויגן מיט איר פילאַנטראָפּיע. אין דעם איז זי געווען ענלעך צו איר פאָרגייערין רעבעקאַ גראַץ, די יידישע שיינהייט פון פילאַדעלפיע — אין קערפּער און גייסט.

ווען רעבעקאַ גראַץ האָט שוין געלעבט אין טיפן עלטער אירע פרוכטבאַרע יאָרן, אין 1867, איז ערשט האַנאַ געווען אַ מיידעלע פון ניין יאָר. זי איז געבאָרן געוואָרן אין 1858, פונקט מיט הונדערט יאָר צוריק. איר דערציאונג און בילדונג איז געווען פונ׳ם דורכשניט אין די יידישע רייכע פאַמיליעס; קיין באַזונדערע יידישע דערציאונג האָט זי נישט געקראָגן. איז דעריבער דער וואונדער נאָך גרעסער, וואָס צו 19 יאָר ווערט זי אַריינגעצויגן צו־

זאַמען מיט איר עלטערער פּאַרהייראַטער שוועסטער, מרס. הענרי פראַנק, אין יידישער און אַלגעמיינער כלל־אַרבעט.

שוועער צו זאָגן וואָס האָט באַוואויגן די צוויי רייכע יונגע דאַמעס צו ווידמענען זיך צו געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייטן. זייערע אויפטועך האָבן שוין געמוזט זיין באַדייטנדיקע, ווען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שיקאַגאָ זיינען די דאָזיקע צוויי יידישע כלל־טוערינס איינגעלאַדן געוואָרן אָנ־צושליסן זיך אָן דעם עקסקלוזיוון פרויען קלוב צו וועלכן עס האָבן געהערט די סאַמע פּני פון דער שיקאַגער רייכער געזעלשאַפט.

אויף אַזויפיל איז האַנאַ ג. סאָלאָמאָן געוואָרן אַ באַרימטע פּערזענלעכ־קייט, אַז זי ווערט אין 1890 איינגעלאַדן פון די אַראַנזשירער פון דער „וואָירלדס פעיר״ — וועלט אויסשטעלונג, צום פרויען־קאָמיטעט פונ׳ם אַלוועלטלעכן פּאַרלאַמענט פון רעליגיע״.

אין 1891 זעען מיר איר אַראַנזשירן דעם ערשטן יידישן פרויען־קאָנגרעס פון שיקאַגאָ, וואָס ווערט מיט דער צייט די נוקלעאָ (הויפּט־קערן) פון דעם קאונסיל פון יידישע פרויען. יאָרן לאַנג איז זי דערנאָך געווען דער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע.

באַקענענדיק זיך מיט די טעטיגקייטן פון דזשין עדעמס, איבערהויפּט מיט איר אומדערמידלעכער אַרבעט פּאַר די אימיגראַנטן, אָרגאַניזירט האַנאַ סאָלאָמאָן אַ ביוראָ פּאַר פּערזענלעכער הילף פּאַר הילפלאָזע אימיגראַנטן און רופט פּאַר דעם צוועק, צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַראינטערעסירטע פרויען די ערשטע קאָנפערענץ פון אַלע יידישע פרויען אָרגאַניזאַציעס פּאַר׳ן צוועק אויסצוברייטערן די הילף פּאַר די יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע. די קאָנפערענץ איז פּאָרגעקומען אין 1894 און האַנאַ סאָלאָמאָן מיט אירע דערפאַרונגען אין משך פון אַרום פופצן יאָר האָט פיל בייגעטראָגן צו דעם דערפאָלג פון דער קאָנפערענץ לטובת די אימיגראַנטן.

אין 1895 ווערט זי איינע פון די ערשטע גרינדער פון דער אילינאָיער פעדעראַציע פון פרויען־קלובן. זי ווערט דערוויילט פּאַר דעם וויצע־פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע און ווערט אין 1899 אויסדערוויילט צו זיין דער נאַציאָ־נאַלער טרעזשורער פונם פרויען־קאונסיל פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, ווי די פּאַרטרעטערין פונ׳ם קאונסיל פון די יידישע פרויען קלובן.

זי איז אויך אַ קעמפערין פּאַר פרויען רעכט, צוזאַמען מיט דער באַרימטער סוזאַן ב. אַנטאָני פּאָרט זי קיין בערלין צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די פרויען־קאונסילס, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. זי ווערט דאָרט אויפ־גענומען ווי איינע פון די גרעסטע פרויען־פּערזענלעכקייטן אין יענער צייט.

די דאָזיקע פּערזענלעכקייט שטראַלט אַראָפּ פון איר איז משך פון לאַנגע

יאָרן. סיי פיזיש, סיי גייסטיק. איר בילד קוקט נאָך איצט אַרויס פון די ענציקלאָפּעדיעס, ווי אַן איבערוועלטנדיקע פיגור.

עס איז נישט ביי איר געווען אַ יאָגעניש נאָך הויכע פּאָזיציעס. זי האָט אויך אָנגענומען מינדערוויכטיקע און מינדערטעניקע פּאָזיציעס. איינע פון אירע פאַרדינסטן וועגן וועלכע מ'האָט נאָך געהערט מיט אַ פיר צענדליק יאָר צוריק, איז געווען איר באַזונדערע טעטיקייט צוצוגרייטן יידישע מיידלעך צו מער קוואַליפיצירטע שטעלעס און פּראָפעסיעס. זי איז געווען זייער שטאָלץ ווען זי האָט זיך דערנאָך געטראָפן מעט אַזעלכע מיידלעך אָדער פרויען, וואָס האָבן שוין דורך די אינדוסטריעלע שולעס זיך געשאַפן אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד.

אין 1907 איז זי דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער אילינאָיער אינדוסטריעלער שול — פאַר מיידלעך. ווען זי פלעגט באַזוכן איינע פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס, וואו זי האָט געהאַט אַ האַנט אין זייער גרינדונג, האָט מען זי אויפגענומען מיט פרייד און ליבשאַפט.

איר אימפּאָזאַנטע פיגור, האַלטונג און פּאָזע איז געווען, ווי פון אַ גוט־מוטיקער, גוט־פילנדיקער קעניגין, אַמווייניקסטנס ווי פון אַ פירשטין. קוקנדיק אויף איר וואָלט נאַפּאָלעאָן נישט געקענט זאָגן, — ווי זיין ביאָגראַף לודוויג גיט איבער — „וואָס פאַר אַ משוג'ענער געדאַנק עס איז צו פאָדערן פאַר פרויען גלייכהייט מיט מענער. זיי זיינען א ו נ ד ז ע ר אייגנטום, נישט מיר זייערס. זיי באַלאַנגען צ ו א ו נ ד ז פונקט ווי אַ בוים, וואָס טראָגט אויס פרוכט באַלאַנגט צו דעם סעדער".

וואָס שייך האַנאַ ג. סאָלאָמאָן איז ער בלויז גערעכט געווען אין דעם, וואָס זי האָט באַלאַנגט צו די טויזנטער הילפלאָזע און וואַרלאָזע מיידלעך און פרויען, וואָס זי האָט געהאָלפן דערציען צו לעבן אַ שענערן און גרינגערן לעבן, אנשטאָט צו שקלאָפן אין די שוויץ־שעפּער פון יענער צייט און סוף־כל־סוף באַפעלקערן, אויב נישט די סאַניטאַריומס און די בית־עולמ'ס, איז אַמווייניגסטנס די שאַנד־הייזער.

האַנאַ ג. סאָלאָמאָן איז געשטאָרבן אין 1942, אין דער צייט ווען היטלער'ס טייוולאָנים האָבן געשלעפּט טויזנטער און טויזנטער יידישע מיידלעך און פרויען פון אַנדערע פעלקערשאַפטן, צו שקלאַפעריי און שאַנד און געריסן מיט די וואָרצלען די גערטנער, וואָס זי האָט איבער זעכציק יאָר געפלאַנצט און געפלעגט.

איר נאָמען קען טאַקע ווערן געשטעלט אין איין ריי מיט רעבעקאַ גראַץ, עמאַ לאַזאַרוס און די אַנדערע נאָבעלע יידישע פרויען, רעפאָרמער און קעמ־פערינס, וואָס מיר האָבן שוין פאַרצייכנט אין ד ע ר סעריע און וועלכע מיר קלייבן זיך נאָך צו פאַרצייכענען.

קאַפּיטל דריי און פערציק

פיליפ קראַנץ — דער ערשטער רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג אין אידיש

פיליפ קראַנץ — אַ פּייאיקער מענטש מיט פיל ווידערשפּרוכן; אַ יידישע ליטעראַרישע און דערציערישע פערזענלעכקייט פון פיל אויפטואונגען, אָבער פון ניט ווייניק שוואַכקייטן. אַ יידישער קולטור־טרעגער; אויטאָר און רעדאַקטאָר פון גאָר גרויסן פאַרנעם, און דאָך מיט בולט׳ע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. אַ שרייבער, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט אין רוסיש און געווען יאָרן־לאַנג אַן אַקטיווער פּ ו י ל י ש ע ר פּאַטריאָט און רעדאַקטאָר פון דעם פּע־פּע־עסישן מאָנאַטלעכן זשורנאַל „די פּראָלעטאַרישע וועלט". אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט זיך גע׳קהל׳ט מיט אַנאַרכיסטן און נישט געקאָנט הויזן מיט פיל סאָציאַליסטן. אַ ביטערער קעגנער פון „בונד" און שפּעטער פון די באָלשעוויקעס און שוין מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק מיטגעאַרבעט אין בירגערלעכע אויסגעשפּראָכן־קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען.

געבאָרן געוואָרן איז פיליפ קראַנץ אין דעם ליטווישן שטעטעלע זופּראַן, נישט ווייט פון אָשמענע, אין אָקטאָבער 1858, און דערצויגן געוואָרן אין כאַראַק, אַ קליינער ישוב אין פּאָדאָליער גובערניע וואו זיין פאָטער, בער ראַמבראַ, האָט זיך איבערגעצויגן. (קראַנצ׳עס אמת׳ער נאָמען איז געווען יעקב ראַמבראַ). אין עלטער פון פערצן יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער זשיטאָמירער ראַבינער שול אונטער דער אויפזיכט פון אַ פאַרמעגלעכן פעטער. זיין ווייטערדיקע בילדונג איז געווען — רעאַל־שול, געענדיקט אין 1879, און אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין פּעטערבורג.

צו 19 יאָר איז ער אַרעסטירט געוואָרן (1877) פאַר פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע און א יאָר צייט געהאַלטן געוואָרן אונטער גראַטעס.

ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז הינגעריכטעט געוואָרן פון דער

נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ, אין 1881, און עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן זשעליאַבאָוו, סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ און אַנדערע, איז קראַנץ אַנטלאָפן קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער ווייטער שטודירט און גלייכצייטיק זיך פאַרנומען אויף אַ ליטעראַרי־שער קאַריערע.

זיין ערשטע אָנגעזעענע אַרבעט בכלל איז געווען אין ר ו ס י ש, איבער ברוך שפּינאָזאַ און זי פאַרעפנטלעכט נאָך אין 1880 אין „ראַזסוויעט". אָט די דאָזיקע ליטעראַרישע טעטיקייט אין רוסיש האָט קראַנץ פאָרגעזעצט אויך שפּעטער אין לאָנדאָן, און נאָך שפּעטער אין ניו־יאָרק. מ'געפינט זיינע אַר־טיקלען אין „וואָסכאָד", „רוסקי יעווריי", „נאָדעלניאַ כראָניקאַ וואָסכאָד" און „קיעווסקאַיאַ זאַריאַ".

צוזאַמען מיט'ן שפּעטערדיקן פירער פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָ־נערן, ל. רובאַנאָוויטש און צעטקינ'ען (דער מאַן פון דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער קלאַראַ צעטקין) האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די עמיגראַנטישע יידישע אַרבעטער. זיי האָבן געגרינדעט דעם ערשטן יידישן אַרבעטער פאַראיין אין פראַנקרייך, וואָס האָט אַרויסגע־געבן און פאַרשפּרייט יידישע סאָציאַליסטישע טוער אין פיל לענדער.

אין 1883 באַזעצט זיך פיליפּ קראַנץ אין לאָנדאָן. דאָרט איז שוין דעמאָלט געווען טעטיק דער „יונגער זיידע", מאָריס ווינטשעווסקי, און אַרויסגעגעבן זיין „פּוילישן אידל" און פון קראַנצן געפּרוּווט מאַכן אַ יידישן שרייבער. צו גרינג איז עס נישט אָנגעקומען. אָבער עס האָט אים לאַנג נישט געדויערט און וואָס ווייטער האָט קראַנץ גענומען שרייבן אַלץ גלאַטער, אַזוי אַז קראַנץ ווערט אויסגעקליבן אין 1885 צו זיין דער ערשטער רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטשריפט, וואָס הויבט אויף די פאָן פון יידישן אַרבעטער — „דער אַרבעטער פריינד", נאָכדעם ווי ווינטשעווסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצו־נעמען דעם אַמט.

די גרעסטע השפעה אויף דער צייטשריפט האָבן געהאַט די אַנאַרכיסטן, מיט יאָהאַן מאָסט בראש, און איבער דריי יאָר האָט קראַנץ באַוויזן צו לאַווי־רירן צווישן אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם.

אין יאָר 1888 זעען מיר שוין די דיפערענצירונג צווישן די צוויי אידעאָ־לאָגיעס. אַ גרופּע סאָציאַליסטן, צוזאַמען מיט פיליפּ קראַנצ'ן, גרינדן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַראיין און ער זעצט איבער אין 1889 לאַסאַל'ס „דאָס אַרבעטער פּראָגראַם" (מיט ווינטשעווסקי'ס אַ פאָררעדע). איינע פון די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבעס אין יידיש.

דער „אַרב.־פריינד" האָט אָנגעפירט אַן אַקטיווע אַנטי־רעליגיעזע פּראָ־פּאַגאַנדע און קראַנץ איז מיטגעריסן געוואָרן אפילו מיט די יום־כיפור־

בעלער. אינם קאַמף פון די אויפגעקלערטע יידישע אַרבעטער מיט דער לאַנדאַנער אָרטאָדאָקסאַלער יידישער קהילה פירט אַן קראַנץ די ע ר ש ט ע יידישע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע. אין 1889 פאַרלאָזט ער די רעדאַקציע פון „אַרבעטער־פריינד" און ווערט געשיקט פון אַ סאָציאַליסטישן בילדונגס־קלוב צום ערשטן קאָנגרעס פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַריז, וואו עס איז באַשטימט געוואָרן צו דערקלערן דעם ערשטן מאַי פאַרן אינטער־נאַציאָנאַלן יום־טוב פונם אַרבעטער־קלאַס.

אין 1890 זעען מיר אים שוין אין ניו יאָרק. ביז דעמאָלט איז דער לאַנדאַנער „אַרב.־פריינד" אויך באַטראַכט געוואָרן פון די יידישע אַרבעטער אין ניו יאָרק פאַר זייער אָרגאַן, און פיליפּ קראַנצ'ס נאָמען איז פאַר זיי געווען אַ פּאַן. ווען עס ווערט באַשלאָסן אין ניו־יאָרק צו גרינדן די „אַרבעטער־צייטונג" (דעם 7טן מערץ, 1890) ווערט פיליפּ קראַנץ איינגעלאַדן צו ווערן דער רעדאַקטאָר. ער שרייבט לייט־אַרטיקלען, איבערזעצט ראָמאַנען, אפילו אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן, צוזאַמען מיט אַרטיקלען וועגן סאָציאַלע פּראָבלעמען. ער שרייבט אַ פאַרקירצטע געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

ווען קראַנץ פאַרלאָזט ניו יאָרק, און אב. קאַהאַן נעמט איבער די רעדאַקציע פון דער צייטונג, בלייבט ער נאָך אַלץ אָבער אַ מיטאַרבעטער. נאָך אַ קורצער צייט אין שיקאַגאָ, קערט ער זיך צוריק אום קיין ניו יאָרק, שטודירט כעמיע, און ווערט אין 1892 דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „צוקונפט". ער בלייבט דאָרט רעדאַקטאָר ביז עס הויבט אָן צו דערשיינען דעם 14טן אָקטאָבער 1894, די ערשטע יידישע טעגלעכע סאָציאַליסטישע צייטונג „דאָס אבענד־בלאַט", און ער האָט געהאַט דעם כבוד צו זיין איר ערשטער רעדאַק־טאָר, בעת קאַהאַן האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון דער „צוקונפט".

קראַנץ האָט באַוויזן האַלטן זיך צווישן צוויי קעגנצייענדיקע שטראָמען, דורך האַלטן זיך אויף דעם אויבערפלאַך אינם שטורעם, וואָס האָט געברויזט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן — צווישן דער אָפּאָזיציע אין דער סאָציאַליסטישער לעיבאָר פּאַרטיי (עס על פּי) און דער אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסטישער פירערשאַפט פון דעניעל דע ליאָן. קנאַפּע פינף יאָר איז אים אַזוי געלונגען צו באַלאַנסירן, ביז די פּאַרטיי האָט איבער־גענומען דעם „אַבענד־בלאַט". קראַנץ איז דאַן געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער וועכענטלעכער „פאָלקס־צייטונג" אין משך פון 12־13 וואָכן.

ווען די פאָלקס־צייטונג פאַרמאַכט זיך, ווערט ער אַ מיטאַרבעטער פון אַ נייעם אָרגאַן פון די אַנטי־דעלעאָניסטן, פונם „סאָציאַל־דעמאָקראַט". אין 1900 ווערט ער ווידער דעלעגירט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן

קאָנגרעס אין פּאַריז. ווען ער קומט צוריק, ווערט ער אַריינגעצויגן פאַר זשורנאַליסטישער אַרבעט — אין דער יידישער בורזשואַזער פּרעסע. ער ווערט אַן אײַנעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון דער „יידישער וועלט", וואָס איז דערשינען מיט דער גייסטיקער השפּעה פון לואי מאַרשאַל, און ענלעכע יאַהודים, כדי וואָס גיכער צו אַמעריקאַניזירן די יידישע אימיגראַנטן־מאַסע.

אין יענע יאָרן האָט קראַנץ אויך מיטגעאַרבעט אין „מאָרגן־זשורנאַל", וואָס האָט זיך אין 1904 צונויפגעגאָסן מיט דער יידישער וועלט: אָבער עס איז נישט באַוואוסט קיין איין פאַל, אַז קראַנץ זאָל האָבן אין דער דאָזיקער פּרעסע אַטאַקירט די סאָציאַליסטן, אָדער סאָציאַליזם בכלל. פאַרקערט: ער זוכט די גאַנצע צייט אָנצוהאַלטן קאָנטאַקט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין פרילינג 1904 זעען מיר אים, ווי דעם רעדאַקטאָר פון דער וועכנט־לעכער „אַרבעטער וועלט", אָרגאַן פון די שיקאַגער „פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן". און שפּעטער זעען מיר אים ווידער אין 1904־5 אַלס רעדאַק־טאָר פון דער „צוקונפט".

צוליב זיינע פריערדיקע באַקאַנטשאַפטן אין פּאַריז און אין לאָנדאָן מיט די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן און זיין טיפן אינטערעס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, ווערט ער אין 1905 איינגעלאַדן קיין וואַרשע פון דער פּע־פּע־עס פּאַרטיי, אַלס רעדאַקטאָר פון „אָרגאַן פון איר יידישער סעקציע". דער דאָזיקער פּלאַן איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן צוליב דער פאַרשטאַרקטער רעאַקציע. אנשטאָט דעם איז דערשינען אַ מאָנאַטלעכער פּאָפּולערער סאָציאַליסטישער זשורנאַל מיט'ן נאָמען „די פּראָלעטאַרישע וועלט". זי האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין ווילנע אָנהויב 1907, אונטער פ. קראַנצ'עס רעדאַקציע און ער האָט צוגעצויגן אַלס מיטאַרבעטער זיינע קאָלעגן ווינטשעווסקי'ן, פּייגענבוים'ען, יעקב מילכ'ן, דר. א. גינצבורג'ן און אַפילו י. ל. פּרצ'ן.

קראַנץ איז דעמאָלט נאָך אַלץ געווען אַן אַמעריקאַנער אָנגעשטעלטער, אַ רייזנדיקער קאָרעספּאָנדענט פונם „מאָרגן־זשורנאַל" און דעם וועכנטלעכן „אַמעריקאַנער", אונטער דעם פּסעוודאָנים „יעקב נעלם". זיין רייזע האָט אים אויך דערמעגלעכט צו באַזוכן די גרעסטע צענטערס און פאַרקניפּן פאַר־בינדונגען מיט די וויכטיקסטע העברעאישע און יידישע שרייבער פון יענער צייט — פון פּרצ'ן ביז ביאַליק'ן, מיטן אויסנאַם פון די בונדישע שרייבער, מיט וועלכע ער האָט געפירט „אַ קאַלטע מלחמה". דער „בונד" האָט „באַצאָלט" מיט שטאַרקע אַטאַקעס, מיט באַשולדיקונגען אין „אַמעריקאַנער בלאָף" און „פּרינציפּן־הענדלעריי" (אין דער „פאָלקס־צייטונג").

פון דער דאָזיקער רייזע קיין מזרח־אייראָפּע זיינען ביי אים אַרויסגע־

קומען אַ רייע ביאָגראַפיעס און עסייען וועגן יידישע און העברעאישע שרייבער פון יענעם פעריאָד, כאָטש זיי זיינען געשריבן געוואָרן אין קראַנצ׳עס טרוקענעם סטיל, שטעלן זיי אָבער מיט זיך פאָר אַ היבשן בייטראַג צו דער יידישער ליטעראַטור.

אויפן געביט פון ביאָגראַפיע איז שוין קראַנץ דעמאָלט געווען אַן אַלטע „געניטע האַנט״. ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן ביאָגראַפיעס איבער אברבנאל, אַריסטאָטעלעס, בר־כוכבא, לעסינג, משה מענדעלסאָן, מעיער־בער, מחמד; ראָטשילד־פאַמיליע, שבתי־צבי, שפּינאָזא און פיל אַנדערע.

קראַנץ האָט אויך געשריבן פיל איבער פּאָפּולערער וויסנשאַפט, און איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די ערשטע, וואָס האָבן פאַראינטערעסירט ברייטע יידישע מאַסן הויך צו שאַצן און ליב האָבן וויסנשאַפטלעכע ווערק און אָפּהאַנדלונגען. ער איז דער אויטאָר פון אַ פּאָפּולערער אילוסטרירטער „אַסטראָנאָמיע״ פון אַרום 400 זייטן; די געשיכטע פון „גאַנץ אַמעריקע״, אַלע אירע רעפּובליקן. 676 זייטן. ער האָט אָנגעשריבן אַ קולטור־געשיכטע, באַזירט אויף יוליוס ליפּערט׳ס באַרימט ווערק; „די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע״, אַ „געשיכטע פון סאָציאַליזם״, „קאָלאָמבוס״, „יציאת מצרים״ (וועגן דער פסח־לעגענדע), „אַמעריקע פאַר קאָלאָמבוסן״, „וואָס הייסט נאַציאָן?״ ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ „געשיכטע פון אַמעריקע״; די פּאָפּולערע בראָשור „גאָט, מענטש און מאָראַל״, וואָס איז אַ לענגערע צייט געווען אַ גאַנגבאַרער אַנטי־רעליגיעזער מאַטעריאַל אין ראַדיקאַלע קרייזן, אין די פרילינג־יאָרן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט איבערזעצט, אין זיין נישט גאָר־לאַנגן לעבן, פיל ווערק אויפן בעלעטריסטישן געביט פון דער וועלט־ליטעראַטור, כאָטש צווישן זיי זיינען אויך געווען נישט ווייניק „אינטערעסאַנטע ראָמאַנען״ פונ׳ם הויף־לעבן ביי קעניגין און פרינצן.

אין די לעצטע פופצן יאָר פון זיין לעבן איז קראַנץ אויך געווען אַקטיוו אויף ליטעראַרישע און רעדאַקטאָרישע געביטן, כאָטש נישט מיט זיין פריערדיקן אימפּעט. אין די לעצטע יאָרן האָט ער שלום געמאַכט מיט אב. קאַהאַנ׳ען, מיט וועלכן ער האָט געפירט „לאַנגע חשבונות״, געקראָגן דעם אַמט פון רעדאַקטאָר פון „פריינד״, אָפיציעלער אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג. ער איז אָנגעשטעלט געוואָרן אינם „פאָרווערטס״, וואו ער איז שוין געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

אַ מאָדנער קוריאָז דערשיינט אין דעם „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור״ פון זלמן רייזען, אַז פיליפּ קראַנץ זאָל האָבן געווען פיר יאָר גענעראַל־סעקרעטאר פונם אַרבעטער־רינג. דאָס איז פאַלש. קראַנצ׳עס פאַרבינדונגען מיטן אַרבעטער־רינג זיינען געווען ריין־ליטעראַרישע און רע־

דאָקטאָרישע, סיי בנוגע דעם אָרגאַן און סיי בנוגע פאַרלאַג־טעטיקייטן. אין דער רייע פון רעדאַקטאָרן פונם זשורנאַל „פריינד", אָרגאַן פון א. ר. איז פיליפ קראַנץ געווען דער דריטער, נאָך א. ש. זאַקס'ן, וואָס האָט איבער־גענומען פון דעם ערשטן „פריינד"־רעדאַקטאָר — דר. ב. האָפמאַן (צביון) דער שרייבער פון די שורות האָט איבערגענומען די רעדאַקציע אין 1918.

פיליפ קראַנץ איז פערזענלעך געווען אַ גאַנץ לעבעדיקער שמועסער און דעבאַטאַנט, אָבער ווי עס פלעגט קומען, איבערהויפּט אין דעם לעצטן צענדליק יאָר פון זיין לעבן, צו אַן עפּענטלעכע פּאָר ווערטער, פלעגט זיין צונג זיך „צוקלעפּן צום גומען".

אויף דער קאָנווענשאַן פונם אַרבעטער־רינג, אין 1915 אין שיקאַגאָ, האָט אים דער עולם דעלעגאַטן אַרויפגערופן אויף דער בינע פּאַר אַמווייניג־סטענס עטלעכע ווערטער. ער איז אַהין צוגעקומען אַ רויט צעפּלאָמטער, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ שרעקלעכער פאַרברעכער. ער האָט געמאַכט עטלעכע מאָל פאַרזוכן צו עפענען דאָס מויל, אָבער אפשר איז פון דאָרט אַרויס אַ שטיקל פאַרע. קיין וואָרט איז ניט אַרויס. דער עולם האָט אַפּלאָדירט, דערמוטיקט, אָבער עס איז פשוט געווען אַ רחמנות אויף דעם הילפלאָזן מענטשן.

זיין פריצייטיקער טויט, אין 1922, אין עלטער פון בלויז 64 יאָר, איז שטאַרק באַדויערט געוואָרן אין די קרייזן פון די וואָס האָבן אים געקענט נעענטער. אין די לינקע קרייזן האָט נישט געקענט זיין קיין פיל גוטע ווערטער. אין זיין פּאַר'עקשנט'ן מענשעוויזם, אין זיין „פּרינציפּיעלן אָפּאָרטוניזם", איז נישט געווען קיין פלאַץ פּאַר וועלכע עס איז לינקע אידייען און אוודאי ניט פּאַר אויסגעשפּראָכן רעוואָלוציאָנערע. ער האָט אין די לעצטע מאָנאַטן כסדר פאַרזיכערט, אַז די נייע סאָוועטישע רוסלאַנד וועט אפילו אין היגזיכט פון סאָציאַליזם זיין ווייט הינטערשטעליק הינטער פּוילן.

אַך, וואָס פּאַר „אַ ווייטן בליק" אָפּאָרטוניזם האָט עס...

קאַפּיטל פיר און פערציק

סעמועל אונטערמייער — אדוואָקאַט און כלל טוער

קעמפּער פאַר פרויען־רעכט

איינער פון די גרעסטע יוריסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין די לעצטע הונדערט יאָר איז געווען סעמועל אונטערמייער, אַן אַדוואָקאַט פון מלוכה־מענטשן, פון מלכות גופא, פון גרויסע מעכטיקע קאָרפּאָראַציעס; גרויס אין אַלע געביטן פונם געזעץ — אין פינאַנס, אין פּאָליטיק, אין ציווילע משפטים און אין געזעלשאַפטלעכע ענ־ינים פון אַלע מינים. גרויס אויך אין אינטערנאַציאָנאַלע פעלקער־געזעצן. עס איז נישט געווען קיין משפט, וואָס ער זאָל צוריקווייזן צוליב דעם, וואָס אים איז געווען פרעמד דער ענין.

אָבער מיט די אַלע קענטענישן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַ מלוכה־באַאַמטער. ווען מ׳האָט אים געהאַלטן אין נאָמינירן פאַר אַ סענאַטאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער פאַרבאָטן אפילו די נאָמינאַציע. ער האָט אָפט איבערגע׳חזר׳ט דעם מאַקסים פון דעם היסטאָרישן געזעצגעבער סאָלאָן: גע־זעצן זיינען ווי שפּינוועבס — פאַלט אין זיי אַריין אַ לייכטער פאַרברעכער האַלטן זיי אים פעסט און ער איז אַ פאַרפאַלענער. אַ שווערער פאַרברעכער רייסט דורך דעם שפּינוועבס״.

ער איז געווען דער מוטיקער אַדוואָקאַט, וואָס האָט געבראַכט דעם שטאָלצן ביליאָנער פאָרד׳ן צו זיינע קני און געצוואונגען אים אויפצוגעבן זיינע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען, ווען ער האָט פאַרטראָטן דעם יידישן שרייבער הערמאַן בערנשטיין אין זיין אָנקלאָגן דעם מיליאָנערסקן אַנטיסעמיט אין העצעס.

סעמועל אונטערמייער איז געבוירן געוואָרן אין 1858, אין לינטשבורג ווירדזשיניא, אין אַ יידישער פאַמיליע, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד. פּייאיק און מיט אַ העכערער ווי דורכשניט אינטעליגענץ, האָט ער פאַר־ענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אין קאָלאָמביא אוניווערסיטעט צו צוואַנ־ציק יאָר, און אויפן 21טן יאָר, אין 1879, שוין געהאַט אַ פּריוואַטע פּראַקטיק

י. ב. ביילין

וואָס איז געוואָקסן פון יאָר צו יאָר און אָנגעהאַלטן אין משך פון איין און זעכציק יאָר ביז זיין טויט.

ער איז געגאַנגען פון איין דערפאָלג צום צווייטן. עס איז שווער צו זאָגן, צי דער דאָזיקער דערפאָלגרייכער וועג זיינער איז טאַקע געווען אויסגעבעט דורכאויס מיט ערלעכקייט און גערעכטיקייט. עס וואָלט אויסגעקוקט ווי אַ נס צו לעבן אין דער איצטיקער פּראָפיטן-אָרדנונג און נישט איינגעצן זיך די הענט אין שאָרן מיליאָנען. סעמועל אונטערמייער איז געוואָרן אַ מיליאָנער.

ער האָט פאַרטיידיקט אַזעלכע מלוכה מענטשן ווי וויליאַם ג. מעקאַדו, פּרעזידענט ווילסאָנ׳ס איידעם, וואָס איז געווען אין זיין קאַבינעט פינאַנץ־מיניסטער, און דעם הויכן מלוכה-באַאַמטן דזשאָן סקעלטאָן, דעם מלוכה־קאָנטראָליאָר פון דער קאַסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט זיי פאַר־טיידיקט קעגן דערבאַשולדיקונג אין קאָנספּיראַציע, וואָס איז געקומען מצד דער ריגס באַנק אין וואַשינגטאָן.

צווישן די באַרימטע פּראָצעסן אין לאַנד, וואָס אונטערמייער האָט גע־האָט אין זיי אַ האַנט, איז דער פּראָצעס פון דער „וואָטער פּיערס אויל־קאָ.״ קעגן דער „סטאַנדאַרד אויל קאָמפּאַני״, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין משך פון לאַנגע יאָרן. איין לויתן (לעוויאַסאַן) האָט געפּרואווט איינשלינגען דעם צווייטן, און אונטערמייער האָט צו דעם פּראָצעס ניט צוגעלייגט.

אויסער אַדוואָקאַט איז ער געווען אַ בעל יועץ און פינאַנס-מבין אין די גרעסטע פינאַנציעלע טראַנסאַקציעס. פאַר פאַרוואַלטן מיט דער קאָנסילי־דירונג פון דעם ״יוטאַ קאָפּער קאָמפּ״. מיט די אַנדערע קלענערע קופּער קאָמ־פּאַניעס, האָט ער סך הכל געקראָגן אַ האָנאָראַר פון זיבן הונדערט און פינף און זיבעציק טויזנט דאָלאַר, „פון די דאָנקבאַרע סטאָקהאָלדערס״, ווי עס איז אין יענער צייט אַזוי אומשולדיק באַצייכנט געוואָרן. עס זיינען בכלל אין זיין צייט געווען וועניק גרויסע משפּטים אין וועלכע ער זאָל נישט האָבן געהאַט קיין האַנט. זיין רעקאָרד איז געווען, אַז ער איז „מצליח אין אַלץ צו וואָס ער נעמט זיך״.

אָבער ער אַליין האָט געהאַלטן, אַז אים זיינע ליבער געווען די פּראָצעסן וואו ער איז דערשינען אָן קיין שום אויסזיכט פאַר זיך, נאָר לטובת דעם פאָלק. אַלס כלל־טוער און הומאַניסט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דירעקטע האָנאָראַרן, כאָטש ער פלעגט האָבן גרויסע צייט פאַרלוסטן. ער איז דערשינען פריי פאַר דער קאָנגרעסיאָנעלער פּ ו ד ז ש אָ, אויספאָרשונג־קאָמיסיע (אַזוי האָט גע־הייסן דער פאָרזיצער פון דער קאָמיטע). די דאָזיקע קאָמיטע האָט אויסגע־פאָרשט פינאַנציעלע רעגירונגס־פּראָבלעמען, פאַר די צוועקן פון מאסגעבנ־דיקע נייע געזעצן, אין משך פון יאָרן.

א דאנק דער דאזיקער אויספארשונג זיינען געשאפן געווארן אזעלכע ארגאנען ווי ׳דהי פעדעראל טרעיד קאמישאן״, דער „פעדעראלער רעזערוו־אקט״ און אנדערע מיטלען צו צאמען די וועלפישע אפעטיטן פון די מעכטיקע פינאנץ און אינדוסטריעלע מאגנאטן. אליין האבנדיק געהאט א חלק אין אנווארפן די פרינציפן און די איינצלנע פרטים פון אט די נייע געזעצן, האט ער דערנאך, יארן־לאנג .געכלאפאטשעט״, זיך איינגעשטעלט אין קאנגרעס, אין וואשינגטאן, און אין דער לעגיסלאטור אין אלבאני ,צו רעגולירן די „ניו יארק סטאק עקסטשעינדז״, וואל־סטריט, הייסט עס; ארייצוטראגן דארט א געוויסע ארדנונג, אז עס זאלן נישט פארקומען קיין צו דראסטישע „שערונגען פון די שעפסן״. ער האט געזוכט צוצוגעבן א מער געזעצלעכן פנים די פארשיידענע מאניפולאציעס, וואס די גרויסע קארפן־קעפ מאכן דארט.

מיר זעען אונטערמייער׳ן אפט, ווי א ליידנשאפטלעכן ארגומענטאטאר נישט בלויז פאר געריכטן און פאר געזעצגעבנדיקע הייזער, נאר אויך אויף גרויסע פאלקס־פארזאמלונגען פאר די שטאטלעכע און שטאטישע רעגולירינגען פון די״פאבליק יוטיליטיס״. מיר זעען אים אלס קעמפער פאר פרויען וואל־רעכט, אלס אומאפהענגיקער דעמאקראט מיט א גרויסן איינפלוס אין די הויכע פאליטישע ספערן פון דער דעמאקראטישער פארטיי.

אין די אנהויב צוואנציקער יארן האט ער זיך אויך געלאזט פילן אין יידישער פאליטיק. פריער נאך, איז ער ביז 1926 געווען וויצע־פרעזידענט פונם אמעריקאנער יידישן קאנגרעס און עטלעכע יאר פרעזידענט פון דער פאלעסטינער „פאונדעישאן פאנד״. דאס הייסט, געווארן א ציוניסט, אבער געהאלטן, אז ציוניזם דארף נישט זיין קיין באוועגונג פאר אמעריקאנער יידן, נאר בלויז פאר פארטריבענע און פארפאלגטע פון זייערע פריערדיקע היים־לענדער.

ווי שוין אויבן דערמאנט האט ער זיך אין 1923 געשטעלט צום קאמף קעגן פארד׳ס אנטיסעמיטישער טעטיקייט דורך זיין ארגאן „דירבאן אינדעפענדענט״, און פארטראטן דעם יידיש־אמעריקאנער זשורנאליסט הערמאן בערנשטיין, וואס איז באשולדיקט געווארן אין פארלוימדן פארדן.. אויף דעם דאזיקן משפט האט אונטערמייער געוואונען נאך א רייע משפט־יארן, און אין 1927 געצוואונגען דעם גרויסן מאגנאט צו אנטשולדיקן זיך פאר בערנשטיינען, און אונטערמייער האט אויפגעפאדערט פארד׳ן צו פארריכטן די רשעות און עוולות, וואס ער האט אנגעמאכט דעם יידישן פאלק.

ווען דער נאציזם האט גענומען בושעווען, האט דער דאזיקער קילער און מעסיקער ליבעראל דערפילט ווי זיין פולס קלאפט שטארקער. א קאמפס־

גייסט, לויט זיין השגה, האָט אים אָנגעכאַפּט. ער איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער „נאָן סעקטעריען אַנטי־נאַצי ליג״, איינצושטעלן זיך פאַר מענטשלעכע רעכט. ער האָט היפּשלעך דערגרייכט אין מאָביליזירן די אַלגעמיינע געזעל־שאַפטלעכע שטימונג קעגן דער היטלער־פּראָפּאַגאַנדע און געוואָרן איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונם באָיקאָט אויף די נאַצישע סחורות.

פיל ליבעראַלן האָבן געהאַלטן, אַז אונטערמייער האָט געהאַט אַ היפּשע ווירקונג אויפ׳ן פרייהייטלעכן קלימאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען ער איז געשטאָרבן, אין 1940, האָט אפילו די „העראַלד טריביון״ די צייטונג, וואָס ער האָט נישט געהאַלטן פון איר עדיטאָרילער פּאָליטיק, גע־שריבן וועגן אים אויף איר עדיטאָריעלער זייט —

„...אין געזעץ, אין פינאַנץ, אין פּאָליטיק אין ציווילן לעבן און אין געזעלשאַפטלעכע ענינים האָט זיך סעמועל אונטערמייער אַזוי פרייגיביק אי־דענטיפיצירט מיט די געזעלשאַפטלעכע ענינים פון ניו יאָרק, אַז עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, ווי ניו יאָרק וואָלט אויסגעקוקט אָן אים. געוויס וואָלט געפעלט אַ סך פון דעם פאַרוויקלטן מוסטער, געוועב און וואוקס פון ניו יאָרק. עס וואָלט געפעלט איין בולטער פאָדים פון וויטאַליטעט, וואָס האָט זיך אַריינגעוועבט און אַרויסגעוועבט פון זיין גאַנצן מהות״.

אין זיין בליק אויפן געזעץ האָט אונטערמייער זיך געהאַלטן אָן אַריס־טאָטלען, ווען ער האָט איינמאָל געזאָגט: „אפילו ווען געזעצן זיינען שוין פאַרקריצט אויף שטיינערנע לוחות, מיינט עס נאָך נישט, אַז זיי דאַרפן אויף שטענדיק בלייבן פאַרשטיינערט״.

זיינע צוויי זין, וואָס ער האָט געלאָזן נאָך זיך, זיינען אויך גרויסע יוריסטן. דער עלטערער אַלווין אונטערמייער, געבוירן אין 1882, איצט שוין אַ 75־ער, האָט זיך געהאַלטן עטוואָס אָן אַ זייט פון פּאָליטיק, בעת דער יינגערער אירווין, געבוירן אין 1886, איז אַריינגעטראָטן נית בלויז אין זיין פאָטערס פירמע, נאָר אויך אָפּגעטראָטן פון זיין פאָטער׳ס פּרינציפּ, נישט אָנצונעמען קיין רעגירונגס־שטעלע.

אירווינג אונטערמייער איז דערוויילט געוואָרן אויף דעם דעמאָקראַטישן צעטל צום „סופּרים קאורט״ פונם שטאַט ניו יאָרק, און איז, אין 1943 באַ־שטימט געוואָרן אין זיין העכסטן אינסטאַנץ, אינם אַפּיל־אָפּטייל. מען הערט נישט אַז זיי זאָלן האָבן דירעקט עפּעס צו טאָן מיט יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, פון וועלכן עס איז באַדייט.

קאַפּיטל פינף און פערציק

פלאַטאָן ברונאָוו — אַ יידיש-רוסישער מוזיק-פּיאָנער אויף דער ניו יאָרקער איסט-סאַיד

זאַמלער פון פאָלקס מעלאָדיעס און קאָמפּאָזיטאָר

ביז די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן זיך אויף דער איסט סאַיד געלאָזט דערקענען לויט זייער הילוך און אָנזען די יידישע אַקטיאָרן פון דער בויערי, און עטלעכע פון די עטלעכע רבנים מיט זייערע צילינדערס. אָבער אין אָנהויב פון די ניינציקער האָט זיך באַוויזן אויף די יידישע גאַסן גאָר אַן אַנדער טיפּ ייד, וואָס האָט, אין די אויגן פון אַנדערע, גיכער אויסגעזען ווי אַ רוסישער פּאָפּ, איידער אַ ייד.

יעדער אינדיווידואַליזירטער טיפּ האָט זיך זיינע אייגענע קען-צייכנס. פלאַטאָן ברונאָוו׳ן האָט מען געקענט דערקענען פון אַ היפּשלעכער ווייטקייט דורך דער אַנדערשקייט פון זיינע מלבושים, אָפטמאָל אַ האַלב-אָפענע פּאַלעריינע, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשריען אַ מאָדנער קראַוואַט.

מיט אַן אויסערגעוויינלעך גרויסן קאָפּ, מיט דער באַקאַנטער ליבןגריווע און אויסדרוקספולן בליק, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גייסטיקן פּרינץ, וואָס האָט אַראָפּגענידערט אויף דער אָרעמער איסט סאַיד צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן, צי איז עס אמת אַלץ וואָס מען זאָגט וועגן איר שרייענדיקער נויט.

אין דער אמת׳ן איז דער דאָזיקער מערקווירדיקער טיפּ אַ ל י י ן געוועזן נישט קיין צו גרויסער גביר. עס איז רעכט צו זאָגן, אַז ער האָט אפילו פון צייט צו צייט אַליין געזען די נויט אונטער זיין אייגענער העמד. גענוג צו זאָגן, אַז ער איז דאָ געוועזן אַ מוזיק-פּיאָנער פון אַ גאַנץ העכערן מין, ווי די דורכשניטלעכע יידישע קלעזמער און מוזיקאַנטן פון יידישן טעאַטער. ער איז געוועזן דאָ דער ערשטער יידיש-רוסישער מוזיק-אַקאַדעמיקער מיט אַ היפּשן סטאַזש פון יענער זייט ים.

פלאַטאָן ברונאָוו איז געבוירן געוואָרן אין יעליסאַוועטגראַד, דרום

רוסלאַנד, אין יאָר 1859, זיינע עלטערן זיינען קענטיק געווען קולטור־מענטשן, ווייל זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן זייער זון „פּלאַטאָן“, נאָכן גרויסן גריכישן פילאָסאָף, וואָס איז געווען סאָקראַטעס'עס אַ תלמיד. אַ צווייטער סימן איז, אַז מ'האָט אים געלערנט מוזיק אין זיינע קינדער־יאָרן, אַזוי אַז ער האָט שוין אין עלטער פון 23 יאָר געענדיקט די וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע.

דער מוזיקער האָט פיינט געהאַט צו ריידן וועגן זיין עלטער. אָבער לויט יואל סלאָנים'ען („טאָג, 19טער יולי, 1924), וואָס האָט אים אַ לענגערע צייט געקענט און אַרום 1919 באַקענט מיט דעם שרייבער פון דעם בוך, איז געבאָרן געוואָרן אין 1859, אַזוי אויך לויט ל. ווילענסקי, אינם „פנקס“, ז. 355. אָבער אין די אַמעריקאַנישע מוזיק־ביכער האָט ער אַליין זיך אָנגעגעבן מיט צען יאָר יינגער (זע דימס טעילאָר'ס „מוזיק דיקשיאָנערי“).

דאָס אָנגעבן זיך יינגער ווייזט בלויז, אַז ער איז געווען און געבליבן אַן איינזאַמער מענטש, אַן אַנטוישטער און מיט אַ סך קנאה צו פיל יידישע מוזיקער, וואָס האָבן נישט דערגרייכט צו זיינע קנעכל, אָבער אָנגעשלאָגן אַ סך העכער אין פּרט פון פּרנסה און אָנערקענונג אין דער פּראָפעסיע.

און עס איז נישט קיין וואונדער: ברונאָוו איז געווען אַקאַדעמיש מער צוגעגרייט ווי פיל פון זיינע יידיש־אַמעריקאַנער קאָלעגן. ער האָט דאָך שטודירט מוזיק עטלעכע צענדליק יאָר. אין עלטער פון צוויי און דרייסיק יאָר האָט ער נאָך גראַדואירט די העכסטע מוזיק־אינסטיטוציע אין לאַנד, די פּעטערבורגער קייזערלעכע קאָנסערוואַטאָריע, ניין יאָר נאָך זיין ענדיקן די וואַרשעווער הויך־שול פאַר מוזיק.

צווישן זיינע לערער אין פּעטערבורג זיינען געווען אַ נ ט אָ ן ר ו ב י נ־ ש ט י י ן, דער באַרימטער פּיאַניסט און קאָמפּאָזיטאָר, און ר י מ ס ק י־ק אָ ר־ ס אַ ק אָ ו. אפשר פון דער מעכטיקער קליינער גרופּקעלע (לויטן קריטיקער סטאַסאָוו'ס אויסדרוק) רוסישע מוזיק־גאונים.

אין יענער צייט פון זיין אַקאַדעמישן לעבן אין דער צאַרישער הויפּט־שטאָט איז שוין דער יונגער פּלאַטאָן־ברונאָוו אַרויסגעטראָטן מיט זיין קאַנ־טאַטע „אנגעל“ (מלאך) מיט דער באַמיאונג פון זיין פּראָפעסאָר רובינשטיין פאַרן קייזערלעכן הויף. אַנטאָן רובינשטיין גופא איז געווען אַ גע'שמדט'ער ייד, וואָס האָט אָבער קיינמאָל נישט געלייקנט זיין יידישן אָפּשטאַם, און גע־קראָגן פונם צאַר, אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, דעם ראַנג פון „סטאַטסקי סאָ־וועטניק“ און אַריינגענומען געוואָרן אין דער הויכער אַריסטאָקראַטיע, דורך קריגן דעם „וולאַדימיר־אָרדן“.

עס איז מעגלעך, ווען ברונאָוו וואָלט עס אויך געטאָן, וואָלט ער ניט

העכערע מוזיק האָט אויף זיך ניט געהאַט נאָך אין יידישע אימיגראַנטישע קרייזן קיין גרויסן אָנבאָט. אינם זעלבן יאָר 1891, ווען ער האָט גראַדואירט פון דער קייזערלעכער קאָנסערוואַטאָריע איז ער נאָך אָנגעקומען קיין אַמעריקע (אין יולי) מיט רעקאָמענדאַציעס פון אַנטאָן רובינשטיין, וואָס דאָס האָט געדאַרפט מיינען זייער אַ סך.

האָט דאָך דאָ אין אַמעריקע רובינשטיין געמאַכט אין משך פון די מוזיק־סעזאָנען 1872־1873, איינעם פון זיינע גרעסטע דערפאָלגן. ער איז דאָך דאָ אויפגעטראָטן, נאָך די הויכע רעקאָרדס, וואָס ער האָט מיט זיינע פיאַנא־קאָנצערטן געשלאָגן אין אייראָפּע. אויף 215 קאָנצערטן. ער האָט פון זיי געמאַכט פערציק טויזנט דאָלאַר. אַ ריזן־סומע פאַר יענער צייט. און וואָלט נאָר רובינשטיין אויף זיינע ים־נסיעות הין־און־צוריק זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר די אַטלאַנטישע שטורעמס, האָט מען אים דאָך פאָרגעשלאָגן פאַר אַ צווייטן טור פון פופציק קאָנצערטן אַ סומע פון 125 טויזנט דאָלאַר!

אָבער פיר צענדליק יאָר פאַר אים האָט שוין דאָ אַ יידיש־דייטשער מוזיקער לעאָפּאָלד דאַמראָש געשאַפן אַ מוזיק־דינאַסטיע און, ווי עס ווייזט אויס איז די אַכילעס־פּיאַטע (שוואַכסטער פונקט) ביי ברונאָוו׳ן געווען זיין ניט־דרייסטקייט, די שוואַכע „עלנבויגנס״.

אמת, ער איז געווען דאָ דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַ רוסישן סימפאָנישן אָרקעסטער, וואָס האָט אַ ריי יאָרן אָפּגעגעבן קלאַסישע קאָנצערטן מיט גוטן טאָן און געשמאַק. ער האָט דאָ אויך אָנגעפירט מיט אַ רוסישער כאָראַלער געזעלשאַפט, ער האָט געמאַכט אַ ריי פּרוּוון צו אָרגאַניזירן יידישע כאָרן. זיי האָבן זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן.

איז אים געבליבן די קליין־אַרבעט פון קאָנצערטן, פון געבן מוזיק־לעקציעס, איינציקע פּיאַנא־לעקציעס, פידל און אַנדערע אינסטרומענטן. זיין נשמה האָט ער באַפרידיקט דורך קאָמפּאָזיציע־אַרבעט. ער איז דאָ געווען דער ערשטער שאַפער פון מעלאָדיעס צו פיל יידישע לידער פון אונדזערע היגע דיכטער. אייניקע פון זיי ווערן נאָך איצט געזונגען — ווינטשעווסקי׳ס ליד „דער לויקשקלאַף״, ביאַליקס „אונטער די גריגינקע ביימעלעך״, מוזיק צו לידער פון יהואש, ליעסין, רויזנבלאַט און אַנדערע.

איינע פון זיינע פּיאָנער־אַרבעטן איז געווען אויפן געביט פון זאַמלען יידישע פאָלקס־מעלאָדיעס, אַן ערך פון אַרום דריי הונדערט האָט ער צוזאַמענגעקליבן און אָפּגעקליבן פון זיי פופציק. ער האָט זיי אַרויסגעגעבן אונטערן נאָמען „יודישע פאָלקס־לידער״ — פיר מיטעל־שטימע אונד פּיאַנא אַקאָמפּאַנימענט, האַרמאָניזירט אונד אַראַנזשירט פון פּ. ב״. דאָס בוך איז אַרויס אין 1911 אין פאַרלאַג פון טשאַרלז ק. העריס, נ. י.

י. ב. ביילין

דער לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור (זלמן רייזענ׳ס) שרייבט וועגן דער זאַמלונג — „... ביי אַלע גרויסע חסרונות — דאָך דער ערשטער פּרואוו אריינצוברענגען דאָס יידישע פאָלקס־ליד אין דעם יידישן אַמערי־קאַנער הויז (באַנד 1, זייט 42). ער האָט אין 1921 מקנא געווען יעקב שייפער׳ן, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט אַרויסגעגעבן פינף פון זיינע לידער.

ברונאָוו האָט געהאַט אַ לאַנגן צעטל פון אַרבעט־פּאַרמעסטן, אָבער אַ קורצן אָטעם צו פאַרווירקלעכן.

ווען מיר זיינען איינמאָל געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר, אַרום 1919, איבערן וויליאַמסבורג בריק, האָט ער מיך פאַרזיכערט: — „ביילין, איר וועט נאָך זען פון מיר ווערק, וואָס וועלן איבערראַשן אַמעריקע... איך אַרבעט איצט אויף אַן אָפּערע וועגן אינדיאַנער לעבן דאָ און איך פיבער מיט איר בייטאָג און ביינאַכט. איך וועל זיך נאָך אַביסל אָפּרוען״..

די אָפּערע, וואָס ער האָט אָנגערופן „ראַמאַנאַ״ האָט ער טאַקע שפּעטער פאַרענדיקט. אָבער זי האָט ביי די אָפּערע־קריטיקער נישט אויסגענומען און איז נאָך ביז איצט ניט אויפגעפירט געוואָרן. עס זיינען יאָ געהאַט אויפ־געפירט געוואָרן לויט אייניקע ידיעות זיין „ראַשיען ווילעדזש״ און „פלעיער גאַרדן״, אין אָפּערעטן־טעאַטער.

ווען מיר האָבן געפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן איבערנעמען, נאָך לעווקאָ־וויטש׳ן, די דירעקציע פונם אַרבעטער־רינג כאָר, האָט ער דעם שרייבער פאַרזיכערט, אַז ער איז נאָך געווען אַ סאָציאַליסט אין פּעטערבורג. ער האָט אָבער געשטעלט הויכע פאָדערונגען און דער א.ר.־בילדונגס־קאָמיטעט האָט אנשטאָט אים דעמאָלט אָנגעשטעלט י. פּאַזנער׳ן.

פּלאַטאָן ברונאָוו האָט אויך גענומען אַ האַנט אין רוסישער, יידישער און ענגלישער ליטעראַטור. ער האָט געשריבן דערציילונגען מיט אַן אָנהויך פון הומאָר. די איינציקע זאַמלונג וואָס איז געבליבן פון אים אויף דעם געביט איז די ענגלישע זאַמלונג, דער שרייבער, אָבער, האָט זי נישט געפונען.

ברונאָוו האָט געהאַלטן, אַז די קונסט פון מוזיק איז כולל אין זיך אַלע קונסטן — אַרכיטעקטור, ליטעראַטור, מאַלעריי און סקולפּטור. ער האָט אַ געוויסע צייט מיטגעאַרבעט אינם „פאָרווערטס״ אַלס מוזיק־קריטיקער. זיינע קריטיקן זיינען אָבער דעם רעדאַקטאָר אב. קאַהאַנ׳ען נישט געפעלן. זיי זיינען געווען צו שווער פאַרן דורכשניטלעכן לייענער.

נאָך דעם דורכפאַל מיט זיין אָפּערע „ראַמאַנאַ״ האָט ער געמאַכט אַ פּרואוו אויף אַ יידישער אָפּערע ׳פאַלעסטינע׳. ער האָט זי אָבער קיינמאָל נישט פאַרענדיקט.

עס האָט זיך פאַרפּעלט אויף דער איסט־סאיד זיין אימפּאָזאַנטע פיגור מיטן לייבן קאָפּ, ווען ער איז געשטאָרבן אַן איינזאַמער אַן אַנטוישטער אין 1924.

קאַפּיטל זעקס און פּערציק

שלום עליכם אין אַמעריקע

צווישן די גרויסע מאַסן־שטראָמען פון יידישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן קיין אַמעריקע מיט אימפּעט פון די יידישע וואוינעהטער, אין די רוסישע לענדער, איז אויך געווען אונדזער גרויסער „ש ל ו ם ע ל י כ ם".

זיין גאַנצער מהות איז נאָך דעמאָלט געווען אין דער אַלטער היים, אָבער דאָ איז ער שוין געווען אַ חשוב'ער מיטאַרבעטער אין דער יידישער פּרעסע. די ערשטע צייטונגען, וואָס האָבן אים דאָ פאָרגעשטעלט פאַר'ן יידישן לייענער, זיינען געווען „די פילאַדעלפיער שטאָט־צייטונג" און די „פיטסבורגער טויב". די איבעריקע יידישע צייטונגען זיינען דעמאָלט געקומען צו אַלעם גרייטן. זייערע רעדאַקטאָרישע שערן האָבן זיך מיט התמדה אַראָפּגעלאָזט אויף די שאַפונגען פון דעם „מאָדערנעם" יידן, וואָס האָט זיך אַזאַ מאָדנעם נאָמען געגעבן ווי „שלום עליכם" — און אים אַדאָפּטירט.

דאָס איז נאָך געווען אין 1894, פון דעמאָלט אָן האָבן יידיש־לייענער אין די פאַראייניקטע שטאַטן געקוויקט זיך מיט דעם פריילעכן, גוט־ברודערשן נאָמען, און שלום עליכם איז שוין געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דירעקטאָרן פון יידישע טעאַטערס אויפצופירן דאָ זיינען פּיעסן.

עס איז דעם שרייבער אומבאַקאַנט ווען שלום־עליכמ'ס וויג־ליד „שלאָף מיין קינד" איז געשריבן געוואָרן. מעגלעך, אַז דאָס איז טאַקע געווען דעמאָלט ווען ער האָט געמאַכט זיין ערשטן קאָנטאַקט מיט אַמעריקע. אויך אין דעם ליד, מיט וועלכן די סענטימענטאַלע מאַמע פאַרוויגט דאָס קינד, און זיך אַליין, מיטן צויבער־בילד פון אַמעריקע, אַז „דאָרטן עסט מען אין דער וואָכן חלה" און אַ צוזאָג, אַז „דאָרטן וועל איך דיר יאַיכלעך קאָכן", פילט זיך דער פאַרצווייפלינגטער „יאַנוס־אויסדרוק" פון געלעכטער און געוויין, פון בייסיקער סאַטירע און צערטלעכער סענטימענטאַליטעט. וויפיל גאַליקייט און ליבשאַפט עס מישן זיך אין די עטלעכע באַרואיקונגס־ווערטער צום קינד ווען שפּורלאָזן פאָטער זיינעם, אַז —

י. ב. ביילין

׳גאָט וועט הייסן, וועט ער שיקן
בריוועלעך, זונעניו!
גאָר אין גיכן אונדז באַגליקן
שלאָף־זשע, שלאָף, ליו־ליו.
ער וועט שיקן צוואַנציק דאָלאַר
זיין פּאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבן זאָל ער
אונדז אַהינצוצו״.

וויפיל גאלגאַן־הומאָר דער אומשטערבלעכער קינסטלער האָט עס באַוויזן אַריינצופּאַקן אפילו אין אַן אומשולדיק וויג־ליד! און וויפיל עכטע פּאַרב, אמת׳ע טראַגיק עס בליקן אַרויס פון אָט די שורות. נישט איין מאַמע, אַן איבערגעלאָזטע אויף גאָט׳ס באַראַט, האָט אין האַרצן געוואַרעמט אַזעלכע האָפנונגען אַז אָט־אָט לאָזט דער מאַן פון זיך הערן און זי וועט מיט׳ן קינד אַריבערגענומען ווערן, ווי אַנדערע איבערגעלאָזטע פרויען, וועמענס מענער זיינען אַוועק זוכן גליק און אויפלעבונג אינ׳ם גאָלדענעם לאַנד.

דאָס איז געווען אין אָקטאָבער, 1906, ער האָט שוין דעמאָלט געלאָזן הינטער זיך אין איראָפּע, צענדליקער טויזנטער פאַרערער און לייענער, אויך הונדערטער פריינט צווישן יידישע, רוסישע, פּוילישע און דייטשע און ענגלישע שרייבער. געלאָזן הינטער זיך אפילו די אייגענע פאַמיליע אין דער שווייץ, מיט דער האָפנונג זי באַלד אַריבעצוברענגען.

ביי דער שיף האָט שוין געוואַרט אַ היפשע גרופּע שרייבער. יידישע און ענגלישע, פאַרשטייער פון דער פּרעסע און געגעבן שלום־עליכמ׳ען אַ גע־הערריקן קבלת פּנים. ס׳טייטש, ש ל ו ם - ע ל י כ ם! דער מאָלער פון כתרי־לעווקע און יעהופּעץ, דעם סקולפּטאָר פון מנחם־מענדלען, פון „טוביה דעם מילכיקן״, דער דראַמאַטיקער פון „צעזייט און צעשפּרייט״, פון „שווער צו זיין אַ ייד״, דער סאַטיריקער פונם „מאַזעפּעווקער דאָן קיכאָט״, פון דער יעהופּעצער בערזע, דער קענער און דערקענער פון דער רייכסטער גאַלעריע פון יידישע טיפּן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע!

אוודאי איז אינם קבלת־פּנים געווען פאַר אים פאַרדינטער און קוים־פול־דערשאַצטער ליוב־געזאַנג. מען האָט אים מיט ליבשאַפט באַגעגנט אין די עלטערע — און נייע יידישע ישובים. פאַקטיש האָבן פיל אימיגראַנטישע יידן אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, פּיטסבורג און שיקאַגאָ גאָרניט געוואוסט אַז דער דאָזיקער שלום־עליכם איז אַ גרינער. און פיל פון זיי האָבן נאָך מיט עטלעכע יאָר פריער געלייענט פון אים אין די יידיש־אַמעריקאַנער צייטונגען, האָט ער עס גאָר געשריבן אין קיעוו, צי אין אָדעס...

אוודאי האָט ער געקראָגן גלייך באַשעפטיקונג. מען האָט נאָך פריער געוואוסט, אַז ער איז אויסער דער גרויסער שלום-עליכם, אויך דער גרויסער אויסטייטשער זיינער אין זיינע אייגענע פאַרלעזונגען. נו, איז די פאָדערונג אויף ליטעראַרישע פאַרלעזונגען מיט אים געווען אַ גרויסע. מען האָט זיך „געשלאָגן פאַר דאַטעס". כמעט אַלע פאַרלעזונגען זיינען געווען גרויסע דערפאָלגן. מען האָט צו זיי נישט צוגעלייגט. פאַרקערט: אייניקע אָרגאַניזאַציעס זיינען געוואָרן אויפגעריכט. מאָראַליש איז עס געווען נישט ווייניקער. דער פאַרגעניגן אים צו הערן איז אויף אַ האָר ניט איבערגעטריבן געוואָרן. זיינע העלדן זיינען אויסגעשפילט געוואָרן בעת זיין לייענען ווי אויף אַ בינע.

אָבער נישט אַזוי גלאַט איז געווען דער וועג און די באַציאונגען מיט די צייטונגס-רעדאַקטאָרן און טעאַטער-דירעקטאָרן. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן דעם „גרינעם" איבערכיטרעווען, אָפּקומען מיט שיע-פּיע. האָבן זיי אָבער געמאַכט דעם טעות. זיי האָבן דעם געוויזענעם רייכן איידעם און דערפאַרענעם געשעפטסמאַן נישט געקענט „נעמען אויף זיכער". ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף „אַמעריקאַנער בלאָפס" און זיך אין זאַק נישט געלאָזט פאַרנאַרן. ער האָט שוין נישט איינמאָל אָפּגעבריט זיך אויף די בערזעס פון איראָפּע און נישט געהאַט קיין חשק צו גלויבן די טעאַטער-דירעקטאָרן און אפילו די צייטונגס-רעדאַקטאָרן אויפן וואָרט.

ביים פאַרקויף פון זיינע צוויי פּיעסן צו ניו יאָרקער יידישע טעאַטער-אייגנטימער — „דער אויסוואורף", אָדער „שמואל פאַסטערנאַק" און „סטעמפּעניו", ביידע באַאַרבעטונגען פון פריערדיקע שאַפונגען זיינע, האָט ער שוין דערזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן אין דער אַמעריקאַנער יידישער טעאַטער-וועלט. דער „אויסוואורף" איז געשפּילט געוואָרן אין יעקב אַדלער'ס „גרענד-טעאַטער", און „סטעמפּעניו" אין באָריס טאָמאַשעפסקי'ס „פּיפּלס טעאַטער". ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ביי אַזעלכע אומשטענדן, וואו מ'דאַרף זיך היטן מיט יעדן וואָרט און מיט יעדן טראָט, כדי ניט ביטער אָפּגענאַרט צו ווערן קען ער ניט אַראָפּברענגען אַהער זיין פאַמיליע. און ער האָט דאָך אַזוי געשטרעבט צו אַביסל זיכערקייט און פעסטקייט.

דעם באַשלוס צוריקצופאָרן קיין איראָפּע האָט ער אָנגענומען ווען ער איז גלייכצייטיק, אַלס ציוניסט, דערוויילט געוואָרן פאַר אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן וועלט קאָנגרעס אין האַג, האָלאַנד. דאָס איז בכלל געווען פאַר אים אַ וויכטיקער ענין. דאָרט וועט ער זיך באַקענען מיט פיל יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס ער האָט שוין אַ לענגערע צייט געוואָלט באַגעגענען. און אַזוי איז עס טאַקע געווען: איינער פון די, וואָס ער האָט שוין אַ לענגערע

צייט געזוכט צו באַגעגענען איז געווען דער דיכטער חיים נחמן ביאַליק פון וועלכן ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן. האָט ער אים דאָרט, אין האַג באַ־געגענט פּנים צו פּנים און שפּעטער די דאָזיקע באַגעגעניש באַשריבן אין זיין בוך „יידישע שרייבער", ווי די אינטערעסאַנטסטע אין זיין לעבן.

זיין וואוינפּלאַץ איז אין יענער צייט שוין געבליבן אין ז ש ע נ ע ו ו ע אויף אַ לענגערער צייט. דאָרט האָט געוואוינט זיין גאַנצע פאַמיליע. דאָרט זיינען דעמאָלט אויך געווען זיינע פריינט — מענדעלע מוכר ספרים און מ. בן עמי (נישט צוזאַמענמישן מיט'ן באַרימטן יידישן אַקטיאָר יעקב בן עמי). אָבער גאָר לאַנג האָט שוין שלום עליכם נישט געקענט זיצן אויף איין פּלאַץ. אין רוסלאַנד, זיינען געוואָרן גינסטיקער פאַר ליטעראַרישע פאָרלעזונגען און לעקציעס. די יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן נישט בלויז מער געלעזן, נאָר אליין אויך אַ גוטע טעמע פאַר לעקציעס.

שלום עליכמ'ס מאַטעריאַלע לאַגע איז אין די אַלע יאָרן נישט געווען מקנא צו זיין. ווי אַ געוועזענער גביר, וואָס האָט דורכגעלאָזט דורך זיינע פינגער גרויסע פאַרמעגנס איז שוין זיין פאַמיליע געווען שווער צוצופּאַסן זיך צו אַ דוחק־לעבן. דערצו איז דאָך זיין פרוי געווען פון איר געבורט אויס אַ גביר'יש קינד, אַ געניאַנטשעטע און גיפּיעשטשעטע. ער האָט ניט גע־קענט צוזען איר פּיין און שווערע אויסקומעניש, איז אים שוין נישט שווער געווען אפילו צו ווערן נע־ונד (נאַ־ווענאַד), אַרומצופאָרן און צו זיין כסדר אָפּגעריסן פון דער היים.

סוף מאַי, 1908, זעען מיר שוין שלום־עליכמ'ען, אליין אָן דער פאַמיליע, צוריק אין רוסלאַנד. אָט לייענט ער לעקציעס אין אָדעס, אָדער אין ווילנע און מינסק, אין וואַרשע. מיר געדענקט זיך געוויי יענע צייט, ווען יעדע שטאָט האָט זיך געריסן פאַר אים און בעת מיר, אין לאָדזש, האָבן דעמאָלט אַראָפּגעבראַכט דורך דער „האַרפּע־געזעלשאַפט" פּרצ'ן, האָבן מיר אויפן צווייטן פּלאַץ געהאַט שלום־עליכמ'ען און מיר זיינען דעמאָלט גרייט געווען פאַר אַ סומע פון דריי ציפערן. פאַרוואָס די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך דעמאָלט אויסגעלאָזט מיט גאָרניט, ווייס דער שרייבער ניט ווייל גראַד נאָך דער פּרץ אונטערנעמונג, איז ער שוין מער נישט געווען אויף דער פריי...

דער טור אין רוסלאַנד, וואָס איז געווען פאַר שלום־עליכמ'ען אַ סעריע פון באַגייסטערטע אויפנאַמעס, האָט זיך אָבער פאַרענדיקט מיט אַן אומגליק. אויף זיין פאָרלעזונג פאַר דער ניי־געגרינדעטער געזעלשאַפט אין באַראַ־נאָוויטש פאַר יידישער ליטעראַרישער קונסט, און וואָס צוליב דער צאַרישער פּאָליציי האָט ער געמוזט האַלטן זיין פאָרטראָג אין רוסיש, האָט ער זיך פלוצלונג פאַרהוסט און — אַ שרעקלעכע סצענע האָט פאַרוואַנדלט דעם

פייערטאָג אין אַן אומגליקלעכן בלוט־שטורץ פונם גרויסן קינסטלער. די באַרימטע באַן־סטאַנציע פון באַראַנאָוויטש איז געווען די לעצטע סטאַנציע פון דעם דאָזיקן טור.

די דאָקטוירים האָבן אים פאַרווערט צו רירן זיך פון אָרט. זיי האָבן ביי אים געפונען אַ שאַרפן לונגען־טובערקולאָז און געהאַלטן אים אין דאָרטיקן שפיטאָל צוויי חדשים. פון באַראַנאָוויטש האָט מען אים אָפּגעשיקט אינם באַרימטן איטאַליענישן קור־אָרט נערווי, וואוהין עס האָט זיך אויך אַריבערגעקליבן זיין פאַמיליע פון זשענעווע צו קענען אויפּפאַסן אויף אים אין זיין שווערער קראַנקהייט.

אודאי האָט זיין טרייע פרוי אָלגאַ און די קינדער, געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט צוריקברענגען אים צו אַ צושטאַנד וואו זיין קראַנקהייט זאָל אָפּגעשטעלט ווערן. דערצו האָט געהאָלפן נישט ווייניקער דער געזונטער נערוויער קלימאַט פון ים־לופט און זון־שטראַלן. אָבער נאָכמער האָט אפשר געהאָלפן דער גייסטיקער צושטאַנד, וואָס האָט אים גענומען אַרומרינגלען. אין די כוואַליעס פון וואַרעמער ליבשאַפט און פרייד וואָס האָט אים דער־גרייכט פון בוכשטעבלעך הונדערטער מקומות אין אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס איז געווען זיין 25־יאָריקער יובילייַ, וואָס איז געפייערט געוואָרן מיט אַזאַ פאַרנעם, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין דער געשיכטע פון אַ יידישן שרייבער.

דער שלום־עליכם יובילי אין 1909 איז געפייערט געוואָרן נישט אינם זעלבן פאַרנעם און מאָס, ווי עס איז געפייערט געוואָרן זיין 100טסטער יובילייַ־יאָר. אָבער אפילו דעמאָלט, מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז דער 25טער יובילייַ פון זיין ליטעראַרישער שאַפונג, אין 1909, געווען אַזאַ, וואָס קיין איין יידישער שרייבער, אין דער גאַנצער וועלט, האָט קיינמאָל נישט זוכה געווען.

דאָס איז דעמאָלט געווען אַן אַלוועלטלעכע דעמאָנסטראַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז דערהויבן געוואָרן מיט דער פייערונג צו אַ מדרגה פון אַ ליטעראַטור, וואָס פאַרשפרייט זיך איבער דער גאַנצער וועלט. די באַגריסונגען און וואונטשן, וואָס האָבן דעמאָלט געשטראָמט צו שלום עליכמ׳ען זיינען געקומען פון הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך, פון די ווייטסטע יידישע ישובים פון דרום־אַמעריקע, פון דרום־אַפריקע און אויסטראַליע, די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. אפילו פון סיביר און פון פיל טורמעס פונם צאַרישן רוסלאַנד, האָבן אַרויסגעשמוגלטע באַגריסונ־גען פון פאָליטישע אַרעסטאַנטן דערגרייכט דעם ליבן, דעמאָלט קראַנקן, יובילאַר.

נאָך מער: אַ צאָל באַגריסונגען און אונטערנעמונגען, די הכנסה פון ספעציעלע טעאַטער־פאַרשטעלונגען, זיינען געזאַמלט געוואָרן אין אַ באַ־

זונדערן גרויסן פּאַלקס-פּאָנד. דער ציל איז געווען אויסצולייזן דעם גרויסן שרייבערס ווערק, וואָס זיינען געהאַט אָפּגעקויפט געוואָרן פון אַ ריי פאַר-לעגער, כדי אומצוקערן זיי צום אמת'ן בעל־הבית זייערן — צום שאַפער, וואָס האָט געהאָרעוועט אויף זיי אין משך פון אַ גוטן פערטל יאָרהונדערט. מען האָט אויסגעצאָלט היפּשע סומעס פון דער הויפּט-קאַסע פונם פאָנד צו די פאַרלעגער שאַלקאָווסקי, לידסקי, קרינסקי, און אַנדערע פאַר זייערע רעכט אויף שלום עליכמ'ס ווערק און אומגעקערט עס צו דער שלום-עליכם פאַמיליע.

דאָס איז געווען אַ קאָנסטרוקטיווע אַקציע. די שלום-עליכם פאַמיליע האָט אין משך פון עטלעכע יאָר שוין נישט געוואוסט פון נויט. די 'שלום-עליכם-גאַנגען' (די „סעטס" פון זיינע ביכער) האָבן זיך גוט פאַרקויפט און אַ גרויסער עולם, אפשר דער גרעסטער אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט געלייענט. שלום-עליכם אַליין האָט שוין נישט געפילט אויף זיך דעם דרוק פון די חובות און געקאָנט זיך באַזעצן ווידער אין אי-טאַליע און אַריינציען אין זיינע קראַנקע לונגען די לופט פון די בעסטע קור-ערטער, בייטנדיק אָפט די ריינע לופט פון ניצע און לוצערן, פון לאזאן און לעי-זיען, פון קלאַראַן, מאָנטרעי, וויסבאַדן, לאַגאַנא, האָט ער ניט בלויז אָפּגעפרישט קלאַראַן און מאָנטרעי, וויסבאַדן און לאַגאַנא, האָט ער נישט בלויז אָפּגעפרישט זיינע לונגען, נאָר אויך זיך אָנגעזאַפּט מיט נייע טיפּן און געשטאַלטן, מיט גאַנץ נייע אַטמאָספערעס, וואָס ער האָט געדאַרפט זיך צו היימישן און פאַרדייען.

דער געזונט-צושטאַנד האָט זיך אים אויף אַזויפיל פאַרבעסערט, אַז ער האָט ווידער געקענט באַזוכן אָן געפאַר די גרויסע אייראָפּייאישע שטעט — פּאַריז, לאָנדאָן, ווין. זיינע האַלב-פאַרטריקנטע קוואַלן האָבן זיך ווידער צע-שפּרודלט מיט נייע שאַפונגען. דאָס האָט ער געקאָנט „אָפּצאָלן" די רעדאַקציעס פון אייראָפּע און אַמעריקע, מיט וועלכע ער איז נאָך געווען פאַרבונדן, און וועלכע ער האָט געהאַט „פאַרנאַכלעסיקט" אין די זייער קראַנקע מאָנאַטן. ער האָט זיך דעמאָלט אַרומגעצאָלט פון אַלע חובות — פינאַנציעלע און מאָראַלישע.

אָבער זייער לאַנג האָט דער דאָזיקער „בורג-פרידן" נישט אָנגעהאַלטן. דער וועג איז ווידער איינגיכן פול געוואָרן מיט שטרויכלונגען. ער האָט זיך ווידער פאַרפּלאָנטערט אין אַלערליי געראַנגלען מיט רעדאַקציעס פון די וואַרשעווער צייטונגען, און וואַרשע, די הויפּט־באַזע פון זיינע הכנסות, האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיינע פיס. האָט ער ווידער אָפּגעזוכט זיין צווייטן „גוטן מלאך" — די באַזע פון פאַרלעזונגען און פאַרטראָגן און עס האָט ווידער אַ שיין געטאָן די זון — די יידישע שטעט פון אוקראַינע, פוילן

און ליטע האָבן ווידער געשפּריַיט יום־טוב־טישטעכער. זייער שלום־עליכם איז ווידער דאָ צו זען און צו הערן!

דער טור איבער צענדליקער שטעט האָט אים אפילו געבראַכט קיין פּעטערבורג. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלץ ענדערט זיך לטובה — דאָס געזונט, די מערכה, די יום־טוב׳דיקייט. די צייט האָט אים צוגעוואונקען מיט אַ פריילעכן אויגל.

דער פּלאַן איז געווען צו מאַכן זיין הויפּט־קוואַרטיר אין דער שווייץ. דאָס איז דאָך ביי אים שוין כמעט געוואָרן אַ צווייטע היים און דער ערשטער בעסטער קוואַרט. אויפן וועג אַהין שטעלט ער זיך אָפּ אויף די וואַרעמע זומער־חדשים אינם קליינעם זויבערן שטעטל אַלבעק, ביים באַלטישן ים. זיין גאַנצע פאַמיליע האָט זיך געלאָזט אַהין, כדי דערנאָך צוזאַמען פאָרן אין דער שווייץ. אָבער די מאָס פון נסיונות און צרות פאַרן טראַגי־הומאָרישן קינסטלער איז נאָך ווייט נישט געווען פול.

איידער דער זומער האָט נאָך אויסגעגליט זיינע לעצטע הייסע, זוניקע טעג, האָבן זיך ווי טייוואָלים אָנגעטראָגן די שווערע מלחמה־כמאַרעס. ווי פון פאַרבאָרגענע קוואַלן פון אונטער דער ערד אַרויס, האָבן אָנגעהויבן פליצן די דייטשע אַרמייען צו די גרענעצן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע גרויסע וועלט־מלחמה פון 1914. און ווי איז געווען צו די רוסן, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אינמיטן דערינען אויף דייטשער ערד. שלום־עליכם, און זיין פאַמיליע, האָבן געהערט צו דעם קלאַס.

עס איז שוין געווען אוממעגלעך צוריקצוכאַפּן זיך קיין רוסלאַנד ,אָדער אומצוקערן זיך צו דער שווייצאַרישער קוואַרטיר. אַן עפענונג איז בלויז געבליבן צו דער נאָענטער קליינער דענעמאַרק. די פאַמיליע האָט געמוזט צע־טיילן אירע „מחנות", מ׳האָט געמוזט פאָרן איבער פאַרשיידענע שטעטלעך אינם לאַנד, ביז זיי האָבן דערגרייכט קאָפּענהאַגן.

אָבער אויך דאָרט האָט פיל געפעלט צו אַ גן־עדן. די מלחמה־בהלה האָט דאָרט אויך צעוויגט די פריערדיקע שטילע לופט. עס איז געווען גלות־פרעמדקייט און נויט און ווי מיט אַ דונער באַגלייט ווערט דער פיל געפּרואווו־טער מייסטער ווידער אַריינגעוואָרפן אין בעט — אים האָט גענומען פייניקן אַ שרעקלעכער, אומפאַרשטענדלעכער דאָרשט. איינער פון די דראָענדיקסטע סימפּטאָמען.

אַ מערכה וואָס מען האָט זיך אין שטאָט דערוואוסט דעם גורל פונם גרויסן יידישן שרייבער און דער הומאַניסטישער געלערנטער, פּראָפעסאָר דוד סימענסען, האָט געשאַפן די מיטלען פאַר אים, און אַ טייל פון זיין פאַמיליע, צו דערגרייכן צום צווייטן מאָל ניו יאָרק, די שטאָט, וואָס ער

האָט פּאַרלאָזן מיט אַכט יאָר פריער. דעם צווייטן דעצעמבער, 1914, איז ער שוין געווען אויף איסט בראָדוועי, און אין אָנהויב יאַנואַר 1915, איז ער שוין געווען אַן אַנגעשטעלטער אין דער נייער יידישער צייטונג „דער טאָג".

דער חידוש איז, וואָס אונטער אַזעלכע נסיונות און די דאָרשט־ קראַנקהייט, וואָס האָט אים אויף אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזן, האָט ער געקענט אַרבעטן גלייכצייטיק אויף צוויי ווערק — אויף זיין אויטאָביאָגראַפיע „פונם יאַריד", און אויף זיינע דערציילונגען פון דער מלחמה־בהלה „טויזנט און איין נאַכט". מעגלעך, אַז ער איז מער געקרעפטיקט געוואָרן פון די קבלת־פּנימס, וואָס זיינען פאַר אים אַראַנזשירט געוואָרן דאָ און אין קאַנאַדע, און פון די פרייַלעכע יום־טוב׳דיקע פאַרלעזונגען. אָבער וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד די דאָזיקע יום־טוב־טעג זיינען געווען פון יענע יובל־טעג אין מזרח אייראָפּע, וואָס האָבן אים נאָך אין ניו יאָרק געמאַכט זיין האַרץ קלאַפּן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין זיי.

כאָטש ניט אַלע זכרונות פון אייראָפּע זיינען אים געווען אַ באַלזאַם צו זיינע יסורים פון דער קראַנקהייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ נירוון־אָנטצינדונג. ער האָט נישט געקענט אַראָפּשלינגען די אָפּטע קריטישע באַמערקונגען פון זיין גוטן פריינט און קריטיקער בעל־מחשבות, די „קנאת סופרים" פון י. ל. פּרץ, וואָס האָט אַ לענגערע צייט פון אים ניט געהאַלטן. קיין צופיל גוטע פריינט צווישן די היגע יידישע שרייבער און דראַמאַטורגן האָט ער אויך נישט געהאַט.

ער וואָלט ד אָ ס אויך גענומען מסתמא פילאָסאָפיש. האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן נייע צרות. דער „טאָג" האָט ניט באַנייט מיט אים זיין קאָנטראַקט אויף 1916 און ער איז געווען געצוואונגען איינגיין אויף ערגערע באַדינגונגען אין דער שוין צאַנקענדיקער קאָנסערוואַטיווער צייטונג „טאָגעבלאַט", און נאָך איידער ער איז צו זיך געקומען פון דעם, האָט אַ נייער דונער־קראַך אים שיר נישט אָוועקגעלייגט — די ידיעה פון זיין אומגליקליכן עלטסטן זון מ י ש אַ. וואָס דער טויט האָט אים געטראָפן און פול צומאַכן דעם כוס פון איוב׳ס צרות, דאַרף ער נאָך קריגן אַ היפּשע האַרץ־אַטאַקע.

דאָס, ניט קוקנדיק אויף די אָפּהיטונגען, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשריבן — צו איגנאָרירן אַטאַקעס, צו זיין וואָס ווייניקער זומער אין שטאָט. ער איז אין די הייסע מאָנאַטן געווען, אין 1915, אין בעלמאַר, ביים ים. שלום אַש, אין זיין אַרטיקל „מיט שלום־עליכמ׳ען", באַשרייבט ווי אָרעם און דערשלאָגן ער האָט אים געטראָפן אין בעלמאַר, ווען ער האָט אים דאָרט באַזוכט.

„אין דעם שטיבל איז הייס, דעמפיק, אָנגעשטעלט מיט אייזערנע בעט־

לעך. שטייט ביים פענצטער אַן עלטערער מאַן מיט אַ געל־שווינדזוכטיק פנים. אין דער היץ אָנגעטאָן אין אַ סוועטער, מיט אַ טיכל אַרום דעם האַלדז, פאַר אים, אויף דעם בעלעמער (וואו ער שרייבט) שטייט אַ גלאָז וואַסער און אַ פּאַפּירן שפּיי קעסטעלע..."

ווען שלום־עליכם דערזעט שלום אַש׳ן, לייגט ער אַוועק די פען און זאָגט אים מיט אַ האַרציקן שמייכל:

"... מיר זיינען אין אַמעריקע. אין אַמעריקע איז אַ שרייבער נישט קיין גאַנצער מענטש, נאָר מער ניט ווי אַ "האַנט" — איר ווייסט עס דאָך אַליין. ער באַדאַרף פאַרענדיקן דער וואָכ׳ס פּרשה, דאָס קאַפּיטל".

און אַש פאַרענדיקט: —

"ניין, שוין ניטאָ דער פליגל־קראַוואַט, מיט דער ליבע־שפּילקע, שוין ניטאָ דאָס געשניטענע פראַקל מיט דער ברייטער פאַנטאַסטישער פעלערינע און די שוואַרצע קינסטלער־לאָקן. אויף זייער אָרט — דער שאַפּ־סוועטער און דאָס שאַפּ־פּנים און שווינדזוכט. מיר זיינען אין אַמעריקע, וואו מיר, ער און איך, זיינען "הענט" — ער אין דעם נייעם ׳טאָג׳, איך — אין "פאָרווערטס".

ווינטער איז שלום־עליכם שוין געלעגן אין בעט און געשריבן זיינע הומאָריסטישע אינצידענטן און דיאַלאָגן, ווען ער האָט זיך געקאָרטשעט פון יסורים. דאָך האָט ער נאָך אין די ערשטע חדשים פון 1916 באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם דריטן טייל "פונם יאַריד", די צווייטע סעריע פון "מאָטל פייסי דעם חזנ׳ס" און איבערגעאַרבעט די דראַמאַטיזירונג פון "טוביה דעם מילכיקן".

עטלעכע מאָל האָט ער געפּרוווט אַראָפּגיין פון בעט. אַרומגעגאַנגען מיט גריזאָטע און יסורים. אָבער גלייך נאָך פּסח האָט אים דאָס בעט ווידער געשלעפּט אַ יסורים־פּולן צו זיך. דעם 3־טן מאַי, 1916, איז ער שוין געווען אַ באַפרייטער פון זיין פען און פון זיין נשמה.

אין אַלע גרויסע יידישע שטעט איז דער טרויער געווען גרויס. אין שיקאַגאָ, וואו דער שרייבער האָט דעמאָלט געוואוינט, האָבן מערסטע יידישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס מאָביליזירט זיך פאַר הספדים און טרויער־טעג. אונדזער יונגער יידישער סאָציאַליסטישער געזאַנגס־פאַראיין, האָט אין משך פון עטלעכע טעג צוגעגרייט אַ טרויער־אָוונט מיט די אַנטשפּרעכנדיקע טרויער לידער און הספדים. דער שרייבער האָט איבערנאַכט אָנגעשריבן אַ ליד, און יעקב שייפער האָט גלייכצייטיק געשריבן דערצו די מוזיק..

דער ערשטער פערז האָט זיך געלייענט —

"רייס קריעה, מיין פאָלק, שיט אַש אויף דיין קאָפּ,

י. ב. ביילין

און פאַרב דיין פּרוכת אין שוואַרצן,
קער איבער דיין שפּיגל, די שיך צי אַראָפּ,
און שלאָג זיך מיט פויסטן אין האַרצן".

שייפּער האָט דערצו אָנגעשריבן רירנדיקע מוזיק, און פיל צווישן דעם גרויסן פאַרזאַמלטן עולם האָבן געוויינט אין דערשיטערונג.

אין ניו יאָרק האָבן הונדערטער טויזנטער יידן באַגלייט זיין ארון. הספדים האָבן איבער אים געהאַלטן שלום אַש, מאָריס ווינטשעווסקי, אברהם רייזען, דר. נחמן סירקין און דער ציוניסטישער פירער לעאָן מאָצקין, ווי שלום עליכם האָט פאַרגעשריבן אין זיין צוואה, האָט מען אים באַערדיקט אויפן בית עולם פון דעם אַרבעטער־רינג, כדי זיין מצבה זאָל באַשיינען אַלע פשוטע האַרעפּאַשניקעס אַרום אים, און זיי זאָלן אים באַשיינען.

אין קאָנגרעס, אין וואַשינגטאָן, האָט דעמאָלט דער ניו יאָרקער קאָנגרעסמאַן ווי בענעט געהאַלטן נאָכן גרויסן יידישן שרייבער די טרויער־רעדע און געלייענט זיין שוין גוט־באַקאַנטע היסטאָרישע צוואה.

איצט, צום הונדערטסטן געבורטסטאָג, דריי און פערציק יאָר נאָך זיין טויט (1959) ל ע ב ט שלום־עליכם אין די הערצער פון פיל מער הונדערטער טויזנטער אויף דער וועלט.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און ישראל האָבן אַרויסגעלאָזן ספּעציעלע פּאָסט־מאַרקעס אין זיין אָנדענק.

אַזעלכע ווי שלום עליכם שטאַרבן ניט.

קאַפּיטל זיבן און פערציק

בעלאַסקאָ און וואָרפילד — צוויי גרויסע נעמען אין אַמעריקאַנער טעאַטער

די „צוויי דוד׳ס", וואָס האָבן באַרייכערט די בינע. — ווי אַזוי בעלאַסקאָ האָט געוואָלט מאַכן עליזאַבעט גוירדלי פלין פאַר אַן אַקטריסע



די אַמעריקאַנער שוישפּיל־בינע פאַר די ברייטערע מאַסן איז אין אַ היפּשער מאָס אַ שפּיגל פון זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן. ווען די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך שוין לאַנג צוריק אָנגעזעטיקט מיטן רייכן ענגלישן רעפּערטואַר פון אַזעלכע ווי מאַרלאָו, שעקספּיר, דזשאָנסאָן, ביומאָנט און דזשאָן וועבסטער, האָט מען די גרויסע אונטערשטע קלאַסן געקאָרמעט מיט שונדישע פאַרסן און בורלעסקן, און אין בעסטן פאַל מיט פלאַכע קאָמעדיעס.

אָבער שוין אין אָנהויב פונם 19 טן יאָרהונדערט האָט שוין דער יידישער כלל־טוער מרדכי עמנואל נח באַהאַנדלט די טעאַטער־בינע, ווי אַ קולטור־ענין, וואָס דאַרף אויסאיבן אַ מאָראַלן איינפלוס. ער האָט אַליין געפּרואווט איבעראַרבעטן בעסערע טעאַטער־שטיק, און אפילו צו שאַפן אייגענע. עס האָבן זיך געוויזן בעסערע יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט שעקספּיר פּיעסן, ווי למשל אַראָן דזש. פיליפּס, אַ געבאָרענער אין פילאַדעלפיע אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע — אַ זון אָדער אַ פּלימעניק פונם באַוואוסטן רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָט יאָנאַס פיליפּס; דער ניו יאָרק געבאָרענער סעמועל ב. דזשודא (יודא), וואָס האָט געשריבן מעלאָדראַמעס און סאַטירעס און זיין זון עמנואל יודא, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין שפּילן ראָמאַנטישע ראָלעס אין מעלאָדראַמע און לייכטע קאָמעדיעס און פאַרענדיקט

זיין לעבן טראַגיש אויף דער ברייטער סצענע פֿונ׳ם מעקסיקאַנישן גאָלף, וואו ער איז דערטרונקען געוואָרן.

אָבער אַז מיר קומען צו נעענטער צו דער איצטיקער צייט טרעפֿן מיר אָן די אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט פֿון דעיוויד בעלאַסקאָ, אַ פיגור אין דער געשיכטע פֿון די בויער און רעפאָרמער פֿונם בעסערן טעאַטער דאָ אין לאַנד.

דעיוויד בעלאַסקאָ איז געבאָרן געוואָרן אין סאַן־פראַנציסקאָ, אין יאָר 1859, אין אַ יידישער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ שטיקל אַקטיאָר, אַן אַרומשמייער פֿון טעאַטער־געשעפֿטן און ספעקולאַנט, אויב נישט אַוואַנ־טוריסט. ער איז צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע געקומען זוכן גאָלד אין קאַליפאָרניע. אָבער אויב ער אַליין האָט קיין גאָלד ניט געפֿונען, האָט עס שפּעטער געפֿונען זיין זון דעיוויד. אמת, נישט אין די בערג און נישט אין די גאָלד־פעלדער אין קאַליפאָרניע, נאָר אין די טעאַטער־ווענט פֿון דער גרויסער אַמעריקע.

דער יונגער דוד איז אין קיין יידישער שול ניט געגאַנגען. ער האָט געלערנט אין אַ קאַטוילישן קאָנוועגט אין סאַן־פראַנציסקאָ, וואו זיין פאָטער האָט אים אַריינגעגעבן. אָבער ער האָט שפּעטער קיינמאָל ניט פאַרלייקנט זיין אָפּשטאַם און זיין גרעסטער דערפֿאָלג איז געווען אַ פּיעסע פֿונם יידישן לעבן און מיט אַ יידישן אַקטיאָר, וואָס האָט זיך אין דער זעלבער פּיעסע באַ־זונדערס אויסגעצייכנט.

בעלאַסקאָ האָט נאָך אַלס קינד איינגעזאַפּט אין זיך די אַמאָספערע פֿון טעאַטער. ער איז געווען אַ בילעט־אָפּנעמער און אַן „אַשער", שפּעטער אַ פּיעסן־שרייבער און אַן אויפֿפירער, אַ סטידענט פֿונם טעאַטער־וועזן און אַ לערער פֿון דראַמע, פֿון שפּילן טעאַטער.

ענדלעך איז ער געוואָרן אַן אונטערנעמער פֿון טעאַטער־געשעפֿטן און נייע אויפֿפירונגען. דאָרט וואו אַלטע גענייטע הענט אינעם טעאַטער־וועזן האָבן מורא געהאַט צוצורירן זיך האָט דער אָפּטימיסטישער בעלאַסקאָ אַרייג־געמאַרשירט ווי אַ פעגאַזוס און געוואונען זיין ציל.

ביי אים איז רעכט געווען אויסצוקומען אויף דער בינע מערסטנס מיט אילוזיעס. די האַנדלונג דאַרף זיך אָפּשפּיגלען אין אַן אָפּיס פֿון אַ דאָקטאָר, למשל? נו, איז וואָס? מאָלט מען אויס אַ לייוונט וואו מ׳זעט שוין אַ שראַנק מיט ביכער (אויסגעמאָלענע נאַטירלעך), אַ קאַבינעטל מיט מעדיצינישע פלע־שער און אינסטרומענטן און — יוצא געווען מיט אַזויפֿיל רעאַליזם, ווי עס האָט זיך אין יענע צייטן געפאָדערט. אָבער בעלאַסקאָ האָט פֿון אַזאַ בינע ניט געהאַלטן.

ביי אים האָט עס געמוזט זיין ווי אַן אמת׳ער דאָקטאָר׳ס קאַבינעט, מיט אַן אמת׳ן ביכער־שראַנק, וואו אַלע ביכער האָבן דאָרט געדאַרפט זיין מעדיצינישע. ביי אים האָט אַלץ געדאַרפט זיין דורכאויס רעאַליסטיש. ער האָט געמוזט האָבן אַלץ ספּעציעל געמאַכט, אַז אפילו דער אַקטיאָר, וואָס טרעט אויף, זאָל באַאיינפלוסט ווערן פונם אַרום און זאָל דעריבער אויך פילן נאַטירלעך.

דאָ איז ניט די פראַגע, צי עס איז טאַקע נויטיק צוליב רעאַליזם צו האָבן יעדע זאַך, ווי בעלאַסקאָ האָט געפאָדערט. ער האָט דאָך אויך געפאָדערט פון זיינע אַקטיאָרן, אַז זיי זאָלן נישט שפּילן די אָדער יענע ראָלע, נאָר אַז זיי מוזן זי דורכלעבן. אָבער די אמת׳ע דראַמאַטורגיע פאָדערט דאָס גאָרניט. ביי אַנדערע מיינט עס נאָר איבערשפּילונג, קאָפּיע און ניט קיין קונסט.

אַז ער האָט אין יענער צייט מיט זיין בינע־טעאָריע געהאָלפן אַ טייל פון דער טעאַטער־וועלט צו באַקערן זיך צום רעאַליזם, איז קיין שום ספק ניט און אין דעם אַליין ליגט שוין איינער פון זיינע גרעסטע פאַרדינסטן.

אין זיינע אייגענע פּיעסן, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער זיך כסדר געהאַלטן ביי אַט דעם שוין־צופיל איבערגעטריבענעם נאַטוראַליזם. דעמאָלט זיינען זיי געווען מער צוגעפּאַסט צום לעבן און זיי האָבן באַאיינפלוסט אַ ריי אַמעריקאַנער דראַמאַטורגן צום בעסערן. נאָר אפילו זיינע בעסטע דראַמאַטישע ווערק זיינען היינט שוין אַזוי אַלטמאָדיש, אַז מיר וואָלטן פאַר זיי איצט געהאַט אַ קנאַפּן אינטערעס. ווי וואָלטן מיר געקענט היינט געפעלפט ווערן פון אַזאַ פּיעסע, למשל, ווי זיין „דאַרלינג אָוו דהי גאָדס” אָדער „דהי גירל אָוו דהי גאָלדן וועסט”, וואָס איז כמעט געווען די ערשטע אָפּערע מיט אַן אַמעריקאַנער סיטואַציע.

אָבער בעלאַסקאָ פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין דער געשיכטע פונם אַמעריקאַנער טעאַטער נישט ווי אַ גרויסער שאַפער פון אַ טעאַטער־רעפּערטואַר, נאָר ווי אַן אינאָוואַטאָר פון דער בינע גופא. זיינע איינגעפירטע ליכט־עפעקטן זיינען וויכטיקער ווי דאָס ליכט, וואָס די פּיעסן האָבן פון זיך אַרויס־געגעבן. זיין אויפטו ליגט אויך אין זיין אַרויסברענגען דעם נייעם אַק־טיאָרן־מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אויסגעצאָוועט און קולטיווירט.

דעיוויד וואָרפילד — דער גרויסער אַקטיאָר

איינער פון די אַקטיאָרן, וואָס האָט העל געלויכטן אויף דער אַמעריקאַנער בינע, אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט, דעיוויד וואָרפילד איז אַרויסגערוקט געוואָרן אינעם סאַמע פראָנט פון דעיווויד בעלאַסקאָ. ער האָט אים טרענירט און אויסגעקנאָטן אין אַ באַרימטער טעאַטראַלער פיגור. וואָרפילד האָט גע־קראָגן זיין אָנערקענונג אַלס בינע־קינסטלער, טאַקע אין אַ פּיעסע פון יידישן לעבן וואָס בעלאַסקאָ האָט אויפגעפירט. דער נאָמען פון דער פּיעסע אין

אַנהויב פון דעם יאָרהונדערט — „דהי אָקשיניר”, איז געווען אין משך פון אַ צוויי צענדליק יאָר באַוואוּסט. וואָרפילד איז געווען ווי געבאָרן פאַר דער ראָלע. בלויז ער האָט זי געקענט דורכפירן מיט׳ן מאַקסימום פון דערפאָלג. אַנדערע גרויסע אַקטיאָרן זיינען אין איר דורכגעפאַלן.

אויך דעיוויד וואָרפילד איז געווען אַ ייד, אַ געבאָרענער אין סאַן־פראַנציסקאָ, ביי עלטערן, וואָס זיינען געלאָפן אַהין מיט גרויס האַסט צו געפינען גאָלד. אין דעיוויד האָט דערקענט דעם טאַלאַנט פונם צווייטן דעיוויד און אַרויסגעבראַכט זי אין פולער מאָס. דעיוויד וואָרפילד האָט זיך שפּעטער אויך אויסגעצייכנט אין דער ראָלע פון אַ מוזיקער אין בעלאַסקאָ׳ס אויפפירונג פון דער איבערזעצטער דייטשער פּיעסע „דהי מיוזיק־מאַסטער”.

דער דאָזיקער טאַלאַנטפולער דעיוויד האָט אויך געשפילט די שיילאָק־ראָלע אין דעם „מוירטשענט אָוו וועניס”. דאָס איז געווען אַן אויסצייכענונג פון ביידע דעיוויד׳ס — בעלאַסקאָ׳ס פאַר דער פּרעכטיקער אויפפירונג און וואָרפילד׳ס פאַר זיין ראָלע. בעלאַסקאָ האָט אריינגעלייגט אין דער פּיעסע אַ ריזיקע סומע געלט פאַר יענער צייט און זיינע בעסטע בינע־כּוחות. דאָס איבעריקע האָט דערפילט וואָרפילד מיט זיין שפּילן.

בכלל האָט בעלאַסקאָ געהאַט אָפענע אויגן פאַר נייע טעאַטער־כּוחות. ער האָט זיי געזוכט וואו נאָר ער איז געווען. אָבער וואָרפילד איז געווען זיין גרעסטער געפינס און געווינס. די וואָס געדענקען אים נאָך, דער שרייבער אַריינגערעכנט, קענען אים ניט פאַרגעסן. איבערהויפּט אין דער „אוקשיאָניר”־ראָלע, וואָס אַנדערע, הגם זיי האָבן שוין געזען אים אין איר אַ צוייפיל מאָל, האָבן זיך יאָרן שפּעטער צוריק אומגעקערט און געפאָדערט זי ווידער געשטעלט צו ווערן.

אין איר אויטאָביאָגראַפיע דערציילט עליזאַבעט גורלי פלין וועגן איר באַגעגעניש מיט בעלאַסקאָ׳ן. דאָס איז געווען נאָך איר אַרעסט, זומער 1906 אויפן ראָג בראָדוועי און 38 טע גאַס. ער האָט איר אַריינגעשיקט אַ פּאָר בילעטן פאַר דער פּיעסע „דהי גוירל אָוו דהי גאָלדן וועסט” און געשריבן, אַז ער וויל זיך טאַקע דאָרט מיט איר טרעפן. זי איז אַהין אַוועק מיט איר מוטער. אָט ווי זי באַשרייבט די דאָזיקע באַגעגעניש.

„אין זיין אָפּיס איז געווען אַ ריזיק בילד פון אַ שיינער רויטהאָריקער אַקטריסע מרס. לעסלי קאַרטער. מר. בעלאַסקאָ איז געווען אַן איינדרוקספולער מאַן, מיט אַ שטראַלן־קראַנץ פון געדיכטע ווייסע האָר. אין זיין איבער־געדרייטן קראַגן האָט ער אויסגעקוקט ווי אַ גלח” — „איר זיינט דאָך נאָך צו יונג”, האָט ער איר געזאָגט און זי האָט היציק, ווי באַליידיקט, געענטפערט: „דאָס וועט שוין די צייט פאַרריכטן”.

ער האָט זיך פאַרוואונדערט איבער איר שאַרפן ענטפער, וואָס זי האָט אים געגעבן אויף זיין פראַגע — צי וויל זי זיין אַן אַקטריסע, ווייל ער האָט פאַר איר אַ ראָלע אין אַן אַרבעטער־פּיעסע, וואָס ער קלייבט זיך אויפפירן. איר ענטפער איז דעמאָלט געווען: „איך וויל ריידן מיט מיינע אייגענע ווערטער און נישט כסדר איבער׳חזר׳ן די אייגענע געגעבענע ווערטער, וואָס אַן אַנדערער האָט אָנגעשריבן. איך בין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און איך האָב מיין אייגענעם לשון..."

אַרויסגעקומען איז פון דער דאָזיקער באַגעגעניש, שרייבט עליזאַבעט פלין, וואָס ער האָט שפּעטער געגעבן איר קליינער שוועסטער בינאַ אַ קליינע ראָלע אין זיין פּיעסע „ראַרק ראַזאַלין". אָבער בעלאַסקאָ האָט וועגן עליזאַבעט׳ן געזאָגט: „דאָס איז דאָס איינציקע מיידל וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן, וועלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זיין אַן אַקטריסע".

בעלאַסקאָ׳ס אייגענע טאָכטער, איירין, האָט געהייראַט דעם שפּעטער־דיקן גרויסן טעאַטראַל מאַריס געסט. אין 1931 איז שוין דעיוויד בעלאַסקאָ אַליין אַראָפּ פון דער לעבנס־סצענע אין עלטער פון אַרום 72 יאָר.

איינע פון די גוט־באַוואוסטע טעאַטערס אויף בראָדוועי, ניו יאָרק טראָגט זיין נאָמען.

קאַפּיטל אַכט און פערציק

דזשעין עדעמס — דער גוטער מלאך פון די געפּלאָגטע

איר הילף פאַר יידישע אימיגראַנטן

א היפּשע ראָלע אין דער גע־שיכטע פון די יידן אין אַמעריקע האָבן געשפּילט דאָ און דאָרטן גראַד נישט־יידן. פון איניקע פון זיי וויסן מיר שוין. דאָ האָבן מיר פאַר זיך ניט סתם אַ גרויסע פערזענלעכקייט, ניט בלויז אַן אַמעריקאַנער נאָר אַ וועלט־פיגור, און געווירקט האָט זי נישט בלויז מיט אירע הומאַניטאַרע טעטיקייטן צווישן הילפלאָזע, ערשט־ אָריבערגעקומענע אימיגראַנטן, יידן, איטאַליענער, רוסן, פּאָליאַקן און אַנדערע, נאָר צווישן אַלע אומפּריווילעגירטע, זיך־ראַנגלנדיקע מענטשן, צי זיי זיינען סטרייקער, צי פּאָליטישע פאַרפאָלגטע, צי זיי זיינען הונגעריקע, דאַכלאָזע, צי אומבאַהאָלפענע קראַנקע.

אַזאַ פיגור איז געווען דזשעין עדעמס אין שיקאַגאָ, איינע פון די באַ־רימטסטע אַמעריקאַנער פרויען, וואָס איז געווען אַ היפּשע צייט פּרעזידענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־קאָנגרעס פאַר וועלט־שלום, אין האַאַג.

דער באַזונדערער ליכט־שיין, וואָס האָט אַרומגערינגלט איר קאָפּ, איז געווען איר „סעטעלמענט הויז", אַ ישוב פאַר הילפלאָזע, וואָס זי האָט, נאָך אין 1889 געגרינדעט אין שיקאַגאָ, און וואָס איז אין גיכן באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט אונטערן נאָמען „דהי האָל־האוז". דאָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די רויט־ציגלדיקע געביידע אויף ראָג פאולק (פּאָלק) סטריט און סאוט־האלסטעד, אין שיקאַגאָ, וואָס איז דערנאָך אויסגעוואַקסן אין אַ גאַנצער שכנה׳שאַפט.

קיינער האָט נאָך ניט געציילט וויפיל טרערן עס זיינען דאָרט אָפּ־געווישט געוואָרן! וויפיל פאַרפינצטערטע פּנים׳ער עס האָבן דאָרט איפּ־געלויכטן! אָבער ווען עס איז אין 1909 דערשינען איר בוך „טוועניטי יאירס"

עס האַל־האַוז״, האָט די וועלט דערזען, אַז וויקטאָר הוגאָ איז געווען צען מאָל גערעכט, ווען ער האָט געשריבן אין זיין „לע מיזעראַבל״, אַז „די דריי פּראָבלעמען פון אונדזער צייט זיינען — די דעגראַדאַציע פון מענער דורך אָרעמקייט, די רואינע פון פרויען דורך הונגער, און די פאַרקריפּלונג פון דער קינדהייט דורך אַ פיזישער און גייסטיקער נאַכט״.

וויקטאָר הוגאָ׳ן איז נישט אויסגעקומען צו זען די אימיגראַנטן־מאַסן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַרבלאָנדזשעטע און אַנטוישטע אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט אין זייער הילפלאָזיקייט. ווען ניט, וואָלט ער זיי אויך קאַטעגאָריזירט.

דזשין עדעמס איז בפירוש ניט געווען קיין בירגערלעכע פילאַנטראָפּיסטקע, וואָס גיט אַ ברעקל הילף און פאָדערט קרעדיט פאַר אַ גאַנצן ברויט. זי איז געווען אַ ברייטהאַרציקע פילאָסאָפירנדיקע פרוי מיט קאָנסטרוקטיווע אויסבליקן און סאָציאַלע האָריזאָנטן. זי האָט געהאַלטן אַ וועלט פון דעבס׳ן און פון זיינע סאָציאַליסטישע אידייען, כאָטש זי האָט צו קיין פּאַרטיי קיינמאָל ניט באַלאַנגט. זי האָט אויך זיך אָפּגעזאָגט פון אָננעמען פּאָליטישע אַמטן. דער איינציקער אויסנאַם איז געווען דער אַמט פון אינ־ספּעקטאָר איבער די גאַסן און עליס (זייטן־געסלעך) אין שיקאַגאָ׳ער מוני־ציפּאַליטעט, וואָס זי האָט באַטראַכט, און מיט רעכט, ווי אַ טייל פון איר קאָנ־סטרוקטיווער טעטיקייט פאַר דער אָרעמשאַפט פון דער שטאָט און פאַרן גע־זונט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אָט־די מערקווירדיקע גרויסע פערזענלעכקייט זען, און באַקענען זיך מיט איר, דעם ערשטן טאָג מיינעם אין שיקאַגאָ און דעם צווייטן אין אַמעריקע בכלל. מיינע אַן עלטערע קוזינע, עני עפּשטיין, אַן אַקטיווע טוערין אין יענער צייט אין דער „שיקאַגאָ פּע־דערעישאָן אָוו לעיבאָר״, וואָס האָט מיך צוזאַמען מיט אירע ברידער און שוועסטער, אַראָפּגעבראַכט פון אייראָפּע, האָט מיך אַרומגעפירט אין די „הויכע פענצטער״, פאָרגעשטעלט פאַר פיצפּעטריק׳ן, פּרעזידענט פון שיקאַ־גער פּעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, פאַר ענגדאַל׳ן, רעדאַקטאָר פון „שיקאַגאָ דעילי סאָשעליסט״, פאַר א. ב. ביזנאָ׳ן, אין זיין רעסטאָראַן; און ענדלעך גע־

פירט מיך אין דעם „האַל־האַוז״ צו דזשעין עדעמס.

ווען זי האָט דערזען מיך, דעם גלייכן יונגנמאַן, אָנגעקומענעם ערשט־אָ פון פאַרשיקונג און פון די צאַרישע טורמעס, האָט זי גלייך גענומען אַ פּערזענלעכן אינטערעס. זי האָט גערעדט צו מיר אין אַ „צימלעך גוטן דייטש״, און דערהערנדיק, אַז איך וואָלט געוואָלט אויסרונדן דאָ מיין בילדונג אין

אַן אוניוועוסיטעט האָט זי גלייך פאַרזיכערט מיס עפשטיין, אַז אין משך פון 2־3 חדשים וועל איך זיך קענען אַנשליסן אַן איינעם פון די אוניווער־סיטעטן אַרום שטאָט.

זי האָט אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן און עס איז דערשינען אַ מיטל־יאָריקע פרוי, מיס סטאַר, און נאָך עטלעכע ווערטער מיט איר האָט זי אָנ־געגעבן די צייט און דעם פּלאַץ, וואו זי וועט מיר געבן „עקספרעס־לעקציעס" אין ענגליש און צוגרייטן מיך צו פאַרשטיין די לעקציעס אין אוניווערסיטעט.

דאָ איז נישט דער פּלאַץ צו באַשרייבן, ווי זי האָט פאַר מיר דער־מעגלעכט אין משך פון איינע זעקס וואָכן אָנגענומען צו ווערן אינם אוני־ווערסיטעט פון וואַלפּאַרעיזאָ, אינדיאַנאַ. אָבער דאָרט, אין אוניווערסיטעט האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ גאַנצע ריי יידישע און איטאַליענישע סטודענטן־אימיגראַנטן, וואָס האָבן אויך גענומען שטעלן ברייטע טריט דאָ אין לאַנד אַ דאַנק דער שנעלער, קאָנסטרוקטיווער הילף, וואָס דזשעין עדעמס האָט זיי געגעבן אין דער אָדער יענער פאָרם.

דאָס איז געווען אין אַנהויב 1911. דעם 17־טן פעברואר בין איך אָנ־געקומען אין שיקאַגאָ, און צום פרילינג־סעמעסטער אין אָנהויב אַפּריל בין איך שוין געווען אַ סטודענט אין וואַלפּאַרעיזאָ. פאַר דער זומער־וואַקאַציע האָט מיר די זעלבע אינסטיטוציע „דהי האַל האוז", געשאַפן באַשעפטיקונג אין דער פוילישער סאָציאַליסטישער צייטונג „דזשעניק לודאָווי". אָבער ווידער אַמאָל, — איך בין ניט געווען קיין יחסן, און ניט דער איינציקער, וואָס כ'האָב דערפילט די דאַזיקע וואַרעמע הילפס־האַנט פון דזשעין עדעמס און איר קרישטאָלענע האַרץ.

אויסער איר גרויסע נשמה האָט זי טאַקע אויך געהאַט זעלטענע עק־זעקוטיווע און פּעדאַגאָגישע פּיאיקייטן און אירע לעקציעס האָבן שטענדיק געצויגן אַ באַזונדערן אינטעליגענטן עולם. זיי זיינען געווען אַ גרויסער דער־פאָלג, דורכגעפליישט מיט קאָנקרעטע דערפאַרונגען אויף אַלע געביטן פון סאָציאַלער הילף.

זי אַליין האָט געוואוינט אין דער „האַל־האוז" און באַטייליקט זיך אין אַלע קולטור און געזעלשאַפט־טעטיקייטן פון דעם וואונדערבאַרן ישוב.

דזשעין עדעמס איז געבאָרן געוואָרן אין סעדאַרוויל, אילינאָי, אין 1860, אין אַ געבילדעטער באַלעבאַטישער פאַמיליע. זי אַליין האָט געקריגן אַ גוטע דערציאונג און שטודירט און גראַדואירט דעם סעמינאַר (שפּעטער באַוואוסט ווי „ראָקפאָרד קאָלעדזש") אין ראָקפאָרד, אילינאָי, אין 1881.

זי האָט נאָך איר גראַדואירונג פאַרגעזעצט אירע שטודיומס, אין אַמע־

ריקע און אין אייראָפּע. הויפּטזאַכלעך איז איר אינטערעס געווען אין סאָ־ציאָלאָגיע און עקאָנאָמיק. ווען זי איז באַוואוסטזיניק געוואָרן וועגן איר וועלט, האָט זי עס, צוזאַמען מיט עלען גיעטס סטאַר, אַ יונגע פרוי ווי זי וואָס האָט געדיכטעט אויפן פּאַפּיר, גענומען אויסדיכטן שטיקער לעבן אין דער ווירקלעכקייט. זיי האָבן צוזאַמען געגרינדעט דעם האַל־האַוז״, און זיך אַריינגעמויערט אין דער געשיכטע פון אַמעריקע.

זי האָט אויך אויסער אירע עפּענטלעכע לעקציעס אָנגעשריבן אַ ריי ביכער. אין 1902 איז אַרויס איר בוך „דעמאָקראַטיע און סאָציאַלע עטיק״, אין 1907 ‚נייע אידייען וועגן שלום״, אין 1909 — „דער גייסט פון דער יוגנט און די שטאָטישע גאַסן״. זי האָט שוין מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק גע־זען פיל טענדענצן פון טייל פון דער אַמעריקאַנער יוגנט, וואָס שאָקירן אונדז אָפט אין די איצטיקע צייטן.

זי איז געווען אַ קעמפערין, אין איר וועג פאַר באַפרייאונג און באַ־נייאונג אין אַלע פאַזן פון לעבן. זי האָט געהאָלפן סטרייקערס אין זייערע געראַנגלען פאַר רעכט, זי האָט געקעמפט פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי, פאַר אָפּשאַפן מלחמות.

ווי שוין דערמאָנט, האָט זי זיך באַטייליקט גלייך נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דער „אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־קאָנ־פערענץ פאַר שלום״ און איז דערווײלט געוואָרן פאַרן פרעזידענט. זי האָט דערנאָך פאַרעפנטלעכט איר בוך „אַ נייער געוויסן און אַן אַלטער איבל״, ווי אויך „דער לאַנגער וועג פון אַ פרוי׳ס זכרון״. דער שוין איינמאָל־דער־מאָנטער בטוך „20 יאָר „האַל־האַוז״, פיל פּאַמפלעטן און אַרטיקלען.

דזשעין עדעמס איז געשטאָרבן אין 1935.

קאַפּיטל ניין און פערציק

דער מערקווירדיקער יצחק אייזיק הורוויטש

דער עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער

מען וואָלט געקענט פאַר אים געפינען פיל אַנדערע באַצייכענונגען. זיין לאַנגער נאָמען, אונטער וועלכן ער האָט מערסטנס געשריבן „יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי הורוויטש״, האָט באַצייכנט נאָך אַ לענגערע לענטע פון אַדיעקטיוון. מער ניט — איין אַדיעקטיוו וואָלט געוואָרן אַן אַנטי־קלימאַקס פונם צווייטן און קיין איינער פון זיי וואָלט פונדעסטוועגן נישט געווען קיין פאַלשער שטריך און ניט קיין קינסטלעך צוגעאייגנטער.

ער האָט אויסגעזען, ווי אַ מיושב׳דיקער פּראָפעסאָר. ער אַליין איז געווען איבערצייגט, אַז ער איז אַ דורך־און־דורך אויסגעהאַלטענער מאַרקסיסט — און ווערט פונדעסטוועגן אַטאַקירט פון מאַרקסיסטן פאַר זיין אַן אויסגעהאַלטענער רעפאָרמער. ער איז געווען, אָדער געהאַלטן זיך, פאַר אַ רעוואָלוציאָנער פאַר עקסעלאַנס, אַ מענטש, וואָס רעוואָלטירט קעגן אַלעמען, אַזאַ גרויסער שטענדיקער פליג (פאַליג, נישט איינשטימיקער), אַז ער האָט רעוואָלטירט קעגן זיך אַליין, קעגן אייגענע פריערדיקע איינשטעלונגען.

ווי אַ ביטערער קעמפער אויף די סאָציאַלע געביטן, מיט ציין און נעגל, איז ווי נאָר ער האָט זיך (אָדער אַ צווייטן) געזען ווי אַ זיגער, האָט ער גלייך גענומען צווייפלען, צי איז ער גערעכט. ער איז געווען אַ געלערנטער, אפשר דער געלערנטסטער מאַרקסיסט צווישן דעם ערשטן דור יידישע מאַרקסיסטן פון דער אימיגראַציע און אין דער זעלבער צייט, אין פּאָליטישער פּראַקטיק, האָט ער געהאַנדלט, ווי ער וואָלט געווען אַ געשוואָרענער פּרינציפּיעלער אָפּורטאָניסט.

און גראד זיינע ערשטע טריט נישט געווען אויף שפּיציקע שטיינדלעך. אין זיין היימישער אַטמאָספערע האָט ער קיין קאַמפן ניט געזען

און ניט געפילט.ביידע, זיין פאָטער אַדאָלף, און זיין מוטער פון דער רבנישער שעוועלאָוויטש פאַמיליע, זיינען געווען יידיש גוט־דערצויגענע אָבער פריי־דענקער, אין ווילנע פון די פופציקער, זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. טאַקע פיאָנערן אויף דעם געביט. דער פאָטער האָט געהאַט אַ רעגירונגס־שטעלע, אַ זעלטנהייט אין יענער צייט, אַן אנגעשטעלטער אויף דער פעטערבורג־וואַרשעווער באַן־ליניע.

יצחק אייזיק הורוויטש איז געבאָרן געוואָרן אינם יאָר 1860. בלויז אַן אָנדערהאַלבן יאָר האָט מען אים אָנגעהאַלטן אינם טראַדיציאָנעלן חדר. דערנאָך האָט ער שוין געלערנט תנ״ך און העברעאישע גראַמאַטיק אין דער היים ביי אַ פריוואַטן מאָדערנעם לערער. זיין מוטער, אַ באַלעזענע אין דריי ליטעראַטורן, רוסישע, פוילישע און דייטשע, האָט שוין געזען, אַז זיין לייענען זאָל זיין פונם אויסגעוויילטן סאָרט. דערצו איז דער פאָטער אין גיכן געוואָרן אַ פריוואַט־לערער פון דייטש און פראַנצויזיש און ווען מיר האָבן שוין דאָ יצחק אייזיק׳ן געהאַט צענדליקער יאָרן שפּעטער, האָבן זיך פיל פון אונדז געוואונדערט אויף זיין פליסיקייט אין אַזוי פיל שפּראַכן. ער האָט געשריבן אַפילו אין אַ שוועדישן זשורנאַל און אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז געווען לייכט, אפילו פוכקע, אָבער דאָך מיט אַ גרינגלעך־דורגעטראַכטן אינהאַלט.

זיין בילדונג איז אויך ניט געווען קיין געוויינלעכע. ער האָט צו זיבעצן יאָר געענדיקט מינסקער גימנאַזיע און אויף זיין 18טן יאָר, אין 1878־1879 זעען מיר אים שוין אַלס סטודענט אין פעטערבורגער אוניווערסיטעט, אין דער מעדיצינישׁ־כירורגישער אַקאַדעמיע. ער האַלט זיך נישט לאַנג ביי דעם שטודיום. עס הייבט זיך שוין אָן אויסצוטיילן זיין רעוואָלטירנדיקער טעמפּע־ראַמענט. ער גייט פלוצלונג איבער אויפן מאַטעמאַטישן פאַקולטעט, און ניט חשבונ׳ענדיק קיין סך, איז ער שוין פאַראינטערעסירט אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג. ניט זייענדיק קיין קענער פון באַהאַלטן געפילן, ווערט ער שנעל אויסגעפונען פון די צאַרישע שפּיאָנען און אין 1881 האָט ער שוין די פולע געלעגנהייט אָפּצוקילן זיין הייסן טעמפּעראַמענט אין די סיבירער קעלטן. דריי און אַ האַלב יאָר האָט ער דאָרט „געקילט זיך״. אָבער די צייט איז נישט געווען אינגאַנצן פאַר אים קיין פאַרלאָרענע. ער האָט דורך דער צייט געמאַכט אַ שטודיום איבער די פויערים־איבערוואַנדערונגען, און די רעזולטאַטן פאַרעפנטלעכט אין זיין ערשטן בוך אין רוסיש — „פּערעסעל־ניא קרעסטיאַן וו׳ סיביר״. דאָס בוך איז אין 1888 דערשינען אין מאָסקווע.

פון פאַרשיקונג זעען מיר אים שוין ווידער אויף דער שול־באַנק. אין 1887 האַלט ער אויס עקזאַמען אויף „קאַנדידאַט פון יורידישע וויסנשאַפטן״ אין דעמידאָוו ליצעאום. פון דעמאָלט אָן קומט ער שוין אין באַריר מיט די

יידישע אַרבעטער אין מינסק, אָרגאַניזירט רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך און ווען ער ווערט פאַרמישט מיט׳ן דעמאָלט־ צעפּויקטן פּראָצעס וועגן די פּאַריזער באָמבעס, וואָס דער טרויעריק־באַרימטער פּראָוואָקאַטאָר לאַנדאייזן האָט אויסגעכישופ׳ט, גייט ער דעם וועג קיין אַמעריקע.

דאָס איז געווען אין 1890. אין עלטער פון דרייסיק יאָר טרעט ער גלייך אַריין אין קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט און אין פיר יאָר שפּעטער, אין 1893, קריגט ער שוין דעם טיטל פון דאָקטאָר־פילאָסאָף פאַר זיין דיסערטאַציע „דהי עקאָנאָמיקס אָוו דהי ראַשיען ווילעדזש״, וואָס האָט דערנאָך אין רוסיש ווען עס איז דערשינען אין מאָסקווע, אין 1896, אַרויסגערופן אַן אויפרודער אין די קרייזן פון די רוסישע מאַרקסיסטן.

זיין דיסערטאַציע וואָס איז געווען רייך אין סטאַטיסטישער דאָקומענ־טאַציע שאַפט אים גלייך די שטול פון פּריוואַט־דאָצענט אין שיקאַגער אוני־ווערסיטעט, וואו זיין קורס איז וועגן סטאַטיסטיק. צוויי יאָר האַלט ער אָן די שטעלע. אָבער יצחק אייזיק פּאַרלירט זי ווידער צוליב זיין הייסן טעמפּע־ראַמענט. ער האָט זיך צופּיל פּאַראינטערעסירט מיט עדוואַרד בעלאַמיס פּאָ־פּוליסטישע באַוועגונג צווישן די פּאַרמער, אַ נישט קיין צו־גוטע רעקאָמענ־דאַציע אינם דעמאָלטיקן קלימאַט פון שיקאַגער פּאָליטישן לעבן. מען האָט אים געצוואונגען צו רעזיגנירן.

ווערט ער צוריק אַ ניו יאָרקער. און וואָס נעמט ביי אַזאַ פּייאיקן מענטשן וואָס האָט שוין שטודירט יוריספּרודענץ צו ווערן אַ ראַטגעבער אין געזעץ־ענינים. פאַרנעמט ער זיך אין משך פון אַ היפּשע עטלעכע יאָר מיט אַדוואָ־קאַטור, ביז אים געלינגט צו קריגן, אין 1900, אַ רעגירונגס־שטעל אין וואַשינגטאָן אַלס סטאַטיסטיקער.

דאָרט, אין וואַשינגטאָן, האָט ער גוטע געלעגנהייטן צו דערגרונטעווען די מאַכינאַציעס פון דער פּאָליטישער מאַשין. זיינע סטאַטיסטישע אַרבעטן זיינען פאַר אים ווי פּראָזשעקטאָרן, וואָס באַלויכטן די טונקעלע ווינקלען פון די „ווייסע״ און „געלע״ הייזער — פון די מיניסטאָרן־קאַבינעטן ביז די געזעץ־געבנדיקע הייזער.

אָבער ווען די הייסע דראָטן האָבן געבראַכט די דערשטוינענדיקע נייעס פון זיין פריערדיקן פאָטערלאַנד — פון די אויפשטאַנדן און קאַמפן, פון צאַר׳ס נייער קאָנסטיטוציע, האָט עס אים אַ שלעפּ געטאָן פון זיין רעגירונגס־שטעלע אין וואַשינגטאָן צו די נייע שטורמישע וואַל־קאַמפּאַניעס אויף יענער זייט. ער קומט קיין מינסק און שטעלט אַרויס זיין קאַנדידאַטור אַלס דעפּוטאַט צו דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער דומע.

זיין פּלאַטפאָרם איז אָבער געווען ווייט פון צופרידנשטעלן אין יענער

צייט דעם „בונד״. זיינען בונדיסטן אַרויסגעטראָטן קעגן אים. אָבער אינם קאַמף איז ער דאָך דערוויילט געוואָרן אַלס „וויבאָרשטשיק״, וואַלמאַן. נאָר צוליב דעם סענאַט׳ס אַריינמישן זיך זיינען גע׳פסל׳ט געוואָרן די וואַלן און הורוויטש איז צוריק אַוועק קיין ניו יאָרק און מיט אַ פעקל חטאים קעגן אים מצד דעם „בונד״.

דער אמת איז, אַז הורוויטש איז בטבע נישט געווען קיין פּאַרטיי־מענטש. ווי אַ דעמאָקראַט לויט איבערצייגונג און לויט זיינע פּערזענלעכע שטימונגען, האָט ער לאָגישערווייז דאָך געדאַרפט קענען זיך אונטערוואַרפן פּאַרטיי־באַשלוסן, אָדער בכלל דאָס וואָס מען רופט „דעת הקהל״. געזעל־שאַפטלעכע מיינונג. אָבער ניין — מיט יצחק אייזיק׳ן איז עס געווען פּונקט קאַפּויער. קוים האָט די פּאַרטיי אין איר מערהייט באַשלאָסן אין אַ געוויסער פראַגע איז עס ביי אים אויסגעקומען, אַז די מערהייט האָט פאַרגוואַלטיקט די מינדערהייט און דעריבער איז זיין פּלאַץ שוין געווען מיט דער מינדער־הייט. דערפאַר איז געווען פאַרקערט די געשיכטע: ווען פון דער זעלביקער מינדערהייט, וואָס ער האָט אַזוי איבערצייגנדיק פאַרטיידיקט, איז געוואָרן אַ מערהייט, איז ער שוין געווען אויף דער זייט פון דער נייער מינדערהייט און מיט לאָגיק און פאַקטן ווידער אויסגעדרייט דעם פעלץ.

די מיינונגען וועגן יצחק אייזיק׳ס מאַרקע פון דעמאָקראַטיע זיינען שטענדיק געווען שטאַרק צעטיילטע. אייניקע האָבן עס צוגעשריבן צו אַ שאַרף־אַנטוויקלטן חוש פון אינדיווידואַליזם, וואָס ווערט געטריבן כסדר קעגן אַנגענומענע הערשנדיקע מיינונגען. דער פאַקט איז, אַז פיל האָבן אים גע־האַלטן פאַר אַן אַנאַרכיסט. און ער האָט עס טאַקע שיר־ניט באַשטעטיקט מיט זיין אָן אָפּטער מיטאַרבעטער אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״. אין דער זעלבער צייט האָבן אַנדערע דערקלערט יצחק אייזיק׳ס דרך, אין באַ־קעמפן שטענדיק די מערהייט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מיט זיין טיפער שנאה צו די פּאַרטיי־מאַשינען, צו זייער ביוראָקראַטיע. זיינע דער־פאַרונגען אין וואַשינגטאָן, אין די פּאָליטישע קאָקוסן זאָלן אים האָבן איבער־צייגט, אַז אין אַזעלכע פאַלן איז דער אמת׳ער דעמאָקראַטישער גייסט אין דעם לאַגער פון דער מינדערהייט, וואָס באַקעמפט די מאַשין.

שרייבט צביון, למשל, אין זיין יובליי־אַרטיקל לכבוד יצחק־אייזיק הורוויטש׳ן:

„...יצחק אייזיק האָט זיך ניט געקענט אַריינפּאַסן אין קיין פּאַרטיי. אַ סאָציאַליסט אַלע זיינע יאָרן... האָט ער זיך דאָך ניט געקענט איינלעבן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער האָט אַן אינערלעכע אַנטיפּאַטיע צו יעדער אָרגאַניזירטער מאַכט. צו דעם כוח פון דער מערהייט אין דער אָרגאַניזאַציע.

לויט זיינע איבערציייגונגען און געדאַנקען איז ער אַ דורכגעדרונגענער מאַרק־סיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אָבער אין זיינע נייגונגען איז פאַראַן פיל אנארכיסטישע־ אינדיווידואַליסטישעס (ב.צביון, „פאַר פופציק יאָר״, ז. 320).

אָבער עס האָט אויך געטראָפן, אַז יצחק אייזיק האָט אַריינגעוואָרפן אַ שטיין אינם לאַגער פון די סאָציאַליסטן, ווען ער האָט אָנגענומען אַ קאָמפּ־ראָמיס־פּאָזיציע לגבי בורזשואַזע פּראָגרעסיווע פּאַרטייען און גערופן צו שטימען פאַר זיי. ער האָט גערופן די סאָצ.־פּאַרטיי אויפגעבן איר סעקטאַנטישע שטעלונג און פאַראייניקן זיך מיט ליבעראַלע בורזשואַזע גרופּירונגען כדי צו דערגרייכן פּראַקטישע צילן.

אָבער גראַד האָט דער דאָזיקער „פּרינציפּיעלער״ קאָמפּראָמיסלער דער־שטיינט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג ווען ער איז דערוויילט געוואָרן צו זיין דער שעף־אָנגעשטעלטער („טשיף קלוירק״) פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און זיך געשטעלט קעגן דער קאָמפּראָמיס־פּאָליטיק פון דער יוניאָן אין דעם „פּראָטאָקאָל״ סכסוך מיט די באַלעבאַטים. בעת די יוניאָן־ביוראָקראַטיע איז געווען נאָכגעביק און געזוכט ווי עס איז שלום מיט׳ן ראַט פון דער „מאַנופעקטשורערס אַסאָסיעישאַן״, איז יצחק־אייזיק הורוויטש דורכאויס באַ־שטאַנען אויף די פולע פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

גרויסע, שטורמישע דעמאָנסטראַציעס פון די קלאָוקמאַכער קעגן דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע, וואָס האָט נאָכגעגעבן דעם פּאַרלאַנג פון די באַלעבאַטים אַראָפּצוזעצן דעם קעמפערישן יצחק אייזיק׳ן פון זיין אַמט, האָבן געפאָדערט צוריק אָנשטעלן אים און באַשטיין אויף די פאָדערונגען, וואָס ער האָט אַרויס־גערוקט. צום סוף האָט טאַקע יצחק אייזיק ווידער פאַרשפּילט זיין שטעלע. דער אָנטשיידונגס־געריכט, מיט לואי ד. בראַנדייס׳ן בראש, האָט געראַטן, אַז יצחק אייזיק דאַרף רעזיגנירן צוליב שלום־וועגן אין דער אינדוסטריע. אָבער מאָראַליש האָט געוואונען דער דאָזיקער מערקווירדיק־ווידערשפּרעכלעכער דענקער און אַרבעטער־פריינט. ער האָט געוויזן, אַז ווען עס קומט צו פּרינ־ציפּן, וואָס גייען די אַרבעטער שוין איצט אין לעבן, איז ער אויסגעהאַלטן און באַשטענדיק, ווי אַ דעמב.

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז אַלס קריטיקער פון פּאַרטייען און טרעיד־יוניאָנס, איז יצחק אייזיק פאַרבליבן כסדר מחוץ למחנה, אויסער די קרייזן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג. בכלל איז עס אָבער בלויז אין פאָרמעלן זינען. ער האָט קיינמאָל ניט באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי, אָבער זיין אינטערעס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל, און איר פּרעסע און אין איר ליטעראַטור, אין מיטאַרבעט און מיטשאַפונג, שטעלט אַוועק יצחק

אייזיק'ן אין דער ערשטער רייע פון איר פירערשאפט, הגם ער איז נישט געווען אן אינעווייניקסטער, נאר לאווירט ארום איר ראנד. אלע האבן אים באטראכט פאר אן אייגענעם מענטשן.

עס זיינען פאראן וויניק אינם יידישן געביט, וואס האבן אזויפיל געשאפן און איבערגעשאפן, באלויכטן און אויפגעקלערט די טיפקייטן און ברייטקייטן פון דער מארקסיסטישער ליטעראטור. אויסצורעכענען זיי אלע וועט דא ניט סטייען קיין פלאץ. אבער אפילו א טייל בלויז פון די דאזיקע ארבעט איז דערשטוינענדיק.

אנגעהויבן זיין זשורנאליסטישע ארבעט האט ער נאך אין 1882, אין דער רוסישער צייטונג „סעווערני קוריער" און פארגעזעצט אין משך פון יארן אין די רוסישע מארקסיסטישע (לעגאלע) זשורנאלן, ווי „נאוואיא סלאָוואָ", „זשיזן", „פראוודא", „סאוורעמעני מיר". אין ענגליש — זינט 1897 אין „פאליטיקל סייענס קוואטערלי", אינם „דזשוירנאל אוו פאליטיקל עקאנאמי", אין „אינטערנעשאנאל סאשעליסט רעוויו", אין „דהי ניו רעוויו". ער האט זיך באטייליקט אין א ריי דייטשע און שוועדישע סאציאליסטישע צייטשריפטן. ער האט אויך עטלעכע יאר רעדאגירט א רוסישע צייטונג אין שיקאגא.

אבער די הויפט-ארבעטן האט ער אין יידיש. זינט 1897 איז ער געווען אנגעלייגט אין אלע יידישע טעגלעכע צייטונגען און זשורנאלן. איר טרעפט אים אין „פארווערטס", אין דער „ווארהייט", אין „טאג" און אין דער פועלי-ציוניסטישער „צייט". איר זעט אים אין דער „פרייער ארבעטער שטימע" און אין דער „אידישער ארבעטער-וועלט".

ער פארעפנטלעכט זיינע אפהאנדלונגען אין די חודש-זשורנאלן „צו-קונפט" און אין זשיטלאווסקי'ס „דאס נייע לעבן". א בוך-קאמיטעט האט ארויסגעגעבן אן אפקלייב פון זיינע שריפטן אין 1917 אין פיר בענדער. ער איז געווען איינער פון די הויפט מיטארבעטער אין דער „מארקס ליטעראטור געזעלשאפט" און רעדאגירט און באארבעט די צוויי בענדער „עקאנאמישע שריפטן פון קארל מארקס", און איבערגעגעבן עס אין א קלארער שפראך, אז די סאמע שווערסטע שטעלן פון מארקס'ן זיינען געווארן צוגענגלעך צו פיל יידישע ארבעטער, וואס האבן עס נישט געקענט צעקייען פון פריערדיקע איבערזעצער און פאפולאריזאטארן.

זיין גרויס ווערק אין ענגליש „אימיגרעישאן ענד לעיבאר" האט דורכ-געמאכט צוויי אויפלאגעס. איינע אין 1912 ארויס אין 561 זייטן, די צווייטע — אין 1922, אין 611 זייטן מיט א ריי צוגעגעבענע מאטעריאלן איבער דער יידי-שער איינוואנדערונג און איבער דער שטעלונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי צו אימיגראציע.

י. ב. ביילין

יצחק אייזיק איז געווען אַ גלענצנדיקער לעקטאָר אין פיל שפּראַכן. זיין יידיש איז געווען אַ פאָלקישער. ער האָט זיך ניט געקווענקלט פאַר די סאַמע איינפאַכסטע אידיאָמען און מיט זיי אַפּערירט אין די טיפסטע אָפּהאַנדלונגען. איבער זיינע קאָרעספּאָנדענצן, וואָס ער האָט געשיקט פון זיין רייזע אין 1922 איבער ענגלאַנד, דייטשלאַנד און סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט מען זיך געריסן. דער „טאָג״ האָט אפילו אַרויסגענומען קעגן אים אַן אינדזשאַנקשאַן, אַז ער זאָל ניט קענען דרוקן אין „פאָרווערטס״.

יצחק אייזיק האָט אויך געמאַכט אַ טור פאַרן בילדונגס־דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג און דער שרייבער פון די שורות האָט געלייענט די צענדליקער בריוו מיט באַגייסטערונג פון זיינע בריליאַנטענע לעקציעס.

דער קאַפּריז פון דער געשיכטע איז, אַז דער זעלבער יצחק אייזיק, וואָס איז דאָ געווען דער אַדוואָקאַט פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד ביז זיין גרינדונג, האָט אויסגעדרייט דעם דישל, ווען ער האָט אים באַזוכט און געזען די אָרעמקייט פון 1922. ער איז געשטאָרבן אין 1924 אַלס קעגנער פון די באָלשעוויקעס. משמעות זיי זיינען טאַקע געווען די מערהייט.

קאַפּיטל פופציק

די ערשטע טריט פון אב. קאַהאַנ׳ען אין אַמעריקע

אויב מ׳וואָלט דורכגעפירט אַן אַנקעטע וועגן דער פּאָפּולאַריטעט פון יידישע צייטונגס־שרייבער אין אַמעריקע, מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, וואָלט אב. קאהאן אָן שום ספק, געוואונען די קרוין. אין יענער צייט, אַרום 1906, איז ער געווען אין פּראָצעס פון וואוקס, פון באַרג אַרויף. בעת אַלע זיינע קעגנער האָבן גענומען שוין דעם וועג אויף אַראָפּצו איז ער נאָך אַלץ מיט פעסטע טריט, ווי אַ טריאומפירנדיקער גענעראַל, געגאַנגען אַרויף און אַרויף. דער „פאָרווערטס״, די צייטונג, וואָס האָט אָנגענומען און דורכגעפירט אונטער זיין רעדאַקציע די פאָרמולע פון „פּלעינעם יידיש״, האָט דורכגעמאַכט ספּעקטאקולערע אַנטוויקלונגען. אין גיכן איז זי געוואָרן די ערשטע יידישע צייטונג אין דער וועלט אויפצובויען אַ ריזיקע צען־שטאָקיקע געביידע, וואָס זאָל זיין מיט „פינף קעפּ העכער״ פון אַלע אַרום איר. מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז זי שוין געווען מיט אַ לייענערשאַפט, וואָס האָט איבערגעוואויגן אַלע יידיש־לייענער פון ניו יאָרק צוזאַמענגענומען.

אב. קאהאן איז נאָך אפילו דרייסיק יאָר שפּעטער, ווען די ש פּ ע פון דעם יידישן צייטונגס־וועזן האָט שוין גענומען דעם וועג פון באַרג־אַראָפּ, אַלץ געווען אין נאָמען איינער פון די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייטן צווישן די יידן אין אַמעריקע און נישט בלויז צווישן יידיש־לייענער. טויזנטער יידן, געדענקען נאָך, ווי זייערע עלטערן פלעגן נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק אַמפּערן זיך וועגן אים — ווער לזכות און ווער לגנאי. ער איז, קען מען זאָגן, אין משך פון אַרום זעקס יאָרצענדליקער געווען אַן אַקס אַרום וועלכער עס האָט זיך געדרייט די אויפמערקזאַמקייט פון הונדערטער טויזנטער יידן.

צווישן אַמעריקאַניזירטע יידן, און אויך עכטע אַמעריקאַנער פונם צייטונגס־וועזן איז זיין נאָמען אויך ניט געווען קיין אָפּגעריבענער. מען האָט געוואוסט וועגן דעם פינאַנציעלן דערפאָלג פון זיין צייטונג, און צוגעשריבן עס צום לענגסטן רעדאַקטאָר אירן — צו אב. קאַהאַנען.

זיין ביאָגראַפיע איז נישט ווייניקער סענסאציאָנעל, ווי פיל פון די

סענסאַציעס, וואָס ער אַליין פלעגט דערלאַנגען איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט זיינע צייטונגס־לייענער. מער ניט — זי איז ניט בלויז אינטערעסאַנט, נאָר אויך באַלערנדיק. זי איז אַ שטודיום פון אַן אַמביציעזן ליטווישן יידן, וואָס האָט, ווי אַן אימיגראַנט געאַרבעט מעשים וואָס שנעלער אָפּצוואווישן פון זיך די אייגענע אימיגראַנטישע שפּורן און ווי אַ שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג צו האַלטן געשפּאַנט זיינע לייענער אויף אַ נידעריקן ניוואָ און ביי זייער אומגראַמאַטישן, אומקולטיווירטן, אָרעמען לשון, וואָס ער אַליין האָט פאַרפלאַכט און אין האַרצן פאַראַכט.

אָבער נאָך וויכטיקער איז זיין אידעאָלאָגישער וואַקלדיקער וועג, אָנגעהויבן מיט אַ סאָציאַליזם, וואָס ער האָט אַליין נישט קלאָר פאַרשטאַנען און געענדיקט מיט אַ מין ליבעראַלן וואַסערדיקן סאָציאַליזם, וואָס האָט אים געמאַכט אויסצוזען ווירדיק אין די אויגן פון דעם קלאַס, וואָס ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן באַקעמפט.

און אפשר איז עס ווי שעקספּיר שילדערט דעם אָפּאָרטוניסט אין האַמלעט:

דער, מיין האַר, וואָס דינט און זוכט פאַרמעג,
און פאָלגט דיר נאָך בלויז אין פאָרם,
נעמט זיך פּאַקן מיט די ערשטע שפּריצן רעגן
און לאָזט איבער דיך אַליין אין שטורעם".

מען דאַרף אָבער בשום אופן ניט פאַרגעסן קאַהאַנ׳ס ערשטע וויכטיקע אויפטואונגען.

אברהם קאַהאַן איז געבאָרן געוואָרן דעם 6טן יולי, 1860, אין פּאָדבערעזיע, ווילנער געגנט, אַן אייניקל פון ר׳ יעקב פון נעמענטשין, רב און שטאָט־מגיד אויך אין ווידז. ר׳ יעקב איז געווען אַ פּאָפּולערער מוסר־זאָגער און געשטורעמט די הערצער פון די ליטווישע יידן מיט זיינע פרומע, אַלט־פרענקישע דרשות. דער פאָטער אָבער, כאָטש אויך נאָך ניט קיין וועלטלעכער מענטש, האָט שוין געהאַט אַ שטיקל נייגונג צו השכלה. ער האָט שוין פאַרמאָגט אַרטיסטישע שטימונגען, ליב געהאַט נגינה, אָבער די ברויט־געבערין איז געווען זיין מוטער שרה שיינע. איר קרעמל איז ביי־געשטאַנען, אַז די פּאַמיליע זאָל ניט דאַרפן הונגערן.

אין עלטער פון 6 יאָר איז שוין אברהמ׳ל געקומען קיין ווילנע, וואו קרובים האָבן געקויפט פאַר זיין מוטער אַ שענקל, און דערווייל איז ער געגאַנגען אין חדר, געלערנט תנ״ך און אַ ביסל העברעאיש ביז בר־מצוה. אָבער בשתיקה, גייט ער אויך לערנען אין דער יידיש־רוסישער פאָלקס־שול. כאָטש בראָנפן איז נאָך געווען אַ גאַנגבאַר אַרטיקל, זיינען צופיל יידן געווען שענקער און מ׳גיט אָפּ אברהמ׳לען צו אַ שניצער אין דער לער. אָבער ער

זעט באַלד איין, אַז ער איז דעם טאַטנס אַ זון, ער קען נישט שווער אַרבעטן. ער וועט שוין בעסער ווידער נעמען זיך צום לערנען. אפשר צום טאַטנס פרנסה און אַזוי איז ער אַוועק אַ שטיקל צייט אין ראַמיילע׳ס ישיבה.

אַז ער האָט אין דער ישיבה מער פאַנטאַזירט ווי געלערנט, האָט מען עס געקענט זען מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען רעדאַקטאָר און פלעגט שווערלעך צעקייען אַ תלמודיש ווערטל. און אָט איז ער שוין צוריק אין דער יידיש־רוסישער פאָלקס־שול. זיין אידעאַל ווערט צו דערלערנען אַ „געזונטן רוסיש״.

געהערט די דערפאָלג־געשיכטע מיט אַנטאָקאָלסקי׳ן, כאַפּט ער זיך צו לערנען צייכענען. אָבער אָן טאַלאַנט, זעט ער איין, קאָן מען ווייט נישט דערגיין. ער קען שוין גענוג רוסיש, אַז ער זאָל לערנען אַנדערע, הויבט ער אָן צו „געבן שטונדן״. דאָס שטויסט אים מער צו זעלבסט־ בילדונג, ליגט מערסטנס אין די ביבליאָטעקן און לייענט און לערנט ביז ער טרעט אריין אין 1877 אין יידישן לערער־אינסטיטוט.

אין ווילנע האָט שוין דעמאָלט אין די בילדונגס־אינסטיטוציעס זיך דורכגעטראָגן צווישן דער יוגנט דער אָטעם פון די נאַראָדניקעס. אומלעגאַלע ליטעראַטור איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. ווערט ער ביסלעכווייז אַריינגע־ צויגן אין אַ קרייזל, וואו ער הערט צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט „רעוואָלוציע״. וואָס האָט ער דעמאָלט געקענט ווייסן, אַז אַרום דעם וואָרט פּ אַ ר און ק ע ג ן, וועט זיך דערנאָך וויקלען צענדליקער יאָרן לאַנג זיין לעבן. דערווייל האָט ער געלערנט מיט יידישע אַרבעטער רוסיש און ווען ער גראַדואירט די ווילנער לערער שול אין 1881, ווערט ער באַשטימט אַלס לערער אין אַ מלו־ כה׳שער יידישער פאָלקס־שול אין ווי ע ל י ז ש, וויטעבסקער גובערניע.

לאַנג האָט ער דאָרט ניט געקענט זיך האַלטן. די רעאַקציע, נאָך דעם אַטענטאַט און מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָט געפירט צו איבער־ פאַלן און רעוויזיעס אין אינטעליגענטישע יוגנטלעכע קרייזן. זשאַנדאַרן האָבן אי ם אויך געמאַכט אַ וויזיט. נישט וואָרטנדיק אויף כבוד אַוועקגעפירט צו ווערן אויף אויספאָרשונגען, פאָרט ער אַריבער קיין מאָהילעוו. דאָרט האָבן זיך שוין געפונען אָנגעלאָפענע יידן פון די דרום־גובערניעס, וואָס זיינען געלאָפן פון די פּאָגראָמען.

אויסגעוואָרצלטע יידן האָבן זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, גע־ פאַלן אַ לאַסט אויף די דאָרטיקע קהילות. קאָמיטעטן האָבן זיך געגרינדעט צו לינדערן די נויט, צו געבן עצות, צו אָרגאַניזירן די צעזייטע עמיגראַציע, אַז זי זאָל זיין מיט אַ געוויסן פּלאַן. גרופּירונגען האָבן זיך שנעל פאָרמירט און צעטיילט זיך אויף צוויי שטרעמונגען — די בילו׳אָוצעס — צו פאָרן אין

פּאַלעסטינע באַלעבן דאָס קנאַפּ־באַזעצטע לאַנד. און אַ צווייטע גרופּע — צו באַזעצן די נייע וועלט — אַמעריקע, מיט „קאָמוניסטישע" קאָלאָניעס. אברהם קאַהאַן האָט זיך סוף־כל־סוף אָנגעשלאָסן אין דעם קאָנצענטריר־פּונקט, אויף יענער זייט גרעניץ, אין ב ר אָ ד. אין דער גרופּע פונם „עם עולם", וואָס האָט געזוכט צו באַזעצן זיך אויף לאַנד אין אַמעריקע, אין קאָ־מוניסטישע קאָלאָניעס.

די דאָזיקע גרופּע אין וועלכער דער יונגער קאַהאַן האָט זיך געהאַט אָנגעשלאָסן, איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ קאָמיטעט פון דריי — אליעזר משביר, ספּיוואַקאָווסקי דער שפּעטערדיקער דר. ספּיוואַק) און שעמאַראָווסקי (דער שפּעטערדיקער ראַיעווסקי). דער חלום וועגן קאָמוניסטישע לאַנד־קאָ־לאָניעס האָט אָנגעהאַלטן אין אַמעריקע בלויז אַ קורצע צייט. אברהם קאַהאַן איז געווען פון די ערשטע צו דערזען די אומפּראַקטישקייט פון קאָמוניסטישע אונטערנעמונגען אין סאַמע מיטן פון אַ קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפט. ער איז שנעל באַווירקט געוואָרן פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרו־פּירונגען אין ניו יאָרק אונטערן איינפלוס פון וולאַדימיר שעוויטש, דעם אַמאָליקן מיטאַרבעטער פון פערדינאַנד לאַסאַל, און פון אַלעקסאַנדער יאָנאַס.

קאַהאַן האָט ווי אַ דורשטיקער זיך אַ שטיקל צייט אַרויפגעוואָרפן אויף זייער אָרגאַן, די „ניו יאָרקער פאָלקס־צייטונג". ער האָט שוין אין די ערשטע טעג פון זיין קומען דערזען אויף איסט בראָדוועי אויף אַ צייטונגס־סטענד „אידישע גאַזעטן", און פאַרגליכן אין ווערדע די קולטורעלע דייטשע צייטונג מיט דער יידישער. דאָס איז געווען אַ וואָכנבלאַט אַרויסגעגעבן פונם אָרטאָ־דאָקסישן פירער כתריאל סאַראַזאָן. אָבער ער איז געפּלעפט געווען צו זען, אַז די שפּראַך איז אָנגעפּיקעוועט מיט העברעאישע, אַראַמייאישע (גמרא) ווערטער און דאָס ביסל יידישע ווערטער פאַרדייטשמערישט. ער האָט זיך געוואונדערט פאַר וועלכן קלאַס יידן אַזאַ צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן: ווער פאַרשטייט זי? ווער קויפט זי?

אב. קאַהאַן, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רופן, האָט דאָ אָנגעהויבן ענערגיש זיך צו דערלערנען די ענגלישע שפּראַך. ער האָט דאָ אָנגעטראָפן זייער ווייניק יידישע סאָציאַליסטן, און אַזוי ווי ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ סאָציאַליסט נאָך איידער ער האָט געלאַנדעט אין אַמעריקע, און געטראָפן דאָ אַ סאָציאַליסטישע צייטונג אין דייטש, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז דערווייל איז עס נאָך אַ דייטשע באַוועגונג, ווייל די פאָטערס פונם סאָצי־אַליזם זיינען געווען דייטשן — קאַרל מאַרקס און ענגעלס, פערדינאַנד לאַסאַל און איצט שעוויטש און יאָנאַס. אָבער כדי צו קענען בויען אַן אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע באַוועגונג, מוז מען פריער פון אַלץ קענען די שפּראַך פונם לאַנד.

קאַהאַן אַליין, אין זיין אַרטיקל אינם 50־יאָריקן יובילײ נומער פון „פאָרווערטס", מאַכט אונדז קלאָר וואָס פאַר אַ סאָציאַליסט ער איז דעמאָלט געווען —

„...וואָס פאַר אַ סאָרט סאָציאַליסט איך בין — צי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, צי אַן אַנאַרכיסט — האָב איך אַליין ניט געוואוסט. די ערשטע צייט זיינען די דייטשע אימיגראַנטן, וואָס האָבן געהערט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ניט געווען צו פּינקטלעך און איבערקלייבעריש וועגן דער פראַגע. סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען דורכגעמישט מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן און זיי האָבן זיך געפילט פריינטלעך איינער צום אַנדערן..." („פאָרווערטס, מאַי 4, 1947)·

די ערשטע שפּראַך אין זיין זשורנאַליסטישער פּראַקטיק און אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער איז געווען די רוסישע. ער האָלט לעקציעס אויף רוסיש, איז אַ מיטאַרבעטער אין רוסישע זשורנאַלן (אין רוסלאַנד); ער ווערט אויך אינגיכן אַ מיטאַרבעטער אין די זונטאָג־אויסגאַבן פון די ענגלישע צייטונגען „סאַן", „סטאַר" און „פּרעס". ער שילדערט פאַר זיי בילדער פונם יידישן אימיגראַנטן־לעבן אויף דער איסט־סאַיד. און פון ניט־יידישע אימיגראַנטישע קוואַרטאַלן.

ער איז אויך אין אַ געוויסער מאָס טעטיק צוזאַמען מיט ל׳ מילער׳ן אין אָרגאַניזירן אַ צווייטן רוסיש־רײדנדיקן אַרבעטער־פאַראיין. דעם 3־טן אויגוסט, 1882, האַלט ער די ערשטע רעדע אין יידיש וועגן סאָציאַליזם. אין 1884 איז ער אויך אַ מיטהעלפער אין אָרגאַניזירן די ערשטע יידישע אַרבעטער־יוניאָן. באַלד ווערט ער אויך אַ מיטאַרבעטער אינם ענגלישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן זשורנאַל „דהי לידער", אונטער שעוויטש׳עס רעדאַקציע.

אין גיכן איז אים עטוואָס קלאָרער געוואָרן דער אונטערשייד פון אַנאַרכיזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם און ער גייט אריין אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אין די יאָרן פון 1886—1889 שרייבט ער אַרטיקלען אינם ענגלישן זשורנאַל „וואָרקמענס אדוואָקעיט".

קאַהאַן איז זיך מתקנא אין אַזאַ שפּעטער געקומענעם אימיגראַנט ווי מאָריס הילקאָוויטש (דער שפּעטערדיקער מאָריס הילקוויט), וואָס קלייבט זיך שטודירן יוריספּרודענץ, און נעמט זיך אויך שטודירן געזעץ־וויסנשאַפט. ער קומט אפילו אָן אַלס לערנער אין אַ לאָ־אָפיס. אָבער קענטיק, אַז קאַהאַן האָט זיך גיכער געקענט קאָנצענטרירן אויף שפּראַכן, ווי אויף אַקאַדעמישע לימודים. ער גיט אויף זיינע אַמביציעס, ווערט אַן ענגלישער לערער אין דער שול „עץ־חיים", אָבער גלייכצייטיק טעטיק אין ראַדיקאַל־פּאָליטישן לאַגער.

וואָס שייך דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז אב. קאַהאַן איינמאָל שוין אַנטוישט געוואָרן, ווען ער האָט סוף 1886 געמאַכט אַ פּרואוו, צוזאַמען מיט זיין פריינט טש. ראַיעווסקי אַרויסצוגעבן די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטונג אין אַמעריקע „אינם איינפאַכסטן אידיש״..

די צייטונג האָט אויסגעהאַלטן בלויז דריי נומערן. זי האָט ניט געקענט אַנגיין פינאַנציעל. זי האָט געמוזט לאָזן איר פּלאַץ דער „פאָלקס־צייטונג״, אַרויסגעגעבן פון מינץ און בראַסלאַווסקי. אין זיין יאוש־מאָמענט האָט ער שוין געהאַט אין יענער צייט באַשלאָסן: „די יידישע אימיגראַנטן וועלן שוין אין אַמעריקע די רעוואָלוציע ניט מאַכן״. פון זיין ערשטער צייטונג איז קיין זכר ניט געבליבן.

פון אַ קאָפּיע פון דעם ערשטן פאָטאָגראַפישן בילד, וואָס דער יונגער אב. קאַהאַן האָט גענומען אין אַמעריקע, אין 1882, קען מען זען, אַז ער איז דעמאָלט געווען אַן איינדרוקספולער יונגערמאַן, לויטן אויסזען און ווי אַ מגיד׳ס אַן איניקל איז אים קענטיק געקומען בירושה אויך אויסדרוקספולקייט אין זיין רעדן.

זיינע ערשטע רעדעס אין יידיש, און שפּעטער אין ענגליש, ווי נאָך פריער אין רוסיש, האָבן אים אַליין איבערראַשט. ער אַליין שרייבט אין די „בלעטער פון מיין לעבן״ —

„...מיין דערפאָלג אַלס רעדנער און לעקטשורער, דער אומדערוואַרטעטער טעם פון אַפּלאָדיסמענטן, דער פּלוצלונגדיקער געפיל, אַז טויזנטער מענטשן קענען מיך — דאָס האָט מיך באַזויפן״. (אונטערגעשטראָכן פון מיר — י. ב. ב.) (דריטער באַנד 2, ז״ז 113־114)

אָט דער דערפאָלג, וואָס האָט אים „באַזויפן״, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט׳ן פאַקט, וואָס ער איז כמעט געווען אַ געוויסע צייט אַן איינציקער צווישן די יידישע אימיגראַנטן. ער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין אַנדערשקייט גראַד אין אַזעלכע פּרטים, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן.

אינטערעסאַנט, ווי אַזוי ער אַליין פאַסט אויף אין זיין שוין דערמאָנטער אויטאָביאָגראַפיע, ווען ער דערציילט וועגן די קעגנגעזעצלעכע געפילן, וואָס ער האָט געשפּירט אין די ערשטע „גרינע״ טעג און מאָנאַטן:

„...די קאַץ, וואָס איך האָב דערזען אין פילאַדעלפיער האַפן, ווען איך בין אַראָפּ פון דער שיף, איז געווען אַ לעבעדיקער באַווייז, אַז אַמעריקע געהערט צו דער זעלבער וועלט, ווי ווילנע, ווי פּעטערסבורג... ווען איך האָב אָבער גענומען באַקאַנט ווערן מיט אַמעריקע, איז אין מיר געוואַקסן אַ פאַרקערטער איינדרוק: מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס איז גאָר אַן אַנדער וועלט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַמעריקע לעבט אין איין טאָג מער ווי

רוסלאַנד אין צען. אַמעריקע האָט מיך אינטריגירט, געצונדן מיין נייגעריי־קייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט ווילגדיק וועך איך אַן אַנדערער, אַלץ האָט מיך אי אָפּגעשטויסן, אי גערופן צו זיך.. ווי גערייצט מיך מיט צו־זאָגונגען. . .״ (ד אָ ר ט).

אַז אב· קאַהאַן איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון אַ ליטווישן מתמיד איז אָן צווייפל. אָבער זיין התמדה איז געווען פאַרבונדן, באַוואוסט־זיניק פאַר אים, אָדער אומבאַוואוסטזיניק, מיט א היפּשן אָפּאָרטוניזם. דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך פיל שנעלער אַמעריקאַניזירט, ווי די מערסטע פון זיינע האַלב־אינטעליגענטישע אימיגראַציע מיטציייטלער, איז ניט געווען בלויז צוליב זיין התמדה אין לערנען און דערלערנען די ענגלישע שפּראַך און דעם אַמעריקאַנער ציייטונגס־וועזן, נאָר אויך צוליב זיין אָפּאָרטוניסטישן וועזן, צוליב זיין איבערגעטריבענער תאווה צו „סוקסעס״. דאָס איז קענטיק געווען ביי אים אַ וואָרט און אַ באַגריף, וואָס איז מיט אים פאַרצווייליגט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן.

אָט דערציילט קאַהאַן אַליין וועגן זיך: „. . . ווען איך האָב דערזען צום ערשטן מאָל די „אידישע גאַזעטן״, איז מיר גלייך אויסגעקומען צו זען, ווי די פרוי פון דעם רעדאַקטאָר פון דער צייטונג קומט אַריין אין אַ סטאָר און בעט, מען זאָל איר באָרגן אַ פּאָר דאָלאַר. איך האָב געקלערט: וואָס פאַר אַ גליקן קען ערוואַרטן אַ יידישע צייטונג, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אויף אַזאַ שפּראַך ווי „די אידישע גאַזעטן״?..

„. . אין מיינע געשפּרעכן מיט אַנדערע אימיגראַנטן וועגן אונדזער קומענדיקער טעטיקייט פאַר יידישע סאָציאַליסטן, פלעג איך אָפט אָנווייזן אויף די „גאַזעטן״, אַז אַזאַ צייטונג, וועלכע איז פול מיט גמרא־לשון און מיט אַ סך דייטשע ווערטער, קען קיין ערפאָלג ניט האָבן״ „פאָרווערטס״, יוביליי אויסגאַבע מאי 4, 1947).

איין מלאכה נאָך דער צווייטער האָט קאַהאַן אַוועקגעוואָרפן און קיין התמדה צו דערגרונטעווען זי, און פאַרפולקאָמען זיך אין איר, האָט אים נישט געסטייעט. אָבער פונקט ווי אין רוסאַלנד ווען ער האָט דערשמעקט, אַז אָן אַ „געזונטן רוסיש״ קען מען צו קיין תכלית נישט קומען, האָט ער אויך דאָ געזען אינ׳ם ענגליש, אינ׳ם „רידער״ און אינ׳ ם„דיקשיאָנערי״ פאַר׳חתמעט דעם גורל פון זיין „סוקסעס״.

דער פאַקט איז, אַז נאָכדעם ווי ער, צוזאַמען מיט מילער׳ן, ווינטשעוו־סקי׳ן און אַנדערע, האָט געגרינדעט אין 1897 דעם „פאָרווערטס״ און געווען זיין רעדאַקטאָר אין משך פון אַכט־ניין מאָנאַטן, האָט ער רעזיגנירט פון דער רעדאַקציע און אַוועק אַרבעטן אין אַן ענגלישער צייטונג — אין דעם „קאָ־

מוירשל אַדווערטייזער". די אורזאַך איז נישט בלויז געווען דאָס אַרומרייסן זיך מיט'ן „אָוונט־בלאַט" נאָר וואָס „די כוואַליעס אימיגראַנטן זײַנען ניט געקומען אַזוי שנעל, ווי מאַנכע האָבן דערוואַרט." עס איז אין אָנפאַנג געווען אַ פראַגע פון דעפיציטן, קלײנע שכירות, לאַנגע אַרבעטס־שטונדן... מיט אײן וואָרט: עס האָט זיך „נישט געלוינט".

אין „קאָמוירשל אַדווערטאַיזער" איז ער אָנגעקומען פאַר'ן נישקשה'־דיקן געהאַלט פון יענער צייט — 15 דאָלאַר אַ וואָך. ער איז דאָרט הויפּט־זאַכלעך געווען אַ רעפּאָרטער, אָבער אויך געשריבן אַרטיקלען, פעליטאָנען און דערציילונגען. זײַן פּאָפּולאַריטעט וואַקסט דעמאָלט נאָך מער צוליב גינסטיקע אײַנדרוקן, וואָס אײניקע דערציילונגען זײַנע אין ענגליש האָבן געמאַכט אויף לינקאָלן סטעפענס, אײנער פון די אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער אין דער צייטונג און אויף דעם ענגלישן קריטיקער האַועלס.

גלייכצייטיק האָט קאַהאַן אויך פון צייט צו צייט מיטגעאַרבעט אינ'ם „פאָרווערטס" און געהאַלטן אַן אויג אויף זײַן ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, איבערהויפּט האָט ער אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט יענע "פאָרווערטס"־טוער וואָס האָבן אים כסדר געהאַלטן אין בעטן אומצוקערן זיך צוריק אַלס רע־דאַקטאָר.

פינף יאָר זײַנען פאַרביי. אַלץ גרעסערע און גרעסערע כוואַליעס יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך גענומען אָנשלאָגן אָן די ברעגן פון די פאַראײניקטע שטאַטן. דער „פאָרווערטס" האָט וואָס אַ מאָמענט געקראָגן אַלץ מער און מער נײַע לײענער. אין דער נײַער אימיגראַציע איז וואָס ווייטער אַלץ בולט'ער געוואָרן דער אַרבעטער עלעמענט. בונדיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, עס־ערן, פועלי־ציון — די אַלע זײַנען געווען פּאַרטיקע לײענער פאַר'ן „פאָרווערטס".

אין דער זעלבער צייט איז שוין ק אַ ה אַ ן גופא היפּש געוואַקסן אין דערפאַרונגען, אין פאַרבינדונגען און אין רעפּוטאַציע. הינטער אים זײַנען שוין געלעגן צוואַנציק יאָר אַמעריקאַנער פּראַקטיק, דערפאַרונגען מיט באַוועגונגען, מיט רעדאַקציעס.

שוין אין 1894 האָט ער געשפּילט אַ ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון ניו יאָרק. כאָטש ער האָט נישט באַלאַנגט צו קיין יידישער אָרגאַניזאַציע האָט אים די יערלעכע קאָנפערענץ פון די יידישע סעקציעס פון דער עס־על־פּי (סאָציאַליסטישער לעיבאָר־פּאַרטיי) אויסגעווײלט פאַר'ן רעדאַקטאָר פאַר'ן נײַ־געגרינדעטן זשורנאַל „די צוקונפט". דער זשורנאַל איז דערשינען אָן אַן איבעררײַס אין משך פון דרײַ יאָר. אין יענער צייט האָט דער זשורנאַל געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער נאָך מאָגערער יידישער

זשורנאַל־וועלט. ער איז געווען געווידמעט צו פובליציסטישע און ליטעראַרישע אַרבעטן. קאַהאַן האָט כסדר געפאָדערט פון זיינע מיטאַרבעטער אין זיינען צו האָבן דעם מאַסן־לייענער אפילו אין אַן ערנסטן זשורנאַל. ווען דער „פאָרווערטס" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען איז שוין געווען מעגלעך אָנצוהאַלטן דעם זשורנאַל, ווייל דער „פאָרווערטס" האָט איינגעשלונגען אַלע פינאַנציעלע רעסורסן.

ערשט ווען דער „פאָרווערטס" האָט שוין אָנגעהויבן ביסלעכווייז „אַרויסצוגיין פונ'ם רויטן" און די מערכה פון דער באַוועגונג האָט זיך היפשלעך אויסגעגלייטערט, ווערט באַנייט, נאָך אַ הפסקה פון דריי יאָר, די דערשיינונג פון דער „צוקונפט" און אב. קאַהאַן איז ווידער איר ערשטער רעדאַקטאָר. דאָס מאָל האָט ער אָנגעהאַלטן די רעדאַקציע פון יאַנואַר 1902 ביז יוני. ער האָט זיך געלאָזט איבעררייידן און ווידער אָנגענומען צו זיין דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס". דאָס מאָל שוין אויף תמיד.

צוליב זיין רעפּוטאַציע, רעדנער־קראַפט און דערפאַרונג אין אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ענינים איז ער אויך געווען אַ מיטגליד אין דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער עס־על־פּי. די רעפּוטאַציע האָט ער זיך דערוואָרבן אויך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אַלס דעלעגאַט פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן צום סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, נאָך אין 1891 אין בריסל, בעלגיע, האָט ער אָנגעמאַכט אַ סענסאַציע מיט'ן אַוועקשטעלן די יידן־פראַגע אויף דער טאָג־אָרדנונג. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע אויף דער טעמע: „ווי זאָלן אָרגאַניזירטע אַרבעטער פאַרהאַלטן זיך צו דער יידן־פראַגע"?

די דאָזיקע פראַגע האָט אַרויסגערופן פיל דעבאַטעס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּרעס. דער קאָנגרעס האָט דעמאָלט נישט אויסגעלייטערט די פראַגע און אָנגענומען אַ פשרה־שטעלונג — פאַרדאַמונג פון אַנטיסעמיטיזם און אַ קעגנערשאַפט אויך צום פילאָסעמיטיזם, קעגן אַ ספּעציעלער ליבע צום יידישן פאָלק.

קאַהאַן איז אויך געווען דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין 1893 אין ציריך, שווייץ. ביידע מאָל האָט ער באַרייזט אייראָפּע און געהאַלטן לעקציעס אין פּאַריז, לאָנדאָן און אַנדערע גרויסע שטעט.

נישט קיין וואונדער, וואָס זיין רעפּוטאַציע און אויטאָריטעט איז געוואקסן אין יענע יאָרן אָן אַן אויפהער. ער פלעגט באַטראַכט ווערן ווי אַ געדעכטער צד אין יעדן קאָנפליקט, וואָס ער האָט געהאַט אין יענע יאָרן מיט פיליפּ קראַנצ'ן, שפּעטער מיט דעם פירער פון דער סאָציאַליסטישער לעיבאָר פּאַרטיי, דעניעל דע־לעאָן צי מיט וועלכן עס איז אַן אַנדער גדול.

ער איז געוואָרן אין יענע יאָרן באַליבט און פּאָפּולער צווישן יידישן ראַדיקאַלן עולם מיט זיינע האַלב־בעלעטריסטישע, האַלב־פּראָפּאַגאַנדיסטישע דערציילונגען. אין 1894 דערשיינט אין דער „אַרבייטער צייטונג" זיין דער־ציילונג „רפאל נעריצך". די דערציילונג ווערט איבערגעדרוקט אין בוך־פאָרם, דאָ און אין אייראָפּע, און צירקולירט אין די אומלעגאַלע אַרבעטער קרייזלעך אין צאַרישן רוסלאַנד נאָך אַזוי שפּעט, ווי אין 1903, אין בונדישע קרייזן, זי ווערט אויך איבערזעצט אין ענגליש.

אין 1895 דערשיינט אין דער „אַרבעטער צייטונג" זיין דערציילונג „צווי שידוכים". זי ווערט פאַרעפענטלעכט אין ענגליש, אינ'ם זשורנאַל „שאָרט סטאָריס". עטוואָס שפּעטער דערשיינט אין ענגליש זיין ראָמאַן „יעקל" פונ'ם יידישן אימיגראַנטן לעבן, אין וועלכן ער באַהאַנדלט די פאַרפרעמדונג פון די פרויען אינ'ם אַמעריקאַניזיר־פּראָצעס. דער ראָמאַן איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן אין איינעם פון די וויכטיקסטע אַמעריקאַנער פאַרלאַגן (אַפּלטאָן ענד קאָ׳).

אין 1895 איז געדרוקט געוואָרן אין דער „אַרבעטער צייטונג" קאַהאַנ'ס „יאַנקל דער יענקי" און ער אַליין איבערזעצט זי אין ענגליש און ווערט אויסגעטיילט פון דער קריטיק ווי אַ פיין רעאַליסטיש ווערק. דער ראָמאַן איז אויך איבערזעצט געוואָרן אין רוסיש און דערשינען אין „וואָסכאָד". בכלל האָט די אַמעריקאַנער קריטיק מיט האועלס'ן בראש, אַריינגעשטעלט קאַהאַנ'ען אין דער רייע פון די בעסטע אַמעריקאַנער רעאַליסטישע קינסטלער.

אָט די אַלע ווערק און צייטונגס־דערפאַרונגען אין דער אַמעריקאַנער פרעסע, האָבן אויך צוגעגעבן זייער גלאַנץ צו אַב. קאַהאַנ'ס צוואַנציק־יעריקער קאַריערע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווען ער איז געוואָרן אין מערץ 1902 דער שטענדיקער רעדאַקטאָר פונ'ם „פאָרווערטס".

די צייטונג האָט געקראָגן אַ נייעם שטייס. פון אַ צופעליקן מיט־אַרבעטער האָט קאַהאַן אָנגעהויבן צו ווערן נישט בלויז דער רעדאַקטאָר, נאָר אויך דער הויפּט־מיטאַרבעטער. ער האָט געגומען שרייבן אויף אַלערליי געביטן — פּאָליטיק און קריטיק, פּעליטאָנען און פּאָפּולאַריזאַציעס פון מאַרקסיזם, דאַרוויניזם. אין יעדן נומער האָט ער געהאַט אַ 3־4 אַרטיקלען. ער איז דערשינען אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען, וואָס זיינען זייער שנעל אויפגעדעקט געוואָרן, אַז דאָס איז אַלץ דער זעלבער אַב. קאַהאַן — צי עס איז „סאָציוס", צי דוד בערנשטיין, בן־שלום, צי „דער העסטער סטריט רעפּאָרטער". און אָט האָט ער זיך גאָר אונטערגעשריבן „אָן אָן אונטער־שריפט", צי גאָר „דער פראַלעטאַרישקער מגיד".

אונטער׳ן לעצטן פּסעוודאָנים האָט ער געשריבן כלומר'שט וועגן דער סדרה פון דער וואָך — און אויסגעטייטשט די פרשה מיט סאָציאַליסטישער

אַגיטאַציע. דער דאָזיקער פּעליטאָן האָט אויסגענומען מיט זיין טשיקאַ־וועסטקייט ביי אַלע גרעסערע מאָסן.

דאָ זיינען אָנגעקומען די יאָרן ווען יידישע צייטונגען אין אַמעריקע האָבן גענומען שלאָגן רעקאָרדן פון צירקולאַציע. מיט'ן הירש־לעקערט־אַקט אין ווילנע, אין 1902, מיט'ן קישיניוער פּאָגראָם (און האָמלער) אין 1903 און מיט די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין רוסלאַנד אין 1904 און 1905, איז דער „פאָרווערטס" געריטן שוין אויף „גאָלדענע זאָטלען".

ווען די גאָר־גרויסע כוואַליעס פון אימיגראַציע האָבן זיך אויפגעהויבן צו זייערע העכסטע הויכן, האָט שוין די „פאָרווערטס"־געביידע אויפגעהויבן זיך העכער איבער אַלע אַרומיקע געביידעס און צייטונגען אין דעם איסט־בראָדוועי געגנט. קאַהאַנ'ס חסידים האָבן צוגעשריבן דעם גרויסן „פאָר־ווערטס־דערפאָלג אינגאַנצן אַב. קאַהאַנען. אַלע חסרונות פון „פאָרווערטס" וואָס זיינען מיט די יאָרן געוואַקסן, זיינען פון זיי פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי די „אייזערנע בריק", אויף וועלכער די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף זיין אונטער דער פירערשאַפט פון אַב. קאַהאַן.

אַזוי מיינט אויך דער האָן, אַז ז י י ן מעכטיקער קריי בלויז פאַר־טרייבט די נאַכט אין קעלער אַריין און ברענגט אַרויס דעם טאָג אויף דער וועלט!

פון אויבן אויף האָט טאַקע געקענט אויסקוקן, אַז דער קרעדיט פאַרן מאַטעריעלן וואוקס פונם „פאָרווערטס" קומט מערסטנס אַב. קאַהאַנ'ען, זיין לענגסטן און טיכטיקסטן רעדאַקטאָר. אין די פינף יאָר, וואָס קאַהאַן איז געהאַט אַוועק אין די ענגלישע בירגערלעכע צייטונגען זיינען אינם „פאָר־ווערטס" איבערגעוועזן זעקס רעדאַקטאָרן. ער איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון מ. זאַמעטקין, אויף זיין אָרט איז געקומען ש. פעסקין, דערנאָך עליזאָוויטש ב. האָלצמאַן, מ. קאַטץ (נישט צוזאַמענמישן מיט משה כ"ץ), טש. ראַיעווסקי און אברהם ליעסין.

אונטער די פריערדיקע רעדאַקציעס האָט דער „פאָרווערטס" נישט געקענט אַריבערשפּאַנען דעם הויכמאַרק פון זעקס טויזנט לייענער. עס איז כמעט געווען אַ „טאָפּטשען זיך אויף איין אָרט". די דאָזיקע אַריבער־שפּאַנונג האָט געמאַכט אַב. קאַהאַן, ווען ער איז צוריקגעקומען און געקראָגן די פולמאַכט איינצופירן רעפאָרמען. אָט אין וואָס זיי זיינען באַשטאַנען: ער האָט פאַרגרעסערט די צאָל זייטן פון זעקס אויף אַכט. ער האָט באַזייטיקט פונם „פאָרעווערטס" אַלע „שווערע" אַרטיקלען. אויפגעגעבן די סאָציאַליסט־טישע פּראָפּאַגאַנדע אַרטיקלען און פאַרביטן זיי מיט „היומען אינטערעסט" — פשוט גערעדט — מיט סענסאַציאָנעלע פיקאַנטע נייעס־באַריכטן און באַ־שרייבונגען.

אַלע אַרטיקלען האָבן געדאַרפט געשריבן ווערן אין „אידישן אידיש", וואָס דאָס האָט געמיינט אין דער מאַרק־שפּראַך, און נישט געברויכן קיין ביכלדיקע, ליטעראַרישע אָדער אינטעליגענטישע ווערטער.

דאָס האָט בלויז אין פיר חדשים צייט אַ הויב געטאָן די צירקולאַציע פונם „פאָרווערטס", פון זעקס טויזנט אויף ניינצן טויזנט — מער ווי דריי דריי מאָל אַזויפיל; אָבער דאָס איז ערשט געווען דער אָנהויב. די הויפּט־רעפאָרם, האָבן די קאַהאַניסטן באַהויפּטעט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט צענדליקער טויזנטער נייע לייענער, איז געווען דאָס „בינטל בריוו".

דעם דאָזיקן אויפטו האָט קאַהאַן באַטראַכט פאַר אַזוי וויכטיק, אַז די ערשטע דריי יאָר האָט ער אַליין געמוזט געבן די ענטפערס אויף אַלע פראַגעס און האָט אויסגעאַרבעט מוסטערן פאַר די שפּעטערדיקע ענטפערס אין משך פון צענדליקער יאָרן. ערשט דערנאָך האָט ער אָנפאַרטרויט דעם „בינטל" צו ב. פייגענבוים'ען און צו אַנדערע.

אוודאי האָבן די סאָציאַליסטן פּראָטעסטירט, וואָס זייער צייטונג האָט אויפגעהערט פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם און אויסגעביטן עס אויפ'ן „בינטל קולט". כדי איינצושטילן די טענות האָט קאַהאַן געגרינדעט דעם וועכנטלעכן „צייט־גייסט", אָנצופירן מיט אים סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אים אַליין רעדאַגירט און איבערגעדרוקט דאָרט זיינע פּאָפּולאַריזאַציעס פון מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל" און פון דאַרוויניזם. אין 10 מאָנאַטן שפּעטער האָט ער שוין איבערגעגעבן די רעדאַקציע פונם „צייט־גייסט" אין די הענט פון ש. פעסקין און ה. בורגין. זיין צירקולאַציע האָט דערגרייכט אַ טיראַזש פון אַכט און צוואַנציק טויזנט.

קאַהאַנ'ס דערפאָלגן מיט די דאָזיקע אונטערנעמונגען האָבן אים שוין דערמוטיקט אַרויסצוגעבן אויך אַ מאָרגנצייטונג, אונטער פייגענבוים'ס רעדאַקציע, אָבער אונטער ז יי ן אױפזיכט. און מיט דער הויפּט־מיטאַרבעט פון מ. זאַמעטקין. די צייטונג איז הויפּטזאַכלעך געלעזן געוואָרן פון די מער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע עלעמענטן. זי איז אָבער געווען אַ צו־שווערע לאַסט פאַרן „פאָרווערטס", וואָס קאַהאַן האָט שוין, לויט דער פאָרווערטסיסטישער מיינונג אַזוי אויך אַרויסגעאַרבעט. אויפן עלפטן מאָנאַט איז זי אָפּגעשטעלט געוואָרן.

דאָס איז שוין געווען אין 1906. די אימיגראַנטן־כוואַליעס מיט טויזנטער באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטן פון אַלערליי ריכטונגען, און אין גרעסטן טייל פונם „בונד" האָבן טעגלעך פאַרגרעסערט די צירקולאַציע, וואָס קאַהאַנ'ס אָנהענגער האָבן זי מערסטנסטייל צוגעשריבן צום מאַגנעטיזם פון בינטל־בריוו.

דער דערפאָלג פונם „פאָרווערטס" האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויך פון דער ענגלישער סענסאַציאָנעלער פּרעסע, אַזוי אַז אַ פּראָפעסאָר

(דוכט זיך פון זשורנאַליזם) פון שיקאַגער אוניווערסיטעט האָט זיך אויף אַזויפיל פאַראינטערעסירט מיטן „בינטל בריוו" אין „פאָרווערטס", אַז ער האָט זיך גענומען לערנען יידיש, כדי צו לייענען אין אָריגינאַל „די קלוגע ענטפערס", וואָס ציען צו אַזאַ עולם (זע לעקסיקאָן, באַנד 3).

אָבער פון דער צווייטער זייט האָט דער דאָזיקער דערפאָלג פון אב. קאַהאַנ'ס מעטאָדן אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט צווישן די אָרגאַ־ניזירטע סאָציאַליסטן פון איין זייט, און צווישן דער יידישער פאָלקס־אינ־טעליגענץ פון דער צווייטער זייט. אפילו אינם אַרבעטער־רינג, וואָס האָט וואָס ווייטער זיך גענומען אידענטיפעצירן מיטן „פאָרווערטס", זיינען אויך אין פיל ברענטשעס געשאַפן געוואָרן אַנטי־„פאָרווערטס" גרופירונגען. אין 1913, אויפן צוזאַמענפאָר אין ניו־יאָרק פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדע־ראַציע, האָבן בלויז 2 „פאָרווערטס"־פאַרטרעטער געשטימט קעגן אַ רעזאָ־לוציע אויפצופאָדערן דעם רעדאַקטאָר פונם „פאָרווערטס" אָפצוגעבן מער פלאַץ פאַר דער „באַוועגונג" און פאַר דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. דער שרייבער פון די שורות איז געווען איינער פון דער דעלעגאַציע צו קאַהאַנ'ען. דער רעדאַקטאָר איז געווען צו פאַרנומען אויסצוהערן אַלע אונדזערע טענות, און האָט פאַרזיכערט, אַז מ'טוט אַלץ, וואָס איז מעגלעך צו „העלפן דעם סאָצי־אַליסטישן אידעאַל".

אין זיין יובילײ־אַרטיקל אין „פאָרווערטס", דעם 4טן מאַי, 1947, גיט אב. קאַהאַן אַליין אָן, אַז איינער פון זיינע אויפטוען איז געווען, וואָס ער האָט נישט פאַרנומען קיין פלאַץ אין „פאָרווערטס" מיט ענטפערס אויף די אַטאַקעס פונם „אָבענדבלאַט". די דאָזיקע טאַקטיק צו פאַרשווייגן אינגאַנצן קעגנער און ניט אַרויסלאָזן זייערע נעמען אפילו אויף די צייטונגס־קאָלומנס, האָט קאַהאַן אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. ער האָט אָבער אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן שוין אַזוי שטרענג נישט נאָכגעפאָלגט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַקעמפן די לינקע עלעמענטן.

בכלל אָבער האָט אב. קאַהאַן אויסגעפירט זיין צייטונגס־פּראָגראַם, וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט דעם 15טן מערץ, 1902, אין אַ באַזונדער קעפּטעלע, ווי אַ מוסטער פאַר די לייענער:

אין דעם מאָרגנדיקן נומער וועט מען געפינען אַרטיקלען —

1. וועגן איירישע אָדער איטאַליענישע קריסטן, וואָס האָבן זיך מגייר געווען צוליב מעדכען פון יידישן קוואַרטאַל. דאָס זיינען אמת'ע פּאַסירונגען מערקווירדיגע ליבעס־געשיכטעלעך.

2. וועגן אָרעמע יידן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין קאָלעדזשעס און נאַיט־סקול.

3. פראַצענטניקעס אין די סוועט־שעפּער.
4. אייגענע און פרעמדע, נייע אָפּטיילונגען פון מעשה׳לעך, ווערטלעך וויצן, מייסטנס וועגן פרויען.
5. נייער ראָמאַן „פראַצענטניק׳ס טאָכטער".
(ציטירט לויט ס.ד. לעווין׳ס „50 יאָר „פאָרווערטס")

צו באַהויפּטן, אַז אַזעלכע מינים אַרטיקלען דאַרפן זיין די מוסטערן פאַר אַ יידישער סאָציאַליסטישער ציימונג, און אַז מיט זיי קאָן מען דערגרייכן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אויפהויבן דעם קולטור־ניוואָ פונם יידישן פאָלקס־מענטשן, אָדער אַז דער דערפאָלג פון אַזאַ ציימונג דאַרף געמאָסטן ווערן לויט דער הייך פון דער געביידע, אין וועלכע זי דערשיינט איז, מילד גע־רעדט, ווי אַנגעמאָסטן פאַר אַ קליינבירגערלעכן וועלט־אַנשוי פון אָפּאָרטוניזם און שונדיזם.

צום באַדויערן, און צום שאַדן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און צו איר קולטור, איז נישט בלויז די דאָזיקע איינשטעלונג קאַהאַנ׳ס פאַר־געזעצט געוואָרן אין די ווייטערדיקע יאָרצענדליקער, נאָר צו איר זיינען נאָך צוגעקומען די טעלעבענדע־סעריעס, און ענלעכע מינדערגראַדיקע גייסטיקע שפייזן. דאָס האָט דערנאָך גענומען האַרמאָנירן מיט שטעלונגען, וואָס זיינען אין עצם געוואָרן קעגנזעצלעך צו די אַרבעטער אינטערעסן און אידעאַלן. אַזעלכע דערשיינונגען, ווי אַרבעטער־סטרייקער זאָלן שטורעמען די פענצטער פון „פאָרווערטס" צוליב שטעלן זיך אויף דער פּאָזיציע פונם קאָרופּטירטן יוניאָן־פירער פון די שניידער, טאָם ריקערט, וואָס האָט זיי נישט איינמאָל פאַראַטן, און קוקן דורך די ברילן אויף אַרבעטער־פּאַרפירער אין אַזעלכע פאַלן, זיינען געווען באַגלייט־טענער פון ערגסטן מין אָפּאָרטוניזם.

דאָס האָט געפירט צום צושטאַנד, אַז אין אַב׳ קאַהאַנ׳ס ציימונג זאָלן אָנ־גענומען ווערן סקעב־רעקלאַמעס, אַנאָנסן פון אַנטיסעמיטישע פירמעס און דאָס האָט ענדלעך געפירט צו פאַרשווייגן אויף טויט די יידישע שול־ באַ־וועגונג און ענדלעך צו דער אַנטי־סאָציאַליסטישער פּאָזיציע פון פאַר־וואַנדלען די ציימונג אין אַ געווער קעגן דער ערשטער סאָציאַליסטישער מלוכה אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אויסער דעם לאַגער פון די שרייבער, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט די שיריים פון זיין טיש, האָט אַב. קאַהאַן נישט געלאָזן כמעט קיינעם, וואָס זאָל זיך נישט האָבן מיט אים געראַנגלט און געריסן.

מיר מיינען דאָ ניט אַרויסהויבן די פיגור פון איינעם פון זיינע גרעסטע שונאים, ווי לואי מילער, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן נישט קיין קלענער־ער אָפּאָרטוניסט ווי ער אַליין. אָבער ראַפּטאָם גיבן זיך אַ שטעל אויס די

שורות פון אַלערליי יידישע פּערזענלעכקייטן אין אונדזער „קוואַרטאַל" און אדרבה! — ווער פון זיי האָט נישט געהאַט אַנגעגרייטע „שטיינער אין די קעשענעס" קעגן קאַהאַנ'ען, וועלכער האָט ז יי אונטערדריקט, באַליידיקט, ווייגעטאָן, און אין בעסטן פאַל — טויט-געשוויגן אין פאַרשיידענע צייטן.

נעמען מיר יצחק אייזיק הורוויטש, פייגנבוים, ליעסין, זאַמעטקין, זיין אייגענער שוואָגער — א. ש. זאַקס, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ד"ר גינזבורג, ד"ר ה. פּאַרגבערג, יעקב גאָרדין; פיליפּ קראַנץ, ד"ר זאָלאָטאַראָוו, יואל ענטין, ד"ר עג. סירקין, ל. בודין, ד"ר אב. קאַספּע, ד"ר י. מעריסאָן, ס.ק. שניפּאַל, י. באַראָנדעס, ש. יאַנאָווסקי, דר פ. ראָזענבלאַט, וו. עדלין, יהואָש; ל. קאָברין, יעקב מילך, א. וואָלינער, לאַמעד שאַפּיראָ, פּרץ הירשביין; מאָריס ראָזנפעלד, משה לייב האַלפּערין, משה נאַדיר, שלום אַש, שלום עליכם; געצל זעליקאָוויטש, מאָריס ווינטשעווסקי; אַלגין, וויפיל יידן האָט קאַהאַן פאַרשאַפט אַזעלכע מיטאַרבעטער, ווי אברהם רייזען, יונה ראָזנפעלד, זלמן שניאור; ה. בורגין, און אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי וולאַדימיר מעדעם און זיין פּיליאַריקן פאַרוואַלטער ב. וולאַדעק!

וויפיל מאָל האָט מאַקס פיין „שיר געפּלאַצט" (זיין אייגענער אויסדרוק), וואָס האָט נישט אַריינגעכאַפּט סידני הילמאַן, י. שלאָסבערג, אב. ביזנא — מיר ריידן דאָ שוין נישט וועגן לינקע שרייבער און יוניאָן-טוער! מיר ריידן דאָ שוין נישט וועגן אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דעניעל דע-ליאָן!

סימבאָליש האָט קאַהאַן געלאָזט אַ טיילוויזן זעלבסט-פּאָרטרעט אין זיין ראָמאַן „דהי ראַיז אָוו דעיוויד לעווינסקי". וואָס פאַר אַ הערלעכע, איינדרוקספולע, כמעט הייליקע געשטאַלט ער האָט פון דעיווידן אויסגעמאָלט אין זיין יוגנט. אָבער וואָס האָט זיך פון אים אויסגעלאָזט!

אינם שוין דערמאָנטן קאַהאַן-אַרטיקל אין דעם יובליי-„פאָרווערטס" פון מאַי, 1947, שטעלט ער זיך לענגער אָפּ אויף צ ב י ו נ'ע ן, ווען ער האָט פון א י ם גופא פריער ניט געהאַלטן. ער האָט בלויז געהאַלטן פון זיין טאַלאַנט. דאָס מיינט, אז אַלס רעדאַקטאָר האָט ער אים זייער געוואָלט האָבן און אַלס פּערזאָן נישט. „ביסלעכווייז אָבער", שרייבט ער, „האָב איך אַלץ דייטלעכער געפילט, אַז דער רעדאַקטאָר און דער פּערזענלעכער „איך" מיינער זייגען איינפאַרשטאַנען.. אָבער צביון פון זיין זייט איז אויך נישט געבליבן דער זעלבער: מיר האָבן זיך באַגעגענט און פאַראייניקט".

אַזוי האָט קאַהאַן זיכער געגלויבט. אַך, ווען ער וואָלט וויסן צביונ'ס מיינונג וועגן אים, נאָך פריער, איידער ער איז אַוועק אויף אַ שטיקל שפּאַציר מיט די לינקע, און אפילו דערנאָך, ווען ער האָט שוין „אין געוויסע זייער וויכטיקע פראַגן" געענדערט זיין מיינונג, און נישט נאָר מיינונג נאָר זיינע

געפילן. ניין, עס איז זיכער נישט געווען קיין „פאַראייניקונג" פון ליב־שאַפט און אַכטונג.

פון די שרייבער אין „פאָרווערטס" דערמאָנט קאַהאַן (דאָרט) זיינע שאַפער פון ליטעראַטור „אין דעם בעסערן זין פון וואָרט". ער רוקט אַרויס אַדערשלעגער'ן, באַטווינניק'ן, ז. לעווינ'ען, י. י זינגער'ן און יעקב אַדלערן ווי אַ ביישפּיל, ווי דער „פאָרווערטס" האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג פון זיינע לעזער". י. זינגער איז געוויס געווען אַ טאַלאַנט, אָבער מען מוז זאָגן, אַז נישט דער „פאָרווערטס" האָט אים באַ־פרוכפּערט, נאָר גיכער סטעריליזירט. דאָס זעלבע מיט י. אַדלער'ן, דעם טאַלאַנטפולן פּאָעט. וואָס האָט אב. קאַהאַן בייגעטראָגן צו אים, אויב נישט סטעריליזאַציע — מאַכנדיק אים צו ווערן אַ ב. קאָוונער, דער טעלעבענדע־פּאַיאַץ. איך האָב איינמאָל געזען „קאָוונערן" אין אַ פרייער שעה אין לעיקוואוד, מיט איבער 31 יאָר צוריק, און איך האָב געזען זיינע עגייסטיקע יסורים, וואָס ער קאָן זיך צוריק ניט פאַרוואַנדלען אין דעם, וואָס ער איז געווען — אין י. אַדלער'ן, נאָר מוז אַלץ בלייבן אַ „גאַליציאַנער קאָוונער".

ניין, די פאַרדינסטן פון אב. קאַהאַנ'ען ליגן אויף יענער זייט גרענעץ אין זיין לעבן, ווען ער האָט נאָך נישט דורכגעמאַכט זיין שונד־שולע אין דער בורזשואַזער ענגלישער פּרעסע, און ווען ער האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זי אין „פאָרווערטס".

אב. קאַהאַן איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון איין און ניינציק יאָר. ער האָט געקענט איינבינדן זיין נאָמען אין איין בוקעט מיט די וויכטיקסטע פּיאָנערן אין דער באַוועגונג, וואָס איז באַרופן צו ווערן די איבערשאַפערין פונם מענטשלעכן לעבן אויף אונדזער ערד. איז ער אָבער אַוועק אין דער פאַר־קערטער ריכטונג.

וויקטאָר בערגער — דער ערשטער סאָציאַליסט
אין דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס
קאַפּיטל צוויי און פופציק

ווי אומעטיק און פאַרלאָרן עס מוז זיך פילן דעם ערשטן פויגל, ערב אָנקום פון פרילינג. ווען ער לאָזט אַרויס זיין ערשטן האַלז־טרעל און הערט בלויז דעם איינציקן עכאָ פון זיין אייגענעם קול. אָבער דעם ערשטן סאָציאַליסטישן קאָנגרעסמאַן אין וואַשינגטאָן איז ניט געווען אומעטיק, ווען ער האָט גע־האַלטן זיין ערשטע סאָציאַליסטישע אַנטי־אימפּעריאַליסטישער רעדע. ער האָט זי געהאַלטן מיט אַ זיכערער פעסטער שטים. אינם שטאַט וויסקאָנסין וואו ער איז דערוויילט געוואָרן, איז ער נישט געווען דער איינציקער. וויס־קאָנסין בכלל, נאָך איידער די מעקאַרטיס האָבן זי פאַראומווירדיקט מיט זייערע סמ׳יקע אַטעמס, און מילוואָקי בפרט, האָט שוין אין 1910 אַריינגעפירט סאָ־ציאַליסטן אין דער שטאַט־פאַרוואַלטונג און אין דער שטאַט־אַסעמבלי. מיל־וואָקי איז דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע פעסטונג פון די סאָציאַליסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

און וויקטאָר ל. בערגער האָט געהאַט אַ היפּשן חלק אין שאַפן און אויפבויען די דאָזיקע פעסטונג. פאַקטיש האָט ער מיט זיין אומאויסשעפּלעכער ענערגיע און יוגנטלעכער באַגייסטערונג פיל ווייטער און ברייטער ווי אין דער פעריפעריע פון מילוואָקי און וויסקאָנסין געווירקט. אין די גרויסע דייטשע ישובים פון שיקאַגאָ און סט. לואיס, פון סינסינעטי און דעטראָיט, די דייטשע סאָציאַליסטישע צייטונג „מילוואָקיער טעגליכע פאָרווערטס" און די „וואָרהייט".

בערגער איז אויך געווען דער ערשטער פירנדיקער סאָציאַליסט, וואָס האָט נאָך אין 1892 געמאַכט אַ קאָנטאַקט מיט דעם באַרימטן אייזנבאַן־אַרבעטער פירער יודזשין וויקטאָר דעבס, ווען מ׳האָט אים אַריינגעזעצט אין דער וואוד־סטאָק טורמע פאַר אָנפירן קעגן אַן אינדזשאָנקשאַן מיט דעם אייזנבאַנער

סטרייק. ער האָט דעבס׳ן באַזאָרגט מיט די ווערק פון מאַרקס און לאַסאַל, מיט סאָציאַליסטישע צייטשריפטן און אין 1893 אויף אַזויפיל זיך מיט אים באַפריינדעט, אַז זיי זיינען געוואָרן אויף אַ היפשער צייט נאָענטע חברים, טאַקע אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וואָס זיי ביידע האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע האַנט אין אַרויסרופן זי צום לעבן אינם יאָר 1900.

וויקטאָר בערגער איז געבאָרן געוואָרן אינם יאָר 1860 אינם דייטשן שטעטל פון נידער רעהבאַך, אין עסטרייך-אונגאַרן. זיינע עלטערן, אסימי־לירטע יידן, זיינען געווען היפשלעך פאַרמעגלעך און געגעבן אים גוטע דערציאונג אין דער דאָרטיקער שול־סיסטעם. ער האָט געענדיקט גימ־נאַזיע נאָך נישט זייענדיק קיין 16 יאָר, און איז אָנגעקומען שטודירן אין בור־דאַפעסטער אוניווערסיטעט און שפּעטער אינם יורידישן פאַקולטעט.

אָבער דאָ האָט דער עקאָנאָמישער קריזיס אין צענטראַל־אייראָפּע, אין 1878, אויך איבערגענומען דעם עלטערן בערגער׳ס געשעפטן. ער איז געבליבן פאַראָרעמט און געמוזט זיין זייער פייאיקן וויקטאָר אַרויסנעמען פונם אוני־ווערסיטעט. אין דער זעלבער צייט איז שוין וויקטאָר אין ווין אָנגעשטעקט געוואָרן מיט סאָציאַליסטישע געדאַנקען. און ווען ער איז מיט אַ ביליקער שיף אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, אינם זעלבן יאָר, האָט ער שוין אין זיין מוח געפירט אַ נישקשה׳דיקן באַגאַזש פון סאָציאַליסטישע אידייען.

וואו ער איז אַלץ איבערגעווען אין דייטשע ישובים אין די ערשטע צוויי יאָר אין אַמעריקע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשע אימיגראַנטן, וואָס האָבן נאָך געהערט „אין דער אַלטער היים" רעדן „אים אַליין", דעם גרויסן דעמאָלסט־אַרטיקן אָראַטאָר — פערדינאַנד לאַסאַל.

אין שיקאַגאָ האָט זיך נאָך וויקטאָר בערגער געטראָפן מיטן פיל־עלטערן יוליוס וואָהלטייך, לאַסאַל׳ס סעקרעטער, וואָס האָט נאָך געלעבט אויף זיינע אַלטע לאַרבער־קרענץ. און ווען ער האָט זיך באַזעצט אויף „להשתקע" (לעהישטאַקעיאַ — אויף שטענדיק צו פאַרבלייבן) אין מילוואָקי, אין יאָר 1880, אין דעם סאַמע האַרץ פונם דייטשן ישוב, האָט זיך דער יונגער צוואַנציק יאָריקער וויקטאָר שנעל־אָריענטירט אין דער נייער סביבה. מיט זיין פּראַק־טישן חוש און אַלגעמיינע אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן, פאַרלייגט ער צו־זאַמען מיט נאָך חברים אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע.

ער אליין איז געוואָרן אַ פאַבריק־אַרבעטער ביי מעטאַל. ער האָט דאָרט היפשלעך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליינבירגערלעכע שטריכן פונם פריער־דיקן יוגנט־לעבן. ענערגיע האָט ער געהאַט אַ וועלט! האָט ער געאַרבעט אין פאַבריק, שטודירט און דערלערנט זיך זייער שנעל אַ גוטן, קאָלירפולן ענגליש, און אויסגעהאַלטן עקזאַמען אַלס לערער אין אַ פּאָבליק־סקול.

דעמאָלט, אַלס לערער, האָט ער שוין מער צייט ווי אין דער פאַבריק. ער אָרגאַניזירט נייע סאָציאַליסטישע ברענטשעס, האַלט פאַר זיי לעקציעס אין ענגליש, אין דייטש, שרייבט אָפט פאַר דער דייטשער „פאָלקס־צייטונג". ווען די דאָזיקע צייטונג ווערט אין 1892 פאַרוואַנדלט אין דער אָפּענער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דייטשער צייטונג „מילוואָקיער טעגלעכע פאָר־ווערטס", ווערט ער נאָך טיכטיקער אַלס זשורנאַליסט און אין 1898 ווערט ער אַליין רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

בערגער איז די גאַנצע צייט נישט געווען שווה בשווה מיט דער „סאָציאַליסטישער לעיבאָר פּאַרטיי", ווי זי איז געפירט געוואָרן פון דעניעל דעלעאָן. די סעקטאַנטישקייט פון דער דאָזיקער פּאַרטיי און איבערהויפּט אין איר בליק אויף דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָט איר כסדר געפירט צו דעם גרויסן בית־עולם, אויף וועלכן די געשיכטע האָט שוין אויסגעשפּרייט אַ גוטן מנין קברים פון סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן און אָרגאַניזאַציעס דאָ אין לאַנד.

פאַקטיש זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן געווען פריער דאָס הויפּט־לאַנד, וואו אַלערליי אוטאָפּיסטישע פאַנטאַסטן האָבן געמאַכט דאָ זייערע סאָציאַלע עקספּערימענטן. צו זיי זיינען נאָך צוגעקומען אַלערליי סאָציאַל־רעליגיעזע סעקטעס, אָנהויבנדיק פון די „שייקערס" קאָמוניסטן, ביז דער „אָנידאָ געמיינדע" פון דזשאָן האַמפרי נאָיעס. דאַן — דער פעריאָד פון די „אוען־עקספּערימענטן" מיט קאָמוניסטישע קיבוצים, דערנאָך די גרויסע גרופּעס און פאַלאַנקסן פון די פוריערייסטן, דאַן די קאָמונעס פון די איקאַריענס און קאַבע'ס מאַרמאָן־ישוב.

אין דער מאָדערנער צייט, ווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָט גענומען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אינדוסטריעל לאַנד, האָבן דאָ שוין אָנגעהויבן ווירקן די ערשטע דייטשע אימיגראַנטן, די גימנאַסטישע אַרבעטער־קלובן און יוניאָנס, די דייטשע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען מיטגלידער פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און געקומען אָנטיילנעמען אינם בירגער־קריג, נאַטירלעך אויף דער זייט פון לינקאָלן און פון די אַבאָליציאָניסטן, די פאַר־שיידענע אַרבעטער־אַסאָציאַציעס, אַלערליי פאַך־יוניאָנס מיט סאָציאַליסטישע צילן, פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, ביז דער אָרגאַניזירונג פון דער „סאָ־ציאַליסטישער לעיבאָר פּאַרטיי" (עס.־על.־פּי). שוין ניט רעדנדיק וועגן די אַנאַרכיסטישע גרופּירונגען. דאַן די הענרי דזשאָרדזש באַוועגונג.

בערגער האָט אָנטיילגענומען אין דער אָרגאַניזירונג פון דער נייער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין 1898, אָבער אויך דאָ האָבן זיך איינ־געכאַפּט פרעמדע עלעמענטן, וואָס האָבן געצויגן צו די אַלטע אוטאָפּיעס פון איזאָלאַציע — „אויפבויען אַ סאָציאַליסטישע שטאָט און ווייזן אַ פּאַקטישן

ביישפּיל, ווי סאָציאַליזם אַרבעט״. דאָס האָט גלייך געבראַכט די באַוועגונג צו אַ שמאָלן טעמפּן ווינקל.

מער ברכה האָט אויסגעזען צו זיין די נייע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס בערגער, דעבס און הילקוויט האָבן אָרגאַניזירט אין 1900 פון די פריערדיקע באַוועגונגען.

אין אָט־די שנעלע וואוקסן פון דער עס־פּי, וואָס איז פון וועלכע עס איז פינף טויזנט מיטגלידער אין 1900 אויסגעוואַקסן אין 1912 ביז אַ פּאַרטיי פון 136 טויזנט מיטגלידער, און אַ וויילערשאַפט פאַר דעבס׳ן אַלס פּרעזידענט פון אַ קנאַפּן מיליאָן, האָט וויקאָר בערגער געהאַט אַ גרויסן חלק.

די ערשטע זיגן פון דער עס־פּי אין מאַסאַטשוזעטס, זיינען אין 1910 און 1911 נאָכגעפאָלגט געוואָרן אין וויסקאָנסין און איבערהויפּט אין מילוואָקי, דורך געווינען דעם מעיאָר אַמט, פאַר מעיאָר עמיל זיידל און פאַר בערגער׳ן די דערוויילונג אין קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. אויסער צענדליקער אַנדערע קלענערע אַמטן אין שטאָט און אין שטאַט וויסקאָנסין.

נאָך אַ קאָאַליציע פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען איז בערגער דורכגעפאַלן אין די 1913 קאָנגרעס וואַלן, און אין די נאָכפאָלגנדיקע וואַלן פון 1915 און 1917. אָבער אנשטאָט זוכן די טיפערע סיבות פאַרוואָס אַזעלכע קאָאַליציעס קענען דורכוואַרפן דעם ווילן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און באַזייטיקן זיי, איז דער פּראַקטישער און ביז דעמאָלט מאַרקסיסטיש־דורכגעדרונגענער בערגער, אַוועק אין די אָפּאָרטוניסטישע פעלדער צו שניידן „סאָציאַליסטישע תבואה״.

אפילו אַזעלכע „געררעטעענישן״ זיינען נישט געקומען. וויל ווען די וואַלן אין 1918 און אין 1920 האָבן ווידער געררופן בערגער׳ן צום קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן, האָט די רעגירונג גע׳פּסל׳ט די וואַלן, צוליב זיין „אומפּאַטריאָטישקייט״ אין צייט פון דער מלחמה און פאַר זיין קעגנערשאַפט, אַז אַמעריקע זאָל אַריינטרעטן אין דער מלחמה. מען האָט אויסגעטייטשט, אַז די סאָציאַליסטן ווילן, אַז דייטשלאַנד זאָל געווינען די מלחמה. פאַקטיש איז עס געווען דער וואונטש, אַז דער צאַר זאָל פאַרלירן.

די דאָזיקע אויסטייטשונג האָט אַ געוויסע צייט געהאַט אַן אָנהאַלט. אַזוי לאַנג ווי דער יידישער (טעגלעכער) „פאָרווערטס״ איז אויך געווען מער גינסטיק צו די דייטשן ביז דער צייט ווען אַמעריקע איז אַליין אַריין אין דער מלחמה. דעמאָלט ערשט האָט זיך אין „פאָרווערטס״ געשאַפן אַ פאַרקערטע שטעלונג. נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דער צוזאַמענפאָר פון דער עס־פּי אין סט. לואיס, האָט אין 1917 אָנגענומען אַ היפשלעך שאַרפע רעזאָלוציע קעגן אַמעריקע׳ס באַטייליקן זיך אין דער מלחמה.

בערגער איז דעמאָלט געוואָרן אָנגעקלאָגט אין הויך־פאַרראַט צו דער

רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און אין „געבן הילף און קאַמפאָרט צום שונא״. דער פעדעראַלער ריכטער קענעסאָ מאונטעין לאַנדיס, האָט אים פאַר׳משפט אין 1919 צו צוואַנציק יאָר טורמע. אָבער ווי דער קריג־פיבער אין לאַנד האָט זיך עטוואָס איינגעשטילט, האָט בערגער׳ס אַפּיל צום סופרים־קאָורט אין 1921 געוואונען אַ גרויסן זיג. אַלע באַשולדיקונגען קעגן אים אין פאַראַט זיינען אָפּגעווישט געוואָרן, און ער איז ווידער געווען אַ קאַנדידאַט צום קאָנגרעס.

אין 1922, אין אַ הייסער וואַל־קאַמפּאַניע איז ער ווידער דערוויילט געוואָרן מיט אַ גרויסער פּלוראַליטעט, און דערנאָך, אין משך פון נאָך דריי קאַמפּאַניעס, כסדר ווידער דערוויילט געוואָרן מיט אַלץ גרעסערע פּלוראַ־ליטעטן. מיר וועלן שפּעטער זען די אורזאַכן פון ד ע ם דערפאָלג און דעם דערפאָלג פון זיין נייער צייטונג „דהי מילוואָקי לידער״.

עס טרעפט נישט זעלטן, אַז אויסגעהאַלטענע, פאַרהאַרטעוועטע פירער, וואָס האָבן שוין הינטער זיך לאַנגע, שווערע קאַמפּס־יאָרן, הייבן אָן אַרויס־צואווייזן טענדענצן צו נאָכגיביקייט, צו קאָמפּראָמיסן. דאָס טרעפט, ווען זיי הייבן אָן צו באַשטייגן די ערשטע שטאַפּלען פון דערפאָלג. מיט דער צייט, ווען זיי פילן זיך שוין העכער אויפן לייטער, זיינען זיי אפילו קאַפּאַבל צו ווערן „פאַרהאַרטעוועטע אָפּאָרטוניסטן״. זיי נעמען דעמאָלט באַטראַכטן אַלע אומקאָמפּראָמיסלער, ווי פאַרפאַלענע סעקטאַנטן און אין בעסטן פאַל — אוטאָפּיסטן.

די דערפאָלגן אין מאַסאַטשוזעטס, מאָנטאַנאַ, אָהייאָ, שיקאַגאָ, און אוודאי אין וויסקאָנסין בכלל און אין מילוואָקי בפרט, האָבן היפּשלעך גענומען פאַרוואָסערן דעם סאָציאַליסטישן ווייַן. די טיילווייזע דערפאָלגן, אָפּטמאָל פון גאָר קליינע האַלב־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, ווי די אַרבעטער־פּאַרטייען אין קאַליפאָרניע, ניו יאָרק און אַנדערע שטאַטן, די בעלאַמי־קלובן, די פּאַביאַנער געזעלשאַפטן, די פּאָפּוליסטן, די סינגעל־טעקסער און די קוואַזי־סאָציאַליס־טישע באַוועגונג פון ה ו י ר ס ט׳ן האָבן נאָך פריער דערמוטיקט פאַרשיי־דענע אָפּאָרטוניסטן, און פרינציפּיעלע רעפאָרמער.

וויקטאָר ל. בערגער האָט אָן ספק גוט געוואוסט די געשיכטע פון די אַלע באַוועגונגען ביז אים. די דייטשן אַליין האָבן, אין אַמעריקע, געהאַט פיל וואַריאַציעס פון פאַרעווע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, לאַסאַל־קלובן דראַמאַטישע גרופּעס, געזאַנגס־פאַראיינען און זייערע צייטווייליקע דערפאָלגן. ער האָט אמת, קיינמאָל נישט גוטגעהייסן מיט׳ן פולן מויל דעם גאָמפּער־סיזם פון דער אַפּ. אָוו. ל. אים צומאָל אפילו מילד באַקעמפט אינם „מילוואָקי לידער״, און קיינמאָל נישט מיט דער שאַרפקייט ווי ער האָט באַקעמפט די

אַי־דאַבליו־דאַבליו, אָבער זיכער האָט ער צוגעשריבן איר דערפֿאָלג אין גרייכן איבער צוויי מיליאָן אַרבעטער (אין יענער צייט) צום רעפֿאָרמיסטישן און נאָכגעבערישן טאָן פֿון אירע פֿירער.

געוויס האָט ער דעמאָלט אויך געהאַט פֿאַר זיינע אויגן דעם גרויסן דערפֿאָלג פֿונם „פֿאָרווערטס", וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געלייענט, ווייל ער האָט אַפילו קיין אַיין יידישן אות נישט געקענט, אָבער נישט איינמאָל גערעדט מיט דעם שרייבער וועגן דעם שטייגן פֿונם „פֿאָרווערטס" און וועגן זיין רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן.

ווי אַ פֿאָרטרעטער פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע אין דעם נאַציאָנאַלן אָפֿיס פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז מיר אויסגעקומען צו זיין אָנוועזנדיק, אַלס סעקרעטאַר־איבערזעצער, ביי אַלע זיצונגען פֿון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פֿון דער פּאַרטיי, און ביי די צוזאַמענפֿאָרן פֿון איר ברייטער נאַציאָנאַלער קאָמיטע, אין די פֿינף און אַ האַלב יאָר — פֿון 1913 ביזן שפּעטן פֿרילינג פֿון 1919. בערגער האָט נישט פֿאַרפֿעלט קיין איינעם פֿון די מיטינגען, און זעלטן ווען דורכגעלאָזן אַן איינציקע סעסיע, אַפילו ווען ער איז נאָך געווען אין קאָנגרעס (אין 1913).

אין אַ היפּשער מאָס האָט ער דעם ענגלישן „מילוואָקי לידער" מאָדולירט לויט דעם יידישן „פֿאָרווערטס" מיט זיין איבערוואָג פֿון אַלגעמיין־מענטשלעכע („יומען אינטערעסט") אַרטיקלען און מיט וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער סאָציאַליסטישע מאַטעריאַלן, און באַזונדערס אין זינען פֿון פּאַרטיי־דאָקומענטן און אָפֿיציעלע רופֿן. ווען דער „מילוואָקי לידער" איז געוואָרן אַ גרויסע צייטונג לויטן מוסטער פֿון די בירגערלעכע צייטונגען מיט אַ מאַסע אַנאָנסן איז בערגער, ווי זיין שעף־רעדאַקטאָר, כסדר געוואָרן אַלץ מער גענייגט צום סאַמע רעכטסטן פֿליגל פֿון דער פּאַרטיי.

כאָטש ווייט נישט קיין דעבס, נישט אין פּרינציפּיעלן זין און נישט אין אַראַטאָרישן, פֿלעגט נישט זעלטן פֿון אים זיך געבן אַ כאַפּ אַרויס דער פֿריערדיקער קעמפֿער. אַזוי געדענק איך איין סצענע אויף אַ סעסיע פֿון דער פּאַרטיי־עקזעקוטיווע, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, אין פֿרילינג פֿון 1914, ווען עס איז פֿאַרהאַנדלט געוואָרן די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין וועסט־ווירדזשיניע אַרום דעם סטרייק פֿון די קוילן־מאַינערס, ווען די רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט סאָלדאַטן מיט געווער קעגן די מאַינער־פּיקעטס.

איך געדענק נישט געני בערגער׳ס ווערטער, אָבער דעם גייסט געדענק איך. אומגעפֿער האָט ער אין גרויס אויפֿרעגונג אויסגערופֿן:

„איצט איז די צייט צו ווייזן די אַמעריקאַנער אַרבעטער, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז די איינציקע, וואָס פֿאַרטרעט זייערע אינטערעסן

און בלוטיקט אין זייערע קאַמפּן. איך שלאָג פאָר, אַז די גאַנצע עקזעקוטיוו־קאָמיטע זאָל איבערררייסן איר זיצונג און פאָרן קיין וועסט־ווירדזשיניע צו שטעלן זיך אין דער ריי מיט די קעמפערישע מאַינער־פּיקעטס״.

פון בערגער׳ס שטעלונג זיינען אַלע איבערראַשט געוואָרן. הילקוויט האָט בלויז אַמענדירט דעם פאָרשלאָג, אַז „יעדער איינער פון דער עקזעקוטיווע, וואָס האָט נאָר די מעגלעכקייט, זאָל עס גלייך טאָן. הילקוויט׳ס אַמענדמענט איז דורכגעגאַנגען און כמעט אַ העלפט פון דער עקזעקוטיווע האָט דורכגעפירט פּיקעט־שטונדן אין איינעם פון די בלוטיקסטע וועסט־ווירדזשיניער אַרבעטער־קאַמפן.

פריער נאָך, אין זיין ערשטן טערמין, אין קאָנגרעס — 1912־1913, האָט בערגער׳ס קול געקלונגען מאָדנע ניי, אַזויפיל צוזאָגנדיק, אַזוי איבער־צייגנדיק. ער איז אַלעמאָל ווי די טויב צו נח׳ס תיבה, צוגעקומען מיט אַ פרישן בלאַט אין מויל, מיט אַ נייעם אַרבעטער־געזעץ פּראָיעקט, מיט אַלער־ליי רעפאָרם־נויטן.

ווי אַ קענער פון געשיכטע און פאַרלאַמענטאַריזם האָט ער שטענדיק געהאַט אַ ברייטע באַזע אונטער זיך. מיט זיינע פאַקטן און אָפּט גענויע ציפערן וועגן אַרבעטער געזעצגעבונג אין די פאָדערשטע לענדער אין איראָפּע איז ער געווען כסדר אַ דאָרן אין דער זייט פון די רעקציאָנערן אין ביידע בורזשואַזע פּאַרטייען. אויפן געביט פון אַרבעטער־געזעצגעבונג האָט זיך אפילו קיין איינער פון זיי נישט געפּרוּווט מעסטן מיט אים.

געוויינלעך האָט מען בערגער׳ן אין די לינקע פּאַרטיי־קרייזן נישט ליב געהאַט. אַזעלכע ווי טשאַרלס קער, ביל העיוואוד, אַדאָלף גערמער (געווען אַמאָל אַ לינקער) קעיט ריטשאַרדס אָ׳העיר, לוסיען סאָניעל, האָבן מיט אים נישט געהאַט קיין גוט לעבן. ער איז אָבער געווען גוטמוטיק און פאַר־געבלעך. געווען אין דער פּאַרטיי אַזעלכע, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ בעל־גאווה, פאַר אַ דעספּאָט, אַפילו פאַר אַ מענטשן־האַסער. אָבער זיי זיינען נישט גערעכט געווען.

געקומען זיינען אַזעלכע אומגערעכטע באַצייכענונגען בלויז, ווען מען האָט אים געפּרוּווט מעסטן מיט דעם אומפאַרגלייכלעכן ד ע ב ס ׳ן. ניט אַלע מאָל האָט איר ב ע ר ג ע ר ׳ן געזען אין גוטמוט, אין זיין ליבלעך און גרויסמוטיק. פיל מאָל פלעגט ער פאַרלירן זיין געדולד און — דעמאָלט איז פון אים אַרויסגעשפּרונגען אַ „ביזער דייטש״. דאָס זיינען אָבער געווען, אויף ווי ווייט איך האָב אים געקענט, בלויז זעלטנהייטן.

דערפאַר האָבן אפילו אייניקע זיינע ביטערע קעגנער אין דער פּאַרטיי באַוואונדערט זיין שטעלונג צו מלחמה וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אַן אויסגעהאַלטענע, אַ קעגנערישע צו יעדער מין אימפּעריאַליסטישע מלחמה.

כאַטש אַ ריי פון זײַנע קעגנער האָבן עס געפּרוּווט אויסטייטשן, אַז דאָס האָט זיך אין אים אָפּגערופן דער דייטשער פּאַטריאָטיזם פון זיין קינדהייט. זיי האָבן אים אָבער נישט געקענט פאַרלייקענען זיין קוראַזש, וואָס האָט זיך נישט געביטן בנוגע צו דער מלחמה־שטעלונג, ווי דאָס איז געווען דער פּאַל מיט אַנדערע. פיל, וואָס האָבן געשטימט אין סט. לואיס, ביז דער ס. פּ.־קאָנווענשאָן פ אַ ר דער אַנטי־מלחמה רעזאָלוציע, האָבן צוריקקומענדיק, אין עטלעכע וואָכן אַרום, גענומען אַרבעטן פאַר צוריקציען זי.

פאַר דעם דאָזיקן קוראַזש האָט בערגער געקראָגן צוואַנציק יאָר טורמע, און בלויז אַ נייער נאָך־מלחמה־ווינט האָט דעם דאָזיקן גרויזאַמען אורטייל אַריינגעבלאָזן אין ים אַריין. דער סופרים־קאָורט האָט אנגענומען זיין אַפּעלירנדיקן געדאַנק, אַז ער האָט מער אין זינען געהאַט מיט דעם צו ראַטעווען די צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער יוגענטלעכע, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס אין דער מלחמה.

אויף די זיצונגען פון דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז בערגער שטענדיק געווען דער ראש המדברים. ער איז געווען כמעט אויף אַלע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, איינער פון די וויכטיקסטע פירער. אין מערסטע פראַגן פלעגט ער גיין האַנט אין האַנט מיט הילקוויט׳ן. ווען עס פלעגט צווישן זיי ביידע טרעפן אַ צעטיילונג אין געדאַנקען, פלעגט בערגער אַ זאָג טאָן — „אי עם סאָרי, מאָריס, אי קענט סי יו אי טו אי דהיס טאַים״. דאָס פלעגט טאַקע זיין אַ זעלטנהייט.

זיין שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין דער ערשטער צייט געווען אַ גינסטיקע. איין סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי דער לעצטער סעסיע פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע, וואָס איך האָב נאָך באַזוכט אין שיקאַגאָ, אין מערץ 1918, מיט וויקטאָר בערגער׳ן אין צענטער, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דאָס איז געווען אַ זייער פאַרנומענע סעסיע און איניקע מענטשן האָבן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען געהערט צו ווערן ביי דער זיצונג. צווישן זיי איז געווען אַ דאַמע, וואָס איז געווען הילקוויט׳ס אַ באַקאַנטע. זי איז געווען זייער אַגרעסיוו אין דערשלאָגן זיך אַריינצוקומען און צו קריגן דאָס וואָרט. זי האָט סוף כל סוף אויסגעפירט אירס. מען האָט זי צוגעלאָזן, ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט זי הילקוויט פאַרגעשטעלט — קאַמרעד דר. אַנאַ אינגערמאַן.

זי האָט געקראָגן דאָס וואָרט. זי איז נאָר־וואָס געקומען פונם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד און זי וויל אויפקלערן די ס. פּ. וועגן דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר. און זי האָט אַוועקגעלייגט אַ בילד פון שרעק און טויט. זי האָט

געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער פון דער פערטל שעה, וואָס זי האָט געקראָגן — האָט זי בלויז געשאָטן פעך און שוועבל אויף לעניג׳ען און אויף זיין תורה, אויף טראָצקי׳ן און זיינע „ראַזבאַיניקעס״, וואָס מאָרדן און רויבן אין נאָמען פון באָלשעוויסטישן סאָציאַליזם.

פון גרויס אימפּעט און איבערעגונג האָט זי נישט אָנגעגעבן קיין איינ־ציקן גלויבלעכן פאַקט און זי האָט געקלונגען, ווי אַ פּאַרריקטע פון צאַרן; זי האָט אויפגעפאָדערט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון דער ס. פּ. אָנצו־נעמען אַ רעזאָלוציע פון פאַרדאַמונג פאַר צעטרייבן די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַלע פּאַרטייען, און פאַר פאַרכאַפּן קערענסקי׳ס מאכט אויף אַן אומגעזעצלעכן אופן. זי האָט פאָרגעלייענט אַ פאַר־דאַמונג־רעזאָלוציע.

אַ טויטע שטילקייט איז באַפאַלן, אויף אַ מאָמענט, די פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן קאַרל ד. טאָמפּסאָן, דער פּאַרטיי־סעקרעטער: מיר קאָנען נישט אָננעמען קיין רעזאָ־לוציע אָן אַ באַטראַכטונג און אַ אויסהערן אַ פאָרטרעטער פון דער באָלשע־וויסטישער רעגירונג. און מיר וועלן אייך בעטן צו האָבן געדולד, אַמווייניק־סטנס אַזויפיל ווי פּרעזידענט ווילסאָן. מיר האָבן פאַר זיך נאָך אַ היבשן טאָג־אָרדנונג.

דאָן האָט זיך ב ע ר ג ע ר אויפגעשטעלט: — קאַמרעד אינגעמאַן! — האָט ער זי אַ רוף געטאָן, ווען זי האָט זיך שוין אויסגעקערט אַרויסצוגיין אין גרויסן גרימצאָרן. קאַמרעד אינגערמאַן, קענט איר אונדז איבערגעבן כאָטש א י י ן פאַקט פון דעם, וואָס איר אַ ל י י ן האָט געזען, וואָס זאָל אונדז באַרעכטיקן נישט צו טעיבלען אייער רעזאָלוציע — אַ פאַקט פון וועלכער עס איז אוממענטשלעכקייט.

— אָ, געוויס, קאַמרעד בערגער — שטעלט זיך פאַר אַ בילד, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן — אַ גרופּע רויטע גוואַרדיסטן און אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע בוליגאַנעס, שטעלן אָפּ אַ טייערן אויטאָמאָביל, הייסן אַרויסגיין דאָס פּאַר־פּאָלק, ז י י ע ר אָנשטענדיקע מענטשן, הייסן דעם מאַן אויסטאָן דעם טייערן פוטער און אויפן פלאַץ טוט ער אָן, מיט געלעכטער און גרויס פרייד, איינעם פון די האַלב־נאַקעטע בוליגאַנעס, און גאָרנישט — זיי מוזן אַוועקפאָרן אָן דעם פוטער אין אַ מאָסקווער דעצעמבער־קעלט.. וואָלט איר זיך פאָרגעשטעלט אַזאַ רציחה! — אוי־וואַ! — מאַכט בערגער מיט קענטיקן שפּאַס — אַ רציחה!

זי האָט זיך זיך אָבער ווייטער געהיצט:

— ווי וואָלט איר געפילט, קאַמרעד בערגער, ווען איר וואָלט געווען

דער אייגנטימער פונם אויטאָמאָביל, ווען מ׳נעמט פון אייך אַראָפּ אַזאַ פּוטער אין דער שרעקלעכער קעלט?

— איך? — איך וואָלט אוודאי געווען גערעכט,ווען איך וואָלט געפילט אַז דאָס איז אַ גרויסע עוולה, אָבער איך האַלט, אַז דער האָלב־נאַקעטער אַרבעטער, אָדער אָרעמאַן, וואָס איר רופט אַן "כוליגאַן" אין אַזאַ פראָסט, ווי איר זאָגט, האָט פון אונדזער סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט געהאַט טויזנט מאָל מער רעכט צו דעם פעלץ. ווען איך, אַ פאַרמעגלעכער מיט אַ טייערן אויטאָמאָביל, קען אַריין אינעווייניק, און נישט געפראָרענערהייט קויפן אַן אַנדערן.

הילקוויט האָט בלויז צוגעגעבן, אונטער דעם געלעכטער פון די עק־זעקוטיוו מיטגלידער — „און איך וואונדער זיך פאַרוואָס זיי האָבן שוין אייך נישט צוגענומען דעם אויטאָמאָביל?"

ווי די „אָרעמע" דר. אַנאַ אינגערמאַן האָט געפילט אַרויסצולויפן אַ פאַרשעמטע איז שוין אַ טעמע פאַר אַ בעסערן דערציילער.

אויסער הונדערטער, אָדער אפשר טויזנטער אַרטיקלען און עדיטאָריעלס האָט בערגער נאָך זיך געלאָזן עטלעכע בענדער — „בערגערס בראָדסאַידס", און א באַנד „וואָיס ענד פּען".

בערגער איז אין די צוואַנציקער יאָרן געוואָרן קאָנגרעסמאַן צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי די גאַנצע עס־פּי, אויסער די לינקע מיט דעבס׳ן בראש. וואָס בערגער האָט אין דעם פּרט געזינדיקט ביז זיין טויט אין 1929, האָט שפּעטער פאַרריכט זיין פרוי הענריעטאַ — אַ הויך־געבילדעטע פרוי, אַ האַי־סקול לערערין. זי איז געפאָרן זען מיט אירע אייגענע אויגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און איז צוריקגעקומען אַ פריינדין און אַ וויכטיקע טוערין פאַר פריינטשאַפט צווישן אַמעריקע און די סאָוועטן..

קאַפּיטל דריי און פופציק

הענריעטא סזאָלד — איינע פון די באַרימטסטע פרויען פון דער היינטיקער צייט

אין די יונגע יאָרן אַ לערערין, אַ דערציערין פון דער יוגנט אין אַ רייכער געגנט, האָט הענריעטא סזאָלד נישט פאַרזען אירע ברידער און שוועסטער, אַריבערגעוואַנדערטע פון ווייטע לענדער מיט זייערע פעק פון צרות. האָט זי אין די אָוונטן זיי געלערנט, דערצויגן, געטרייסט און דערמוטיקט. נישט איין ברכה פון אימיגראַנטן איז געפאַלן אויף איר קאָפּ און ווען זי האָט אויפן 86טן יאָר פון איר לעבן אָפּגעגעבן דער וועלט, און איר פאָלק, דעם לעצטן אָטעם, האָט זי שוין געהאַט איר אָנדענק־שטיין פון אַפריער — אַ דאָרף אויף איר נאָמען אין ארץ ישראל — כפר סזאָלד.

פאַקטיש האָט זי מער ווי אַ דאָרף אין איר נאָמען. זי האָט אַ וועלט מיט מענטשן, מיט וועלכע זי איז געווען פאַרבונדן אין איר פיל טעטיקייטן און עס איז כמעט נישט צו געפינען אין ערגעץ אַ פלאַץ, וואָס איר פוס האָט באַטראָטן, וואו זי זאָל נישט האָבן געלאָזן נאָך זיך אַ שפּור פון טיפער מענטשלעכקייט און פון אַ דערהויבענעם באַוואוסטזיין.

הענריעטע סזאָלד איז געבאָרן געוואָרן אין באַלטימאָר, אינם יאָר 1860. איר פאָטער, דר. בנימין סזאָלד, איז אַליין געוועזן אַ גרויסע פערזענלעכקייט און מיט אַ שיינעם נאָמען אין דער געשיכטע פון זיין היימלאַנד, אונגאַרן. אַלס יונגער רעוואָלוציאָנער איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ווין. איר מוטער סאָפיע שאַר, זיינע אַ שילערין, מיט אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט און גוטסקייט, איז מיט אים צוזאַמען געקומען, שוין אַ שוואַנגערדיקע, קיין אַמעריקע, אויף דער רבנות־שטעלע אין באַלטימאָר.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען דער קאַמף צווישן שקלאַפעריי און באַפרייאונג האָט געהאַלטן אין מיטן ברען, און ווען הענריעטא איז געבאָרן געוואָרן איז צוגעקומען נאָך אַ שיינע מענטשלעכע באַשעפעניש אויף דער

וועלט. ווען זי איז אויפגעוואקסן איז זי געשטאַנען מיט ביידע פיס אינם לאַגער פון פרייהייט און אַלמענטשלעכער חשיבות.

„טימבאַקטו" איז געווען דער צונאָמען פון אַ שולע אויפצוקלערן און באַלייכטן די מוחות פון די באַפרייטע שקלאַפן. אַזוי האָבן זי גערופן די שקלאַפּאַקראַטן מיט חוזק. דאָרט איז געווען אויך איר פאָטער, דער הומאַניסטישער רב, אַ לערער. ווען די אימיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּיאישע לענדער האָט זיך פאַרפילפאַכט איז דאָס הויז פון די סזאָלד׳ס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פון די הילפלאָזע אימיגראַנטן. דאָרט האָבן זיי געפונען הערצער, וואָס האָבן מיט זיי מיטגעקלאַפּט. „עוזר דלים" האָט מען גערופן זייער הויז.

אין דער זעלבער צייט איז דר. סזאָלד נישט געווען קיין צו־גוואַלטיקער רעפאָרמער. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט פאַר דער הייליקייט פון שבת, פאַר העברעאיש און פאַר זיין גרעסטענער טאָכטער הענריעטא (זע וועגן אים גופא אין מיין ערשטן באַנד „פערזענלעכקייטן"). זי ווידער האָט איבערגענומען פון אים זיינע בעסטע שטריכן, און זי האָט אים פיל אַריבערגעיאָגט. מען וועט אים מער געדענקען אַלס דער פאָטער פון הענריעטאַ סזאָלד.

יאָ, שוין דעמאָלט ווען זי איז נאָך געווען אַ יונגע לערערין פאַר רייכע קינדער, האָט שוין איר האַרץ זיך באַאומרואיקט וועגן גורל פון די אויסגעוואָרצלטע און הילפלאָזע. אפילו אין די הויכע קרייזן איז אָנערקענט געוואָרן איר קולטור־טרעגערישע טעטיקייט צווישן די אָרעמע פאַרוואָרלאָזטע יידישע אימיגראַנטן.

העברעאיש — האָט זי געהאַלטן פונקט ווי איר פאָטער — איז די אַלגעמיינע פאַרבינדונגס־שפּראַך, וואָס יידן, צעשפּרייטע איבער אַלע קאָנטינענטן און אינדזלען, פאַרמאָגן. האָט זי שטודירט די דאָזיקע שפּראַך און אירע אַלטע און נייע ליטעראַטורן; די איינציקע פרוי, וואָס האָט שטודירט אינם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר פון אַמעריקע, איינע פון די גרינדער פון דעם „נאַציאָנאַלן ראַט פון יידישע פרויען". טאַקע פאַר דעם דאָזיקן ראַט, האָט זי אין באַלטימאָר, נאָך אין 1895, דריי יאָר נאָך איידער דר. הערצל האָט אַרויסגעבראַכט דעם ציוניסטישן געדאַנק, אַרויסגעזאָגט זיך צו אַרבעטן פאַר דער גרינדונג פון אַ יידישער רעפובליק אין ארץ ישראל.

זי האָט אין משך פון אַ סך יאָרן געהאַט אַ האַנט אין די פאַרלאַגטעטיקייטן פון דער „יידישער פאַרלאַג־געזעלשאַפט" („דזשואיש פּאַבליקעישאַן סאָסייעטי אָוו אַמעריקע"). פריער פרייוויליק, דערנאָך אַלס אָנגעשטעלטע, האָט זי געדינט, ווי איבערזעצער, פאָרשער, קאַטאַלאָגירער, קאָרעקטור לייענער, געהילפס־רעדאַקטאָר און רעדאַקטאָר פון פיל בענדער יידיש־

ענגלישער ליטעראַטור און קולטור־ווערק. אייניקע פון אירע ווערטפולע אי־בערזעצונגען זיינען — „יידישע לעגענדעס״ פון לואיס גינצבורג, „עטיקס פון יודאַאיזם״ פון מאָריץ לאַצאַרוס און דר. נחום סלושטש׳ס „אויפלעבונג״ (אין העברעאיש).

ביז 1916 איז זי געווען דער סעקרעטאר פון דער ליטעראַטור־קאָמיסיע פון דער פריער־דערמאָנטער פאַרלאַג־געזעלשאַפט. אין משך פון יאָרן האָט זי, צוזאַמען מיט דר. סיירוס אַדלער, רעדאַגירט די יאָרביכער פון דער אַמעריקאַנער יידישער פאַרלאַג־געזעלשאַפט.

איר הויפּט־פּלאַץ אין דער יידישער געשיכטע פאַרנעמט זי אָבער צוליב אירע אומדערמידלעכע טעטיקייטן אין פאַרבינדונג מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג צווישן פרויען. אין 1909 האָט זי באַזוכט דעם דעמאָלטיקן פּאַלעס־טינער יידישן ישוב. די אויפטואונגען דאָרט זיינען נאָך געווען מיזערנע. אָבער איר וויזיע האָט אַריבערגעבליקט די קומענדיקע יאָרצענדליקער. עפּעס האָט זי געקראַגן דעם איינדרוק, אַז — „אָן ציוניזם האָבן מיר גאָרנישט״.

אָבער ווען הענריעטאַ סזאָלד האָט פאַרבונדן איר לעבנס־גורל מיטן ציוניזם, האָט זי אים נישט געזען אין זיין אַגרעסיוון געשטאַלט. זי האָט גע־גלויבט און פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק פון אייניקייט מיט די אַראַבער אויף אַלע געביטן פון לעבן. זי איז דאָך געווען אַ באַוועגנדיקער גייסט אין „איחוד״, די קערפּערשאַפט, וואָס האָט געאַרבעט פאַר אַ יידיש־אַראַבישער מלוכה.

זי איז אָבער נישט געווען בלויז אַ טרוימערין, אירע בלוטן האָבן געזאָטן מיט אַקציע, מיט דערוויילינקע טעטיקייטן צו טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך צו האַלטן אין בעסטן געזונט דעם יונגן יידישן ישוב. זי גרינדעט אין 1910 די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע יידישע פרויען־אָרגאַניזאַציע „הדסה״, די ערשטע גרויסע יידישע פרויען־קערפּערשאַפט אין דער געשיכטע. אַט מיט דער דאַזיקער היגיענישער און היילנדיקער אַרבעט, צוזאַמען מיט אירע טעטי־קייטן פאַר די קינדער אין דעם ישוב האָט זיך אויסגעלייטערט אַ שטראַל־קרוין אויפן קאָפּ פון דער דאָזיקער וואונדערבאַרער פרוי.

זינט יענעם אָנהייב אין 1910 איז די געשיכטע פון דער הדסה צוזאַמענ־געבונדן אין אַ גרויסער מאָס מיט הענריעטאַ סזאָלד׳ס אייגן לעבן. אירע טורן מיט פאַרטראַגן און אָרגאַנזיר־אַוונטן האָבן זיך געטראָגן הין־און־צוריק איבער אַמעריקע, זינט 1913, מיט גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון מעדיצינישער הילף פאַר די ארץ־ישראל פּיאָנערן. אין 1917 האָט דער פאַר־זיצער פונם צייטווייליקן ציון־קאָמיטעט, לואי ד. בראַנדייס, איבערגעגעבן אין אירע הענט די אָרגאַניזירונג פונם גאַנצן מעדיצין־אָפּטייל אין ארץ־

ישראל — די גרופּע פון פיר און פערציק דאָקטוירים, דענטיסטן, קראַנקן־וועכטערינס, סאַניטאַרע אינזשעניערן און אַדמיניסטראַטאָרן.

אין סאַמע ברען פון דער מלחמה פאַרלאָזט זי ניו־יאָרק מיט אַן אויס־שטאַטונג פון אַ שפּיטאָל מיט פופציק בעטן. דאָס איז געווייין דעם 18טן יוני 1918, און קומט ערשט אָן אַהין אין דריי חדשים אַרום. אין 1919 גרינדעט זי אַ שולע פאַר שפּיטאָל־וועכטערינס אויף איר נאָמען. און פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרן אַ לעבעדיקער כסדר׳דיקער פאַרקער צווישן דעם ישוב און אַמעריקע, באַזוכנדיק אויף יעדער רייזע צענדליקער שטעט אין די אינטערעסן פונם ציוניזם. אין 1927 ווערט זי געדרעפּטעט אין דער ציוניסטישער עקזע־קוטיווע; די ערשטע פרוי וואָס ווערט אַהין אַריינגענומען.

וואָס אַמאָל ווערט אויסגעברייטערט אַלץ מער איר אַרבעט־ספערע. זי ווערט דערוויילט אַלס פּרעזידענט פון הדסה און בלייבט נאָענט צו איר אַרבעט. לויט אירע פּלענער מיט יאָרן צוריק, ווערט געלייגט אין 1933 דער גרונט שטיין פאַר ראָטשילד׳ס הדסה אוניווערסיטעט־שפּיטאָל. אין 1940 ווערט זי אַ מיטגליד אינם ספּעציעלן קאָמיטעט צו ראַנגלען זיך מיט די פּראָ־בלעמען, וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אַרויסגערופן. זי גרינדעט די „עליס זעליגסבערג מיידלשע מלאכה־שולן” אין ירושלים.

עס זיינען געווען צייטן, וואָס זי האָט לאַנגע חדשים געטראָגן אַליין אויף זיך פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט נישט בלויז פאַר די ענינים פון געזונט און בילדונג, נאָר אויך די אָנלאָדונג פון אַלע דעפּאַרטמענטס, איינגעשלאָסן פּאָליטישע באַציאונגען מיט דער פּאַלעסטינער רעגירונג און מיטן ישוב.

אַלס אַ דערווילטע אין ועד לאומי (וואַאד) (נאַציאָנאַלער קאָנגרעס) זינט 1930, האָט זי כסדר געקעמפט פאַר פרויען־רעכט אויף אַלע קאָנגרעסן קעגן דער עקשנות׳דיקער פּאַלעסטינער אָרטאָדאָקסיע. זייענדיק די פירערין אין ועד לאומי פון דער סאָציאַלער דינסט, טרעגנירט זי געזעלשאַפטלעכע טוער פאַרן גאַנצן לאַנד. זי פירט איין אַרבעט־פּראָצעסן פאַר יונגע פאַר־ברעכער און פאַר פּראָבלעם־קינדער, לויט די לעצטע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן.

צו איר 81־טן געבורטסטאָג דעם 21טן דעצעמבער, 1941, פאַרווירקלעכט זי די גרינדונג פון „למען הילד והנוער” — אַ קערנדל, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אין דער קינדער־ביוראָ פאַר ישראל (דעם פּלאַן האָט זי נאָך געמאַכט לאַנג צוריק אין איר פּאַמפלעט „דהי קראי אָוו דהי טשילדרען”). נאָך פריער, גלייך ווי די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט, ווערט זי באַ־שטימט צו אָרגאַניזירן די ידישע יוגנט־עליה פון דייטשלאַנד. זי אַליין האָט גענומען אויף זיך די דירעקטע אויפזיכט איבער דער עמיגראַציע, רעהאַבי־ליטאַציע און דערציאונג פון העכער אַכט טויזנט יוגנטלעכע פון דייטשלאַנד,

אונגאַרן און אַנדערע לענדער. דער דאָרף, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף איר נאָמען „כפר סזאָלד“, אין 1935, באַשטייט טאָקע פון די גראַדו־אירטע דייטש־יידישע יוגנטלעכע. אין 1936 האָט דער ישוב אַרויסגעשטעלט איר נאָמען אויפן ערן־צעטל, ווייל זי האָט נאָך אין 75־יאָריקן עלטער געאַרבעט פאַר דער יוגנט אין אַלע פאַשיסטישע לענדער. און אין 1940, צום הונדערטסטן יובילײ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־באַוועגונג, איז זי געערט געוואָרן אַלס איינע פון די הונדערט באַרימטסטע פרויען אין דער וועלט.

די דאָזיקע באַרימטקייט האָט זי כשר פאַרדינט. דער יידישער אינסטיטוט פאַר רעליגיע האָט איר באַערט אין 1930 מיטן ראַנג פון „דאָקטאָר פון העב־רעאישער ליטעראַטור“. אין 1936 באַקומט זי אַן ערן־טיטל פון איר שול פאַר קראַנקן־שוועסטער אין ירושלים.

מען וועט הענריעטאַ סזאָלד באַזונדער געדענקען פאַר איר ענערגישער טעטיקייט אין פרעזידיום פון „איחוד“ — די אָרגאַניזאַציע פאַר אייניקייט און פריינטשאַפט צווישן יידן און אַראַבער און איר איינשטעל פאַר אַ צוויי־נאַציאָנאַליטעטן שטאַט מיט גלייכע רעכט.

כאַראַקטעריסטיש איז איר וואָרט־שפּיל: „אמת, מיר יידן שרייבן צו־ריקוועגסט, אָבער גיין מוזן מיר פ א ר א ו י ס. מיר מוזן זיין אַ פּראָגרעסיוו פאָלק“.

..וענדל ווילקי, אויף זיין באַזוך אין דעם ארץ ישראל ישוב, האָט ניט פאַרפעלט באַגייסטערט צו ווערן פון דעם דאָזיקן מלאך פון שלום, אויפקלערונג און היילונג. אין טיפן עלטער פון אירע אַכציקער יאָרן האָט זי נאָך אַלץ געזאָרגט פאַר דער יוגנט, פאַר קראַנקע און שוואַכע, איבערהויפּט ווען די קרבנות פון די נאַציס האָבן געשריען צו די הימלען.

זי איז געשטאָרבן אין ישוב, אין 1945, דריי יאָר פאַר דער גרינדונג פון מדינת ישראל, אין עלטער פון 85 יאָר.

קאַפּיטל פיר און פופציק

ב. פייגענבוים — דער פאַנאַטישער קעמפער קעגן פאַנאַטיזם

בנימין פייגענבוים, אַ דערצויגענער אין אַ טיף רעליגיעזער פאַמיליע, פאַרוואָרצלט דורך לאַנגע דורות אין אַ באָדן פון גלויבן און געהאָרכזאַמקייט, האָט אינ׳ם גייסט פון דער השכלה אינ׳ם צווייטן העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט, איבערגעהאַקט דעם דאָזיקן וואָרצל. ער איז געווען דער ערשטער צו קומען צו ברייטע, אומגעבילדעטע און פאַנאַטישע מאַסן מיט אַן אייגענעם אַנטי־רעליגיעזן פאַנאַטיזם, וואָס איז שוין אַן־און־פאַר זיך געוואָרן אַ שטיק רעליגיע — אַן אמונה אין אומגלויביקייט.

בנימין פייגענבוים איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, דעם 8טן דעצעמבער, 1860, אין אַ חסידישער פאַמיליע. זיין פאָטער, אַ זון פון ר׳ אָריש, אַ דיין, האָט דערוואַרט, אַז זיין שמחה־בונעם זאָל זיין אַ גרויסער רב, און אפשר האָט ער נאָך דערוואַרט, אַז ער זאָל ווידער באַנייען די רבנות אין וואַרשע, וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן זינט דעם גאונישן רב ר׳ בעריש מייזלש.. דאָס קליינע בנימינ׳ל האָט אַרויסגעוויזן שוין אַלס קינד אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן — אַ וואונדערבאַרן זכרון, אַ שאַרפן קאָפּ און אַן אומדערמידלעכער מתמיד.

אַלס 16־17 יעריקער בחור האָט ער שוין געקענט די גאַנצע אַלטע יידישע רעליגיעזע ליטעראַטור, תלמוד, מפרשים און פוסקים. אָבער קוים איז אים אין האַנט אַריינגעפאַלן דאָס ערשטע השכלה־ביכל, האָט עס אים געגעבן אַ שטאַרקן טרייסל.

אויף זיין 22טן יאָר איז שוין שמחה בונם אויס שמחה ביי זיין חסידישער פאַמיליע. ער איז שוין ביי זיי אַ טרויער. נישט בלויז האָבן זיי דערהערט, אַז ער איז אַן אפיקורס און באַגייט אַלערליי עבֵרות, נאָר אַז אַ האַלב שטיבל מיט חסידישע יונגעלייט האָט ער שוין איבערגעדרייט אויף

זיין זייט. צווישן זיינע „קרבנות" איז דעמאָלט געווען דער פיל יינגערער פון אים, יעקב מילך.

אוודאי איז די גרויסע וואַרשע פאַר אים אינגיכן געוואָרן ענג. חסידים גאַטס סטראַפּטשעס. האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אים אַרויפצולייגן אַ האַנט. האָט ער פאַרלאָזן זיין היים־שטאָט, אַריבער די גרעניץ און באַזעצט זיך אין דער ובעלגישער האַפן־שטאָט אַנטווערפּן.

עס נעמט אים ניט לאַנג און ער דערלערנט פלעמיש. ער וואַרפט זיך אַרויף מיט אַלע זיינע פּייאיקייטן אויף דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען אין 1884. אין בעלגיע האָט זיך שוין דעמאָלט געטומלט אַרום דעם קאַמף פון די אַרבעטער פאַר אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, פאַר קירצערע אַרבעט־שעה׳ען.

דער יונגער מאַן געפינט זיך גאַר אינגיכן אין דער אָנפירונג פון דער דאָרטיקער אַרבעטער־באַוועגונג, ווערט אַ מיטאַרבעטער אינ׳ם פלעמישן „דער ווערקער". ווען צווישן די אַרבעטער הויבן זיך אָן אַריינצוכאַפּן אַנאַר־כיסטישע עלעמענטן, מיט לאָזונגען וואָס ציען אָפּ פון די דערמאָנטע קאַמפן, ווערט פייגענבוים אַ ביטערער באַקעמפער פונ׳ם אַנאַרכיזם און פאָרמולירט שוין דעמאָלט די מאַרקסיסטישע אַנטי־אַנאַרכיע טעזיסן, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן אַריינגעפירט אין זיין אַרבעט אויף יידיש — „סאָציאַליזמוס און אַנאַרכיזמוס".

פייגענבוים האָט ניט פאַרגעסן די יידישע מאַסן, כאָטש אין בעלגיע זיינען דעמאָלט קיין יידישע אַרבעטער כמעט ווי נישט געווען. ער הויבט אָן ווענקן די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד און ענגלאַנד. אין 1886 שרייבט ער אין „אידישן פאָלקסבלאַט", אין „אַרבעטער פריינט" אין לאָנדאָן, און אין די העברעאישע „המגיד" און „היום". זיין פּראָפּאַגאַנדע־אַרטיקל „העלפט זיך זעלבסט", מאַכט אָן אַ רושם צווישן די יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן און פייגענבוים קריגט אינגיכן אַן איינלאַדונג פונ׳ם רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער פריינט", פיליפּ קראַנץ צו קומען קיין לאָנדאָן.

דאָ הויבט זיך אָן זיין ברייטע, פאַרצווייגטע דערציערישע טעטיקייט צווישן יידישע אַרבעטער און דער „פאָלקס אינטעליגענץ", וואָס פאַרציט זיך אויף אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט און וואַרפט זיך אַריבער, אין פינף יאָר שפּעטער, איבער׳ן אָקעאַן קיין אַמעריקע.

שוין אין די פינף־זעקס יאָר אין ענגלאַנד האָט פייגענבוים זיך פאַ־נאַנדערגעבליט אין אַ שלל פּרוכטבאַרע צווייגן. אַלס רעדנער ווערט ער דער באַליבטסטער צווישן די יידישע אַרבעטער. פיליפּ קראַנץ איז אינגאַנצן געווען אָפּוועזנדיק פון דער טריבונע. צווישן די אַנאַרכיסטן זיינען גראַד געווען

עטלעכע גוטע רעדנער. אָבער דער יונגער קריגערישער מאַרקסיסט, פייגענבוים, איז שטענדיק פון די דעבאַטעס מיט זיי אַרויס דער זיגער. דערצו נאָך האָט ער אויך געהאַט מוט און טאַקט, ווען מען דאַרף — אפילו ליבשאַפט, אַפילו מיט אַנאַרכיסטישע קעגנער. ער איז אַרויסגעטראָטן אומעטום אין קאַמפן, געפירט די יידישע אַרבעטסלאָזע, צוזאַמען מיט קראַנצ׳ן, צום אויבער־ראַבינער, דר. אַדלער אין שול־ אַריין (1889) אין אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע. דאַרף מען — פאַרט ער אין דער פּראָווינץ צו אָרגאַניזירן אַרבעטער. זיין אייגענער אויסקום גייט אים נישט אָן. ער לעבט אויף ברויט און לופט, דאַרף מען—נעמט ער זיך צו אַ מלאכה, און גראָד צו אַ שווערער — סטאָלערייכאַטש דאָס איז גאָרנישט פאַר זיינע ישיבה־בחור׳ישע הענט און נישט פאַר זיינע שוואַכע פּלייצעס. און אַט ברענגט מען אים אַראָפּ קיין מאַנטשעסטער. אָנהענגער עפענען פאַר אים אַ טאַבאַק־קראָם פאַר פּרנסה. אָבער אַט דער דאָזיקער פייאיקער יונגערמאַן מיט מויל און פען, מיט גוואַלדיקער באַווירקונג און איבערצייגונגס־קראַפט, איז אַ שלימ׳מזל, ווי עס קומט צו פאַרקויפן זאַכן פאַר פּראָפיטן פון מאַטעריעלן מין.

דאָס איז איינער פון די פירנדיקע שטריכן אין פייגענבוימ׳ס כאַראַקטער שוין אויפן גאַנצן לעבן. אַ „מסתפק במועט", זיך שטענדיק באַנוצט מיטן קלענסטן מינימום, אַבי ער זאָל קענען אָנגיין מיט דער אַרבעט פון אויפקלערונג און אָרגאַניזירונג. און אָט איז ער שוין צוריק אין לאָנדאָן, אין טעכנישער רעדאַקטאָר פון ק. גאַלאָפּ׳ס „פרייע וועלט", וואו ער אַרבעט־מיט מיט ווינטשעווסקי׳ן, באַגדאַנאָוו׳ן, און ק. ליבערמאַנ׳ען.

דער עיקר ווירקט ער מיט זיינע בראָשורן. איינע נאָך דער אַנדערער דערשיינען: „די גאולה, אָדער די יידישע הילף", „ווי קומט אַ ייד צום סאָציאַליזם?" און אַנדערע פון דעם מין. דער שרייבער פון די שורות האָט זיי געלייענט אין רוסלאַנד, ווען דער יידישער אָפּטייל פון דער „פּע־פּע־עס" האָט זיי איבערגעדרוקט. לאָמיר געדענקען, אַז אַ טייל פון דער דאָזיקער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, אין יידיש, איז נאָך דערשינען פאַר דער בונדישער עפּאָכע.

אויף אַזאַ אופן איז ב. פייגענבוים שוין אין יענע יאָרן געווען אַ באַוואוסטער נאָמען אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד, און ווען ער האָט נאָך אָנגעהויבן צו קאָרעספּאָנדירן אין דער ניו יאָרקער „אַרבעטער־צייטונג", אין די „בריוו פון מעבר לים", אונטערן פּען־נאָמען „דער רויטער אידל", האָט מען זיך שוין אין די ענגע יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן נישט געקענט דערוואַרטן אויף זיין קומען קיין אַמעריקע.

אָנגעקומען איז פייגענבוים אין ניו יאָרק אין 1891, געקראָגן אַ זייער

וואָרעמע אויפנאַמע און זיינע אַרטיקלען אין דער „אַרבעטער ציימונג" זיינען באַלד געוואָרן די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע. איבערהויפּט האָבן זיך ברייט פאַרשפּרייט זיינע אַנטי־רעליגיעזע בראָשורן, וואָס ער פלעגט שרייבן מיט אַ באַזונדערן חשק — אַזעלכע ווי למשל, די „הגדה של פסח", געשריבן בשותפות מיט זאַלאַטקאָפּ"ן, „די יידישע אינקוויזיציע", „ווער האָט איינ־געפירט יום־כיפור?" „פון וואַנען שטאַמען די היינטיקע יידן?" (אָדער יידישע מלוכות אין רוסלאַנד און אַראַביע), „אלישע בן אבויה" — דער ערשטער אין זיין סעריע „אַמאָליקע יידישע פריידענקער", און אַזוי ווייטער.

נאָך טעטיקער איז פייגנבוים געוואָרן ווען ער איז צוגעצויגן געוואָרן צו דער רעדאַקציע פונ׳ם „אַבענדבלאַט", פון וועלכן ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער און שפּעטער צום „פאָרווערטס", אונ־טער מילער׳ס און נאָך שפּעטער אונטער אב. קאַהאַנ׳ס רעדאַקציע. אב. קאַהאַן איז געווען עטוואָס קריטיש צו פייגנבוימ׳ס אַנטי־רעליגיעזע, אפּיקורסישע אַרטיקלען, אָבער ער האָט ביי פיל געלעגנהייטן מודה געווען, אַז אַ היפּשער טייל פונ׳ם דערפאָלג, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געמאַכט איז צו פאַרדאַנקען פייגנבוימ׳ס אַרטיקלען. ער האָט אָבער אויסגעזעצט קעגן זייער צו גרויסער לענג, און פייגנבוים פלעגט האָבן עגמת־נפש, ווען דער רעדאַקטאָר האָט אים דאָ און דאָרטן אונטערגעשאָרן.

פייגנבוים איז אויך געווען אַ פּרינציפּיעלער קעמפער קעגן נאַציאָ־נאַליזם און באַקעמפט אַלע יידישע באַוועגונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיקל נאַציאָנאַלן ריח. ער האָט אין דעם זינען אויך באַקעמפט דעם „בונד", אפילו די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אין די שפּעטערע יאָרן. וואָס שייך פּ ו י ל ן, האָט ער געגומען די פּע־פּע־עסישע שטעלונג. ער איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך ווידערגעשפּראָכן ווען עס איז געקומען צו די דאָזיקע פראַגעס.

ווען ער איז געוואָרן, אין 1903, דער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך אַ היפּשע געשיכטע פון האָבן געווען דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פונ׳ם אַרבעטער־רינג און פון שווערע קאַמפן, וואָס ער האָט געפירט פאַר דער אויסגעהאַלטענער פּרינציפּן־דערקלערונג פון לאָיאַליטעט צום אַרבעטער קלאַס אונטער אַלע אומשטענדן.

עס איז גענוג צו לייענען בלויז עטלעכע שורות פון זיין אויסגעהאַמער־טער, גרינטלעכער פּרינציפּן־דערקלערונג צו זען, אַז אפילו אין אַזאַ ברייטער מאַסן־אָרגאַניזאַציע פאַר זעלבסט־הילף צוועקן אין די ראַמען פון דער ביר־גערלעכער געזעלשאַפט־אָרדענונג, האָט ער זיך געשלאָגן פאַר יעדן צענטי־מעטער פון אויסגעהאַלטענעם קלאַסן־באַדן.

„.. דער גייסט פון דעם אַרבעטער רינג אין דער גייסט פון פרייהייט אין דענקען און שטרעבן און פון סאָלידאַריטעט פון (מיט? — י. ב.) דיא אַרבייטער און טרייהייט צו דיא אינטערעסען פון זייער קלאַסע, אין איהר קאַמפף געגען אונטערדריקונג און אויסבייטונג".

און ווייטער רעכנט ער אויס אַלערליי איסטן, וואָס מעגן ווערן מיטגלי־דער פון א. ר. „אַזוי לאַנג זיי רעספּעקטירען פרייעס דענקען און שטרעבען און האַנדלען ניט צום שאַדען פון דיא (דער? — י. ב.) קעמפּענדער אַר־בייטער קלאַסע, זיינען זיי ווילקאָמען." (זע „די געשיכטע פון אַרבייטער רינג", פון א. ש. זאַקס, ערשטער טייל, מאַי, 1925 ז"ז 85־184)

אין זיין „אַ וואָרט איבער דעם א. ר." — אגב דער ערשטער אַרטיקל אין דער פרעסע וועגן אַרבעטער רינג — וואָס איז פאַרעפענטלעכט געוואָרן דעם 17טן פעברואַר, 1901, און וואָס איז גיכער געווען אַ מין „בריוו אין דער רעדאַקציע", ווי אַן אַרטיקל, ווייל פייגענבוים איז נאָך דעמאָלט אַלץ געווען אַ מיטאַרבעטער פונם „אַבענדבלאַט", לייענען מיר אויך אַט־וואָס: „דער א. ר. איז אויף דעם בעסטן וועג צו ווערען אַן ערנייערטע און ער־פרישטע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבייטער מיט דער אויפגאַבע צו העלפען דעם אַרבייטער קלאַס צו אַ געזעלשאַפטלעכן מאַכט־פאַקטאָר אין קאַמף קעגן די טענדענצן פון קאַפּיטאַל.." (זע, דאָרט ז' 140)

אויב עס שאַקירט אַביסל דער אויסלייג פון פייגענבוים'ס שפּראַך, וועט זיין געגנוג צו פאַרגלייכן עס מיט דער ערשטער קאָנסטיטוציע פון א. ר. אין וועלכער דער צווייטער פונקט אין אַרטיקל איינס שרייבט פאָר:

„אַללע פערהאַנדלונגען אונד שריפטען דיעזעס פעראיינס זאָללען אויף דויטשער שפּראַכע און שריפט געפיהרט ווערדען יעדאָך איזט עס דען מיט־גליעדערען געשטאַטעט זיך איינער אַנדערען שפּראַכע צו בעדיענען".

פאַר זיין שטעלע פון גענעראַל סעקרעטאַר האָט ב. פייגענבוים באַקומען פופצן דאָלאַר אַ וואָך. זיין אָפּפיס איז באַשטאַנען פון אים אַליין און פון אַ בעזים, וואָס ער האָט אַליין געמוזט גיין קויפן פאַר ביליגער ווי מ'קריגט עס געוויינלעך. זיינע „גרויסע" שכירות זיינען שטאַרק באַקעמפט געוואָרן פון אייניקע מיטגלידער, וואָס האָבן זיך געקלאָגט, אַז ער איז „נישט ווערט אַזאַ געהאַלט".

בנימין פייגענבוים, דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אַרבעטער־רינג", האָט קיין האָניק נישט געלעקט פון די רעכטע עלעמענטן, וואָס זיינען געווען די פירער אינם ערשטן אַרבעטער־רינג ברענטש.

פון זיינע ערשטע אייראָפּייאישע סאָציאַליסטישע יאָרן אָן איז ער געווען אַ „לינקער", אַ קנאַפּער מאַמין אינם ליבעראַליזם פון דער בורזשואַזיע

און איר דעמאָקראַטיזם. זיין ערשטע סאָציאַליסטישע דערציאונג און יניקה האָט ער געהאַט פון דער לינקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע אין האָלאַנד און בעלגיע. אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן זיי דאָרט באַטראַכט די ראָלע פון די סאָציאַליסטן אין פּאַרלאַמענט ווי פון „אויסקוקערס" (בורגין׳ס „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, ז. 232).

די „רעכטע" סאָציאַליסטן פון ברענטש איינס האָבן דעמאָלט אויך נישט געקענט פאַרגעבן פייגענבוים׳ען פאַרוואָס ער האָלט זיך נאָך אַלץ אָן דער „עס־על־פּי" (סאָציאַליסטישע לעיבאָר פּאַרטיי) און אַרבעט־מיט אין דעם „אַבענדבלאַט". זיין „לינקקייט" האָט זיך היפש אָפּגעשפּיגלט אין אַלע שריפטן פון דעם אַרבעטער־רינג אין די ערשטע יאָרן. פייגענבוים׳ס שטעמפּל ליגט נישט בלויז אויף דער ערשטער פּרינציפּן־דערקלערונג פון אַרבעטער־רינג, נאָר אויך אויף אַלע דרוק־מאַטעריאַלן, וואָס זיינען דערשינען אונטער זיין גאָכפּאָלגער, זינט 1903, ל. ראָזענצווייג.

דער קאַמף קעגן פייגענבוים׳ען מצד די רעכטע פירער און אָנהענגער פונם „פאָרווערטס" איז אָנגעגאַנגען די גאַנצע צייט. פייגענבוים האָט אין די וואַלן פאַר גענעראַל־סעקרעטאַר געקראָגן די ווייט־גרעסטע צאָל שטימען. אָבער ברענטש 1, דער עלטסטער און צאָלרייכסטער, האָט אים געגעבן בלויז 26 שטימען, בעת פאַר ראָזענצווייג׳ן האָט ער אָנגעגעבן 154 שטימען. ווען פייגענבוים איז שוין דערווײלט געוואָרן, האָבן די זעלבע עלעמענטן פון „ברענטש איינס" געשטימט קעגן צאָלן אים אַזאַ „גרויסע שכירות" ווי פופצן דאָלאַר אַ וואָך, און ווען דאָס איז דורכגעגאַנגען און עס איז געווען נויטיק אַ גענעראַל־אָפיס, האָט מען אים „באַוויליקט" אַזאַ אָפיס, אין וועלכן עס איז געווען בלויז פּלאַץ פאַר אַ טישל מיט אַ שטול, אַזוי אַז ווען אימיצער איז אַריינגעקומען וועגן אַן א"ר ענין האָט ער געמוזט שטיין.

פייגענבוים האָט אַליין געמוזט טאָן אַלע אַרבעטן פון סעקרעטאַר און קאָראָספּאָנדענט, פון קאַסירער און אויסקערער, פון אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט. ווען די אַרבעט האָט זיך פאַרצווייגט און עס איז אים אוממעגלעך געווען אַליין אַלץ צו טאָן, האָט ער זיך אַריינגענומען אַ „געהילף" און געמוזט פון זיינע 15 דאָלערדיקע שכירות צאָלן דריי דאָלאַר אַ וואָך פאַר אַרויס־העלפן אים. וואו עס איז געווען נויטיק צו אָרגאַניזירן, צי פירן פאַר־האַנדלונגען מיט פאַראיינען וועגן אַנשליסן זיך, האָט ער עס געטאָן איבער זיינע כוחות, אָבער דער דאַנק, וואָס ער האָט דערפאַר געקראָגן פון די רעכטע עלעמענטן איז געווען, ווי מיר האָבן שוין געזען — מיאוס׳ע אָנפאַלן, אַז ער „אַטענדעט נישט זיינע פליכטן". מ׳האָט אים באַשולדיקט אין עקספּלי־אַטירן זיין געהילף.

כמעט אַלע אַטאַקעס אויף פייגענבוים׳ען זיינען געמאַכט געוואָרן אין

„פאַרוועַרטס". ווען עס איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט אין אַן אייגענעם אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג האָט דער „ברענטש איינס" געשטימט קעגן דעם, אויס מורא, אַז ער זאָל ניט ווערן קיין קאָנקורענט צום „פאַרווערטס". און ווען דער פּלאַן איז שוין דורכגעגאַנגען, קעגן זייער אָפּאָזיציע, אַרויסצוגעבן אַזאַ אָרגאַן אונטערן נאָמען „דיסקוטאַנט", האָט מען געאַרבעט, אַז דאָס זאָל ניט רעדאַגירט ווערן פון דעם גענעראַל סעקרעטאַר, נאָר דורך אַן אַנדערן. ווען דער אָרגאַן איז אויסגעפּילט געוואָרן פון פּייגענבוים׳ען ,כאָטש אונטער־געשריבן איז אַלץ געווען פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע, האָט מען סוף־כל־סוף אַזוי מאַנעוורירט, אַז מער ווי צוויי נומערן זיינען פונם „דיסקוטאַנט" נישט דערשינען..

ובכלל האָט מען אים, דעם תלמיד־חכם פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דעם אויפקלערער און לערער פון צענדליקער טויזנטער תלמידים אין דער גאַנצער יידישער וועלט, אַזויפיל דערגאַנגען די יאָרן, אַז ער איז געצוואונגען געווען אויף דער דריטער קאָנווענשאָן צו רעזיגנירן, ווייל ער איז שוין געווען צו שוואַך צו קענען אַזוי אַנגיין. אמת, די רעזיגנאַציע איז נישט אַנגענומען געוואָרן ביז עס איז נישט אַנגעקומען ל. ראָזענצווייג צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ, אָבער אַז ער האָט אָפּגעאַרבעט מיט ראָזענצווייג׳ן אַ גאַנצע וואָך, אַריינצופירן אים אין די טעכנישקייטן פונם אַמט, אין די ביכער און חשבונות, און געבעטן מ׳זאָל אים באַצאָלן פאַר דער וואָך די 15 דאָלאַר, האָבן די רעכטע פירער אטאַקירט אים פאַר האָבן „די חוצפה צו פאָדערן באַצאָלט פאַר צייט, ווען ער איז שוין געווען אַ רעזיגנירטער". די סאַמע העס־לעכסטע אַטאַקע אין דעם הינזיכט איז אויף אים געמאַכט געוואָרן אין „פאַר־ווערטס" פון ש. בולגאַטש׳ן.

אָט ווי א. ש. זאַקס, דער היסטאָריקער פונם אַרבעטער־רינג, באַצייכנט די דאָזיקע באַהאַנדלונג: „פּייגענבוים׳ען האָט מען געהאַלטן פאַר אַ שקלאַף, האָט ער געמוזט אַוועק „בשן ועין" (אַן ציין און אַן אויגן). און גוטע ברידער, האָבן זיך שטענדיק געפונען, וועלכע זאָלן אָט די מצווה דורכפירן מיט גרויס הנאה ביי זייער „שקלאַף", וואָס איז אגב אורחא געווען אין יענער צייט דער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט" און איינער פון די וויכטיקסטע לערער און אויפ־קלערער אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.."

אָבער נישט בלויז פון עטלעכע אומגעלומפּערטע אַרבעטער־רינג זקנים האָט ב. פּייגענבוים געהאַט צו ליידן געברענטע צרות. ווי אַן אויסגע־האַלטענער קעמפערישער מאַרקסיסט האָט ער געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פונם שונא׳ס מעשים תעתועים קעגן אים. גאָט׳ס סטראַפּטשעס האָבן אים אַטאַקירט ביי אַלערליי געלעגנהייטן מיט זלזולים און בלבולים. אַזוי האָט מען אים אונטערגערוקט, נאָך אין 1893, אויף אַ גאַסן־מיטינג אין פילאַדעלפיע,

אַ יידישן פּאָליסמאַן צו אַרעסטירן אים און מאַכן נאָך אויף אים אַ בלבול, אַז ער האָט אים, דעם פּאָליסמאַן, געוואָרפן אַ שטיין אין קאָפּ אַריין.. דער דאָזיקער „פרומער" פּאָליסמאַן — קאַספּער איז געווען זיין נאָמען — האָט שוין פון פריער געהאַט אריינגעפּאַקט אין טורמע, אונטער פאַלשע בלבולים, פיל יידישע אַנאַרכיסטן. צום כבוד פון דעם ערשטן אַרבעטער־רינג ברענטש זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער קאָמפּאַניע צו באַפרייען פייגענבוים׳ען פון יענעם בלבול.

אין 1903 האָט פייגענבוים, אַלס רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", היפּש־לעך געליטן מאַטעריעל. דער זשורנאַל האָט אין יענע יאָרן שווער געקעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ, געביטן אָפט די רעדאַקטאָרן, אַזוי אַז ער האָט כמעט יעדן פון די פירנדיקע יידישע שרייבער אויסגעפּרובירט.

אין 1904 זעען מיר שוין פייגענבוים׳ען אויף אַ טור איבערן לאַנד פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, צו וועלכער ער איז אַריבער זינט זיין איבער־רייסן מיט דע־לעאָנ׳ען און דער עס־על־פּי, אין אַלע גרעסערע שטעט איז דער דאָזיקער באַליבטער לערער אויפגענומען געוואָרן וואַרעם און ווי ער האָט מיט ניין יאָר שפּעטער פאַרזיכערט דעם שרייבער פון די שורות, אַז דער טור האָט אין אים „אריינגעזעצט אַ נייע נשמה". עס איז געווען ווי אַ באַלזאַם אויף ברענענדיקע וואונדן.

אין 1906 האָט מען פייגענבוים׳ען געגעבן צו רעדאַקטירן די „מאָרגן־צייטונג", וואָס דער „פאָרווערטס" האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן (דער „פאָר־ווערטס" איז דעמאָלט געווען אַ נאָכמיטאָג־צייטונג ; דער „מאָרגן־זשורנאַל" איז געווען די איינציקע יידישע מאָרגן־צייטונג). אָבער די געשעפטס־פאַר־וואַלטונג פון „פאָרווערטס" האָט שוין, פאַר׳כישופ׳ט פון דערפאָלג, נישט געמאַכט די באַזונדערע אָנשטרענגונגען, וואָס אַזאַ צייטונג דאַרף האָבן אין משך פון די ערשטע יאָרן. די צייטונג איז שנעל אויפגעגעבן געוואָרן. פייגענ־בוים איז דעמאָלט אַרויף אויפן „פאָרווערטס"־סטאַף, אונטער קאַהאַנ׳ס רעדאַקציע.

וואָס דאָס האָט געמיינט דעמאָלט פאַר פייגענבוים׳ען האָבן געוואוסט זייער ווייניק מענטשן. אב. קאַהאַן מיט זיין באַסישן כאַראַקטער האָט אין פייגענבוים׳ען געהאַט איינעם פון זיינע קרבנות, וואָס ער האָט שוין געפילט, אַז ער איז צו־אָפּגעשוואַכט כדי צו קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אין משך פון די קומענדיקע יאָרן איז פייגענבוים׳ס געזונט־צושטאַנד אַלץ מער גע־זונקען און ממילא איז ער געבליבן אַלץ מער אָפּהענגיק און אַלץ מער דער־שלאָגן, זיך געפייניקט אונטער קאַהאַנ׳ען.

קאַהאַן האָט שטענדיק געפּירט מיט אים מלחמות וועגן זיינע אַרטיקלען.

אַלעמאַל פלעגט ער געפינען אַן אַנדער חסרון. דאָ איז די טעמע נישט קיין צאַפּלדיקע. דאָ איז דער בליק נישט קיין מאָדערנער. דאָרט איז ער סעק־טאַנטיש, און אַלעמאַל איז פאַרגעוואָרפן, אַז זיינע אַרטיקלען זיינען צו לאַנג.

אין זיינע „בלעטער פון מיין לעבן" האָט אַב. קאַהאַן געמוזט האָבן חרטה־געפילן, וואָס ער האָט דעם ערלעכן, געוויסנהאַפטן יידישן מאַרקסיסט אַזוי געפייניקט. ער דערמאָנט אים דאָרט צו גוטן — זיין קענטשאַפט, באַ־האַווענטקייט, שאַרפן קאָפּ, אָבער אפילו דאָרט קען ער אים נישט פאַרגעבן די „צו לאַנגע" אַרטיקלען. פאַקטיש האָט קאַהאַן אַליין געשריבן די סאַמע לענגסטע אַרטיקלען. ער האָט געמאַכט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט.

אין זיינע לעצטע יאָרן איז פייגענבוים געווען מער אין אַ קרענקלעכן צושטאַנד, ווי אין אַ געזונטן. אין 1920, ווען איך בין איינמאָל אַרויף אין „פאָרווערטס"־רעדאַקציע און אים געטראָפן אַן איבערגעבויגענעם ביים שרייב־טיש איבער אַ מאַנוסקריפּט, זיינען מיר צוזאַמען אַראָפּ פאַר אַ „קאַווע" און געכאַפּט אַ שמועס. אים האָט זייער אינטערעסירט ווי די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג באַהאַנדלט מיך, אַ לינקן, און מיט ווייטאָג דערמאָנט די אומאויפמערקזאַמקייט, וואָס די נייע פאַרוואַלטער פונם אַרבעטער־רינג שענקען אים, דעם ערשטן גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג.
וויפיל פּיין עס איז געלעגן אין די קנייטשן פון זיין פּנים, ווען ער האָט וועגן דעם גערעדט!

מען קען זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז קיינער האָט ניט אַריינגעבלאָזן אַזוי פיל נשמה אינעם אַרבעטער־רינג, ווי פייגענבוים האָט עס געטאָן. אין א. ש. זאַקס'עס געשיכטע פון אַרבעטער־רינג, 1טן באַנד, ווערט זיין נאָמען דערמאָנט 66 מאָל, פיל, פיל מאָל מער ווי פון וועלכן עס איז אַנדער טוער פון יענער צייט.

ווען פייגענבוים האָט פון מיר געהערט, אַז מ'באַהאַנדלט מיך זייער גוט, האָט ער אויף מיר געוואָרפן אַ באַוואונדערנדיקן בליק. „מיר קען מען אַלץ ניט פאַרגעבן פאַר מיין אַנטי־מלחמה שטעלונג, און פאַר מיין נישט צו גרויסער ליבע צום „בונד" און צו דער יידישער סאָצ. פעדעראַציע".
אין פייגענבוים'ס צאָלרייכע ווערטפולע ווערק און באַאַרבעטונגען איז נאָך אַלץ געבליבן פיל פון דעם „דיזן און דאָזן", פונם איצט מאָדנע־קלינ־גענדיקן „מוס" צוטשעפּעניש אין סאָציאַליזם, ליבעראַליזם, קאָמוניזם, ווי אויך אַ היפּש ביסל אַנגלאָציזמען, ווי עס איז געווען אָנגענומען ביי די יידישע צייטונגס־שרייבער פון יענער צייט.

צווישן זיינע ביכער, בראָשורן און אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן, וואָס זיינען אין זייער צייט געווען זייער פּאָפּולער, געפינען זיך אויך די פאָלגנ־דיקע: „דאָס געזעץ דער (פון) אַנטוויקלונג", „די הפקר וועלט", „דאָס גן־עדן התחתון", „צו וואָס טויג טעאַטער ?", „פאַרוואָס זיינען אַזעלכע שלעכטע צייטן ?", „יעמוד אַרבעטער !", „סאָציאַליזמוס פון א' ביז ת'", „דאַרוויניזם", „מעשי בראשית", ביאָגראַפיעס פון וואַשינגטאָן, רמב"ם, איבערזעצט און באַאַרבעט בעבעל'ס „די פרוי און סאָציאַליזם", ענגעל'סעס „די פאַמיליע אַמאָל און היינט". איינס פון זיינע גרעסערע ווערק איז "כשר און טריפה".

ער איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק, נאָוועמבער דעם 10טן, 1932.

קאַפּיטל פינף און פופציק

דר. חיים ספּיוואַק — זיין קאַלירדייכער לעבנס-וועג

מעדיקער, שרייבער, פאָרשער און קעמפער

גרינדער פון דענווער סאַניטאַריום

פון אַ וואַגאַנען אויסלאָדער ביז אַ העברעאישן לערער, פון אַ וועבער אין אַ וואָל-פאַבריק, ביז אַ „וועבער" פון לעקסיקאָגראַפיע, פון אַ גאַסן ברור-קירער ביז אַ פּראָפעסאָר פון מעדיצין, פון אַן אַנאַרכיסט ביז אַ שליח פונם „דזשאָינט" אין פּוילן, איז דער לאַנגער, אומדערמידלעכער, אָבער הערלעכער לעבנס-וועג פון חיים ד. ספּיוואַק, פאַר-קירצט פון ספּיוואַקאָווסקי.

געבאָרן אין קרעמענטשוג, פּאָל-טאַווער גובערניע, אין 1861, האָט אים זיין פאָטער געגעבן אַ האַלב-טראַדיציאָנעלע און האַלב-משכיל'ישע דערציאונג פון חדר און בית-מדרש, פון העב-רעאיש און רוסיש, פון רעאַל-שולע, און אַליין געפונען זיין וועג צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דורך לייענען אהרן ליבערמאַנ'ס העבראיש-סאָציאַליסטישע צייטונג „האמת".

עס האָט לאַנג נישט גענומען ביז דער יונגער ספּיוואַק האָט זיך גע-פונען אין אַ געהיימער העקטאָגראַפיע. דאָס איז געווען פאַר אים דער ערשטער שטאַרקער מאָמענט אין זיין לעבן, באַזונדערס נאָך ווען די דאָזיקע געהיימע קוואַרטיר איז שנעל דורכגעפאַלן און דער בחור האָט גלייך געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. מיר זעען אים אין 1882, ווי ער קומט אָן אין אַמעריקע צוזאַמען מיט אַן „עם-עולם"-גרופּע פון קיעוו אונטער אַלעיניקאָוו'ן.

שווער זיינען געווען די ערשטע יאָרן פונם יונגן בחור'ל אין אַמעריקע. פון איין זייט האָט ער געשיקט פון אַמעריקע קאָרעספּאָנדענציעס אינם רוסיש-יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד", פון דער צווייטער זייט האָט ער דורכ-געפילט מיט אַלע זיינע יונגע ביינער די שווערע האָרעוואַניע פונם פּשוט'ן האָרעפּאַשניק, פון שלעפּן טאַטשקעס שטיינער, פון ברוקירן גאַסן. אין 1885 זעען מיר אים אין אַ וואָל-פאַבריק אין מעין. באַלד וואַרפט ער די שטיקנדיקע

פאַבריק און לאָזט זיך אַוועק זומער אויף דער פרייער לופט און טוט פאַרמער אַרבעט. ווינטער זעען מיר אים צוריק אין שטאָט אַלס העברעאישער לערער.

אָבער פּאַקטיש האָט ספּיוואַק געצילט צו דערווערבן זיך אַ פּראָפעסיע, וואו ער קען זיין נוצליך דעם פאָלק. דירעקט און שנעל. אין די אַלע יאָרן אין דעם נייעם לאַנד האָט ער זיך צוגעגרייט צו פאַרפולקאָמענען זיין רעאַל־שול בילדונג כדי צו קענען אריינטרעטן אין אַ מעדיצינישער הויך־שול, און סוף 1886 איז ער שוין אין פילאַדעלפיע אַ סטודענט פון דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין דעם אוניווערסיטעט פון פענסילווייניע.

טאָקע אין פילאַדעלפיע האָט ער זיך באַקענט מיט עטלעכע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן אים אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג. דער שטראַלן־קראַנץ וואָס איז דעמאָלט אַנגעצויגן געוואָרן אויף די שיקאַגאָ׳ער אַנאַרכיסטן דורך דער העימאַרקעט פּראָוואָקאַציע, האָט אים געבלענדט און געמאַניעט. ער לערנט אָבער זיינע קעגנשטאַנדן מיט גרויס חשק און גראַדואירט מיט אַ אַ גאָלדענעם מעדאַל, אָנגעלאָדן מיט דאָקטאָר־טיטל זעצט ער פאָר זיין מעדיצינישן שטודיום אונטער די גרויסע דייטשע פּראָפעסאָרן ווירכאָוו און באָאַר.

אַלס ספּעציאַליסט פון מאָגן און געדערים־קראַנקהייטן, קערט ער זיך אום קיין פילאַדלעפיע און אויסער פיזיש־קראַנקע מאָגנס און דיעטעס פּראוווט ער אויך לייגן אַכט אויף גייסטיקע דעראָבערונגען. ער אָרגאַניזירט די „דזשואיש אַלייענס אָוו אַמעריקאַ״. ער ווערט גלייכצייטיק דער ביבליאָטעקאַר פון דער „יאָנג מענס היברו אַסאָסיעישאַן״. דר. ספּיוואַק, מיט זיין וואַכזאַמקייט און באַאָבאַכטונג פונם יידישן לעבן האָט שנעל דערזען דעם גרויסן בלויז פונם דורכאויסיקן יידישן קאָנצענטרירן זיך אין די שטעט. שליסט ער זיך אָן אָן דער באַוועגונג אַרויסצונעמען היפּשע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די ברייטע רוימען פון פעלד און וואַלד, אויף דעם געביט פון אַגריקולטור.

אין 1891 טרעפן מיר אים אַלס פאַרזיצער פון אַ צוזאַמענפאָר צוצוציען יידן צו דער אַגריקולטור־ווירטשאַפט. און ווידעראַמאָל גייען ביי אים האַנט אין האַנט עקאָנאָמישע און גייסטיקע פּראָבלעמען. ער גרינדעט אין פילאַדעלפיע די יידישע ליטעראַטור־געזעלשאַפט.

ווען ער ווערט אָנגעשטעלט אין 1896 אַלס פּראָפעסאָר פון אַנאַטאָמיע אין קאָלאָראַדער אוניווערסיטעט, און איז שוין באַרימט אַלס מאָגן און געדערים ספּעציאַליסט, שטייט אים נאָך אַלץ אָן מיטצואַרבעטן אין יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. ער טוט די וויכטיקע אַרבעט וואָס ער האָט נאָך אין 1888 אונטערגענומען פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן צו האַלטן זיי אין גוטן געזונט דורך זיינע אַרטיקלען וועגן פאָלקס־געזונט און היגיענע, זיינע באַאַרבעטע אָפּהאַנדלונגען אין דער „ניו יאָרקער פאָלקס־צייטונג״ שרייבט

ער אונטער דעם העברעאישן פסעוודאָנים „חס מלהזכיר" (חית סאַמעך מיינט חיים ספּיוואַק).

וואָס ווייטער ווערט זיין ליטעראַרישער פּעלד גרעסער און ברייטער. ער אַרבעט פאַרן „אַמעריקען היברו" און אין פאַרשיידענע מעדיצינישע זשור־נאַלן. ער שרייבט וועגן דער געשיכטע פון מעדיצין, וועגן די מעדיצינישע פּלעצער אין תנ"ך, אין תלמוד און אפילו אין דער רבנישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געפאָרשט פאַר דעם צוועק. ער האָט וועגן דעם אַרטיקלען אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע אויף ענגליש. אין יידישע צייטונגען האָט ער אַרטיקלען וועגן „פּאַלמעסן ביי יידן", וועגן היגיענע אין פאַרבינדונג מיטן יידישן לעבנס־שטייגער.

זיינע דעמאָלטיקע אַרטיקלען קען מען געפינען אין „איד. טאָגעבלאַט", אינם „פריינד", אין דער „צוקונפט", אינם „פאָלקס־וועכטער". אָבער אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" אין משך פון לאַנגע יאָרן, געפינען זיך דאָרט זיינע מערסטע אַרטיקלען אויף יידיש. איבערהויפּט האָט שטאַרק אָנגעריסן זיין סעריע „ווי אַזוי קען מען פאַרלענגערן דאָס מענטשלעכע לעבן ?".

ווי אַ טרייער זון פון פאָלק האָט ער ניט נאָר געהאַט דעם געהעריקן רעספּעקט צו דער יידישער שפּראַך, נאָר אויך אַ ליבשאַפט ווי פון אַ זון צו אַ מוטער. זיין יידיש איז געווען פול מיט חן, מיט אַ זאַפט, וואָס לאָזט זיך לאַנג געדענקען. אים האָבן ניט געפעלט קיין ווערטער. ער פלעגט זיי שטענ־דיק אַרויסשמעלצן ווי פון אַ יואוועליר'ס לאַבאָראַטאָריע. ער האָט פלייסיק דורכשטודירט אַלע עלעמענטן פון דער יידישער שפּראַך און מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט דעם העברעאישן עלעמענט, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַריידישט אויף אַ זייער אָריגינעלן אופן.

ווען דער דיכטער י הואָש האָט זיך צוליב זיין געזונט־צושטאַנד גע־מוזט באַזעצן אין קאָלאָראַדאָ און זיך באַפריינדעט צוליב דער באַזונדער גינ־ציקייט, וואָס פּראָפעסאָר ספּיוואַק האָט אים אַרויסגעוויזן, זיינען זיי געוואָרן שותּפים אין אַ ריזיקער אַרבעט צוזאַמענצושטעלן אַ יידישן ווערטערבוך, וואָס דר. ספּיוואַק האָט אַרויסגעגעבן אויף זיינע אייגענע הוצאות. דער דאָזיקער ווערטערבוך האָט אויסגעהאַלטן דערנאָך אַ צווייטע אויפלאַגע אין 1926,

דר. ספּיוואַק האָט אויך באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ צייטשריפט פאַר מע־דיצינישער ביבליאָגראַפּיע און פאַרן ביבליאָטעק־וועזן. זיין ליבשאַפט צו יידיש קען אַמבעסטן כאַראַקטעריזירט ווערן דורך זיין ווערק — אַ רשימה פון יידישע אויסדרוקן, גלייכווערטלעך און שפּרוכן אין פאַרבינדונג מיטן וואָרט „קאָפּ". אויף אַזויפיל האָט מען אים באַטראַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

פאַר אַ מייסטער פון יידיש, אַז דאָס בוך איז דערשינען אין מ י נ ס ק אין 1929.

ער האָט גענומען אַ שטאַרקן אינטערעס אין די ענינים פון דער יידישער קהילה אין דענווער. ער האָט געגרינדעט און געווען סעקרעטאַר פון דער „געזעלשאַפט צו העלפן די יידישע שווינדזוכטיקע", געווען איר סעקרעטאַר, געגרינדעט דעם ענגלישן זשורנאַל „דהי סענאַטאַריום", אין 1907, געגרינדעט די „דענווער דזשואיש ניוס", אַ וואָכנבלאַט, דערשינען אין 1915־1916.

זיין אינטערעס אין די יידן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אָנגערעגט דעם „דזשאינט" צו מאַכן אים פאַרן שליח צו שטודירן די היגיעניש און סאַניטאַרע באַדינגונגען פון די יידן אין פוילן, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד.

ער איז געווען אַ גרויסער קענער אין דער מעדיצינישער ליטעראַטור, געווען פיר יאָר דער רעדאַקטאָר פון די „מעדיקאַל לייברעריס", פרעזידענט פון דער מעדיקאַל לייברערי אַסאָסיעישאַן און דער ביבליאָטעקאַר פון דענווער מעדיקאַל אַסאָסיעישאַן.

אַלע וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אין אים געפונען אַ ברייטהאַרציקן, טיף־פילנדיקן מענטשן, די ערנסט פון אַ וויסנשאַפטסמאַן, די ענערגיע פון אַ פאָרשער, דעם מוט פון אַ קעמפער און די וויזיע פון אַ גרויסער צוקונפט פאַרן מענטשן־מין אין אַ באַפרייטער וועלט אָן קלאַסן־הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע.

אַלע יידישע צייטונגען האָבן אין 1921 געפייערט מיט אַרטיקלען און ביאָגראַפישע סקיצעס זיין 60־טן יובילעי.

דר. ספּיוואַק איז אַוועק אין דער אייביקייט דעם 16טן אָקטאָבער, 1927.

קאַפּיטל זעקס און פופציק

דר. האַוואַרד ליליענטאַל — אַ גרויסער כירורג



די שטרענגע קירכלעכע דיסעקציפלין פון מיטלאַלטער האָט איינגעהאַלטן, ווי אַ דאַמבע, די אַנטוויקלונג פון פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, וואָס זיינען שוין היבשלעך אַרויסגערוקט געוואָרן פאָראויס אין די קלאַסישע גאָלדערנע עפּאָכעס פון אַלטן גריכנלאַנד און רוים. איינע פון זיי איז די וויסנשאַפט פון אַנאַטאָמיע. נישט בלויז וויוויסעקציע, דאָס אָפּערירן אויף לעבעדיקע חיות, איז געווען פאַרבאָטן, נאָר אפילו די פאַנאַדערשיידונג פון טויטע מענטשלעכע קערפּערס, כדי פון זיי צו לערנען דעם געבוי און אינערלעכן מעכאַניזם פונם מענטשן, איז געווען פאַרדאַמט. ווען איר זעט די אַנאַטאָמישע אילוסטראַציעס פון אַ רייע מיטלאַלטערלעכע יאָרהונדערטער, זעט איר, אַז זיי זיינען כמעט די זעלבע ווי עס האָבן געלאָזן נאָך זיך די קלאַסישע היפּאָקראַטעס־גאַלעניש מעדיצינישע לערעס.

די כירורגישע קונסט האָט דעריבער געהונקען אויףביידע פיס ביז דעם לעצטן יאָרהונדערט. די גרעסטע שפּרייזן האָט זי געמאַכט זינט עס זיינען אויסגעבעסערט געוואָרן די אַנעסטעטישע (איינשלעפערנדיקע) מיטלען און די כירורגישע מעטאָדן, איבערהויפּט אין אָפּערירן די אינעווייניקסטע אָרגאַנען, ווי האַרץ, לונגען, נירן, דריזן און ענלעכע. איינער פון די וואָס האָט אין אונדזער צייט, אין אַמעריקע, גרויסע פאַרדינסטן אויף די געביטן, איז דר. האַוואַרד ליליענטאַל. איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט איז ער געווען איינער פון די באַרימטסטע כירורגן אינעם „מאַונט סאַינאַי״ שפּיטאָל אין ניו יאָרק. ער ווערט בכלל פאַררעכנט פאַר איינעם פון די פירנדיקע כירורגן אין אַמעריקע.

דר האַוואַרד ליליענטאַל איז געבאָרן געוואָרן אין אַלבאַני, ניו יאָרק, דעם 9טן יאַנואַר, 1861, אין אַ פאַרמעגלעכער יידישער פאַמיליע. ער האָט געהאַט פון די בעסטע פּריוואַטע לערער און שולעס. ער איז דורכגעגאַנגען די אַלבאַני „באָיס אַקאַדעמי״, פּריוואַטע צוגרייט־שולן, און גראַדואירט פון

דער האַי־סקול אין סאַראַטאָגאַ אין 1877. דערנאָך — ווידער אַ פּריוואַטער לערער, וואָס האָט אים צוגעגרייט צום האַרוואַרדער אוניווערסיטעט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט און גראַדואירט אין אַלגעמיינע וויסנשאַפטן אין 1883, אין מעדיצין, געקראָגן זיין דאָקטאָר־טיטל אין 1887.

נאָך אַ ריי יאָרן אַלס „אינטוירן" און אינסטרוקטאָר אין ניו־יאָרקער פּאָליקליניק און אָנפירער מיט׳ן כירורגישן שטאַב אין „גוד סאַמאַריטען דיספּענסערי" איז ער געוואָרן דער אַסיסטענט פון דעם דעמאָלטיקן באַרימטן דאָקטאָר אַרפּאַרד ג. גערסטער, געמאַכט אַלערליי כירורגישע אָפּעראַציעס, ווערט ער איינגעלאַדן אין פיל מעדיציניש־כירורגישע אינסטיטוציעס און צו זיין אַ מיטגליד פון קאָנסיליאומס ביי וויכטיקע אָפּעראַציעס. אַזוי האָט ער אויך אין זיין פאַרבינדונג מיט׳ן דערמאָנטן באַרימטן „מאַונט סאַינאַי" שפּיטאָל דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג — פון „אינטוירן" ביז קאָנסולטירנדיקן כירורג, אויף אַלערליי געביטן פון כירורגיע.

אין 1909 ווערט ער אויך באַשטימט פאַר׳ן „באַזוכנדיקן כירורג" פון בעלוויו שפּיטאָל און אין אייניקע אַנדערע ניו יאָרקער שפּיטאָלן און ניו־דזשוירזי. אַ ריי יאָרן האַלט ער די פּראָפעסאָר־שטול פון קליניקער כירורגיע אינעם מעדיצינישן קאָלעדזש פון קאָרנעל אוניווערסיטעט.

אין 1911, אין עלטער פון פופציק יאָר ווערט ער קאָמאַנדירט אַלס ערשטער לייטענאַנט אינעם מעדיצינישן רעזערוו־קאָרפּוס, דערנאָך אַלס מאַיאָר און קומט ענדלעך אָן צום ראַנג פון לייטענאַנט קוירנעל (קאָלאָנעל) אינעם מע־דיצינישן קאָרפּוס. די וועלט־מלחמה ברענגט אים קיין פראַנקרייך אין אָנהויב 1918 אינעם דינסט, אַלס שעף פון כירורגיע אין דער באַזע פון שפּיטאָל נומער דריי, וואָס איז געווען דער יוניט פונם „מאַונט סאַינאַי" שפּיטאָל.

עלף מאָנאַטן אַרבעט דאָרט דער אַמעריקאַנער יידישער כירורג אויף אַנקל סעמ׳ס פאַרוואונדעטע און קראַנקע זעלנער, ביז ער קריגט זיין „באַפרייאונג מיט כבוד". אין מאַי, 1921, קריגט ער אַ קריגס־מעדאַל פאַר אויסגעצייכנטער דינסט.

דר. ליליענטאַל׳ס אויסצייכענונגען זיינען זייער אָנזעעוודיק אויפן כי־רורגישן געביט פונם ברוסטקאַסטן און בכלל אויף אַלע אָרגאַנען און געפעסן, וואָס געפינען זיך אין דעם חלל (אויסהייל) פונם ברוסטשטיק (טהאָראַקס), ווי למשל די ברוסט־וואַנט, די לונגען־הילע, פּעריקאַרדיום — דאָס דינע הייטל וואָס אַרום האַרץ, דער עסאָפאַגוס, אָדער דער שלונד (ווסט) דורך וועלכן שפּייז ווערט טראַנספּערירט אין מאָגן אַריין.

אין 1925 דערשיינט אין צוויי בענד זיין וויכטיק ווערק איבער דער

כירורגיע פונם ברוסטקאסטן (טהאָראַסיק סוירדזשערי). אין ענגליש איז עס דאָס ערשטע אַרומפאַסנדיקע ווערק איבער דעם קעגנשטאַנד.

האָוואַרד ליליענטאַל איז געווען דער ערשטער, און אַ היפּשע צייט דער איינציקער כירורג, וואָס האָט אָפּערירט דעם קאַנצער פונם וושט, (ווערישעט, עסאָפאַגוס) אָן אַ פריִערדיקער אָפּעראַציע אויפן מאָגן אָדער ענגער־עראָסטאָמיע — אָן עפענונג פונם געדערים־אַפּאַראַט אין דרויסן אַרויס.

דער פּלאַץ איז דאָ צו באַגרענעצט זיך אַריינצולאָזן אין אַלע אויפטואונגען פון דעם דאָזיקן גרויסן כירורג. אָבער זיין פּיאָנערן־אַרבעט איז ווי אַ ליכט־טורעם אין דער געשיכטע פון כירורגיע דאָ אין לאַנד. עס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן, אַז דר. ליליענטאַל איז געווען דער ערשטער כירורג אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט עקס־רעיס צו דעמאָנסטרירן די רעזולטאַטן פון אָפּעראַציעס איבער ביינער. דאָס איז נאָך געווען מיט צענדליקער יאָרן צוריק. עס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען די פילם־קונסט. עס איז נאָך אפילו נישט געווען די עקס־רעי רער.

אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס ערשטע בילד האָט פאַר אים געמאַכט דער וועלט באַוואוסטער וויסנשאַפטסמאַן און עלעקטרישער „כישופמאַכער" ניקאָלאַ טעסלאַ. די נייעס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „מעדיקאַל ניוס", דעם פערטן אַפּריל, 1896.

אין 1910 האָט ער צום ערשטן מאָל אָנגעווענדט אָן אַנעסטעזיע אינם אינעווייניקסטן אָטעם־רער פון אַ מענטשן. די מעטאָדע גופא איז געווען פון די יידיש־אַמעריקאַנער כירורגן מעלצער און אָוער, און דער אינסטרומענט, וואָס איז דערביי אָנגעווענדט געוואָרן, איז אַ דערפינדונג פון אַ פערטן יידיש־אַמעריקאַנער דאָקטאָר, טשאַרלס א. עלסבערג.

אינם פּראָצעס פון זיינע אָפּעראַציעס האָט דר. ליליענטאַל דערפונדן אַ רייע אינסטרומענטן און אַפּאַראַטן צו פאַראייפאַכן און מאַכן גרינגער די אַרבעט פאַרן כירורג און די לאַגע פונם פּאַציענט.

אַ באַזונדערע ווערט אין פאַלן פון נירן און גאַלבלאָז אָפּעראַציעס, איז זיין דערפינדונג פון אַ רייזע־באַרן אָפּעריר־טיש. די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט עס איבערגענומען פאַר דער אַרמיי, געמאַכט דאָרט אָן אומבאַדייטנדיקע ענדערונג, און ער איז געבראַוכט געוואָרן דורך דער גאַנצער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיר קענען זיך וויניק וואָס דערוויסן וועגן זיין פּריוואַטן לעבן, צי ער איז געווען אָרעם, צי רייך. אָבער איין זאַך איז זיכער, ער האָט רייך געמאַכט די אַמעריקאַנער כירורגישע ליטעראַטור מיט אַרום דריי הונדערט „סיסטעמס אָוו סוירדזשערי", אַ האַנט־בוך פאַר כירורגן, און מיט פיר וויכטיקע ביכער און פּאַמפלעטן.

אין זיין דערפעגונגס־רעדע אַלס פּרעזידענט פון דער דערמאָנטער אַמערי־קאַנער כירורגן־געזעלשאַפט אין יאָר 1924, האָט ער אונטערגעשטראָכן די ווירקזאַמקייט פון באַציייטיקע אָפּעראַציעס פון לונגן־קאַנצער, וואָס איז איצט אַן אָנגענומענע זאַך אומעטום. (זע „אַמעריקען דזשואיש פיזישנס אָוו נאָוט פון דר. ס. ר. קאגאן, 1942, באָסטאָן, פונוואַנען די מערסטע פאַקטן זיינען באַצויגן געוואָרן).

לאַנגע יאָרן איז דר. ליליענטאַל געווען אויף דעם עקזעקוטיוו־שטאַב פון דער „אַמעריקאַנער געזעלשאַפט צום קאָנטראָלירן קאַנצער". ער איז געווען צווישן די עלטסטע פון דער אַמעריקאַנער כירורגן־געזעלשאַפט; אַ גרינדער פון דער ניו יאָרקער געזעלשאַפט פאַר ברוסט־כירורגיע פון וועלכער ער איז געווען פרעזידענט אין 1903. אין די יאָרן 1922־1923 איז ער געווען דער פרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר ברוסט־כירורגיע.

דר. האווארד ליליענטאַל איז געשטאָרבן דעם 30־טן אַפּריל, 1946, אין עלטער פון פינף און אכציק יאָר.

קאַפּיטל זיבן און פופציק

מאָריס ראָזענפעלד — דער „טרערן-מיליאָנער"



דעם פּיאָנער'ס ווייען זייגען כמעט שטענדיק, ווי געבורט־ווייען. זייער ווייניק דיכטער־פּיאָנערן, אין יידיש, דאָ אין אַמעריקע, האָבן דורכגעלעבט אַזויפיל נשמה־קאָנפליקטן, ווי דער דיכטער, וואָס איז, ווי אַ פּראָסטער „שלוש־סעודות" זיך מודה אין משונה־דיקע ווידערשפּרוכן:

„כ'האָב געקלאַפּט אין אַלע שויבן,
וואו כ'האָב נאָר באַמערקט אַ שיין..
ווי, מיך האָט געקוועלט דער גלויבן!
ווילד געקוועלט דעם צווייפל'ס פּיין!!

אַלט בין איך און גראָ געוואָרן,
פון דעם שרעקלעכן מיש־מאַש.
אין מיין בוזעם טראָג איך יאָרן,
טראָג איך פלאַמען, טראָג איך אַש".

(געזאַמלטע ווערק, באַנד 4, ז. 14).

אָבער נישט ווייניקער צווישן די יידישע פּיאָנערן־דיכטער, דאָ, מיטן אויסנאַם פון ווינטשעווסקי'ן, האָבן אריינגעטראָגן אין זייער דיכטונג אַזאַ שלל פון העברעאיש־יידישע אידיאָמען, ווי דערזעלבער פּיאָנער־דיכטער האָט עס געטאָן, למשל, מיט אַזאַ אַלגעמיינעם אַלנאַציאָנאַלן באַגריף ווי „פרילינג"—

„די נשמה פּירט אַ נייעם שטאַט,
עס קומט דעם גייסט „תתחדש" —
דאָס לעבן הילכט זיין „הרי את",
ער איז די וועלט מקדש . ."

(געזאַמלטע ווערק, באַנד 4, ז. 14).

ביידע ציטאַטן זייגען פערזן פון מאָריס ראָזענפעלד'ס לידער און ביידע ווייזן, אַז מיר האָבן אָפט אונטערגעשאַצט דעם קולטור־ווערט פון דעם דאָזיקן ברייט־ווידערשפּרעכלעכן דיכטער. אָן שום ספק איז אַלגין געווען גערעכט, אין זיין אַרבעט וועגן ראָזענפעלד'ן 1), ווען ער האָט געשריבן, אַז דער דאָ־

זיקער דיכטער „איז געווען אַ פערזענלעכקייט מיט אַ סך שאַפנדיקן כוח, מיט אַ סאַך פאַרשיידנאַרטיקייט, מיט מער מעגלעכקייטן, ווי ער האָט פאַרווירקלעכט.. אָבער אויך דאָס, וואָס איז נאָך אים געבליבן, איז אַ מאָנומענט, אַ שטיק געשיכטע, אַ גאַנצער פּאַס אין דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג, אַ טיפער צייכן איינגעקריצט אין האַרצן פון דורות" 2).

אין זיינע פריע נאָך־ניט דעמאָראַליזירטע יאָרן איז ראָזענפעלד געווען אַ טיפּישער יידישער אַרבעטער־דיכטער, וואָס האָט אויסגעשריען דעם ווייטיק פונם אויסגעזויגענעם, דעם פּיין פונם אין שווייס־געבאָדענעם חושך־שאַפּ, דעם יאָך פון עבודת פרך אינם סוועט־שאַפּ. ער האָט דעמאָלט געוועקט דעם אַרבעטער'ס באַוואוסטזיין, זיין ווערדע, זיין שטאָלץ און וואָס שייך דעם ווערט פון זיין אַרבעט —

„דיין ווערט צו באַצאָלן פאַרמאָגט נישט קיין טראָן;
דיר קען די נאַטור נאָר פאַרגעלטן.
דיין אָרט איז אַן ערן אָרט גאַנץ אויבנאָן,
דו גאָט פון די אירדישע וועלטן!..
מיט וואָס דיר באַלוינען, ווען אַלעס איז דיין,
דו פלייסיקע האַנט מיט'ן האַמער?
צו דיר געהערט אַ ל ע ס — דאָס ברויט און ידער ווין,
דאָס אייזן, דאָס גאָלד און דער מאַרמער".

(געז. שריפטן, באַנד 2, ז. 171)

דאָס איז געשריבן געוואָרן פיל פריער פאַר באָוושאָווער'ן, וואָס האָט גערופן דעם אַרבעטער אויפצוהייבן זיינע אויגן און זען. און נעמען. אָבער מאָריס ראָזענפעלד האָט זיינע לעצטע יאָרן ניט פאַרענדיקט אפילו אינם „פאָרווערטס". ער האָט זיך אַליין פאַרגוואַלדיקט אינם „טאַגעבלאַט". דאָרט האָט ער געהאַט אַלס קאָלעגן נאָך עטלעכע אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע רענעגאַטן.

אפילו אין זיינע גלענצענדיקסטע אַרבעטער־דיכטערישע יאָרן האָט מאָריס ראָזענפעלד ניט געוואוסט פון וועלכן עס־איז אויסגעהאַלטענעם וועלט־אָנשוי. ער האָט זיך געוואַקלט צווישן אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם, און קיינמאָל זיך נישט באַמיט צו פאַרשטיין גרינטלעך נישט דעם ערשטן, נישט דעם צווייטן.

1) זע „קולטור און פאָלק", פון מ. אָלגין, פאַרלאַג איקוף, ניו יאָרק, 1949
2) ידאָרט, זייט 195.

י. ב. ביילין

מאָריס ראָזענפעלד, אָדער לויט זיין אמת'ן יידישן נאָמען משה־חיים אַלטער, איז געבאָרן געוואָרן אין דער פאַמיליע פון אפרים־לייב ראָזענפעלד, אַ פיש־פאַקטאָר, וואָס האָט דערגרייכט צום טיפן עלטער פון 106 יאָר, און איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק מיט אַרום זיבן יאָר פריער פאַר זיין באַרימטן זון. לויט די פאָרשונגען פון קלמן מרמר, איז דער פאָטער אין זיינע מיטעלע יאָרן געווען אַ מיליטערישער שניידער, און איז געווען ווייט נישט קיין עם־הארץ.

ער האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרן הדרת־פנים. ער האָט געלערנט מיט פשוט'ע יידן אין בית־מדרש יעדן שבת און יום טוב (זע לעקסיקאָן פון יידישער ליטעראַטור, באַנד 4).

געוויינלעך קאָן מען זען פונם פאָטער'ס טיפן עלטער און פון דעם זונ'ס נאָמען „משה־חיים אַלטער", אַז דער שפּעטערדיקער מאָריס איז געווען ביי זיינע עלטערן אַ ציטערדיק קינד, ווייל די פריערדיקע קינדער האָבן זיך נישט געהאַלטן. די פאַמיליע, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געוואוינט אינם דאָרף באָקשאַ, לעבן סייני, סואוואַלקער גובערניע, אַלס פישער, האָט זיך נאָך מאָריס'עס געבורט אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע און דערנאָך קיין סואוואַלק גופא. וואו דער שפּעטערדיקער מאָריס האָט געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג פון חומש, רש"י און גמרא.

„משה חיים אַלטער" איז געווען ביי זיינע עלטערן ווי „אַן אויג אין קאָפּ", נישט בלויז צוליב זיין ציטערדיקייט, נאָר אויך צוליב זיינע אַנדערע מעלות — אַ שיינער, אַ קלוגער און פייאיקער. ער האָט אויך געלערנט צוביסלעך דייטש און פויליש. דאָס האָט אים נאָך אין זיינע יונגע בחור'שע יאָרן געגעבן אַ צוטריט צו היינע'ס פּאָעזיע און ער האָט אַליין כמעט געהיימערהייט גע־נומען שרייבן לידער, צו פופצן יאָר.

ער איז אויסגעוואַקסן אַן אויסערגעוויינלעך־שיינער בחור, מיט אַ פּאָר פייערדיקע אויגן און מיט אַ וואַרעמען, העל־קלינגענדיקן קול, וואָס האָט געגלעט ווי סאַמעט. ער איז אויך געווען אַ בריה — פלינק, רירעוודיק און אינטערעסאַנט. ער האָט געקענט אויסנווייניק די לידער פון מיכל גאָרדאָן און גאָלדפאַדען. ער האָט זיי דעקלאַמירט און געזונגען. פון זיינע אייגענע לידער האָט אָבער קיינער נישט געהאַלטן, אויסער זיין געליבטע אסנה־ביילע, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט צו 18 יאָר.

די ערשטע צייט געגעסן קעסט, דערפאַר געמוזט זיצן און לערנען אין בית־מדרש אַ בלאַט גמרא מיט חברה ש"ס. ער האָט אָבער אונטער דער גמרא געהאַלטן גרייט העברעאישע און דייטשע ביכלעך, וואָס ער האָט געלייענט, ווי אַ דאָרשטיקער.

אָבער צו פּרנסה קומט עס נישט, און דאָ בענטשט אים זיין אסנה־ביילע מיטן ערשטן קינד. דאָס איז געווען אינם באַרימטן עמיגראַציע־יאָר 1882. לאָזט ער זיך אויך קיין אַמעריקע, אָבער זיין רייזע איז געווען מיט אַ היפּשער פאַרהאַלטונג אין אַמסטערדאַם, וואו ער האָט זיך דערווייל געלערנט דימענט־שלייפעריי.

ענדלעך קומט ער אָן אינם גאָלדענעם לאַנד. אָבער עס ליגט פּאַר אים נישט אָנגעגרייט קיין גאָלד. מאַכט ער נישט קיין שהיות: געוואוסט שוין דעם וועג אויף צוריק. אָבער דאָרט, וואו ער האָט שוין געהאַט פאַרברענט די בריק הינטער זיך — אין זיין געבורטסלאַנד — האָט ער שוין, צוליב די מיליטערישע פליכטן, וואָס ער איז ניט נאָכגעקומען, ניט געפּרואווט אפילו זיך אומקערן צו וואוינען. און אַזוי ווי זיין פּאַטער׳ס פאַמיליע האָט זיך שוין דערווייל געהאַט באַזעצט אין לאָנדאָן, איז דער יונגערמאַנטשיק אַוועק אַהין.

דאָס איז שוין געווען אין 1883. דעמאָלט האָט ער זיך גענומען לער־נען שניידעריי, אָבער מער ווי זעקס חדשים האָט אים שוין זיין געדולד ניט אויסגעטראָגן... ער האָט גוואַלדיק געבענקט נאָך זיין ווייב און ק י נ ד ע ר, ווייל גלייך נאָך זיין אַוועקפאָרן איז אים געבאָרן געוואָרן נאָך אַ קינד. זיין פרוי אין סוואַלק האָט זיך דערנערט מיט אירע עופה׳לעך פון פאַרוק־מאַכעריי. לאַנג האָט ער שוין דאָרט ניט געטאָרט שטיין, און נעמט אַריבער זיין קליינע פאַמיליע איבער דער גרעניץ און — באַזעצט זיך מיט זיי אין לאָנדאָן.

דער שניידער־אַרבעטער, מאָריס, הייבט שוין אָן אַזוי יונג צו ווערן פאַר׳צרה׳ט און פאַרמאַרעט, אַרבעטענדיק לאַנגע שטונדן און שווערע עבודת פּרך ביים הייסן שניידער־אייזן. זיין שיינע אסנה־ביילע ווערט אויך פאַר־וואַנדלט אין אַ בלאַסער, כמורנער ב ע ס י. זי קען נישט פאַרשטיין פאַרוואָס איר מאָריס זיצט נאָך אַלץ אַזוי שפּעט ביינאַכט און שרייבט לידער, וואָס ווערן אין ערגעץ נישט געדרוקט.

עס העלפט אים אפילו נישט זיין אָנשליסן זיך אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע און זיינע קוים־אָפּגעשפּאַרטע בייטראָגן, וואָס ער גיט דעם „אַרבעטער פריינט״. מ׳זאָגט אים, אַז ער מוז נאָך אַרבעטן אויף זיך, ווייל זיינע לידער זיינען נאָך נישט קיין צייטיקע. זיי זיינען רוי און אומבאַהאָלפן. ערשט סוף זומער, 1886, פאַרלאָזט ער מיט זיין פאַמיליע לאָנדאָן, קומט קיין ניו יאָרק, קריגט אַרבעט ביי שניידעריי אַלס „בעיסטער״ און שפּעטער אַלס פּרעסער ביי רעק. עס איז אַ שווער לעבן פון מי און שוויס, פון נויט און חושך.

אָבער אָט רייסט זיך אַריין אין דעם דאָזיקן חושך אַ ליכטיקער שטראַל

צום נייעם יאָר. זיין ליד „דאָס יאָר 1886” ווערט צום ערשטן מאָל געדרוקט. „ענדלעך !”, „ענדלעך !” — האָט ער געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן. דאָס האָט ער געהאַט צו דאַנקען דעם רעדאַקטאָר משה מינץ. עס איז אָבער נאָך אַלץ נישט געווען קיין ליד, אויף וועלכן מ׳האָט זיך אומגעקוקט. עס איז געווען אַגיטאַציע אין גראַמען — אַ קנאַפּער אויפּטו.

ערשט ווען עס דערשיינט זיין ערשט וויגן־ליד, הערט זיך שוין דאָרט אַ העלערער אייגנאַרטיקער טאָן, און מ׳האָט שוין געקענט קריגן אָן אָנדייט, אַז אינגיכן וועט קומען „מיין יינגעלע” — דאָס ליד, וואָס איז דערנאָך פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. דערווייל הויבט מען אים שוין אויך אָן צו דרוקן אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינט”. ער הויבט שוין אָן צו געפינען זיין וועג. ער ווערט געאייבטער און זעט שוין איין, אַז דער עיקר אין אַ ליד איז נישט דער גראַם, נאָר די געפּרעסטע געדאַנקען און געפילן.

אין די יאָרן 1888 און 1889 הויבט ער אָן צו ווערן באַרימט אפילו אין די ראַדיקאַלע יידישע אַרבעטער־קרייזן. זיין סאַטיריש ליד „ראַבינער און מאַשינער” האָט „אָנגעריסן” אין אַזאַ מאָס, אַז מ׳האָט עס גענומען דע־קלאַמירן אויף טיש און אויף בענק אין ניו יאָרק.

ביסלעכווייז ווערן זיינע לידער ממשות׳דיקער און מער־זאָגנדיקער. די צאָל, וואָס ער האָט שוין פאַרעפנטלעכט, גיט מען אַרויס אין אַ באַזונדער ביכל — „די גלאָקע” — פאָלקס־לידער און רעוואָלוציאָנערע געדיכטע. אינ־גאַנצן האָבן די 68 זייטן אַנטהאַלטן 28 לידער. צווישן זיי איז שוין אויך פאַראַן אַ ליד פון זיין לערער אין פּאָעטיק, י. מ. מעריסאָן (דער שפּעטערדיקער דר. מעריסאָן).

דאָס ביכל איז נאָך אויך ווייט געווען פון וועלכן־עס־איז מוסטער. די לידער זיינען נאָך געקינצלטע, געקליגטע, טענדענציעזע און פאָרמלאָזע, מיט המן־קלאָפּערדיקע, גרילצנדיקע גראַמען, מיט פיל דייטשע באַרבאַריזמען. עס איז אָבער געווען אָן אָנזאָג, אַז אַ דיכטער האַלט זיך אין אויספּיקן פון אַ „פיל־פאַרביקער איי”.

זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן צו הויבן מיט זיינע שאַפּ־לידער. יעדן אַרבעטער האָט זיך אָפּגעדאַכט: אָט אַזוי פיל איך דאָך טאָקע. ער האָט דאָך דאָ אמת אין יעדן וואָרט. בפרט נאָך ווען די ווערטער זיינען עפּעס אָנזעעוודיקער, ווי זייער געוויינלעכע שפּראַך און זייער אויסשטעל און ריטם הויבט זיך אָן צו זינגען פון זיך אַליין.

באַלד האָבן אָנגעהויבן צו ווייזן זיך פון זיין פען לידער, וואָס האָבן אים באמת געמאַכט פאַר אַן אַרבעטער־דיכטער.

ווער פון אונדז האָט נישט אונטערגעזונגען, אָדער אונטערגעברומט, מאָריס ראָזענפעלד'ס אַ שאַפּ־ליד? מיט זעכציק יאָר צוריק איז עס שוין דאָ, אין אַמעריקע, קיין נייעס נישט געווען, און צווישן די ערשטע אַרבעטער־לידער, וואָס מיר האָבן נאָך געזונגען אין אייראָפּע, האָט זיך שוין מיט מער פרישקייט אויסגעטיילט דאָס ליד פונם שניידער־דיכטער, ווי ער איז עס אין אָנהויב געווען.

ער איז געוואָרן אָפּיציעל, זינט די „אַרבעטער־צייטונג" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין 1890, אונטער דער רעדאַקציע פון פיליפּ קראַנץ. ער האָט באַגריסט איר דערשיינונג מיט אַ ליד, וואָס יעדער, מער אָדער ווייניקער, אינטעליגענטער אַרבעטער וואָלט עס אַרויסגעזאָגט אין פּראָזע. אַזוי פּשוט און עכט איז עס געווען:

„אָ, זיי געגריסט דו נייער שטערן —
דו נייער גייסט, מיט טויזנט גריסן!
אָ, רעד צו אונדז, מיר ווילן הערן,
דערצייל אונדז אַלץ, מיר ווילן הערן.
מיר זיינען זשעדנע נאָך געדאַנקען,
דער אמת איז אונדז הייליק, טייער;
אָ, עפן אַלע הארצנס־שראַנקען,
און צינד דאָרט אָן אַ נייעם פייער".

גראַד אָט מיט דער פּראָסטקייט האָט ער אויסגענומען ביי די אַרבעטער. זיי האָבן געקענט דערפילן אין אים, אַז דאָס איז איינער פון זיי, וואָס אָטעמט די זעלבע פאַרשטיקטע לופט אין די חושכ'דיקע שוויץ־שעפּער, איינער פון זיי, וואָס איז אַזוי דאָרשטיק נאָך אַ נייעם, דערמוטיקנדיקן וואָרט פון פרייהייט און אמת.

און ווען אָט־דער בלאַסער „אָפּערייטאָר" זינגט, אַז אינ'ם רויש פון די מאַשינען אין שאַפּ ווערט זיין „איך" בטל און ווערט אַליין אַ מאַשין, פילט יעדער אַרבעטער, ווי אָט־דאָס האָט ער דאָך אַליין געוואָלט אויסשרייען פאַר דער וועלט.

און ווי טרעפלעך־בילדלעך שילדערט עס דער דיכטער אפילו דעם זייגער פון שאַפּ. נישט קיין זייגער איז עס, צייטנווייז ביי אים, נאָר אַ פּנים, אַ ווילדער, בייזער פּנים. אין זיין טיקען הערט ער דעם „באַסעס ווילדן געבייזער"; ער זעט „זיין פינצטערן בליק אין די ווייזערס די צוויי", ווען ער זינגט, אַז דער שאַפּ אין די שפּעטע שעה'ן קוקט אויס ווי אַ שלאַכטפעלד און אַז

אַלע ציטאַטן ווערן געגעבן אין אונדזער איצטיקן אויסלייג — י. ב. ב

„אָרום און אָרום זע איך ליגן הרוגים”, זיינען עס באַרעכטיקטע און לייכט־פאַרשטאַנענע מעטאַפאָרן ביי די אַרבעטער.

און אַזוי אויך, ווען ער הויבט־אָן פּלוצלונג צו דערזען דעם זעלבן זייגער אין אַן אַנדער ליכט. ער דערהערט אין זיין טיקען אַ נייעם טאָן, דאָס וועקט ער אים גאָר אויפצושטיין און צו רעוואָלטירן קעגן אַזאַ ווילדער אוממענטשלעכער עקספּלואַטאַציע.

אָט אין יענע נײַנציקער יאָרן האָט ראָזענפעלד אָנגעשריבן זיינע בעסטע אַרבעטער־לידער. כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט באַלאַנגט צו וועלכער עס־איז אַרבעטער־פּאַרטיי, אידענטיפיצירט ער זיך דעמאָלט מיט אַלע „פריי־הייטס־סאָלדאַטן” און שטייט אויך „אין די רייען צו באַפרייען די וועלט פון איר וויי און די מענטשהייט פון שקלאַפעריי”.

„מיר קומען מיט פעסטע כלי־זיין (קלעיי־זאַיען) פאַרזען
און רופן זיך מער ניט די שוואַכע —
„פאַראויס גייט אונדז מ אַ ר ק ס מיט זיין מעכטיקער פען,
ל אַ ס אַ ל מיט זיין גוואַלטיקער שפּראַכע.”

אָבער אַזעלכע לידער אין וועלכע „מיר מאַרשירן קעגן האַרמאַטן”, זיינען בלויז איינציקע זאַנגען־געזאַנגען אין מאַריס ראָזענפעלד'ס פעלד און בכלל זיינען ניט די לידער, וואָס מאַכן ראָזענפעלד'ן פאַרן גרויסן דיכטער. זיינע מערסטע אַרבעטער־לידער זיינען גראָד די אָרעמסטע צווישן די „רויזן פון זיין פעלד”.

נישט אויף קיין דיכטערישער הויך זיינען די מערסטע פון זיינע לידער „פון דער אָרעמער גאַס” ווי, למשל, „צו אַ באַרוועסער מיידעלע”, „צו אַ באָרוועסן יינגעלע”. נישטאָ אין זיי אפילו דער פּאַטאָס, וואָס איר געפינט אין זיין מאַינער־ליד „דער בלינדער בעטלער”.

שטאַרק איז ראָזענפעלד בלויז אין זיינע נאַטור־לידער, ווי מערסטע דיכטער — אין עראָטיק, און אין פיל פון זיינע נאַציאָנאַליסטישע לידער. אָבער נישט שטענדיק איז די דאָזיקע „שטאַרקייט” ביי אים אינגאַנצן אָרי־גינעל. אין די אַלע מינים „אומשולדיקע” לידער איז ער אונטערן איינפלוס פון היינע און בערנע, פון לאָנגפעלאו און מאַרקס, העס און אַנדערע.

אָבער די אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער האָט געצויגן אין דער ברייטע־רער וועלט, איז געווענדט געוואָרן צו אים, נישט דורך זיינע מער פּאַעטישע און מער פערפעקטע לידער, נאָר גראָד דורך זיינע שאַפּ־לידער: דורך זיין אָרעמקייט און פּיין. זיינע לידער אין די ערשטע יאָרן האָבן אים קיין הכנסה

נישט אַריינגעבראַכט. ער האָט אפילו נישט געקראָגן באַצאָלט פאַר זיין פאַפיר און טינט. ערשט די „אַרבעטער צייטונג" האָט אים גענומען צאָלן צוויי דאָלאר פאַר אַ ליד. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען זיין נויט איז כסדר געוואקסן, צוזאַמען מיטן וואוקס פון זיין פאַמיליע.

די אַרבעט איבער די כוחות, די לאַנגע שעה'ן יעדע נאַכט אויף זיינע לידער, האָבן דעם דאַזיקן אַמאָליקן שיין־געבויטן יונגנמאַן געמאַכט שנעל אַ חורבה. דאָקטוירים האָבן אים פאַרזאָגט נישט צו גיין אַרבעטן אין שאָפּ. ער האָט גענומען אַרומגיין פעדלען מיט זיינע ביכלעך. ער איז אַרויס־געטראָטן מיט דעקלאַמאַציעס אויף אַרבעטער־אונטערנעמונגען. נישט זעלטן „געגעבן קאָנצערט", אויסזינגענדיק זיינע לידער. אַ שטיקל צייט אפילו געוואָרן אַ „יוניאָן באַאַמטער", ווען די „בראָדערהוד אָוו טעילאָרס" האָט געגעבן איר זינגענדיקן מיטגליד אַ שטעלע פון אַ מין יוניאָן־אַגענט („וואָ־קינג דעלעגעיט"). ער האָט אָבער אַזוי פיינט געקראָגן דעם שאָפּ, אַז אים איז אפילו דאָס אויך מיאוס געוואָרן.

אין 1894 פרואווט ער צוזאַמען מיט שאַרקאַנסקי'ן אַרויסצוגעבן אַ סאַטיריש זשורנאַלעכל „דער אשמדאי". דאָרט האָט ער זיך געקילט דאָס האַרץ מיט הייסע אַטאַקעס אויף זיינע שונאים, וואָס האָבן אין אים געזען דעם „שניידערוק". דעמאָלט האָט ער עס געשאַפן זיין שמיץ־ליד „לאַטוטיס", דער שניידער וואָס שניידט ביזן ביין און וואָס שטעכט מיט זיין נאָדל טיף און טיפער.

זיין גליק איז נאָך געווען זיין אומפאַרגלייכלעכע פרוי, אסנה־ביילע. נית בלויז האָט זי ווי אַ העלדין געטראָגן אויף זיך דעם פולן יאָך פון דערציען, אָפהיטן און באַקליידן די קינדער. זי האָט אויך יאָרן־לאַנג געדינט ווי די פרנסה־געבערין, געניית פאַרוקן גאַנצע נעכט און געזען שאַנעווען אויך איר קראַנקן מאַן, וואָס איז כסדר פיזיש געזונקען.

אין 1897 גיט ער אַרויס זיין זאַמלונג „דאָס ליעדער־בוך". ער האָט געהאַט דעם זעלבן שלימזל, ווי די פריערדיקע צוויי ביכלעך. עס איז געווען שווער צו פאַרקויפן אַ ביכל. אָבער ווען די לעצטע פונקען פון האָפענונג האָבן גענומען שוין צאַנקען, האָט אים פלוצלינג אַ בלענד געטאָן אַ ישועה, וואָס ער האָט פריער קיינמאָל נישט דערוואַרט. אין די הענט פונם פראָפעסאָר פון סלאַווישע שפּראַכן אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, לעאָ ווינער, איז אַריינ־געפאַלן זיין ביכל. דאָס וואָס די יידישע רעדאַקטאָרן און קריטיקער האָבן פאַרפעלט צו זען, האָט גראַד דער פראָפעסאָר דערבליקט. ער האָט דערזען אינם פראָסטן יידישן דיכטער אַ נייעם טיפּ באַאָבאַכטער און אים פאַרגליכן מיטן גרויסן דיכטער דאַנטע פונם 13טן יאָרהונדערט.

„דאַנטע האָט אַנטדעקט דעם גיהנום אויף יענער וועלט, מאָריס

ראָזענפעלד האָט אים דערזען אַ ניט־וויניקער שרעקלעכן אויף דער וועלט — אינם סוועט־שאָפּ!"

איבער נאַכט איז דער גורל פונם צעווייטיקטן, קראַנקן דיכטער איבער־געדרייט געוואָרן. אַ וועלט האָט זיך דערוואוסט וועגן אים, וועגן דעם פּיל־מאָל אויסגעלאַכטן, באַשפּיגענעם דיכטער־שניידער. די ענגלישע צייטונגען האָבן אים גענומען אינטערוויוירן. די סענסאַציאָנעלע „וואָירלד", דער גאָסן־„דזשורנאַל", דער „באָסטאָן טראַנסקריפּט" האָבן געמאַכט פון אים געשמאַקע „געריכטן".

דאָס האָט פאַראינטערעסירט פּראָפעסאָר זעליגמאַנ׳ען צו אָרגאַ־ניזירן אַ גרופּע פאַרמעגלעכע אינטעלעקטואַלן, וואָס זאָל אַרויסשלעפּן פון נויט דעם אָרעמען זינגער. פּראָפ. לעאָ ווינער גופא האָט אים אויסגעקליבן אַ צאָל פון זיינע לידער, זיי איבערזעצט אין ענגליש און אין אייניקע אַנדערע שפּראַכן, און דאָס ענגלישע ביכל אַרויסגעגעבן דורך אַ גרויסן ענגלישן פאַרלאַג.

אין 1898 איז שוין מאָריס ראָזענפעלד׳ס באַרימטקייט דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אוניווערסיטעטן זאָלן אים איינלאַדן אויף פאַרלייענען זיינע ביכער. ער לייענט זיי אין האַרוואַרדער אוניווערסיטעט. אין 1900 — אין שיקאַגאָ׳ער אוניווערסיטעט, אין וועלסלער און ראַדקליף קאָלעדזשעס. אַ נייע נשמה איז אַריין אינ׳ם געוועזענעם שניידער, ווען די פראַנצויזישע באַרימטע צייטונג „טאַן" איז אַרויסגעקומען וועגן אים מיט אַן אויספירלעכן אַרטיקל. איבער די קומענדיקע יאָרן איז דער נאָמען מאָריס ראָזענפעלד געוואָרן באַקאַנט אין גאַנץ אייראָפּע און אפילו אין אַזיע. מ׳האָט אים איבערזעצט אויך אין יאַפּאַנעזיש.

די קליינבירגערלעכע סביבה, אין וועלכער עס האָט געלעבט אפילו די יידישע אַרבעטערשאַפט אין יענער צייט, איז געווען אַ גינסטיקער באָדן פאַר ציוניסטישע שטימונגען, און מאָריס ראָזענפעלד איז ניט געווען דער איינציקער דיכטער, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה. אין 1900 ווערט ער דעלעגירט פון אַמעריקאַנער ציוניסטן צום אַלוועלטלעכן 4טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן. אין 1901 איז ער אַ מיטאַרבעטער פון „טעגלעכן העראַלד" און שפּעטער אין דער טעגלעכער „אידישער וועלט". (זע — ז. רייזינ׳ס לעקסיקאָן פון יידישער ליטעראַטור, באַנד 4).

און אָט ווערט ער אין 1905 רעדאַקטאָר פונם „ניו יאָרקער מאָרגנ־בלאַט". אין דער זעלבער צייט ווערט ער אַלץ אַן אָפּטערער פּנים כמעט אין אַלע יידישע באַדייטנדיקע צייטשריפטן און אַלערליי זאַמלונגען, וואו נאָר זיי זיינען פאַראַן. מיר געפינען אים אינ׳ם „יוד", אינ׳ם פּעטערבורגער „פריינד",

אין „דאָס לעבן". זיינע ווערק, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון עוואַ־לענקאָ'ס „אינטערנאַציאָנאַלן פאַרלאַג" נאָך אין 1904, געפינען אַ ברייטן מאַרק אין רוסלאַנד אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון 1905 און 1906. דאָס איז געווען דער העכסטער שפּיץ פון ראָזענפעלד'ס זיבן פעטע יאָרן.

אָבער דאָ הויבן זיך אָן זיינע איוב־צרות. דער ערשטער קראַך איבער זיין קאָפּ איז דער טויט פון זיין 15 יאָריקן זון, יוסף, וואָס האָט געזאָלט, אַמווייניקסטן, ירשנ'ען זיין דיכטערישע קרוין — צו 10 יאָר האָט שוין דאָס יינגל דערשטוינט מיט זיינע רייפלעכע און קאָלירדייכע לידער אין ענגליש. ער איז געווען מיט אַלע מעלות. ער אַליין האָט אים איבערזעצט אין יידיש, און דאָ גאָר ווערט יוסף שרעקלעך קראַנק און שטאַרבט נאָך אַן אָפּעראַציע.

דאָס האָט דעם פאָטער, ווי אין דער איוב־לעגענדע, געמאַכט „ריידן קעגן דער השגחה". זיין ווייטיק האָט אים אַזוי פיזיש צעשויבערט, אַז אים האָט גלייך געכאַפּט אַ פּאַטאַליסטישער שלאַג.

אין אייראָפּע האָט זיך דאַן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז אין סכנה בלינד צו ווערן. דער שרייבער געדענקט זייער גוט יענעם מאָמענט, ווי מיר האָבן געאַרבעט פאַר אַ ראָזענפעלד הילפס־גרופּע, גלייך ווי שלום עליכם איז אַרויס מיט זיין רוף פאַר אַזאַ אַקציע. און דאָ האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער דיכטער איז שוין אינגאַנצן אויסגעגאַנגען. כמעט אַלע צייטונגען האָבן געטראָגן שוואַרצע רעמלעך אַרום דעם ראָזעווען נאָמען און אין די נעקראָלאָגן האָבן זיך שרייבער געפּרואווט איינער דעם אַנדערן איבער־שטייגן אין דער גרויס פונ'ם קולטור־פאַרלוסט פאַר דער יידישער און אַלגעמיינער וועלט. אפשר איז דאָס געווען די איינציקע "פּאַטיעכע", וואָס דער דיכטער האָט נאָך געהאַט אין יענער צייט.

אַנשטאָט בלינד צו ווערן און גאָר שטאַרבן איז ראָזענפעלד געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס". צוויי מאָל אַ וואָך האָט ער בייגעטראָגן אַ ליד, צי אַ פעליטאָן, צי גאָר אַ הומאָרעסקע. אין 1908, כדי צו פאַרמיידן אַ צווייטן פּאַראַליז־אַנפאַל, שיקט מען אים קיין אייראָפּע, אין קאַרלסבאַד, וואו ער טרעט אויף מיט אַ פאָרלעזונג און פּרוּווט זיך היילן מיט די דאָרטיקע הייל־וואַסערן. ער מאַכט דערנאָך אַ טור איבער צענדליקער שטעט אין עסטרייך, באַזונדערס אין אונגאַרן און גאַליציע, אין ווין און בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן. זאַנגוויל רעדט וועגן אים און דער באַרימטער דייטשער קינסטלער אַדאָלף פאָן זאָ־נענטאַל דעקלאַמירט זיינע לידער אויף די אַרויסטריטן.

דער דיכטער האָט די רייזע באַשריבן אין זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון אייראָפּע. דאָס בוך, וואָס איז דערשינען, איז אַ פיינער מוסטער פון רייזע־רעפּאָרטאַזש, וואָס ווייזט ראָזענפעלד'ס פאַרשיידנאַרטיקן טאַלאַנט פון באַ־אָבאַכטונג און געמעל..

אין 1913 האָט ראָזענפעלד ווידער דערלעבט אַ ביסל נחת. עס איז געפייערט געוואָרן זיין פופציקסטער געבורטסטאָג. דער שרייבער האָט זיך יענעם יאָר געטראָפן מיטן דיכטער אין שיקאַגאָ, ווען ער איז געקומען צום פייערן זיין יובילײ. ראָזענפעלד אַליין איז אויפגעטראָטן מיט דעקלאַמאַציעס פון זיינע לידער און פאַרלעזונגען פון נייע פעליטאָנען. מיר זיינען אַוועק אויף אַ שפּאַציר אויף מישיגען בולוואַרד, און וויפיל מאָל איך האָב אים פאָרגעשלאָגן אַרויפצוגיין מיט מיר אינם נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט ער זיך דעליקאַט אָפּגעזאָגט. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן אין אָפּברעכן מיטן „פאָרווערטס" און אין אויסלייגן זיך אַ וועג צום רבנישן „טאָגעבלאַט". ער האָט געוואוסט, אַז איך בין דעמאָלט געווען אַ באַאַמטער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

זיין אַוועקגיין דעמאָלט פון „פאָרווערטס" צוליב קריגערייען מיט אב. קאהאַנ'ען, האָט אונטערשטראָכן זיין דערוויטערונג פון אַרבעטער־לעבן. זיין טינטער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ היפש ביסל אויסגעטריקנט. זיינע פעליטאָנען זיינען שוין געוואָרן אָן אָטעם; זיין ירידה איז שוין געווען נישט בלויז אַ פיזישע, נאָר אויך אַ גייסטיקע.

ווען איך בין געקומען אין ניו יאָרק אין 1918, אָנצונעמען די שטעלע פון רעדאַקטאָר פונ'ם „פריינד", האָב איך געקראָגן פון א. ליעסינע'ן ראָזענפעלד'ס אַדרעס און זיך מיט אים עטלעכע מאָל געטראָפן. בלויז איינמאָל בין איך אַוועק פון אים אָן אַ האַרץ־וויטיק; ער האָט געוויזן זיין בריוול, וואָס ער האָט געקראָגן פון די סאַראַזאָנס — אַ גראָב, באַליידיקנדיג בריוול, מיט וועלכן זיי האָבן אים אָפּגעזאָגט פון מיטאַרבעטערשאַפט. מיר, אייניקע שרייבער פון י. ל. פרץ שרייבער פאַראיין, האָבן געפּרואווט אויפהויבן דאָרט די פראַגע וועגן צווינגען די אַרויסגעבער, דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, צוריקצונעמען דעם טיף־באַליידיקטן דיכטער. אָבער ראָזענפעלד האָט אַזוי גרינטלעך באַוויזן צו מאַכן זיך פאַר שונאים די גרעסטע צאָל מיטגלידער פון פאַראיין, אַז מ'האָט די „פראַגע" גלייך אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש.

די עטלעכע מאָל, וואָס איך האָב זיך מיט אים פריער געטראָפן, האָט ער מערסטנס געזידלט און באַרעדט פיל אָנגעזעענע יידישע שרייבער. ער האָט פאַר קיינעם ניט געהאַט קיין גוט וואָרט. אָן אויסנאַם איז געווען י ה ו א ש. ער האָט פון אים נישט געהאַלטן אַלס „גרויסער דיכטער", אָבער, אַז ער איז דער איינציקער צווישן אַלע פאַר וועלכן מ'דאַרף „אַראָפּנעמען דאָס הייטל פאַר זיין אויפריכטיקייט".

נישט קיין וואונדער, פאַרוואָס אין דער יידישער שרייבער־קאָלאָניע

איז נישט קענטיק געווען קיין באַשיינפערלעכער טרויער, ווען ער איז גע־שטאָרבן אין 1924, די לוויה איז געווען אַ גרויסע. זי איז באַשטאַנען פון פיל, פיל טויזנטער, וואָס זיינען געקומען באַגלייטן דעם טרערן־מיליאָנער צום לעצטן מאָל. אָבער דאָס איז אין גרעסטן טייל געווען סתם אַן עולם, און ער איז דאָך געווען מיט אַלע זיינע חסרונות, דער אַרבעטער־דיכטער, וואָס האָט מיט זיינע לידער געהאָלפן אויפרייסן דעם העסלעכן סוועט־שאַפּ מיט אַלע זיינע פאַרטן און פאַרטלעך!

קיינער האָט נישט געקענט לייקענען אין זיין שפּראַך־פאַרמעג. נישט קוקנדיג אויף אַלע זיינע דייטשמעריזמען און ביליקע שפּראַך־מאַניערן, האָט ער אריינגעטראָגן אינ'ם אוצר פון דער יידישער שפּראַך אַ גרויסן אייגנס, וואָס וועט נאָך ערשט אויסגעפאָרשט ווערן.

קאַפּיטל אַכט און פופציק

דזשוליוס ראָזענוואַלד — זיינע געשעפטן און פילאַנטראָפּיעס

אין זיין „געשיכטע פון די גרויסע אַמעריקאַנער פאַרמעגנס", שרייבט גוסטאַוואוס מאיערס וועגן דעם מולטי־מיליאָנער סעידזש ראַסעל און זיינע פילאַנטראָפּיעס:

„...צו זיין קרעדיט דאַרף מען זאָגן אַז ער איז פאַרבליבן אומוואַקלדיק געטריי צו זיינע נידערטרעכטיקע, עגאָאיסטישע אידעאַלן".

מאיערס האָט יאָרן לאַנג געפאָרשט די קוואַלן פון די מולטי־מיליאָנערישע פאַרמעגנס און ווי זיי זיינען געבראויכט געוואָרן. ער ווייס פון אַזאַ ווי ראַסעל סעידזש, וואָס האָט פאַראייביקט זיין נאָמען אין גראַניט פון אינסטיטוציעס, און פון אַזעלכע, וואָס האָבן אפילו אַזוי פיל נישט געפרואווט טאָן. אַזעלכע ווי די האַווע־מאיערס און די וואַנדערבילטס, די גולדס און די וואַנדערליפּס, די מאָרגאַנס און די אָלדריטשעס, אויב זיי האָבן נאָך זיך עפּעס געלאָזן זיינען עס געווען די קייטן אויף די העלדזער פון די פעלקער, וואָס זיי האָבן עקספּלואַטירט און אויסגעבייטלט און וואָס צאָלן זיי כסדר פּראָצענטן און פּראָצענטן אויף די פּראָצענטן און זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אויסצאָלן, סיידן —

אַנדערע מולטי־מיליאָנערן האָבן זיך געלאָזט „פאַראייביקן" ווי דאָס האָבן געטאָן אַזעלכע ווי די אַסטאָרס, די ראָקפעלערס, די קאַרנעגיס, און איסטמאַנס, און צווישן „אחינו בני ישראל", אַזעלכע, ווי די שיפס, די שטראַוס׳עס, די סאַקס׳עס, די לימאַנס, די קאָופמאַנס, די פאַגלשטיינס און די אַנדערע. איינער פון די מערקווירדיקסטע צווישן זיי איז דזשוליוס ראָזענוואַלד.

ראָזענוואַלד איז מערקווירדיק מער ווי אין איין אופן. מערקווירדיק מיט זיינע פילאַנטראָפּיעס און נאָך מער מיט זיין פאַבלהאַפטן וואוקס און אויפ־

שטייג אין געציילטע יאָרן. ער איז אויך מערקווירדיק מיט זיינע באַזונדערע אַנשויאונגען, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט ביז צום לעצטן.

דזשוליוס ראָזענוואַלד איז געבאָרן געוואָרן אין ספרינגפעלד, אילינאָי, אין יאָר 1862, אין אַ יידישער פאַמיליע, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד. זיין מוטער אָגוסטאַ איז אָנגעקומען נאָך אין 1853 און זיין פאָטער שמואל — מיט איין יאָר שפּעטער.

אויב עס איז געווען וואו אַ יידישע פאַמיליע, וואָס זאָל האָבן געווען פון ביידע זייטן אויסגעקנאָטן פון סוחרים פון דורות צוריק, איז עס געווען די ראָזענוואַלד פאַמיליע. אין קעגנזאַץ צו די ווייניקע דייטשע יידן, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע צו מאַכן זייערע קינדער פאַר דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן און קינסטלער, זיינען די גרויסע צאָל אימיגרירטע יידן פון דייטשלאַנד געקומען וויטער האַנדלען און איבערגעבן זייערע קינדער די קונסטן פון קויפן און פאַרקויפן.

די ראָזענוואַלד׳ס האָבן אויך געהערט צו די, וואָס האָבן געגלויבט אין „הימל און ערד און האַנדל״. זיי זיינען גראד מיטגעצויגן געוואָרן אין דער גוואַלטיקער אויסשפּרייטונג פונם לאַנד, מערב-צו. עס איז געווען אַן אַל־געמיינער גאַלאָפּ צו גוואַגטע ספּעקולאַציעס. די גרויסע לאַנד־שטחים, וואָס האָבן זיך גענומען אין דער מיטל־וועסט באַזעצן מיט טויזנטער פאַרמערס, און די באַן־וועגן, וואָס מ׳האָט גענומען כסדר פאַרצווייגן אין אַלע ריכטונגען ביז דעם וויטן נאָרט־וועסט און סאַוט־וועסט, האָבן געשאַפן איינעם פון די גרעסטע נאָכפראַגעס נאָך סחורה, נאָך פּראָדוקטן, נאָך הייזער און ברייזער.

דזשוליוס ראָזענוואַלד׳ס פאָטער האָט אים אַלס יינגל אָפּגענומען פון האַי־סקול און אים אַריינגעגעבן צו 17 יאָר אין אַ געשעפט אַלס לער־יינגל. דאָס איז געווען אין 1879. דאָס געשעפט האָט געהערט צו זיינעם אַן אָנקל, אָבער אפילו דער אָנקל האָט אים אָפּגעהאַלטן פינף יאָר אין דער לער, און ווען די פינף יאָר האָבן זיך געענדיקט, האָט שוין דער 22 יאָריקער דזשוליוס געוואוסט די נויטיקע געשעפט־פירונגען. צוזאַמען מיט זיין ברודער מאָריס, האָבן זיי געגרינדעט דעם ערשטן קליידער־געשעפט „ראָזענוואַלד בראָדערס״, אין ניו יאָרק.

דזשוליוס׳ שאַרף אויג האָט זייער שנעל אויסגעפונען, אַז די גרויסע נאָכ־פראַגע אויף טעקסטיל־סחורות וועט קומען פון די מערב־ראַיאָנען, און אַז דאָרטן איז גרעסער די באַדערפונג אויף לייכטערע קליידער. האָט ער געלאָזן זיין געשעפט אין ניו יאָרק פאַרן ברודער און אַליין איז ער גע־קומען קיין שיקאַגאָ און געגרינדעט די קליידער־פירמע פון „ראָזענוואַלד און וועיל״.

ווער ווייס ווי לאַנג די דאָזיקע פירמע וואָלט זיך אין משך פון צענדליקער יאָרן ובאַשעפטיקט בלויז מיטן קליידער־געשעפט, וואָס איז אגב גאַנץ היבשלעך געוואַקסן, ווען נישט אַ גרויסער אָרדער וואָס זיי האָבן פלוצלונג געקריגן פון אַ מיניעאַפּאָליסער פירמע.

דאָס איז געווען די שפּעטער וועלט־באַוואוסטע פירמע פון „סיערס ראָבאָק", וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1893 אין מינעאַפּאָליס, אַלס אַ זייגער־געשעפט דורך פּאָסט, וואָס האָט ביסלעכווייז זיך אויך גענומען פאַר־נעמען מיט אייניקע אַנדערע אַרטיקלען. ווען די פירמע האָט זיך אין אַ יאָר שפּעטער אַריבערגעקליבן קיין שיקאַגאָ און אַריין אויך אין די קליידער־געשעפטן, האָבן זיי געזוכט אַ פירמע, וואָס זאָל זיי שנעל אויפמאַכן צען טויזנט פאַר קליידער. ראָזענוואַלד'ס אַ שוואָגער, נוסבוים, האָט זיך דער־וואוסט דערפון און שנעל פאַרבונדן די מינעאַפּאָליסער מיט ראָזענוואַלדן. און דער אָרדער איז אויסגעפילט געוואָרן מיט דער געוואונטשטער פּינקטלעכקייט.

דאָס איז געווען דער אָנהויב. ראָזענוואַלד'ס געשעפטס־פייאיקייט איז די באַלעבאַטים סיערס און ראָבאָק, זייער געפעלן געוואָרן. אין גיכן האָבן זיי רעאָרגאַניזירט זייער פירמע, אַריינגענומען ראָזענוואַלד'ן אַלס שותף און צוגעלייגט צו איר „ענד קאָמפּאַני". זי איז קאַפּיטאַליזירט געוואָרן מיט אַ סומע פון 112 טויזנט און 500 דאָלאַר. יעדער איינער פון די דריי שותפים האָט צוגעטראָגן זיבן־און־דרייסיק און אַ האַלב טויזנט דאָלאַר. אין 1895 זעען מיר שוין דזשוליוס ראָזענוואַלד'ן אַלס וויצע־פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַני, וואָס האַלט די הויפּט־פירערשאַפט פון דער פירמע אין זיינע הענט.

פון דעמאָלט אָן הויבט זיך דער פענאָמענאַלער וואוקס פון די מעיל־אָרדער געשעפטן אין אַמעריקע בכלל און פון דער סיערס־ראָבאָק ענד קאָמפּאַני פירמע ובפרט.

דאָס איז נישט געווען אַזוי ראָזענוואַלד'ס געשעפטס־פעאיקייטן, ווי ער אַליין האָט עס שטענדיק אונטערגעשטראָכן, נאָר די גוואַלטיקע עקאָנאָמישע אויסשפּרייטונג אין יענע יאָרן אין די מיטל־מערב'דיקע שטאַטן. גרויסע שטרעקעס לאַנד האָבן גענומען קולטיווירט ווערן מיט כישוף'דיקער שנעל־קייט. וואָס מער די אימיגריר־כוואַליעס פון אייראָפּע, האָבן זיך גענומען צעוויגן, איז דער אַגריקולטורעלער אימיגראַנטן־שטראָם אריינגעצויגן געוואָרן אין די נייע, געעפנטע לאַנד־שטרעקעס.

אַזעלכע שטאַטן ווי מינעסאָטאַ, די דאַקאָטאַס, אייאָוואַ און נעבראַסקאַ, קענזאַס און קאָלאָראַדאָ, און ווייטער צו צו דרום און צום מערב, ציענדיק זיך אַזוי טיף ביז אַריזאָנאַ און קאַליפאָרניע, זיינען אין משך פון עטלעכע יאָר געוואָרן אָפענע מיילער: הונגעריקע און דראַסטיקע... אַלערליי סחורות האָבן זיך געפאָדערט — און „סיערס ראָבאָק און קאָמפּאַני" איז געוואָרן

דער פונקט צו וועלכן מ׳האָט זיך געווענדט. די קאַטאַלאָגן פון די פאַר־שיידענע אַרטיקלען זיינען געוואָרן בייכיקער פון יאָר צו יאָר. דאָס איז געוואָרן די וויכטיקסטע ליטעראַטור, געלעזן און שטודירט אין די וויטסטע הינטערלענדישע מקומות.

אין דעם דאָזיקן וואוקס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די נייע, נאָך־מלחמה׳־דיקע (שפּאַניש־אַמעריקאַנער) אימפּעריאַליסטישע אויסברייטערונג אין אַלע ריכטונגען. אין גיכן האָט דער דערמאָנטער קאַטאַלאָג דערגרייכט אַ ציר־קולאַציע פון אַרום פערציק מיליאָן עקזעמפּלאַרן.

אומזיסט האָבן די לאָקאַלע געשעפטסלייט, אין די נייע שטעט און שטעטלעך, געפּרואווט באַקעמפן זייער שרעקלעכן קאָנקורענט. זיי האָבן קיינמאָל נישט געקענט צוריקגעווינען קיין קונד פון סירס־ראָבאָק. אין 1900, בלויז פינף יאָר נאָך דער רעאָרגאַניזאַציע, האָט שוין די פירמע געטאָן געשעפטן אויף עלף מיליאָן דאָלאַר. ווען ראָזענוואַלד איז אַריין אינם געשעפט, האָט עס אפילו נישט דערגרייכט צו אַ פולן מיליאָן.

אין 1906 האָט די פירמע זיך געעפנט פריי פאַר נייע סטאָק־קויפער, איז דער יערלעכער אומזאָץ געשטיגן ביז פופציק מיליאָן דאָלאַר! אין פיר יאָר שפּעטער — אין 1914, האָט דער פאַרקויף דערגרייכט צו איבער הונדערט מיליאָן דאָלאַר. אין 1937 האָט עס שוין געהאַלטן ביי אַ יערלעכן פאַרקויף פון פינף הונדערט און זיבן און דרייסיק מיליאָן, מיט „אַ קליינינג־קייט" פון 242 טויזנט און 400 דאָלאַר!

ווען ראָזענוואַלד איז אַריין מיט זיי אין שותפות, זיינען געווען באַ־שעפטיקט אין דער פירמע — באַלמעלאָכעס און אַלערליי אָנגעשטעלטע — אַרום 450 מענטשן, אָבער אין 1906 — צען יאָר שפּעטער, איז שוין די צאָל פאַרגרעסערט געוואָרן ביז ניין טויזנט און 290 באַשעפטיקטע, און אין 1938 האָבן שוין איבער פופציק טויזנט מענטשן געאַרבעט פאַר דער פירמע מיט די סאַמע לעצטע מאַשינען, סיי אין פּראָדוקציע און סיי אין אָפּיס־פאַרוואַלטונג.

דזשוליוס ראָזענוואַלד איז געווען וויצע־פּרעזידענט פון דער פירמע בלויז 14 יאָר. אין 1909 האָט ס׳ערס זיך צוריקגעצויגן און ראָזענוואַלד איז געוואָרן פּרעזידענט און איז אַזוי געבליבן ביזן יאָר 1925, ווען ער איז דערוויילט געוואָרן פאַרן פּרעזידענט פונם דירעקטאָרן־באָארד.

אַ היבשע ראָלע האָט ראָזענוואַלד געגומען שפּילן אינם לעבן פון די נעגער־מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און אין די פאַרביסענע רע־אַקציאָנערע קרייזן פון דער סאוט, האָט מען אים אפילו געקרוינט מיטן כלומר׳שטן שימפּ־נאָמען פון „נ—ר לאָווער". די אינסטיטוציעס פאַר די

נעגער, וואָס ער האָט געגומען בויען, זיינען נישט געווען קיין צדקה־אינסטיטוציעס, נאָר מער־אָדער־ווייניקער קאָנסטרוקטיווע.

מיר וועלן שפּעטער זען דעם עקאָנאָמישן אונטערשלאַק פון זיינע נעגער־פילאַנטראָפּיעס, ווי אויך דעם בורזשואַז־אידעאָלאָגישן מאָטיוו. דערווייל וועט דאָ גענוג זיין צו ווייזן, אַז צווישן די ברייטע נעגער־מאַסן אין דער סאוט איז ראָזענוואַלד געשטעלט געוואָרן אויף איין ברעט צוזאַמען מיטן גרויסן באַפרייער, אייבערהעם לינקאָלן. אין פיל נעגערשע הייזער געפינט מען די בילדער פון די דאָזיקע צוויי גאַנץ־באַזונדערע פּערזענלעכקייטן, איינע לעבן די אַנדערע, און אָפּטמאָל אויך אין שכנות מיט בוקער ט. וואַשינגטאָן, דער נעגער־ליבעראַל מיט וועלכן ראָזענוואַלד האָט זיך באַפריינדעט.

אַ באַשיידענער מענטש איז דזשוליוס ראָזענוואַלד זיכער געווען אין אַ געוויסן זינען. כאָטש זיינע פילאַנטראָפּיעס, באַזונדערס צו דער נעגערשער באַפעלקערונג, זיינען, אמת, נישט געמאַכט געוואָרן, ווי אַ מתן בסתר, אַז „קיינער זאָל נישט וויסן".

פאַרקערט, ווען ער האָט אין 1910 געמאַכט זיין אָנבאָט צו געבן 25 טויזנט דאָלאַר פאַר אויפבויען אין יעדער שטאָט, אָדער ישוב, אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. אַ געביידע פאַר די נעגער פון דעריאַנג־מענ׳ס קריסטשיען אַסאָסיעיישאָן", אויב די איבעריקע קאָסטן פון 75 טויזנט דאָלאַר וועלן צו־געטראָגן ווערן פון ווייסע און נעגער, איז דאָס ברייט פּראָקלאַמירט געוואָרן. ביז 1900 האָבן 13 שטעט שוין געהאַט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, און דריי אַזעלכע געביידעס זיינען אַלס צוגאָב צוגעקומען פאַר נעגער־פרויען. שפּעטער איז די צאָל פון אַזעלכע שטעט אויסגעוואַקסן ביז 25, וואָס האָבן אויס־געבויט אַזעלכע „וואַי"־געביידעס.

וואָס זשע זיינען געווען די טרייב־כוחות, וואָס האָבן אָנגערעגט דעם יידישן מיליאָנער צו אַזעלכע, און צו אַנדערע פילאַנטראָפּישע אַקציעס, אין די אינטערעסן פון די נעגער, איבערהויפּט אויף די געביטן פון דערציאונג און בילדונג, — פילאַנטראָפּיעס, וואָס האָבן צו זיך נישט קיין פיל גלייכנס אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע?

אַנדערע שרייבן עס צו צו ראָזענוואַלד׳ס נאָענטער פריינטשאַפט מיט בוקער ט. וואַשינגטאָן, דעם קאָנסערוואַטיוו־ליבעראַלן נעגער־אויפקלערער, וואָס האָט צוגעשריבן די רעכטלאָזיקייט פון די נעגער־מאַסן צו זייער אומ־וויסנקייט. אָבער אַזאַ פריינטשאַפט אַליין האָט דאָך אויך אַ טיפערע אורזאַך, ווי ריינע „מענטשלעכקייט".

דוכט זיך, אַז עס וועט נישט זיין קיין גרויסער טעות די באַהויפּטונג, אַז די דאָזיקע פילאַנטראָפּיע האָט אויסער די אַנדערע מאָטיוון אויך געהאַט,

ווי מערסטע פון זיי, אַן עקאָנאָמישן אונטערשלאַג: אַ גלייכצייטיקער צוג „צו האָבן די וועלט און יענע וועלט".

ראָזענוואַלד אַליין האָט ניט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז דער פענאָמענאַלער דערפאָלג פון דער סיערס־און־ראָבאַק פירמע, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, האָט נישט אַזויפיל צו טאָן מיט אים, אָדער מיט וועמען עס איז אַנדערש, נאָר דער דערפאָלג איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכער. דאָס איז דער עיקר געווען דער גרויסער אַמעריקאַנער אינדוסטריעלער אויפשוואונג, מיט זיין מאַסן־פּראָדוקציע, דער מאַרש צו דער וועסט, וואָס איז אַזוי שנעל באַזעצט און באַרייכערט געוואָרן דורך דער ענערגישער אימיגרירטער פאַרמער־באַפעלקערונג פון צפון אייראָפּע, וואָס האָט זי באַזעצט און באַאַרבעט.

זיין פירמע „סיערס און ראָבאָק" האָט אין די נייע שטרעקעס פאַרמס פון דער וועסט געפונען אַ גינסטיקן מאַרק. אָבער ער האָט ניט געדאַרפט זיין קיין העל־זעער צו זען אַז אַן ענלעכער מאַרק קען געשאַפן ווערן אין די דרום־שטאַטן, וואו אַזוי פיל הונדערטער טויזנטער „באַפרייטע" נעגער האָבן געגומען באַאַרבעטן אָדער געהאָלפן צו באַאַרבעטן אייגענע באַלעבאַטישקייטן.

בוקער ט. וואַשינגטאָן, און אַנדערע נעגער־ליבעראַלן, האָבן געמיינט, אַז די איינציקע זאַך, וואָס שטייט צווישן די נעגער און אמת׳ער באַפרייאונג איז בלויז זייער אַנאַלפאַבעטישקייט, זעען מיר טאַקע ווי ראָזענוואַלד, ניט נעגערשע אַקאַדעמישע שולן.

פון 1912 אָן ווערט ראָזענוואַלד אַ טראַסטי (נאמן) פון נעגערשן טאַסקעגי קאָלעדזש און האַלט עס אָן אין משך פון זיין גאַנץ לעבן. פון יענער צייט אָן איז ער איינער פון די באַדייטנדיקסטע בייטרעגער צו נעגער בילדונג. 15 פּראָצענט פון דער קאַפּיטאַל־סומע פון 28 און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן פאַר דעם צוועק, אין פופצן דרום־שטאַטן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט איבער פיר מיליאָן און 366 טויזנט דאָלאַר, איז געוואָרן ראָזענוואַלד׳ס בייטראַג פאַר דעם צוועק.

אין 1917 עטאַבלירט ער דעם ספּעציעלן דזשוליוס ראָזענוואַלד־פאָנד, וואָס האָט די אויפגאַבע צו האַלטן אין פולער פונקציאָנערער אָרדנונג די מערסטע וואוילטעטיקע פאָנדן פאַר נעגערשער דערציאונג און קולטור. דער דאָזיקער פאָנד איז איינגעשטעלט געוואָרן אין נעשוויל, טענעסי, אין 1920. אין 9 יאָר שפּעטער, אין 1929, איז דער ראָזענוואַלד־פאָנד רעאָרגאַניזירט געוואָרן און שוין באַטראָפן די סומע פון דרייסיק מיליאָן דאָלאַר! דאָס איז חוץ זיין איינגעשטעלטן פאָנד פון צוויי מיליאָן און 700 טויזנט דאָלאַר

צו בויען מאָדעל־הייזער פאַר דער נעגערשער באַפעלקערונג אין שיקאַגאָ.

דער שטח פון ראָזענוואַלד׳ס פילאַנטראָפּיעס פאַר יידן האָט זיך גע־צויגן פון שיקאַגאָ ביז די יידישע סאָוועטישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע. אָבער מיט קליינע אויסנאַמען האָבן די פאָנדן נישט איינגעשלאָסן פּאַלעסטינע.

פאַר די יידישע פילאַנטראָפּיעס אין שיקאַגאָ גופא האָט ער אָנגעגעבן אַ סך־הכל פון איין מיליאָן און 888 טויזנט און 645 דאָלאַר. ער איז אפילו אין 1907 געווען דער פרעזידענט פון די שיקאַגער פאַראייניקטע יידישע פי־לאַנטראָפּיעס, אָבער דערנאָך פאַרבליבן ערן־פרעזידענט.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען פון די ערשטע בייטרעגער פאַר מלחמה־רעליף — זיין ערשטער „שאָס" איז געווען אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר. אין 1917 האָט ער ווידער געמאַכט אַן אַרויסרוף, דאָס מאָל פאַרן י י ד י ש ן מלחמה רעליף. ער האָט אָנגעבאָטן צו געבן צען פּראָצענט פון יעדן מיליאָן, וואָס וועט געשאַפן ווערן פאַר דעם צוועק.

ווען עס האָט געפעלט אין נאַציאָנאַלן רעליף קאָמיטעט צען מיליאָן דאָלאַר פאַרן בודזשעט, האָט ער צוגעטראָגן צען פּראָצענט פון דער סומע, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן — אַ טשעק פון 778 טויזנט און 925 דאָלאַר, און נאָך עקסטרא 22 טויזנט דאָלאַר צום פאָנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין שיקאַגאָ.

ראָזענוואַלד איז די גאַנצע צייט געווען אויסגעהאַלטן אין זיין קאָנ־סטרוקטיווער פילאַנטראָפּיע. אַזוי איז ער געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון פאַרשפּרייטן אַ ג ר י ק ו ל ט ו ר צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און געווען אַן אַקטיווער דירעקטאָר פון דער יידישער אַגריקולטור־געזעלשאַפט.

קיין באַזונדערע ליבשאַפט פאַר פּאַלעסטינע האָט ראָזענוואַלד נישט געהאַט. ער איז געווען אַ קעגנער פון פּאָליטישן ציוניזם, כאָטש נישט אַזוי ביטער, ווי זיין זון, דער איצטיקער לעסינג ראָזענוואַלד. פונדעסטוועגן ווען עס איז געגאַנגען צו דערווייזן אים, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ רעאַליסטיש־קאָנסטרוקטיווער אַקציע, האָט ער אָנגענומען אין 1910 דעם אַמט פון פּרעזידענט פאַר דער יידישער אַגריקולטורעלער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע אין ע ת ל י ת, פּאַלעסטינע, וואו דער באַדן־פאָרשער אהרן אַראָנסאָן, האָט עקספּערימענטירט מיט אַ ווילדן ווייץ.

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גרינדן אַ העברעאישן לערער־אינסטיטוט אין ירושלים האָט ראָזענוואַלד געשיקט 75 טויזנט דאָלאַר. נאָך אַ גרעסערע סומע האָט ער געגעבן שמריה לעווינ׳ען אויף עטאַבלירן אַ העב־רעאישן פאַרלאַג אין תל־אָביב. ער האָט געמאַכט אַ היפּשן בייטראַג פאַרן העברעאישן טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אין חיפה.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ראָזענוואַלד׳ן אינטערעסירט די קאָלאָ־ניזיר־אַרבעט פון די סאָוועטישע יידן אין דרום אוקראַינע און אין קרים. ער

האָט אויסגעטיילט פאַר זיי זעקס מיליאָן דאָלאַר, אָבער צוליב די געענדערטע פּלענער פון דער סאָוועטישערווירטשאַפט האָט ער מער נישט געגעבן ווי אַ העלפט פון דער סומע.

זיינע אינטערעסן זיינען געווען שטענדיק ברייטע און מערסטנס אין פאָרגעשריטענע ריכטונגען.

אין 1929, ווען די „אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס" האָט דערקלערט אַ קאַמפּאַניע צו ליקווידירן די לעצטע סוועט-שעפּער, האָט ראָזענוואַלד אויסגעליען דער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג פופציק טויזנט דאָלאַר פאַר דעם צוועק.

זיין אָפנהאַרציקע באַציאונג צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן האָט אים געבראַכט נישט איינמאָל צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די קאָרופּטע פּאָליטישע מאַשינען פון ביידע גרויסע פּאַרטייען. ער האָט זיך שטענדיק געפונען אויף דער זייט פון די ליבעראַלע עלעמענטן אין דער רעגירונג.

אין 1916 האָט אים פּרעזידענט ווילסאָן צוגעצויגן צו זיין אַ מיטגליד פון דער רעגירונגס-קאָמיסיע אינם ראַט פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און איז שפּעטער געוואָרן דער פאָרזיצער פונם פעדעראַלן זאַפּאַסן-קאָמיטעט, ביז דער קאָנגרעס האָט באַשאַפן אַן אַנדער אַפּאַראַט אויף דעם פאַלץ.

ענדלעך ווערט ער געשיקט קיין פראַנקרייך פונם קריגס-מיניסטעריום מיט אַ האַלב-אָפיציעלער מיסיע. פאָרמעל האָט עס געהייסן, אַז ער פאָרט צו אונטערהאַלטן די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אין פראַנקרייך מיט קלוגע רעדעס וועגן אַמעריקאַניזם.

דער שרייבער פון די שורות האָט, וואוינענדיק אין שיקאַגאָ זיבן יאָר, געהאַט אַ ריי געלעגנהייטן צו קומען אין באַריר מיט מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אַ לענגערע צייט פאַר „סירס און ראָבאַק". צוויי קוזינען זיינע איטשע ספּעקטאָר, אַ פּלימעניק פון לאָדזשער רב ר׳ אליה חיים מייזל, און זיין זון, האָבן געאַרבעט אין זייגער-דעפּאַרטמענט פון דער דאָזיקער ריזןפירמע. זיי האָבן איבערגעגעבן, אַז דער גרויסער ראָזענוואַלד איז ווי אַ באָס אויף קיין האָר ניט בעסער , ווי אַנדערע באָסעס. מער ניט — ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ ליבעראַלע פענסיע-סיסטעם פאַר „אויסגעדינטע" אַרבעטער.

ד ע ר שרייבער אליין איז געווען אַ „קאַסטימער" פון „סיערס-ראָבאַק", געקויפט זייער אויסגאַבע פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ" פון 1911, און אויסגעצאָלט אַרום 100 דאָלאַר אין משך פון 77 וועכנטלעכע צאָלונגען. וואָס פאַר אַ יום-טוב עס איז ביי אונדז געווען אין 1913, ווען מיר

האָבן דערהאַלטן די דרייסיק בענדער נאָך דער ערשטער איינצאָלונג פון זעקס דאָלאַר! מיר האָבן דעמאָלט באַטראַכט די פאַרוואַלטונג פון דער קאָמפּאַניע, מיט איר פּרעזידענט בראש, פאַר די „גרעסטע קולטור־פאַרשפּרייטער אין דער געשיכטע״. כאָטש מיר האָבן נישט איבערגעשאַצט די באַגלויבטקייט פון דער בירגערלעכער בריטאַניקא אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

מיר קאָווירן נישט פאַרן אמת, אָבער מען האָט גערעדט אין שיקאַגער געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אַז ראָזענוואַלד זאָל האָבן איינמאָל עפּענטלעך געהאַט דערקלערט, אַז ער „שעמט זיך צו האָבן אַזויפיל געלט״. אַזוי ווערט אויך איבערגעגעבן אין זיין ביאָגראַפיע „דזשוליוס ראָזענוואַלד״ (1939). אָבער צי ער האָט זיך טאַקע געשעמט מיטן געלט, צי ניט — נאָר ווען ער איז געשטאָרבן אין שיקאַגאָ אין 1932, האָט מען וועגן אים גערעדט ווי וועגן דעם רייכסטן יידן, וואָס אַמעריקע האָט ווען געהאַט.

קאַפּיטל ניין און פופציק

ראובן ברײנין — אַ גרויסער ייד און וועלט-מענטש



ראובן ברײנין — די שײנע, קאַליךפולע פּערזענלעכקײט:

ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ הויכן גראַד פון וויסן און געוויסן, פון כאַראַקטער און ווירדע. עפּעס איז געווען אַ מין גײסטיקער שטאָלץ אַרום זײן פּערזענלעכקײט, וואָס האָט אים באַלויכטן, און אָפטמאָל אפילו באַצויבערט.

אַ ייד און אַ וועלט-מענטש. זײן געלערנטקײט, זײן הומאַניטעט און אויסגעהאַלטנקײט, זײנען בײ אים געווען בולט (בוילעט) אין זײנע האַנדלונגען און צניעות׳דיק-פאַרבאָרגן אין זײנע נאָענטע באַציאונגען. ער איז כמעט אינגאַנצן געווען ווײט פון קלײנלעכער גאווה, וואָס איז, לײדער, אַ באַגלײט-דערשײנונג אפילו בײ גרויסע און אוודאי בײ אַלע קלײנלעכע נישטיקײטן.

מאַרקוס אַרעליוס, אין זײנע מעדיטאַציעס האָט אָנגעוויזן, אַז „אין דעם דורכפיר פון יעדן לעבנס-אַקט דאַרף זײן אַ געהעריקע פּראָפּאָרציע און ווירדע״. ראובן ברײנין האָט געהאַט די דאָזיקע מעלות. זײן פּראָפּאָרציע-חוש האָט געקענט דערגרײכן צו מיקראָסקאָפּישער גענויקײט. נישט אומזיסט האָט ער שוין אין זײנע יונגע יאָרן געהאַט אַ לײדנשאַפט צו מאַטעמאַטיק, די גענויסטע און פּינקטלעכסטע פון אַלע וויסנשאַפטן.

ער אַלײן האָט דערצײלט וועגן זײן זײדן, אַז ער איז געווען אַ שרעקלעכער פאַנאַטיקער, און מורא געהאַט אפילו פאַר מאַטעמאַטיק. ער האָט נישט צוגעלאָזן צו זײן קלוגן אײניקל קײן בוך, וואָס זאָל ניט ווערט זײן גערופן צו ווערן אַ „ספר צדיקים״. ער האָט געציטערט פאַר אַפּיקורסות ווי פאַר דער געפערלעכסטער זאַך אין דער וועלט. אזוי אומגעפער האָט ברײנין דערצײלט דעם שרײבער פון די שורות, שוין אין דער צײט, ווען ער האָט געשריבן פאַרן „טאָג״ זײנע זכרונות. אויספירלעכער שרײבט ער וועגן דעם אינצידענט אין דעם „בוך״ פון מײן לעבן:

איינמאָל האָט דער זיידע ביי אים געפונען אַן אַסטראָנאָמיש־מאַטעמאַטיש ביכל פון ח. ז. סלאָנימסקי, רעדאַקטאָר פון „הצפירה", און אים געשטראָפט פאַר לייענען אפיקרוסות. דער יונגער ראובן'על האָט זיך געבעטן: וואָס פאַר אַן אַפיקורסות קען שטעקן אין דעם, וואָס סלאָנימסקי באַווייזט, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר?! האָט דער זיידע זיך צעשריען אויפן קול: „איך זאָג דיר, שייגעץ איינער, אַז ווען אַן אפיקורוס, אָדער גוי, אַן ערל טמא, זאָגט, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר — איז עס נישט פיר נאָר ד ר ר י י, אָדער פינף!"

אוודאי האָט ברייניִן אין אַזאַ אַטמאָספערע קנאָפ־וואָס געלערנט פון וועלטלעכע ענינים, ביז ער האָט זיך באַפרייט. אָבער דאָס איז ערשט געווען ווען אים איז געוואָרן פערצן יאָר.

ראובן ברייניִן איז געבאָרן געוואָרן אין 1862, אינם פרום חסידיש שטעטעלע ל י אָ ד י, מאָהילעווער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען אַ פשוט'ער „גאָטספאָרכטיקער ייד", וואָס האָט נישט געגלויבט אין לאָזן אַ קינד צופיל שפּילן זיך. ער האָט אים אַ פיר־יאָריקן שוין אָפּגעגעבן אין חדר און צו זעקס יאָר שוין געדאַרפט האָבן געגוג כוח צו האַלטן אין האַנט אַ גמרא און צו ד ע ר ה אַ ל ט ן זי אין זכרון. אָבער זייער שנעל האָט ער גענומען מיטזופן מיט דעם „טרוקענעם ברויט" פון דער גמרא, היפּשע שלוקן פון השכלה־ביכלעך, וואָס האָבן אים אויף אַ צייט באַפרידיקט זיין דורשט.

ערשט אין עלטער פון זעכצן יאָר באַפרייט ער זיך פון די ענגע פיר איילן אינם פרומען שטעטל און פאָרט קיין האָרקי לערנען אין דער אַגרי־קולטור־שול צו ווערן אַ וויסנשאַפטלעכער ערד־אַרבעטער. ער האָט זיך צוגעגרייט צו דער שול, לעבנדיק אויפן איינקונפט פון לערנען גמרא מיט יונגע יינגלעך.

אין די אַכציקער יאָרן שלאָגט ער שוין אַן אין מ אָ ס ק ו ו ע, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט סטודענטן פון דאָרטיקן אוניווערסיטעט און אין גיכן זעען מיר אים שוין צווישן די ערשטע מיטגלידער אינם קרייז פון נאַציאָנאַל־ציוניסטישע סטודענטן, אונטערן נאָמען „בני ציון". אין יענער צייט, אין ווינטער, 1881, שרייבט ער זיין ערשטן אַרטיקל וועגן דער יידן־פראַגע, וואָס ווערט אָפּגעדרוקט אין פעטערבורגער העברעאישן „המליץ", און ווערט שוין מיט דער צייט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צייטונג, לערנענדיק אַליין צו פאַרפולקומען זיך געגוג אין אַלגעמיינע וויסנשאַפטן צו קענען זיין אַ צוהערער אין אַן אוניווערסיטעט.

אין יענער צייט איז שוין אָנגעגאַנגען אַ היפּשע סטודענטן־באַוועגונג צווישן וועלכע עס האָבן געפירט אַ געהיימע טעטיקייט אַ געוויסע צאָל

פאָלקס־סאָציאַליסטן (נאַראָדניקעס) און אפילו מאַרקסיסטן. דער יונגער פּולבלוטיקער ברייניִן האָט נישט פאַרמאַכט זיינע אויערן פאַר די דאָזיקע אידייען. אַ האָס צום צאַר און צו דער גאַנצער אָרדנונג האָט זיך ביי אים אויך געגומען אַנטוויקלען. צווישן זיינע פריינט זיינען שוין געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אין 1888 האָט אים, קענטיק דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", אין פּע־טערבורג, אַריבערגענומען אַהין. אונטערן שוץ פון באַראָן גינצבורג און אַ ריי יידישע אינדוסטריעלע מאַגנאַטן, האָבן פיל העברעאישע שרייבער געוואוינט דעמאָלט אין פּעטערבורג, ניט קוקנדיק אויף די שטרענגע אנטי־יידישע געזעצן. אָבער די אָפטע פּאָליציי־איבערפאַלן אין די סטודענטישע קרייזן און אין די פאַבריק צענטערס פון שטאָט, האָבן אויך ניט אויסגעמיטן ברייניִנ׳ען פון קריגן אַן ערשט־־האַנטיקן באַגריף וועגן דער ווילקיר פון דער פּאָליציי.

אין אַ שיינעם אָוונט, ווען ער איז נאָך נישט געווען אין דער היים, האָט פּאָליציי זיך אַ לאָז געטאָן אויף זיין קוואַרטיר, פאַרנומען זיינע ביכער, שריפטן און קאָרעספּאָדענץ, און אָנגעזאָגט דעם אייגנטימער, אַז ער זאָל פּטור ווערן פון דעם דאָזיקן רעוואָלוציאָנער. בלויז די אַריינמישונג פונם „המליץ"־רעדאַקטאָר, האָט ברייניִנ׳ען געראַטעוועט פון פאַרזוכן דעם טעם פון טורמע.

אין זיין דערמאָנטן ווערק, „מיין לעבנס־בוך", באַשרייבט ער די באַ־ציאונג פון די בירגערלעכע יידן אין פּעטערבורג צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן. זייער טעאָריע איז געווען, אַז „יידן טאָרן זיך נישט מישן" כדי נישט אַרויפציען אויף זיך נאָך מער דעם צאַרישן צאָרן. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ באַהאַלטענער פינאַנציעלער שטיצע פון צייט צו צייט, כדי אויך צו האָבן אַ חלק אין די פרייהייטן און פּריווילעגיעס, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט אַרויסרייסן פון די צאַרישע לאַפּעס.

ברייניִן האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען ווי פאַלש עס איז אַזאַ צו־גאַנג. אפילו פון זיין פּראַקטישן שטאַנדפּונקט איז קלאָר, אַז „פון פּאָליטישן הפקר, פון כאַפּן מתנות אומזיסט, קען מען לאַנג ניט געניסן; און אָן קאַמף, אָן ריזיקע, אָן קרבנות, באַקומט מען נישט אַלס געשאַנק קיין מענטש־לעכער רעכט". (דאָרט, ז. 385).

און נישט בלויז האָט ער געזען די דאָזיקע פאַרקרימונג אין דער יידישער בורזשואַזיע. ער האָט זי אויך געזען ביי דער „גייסטיקער פּי־רערשאַפט" ביי די העברעאיש־רוסישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער. זיי האָבן זיך אין ברייניִנ׳ס אויגן דעגראַדירט אויך מיט זייערע רייך־

עגאָאיסטישע קליינלעכע מחלוקת'ן און אונטערשאַצונגען פון איינער דעם אַנדערן. עס איז געווען אַ געמייזעכטס, וואו עס פינקלט אויף דאָ און דאָרט אַ פּאָספּאָריש ליכט, אַ בליץ, אַ שאַרפזין פון פּאָלעמיק, אָבער אָן אַ קאָנ־סטרוקטיוון גרונט.

אין 1892 זעען מיר אים שוין אין ווין. ער לערנט ווייטער, באַזוכט קורסן פונם אוניווערסיטעט און פון אייזיק הירש ווייס'עס ראַבינער־שול. ער האָט שוין פאַר זיך זיין וועלט־אַנשויאונג. ער האַלט, אַז די העב־רעאישע ליטעראַטור דאַרף באַפרידיקן נישט בלויז די יידיש־נאַציאָנאַלע ענינים, נאָר אויך די אַלגעמיינע גייסטיקע מענטשלעכע ענינים. אין 1894 האָט ער פאַר דעם צוועק געגומען אַרויסגעבן אין ווין דעם זשורנאַל „ממזרח למערב" — פאַר יידישע און וועלטלעכע אינטערעסן. די פיר העפטן, וואָס זיינען דערשינען — דער לעצטער שוין אין בערלין, האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ, טאַקע אין מזרח און אין מערב־אייראָפּע.

זיין זשורנאַל "ציון" איז דערשינען אין 1897, אין דריי שפּראַכן — העברעאיש, דייטש און פראַנצויזיש. ער ווערט איינער פון די ענערגישסטע ציוניסטישע פּובליציסטן נאָכן באַזעלער קאָנגרעס. אָבער זיין ציוניזם איז שטענדיק געווען אַ סאָציאַליסטישער. ער שרייבט „... איך האָב גע־דענקט, אַז אַ יידישע מדינה, אַ יידישע נייע ארץ ישראל, אין וועלכער עס הערשט דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער רעזשים איז אַן אומזין. אַז עס לוינט זיך ניט אַריבערצוטראָגן די פאַרפוילטע אָפּשטאַרבנדיקע געזעל־שאַפט, מיט אַלע אָפּגעלעבטע באַגריפן אין ארץ ישראל, אָנצוהויבן פון דעם, וואָס קולטורעלע פעלקער האַלטן ביים ענדיקן. עס לוינט זיך ניט די מי". (דאָרט, זייט 285).

אין די בערלינער יאָרן זיינע, ביזן סוף 1910, איז ער געוואָרן איינער פון די באַליבטסטע העברעאישע און יידישע שרייבער. עס איז נישטאָ קיין העברעאישע, יידישע און רוסישע יידישע צייטשריפט, וואו ער זאָל זיך ניט האָבן באַטייליקט. איר טרעפט אים אין „המליץ", „הצפירה", „הדור", „הצופה", „הזמן", „הבוקר", אינם רוסישן „וואָסכאָד" און „בודושטשנאָסט", אין די יידישע צייטונגען „דער פריינד", „דער וועג", „אונדזער לעבן" אין וואַרשע און דערנאָך, פון 1910 אָן ווען ער באַזעצט זיך אין אַמעריקע, — אין דער יידישער און העברעאישער פּרעסע, וואו ער איז רעדאַקטאָר פונם „הדרור" (פרייהייט") אין ניו יאָרק; פון פרילינג 1912 ביז האַרבסט 1915 — דעם „קענעדער אַדלער" אין דעם „וועג" אין מאָנטרעאַל, און פון 1916 אויסשליסלעך שוין אין ניו יאָרק.

אין די קנאַפּע דרייסיק יאָר פון זיין לעבן אין אַמעריקע האָט ער מיט זיינע טויזנטער אַרטיקלען געווירקט אין אַ מער קאָנסטרוקטיוון וועג ווי וועלכער עס איז אַנדערער ציוניסטישער שרייבער און טוער. ער האָט עס געטאָן אַלס מיטאַרבעטער אינם „אידישן טאַגעבלאַט" און שפּעטער אין „טאָג", ווי אַ רעדאַקטאָר פונם העברעאישן זשורנאַל „התורן" און אין אַנדערע צייט־שריפטן. ער איז אנערקענט געוואָרן פאַר איינעם פון די גלענצענדיקסטע פען־קינסטלער אין העברעאיש און אין דער זעלבער צייט האָט ער אנערקענט די פולבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך. ער האָט קיינמאָל ניט געקענט באַגרייפן די, וואָס שטעלן העברעאיש און יידיש אין קעגנזעצלעכע, פיינטלעכע פּאָזיציעס.

עס איז געוואָרן אָפּגעשאַצט, אַז אַן אָפּקלייב־זאַמלונג פון זיינע העברעאישע שריפטן וואָלט צוזאַמענגעשטעלט מיט זיך דרייסיק בענדער און ניט פיל ווייניקער זיינע יידישע שריפטן. ער האָט געשריבן אויך אונטער די פּסעוודאָנימען פון אבי אסף, פּראָפעסאָר ב. מאָזעס, דר. ב. מזס, נקודה, דר. נ. פעדערמאַן, קולמוס, רנבן, דר. שרייבערמאַן, אר עס בי און אַנדערע. (לויטן יידישן לעקסיקאָן).

דער שרייבער האָט נאָך געלייענט זיין „מגבורי ישראל" אַרום 1905, ווי אויך זיינע ביאָגראַפיעס פון פרץ סמאָלענסקי׳ן, פון מפו׳ן, הערצלען.

אויף אַזויפיל איז ברייני׳ן געווען פּאַראינטערעסירט אין אַ סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט, אַז ער האָט אין די דרייסיקער יאָרן אונטערגענומען אַ רייזע אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד און דערנאָך באַשריבן אים מיט ליבשאַפט און פיעטעט.

און ווען ס׳האָט זיך אָנגערוקט דאָס פאַטאַלע יאָר 1939 און דער ניט־אָנגריף אָפּמאַך מיט היטלער׳ס דייטשלאַנד האָט געשאַפן (ביי אונדז דאָ) אַ שרעקלעכע היסטעריע, און ער, ראובן בריי׳נין, איז שוין געלעגן אויפן טויטלעכן קראַנקן־בעט, האָט ער נאָך געזען אין דעם אַקט „ אַ צוג אויפן שאַך־ברעט" מצד דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז דאָס איז געווען אַ נויטווענדיקייט פון יענעם מאָמענט, כדי צוצוגרייטן זיך צו אַן ענדלעכן פאַרמעסט.

די וואַרעמע אויגן פון דעם דאָזיקן שיינעם מענטשן־גייסט האָבן בעסער געזען, אפילו פאַרן טויט, ווי די „גרויסע חכמים" פון ליזשאַנקע.

ראובן בריינין איז געשטאָרבן דעם 12טן נאָוועמבער, 1939.

קאַפּיטל זעכציק

דר. דוד פּיליפּסאָן

היסטאָריקער
און
רעפאָרמער

דער ערשטער יידישער ראַ־בינער־קאַלעדזש אין אַמעריקע האָט זיך געעפנט אין דעם קעלער פון אַ סינסינעטער טעמפל מיט זעקס אַנגע־פאַרענע סטודענטן און צוויי פּראָפע־סאָרן, אָבער נישט קיין געדונגענע, נאָר פרייוויליקע. די „ביבליאָטעק" איז באַשטאַנען פון עטלעכע אַלטע סידורים און חומשים.

אָט פון דעם רבנים־קאַלעדזש האָבן אין 1883 גראַדואירט פיר סטו־דענטן; איינער פון זיי, דער וויכטיק־סטער איז געווען דר. דוד פּיליפּסאָן, איינער פון די ערשטע היסטאָריקער פונם יידישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דער ערשטער אַמעריקאַנער געבאָרענער רב, וואָס האָט געקראָגן פונם סינסינעטער אוניווערסיטעט דעם טיטל דאָקטאָר.

דר. דוד פּיליפּסאָן איז געבאָרן געוואָרן אום שבת נחמו, אין 1862 אינם שטעטל וואַבאַש, אינדיאַנאַ. די עלטערן, אַמעריקאַניזירטע דייטשע יידן זיינען דערנאָך אַריבערגעפאָרן און געוואוינט אין קאָלאָמבוס, אָהייאָ. דזשאָזעף פּיליפּסאָן, דער פאָטער, איז געווען אַ בריוו־טרעגער, און איינער פון די בריוו, וואָס ער אַליין האָט באַקומען, האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אין 1875 אָנגעמאַכט אַ גאַנצן גערודער אין דער פאַמיליע.

דאָס איז געווען אַ בריוו פונם באַוואוסטן רעפאָרם־פירער ראַבאַי איי־זיק מאיר וואַיז, מיט וועלכן דזשאָזעף פּיליפּסאָן האָט זיך געהאַט מיט עטלעכע יאָר פריער באַקענט. „אייער עלטסטער קינד ווערט דרייצן יאָר. שיקט אים צו אונדז אין סינסינעטי און מיר וועלן אים אַריינגעמען צווישן די ערשטע סטודענטן פון אונדזער 'היברו קאַלעדזש'. מיר דאַרפן האָבן אַמעריקאַנער געבאָרענע רבנים.

דוד'ל האָט דעמאָלט געדאַרפט ערשט ווערן דרייצן יאָר און איז נאָך אינגאַנצן נישט געווען קיין צוגעגרייטער אפילו צו קיין פרשה חומש. און

ווי וועט ער אויסקומען אין דער פרעמד? דער מאמע׳ס הארץ האט גע־ציטערט. דער פאטער איז אוועק צום קאלאמבוסער רב נאך אן עצה. ראבאי סעמועל וואיז האט אים צוגערעדט: „האט נישט קיין דאגה, איך וועל אים צוגרייטן מיט הומש, מיט גענוג העברעאיש. דער עיקר איז — צי אייער דוד׳ל וויל זיך אונטערנעמען פאר אזא לאנגן שטודיום?"

איז דזשאזעף פיליפסאן אוועק צוריק אהיים און גענומען אויספרואוון זיין דוד׳לען: האסט געעענדיקט פאבליק־סקול דארפסטו איצט גיין כאטש א קורצע צייט אין האי־סקול, צו וואס פאר א געשעפט וואלסטו זיך וועלן נעמען? דעם זונ׳ס ענטפער איז געווען: „איך האב ליב ביכער".

דאס האט געלייזט דעם ענין. אין די זומער־חדשים, ווען אלע קינדער זיינען געווען „פרייע פייגל", האט דוד׳ל געשוויצט אין רב׳ס הויז ביים חומש און דקדוק.

דעם עקזאמען צו קענען אנקומען אויף די קורסן האט דוד׳ל אויסגע־האלטן. אבער מיט דעם עקזאמען פון זיין א סטודענט אין א פרעמדער שטאט איז שוין געווען אן אנדער ענין.

ווען דוד׳ל האט געזען, ווי דער פאטער לאזט אים איבער אליין אין סינסינעטי און ער פארט צוריק קיין קאלאמבוס האט ער שוין פארגעפילט, אז אים שטייען פאר צרות.

זיינע ערשטע יארן אין סינסינעטי האט פיליפסאן נישט פארגעסן. זיי האבן אויף אים געמאכט א שטארקן איינדרוק. זיין הארץ האט שוין שפעטער מיטגעפילט מיט יעדן פרעמדן, פאראיינזאמטן. ער האט גוט געדענקט זיין איינציקן גוטן חבר׳ל, טשארלי סטיקס, און זיינע עלטערן, וואס האבן אים אין זיין האי־סקול לעבן אויך געמאכט לייכטער זיין געמיט. בפרט נאך, ווען אייזיק מאיר וואיז האט דערנאך געפונען די פאסנדיקע פאמיליעס, וואו ער האט באזעצט זיינע סעמינאריסטן.

וואיז אליין, דעמאלט דער רעפארם־ראבאי אין איינעם פון די טעמפלען אין סינסינעטי, איז געווען דער הויפט־פראפעסאר פונם רבנים־קאלעדזש און האט ארומגערינגלט זיינע סטודענטן מיט ליבשאפט און גינציקייט. אין גיכן איז פונם קעלער־קאלעדזש געווארן דער דאזיקער פארמעסט איינער פון די גרעסטע אין דער גאנצער יידישער רעפארם־וועלט.

נישט בלויז זיינען שוין דארט פאראן די שיין־איינגעארדנטע ביבליאטעק צימערן און לייען־זאלן. דארט געפינט זיך אויך א מוזיי פון פיל יידיש־היסטארישע זעלטנהייטן אין זין פון מאנוסקריפטן, אלטע ביכער און אפילו פון רעליגיעזע קונסט־ווערק, און א גימנאזיום פון מאדערנסטן מין. פון דעם קאלעדזש האבן שוין גראדואירט פיל הונדערטער רבנים, ניט בלויז

פאַר די טעמפּלען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אויך פאַר ענגלאַנד, קאַנאַדע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע און אַנדערע לענדער, און הונדערטער סטודענטן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אַמאָליקע עלף.

דאָס איז פון דעם רעליגיעזן רעפאָרם־שטאַנדפּונקט, איינער פון די גרויסע אויפטוען פון אייזיק מ. וואיז, אָבער פאַרענדיקט די דאָזיקע אַרבעט האָט טאַקע דוד פיליפּסאָן גופא, אין די ראַמען פון דער "יוניאָן אָוו אַמעריקען היברו קאָנגרעגעישאָנס".

נאָכדעם ווי ער האָט גראַדואירט אין 1883 פונם "היברו יוניאָן קאַלעדזש" אַלס ראַבאַי, און גלייכצייטיק דעם אוניווערסיטעט פון סינסינעטי, איז ער נישט אַוועק גלייך אויף אַ ראַבינער־פּאָסטן, נאָר איבערגעבליבן אַ יאָר צייט אַלס אינסטרוקטאָר אין פּרעפּעראַטאָרי דעפּאַרטמענט פון קאַלעדזש. ערשט אין 1884 נעמט ער אָן ראַבאַי וואיז'ס עצה צו ווערן דער ערשטער גראַדואירטער ראַבינער פונם "יוניאָן היברו קאַלעדזש" אין דער הר סיני קהילה אין באַלטימאָר.

אָבער שוין זייענדיק אויף דער ראַבינער שטעלע האַלט ער אָן זיינע ווייטערדיקע שטודיומס אין אַסיראָלאָגיע און אַנדערע סעמיטישע שפּראַכן אין דזשאָן האָפּקינס אוניווערסיטעט ביז 1886. אין 1888 ווערט ער גערופן צו פאַרנעמען די ראַבינער שטעלע אין דער רעפאָרם־קהילה "בני ישראל" אין סינסינעטי, וואָס איז פּאַקטיש געווען זיין היימשטאָט, אָפּדינענדיק אויף דער שטעלע פולע פופציק יאָר ביז 1939. ער בלייבט אָבער אַלץ איבער "ראַבאַי עמעריטוס".

אין דער זעלבער צייט איז ער אינסטרוקטאָר אינם "היברו יוניאָן קאַלעדזש" אין ביבלישער עקזעגעטיק (אינטערפּרעטאַציע), ווי אויך אין די אַלטע אַראַבישע און אַסירישע שפּראַכן פון 1889 ביז 1891. דערנאָך, אַלץ דאָרטן, פּראָפעסאָר פון האָמילעטיק (די לערע וועגן רעליגיעזע דרשות און פּריידיקעריי), פון 1891 ביז 1906, און דערנאָך פּראָפעסאָר פון געשיכטע פון דער יידישער רעפאָרם־באַוועגונג.

נאָך אין 1886 איז ער געווען דער ערשטער גראַדואַנט פון היברו קאַלעדזש, וואָס זיין סטאַזש אין דער רעפאָרם־באַוועגונג איז געווען צווישן די העכסטע און איז שוין זיין גאַנץ לעבן געבליבן דער פאַרשטייער פון דער דאָזיקער באַוועגונג אומעטום, אפילו ביי דער רעגירונג.

ער איז אויך געווען דער טעאָרעטישער באַגרינדער פון דער יאַהודימ־שער גרויסבירגערלעכער איינשטעלונג פון דער "באַרעכטיקטער" פאַרצווייגונג פון "אַמעריקאַניזם" און יהודיזם, און אַ ביטערער קעגנער פון יידישן נאַציאָנאַליזם בכלל און פון ציוניזם בפרט. זיין פּאַמפלעט "דהי דזשו

אין אַמעריקע״ פאָרמולירט די דאָזיקע אָנשויאונג, און אַזוי זיינען די מערסטע שריפטן זיינע עקספּאַנאַנטן פון דעם שטאַנדפּונקט.

מען טאָר אים אָבער, פיליפּסאָנ׳ען, נישט צוזאַמענמישן מיט׳ן אסי־מילאַטאָרישן ראָזענוואַלד־שטאַנדפּונקט. ער איז געווען פ א ר ישראל, ווי אַ יידישער צענטער פאַר פליכטלינגען און יידישער (העברעאישער) קולטור.

וואָס שייך אַמעריקאַניזם איז עס ביי אים געווען נישט פונם ביליקן „פּאָליטישן שטאָף״. פאַרקערט: ער איז געווען אין קאַמף מיט די כאַפּער און לאַפּער ביי די קהל׳שע שיסלען. ער האָט אַטאַקירט די פּאָליטישע באָסעס פון ביידע פּאַרטייען, געקעמפט פאַר דער נייער רעפאָרם־טשאַרטער־אדמיניסטראַציע, וואָס האָט אַ היבש ביסל אָפּגערייניקט סינסינעטי. ער איז געווען פאַר דער קאָאָרדינאַציע פון אַלע יידישע קולטור כוחות — צי דאָס איז אין די אוניווערסיטעט־פּראַטערניטיס, סיי פון אַלע אַנדערע קולטור־טעטיקייטן, ווי זונטיק־שולן, רעליגיעזע ביכער און וועלטלעכע שאַפונגען.

ער איז דערוויילט געוואָרן פאַרן פּאַרזיצער פון דער צענטראַלער קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער ראַבאַיס אין משך פון צענדליקער יאָרן, ביז ער איז דערוויילט געוואָרן צו זיין ערן־פאַרזיצער פאַרן גאַנצן לעבן. עס איז נישט געווען קיין איין וויכטיקע יהודים׳שע אינסטיטוציע, וואו ער זאָל ניט האָבן געווען קיין וויכטיקער מיטגליד. ער האָט צוגעגרייט אפילו די פּלענער פאַר .דער גרינדונג פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״. געווען אין דער רעדאַקטאָרן־קאָמיסיע פון דער נייער ביבלישער איבערזעצונג און בכלל פאַר פיל אויסגאַבן פון דער „יידישער פאַרלאַג־געזעלשאַפט״ (פּאַבליקעישאַנס) און פון די פאַרלאַג־טעטיקייטן פונם „היברו יוניאַן־קאַלעדזש״, אין וועלכן ער איז אין 1942 אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דיען.

ער איז געווען דער ערשטער אין אַמעריקע צו דערקלערן דעם יום־טוב סוכות פאַר אַ מין „טענקסגיווינג״ פון אַגריקולטורעלן כאַראַקטער. ער האָט בייגעטראָגן פיל אַרבעטן פאַר דער „דזשואיש ענציקלאָפּעדיאַ״ און פאַר דער „אוניווערסאַלער״ יידישער ענציקלאָפּעדיאַ אין ענגליש. ער איז דער ערשטער פאַראַנטוואָרטלעכער היסטאָריקער פונם יידישן לעבן אין אַמעריקע אין די פריערדיקע צייטן, איבערהויפּט זיין פּיאָנערן־אַרבעט פון די ישובים אין אָהייאָ־טאַל.

צווישן זיינע פיל ווערק אויף דעם געביט געפינען זיך אַזעלכע, ווי „דהי דזשו אין ענגליש פיקשאָן״, אין זייער פיל אויפלאַגעס, „אָלד יוראָפּיען דזשורי״, „דהי אָלדעסט דזשואיש קאָנגרעגעישאָן אין דהי וועסט״, „רעפאָרם מואוומענטס אָוו דזשודאַאיזם״, „מאַי לאַיף עז אַן אַמעריקען דזשו״, ביאָ־גראַפישע אַרבעטן וועגן דר. מאַקס ליליענטאַלן און וועגן דעם באַרימטן יידיש־אַמעריקאַנער סקולפּטאָר מאָזעס דזשעיקאָב עזעקיעל, און פיל אַנדערע.

דר. דוד פיליפּסאָן איז געשטאָרבן אין 1944, אין עלטער פון 82 יאָר.

קאַפּיטל איין און זעכציק

רודאָלף שילדקרויט — אַ העלער שטערן אויף דער בינע



צווישן די אַקטיאָרן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע זיינען געווען זייער ווייניק אַמעריקאַנער געבאָרענע. די מערסטע פון זיי זיינען געווען געקומענע פון רומעניע, בוקאָווינע, רוסלאַנד, אוקראַינע, פּוילן, גאַליציע און ליטע, צומאָל אויך פון די באַלטישע געגנטן, פון עסטרייך און דייטשלאַנד.

זייער ווייניק פון זיי האָבן געהאַט הינטער זיך אַ קולטורעלן הינטערגרונט. אַ היפּשער טייל פון זיי האָט אפילו ניט געהאַט קיין שום עלעמענטאַרע בילדונג און אוודאי ניט קיין דראַמאַטישע שולונג. איז פון א י י ן זייט איז דאָס יידישע טעאַטער געווען אַן אמת'ער פאָלקס־טעאַטער, אַן אַרויסגעוואַקסענער פון די סאַמע טיפע פאָלקס־שיכטן און איז דערפאַר געווען בכוח צוצוציען צו זיך די סאַמע צוריקגעשטאַנענע עלעמענטן, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט פאַר צען יידישע טעאַטערס צו פונקציאָנירן אין ניו יאָרק אין משך פון טעלעכע יאָר, פון דער צווייטער זייט האָט ער ניט געהאַט דעם כוח צוצוציען צו זיך די יידישע ענגערע קולטור־קאַדרען.

אָבער עס זיינען אויך געווען אויסנאַמען. אויסנאַמען אין אַלע הינזיכטן. עס האָט געטראָפן, אַז אין יידישן טעאַטער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אינגאַנצן קיין נישט־יידן. עס זיינען אויך געווען פאַלן פון אַקטיאָרן פון גאַנץ גוטער אינטעליגענץ און אפילו מיט אַ גוטער אַקאַדעמיש־דראַמאַטישער צוגרייטונג. עס זיינען געווען איינציקע פאַלן פון געקומענע פון אינגאַנצן אַנדערע לענדער. אַז איז געווען דער פאַל מיטן באַרימטן אַקטיאָר רודאָלף שילדקרויט.

רודאָלף שילדקרויט איז געבאָרן געוואָרן אין 1862, אין קאָנסטאַנטינאָפּל, טערקיי. ער האָט געקריגן אַ גוטע קלאַסישע דערציאונג ביי דייטשע און פראַנצויזישע פּריוואַט־לערער. אין זיינע גאָר־יונגע יאָרן שוין פאַראינטערעסירט זיך מיטן מאָדערנעם טעאַטער. מיט אַ יוגנטלעכער נייגונג צום קאָמיזם, האָט ער אין אָנהויב פאַרגעטערט אַלע גרויסע קאָמיקער. וואָס אים איז אויסגעקומען צו זען אין ו י ן, וואוהין די פאַמיליע האָט זיך

צוריק אַריבערגעקליבן. דער יונגער רודאָלף האָט דערזען אַ נייע וועלט.

זיין אַמביציע צו ווערן אַן אַקטיאָר האָט גענומען וואַקסן וואָס מער. ער האָט זיך גענומען באַקענען מיט דער אַלטער דראַמאַטישער ליטעראַטור. איז עס געווען פריער דער זייער קאָמישער אַריסטאָפאַנעס, וואָס האָט גע־פאַנגען זיין פאַנטאַזיע, און דערנאָך מאָליער, סערוואַנטעס, ראַבעליע, וואָל־טעיר, גאָגאָל און בערנאַרד שאָ.

ווי גליקלעך איז ער געווען, ווען אַ קליינע ווינער טרופּע האָט אים גע־געבן אַן אומבאַדייטנדיקע ראָלע! ער האָט שוין, אין זיין פאַנטאַזיע, פון דעם ערשטן נידעריקן שטאַפּל, געבליקט אַרויפצו, צו די אויבערשטע. פּלייסיק איז רודאָלף געווען און איז עס נאָך מער געוואָרן. ער האָט דערפילט נייע כוחות. ער האָט דערהויבן דאָס קליינע ראָלעכל און אַריינגעבלאָזן אין דעם נייעם אָטעם. אין גיכן האָט ער באַוויזן, אַז לאַנג בלייבן אויף איין שטאַפּל וועט ער נישט. די פליגלען דערלאָזן נישט, זיי הויבן זיך כמעט פון זיך אַליין.

ערשט איצט האָט ער זיך גענומען מיט נאָך מער ווילנסקראַפט צו שטודירן גרינטלעך דעם טעאַטער־וועזן. אָט פאָרט ער שוין מיט אַ טרופּע איבער דער עסטרייכישער פּראָווינץ און דאָרט איז אים עפּעס אַזוי לייכטער צו שפּילן. ער פּאַרלירט דאָס לעצטע ביסל אַנגעשטרענגטקייט. אָט מאַכט ער שוין אַ פּראָבע צו שפּילן אַן ערנסטע ראָלע. ער לעבט זיך אַריין אין טיפּישע כאַראַקטערס, און סקולפּטירט זיי אויס אויף דער בינע. און אַזוי געפינט ער מער אינטערעס אין דער דאָזיקער ראָלע און אין אַ ריי יאָרן גייט ער אַריבער די שוועל פונם נייעם יאָרהונדערט, אַלס אַ געניטער כאַראַקטער־שוישפּילער.

און ווען דאָס יאָר 1905 רודערט אויף אייראָפּע, מיט אירע רעוואָלו־ציאָנערע שטורמישע אויסברוכן אין צאַרישן רוסלאַנד, לעבט רודאָלף שילד־קרויט דורך אַ צוגאָב־רעוואָלוציע. זיין אַלטער טעאַטער־פונדאַמענט גיט זיך אַ שטאַרקן טרייסל. אַ נייער אַרכיטעקט פונם בינע־וועזן אַנטפּלעקט זיך פאַר אים און הויבט אים אַן דינען ווי זיין פירנדיקן שטערן.

דאָס איז געווען מאַקס ריינהאַרדט, וואָס האָט גענומען דורכיאָגן און אַרויסיאָגן דעם אַלטן טעאַטער־שטאַמפּ מיט זיינע שוין אָפּגעלעבטע און דערעסנדיקע פאָרמען. זיין וועג איז געווען אַרויפצוברענגען אויף דער בינע דעם צויבער פון אַלע קונסטן און דורך זיי ריידן מיט דער נייער שפּראַך פון דער צייט און מאַכן ז ע ן אַלץ אין נייע ברילן. נישט אַרויסיאָגנדיק צוזאַמען מיטן אַלטן טעאַטער־גייסט דעם קלאַסישן רעפּערטואַר, האָט ער, פּאַרקערט, באַנייט שעקספּיר׳ן און געטהע׳ן, שילער׳ן און מאָליער׳ן. ער האָט אַרויפ־געצויגן אויף זייערע העלדן נייע, מאָדערנע קליידער.

ריינהאַרד האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון פיל וויכטיקע בינע־קינ־סטלער, און רודאָלף שילדקרויט איז געוואָרן איינער פון זיינע גרעסטע פאַרערער. ער האָט זיך אליין איבערגעשאָפן און געגומען די ראָלן, וואָס דער מייסטער האָט אים צוגעטיילט און זיי אָפּגעפרישט אין זיין גייסט. שילדקרויט איז ביי אים אַ צייט געווען איינער פון די ווערטפולע אינסטרומענטן אין זיין בינע־„אָרקעסטער". פיל פיעסן פון שעקספּיר און געטהע, וואָס האָבן שוין אויסגעזען אויסצולעבן זייערע לעצטע יאָרן, האָבן געקריגן נייע בלוט־איינ־שפּריצונגען און זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פיל אַקטועלער און לע־בעדיקער, אונטער די נייע אויפפאַסונגען ווי אַנדערע פיעסן, וואָס זיינען ערשט אַרויס פון הינטער די קוליסן.

רודאָלף שילדקרויט איז אין יענע יאָרן אַרויסגעטראָטן, ווי ער וואָלט ערשט דערפילט דעם ריכטיקן צויבער פון שעקספּירן און פון שילער׳ן. זיינער איז געווען אַ נייער האַמלעט. ער האָט אַריינגעבלאָזן אַ נייעם אָטעם אין זיינע ראָלן פון די נייע גרויסע טעאַטער־שאַפער און אַרויסגערופן אַ פוראָר מיט זיין אויסטייטשן זיי. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט ער געשפּילט וויכטיקע ראָלן אויך אין די פיעסן פון מאָליער און געטהע, איבסן און סטרינדבערג, שאָ און גאָרקי, און ווען ערנסט טאָלער איז אַרויס מיט זיינע נייע העלדישע פיגורן האָט ער זיי אויך געפּרואווט באַנעמען און אַריינלעבן זיך אין זיי.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז רודאָלף שילדקרויט דערשינען צום ערשטן מאָל אינם טעאַטער־סעזאָן פון 1910־1911. ער האָט געשפּילט אינם דייטשן אירווינג פּלעיס טעאַטער אין ניו יאָרק, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ היפּשן טעאַטער־סטאַזש. אין ניו יאָרק האָט ער זיך דעמאָלט אויך באַקענט מיטן י י ד י ש ן טעאַטער. אויף אים האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק די גרויסע צאָל יידישע טעאַטערס אין ניו יאָרק און אי־בערן לאַנד.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען די יידישע אימיגראַציע־כוואַליעס האָבן געשלאָגן הויך און כסדר העכער. דאָס יידישע טעאַטער האָט געהאַט זיינע בעסטע יאָרן. שילדקרויט האָט באַשלאָסן צו לערנען יידיש. ער האָט עס אָנגעהאַלטן אפילו ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין אייראָפּע און ווידער זיך געפונען אין ריינהאַרדט׳ס קונסט־טעאַטער, וואָס האָט זיך מיט דער צייט אויך גענומען אַריענטירן אויף גרויסע פאַרכאַפּנדיקע טעאַטראַלע ספּעקטאַקלען.

מיט דער שנעלער, ברייטער אַנטוויקלונג פונם פילם־טעאַטער און זיינע מעגלעכקייטן, איז רודאָלף שילדקרויט אויך פאַרכאַפּט געוואָרן אינם שטראָם און זיך באַטייליקט אין אַ ריי פילם־בילדער מיט נישט קיין קלענערן דערפאָלג ווי אין אַלגעמיינעם דייטשן טעאַטער. קאַרל לעמלע, דער באַרימ־

טער אַמעריקאַנער פילם־פּראָדוצירער, זייענדיק אין אייראָפּע, האָט אים דאָרט געזען און אים ווידער געלאָקט קיין אַמעריקע.

אין 1920 זעען מיר שוין שילדקרויט׳ן צוריק אין ניו יאָרק און זיין יידיש איז שוין גוט גענוג צו שפּילן אַ ריי ראָלן אין שוואַרצ׳ס קונסט־טעאַטער. ער מאַכט אַ פוראָר מיט זיין אַרויסטריט אין „קויפמאַן פון ווענעדיק״. גלייכצייטיק לערנט ער זיך ענגליש און גרייט זיך אויפצוטרעטן אין ענגלישע פּיעסן. זיין ערשטער אַרויסטריט אין אונדזער לאַנדס־שפּראַך איז געווען אַן אומגליקלעכער. דאָס איז געווען אין ע נ ג ל י ש, אין שלום אַש׳ס „גאָט פון נקמה״, וואו ער האָט געשפּילט יאַנקל שאַפּשאָוויטש, די הויפּט־ראָל. זיין שפּילן האָט אַרויסגערופן אין שטאָט אַן אויפרודער פון גאָט׳ ססטראַפּ־טשעס און עס איז שיר נישט געקומען צו אַ סקאַנדאַל. שילדקרויט איז אַרעסטירט געוואָרן און איז באַפרייט געוואָרן, אָבער נישט אָן מי.

שפּעטער האָט שילדקרויט באַשאַפן זיין אייגענעם אינטימען יידישן טעאַטער, אין וועלכן ער האָט געגעבן דעם יידישן אינטעליגענטן עולם די דראַמאַטישע ווערק פון שעקספּיר, סטרינדבערג און איבסן. די געשעפטן פונם טעאַטער זיינען אָבער נישט געווען פון די בעסטע און דאָ האָט שוין אויף אים געלויערט האָ ל י ו ו א ו ד... דער גרויסער פילם־מייסטער סעסיל דע מיל האָט אים אַרויסגערוקט אין אַ ריי פילם־דראַמעס, צווישן זיי אַזעלכע ווי „היז קאָונטרי״, „דהי מעין איווענט״ און אינם ריזיקן ספּעקטאַקל־פילם „קינג אָוו קינגס״.

אַ היפּשן איינדרוק האָט רודאָלף שילדקרויט געמאַכט אין ניו יאָרק, און איבערן לאַנד, אין מאַקס ריינהאַרדט׳ס דראַמאַטישן ספּעקטאַקל „דהי מירעקל״, אין וועלכן די בינע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קירך. שילד־קרויט׳ס ראָלע איז געווען נישט פון די גרויסע, דאָס איז געווען פון אַ בלינדן, וואָס קומט מיט דער רעליגיעזער פּראָצעסיע זעענדיק ווערן. אָבער דער בינע־קינסטלער האָט פון דער דאָזיקער קליינער ראָלע געשאַפן אַן אומ־פאַרגעסלעך געשטאַלט. ער איז געווען גרויס אין זיין כאַראַקטער אַריינ־דרינגונג.

אין דער קורצער צייט, וואָס רודאָלף שילדקרויט איז געווען מיטן יידישן טעאַטער, האָט ער באַוויזן צו געווינען אַ היפּשן קאַדער פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ פאַרן יידישן טעאַטער, וואָס האָט שוין בכלל געהאַט גענומען דעם וועג פון באַרג־אַראָפּ. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער טיפּישער כאַראַקטעריזירונג פון יידישע פּאַטריאַרכישע געשטאַלטן. ער האָט זיי געשילדערט מיט ווירדע און פּיעטעט.

געשטאָרבן איז רודאָלף שילדקרויט אין האָליוואוד, אין עלטער פון

68 יאָר, אין 1930. ער האָט געלאָזן נאָך זיך אַ ווירדיקן יורש, זיין זון דזשאָזעף שילדקרויט, וואָס איז ביי היינטיקן טאָג איינער פון די באַרימטסטע קינסטלער אויף דער אַמעריקאַנער בעסערער פילם־בינע. זיין ערשטן גרויסן דערפאָלג האָט ער געמאַכט אין דעם אויפפיר פון „ליליאָם . . .״ פיעסע האָט־געהאַלטן דעם רעקאָרד, פאַר דער ערנסטער פיעסע, אין אַמעריקע, פון זיבן הונדערט און אַכט כסדר׳דיקע פאָרשטעלונגען.

אין דער ל ע צ ט ע ר צייט ווערט די פיעסע „אַנאַ פראַנק׳ס דאיערי״, אין וועלכער דזשאָזעף שילדקרויט שפילט די צענטראַלע מענער־ראָלע פון אַנאַ פראַנק׳ס פאָטער, אויך אַ רעקאָרד־שלאָגנדיקע פיעסע. זי האָט לאַנג געשפילט פאַר געפאַקטע הייזער און איז געוויזן געוואָרן אין אַלע לענדער פון דער וועלט אין איר פילם־ווערסיע (געשריבן אין יוני, 1957).

דזשאָזעף שילדקרויט ווערט פון טעאַטער־קריטיקער ניט אומזיסט גערופן דער גרויסער זון פונם גרויסן טאַטן, רודאָלף שילדקרויט. די אָפּשפּיגלונג פונם טאַטנס גרויסער פ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט איז נישט שווער צו געפינען אינם נישט קלענערן זון, ווען אים קומט אויס צו שפילן פאַט־ריאַרכאַלישע ראָלן. דאָס איז ווייט נישט קיין ביליקע נאָכמאַכונג. דזשאָזעף שילדקרויט איז אַ זעלבסטשטענדיקער קינסטלער אין זיין אייגענעם רעכט. אָבער זיין פונק איז אויסגעהאַקט פונם זעלבן וואונדערבאַרן קיזל־שטיין, וואָס לייכט מיט זיין באַזונדערן ליכט און וואַרעמט מיטן אייגענעם פייער.

קאַפּיטל צוויי און זעכציק

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי — דער געטרייער לערער פון די אימיגראַנטישע מאַסן



מען וואָלט אים אפשר געדאַרפט רופן „דער גאָלד־שמיד פון יידיש". אָבער גראד האָבן אַנדערע געשמידט פאַר זיך דאָס גאָלד, וואָס ער האָט גע־לייטערט און אים בלויז געלאָזן האַלטן דעם אוצר פון... ווערטער. און וואָלטן מיר שוין דעם דאָזיקן פאַרדינסטפולן גראַמאַטיקער, דער געזעץ־פאַרשער פון שפּראַך, געדאַרפט נאָר רופן „דעם טרייען זון פון אונדזער יידישן מאַמע־לשון", איז אים אָבער זיין מאַמע גע־שטאָרבן נאָך אין זיינע ייִנגלשע יאָרן, און ער האָט געמוזט זיך כאָוועון אַלס אור־פּלימעניק ביי זיין עלטער־פעטער גרשון האַרקאַווי.

און דאָס ריידן מיר דאָ איצט וועגן אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, וועמענס ווערטער ביכער עס געפינען זיך נאָך איצט אין צענדליקער טויזנטער יידישע היימען: ווערטערביכער פון יידיש און ענגליש פון ענגליש און יידיש, פון די צוויי שפּראַכן און העברעאיש. מיר ריידן דאָ וועגן דעם אויטאָר פון אַלערליי לערן־ביכער פאַר די יידישע אימיגראַנטן־מאַסן, ווי אַזוי זיך צו פאַרהיימישן וואָס שנעלער אינם נייעם לאַנד, וואָס זיי האָבן באַטראָטן.

דאָס איז דער זעלבער אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, וואָס האָט געשאַפן דאָס בוך „דער ענגלישער לערער", וואָס האָט אויסגעהאַלטן פיל אויפלאַגעס, אפשר מער ווי וועלכער עס איז אַנדער בוך פון אַ יידיש־רוסישן אימיגראַנט. דערזעלבער מחבר פון דעם „ענגלישן אַלף־בית", פון „אַלענדאָרף"ס מע־טאָדע זיך גרינטלעך אויסצולערנען די ענגלישע שפּראַך אָהן אַ לעהרער". אָט־די דערמאָנטע ביכער זיינע זיינען דערשינען אין די אָנהייב נייינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. פון דעמאָלט אָן איז שוין ביזן סוף פונם יאָרהונדערט יעדן יאָר דערשינען פון אים אַ ניי לערן־בוך.

און נישט בלויז אין יידיש און אין ענגליש. ער האָט אויך געשריבן

לער־ביכער פאַר ענגליש און העברעאיש, פאַר ענגליש און רוסיש, פאַר ענגליש און פויליש. ניט אומזיסט איז ער געבאָרן געוואָרן אין דער זעלבער שטאָט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך דעם באַרימטן פוילישן נאַציאָנאַלן דיכטער, דעם הומאַניסט אַדאַם מיצקעוויטש.

אַלעקסאַנדער האַרקאַווי איז געבאָרן געוואָרן אין נאָווארעדאָק (נאָוואָ־גרודאָק), אין יאָר 1863, דאָס היסטאָרישע יאָר פונם פוילישן אויפשטאַנד קעגן צאַרישער הערשאַפט. די האַרקאַווי־פאַמיליע איז געווען פון די חשוב׳־סטע אין שטאָט. דער באַרימטער אָריענטאַליסט אברהם אליה האַרקאַווי, פון דער קייזערלעכער ביבליאָטעק אין פעטערבורג, האָט באַלאַנגט צו דער פאַמיליע.

דער פאָטער משה יוסף האַרקאַווי איז געווען אַ זון פונם אַלטן נאָ־וואַראַדאקער רב. געווען אַ סוחר און ברייט באַוואוסט פאַר זיין זעלטענער ערלעכקייט. איז אָבער ערלעכקייט אין דער בירגערלעכער וועלט בלויז אַ פאַרשפּיל פאַר דורכפאַל. ער האָט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן און דעם געשעפט און זיך גענומען צו מלאכה, אליין זיך אויסגעלערנט די מעכאַניזמען פון זייגערס און געוואָרן מיט דער צייט אַ קענער אין דעם פאַך.

דער יונגער אַלעקסאַנדער האָט מיט זיין התמדה גיך איבערגענומען די טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג, צוזאַמען מיט אַן עטוואָס פרייערן קריטישן בליק. גראָד איז זיין מלמד געווען פון די משכילים, וואָס האָבן געלערנט תנ״ך מיט משה מענדעלסאָנ׳ס ביאור (קאָמענטאַר, פירוש). ער האָט אויך פאַרזוכט דעם טעם פון גמרא, אין דער אָרטיקער תלמוד־תורה. בכלל איז נאָווארעדאָק געווען אַ פרומע יידישע שטאָט, מיט אַ יידישער פּראָ־דוקציע פון כלי־קודש, ס ו פ ר י ם האָבן געשריבן ספר־תורות און מזוזות, תפילין, גט׳ן, און די פּראָדוקציע צוזאַמען מיט די פון די אַרומיקע שטעטלעך, דזשעטל, סלאָנים, רוזשענאַי איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פונם צאַרישן רוסלאַנד. נאָוואַרעדאָק גופא האָט פּראָדוצירט נאָך אַ וויכטיקן עקספּאָרט־אַרטיקל — מ צ ו ת אויף פ ס ח. נאָווארעדאָקער מצה, האָט מען געשמועסט, גייט אפילו אין דייטשלאַנד און אין טיף־רוסלאַנד, נישט נאָר אין ליטע און פוילן, און איז געווען פון ערשטן סאָרט.

אַלעקסאַנדער וואָלט אפשר אויך געווען אַ כלי־קודש, אַ רב, אַ מלמד, אָדער אַ סופר (קיין געשעפטסמאַן האָט ער קיינמאָל ניט געקענט זיין) ווען נישט דער פאַל, וואָס זיין מוטער׳ס טויט אויפן עלפטן יאָר, האָט אים אַריינגעפירט צו אַ מער פאָרגעשריטענעם עלטער־פעטער, און זיין זון, יעקב האַרקאַווי, אַ משכיל, וואָס האָט שפּעטער מיטגעאַרבעט אינם יידיש־

רוסישן זשורנאַל „וואָסכאָד״. דאָרט איז ער באַוועגט געוואָרן צו לערנען אויך אַזעלכע וועלטלעכע זאַכן ווי די רוסישע שפּראַך, דייטש, אַריפמעטיק, גע־שיכטע און געאָגראַפיע און אַנגעהאַלטן אויך דעם גמרא־לימוד, אויף אַ געווויסער צייט.

אין גיכן האָט דער יונגער האַרקאַווי אַליין גענומען שרייבן אין העב־רעאיש שירים און מליצה׳דיקע אַרטיקלען, און געפּרואווט מיט אייגענער האַנטשריפט פאַרשפּרייטן אַ העברעאישן קינדער־זשורנאַל, „ילד שעשועים״, זיך צוגעכאַפּט צו אַלערליי ביכער, אין זיין שוועסטער־קינד׳ס ביבליאָטעק, אפילו צו אַ לערן־בוך פון דער סירישער שפּראַך. דאָס האָט אים געגעבן דעם ערשטן שטויס צו ווערן אַן אַלזייטיקער שפּראַכן־פאָרשער.

זיין וועג האָט אים דערנאָך געפירט קיין ווילנע, וואו ער האָט ווייטער געלערנט, געאַרבעט אין ראָמ׳ס דרוקעריי, אַלס אַרבעטער און אַלס בוכ־האַלטער, שפּעטער קיין ביאַליסטאָק, אַלס העברעאישער לערער, און צוריק קיין ווילנע צו זיין פריערדיקער בוכהאַלטער־שטעלע. דעמאָלט האָט ער זיך שוין באַקאַנט מיט די עלטערע משכילים פון ווילנע, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער אַלטער שרייבער אייזיק מאיר דיק. מען דערמוטיקט אים צו שרייבן און ער האָט דעמאָלט זיין ערשטלינג אין יידיש — דאָס ליד „על נהרות בבל״.

אַזוי זיינען אַוועק דערוויל עטלעכע יאָר. און די עמיגראַציע־כוואַליע, וואָס האָט גענומען צעטרייסלען די יידישע ישובים נאָך די פּאָגראָמען און צאַרישע גזירות, פון 1881, האָט אויך מיטגעשלעפּט אַלעקסאַנדער׳ן קיין אַמעריקע. ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן דער עם־עולם גרופּע, וואָס איז גע־פירט געוואָרן פון אברהם קאַספּע. אין מאַי, 1882, האָט אים שוין די שיף געפירט צוזאַמען מיט די איבעריקע יונגע ענטוזיאַסטן קיין אַמעריקע — צו גרינדן קאָלאָניעס אויף קאָמוניסטישע יסודות.

פון די דאָזיקע קאָלאָניעס, ווי מיר ווייסן שוין פון פריערדיקע פּאַלן, זיינע בלויז געבליבן אַנטוישונגען. עס איז באַלד אָנגעקומען דיווירקלעכקייט און ווי מערסטע יידישע אימיגראַנטן, אין יענער צייט, האָט ער אויך געמוזט פריער אויסטרינקען דעם פולן כוס פון גלות־ליידן פון אַרבעטער־זוכענישן פון שווערער פּראַצע: פון אויסלאָדן שיפן ביז אָנלאָדן אויף די פעלדער תבואה־גאַרבן, פון וואַשן און שייערן טעפּ אין אַ רעסטאָראַנדל ביז עבודת־פרך אין אַ מצה־בעקעריי — האַרקאַווי האָט דערזען אין דער פולער מאָס די גרינגשאַצונג פונם גרינעם. די פּראַגע ווען קענען עפענען אַ מויל און קענען זיך ווי עס איז אויס׳טענהן, האָט ער באַטראַכט ווי די וויכטיקסטע פאַר יעדן אימיגראַנט.

אָבער אין דריי יאָר שפּעטער, אין 1885, זעען מיר אים אין פּאַריז. ער פֿאַרענדיקט דאָרט אין העברעאיש זיין ערשטע פילאָלאָגישע פאַרשונג וועגן יידיש — „שפת יהודית". ער האָט געמוזט דערווייזן דעם טייל פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס קוקט אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ, אַז יידיש איז אויך אַ שפּראַך, אַז זי האָט אויך אירע גראַמאַטישע כללים. אָבער די אַרבעט איז געבליבן אַ לאַנגע צייט ניט געדרוקט און עס איז אפשר בעסער. האַרקאַווי אַליין איז נאָך ניט געווען קלאָר אין די געזעצן פון דער יידישער שפּראַך. אַ טייל דערפון איז ערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 11 יאָר אַרום, און אין יידיש ערשט אין א צוואַנציק יאָר אַרום אין „מיניקעס יאָרבוך".

אין 1886 — שוין צוריק אין ניו יאָרק, גיט ער אַרויס דאָס „ערשטעס ביכל" פון אַ „שפּראַך־וויסנשאַפטלעכער ביבליאָטעק" „דיא יידיש־ דייטשע שפּראַך". אין זיין „פאָרווערטל" שרייבט דער אויטאָר נאָך מיט יענעם „פאַרצייטיקן" אויסלייג:

„דיזעס ביכעל איז דער ערשטער טראָט, וואָס איך מאַך אין דער לי־טעראַרישער וועלט, איז מיין שמחה איז אָבער מיט דעם נאָך גרעסער, וואָס עס האַנדלט זיך פון אונדזער מאַמע לשון און וואָס עס איז אין דיזער שפּרוך גישריבן"! 1).

פון דעמאָלט אָן בייטן זיך זייער אָפט זיינע באַשעפטיקונגען. אָט איז ער אַ העברעאישער לערער אין מאָנטרעאָל, און לאָזט אַרויס די ערשטע יידישע צייטונג אין קאַנאַדע, געדרוקט ליטאָגראַפיש מיט אייגענע געקאַליגראַפירטע אותיות, און אָט גיט ער שוין אין 1890 אַרויס אין באַלטימאָר אַ וואָכנבלאַט „דער יידישער פּראָגרעס", וואָס ווערט באַקעמפט פון די רעאַקציאָנערן און ווערט אָפּגעשטעלט מיטן נומער 9.

ווען ער באַזעצט זיך צוריק אין ניו יאָרק גיט ער זיך אָפּ מערסטנס מיט ליטעראַריש־פּעדאַגאָגישע ענינים. פון 1904 ביז 1909 איז ער פאַר־טרעטער פון דער „האַיאַס" אין עמיגראַציע־אָפיס אויפן עליס־איילאַנד. ער איז שוין דעמאָלט געווען גענוג פּאָפּולער צו זיין אויפן לעקטאָרן־ליסט פון דער „באָרד אָוו עדוקיישאָן". ער האַלט זיינע לעקציעס אין יידיש איבער אַמעריקאַנער ענינים — געשיכטע, „סיוויקס", בילדונג. ער איז אויך אויף דעם לעקטאָרן צעטל פון אַרבעטער־רינג און אין 1919 לעקטאָר אינם יידישן

לערער־סעמינאַר פון אַרבעטער־רינג און אין 1919 לעקטאָר אינם יידישן גראַמאַטיק.

1) ציטירט לויט זלמן רייזענ׳ס לעקסיקאָן, באַנד איינס, זייט 798.

דאָס איז די צייט אין וועלכער דער שרייבער האָט זיך נעענטער באַקענט מיט האַרקאַווי׳ן, סיי אין דעם לערער־סעמינאַר, און סיי אין דער קאָמיסיע פאַר אָרטאָגראַפיע; האָט מען געפילט זיין וואַרעמע חבר׳שאַפט און באַשיידנקייט. דער מחבר פון אַזויפיל ווערטער־ביכער האָט זעלטן ווען גענוצט אַ וואָרט, וואָס זאָל שאָקירן. עפּעס איז ער זיך, ווי עס איז, באַגאַנגען אַן הערנער און אַן דערנער, אָן שטעכעלקעס און אָן קראַפּיווע. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז ער האָט געהאַט די זעלבע באַציאונג צו פייניקער און געפייניקטע, צו עקספּלואַטאָרן און עקספּלואַטירטע. די פּאַרלעגער האָבן געמאַכט פון אים פאַרמעגנס און ער איז געבליבן אַ קבצן. ער איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער סאָציאַליסט.

אַ פאַרליבטער אין שפּראַך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז פון אַלע מענטשלעכע שאַפונגען איז שפּראַך די גרעסטע, די איז ביי אים געווען זיין געליבטע נאָך זיין פרוי. ער האָט אין איר געהערט מוזיק, ער האָט אין איר געזען געמעל, ער האָט אין איר געפילט אַלע טעמים פון דעם לעגענדאַרן מן (מאַן).

אויסצורעכענען אַלע זיינע ווערק און פּובליקאַציעס וואָלט אַליין פאַרנומען אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג. דאָ וועלן מיר בלויז געבן אייניקע, וואָס וועלן דינען פאַר ביישפּילן, ווי אַזוי ער האָט געדינט זיין פאָלק אויף פאַרשיידענע געביטן.

אין די מיטן 90־ער יאָרן האָט ער אַרויסגעגעבן אַן „ענגלישן בריפנשטעלער,״ „אַמעריקאַנער בריפנשטעלער״, „ענגליש אין אַמעריקע״, „דער אַמעריקאַנישער לעהרער״, „האַרקאַווי׳ס אידיש־אַמעריקאַנישע שוהלע״, „לערנבוך פאַר יידן צום לערנען ענגליש, יידיש אויסלייגן און רעכענען״.

דאָס איז שוין געווען אין 1900, ווען עס זיינען דערשינען אַזעלכע לערן־ביכער, ווי „פּראַקטישע לעקציאָנען אין ענגליש״; „פאָלשטענדיקעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך מיט דער אויסשפּראַכע פון יעדן וואָרט אין יודיש״, „יודיש ענגלישעס ווערטערבוך״. אין העברעאיש: „תורת לשון אינגלית״, „אוצר לשון המקרא״; אַ רייע לערנביכער אויף רוסיש; 28 נומערן פון אַ וואָכנבלאַט פאַר לערנען ענגליש — „דהי היברו אַמעריקען״.

אין בוכפאָרם — ביאָגראַפיעס: „קאָלאָמבוס אַנטדעקונג פון אַמעריקע״, „וואַשינגטאָן״, „קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן״ — ענגלישער טעקסט און יידישע איבערזעצונג; „דער סיטיזען״ — געזעץ פון נאַטוראַליזאַציע; אַ געאָגראַפיע פון 358 זייטן. פיל איבערזעצונגען — פון שפּאַניש — סערוואַנטעס׳עס „געשיכטע פון דאָן קיכאָט״, פון רוסיש פּראָפ. י. פרידלענדערס „די יידן אין רוסאַנד און פוילן״, רעדאַגירט א. ה. ראָזענבערג׳ס איבערזעצונג, פאָגט׳ס צוועלף בענדער, „וועלט־געשיכטע פון אור־אַלטע

צייטן ביזן הייטיקן טאָג" און אַליין צוגעגעבן אַן אייגענעם קאַפּיטל „די אור־פעלקער פון פאַלעסטינע". אויסער דעם — אַ ריי ביבלישע איבערזעצונגען אין ענגליש.

די צאָל פון זיינע אַרטיקלען אין די פאַרשיידענע העברעאישע, יידישע און ענגלישע צייטשריפטן, גרייכט אין די הונדערטער — אין אייראָפּע און אַמעריקע, אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אונטער פּסעוודאָנימען. אין די יאָרן 1897 און 1898 האָט ער רעדאַגירט אַ מאָנאַט־שריפט „דער נייער גייסט", אין וועלכן עס האָבן מיטגעאַרבעט די בעסטע יידישע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע כוחות.

אין משך פון פינף יאָר — 1895־1899 — אַרויסגעגעבן דעם יידיש־אַמעריקאַנער פאָלקס־קאַלענדאַר, און אין 1900 דעם זאַמלבוך „דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט".

אין 1920 איז ער געווען דער שליח פון זיינע לאַנדסלייט קיין נאָוואָ־רעדאָק און אומגעגנט מיט גרויסע סומעס הילף־געלטער. מיט וואָס פאַר אַ געוויסנהאַפטיקייט ער האָט זיי צעטיילט וועט אילוסטרירן אַ פאַקט, וואָס איז נוגע ד ע ם שרייבער גופא! איך האָב מיט אים געשיקט אַ סומע פון 100 דאָלאַר צו אַן אַלטער בלינד־געוואָרענער מומע. מיין אַדרעס צו איר איז געווען אַן אַלטער. זי האָט געוואוינט אין דזשעטל. אָבער ווען ער איז אַהין ספּעציעל געפאָרן און געזוכט זי איז כמעט יעדער שפּור געווען פאַר־לאָרן. אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ וואָלט שוין לאַנג אויפגעגעבן די זוכעניש. אָבער נישט ער. נישט קוקנדיק אויף זיין עלטער, באַלד אַ זיבעציקער, און דאָס דאַרפן זיך אַרומשלעפּן מיט פורן, האָט ער נאָך לאַנגע זוכענישן זי געפונען און זי האָט אים באַנעצט מיט פריידיקע טרערן פאַרן גרוס וואָס ער האָט איר געבראַכט פון מיר און פאַר דער געלט־מתנה.

אין ו ו י ן איז אין די 20־ער יאָרן געדרוקט געוואָרן זיין גרעסטער אויפטו אויפן געביט פון ווערטער־ביכער — אַ דרייפאַכער ריזיקער ווערטער־בוך פון יידיש־העברעאיש און ענגליש.

ער איז געווען איינער פון די ערלעכסטע פערזענלעכקייטן וואָס איך האָב געקענט פונם פריערדיקן דור יידישע שרייבער און קולטור־טוער. ער האָט נישט ג ע ק ע נ ט זאָגן קיין ליגן. ער האָט געפילט, אַז ווען ער וועט שטענדיק זאָגן דעם אמת וועלן שלעכטע מענטשן פון אים אַנטלויפן און האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון קאַרלאַיל׳ס געבאָט: „פּרואוו זיין ערלעך וועסטו וויסן, אַז אַמווייניקסטנס האָט די וועלט מיט איין אויסוואורף ווייניקער".

ווען ער איז געשטאָרבן, נאָוועמבער דעם 27־טן, 1939, איז די וועלט געוואָרן אָרעמער מיט אַ שיינער רייכער פערזענלעכקייט.

קאַפּיטל דריי און זעכציק

יוסף און מערי פעלס — פילאַנטראָפּן און הומאַניסטן

דערפינדער, „סינגל־טעקסער", קעמפער פאַר פרויען־רעכט און מענטשלעכע רעכט.

צווישן זייערע נאָענטע פריינט איז די פאַמיליע פעלס באַוואוסט געווען לאַקאָניש — „מערי און יוסף". פון איין זייט איז עס מסתמא געווען אַן אָנצוהערעניש אויף „יענעם" לעגענדאַרן, האַלב„געטלעכן" פּאָר־פאָלק פון נאַזאַרעט, וואָס זאָלן האָבן געלעבט מיט ניינצן יאָרהונדערטער צוריק אין „הייליקייט און פּרישות". פון דער צווייטער זייט — אַן אויסדרוק פון אַ פּאָר־פאָלק, אין וועלכן עס איז נישט געווען קיין ערשטע פידל. ביידע זיינען זיי געווען געקניפּט און געקייטלט אין הומאַניטאַרע שטרעבונגען און מעשים.

מ ע ר י איז געבאָרן געוואָרן אין אַ מער־ווייניק אויפגעקלערטער יידישער פאַמיליע, אין 1863, אין סעמבאַך, דייטשלאַנד. יוסף פעלס, אַ וויטערער קוזין אירער, וואָס האָט מיט איר געהייראַט אין אַמעריקע, איז געבאָרן געוואָרן אין ווירדזשיניע. אַן עלטערער מיט צען יאָר פאַר זיין יונגער פרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרבונדן אין 1880, איז ער שוין געווען אַ גענייטער געשעפטסמאַן נאָך אין זיינע צוואַנציקער יאָרן, געהאַנדלט מיט זייף און אויסגעמאַכט נישט שלעכט. אָבער האַנדל האָט בייביידן נישט געשפּילט די הויפּט־ראָלע.

די פעלסעס האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. יוסף פעלס האָט אָבער געהאַט גייסטיקע „ווייען". ער האָט זיך פאַראינטערעסירט אין כעמישע פּראָבלעמען און דערפונדן אַ וועג ווי אַזוי צוזאַמענצופאָרן פּשוטע זייף מיט נאַפטאַ און אַרויסקריגן אַ העכערן, אַ מער קוואַליפיצירטן סאָרט ז י י ף — נ אַ פ ט אַ ־ זייף. מיט זיינע אונטערנעמערישע פייאיקייטן אַלס צוגאָב, האָט ער באַשאַפן אַ נייע אינדוסטריע, און אַ דערפאָלגרייכע.

דעם אמת געזאָגט זיינען מיר דאָ נישט אַזוי פאַראינטערעסירט אין די גרויסע פאַרמעגנס, וואָס די פעלס־פאַמיליע האָט געמאַכט פון דער דאָזיקער גרויסער נייער אינדוסטריע, ווי אין דעם, וואָס זיי האָבן ג ע ט אָ ן מיט זייער פאַרמעגן. מען האָט שוין געוואוסט פריער פון זייער ברייטהאַרציקייט.

מיר ווייסן, אַז די פילאַנטראָפּיעס און גרויס־פּלענער פון די נאָפט־מאַגנאַטן אין אונדזער לאַנד „שמעקן" געוויינלעך מיט דעם ריח פון זייער פּראָדוקט. ביי די פּעלסעס אָבער האָט עס געשמעקט מיט אַלע פרישע ריחות פון נאַטור און וועלט, פון פלאַנץ און באַשעפעניש.

די פעלסעס האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט פון ברודערלעכער ליבע — אין פילאַדעלפיע. און פון דער דאָזיקער שטאָט האָט זיך אין גיכן פאַרשפּרייט אַ באַוועגונג, נישט צו לאָזן גיין אין ניוועץ די טויזנטער ליידיקע פּלעצער אין שטאָט, וואָס ווערן פעסט־פּלעצער, בית־הקברות׳ן פאַר אַלערליי דרויבן און שטויבן, פאַרזשאַווערטקייטן און פאַרווערטקייטן. אַ מערכה — עס זיינען נאָך דעמאָלט נישט געווען די שברי־כלי־עס פון די איצטיקע אַלטע אויסגעדינטע און צעשמעטערטע אויטאָמאָבילן.

שוין אין די זיבעציקער יאָרן האָט יוסף פעלס געזען די לעבעדיקע שברי כלים פון די טויזנטער אַרעבטלאָזע און הילפלאָזע, ווי זיי וואַלגערן זיך אויף די פריער־דערמאָנטע ליידיקע לאָטס (פּלעצער), צוזאַמען מיט דעם טויטן ברוכוואַרג און שמאַטעוואַרג. ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו דערזען דעם טאָפּלט שרעקלעכן פאַרברעכן פון דער אָרדנונג. מיט זיין קאָנסטרוקטיוון חוש האָט ער דערשפּירט אַן ענגע שייכות פון דעם ניוועץ אין זאַכן, פּלעצער, באָדן און דעם ניוועץ פון קינדער פון דער מענטשהייט: אַ העלער בליץ האָט אַ צינד געטאָן זיין מוח: פאַרוואָס נישט אָפּרייניקן דעם פאַרלייגטן פאַרפעסטעטן באָדן און מאַכן פון אים גערטנער מיט בייטן פון פרישע, גרינע, שיינע פלאַנצן — גאָרטנוואַרג, יאַגדוואַרג, פּרוכט־קוסטעס און פּרוכט־ביימער, וואָס אַרבעטלאָזע זאָלן קולטיווירן פאַר זיך און לעבן דערפון, הנאה האָבן פון זייער אייגענער פּראַצע און ניט דאַרפן פאַרוואַנדלט ווערן אין בעטלער און בראָדיאַגעס.

פעלס האָט פאַרפולקאָמט דעם פולן ציקל פון זיינע אָבסערווירונגען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דער נייער אידייע פון הענרי דזשאָרדזש, דער באַוואוסטער רעפאָרמער, וואָס האָט איינגעזען אַ צווייטן גרויסן ווידערשפּרוך אין דער עקאָנאָמיק פון דער געזעלשאַפט.

אין די גרויסע ספּעקולאַציעס מיט׳ן לאַנד און באָדן פון נאָך די בירגערקריג־יאָרן, האָט ער דערזען דעם קאָנטראַסט צווישן "אומגעהייערן רייכטום און דערנידערנדיקער אָרעמקייט". ער האָט אַנטדעקט דעם ווידערשפּרוך, אַז וואָס מער עס וואַקסט די באַפעלקערונג ווערט דער באָדן אַלץ מער העכער אין ווערט, און די מענטשן, וואָס אַרבעטן מוזן צאָלן אַלץ העכערע און העכערע פּרייזן פאַר זייער רענט; פאַר דער פּריווילעגיע צו קענען אים באַאַרבעטן.

הענרי דזשאָרדזש האָט באַהויפּטעט, אַז אפילו פאַבריקאַנטן ווערן אויך קרבנות פון דער לענדלאָרדישער רענטלעריי און דעריבער דאַרפן

זיי אויך זיין קעגן דער איצטיקער סיסטעם, וואו רענט איז אזא גרויסער קוואל פון עקספּלואטאציע. פּ ע ל ס, ווידער, האט אין דער דערפארונג פון זיין אייגענעם הויז געזען, אז ווען איינער פארבעסערט זיין באדן, זיין שטיקל פּלאץ, ווערט אויטאמאטיש מיט דעם אויך פארבעסערט דער שכנ׳ישער ארומיקער באדן. ער שטייגט אין פּרייז. אט דער דאזיקער העכערער פּרייז, האט ער געטראכט, איז נישט פאקטיש דער אויפטו פונ׳ם באדן אייגנטימער, ממילא דארף נישט ער געווינען פון דעם, נאר די גאנצע געזעלשאפט.

הענרי דזשארדזש׳ס איספּיר, פּונקט אזוי ווי פעלס׳עס איז געווען, אז מען דארף אפשאפן אלע טעקסירונגען און איבערלאזן בלויז דעם איינציקן שטייער אויפ׳ן לאנד־באדן, און ממילא וועט, נאך זייער מיינונג, אפגעשאפט ווערן דער גרויסער קאנטראסט צווישן ארעם און רייך.

די סינגל־טעקסערס און בכלל לאנד־רעפארמערס האבן פארפעלט צו זען, אז די עקספּלואטאציע פון די לענדלארדס איז בלויז א קליינער טייל פון דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע; אז דער הויפּט־שולדיקער איז דאס פּריוואט־אייגנטום סיי אויפ׳ן באדן, סיי אויף די אנדערע פּראדוצירמיטלען.

יוסף פעלס און זיין פרוי מערי, האבן זיך צוזאמען אונטערגעווארפן הענרי דזשארדזש׳עס אגיטאציע, און בכלל וואו נאר עס האט געגעבן א ווייע מיט נייע פּראגרעסיווע אידייען. הערנדיק וועגן דעם גרויסן קריזיס אין ענגלאנד, וועגן דארטיקער שרעקלעכער ארבעטלאזיקייט זיינען זיי אהין אוועק. ביידע — מערי און יוסף האבן גענומען א טיכטיקן אנטייל אין פארלייכטערן די פּיינען פון די ארבעטלאזע. צוזאמען מיט׳ן רעפארמיסט דזשארדזש לענסבורי האבן זיי געגרינדעט א געזעלשאפט צו קולטיווירן דעם באדן פון אלע פארנאכלעסיקטע פּלעצער. זיי האבן געקויפט פאר די ארבעטלאזע צוויי היפּשע שטרעקעס לאנד — איינע לעבן לאנדאן פון בלויז 100 אקער. און איינע, לעבן האלעסלי בעי פון 1,300 אקער — צו גרינדן אויף זיי „סינגל־טעקס״ קאלאניעס. זיי האבן זיי באזארגט מיט היפּשע פאנדן.

אין דער זעלבער צייט האבן די פעלסעס אקטיוו זיך באטייליקט אין דער „סאפראדזשעט״־באוועגונג, צו קריגן שטימרעכט פאר פרויען. זיי פלעגן אויך איינלייגן באנדס פאר די ארעסטירטע אין די דעמאנסטראציעס, איבערהויפּט זיינען זיי געשטאנען צוקאפנס פון יעדער פּראגרעסיווער באוועגונג. זיי האבן זיך צוריק געוומען צו די סינגל־טעקס קאלאניעס, ווען זיי האבן זיך אומגעקערט אין די פאראייניקטע שטאטן. זיי האבן געשטיצט די קאלאניעס פון דעלאווער און אלאבאמא, און באשאפן א פעלס־פאנד פאר פּראפּאגאנדירן די סינגל־טעקס אידייען, און אויף ארויסגעבן הענרי דזשארדזשעס ווערק אין אלע שפּראכן.

אין 1910 האָבן די פעלסעס באַזוכט דעם „אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון פרייע מלאכות״, אין פאַרבינדונג מיט דער אַגיטאַציע פאַר לאַנד־רעפאָרמען. אין דעם דאָזיקן פּראָצעס האָבן זיי זיך באַקענט מיט די יידישע באַוועגונגען פון קאָלאָניזאַציע, און יוסף פעלס איז געוואָרן אַ מיטגליד אינ׳ם ראַט פאַר יידישער טעריטאָריעלער אָרגאַניזאַציע.

אין 1907 קומט פעלס מיט אַ פּראָיעקט פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין מעקסיקא. דיאַז׳עס דיקטאַטור האָט אָבער דעם פּלאַן ניט אָנגענומען. נאָר די פעלסעס האָבן ווייטער געזוכט און דורכגעזיפּט יעדע געלעגנהייט, וואָס האָט זיך באַוויזן.

ווען איר מאַן איז געשטאָרבן, אין 1914, האָט מערי פעלס מיט נאָך מער כוחות זיך אַריינגעוואָרפן אין אָרגאַניזירן הילף פאַר יידישע אויס־וואַנדערער אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן.

איבערהויפּט האָט זי זיך מער גענומען קאָנצענטרירן אויף יידישע באַ־זעצונגען אין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער אינטערעס איז ביי איר געוואַקסן נאָכדעם ווי זי האָט באַזוכט דאָס יידישע היסטאָרישע לאַנד.

מ ע ר י פ ע ל ס, אינ׳ם וואוקס פון איר יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין איז אָבער קיינמאָל ניט געוואָרן קיין אָנהענגערין פונ׳ם פּאָליטישן ציוניזם. צווישן די פאָנדן, וואָס זי האָט דערנאָך געשאַפן איז אויך געווען איינער פאַר ב אַ ל י י כ ט ן יענע פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע וואָס זאָל העלפן אין דערנעענטערן פעלקער איינע צו די אַנדערע. זי איז געווען באַזונדערס פילבאַר צו דער באַוועגונג פאַר רעפאָרמען אין די אַמעריקאַנער תפיסות.

אַלס קולטור־מענטש איז זי געווען פאַראינטערעסירט אין העלפן אַנטוויקלען אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור, באַזונדערס אין די געביטן פון מוזיק און ליטעראַטור. אין די יאָרן פון 1917־1919, האָט זי אַרויסגעגעבן און אליין רעדאַגירט אין ניו־יאָרק איר זשורנאַל ׳דהי פּאָבליק׳ מיט אַ קלאָרער פּראָגרעסיווער ריכטונג. אין 1916 האָט זי אָנגעשריבן די ביאָגראַפיע פון איר מאַן — „דזשאָזעף פעלס, זיין לעבן און אַרבעט״. וועגן דעם האָט אויך געשריבן איזראַעל זאַנגוויל, דער באַרימטער יידיש־ענגלישער שרייבער אין „פאָרט־נאַיטלי רעוויו״, יוני, 1920.

מערי פעלס האָט אויך געשריבן דאָס בוך „טו לאיט״ — צום ליכט״, אין וועלכן זי דריקט אויס אירע הומאַניסטישע געדאַנקען (זע „ענציקלאָפּעדיאַ און דהי סאָשעל סאַיענסעס, באַנד 6, זייטן 181־180).

אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט אין דער פעלס פאַמיליע איז אויך געווען ש מ ו א ל פ ע ל ס, דער יינגערער ברודער פון דזשאָזעף פעלס. ער איז אויך געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע אין 1860. אויך ער איז געווען אין די

זייף־געשעפטן און זיך אויסגעצייכנט אין פיל פילאַנטראָפיש־קאָנסטרוקטיווע טעטיקייטן. ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון וויסנשאַפט און איז דער אויטאָר פונם בוך „דהי טשענדזשינג וואָרלד“(די פאַרענדלעכטע וועלט).

זיין ספּעציעלער פאָנד פאַר וויסנשאַפטלעכע פרידלעכע דערגרייכונגען איז נאָך איצט אויך אין אַקציע. דערהויפּט לאָזט פון זיך הערן, פון צייט צו צייט, דער „פעלס פלאַנעטעריום“, וואָס ער האָט געשאַפן, און געשאָנקען 300 טויזנט דאָלאר דעם „פרענקלין אינסטיטוט“ אין פילאַדעלפיע.

דער דערמאָנטער „פעלס פלאַנעטאריום“ איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1933, און געעפנט געוואָרן פאַרן ברייטן עולם אין 1943. אין 1937 האָט סעמועל פעלס געקראָגן פונם פענסילווייניער אוניווערסיטעט דעם טיטל „דאָקטאָר“, און אַ מעדאַל פאַר פאַרדינסטפולער דערגרייכונג פונם פענסיל־וועניער גאָווערנאָר.

קאַפּיטל פיר און זעכציק

דר. סיימאָן פלעקסנער און זיין מלחמה קעגן געפערלעכע באַצילן

אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרשער מיט אַ וועלט נאָמען



אין מעדיצינישע קרייזן ווערט שוין איצט אָפּגעשאַצט, אַז די סאַלק־וואַקסין פאַר פּאָליאָ־פאַרהיטונג האָט שוין אין איין יאָר געראַטעוועט איבער דער וועלט צענדליקער טויזנטער לעבנס און הונדערטער טויזנטער פון פאַרקריפּלונגען, וואָס וואָלטן אין דער צייט פאַרקומען דורך דעם פּאָליאָ־מלאך המות. דר. יאָנאַס (יונה) סאַלק איז שוין אַריין אין דער געשיכטע פון מעדיצין ווי איינער פון אירע וויכטיקע בויער און אויפטוער, זיין נאָמען קלינגט שוין איצט איבער דער גאַנצער וועלט.

אָבער יעדער דעמב האָט זיינע וואָרצלען. נאָך פ אַ ר דר. סאַלק'ן זיינען געווען שוין פּיאָנערן, וואָס האָבן פאַר אים אויסגעטראָטן דעם וועג. עס איז נאָך מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז די דאָזיקע קראַנקהייט ווערט פאַראורזאַכט פון אַ ווירוס, ביזן מיט פונם 19טן יאָרהונדערט האָט מען נאָך בכלל נישט אָנגענומען, אַז עפּידעמישע קראַנקהייטן ווערן פאַרשפּרייט פון סוב־מיקראָסקאָפּישע מזיקים.

עס האָבן ערשט געדאַרפט קומען אַזעלכע מוטיקע פאָרשער ווי יאַקאָב העַנלי (אַ געשמד'טער ייד) אין דייטשלאַנד, וואָס האָט נאָך לאַנגע זוכענישן אין אַלערליי פגרים און יאַטרענדיקע קערפּערס, אין מתים פון טיפוס און סקאַרלאַטינע, פאַרזיכערט, אַז די טויטן ווערן פאַראורזאַכט פון סוב־מיקראָסקאָפּישע באַקטעריע, וואָס מיר קענען זיי אפילו מיט מיקראָסקאָפּן ניט דערזען, דערפאַר, וואָס זיי זיינען פונם זעלבן קאָליר און אַנבליק, ווי די ערטער, אין וועלכע זיי זיינען איינגענאַדיעט.

שפּעטער נאָך אים איז זיין תלמיד, דר. ראָבערט קאָך, אַ פּראָווינציאַלער, אומבאַקאַנטער מעדיקער, געלונגען צו כאַפּן און צו דערקענען. איינמאָל פאַר

אַלעמאָל דעם באַציל פון טובערקולאָזיס,, און מיט דעם באַשטעטיקן אַלץ, וואָס הענלי האָט מיט אַ דור פריער פאָראויסגעזאָגט. אין 1883 האָט שוין דער זעלבער דר. קאָך אויפגעקלערט די מעדיצינישע וועלט, ווען ער האָט אין זיין ספּעציעלער רייזע קיין עגיפּטן און אינדיע, וואו עס האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכע כאָלערע־עפּידעמיע, אַנטדעקט דעם כאָלערע־באַציל און געפונען אים אין טרינקוואַסער, אין שפּייזן און אויף די קליידער פון כאָלערע־קראַנקע.

און אַזוי האָבן זיך אויפגעמאַכט אַ גאַנצע ריי טויערן פאַר פאָרשער פון דער מיקראָבן־וועלט, און עס זיינען אַנטשטאַנען נייע גרויסע אַנטדעקונגען פון די דאָזיקע מלאך־המוות׳ן.

איינער פון די, וואָס האָט דער ערשטער אַנטדעקט דעם פּאָליאָ־ווירוס איז געווען דר. סיימאָן פלעקסנער, איינער פון צווישן די גרעסטע אמעריקאַנער באַקטעריאָלאָגן.

דער דאָזיקער גרויסער אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכער פאָרשער איז געבאָרן געוואָרן אין 1863, אין דער יידישער פלעקסנער פאַמיליע, אין לואיוויל, קענטאַקי. אין די קומענדיקע יאָרהונדערטער וועלן אַזעלכע ווי דר. סיימאָן פלעקסנער, און ווי אַנדערע פּיאָנערן אויף די געביטן פון וויסנשאַפט, באַוואוסט זיין צו יעדן שול־סטודענט, און די יאָרן ווען אַזעלכע זיינען געבאָרן געוואָרן וועלן זיין לאַנד־מאַרקן אין דער מענטשלעכער געשיכטע פון קולטור און פּראָגרעס.

זיינע עלטערן, מאָריס (אברהם) און אסתר, האָבן אים געגעבן אַ גוטע היימישע דערציאונג, און דער יונגער סיימאָן איז געווען פלייסיק, סיי אין פּאַבליק־סקול און אין האי־סקול פון לואיוויל און סיי אין דעם לואיווילער אוניווערסיטעט, וואָס ער האָט פאַרענדיקט אין 1889.

סיימאָן פלעקסנער האָט שוין געקענט ווערן צו 26 יאָר אַ דאָקטאָר, אָדער אַן אינסטרוקטאָר פון אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע. ער האָט אָבער זיך ניט באַנוגנט מיט די וויסנשאַפטן, וואָס ער האָט געקריגן אין זיין היימשטאָטישן אוניווערסיטעט. דער נאָמען פון לואי פּאַסטעיר, אין פראַנקרייך, און פון דעם דערמאָנטן דר. קאָך אין דייטשלאַנד, האָבן געקלונגען אין אַלע אוניווערסיטעטן פון דער וועלט, און זייער נייע וויסנשאַפט פון באַקטעריאָלאָגיע האָט אַזויפיל צוגעזאָגט, אַז דער ערשט־גראַדואירטער דאָקטאָר האָט זיך מיט נאָך מער פלייס ערשט אַריינגעוואָרפן אין ווייטערדיקע שטודיומס.

ער איז אַוועק אויפסניי שטודירן אין באַלטימאָר, אינם דזשאָן האָפּקינס אוניווערזיטעט און אים פאַרענדיקט, און איז גלייך נאָכדעם אַוועק אין אייראָפּע. דאָרט האָט ער ערשט שטודירט אין שטראַסבורג, אין בערלין

און אין פּ ר אָ ג און איז געוואָרן אַן אויטאָריטעט אין פּאַטאָלאָגישער אַנאַטאָמיע.

און אַזוי הייבט זיך אָן זיין פּראָפעסאָרישע קאַריערע פון איין זייט, און פון זיינע פאָרשונגען אויפן געביט פון באַקטעריאָלאָגיע פון דער צווייטער זייט. נאָכדעם ווי ער הייראַט, אין פּערציק־יאָריקן עלטער, מיט העלען וויטהאל טאָמאַס, איז ער אביסל מער באַשרענקט אין זיינע כסדר׳דיקע רייזעס. אין יענער צייט האָט ער שוין געהאַט אַ רעקאָרד פון פילפאַכע דאָקטאָר־טיטלען, און געווען שוין 8 יאָר, פון 1891 ביז 1899, פּראָפעסאָר אין דזשאָן האָפּקינס אוניווערסיטעט, דערנאָך פינף יאָר אין פּענסילווייניע אוני־ווערסיטעט.

אָבער זינט זיין חתונה, 1903, האָט ער שוין געהאַלטן אַ הויכע שטעלע אין משך פון צוויי און דרייסיק יאָר, וואו ער איז געווען פאַרזיכערט סיי מיט פּרנסה און סיי מיט די גינסטיקע געלעגנהייטן אָנצוגיין מיט ווייטערדיקער פאָרשונגס־אַרבעט. די דאָזיקע שטעלע איז געווען אַלס דירעקטאָר פון די לאַבאַראַטאָריעס פון ראָקפעלער אינסטיטוט פאַר מעדיצינישע פאָרשונגען. זיין נאָמען, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן באַרימט צו ווערן, האָט צוגעגעבן דעם דאָזיקן אינסטיטוט די הויכע וויסנשאַפטלעכע רעפּוטאַציע, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן.

איינע פון זיינע וויכטיקע פאָרשונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אויפן געביט פון באַקטעריאָלאָגישער עקספּערימענטאַציע פון די גיפטיקע סוב־סטאַנצן, וואָס קאָנען זיך אַריין אין מענטשלעכן קערפּער, איז געווען וועגן דעם ביאָכעמישן צוזאַמענשטעל פון די פאַרשיידענע שלאַנגען־גיפטן. דעם דאָזיקן געביט האָט ער באַרייכערט אין גאָר אַ היפּשער מאָס. פיל אָנגעזאַמלטע דערפאַרונגען פון פריער האָט ער דורך די יאָרן איבערגעקאָנטראָלירט. אין משך פון זיינע רייזעס אין סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט ער ענערגיש שטודירט אין די פיליפּינער אינדזלען די דאָרטיקע ספּעציפישע קראַנקהייט און אַנטדעקט דעם באַציל, וואָס פאַראורזאַכט ד י ז ע נ ט ע ר י ע, דער באַציל, וואָס טראָגט זיין נאָמען (פלעקסנער־באַציל), און אָנגעצייכנט די היילנדיקע מעטאָדן פאַר דער קראַנקהייט.

די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אויסגענוצט זיינע גרינט־לעכע וויסנשאַפטלעכע איינשטעלונגען אין געזונט־פראַגן און באַשטימט אים, אין 1900, פאַרן פאָרזיצער פון דער נאַציאָנאַלער פלאָג („פּלעיג") קאָמיסיע בעת דער עפּידעמיע און אין 31 יאָר שפּעטער, אין 1931, אים באַשטימט פאַר אַ מיטגליד פון „יו־עס העלט־קאָונסיל".

אויסער זיינע פריערדיקע טיטלען האָט ער אין די ווייטערע יאָרן גע־קריגן דאָקטאָראַטן פון די פאָלגנדיקע אוניווערסיטעטן — האַרוואַרד, אין

1906 ; מערילאַנד — 1907 ; יעיל — 1910 ; פּרינסטאָן — 1913, פון וואַ־שינגטאָן, בראַון און דזשאָן האָפּקינס — אין 1915 ; פון קעמברידזש, ענגלאַנד — אין 1920 ; פון שטראַסבורג — אין 1923.

אויסצורעכענען אַלע זיינע פאָרשונגען דאַרף מען האָבן אַ גרויסע אַרבעט. די צאָל פון זיינע פאַרעפנטלעכטע פאָרשונגען איז איבער 350. דאָ װעלן מיר בלויז אָנגעבן נאָך צוויי געביטן, וואָס װעלן געבן אַ שטיקל באַגריף וועגן זיינע אויפטואונגען: זיין בייטראַג מיט זיין גרינטלעכער אויספאָרשונג פון „סערעברא־ספּיינעל מענינגיטעס" און „פּאָליאָ". ער האָט עס אויס־געפונען די פּאָליאַ־באַקטעריע און דורך דעם צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דר. סאַלק'ן מיט זיין אַנטדעקונג, אָבער שוין יאָרן פאַר סאַלק'ן האָט ער אויסגעאַרבעט אַ ריי מעטאָדעס און מיטלען, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען די דאָזיקע שרעקלעכע קראַנקהייט און דורך דעם, אין אַ היפּשער מאָס, געשניטן די צאָל טויטן און פאַרקריפּלונגען.

אין זיין באַהאַנדלונג פון עפּידעמישע קראַנקהייטן האָט ער נאָכגעפאָלגט די אַנטיטאָקסין טעאָריע און דערמוטיקט די מעדיצינישע פּראָפעסיע צו באַנוצן זיך מיט איינשפּריצונגען, האַלטנדיק פון זייערע אַנטי־ווירוס עפעקטן. דאָס זעלבע בנוגע דער באַהאַנדלונג פון לאָקאַלע אינפעקציעס.

דר. סיימאָן פלעקסנער איז יאָרן לאַנג געווען מיט־רעדאַקטאָר פונם זשורנאַל פאַר עקספּערימענטאַלער מעדיצין פון ראָקפעלער אינסטיטוט, ווי אויך אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין דער מעדיצינישער פּרעסע, און קאָרע־ספּאָנדענט מיטגליד פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן. אין 1906 איז ער דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער גע־זעלשאַפט פאַר עקספּערימענטאַלער ביאָלאָגיע, און זינט דעמאָלט געווען אַ הויכער באַאַמטער אין אַלע וויכטיקע אַמעריקאַנער מעדיצינישע קער־פּערשאַפטן.

דר. פלעקסנער איז אויך געווען יאָרנלאַנג אַ מיטגליד פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע פאַר געזונט, אַ פּאָלקאָווניק אין דעם מעדיצינישן רעזערוו־קאָרפּוס פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און אַסיסטענט־כירורג גענע־ראַל פון דער „יו־עס פּאַבליק העלט סוירוויס".

אין 1931 איז ער דערוויילט געוואָרן פאַר קאָרעספּאָנדענט־מיטגליד פון דער מעדיציניש־כירורגישער סעקציע פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן. אין זיינע זיבעציקער יאָרן, ווען ער האָט זיך שוין געמוזט צוריקציען פון זיינע שווערע טעטיגקייטן אַלס דירעקטאָר פונם ראָקפעלער מעדיצינישן אינסטיטוט. בלייבנדיק מיטן טיטל פון „דירעקטאָר עמיריטוס", האָט דר. פלעקסנער אָבער נאָך אַלץ פאָרגעזעצט אַלס דערציער און אַד־מיניסטראַטאָר פון מעדיצינישע פּראָיעקטן.

י. ב. ביילין

אין 1937־1938 ווערט ער איינגעלאַדן פונם באַרימטן אָקספאָרד אוני־ווערסיטעט אין ענגלאַנד, אַלס גאַסט־פּראָפעסאָר. אין זעלבן יאָר האָט אים דער דזשאַן האָפּקינס אוניווערסיטעט ווידער צוגעטיילט אַ כבוד צו זיין אַ נאמן (טראַסטי) פון דעם אוניווערסיטעט אַלס גאַנצן.

צוזאַמען מיט זיין זון דר. דזשעימס טאָמאַס פלעקסנער האָט ער נאָך געפונען צייט אָנצושרייבן אַ בוך וועגן די אויפטואונגען פון דר. וויליאַם הענרי וועלטש, דער אַנטדעקער פון אַ ריי באַצילן ווי, למשל, די עשטעריט־שיאַ קאָלי" (קאָלאָן באַציל) וואָס געפינט זיך אין פיל צעשעדיקונגען אין מענטשלעכן קערפּער (אין 1891), דעם „קאָקוס" (מיקראָאָרגאַניזם) פון אַ געשוויר, וואָס רופט זיך „סטיטש־אבסעס" און דעם באַציל פון גאַז־גאַנגרענע (אין 1892).

ווען דר. סיימאָן פלעקסנער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 93 יאָר, אין יאָר 1946, האָט אַמעריקע — און די וועלט — פאַרלאָרן איינעם פון אירע גרעסטע באַקטעריאָלאָגן.

קאַפּיטל פיר און זעכציק

אַלבערט סטערנער, אַן אַלזייטיקער קינסטלער



ביז יאָר 1870 האָט מען נאָך אין די פאַראייניקטע שטאַטן נישט גע־קענט געפינען קיין איין קונסט־מוזיי. ערשט אין דעם יאָר האָבן זיך געעפנט די ערשטע צוויי קונסט־מוזייען אין אַמעריקע — איינער אין ניו יאָרק, דער צווייטער אין באָסטאָן. די דערשיינונג פון אַמעריקאַנער קינסטלער בכלל איז דעריבער געווען אַ זעלטנהייט. די דער־שיינונג פון אַ יידישן קינסטלער אַוודאי און אוודאי. צווישן די ערשטע גרויסע יידישע קינסטלער אין אַמעריקע איז אַלבערט עדוואַרד סטערנער, דער מייסטער מיט די כשוף־פינגער, וואָס האָבן באַמייסטערט פּאַפּיר און לייוונט, פּען און בליי, פאַרב און מעטאַל, און אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט אויפגעשטורעמט געמיטער דורך טויזנטער קאַריקאַטורן און אילוסטראַציעס.

אלבערט עדוואַרד סטערנער איז געבאָרן געוואָרן אין לאָנדאָן, ענגלאַנד אינם יאָר 1863, אין דער פאַמיליע פון אַן אַמעריקאַנער פאָטער, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין דייטשלאַנד און פון אַן ענגליש־געבאָרענער מוטער. זיין פאָטער איז געווען פון די וואָס זיינע מיטגעצויגן געוואָרן מיט'ן גאָלד־געלויף קיין קאַליפאָרניע אין דעם יאָר 1849. ווי ס'איז אים געגאַנגען מיט גאָלד אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז נישט באַוואוסט. זיין זון'ס יוגנטלעכע דערציאונג איז מער געווען אין ענגלאַנד וואו זיין ענגלישע מוטער האָט אים געבוירן און דערצויגן.

דער יונגער אַלבערט עדוואַרד סטערנער איז ערשט געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע אין 1879. אים איז שוין דעמאָלט געווען 16 יאָר און האָט זיין ווייטערדיקע בילדונג געקראָגן אין קאַליפאָרניע. דערנאָך ווען ער האָט דערפילט די ליידנשאַפט צו פאַרבן און זיינע פינגער האָבן געקראַמפּט, ציענ־דיק זיך צום מאָלער־בערשטל איז ער אַוועק קיין פּאַריז און דאָרט ערשט געקראָגן זיין קונסט־אויסבילדונג. ער האָט שטודירט קונסט אין זשיליאַנס

אַקאַדעמיע און שפּעטער אין דער באַרימטער באָו־אַרטס אינסטיטוציע אונטער דעם באַרימטן זשאַן לעאָן זשערא ם.

ווען דער יונגער קינסטלער האָט זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרדינען זיינע ערשטע פאַר הונדערט דאָלאַר אַלס סצענע־מאָלער אין אַ שיקאַגער טעאַטער. אים האָט אָבער געצויגן צו ברייטערער אָנערקענונג, אַזאַ איז ערשט געקומען ווען ער איז אַריינגעדרונגען אינ'ם זשורנאַל און בוך־געביט אַלס אילוסטראַטאָר פון געדאַנקען און דערציילונגען.

אין 1894 זעען מיר שוין ווי ער אַרבעט פאַר מער זשורנאַלן און פאַרלאַגן ווי ער האָט פּיזיש געקענט דורכפירן. ער האָט געאַרבעט פאַר „לאַיף״ און פאַר „האַרפּערס״, פאַר דעם „סענטשורי״ און פאַר "קאָליערס״, פאַר „סט. ניקאָלאַס״ און פאַר די דייטשע „פליגענדיקע בלעטער״. צו דעם האָט מען אים נאָך גענומען באַווארפן מיט באַשטעלונגען פאַר שער־בלעטער פון ראָמאַנען, דער־ציילונגען און אַנדערע מינים ביכער. זיין אילוסטראַציע גופא האָט שוין געצויגן אויפמערקזאַמקייט.

ווען ער האָט שוין פאַרנומען איינעם פון די אָנגעזעענע פּלעצער צווישן די אַמעריקאַנער אילוסטרירער האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זיינע קונסט־בילדער און אין 1891 געקראָגן די ערשטע אָנערקענונג אינ'ם פאַריזער סאַלאָן פאַר זיין מייסטער־ווערק „לע סעליבאַטעיר״ (דער אומפאַרהייראַטער), וואָס איז שפּעטער אָפּגעקויפט געוואָרן פונ'ם „לאָטוס קלוב״.

אין 1894 זעען מיר אים שוין ווי גענוג קונסט־אַרבעטן זיינע ווערן שוין אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערער „סטערנער־אויסשטעלונג״ ביי קעפּעלס'ן אין זיין ניו יאָרקער גאַלעריע. זיין נאָמען איז כסדר געשטיגן אין דעם קונסט־מאַרק. ער ווערט ענדלעך אָנערקענט ווי איינער פון די גרעסטע אַמעריקאַנער פון דער קאָנסערוואַטיווער שולע.

אַלס אַקאַדעמיקער האָט ער זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו די נייע קונסט־שולעס וואָס זיינען געוואָרן אָפּטע דערשיינונגען. ער האָט פאַרגעצויגן קינסט־לערישע אויסדרוקן מיט אַלערליי מאַטעריאַלן אין אַלערליי פאָרמען. ער האָט געהאַלטן, אַז יעדע זאַך אויף דער ערד קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קונסט־ווערק. ער האָט זיך דעריבער פּרינציפּיעל באַנוצט מיט אַלע מינים מעדיומס

אָט האָט ער אָנגעווענדעט בלויז בליי און ס'איז אַרויס גוט צו זיין צופרידנשטעלונג און אָט הוליעט ער שוין מיט פּען און טינט, מיט האָלץ אויל און קרעאָן. ער איז אויך אַ קונסט־ליטאָגראַפיסט און אַ שניצער.

כאָטש סטערנער איז געווען אַ קאָנסערוואַטאָר האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט צו־לאַנג אויף איין טעמאַטיק. ער האָט געזוכט כסדר נייע לאַנדשאַפטלעכע אויפבראַוזונגען אין זיין קונסט, אָבער אין תוך זיך גע־

האַלטן אָן די קלאַסיקער. ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך אָנגעהויבן צו בייגן.

אין זיין ווייטערדיקן גאַנג איז ער געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז „ליכט און שטראַלנדיקע קאָלירן זיינען די הויפּט טעכנישע פאַקטאָרן אַרויסצוברענגען די מאַלעריי".

ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס טאַלאַנט אין לאָזן אונדז הערן דורך זען זיינע קאָמפּאָזיציעס פון שטיל־לעבן. אָבער זיינע לאַנדשאַפטן, וואָס ער האָט געמאָלן מיט אומגעצוימטער פרייהייט האָבן אים נישט אַזוי באַ־רימט געמאַכט ווי זיינע פּאָרטרעטן פון לעבעדיקע מענטשן. ער האָט זיי געמאָלן אין יעדן עלטער — מענער, פרויען, יונגע און אַלטע און הויפּט־זאַכלעך האָט ער גע׳שיכור׳ט מיט פרייד ווען ער האָט געמאָלן קינדער און עופה׳לעך.

איבערהויפּט האַלטן געשפּאַנט זיינע פּאַסטעל־פּאָרטרעטן וואָס לויט דער פאַרזיכערונג פון זיין ביאָגראַף ראַלף פלינט, פאַרגלייכן זיי די קונסט־קריטיקער מיט די באַרימטע לאַטור־אַרבעטן. ער איז אויך געווען אַ מייסטער אין מאָלן נאַקעטע לייבער און אַרויסברענגען אין זיי די פאַרבאַרגענע שיינ־קייטן פונ׳ם מענטשלעכן קערפּער. און גראַד ער, דער קאָנסערוואַטאָר, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר די נייע קונסט־שולעס פון דעקאַדענטיזם און געווען אַזוי אומבויגזאַם אין די אַנדערע עקסטרעמע טענדענצן פון קונסט, האָט אָפּגעלעבט, ווי נאָר ער האָט איבערגעביטן זיינע „שטיל־לעבנס" אויף אַרויסצוברענגען די באַהאַלטענע עמאָציעס און ליידנשאַפטן אינ׳ם מענטש־לעכן קערפּער.

נישט קיין פאַראינטערעסירטער אין ספּעציעל יידישע טעמעס, איז ער אָבער געווען אַ ברייטער, אַלוועלטלעכער קולטור־מענטש. ער האָט גע־שריבן און געהאַלטן פאָרטראָגן איבער אַלערליי קונסט־טעמעס. ער האָט אפילו געכאַפּט זיך צו שרייבן פּיעסן און... אַליין אויך געפּרואווט שפּילן. ער האָט געהאַלטן, אַז אַלע קונסטן קומען זיך צוזאַמען און קענען באַהערשט ווערן דורך פאַרשיידענע מעדיומס, דורך מענטאַלע פּלאַסטישע אויסדרוקן.

צו די אַלע זאַכן האָט ער נאָך אויך געהאַט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, אָן אייגנשאַפט וואָס איז פרעמד פיל קינסטלער. ער האָט געגרינדעט די „מאַלער־גראַוויאָרן געזעלשאַפט" פון די פאַראייניקטע שטאַטן און איז דאָרט געווען איינער פון די ערשטע פּרעזידענטן. ער איז אויך געווען אַ צייט סעקרעטאַר אין דער „נייער געזעלשאַפט" פון קינסטלער, ווי אויך אינסטרוק־טאָר אין דער „אַרט־סטודענט ליג" און אַ מיטגליד אין דער „געזעלשאַפט פון אַמעריקאַנער עטשערס".

י. ב. ביילין

פון דעם קענען מיר זען, אַז סטערנער האָט ניט געהערט צו די „מיוחסים" פון „קונסט לשם קונסט". אויסצוערעכענען אַלע זיינע טעטיקייטן, אויסצייכענונגען און באַלוינונגען, וואָלט דאָ פאַרנומען צופיל פלאַץ. ער האָט באַקומען מעדאַלן אין בראָנז, אין זילבער און אין גאָלד. געקראָגן זיי אין פאַריז און אין מינכען, אין ניו יאָרק און אין באָפאַלאָ. צוויי פון זיינע געווינענדיקע מאַלערייען זיינען — „האַראָלד מיטן וואָלפהונט" און אַ „קינ־סטלערס טיש". צווישן זיינע אַנדערע אויסגעצייכנטע מאַלערייען זיינען: „דער ווייסער האָן", „מינערוואַ אין פינק", „די הענט פון שיקזאַל". עס זיינען באַוואוסט זיינע פאָרטרעטן פון קריסטאָפער לאַפאַרג און פון טעאָדאָר סטעינוועי, דער „דענווער קליניק" אין דעם לאַנקינאו שפּיטאָל אין פילאַ־דעלפיע. זיין בילד „סעלערי קאָק ענד בול" קען מען זען אין ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן מוזעאום אָוו אַרט".

זיינע אַרבעטן זיינען צעשפּרייט נישט בלויז אין פיל פּריוואַטע פאַר־מעגלעכע היימען, נאָר אויך אין פיל מוזעאומס, ווי למשל אין טאָראָנטאָ, אין קאַרנעגי אינסטיטוט, אין פּיטסבורג און אין ברוקלין, אינם לאָנדאָנער מו־זעאום און אין די קעניגלעכע קאָלעקציעס אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע.

ער איז געשטאָרבן דעם 12־טן דעצעמבער, 1949 אין עלטער פון 83 יאָר.

קאַפּיטל פינף און זעכציק

ש. יאַנאָווסקי און די יידישע אַנאַרכיסטן

לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע"

אַנאַרכיסטן אויף דער יידישער גאַס זיינען מיט 60־70 יאָר צוריק געווען ניט קיין זעלטענע דערשיינונג. דער איסט־סאַיד אין ניו יאָרק, דער וועסט־סאַיד אין שיקאַגאָ, דער סאַוט (אָדער „דאַון טאַון") אין פילאַדעלפיע, דער נאָרט אין ראָטשעסטער און באָסטאָן, איז נישט געווען פרעמד דער אויסרוף — „לעבן זאָל די אַנאַרכיע!", לעבן זאָל די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן!" (אַזוי איז עס געווען שטאַרקער).

די קוואַרטאַלן פון די אימיגראַנטן, צונויפגעשטיקטע און צונויפגעקוועטשטע, האָבן געהאַט די בעסטע אַקוסטיק פאַר די דאָזיקע לאָזונגען. דער הונגער, די נויט, די פּראַצע און עלנט, די אָפּהענטיקייט און הילפלאָזיקייט האָבן, פאַרברידערטע און פאַרשוועסטערטע, ווי געוואַרט אויף אַ שופר של משיח; אַ רוף, וואָס זאָל אַ שאַל טאָן און די טרוקענע ביינער זאָלן זיך אַ באַהעפט טאָן אין איין קערפּער. און אויב משיח האָט זיך נישט געאיילט צו קומען, האָבן זיך באַוויזן צווישן זיי גופא אינטעליגענטערע, באַוואוסטזיניקע יונגעלייט, וואָס האָבן נישט פאַרזאַמט אין זייער שליחות און זיינען אליין געוואָרן די שליחים און די משיחים.

צווישן די יידישע פריש־אָנגעקומענע אימיגראַנטן האָבן זיך שוין געפונען היפשע עטלעכע צענדליקער „עם־עולמ'ניקעס", אָנגעשמעקטע „נאַראָדניקעס", אָנהענגער פון טשערנישעווסקי'ן און דאָבראָליובאָוו'ן און אפילו פון לאַווראָוו'ן און באַקונינ'ען. עס זיינען שוין דאָ און דאָרטן געווען אפילו לאַסאַליאַנער און מאַרקסיסטן. ביי אַ גוטן טייל פון זיי איז געווען אַ געמיש פון אַן אידעאַליזם, אין וועלכן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם זיינען געווען פאַרצווילינגט.

אין אָנהויב זיינען אָט די לעצטע געווען דערפאָלגרייכער. זייער „גאַנצקייט" און „איינשטימיקייט" האָבן נישט צעטומלט און נישט צעטיילט די

אַרבעטער, וואָס האָבן צוגעלייגט אַן אויער צו זייערע רייד. אין דער צווייטער העלפט פון די אַכציקער יאָרן, ווען די דיפערענציאַציע איז שוין געוואָרן אַ שאַרפערע, האָבן די אַנאַרכיסטן געוואונען די אויבערהאַנט. זייערע רייד זיינען געווען פּשוט׳ער, ווייניקער פאַרוויקלט אין טעאָריעס, ווייניקער צוקונפט־מוזיק און מער דירעקטע באַלדיקע טאָטן און אויסזיכטן.

פיל אַנאַרכיסטן האָבן געצילט זייערע אַטאַקעס אין יענער צייט הויפּטזעכלעך אין גאָט, אין די רעליגיעזע אינסטיטוציעס. אין די „פאַמיליע־קייטן" האָבן זיי געזען ניט קיין קלענערע פאַרשקלאַפונג, ווי אין די קייטן פון עקספּלואַטאַציע. דאָס האָט אויך מער אימפּאָנירט אַ געוויסן שיכט אימיגראַנטישע אַרבעטער אָדער פּעדלער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פירן אַ פאַמיליע לעבן. דער קולט פון „פרייער ליבע" איז טיילמאָל געווען אפשר דער צוציענדיקסטער מאַגנעט צום אַנאַרכיזם.

איבערהויפּט זיינען די סוף אכציקער יאָרן געוואָרן פאַר די אַנאַרכיסטן גערעטעניש־יאָרן צוליב דער הימל־שרייענדיקער העימאַרקעט טראַגעדיע אין שיקאַגאָ, וואָס האָט געפירט צו דער שווידערלעכסטער הינריכטונג פון זיבן אַנאַרכיסטישע פירער, מערסטע פון זיי דייטשן. פיל ראַדיקאַל־געשטימטע יידישע אַרבעטער, זיינען דעמאָלט אַריינגעצויגן געוואָרן אינם אַנאַרכיסטישן מאַגנעטישן קרייז. צווישן זיי איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס איז ערשט אין 1885 געקומען קיין אַמעריקע און באַלאַנגט צום „רוסישן פּראָגרעסיוון פאַר־איין". דאָס איז געווען שאול יוסף יאַנאָווסקי, אַן ענערגישער, פייאיקער אַגיטאַטאָר, וואָס איז אין גיכן געוואָרן איינער פון די איינפלוסרייכסטע וואָרט־זאָגער צווישן די יידישע אַנאַרכיסטן.

ש. י. יאַנאָווסקי איז געבאָרן געוואָרן אין פינסק, דעם 18 טן אַפּריל, 1864. זיין פאַמיליע, אַן אָרעמע אָבער אַ פרום־רבנישע — האָט אים געהאַלטן אין חדר און אין תלמוד תורה ביז דרייצן יאָר. זיין פאָטער, אַ חזן, איז געווען אַ זון פון קנישינער רב. אָבער אַן עלטערער ברודער זיינער, יעקב־צבי, איז שוין געווען אַ משכיל, אַ העברעאישער שרייבער און לערער און אויסגעאיבט אויפן יינגערן ברודערל אַן איינפלוס אין דער ריכטונג פון זעלבסט־בילדונג. פייאיק איז ער געווען, און מיט דער הילף פון אומזיסטע לערער איז ער אין גיכן אַליין געוואָרן אַ שטיקל לערער. מיר זעען אים שוין אין עלטער פון 16 יאָר, אין ביאַליסטאָק, ווי ער „גיט שטונדן" אין רוסיש און מאַטעמאַטיק.

דער עיקר אָבער האָט דער יונגער יאַנאָווסקי אַליין געלערנט און גע־לייענט די בעסטע און פרייסטע רוסישע פובליציסטן פון יענער צייט — לאַווראָוו, מיכאַילאָווסקי, דאָבראָליובאָוו און פּיסאַרעוו, דעם קריטיקער, וואָס

איז דורשטיק געלייענט געוואָרן אין יענער צייט אויך אין די יידישע מאָדערנע יוגנטלעכע קרייזן. (זע זלמן רייזען'ס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַ־טור, 1טער באַנד, ערשטע אויסגאַבע, ז. 1219).

שוין אין די יונגע יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן אייגנאַרט און איניציאַ־טיווע, געגרינדעט אַ געהיים ביבליאָטעקל און געווען באַוואוסט ווי איינער, וואָס איז אַליין אַ „באַוועגלעכע ביבליאָטעק". ער האָט געהאַט גרויסע אַמבי־ציעס צו ווערן אַ וויסנשאַפטסמאַן. פאַר דעם צוועק איז ער געפאָרן אין עלטער פון 21 יאָר קיין אַמעריקע. אָבער אַנשטאָט אַ וויסנשאַפטלעכע קאַריערע האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון עבודת פרך, פון שווערער האָרעוואַניע — ביי אַזאַ אומקוואַליפיצירטער באַשעפטיקונג ווי געפעס־וואַשן, נייען זעק, נייען היטלען.

זיין אוניווערסיטעט איז סוף כל סוף געוואָרן די אַרבעטער באַוועגונג. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אינם ניו יאָרקער „רוסישן פראָגרעסיוון פאַר־איין", וואָס איז מערסטנס באַשטאַנען פון יידן. דאָרט האָט ער זיך שנעל אַרויסגערוקט מיט זיין איניציאַטיווע, גערעדט, דעבאַטירט און ווען ער האָט געהערט, אַז אַב. קאַהאַן טרעט אַרויס אויך אויף יידיש, האָט ער איינ־געזען אַז פון רוסיש אין אַ מ ע ר י ק ע, צווישן יידיש־רײדנדיקע אַרבעטער, וועט ער קנאַפּ־וואָס אַרויסקומען. ער האָט אָבער זייער גיך איבערצייגט זיינע צוהערער, אַז ער רעדט אַ נאָך בעסערן יידיש. ער האָט זיך גענומען ציילן צווישן די פאָפּולערע יידישע רעדנער.

אין סוף 1886, ווען פינף פון די שיקאַגער העימאַרקעט קרבנות זיינען הינגעריכטעט געוואָרן, זעען מיר אים שוין צווישן די אַנאַרכיסטן. ער ווערט אין גיכן אַ מיטגליד אין דער פעסט־אָרגאַניזירטער גרופּע, „פּיאָנערן פון דער פרייהייט", צוזאַמען מיט אַזעלכע ווי ראָמאַן לואיס, הלל זאָלאָטאַראָוו, מ. קאַטץ און אַנדערע און נעמט וואָס ווייטער שפּילן אַלץ אַ גרעסערע ראָלע אין דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל און אין דער אַנאַרכיסטישער בפרט.

ווען די אַנאַרכיסטן גרינדן די ערשטע צייטונג אין יידיש, אין סוף נאָוועמבער, 1889, מיט'ן נאָמען „די וואַרהייט", ווערט ער באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר. אין גיכן זאַמלט ער אַרום זיך אַזעלכע מיטאַרבעטער, ווי י. א, מעריסאָן (שפּעטער דער באַוואוסטער דאָקטאָר און אויטאָר) דוד עדלשטאַט מאָריס ראָזענפעלד, מ. קאַטץ, יוסף יאפּפּא, הלל זאָלאָטאַראָוו, (אויך ער איז געוואָרן אַ מעדיצינישער דאָקטאָר) ר. לואיס און אַנדערע. ער אַליין שרייבט דערציילונגען אונטערן פען־נאָמען פון „יוסף בן גרשון", אָבער די דער־ציילונג ק ו נ ס ט איז נישט געווען זיין געביט. ער איז געווען און געבליבן אַן אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט.

די צייט אָבער איז נאָך דאַן ניט געווען רייף פאַר אַ לענגערן לעבן פון אַן אַנאַרכיסטישער צייט־שריפט אין יידיש, ווי קליין אין פאָרמאַט זי זאָל נישט האָבן געווען. איר העכסטע לייענערשאַפט האָט קוים דערגרייכט צו דריי טויזנט עקזעמפּלאָרן. זי האָט זיך פאַרמאַכט ביי דעם נומער 20 און יאַנאָווסקי איז ווידער געוואָרן אויסגעשטעלט צו נויט, כאָטש ער האָט גע־קראָגן אַ באַשעפטיקונג פון אַן אַגענט ביי זינגער־מאַשינען.

אַ מערכה, וואָס אַ פאַרטרעטער פון די לאָנדאָנער יידישע אַנאַרכיסטן, פּנחס רוטענבערג, האָט ביי זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע זיך באַקענט מיט אים און אַריבערגענומען קיין ענגלאַנד צו ווערן דער רעדאַקטאָר פונם „אַרבעטער פריינד” און דער הויפּט־רעדנער אין יידיש. ער איז אָבער אָנגעקומען אין דער צייט ווען דער קאַמף צווישן די אַנאַרכיסטן און סאָ־ציאַליסטן האָט זיך גענומען פאַנאַנדערברענען און קאָנסטאַנטין גאַלאָפּ, דער רעדאַקטאָר פונם „אַרבעטער פריינט”, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט ניט גע־וואָלט איבערלאָזן די רעדאַקציע אין די הענט פון אַן אַנאַרכיסט. איז יאַ־נאָווסקי ווידער געוואָרן אַ שאַפּ־אַרבעטער, ביי שטעקלעך, ביי שירעמס און אַנדערע מלאכות.

ערשט אין סוף 1891, ווען די אַנאַרכיסטן זיינען אַרויס די זיגערס אינם שותפות׳ן קלוב מיט די סאָציאַליסטן (בערנער סטריט קלוב) איז יאַנאָווסקי געוואָרן רעדאַקטאָר פונם „אַרבעטער־פריינט”, ביז די צייטונג האָט זיך גע־מוזט אָפּשטעלן אויף אַ געוויסער צייט, צוליב מאַנגל אין פינאַנסן.

אין גיכן זעען מיר שוין יאַנאָווסקי׳ן צוריק אין ניו־יאָרק און דאָ האָט ער פאַר זיך שוין ווידער די רעדאַקציע פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע”. מ׳האָט אויף אים אויסגעקוקט די אויגן, אַז ער וועט זי ראַטעווען פון אונטער־גאַנג, ווייל זינט 1892, ווען עדלשטאַט איז געשטאָרבן, האָט איין רעדאַקטאָר נאָכן צווייטן געמוזט רעזיגנירן. אָבער אויך ער האָט זי נישט געקענט שוין ראַטעווען פון אַ לעטאַרגיע. די „פרייע אַרבעטער שטימע” האָט זיך ערשט צוריק אויפגעכאַפּט צום לעבן אין 1899, ווען יאַנאָווסקי האָט זי ווידער גע־נומען אין האַנט אַריין און פון דעמאָלט אָן זי אויסגעצייכנט רעדאַגירט אין משך פון אַכצן יאָר.

די „פרייע אַרבעטער שטימע” האָט אין יענע יאַנאָווסקי־יאָרן דער־גרייכט אַ הויכע רעפּוטאַציע פון ראַיעלער, „פּינקטלעכער אומפּאַרטייאישקייט” אין אַ רייע געראַנגלען פון דער יידישער פרעסע, פון גאַנץ־גוטן לייען־שטאָף, פון בכבוד׳יקע מיטאַרבעטער און הויפּטזאַכלעך פון פרייער טריבונע פאַר אַלע מיינונג־פאַרשיידנהייטן. יאַנאָווסקי האָט אויך געצויגן לייענער מיט זיינע טרעפלעכע ענטפערס אין „בריוו־קאַסטן”, וואָס איז געוואָרן אַ שם דבר — אַ פּלאַץ, וואו איר קריגט אַן ענטפער אויף אַלערליי פראַגעס

און ספקות. ניט אומזיסט איז איר צירקולאַציע געשטיגן ביז פופצן טויזנט עקזעמפּליאַרן.

יאַנאָווסקי האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון די אַלע יאָרן און זיינע לייט־אַרטיקלען, איבערזיכטן, רעצענזיעס, און קריטישע עסייען, האָבן געקראָגן אַ גוטן נאָמען אין די רייען פון די מער קולטורעלע יידישע אַר־בעטער און פאָלקס־אינטעליגענץ. עס איז כמעט נישט געווען קיין איין באַ־דייטנדיקער יידישער שרייבער אין יענע יאָרן, וואָס זאָל זיך נישט געווען האָבן געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״.

דער דאָזיקער אומאַקאַדעמישער „פּינסקער אידל״ האָט זייער דערפּאָלג־רייך זיך געראַנגלט מיט קעגנער פון דער אַרבעטער באַוועגונג. זיינע טעאָ־רעטישע אַרטיקלען זיינען געווען סאָלידע. איר האָט געקענט נישט איינ־שטימען מיט זיין אַנאַרכיסטישן בליק אויף געשיכטע און פּאָליטיק, אָבער איר האָט געמוזט רעספּעקטירן זיינע וואָפן, אַזוי־צו־זאָגן. זיינע בריוו איבער סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, וואָס ער האָט נאָך אָנגעהויבן אין לאָנדאָן אין „אַרבעטער פריינד״ האָט ער מיט יאָרן שפּעטער פאַרענדיקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״.

דער רעדאַקטאָר האָט אליין געשריבן אין דער צייטונג אָפטמאָל מער ווי אַלע מיטאַרבעטער צוזאַמענגענומען. ער האָט געשריבן אונטער פיל פּסעוודאָנימען — פּובליציסטיק אונטער „דער וואַכמאַן״, איבער ביכער אונטער „ד. ב.״ פעליטאָנען אונטער „י.ב ג״ און „דער פּאַטריאָט״, דערציילונגען אונטער „עקס־אואי״, זי״, און אַזוי ווייטער.

פון זיינע גרעסערע אַרבעטן זיינען „די פּרינציפּן און מעטאָדן פון אַנאַרכיזם״, „גאָט און רעליגיאָן״. זיין בראָשור „וואָס ווילן די אַנאַרכיסטן?״ איז איבערזעצט געוואָרן כמעט אין אַלע אייראָפּייאישע שפּראַכן. ער אַליין האָט איבערזעצט פיל ביכער אין יידיש. די אַממערסטן באַוואוסטע אין בוך־פאָרם זיינען: פּ. קראָפּאָטקינ׳ס „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע״ (צוויי טיילן) „גלויבן און פאַרנונפט״, מעסיליעס. די ראָמאַנען „זוכער פון אמת״, האָלענדער׳ס, בערטאַ זוטנער׳ס ראָמאַנען „נידער מיט די וואָפן״, און „מאַרטאַ״; פּשיבישעווסקי׳ס „דער בעל שכל״, איבסענ׳ס „פאָלקס־פיינט״, טאָלסטאָי׳ס „אַנאַ קאַרענינאַ״, שאָו׳ס „פרוי וואָרנס פּראָפעסיע״, און אנד.

זיין פּראָבע צו רעדאַגירן אַן אַנאַרכיסטישע טעגלעכע „אָבענד־צייטונג״, פון אַ כאַראַקטער ווי די „פרייע אַרבעטער שטימע״ האָט בלויז דערצויגן צו אַ יובל פון 50 טעג. זי האָט זיך אויף אירע זיבן טויזנט לייענער נישט געקענט אויפהאַלטן. דעם זעלבן גורל האָט געהאַט זיין וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „די פרייע געזעלשאַפט״, וואָס האָט געהאַט אַ קורצע עקזיסטענץ פון 18 נומערן. גיי גלויב אין ח״י!

י. ב. ביילין

אין 1917 האָט ער פאַרלאָזן די רעדאַקציע פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" און דעם אַנאַרכיזם. פון דעמאָלט אָן האָט דאָס דאָזיקע וואָכנ־בלאַט גענומען גיין באַרג אַראָפּ, סיי אין איר קוואַליטעט און סיי אין איר צירקולאַציע. די אַנאַרכיסטן האָבן פאַרביטן די לינקע סאָציאַליסטן. יאַנאָווסקי האָט אין 1919 גענומען רעדאַגירן די „גערעכטיקייט" פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פרויען קליידער יוניאָן („אינטערנעשאָנאַל־גאַרמענט וואָרקערס"). ער איז אין 20־ער און 30־ער יאָרן געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און געוואָרן עפּענטלעך אַ באַקעמפּער פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון לינקן סאָציאַליזם. מען האָט געשמועסט, אַז גראָד די שטעלונג האָט פאַר אים געעפנט די טיר אין „פאָרווערטס". אויף וויפיל דער שרייבער געדענקט האָט שוין דער געוועזענער אַנאַרכיסט געהאַט די שטעלונג זינט עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָבן זיך אומגעקערט פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד. בכלל אָבער איז ער געבליבן אינ'ם אַרביט פון דער אַרבעטער באַוועגונג. ער איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק דעם 1־טן פעב־רואר, 1939.

קאַפּיטל זעקס און זעכציק

רעבעקאַ קאָהוט — איר שיינער לעבנס-וועג

באַוואוסטע כלל־טוערין און דערציערין

זי האָט קיין אייגענע קינדער ניט געבוירן, זיינען אַלע מענטשן קינדער געוואָרן אירע קינדער; הויפּטזעכלעך די קינדער, אָן מוטערס, אָן דערציערינס, די דערוואַקסענע קינדער אָן אַ פריינטלעכער שוועל, די הילפֿלאָזע און פאַרלאָזענע יידישע אַרבעטערינס, די מוטלאָזע, די קראַפטלאָזע, וואָס קאָנען זיך ניט ווערן קעגן אַ גרויזאַמער וועלט.

דאָס איז געווען רעבעקאַ קאָהוט. אַליין אַ גוט־דערצויגענע פרוי — אין וועלטלעכע און יידישע לימודים, איז זי געווען אין דעם זין איינע פון די פיר אמהות (אימאָהעס, אור־מוטערס), די פערטע נאָך רעבעקאַ גראַץ, עמאַ לאַזאַרוס און הענריעטא סזאָלד. ווי זיי האָט זי געווידמעט איר לעבן צו געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן צווישן אומפּריווילעגירטע בכלל און צווישן די יידישע מאַסן בפרט.

רעבעקאַ קאָהוט איז געווען אַ טאָכטער פון דעם קאָלירפולן רב, פילאָסאָף און דאָקטאָר אהרן (אַלבערט זיגפריד) באַטלהיים, אַן אונגאַרישער רב און געלערנטער, א תלמיד פונם שיר (ש.י. ראַפּאַפּאָרט).1) זי איז געבאָרן געוואָרן דעם 9טן סעפּטעמבער, 1864, אינם שטעטעלע קאַשוי, אונגאַרן, וואו איר פאָטער האָט אויך רעדאַגירט אַ צייטונג, און געמוזט צוליב זיין ערלעכקייט און פּראָגרעסיווע אַנשויאונגען פאַרלאָזן זיין היימלאַנד און קומען קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען אינם יאָר 1867. רעבעקאַ'ן איז שוין אויסגעקומען נאָך אַלס קינד צו וואַנדערן אין אַמעריקע פון שטאָט צו שטאָט. צוויי יאָר צייט איז דער פאָטער געווען אַ פּראָפעסאָר אינם רמב"ם קאָלעדזש אין פילאַדעלפיע. זיבן יאָר געווען רב אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא, וואו ער האָט גלייכצייטיק שטודירט מעדיצין. ענדלעך איז ער

1) זע מער וועגן אים אין מיין בוך „פּערזענלעכקייטן באַנד 1, ז. 288־290

געוואָרן רב אין סאַן־פראַנציסקאָ, דאָרט האָט רעבעקאַ געקריגן איר הויפּט־בילדונג, איינגעשלאָסן צוויי יאָר אוניווערסיטעט פון קאַליפאָרניע וואו זי האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף געשיכטע און ענגלישער ליטעראַטור.

אין דער זעלבער צייט האָט אויך איר עלטערער ברודער פעליקס אויסשטודירט דאָקטאָר מעדיצין און כירורגיע און איז צוליב זיינע אויסער־געוויינלעכע פיאיגקייטן באַשטימט געוואָרן פאַרן כירורג־רעזידענט אין פּאַנאַמאַ, ביים בויען דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. רעבעקאַ האָט זיך כסדר געפונען אין דער אַטמאָספערע פון שטודיום און קאַמף. איר פאָטער, דער רב און גע־זעלשאַפטלעכע טוער, האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּראָגרעסיווע גלחים אָנ־געפירט אַ מורא׳דיקן קאַמף קעגן דער קאָרופּציע און הפקרות, וואָס איז אין יענע יאָרן אָנגעגאַנגען אין סאַן־פראַנציסקאָ און קעגן די אוממענטשלעכע באַהאַנדלונגען פון די אַרעסטאַנטן אין סאַן־קווענטינער טורמע.

אויף אַ דירעקטן אופן האָט זי געלערנט פון איר ערודיציאָנעלן פאָטער סיי וועגן דער רייכקייט פון דער אַלטער יידישער קולטור, סיי פון די נייע רעגונגען און באַוועגונגען אין דער פּראָגרעסיווער וועלט.

אין 1886 האָט רעבעקאַ געמאַכט אַ רייזע קיין ניו יאָרק, אין פאַרבינדונג מיטן פאָטער׳ס פּלאַן צו באַזעצן זיך אין באַלטימאָר, וואו מ׳האָט אים אָנגעבאָטן אַ רבנות־שטעלע. איר קורצער וויזיט אין ניו יאָרק איז געוועזן אַ זיגל איבער איר גאַנצן לעבנס־גורל. זי האָט זיך געטראָפן מיט איר פאָטער׳ס אַ יינגערן לאַנדסמאַן פון אונגאַרן, מיט דעם געלערנטן רב דר. אַלעקסאַנדער (חנוך יהודה) קאָהוט.

דער דאָזיקער געלערנטער אין אָריענטאַלישע שפּראַכן, אַ תלמיד פון פּראָפעסאָר היינריך דויטש, און פונם באַרימטן אָריענטאַליסטישן פאָרשער היינריך ל. פליישער פון לייפּציקער אוניווערסיטעט, ווי אויך פון די היס־טאָריקער צונץ, גרעץ און דר. זכריה פרענקל, איז געווען אַן אויסערגע־וויינלעך שיינער מאַן. ווען ער איז אָנגעקומען פון אונגאַרן קיין ניו יאָרק האָט זיין נייע קהילה אים אָפּגעוואָרט ביי דער שיף און צייטונגען, ווי דער „ניו יאָרק הערעלד" און דער „אַמעריקען היברו" האָבן אים אויפגענומען, ווי אַ „ניי ליכט ביי יידן".

רבקה באַטלהיים האָט זיך מיט אים געטראָפן, נאָך דר. קאָהוט׳ס אומ־גליק מיט זיין פרוי. סך הכל איז ער געקומען קיין אַמעריקע צו ראַטעווען זי פון איר ראַק־קראַנקהייט. אָבער זי איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט מיט אַכט יתומים. דער חשוב׳ער אלמן האָט געמאַכט אויף איר אַ טיפן איינדרוק.

דער רעזולטאַט איז געווען — רבקה באַטלהיים, מיט צוויי און צוואַנ־ציק יאָר יינגער פאַרן אלמן, האָט חתונה געהאַט פאַר אים און געוואָרן אַן

איבערגעגעבענע מוטער צו די יתומים. אלס רעבעקא קאהוט האט זי זיך אריינגעלייגט מיט לייב און לעבן צו העלפן איר מאן אין זיין גרויסער וויסנשאפטלעכער ארבעט „ערוך השלם“ („ארוך, קאמפלעטום“), אן ענציקלאפעדיע פון דער תלמוד׳ישער שפראך, א ווערטערבוך מיט פיל אויסבעסערונגען און דערגאנצונגען פון אלע פריערדיקע. אלס גרויסער קענער פון אלטפערסיש האט ער דארט אויפגעטאן פיל חידושים.

פאר דער יונגער פרוי זיינען אבער געווען אנגעגרייט א ריי טראגישע מאמענטן. אין 1890, ארום פיר יאר נאך איר חתונה, איז איר פאטער, דר. אהרן באטלהיים, אומקערנדיק זיך פון א רייזע אין איראפע, געשטארבן אויף דער שיף און דער אקעאן איז געווארן זיין קבר. ווי א צוגאב איז נאך איר וואונדערבארער ברודער פעליקס, דער דר. כירורג פון פאנאמע קאנאל, אויך געפאלן א קרבן אין דעמזעלבן יאר.

אבער דאס איז נאך נישט געווען דער פולער כוס פון צרות פאר דער נסיון־רייכער יונגער פרוי. אין מערץ, 1894, איז אנגעקומען די ידיעה פון איראפע, אז לואיס קאשוט, דער בארימטער אונגארישער פרייהייטס־קעמפער, איז געשטארבן, וואס איז געווען א גרויסער קלאפ. אין מיטן פון זיין וואונדערלעכער עלעגישער רעדע וועגן אים, אין זיין שול, וועגן זיינע פרייהייט־שטרעבונגען און הומאנישער באציאונג צו יידן, האט ער גע׳חלש׳ט און מען האט אים געמוזט אהיימנעמען. עס זיינען בלויז אוועק ארום צוויי מאנאטן, ווען דער שפעטער בארימטער דר. סטיפען ס. וואיז, דר. קאהוט׳ס תלמיד, איז געקומען לערנען זיין לעקציע און געפונען זיין גרויסן רבי׳ן אין גסיסה. זיינע קולות — „מיין רבי שטארבט!“ — האבן אים מער נישט געקענט אויפוועקן. אויף אזא אופן איז די יתומה רבקה אליין געבליבן אן אלמנה, מיט אכט יתומים אויף אירע הענט.

די אלמנה האט ערשט רעכט באנומען זען ווי הילפלאז מענטשן קענען ווערן, ווען איין דונער באגלייט א צווייטן אינם לעבנס־וועג. איבערהויפט ווען דאס איז דער פאל מיט א פרוי, א כסדר׳דיקער פאטענציעלער קרבן אין די הענט פון די, וואס זיינען שטארקער. אבער פריער פון אלץ האט זי געמוזט נעמען זיך צו עפעס, וואס זאל איר געבן מעגלעכקייטן צו געבן די געהעריקע בילדונג און אויפהאלטן אירע יתומים, וואס זי האט באטראכט שוין ווי אירע אייגענע קינדער.

אין געזעלשאפטלעכע ארבעט האט זי שוין פריער פארזוכט. איר טעטיקייט צו פארהיטן דעם געזונט פון ארבעטענדיקע פרויען — די „לעידיס העלט פראטעקטיוו אסאסיעישאן“. איצט האט זי צו דעם צוגעלייגט א דערציערישע טעטיקייט. זי האט גענומען האלטן פארטראגן אויף פארשיידענע

ײדישע טעמעס. זי האָט אויך געטאָן היפּשלעך פאַר ײדישע אימיגראַנטן דורך געבן זײ פרײַע לעקציעס אין „עדיוקײשאָנאַל אַלאַיענס", אין ענגליש.

אין 1899 גרינדעט זי די קאָהוט־שולע פאַר מײדלעך — אַ דערציאונג־אינסטיטוציע פאַר װעלטלעכע און ײדישע לימודים, מיט פאַראַנטװאָרט־לעכקײט פאַרן פולן אויפהאַלט פון די מײדלעך. דאָס גיט איר שוין פינאַנ־ציעלע מיטלען אויפצוהאַלטן די קאָהוט און באַטלהיים פאַמיליעס. צו דער דאַזיקער אַרבעט האָט זי צוגעצויגן איר (אַדאָפּטירטן) זון עמרם (דזשאָרדזש אַלעקסאַנדער קאָהוט).ער האָט געלערנט מיט די קינדער געשיכטע און דײטש, ביז 1906. די דאָזיקע שול איז דערנאָך געװאָרן אַ מוסטער פאַר די, װאָס האָבן שפּעטער קאָמבינירט װעלטלעכע לימודים מיט ײדישער עטיק און רעליגיע.

אירע טעטיקײטן לטובת דער אָרגאַניזאַציע און דערציאונג פון ײדישע פרויען האָט מען נאָך אין 1897 הויך אָפּגעשאַצט.. איר רעדע, װאָס זי האָט געהאַלטן אין װאַשינגטאָן אַלס ערשטער פּרעזידענט פון דער ניו־יאָרקער סעקציע פונם „ראַט פון ײדישע פרויען", פאַרן ערשטן נאַציאָנאַלן מוטער־קאָנגרעס, האָט געמאַכט אַ טיפן רושם און איז איבערגעזעצט געװאָרן אין פיל שפּראַכן.

אירע הויפּט־טעטיקײטן װערן ביסלעכװײז קאָנצענטרירט אויף שאַפן פאַר פרויען בעסערע און העכער־באַצאָלטע אַרבעטס־באַדינגונגען. זי װערט דער הויפּט פון דער באַשעפטיקונגס ביוראָ אין די „יאָנג װימען היברו אַסאָסיעישאָן". אין 1915 װערט זי אָנגעשטעלט אין דער „פעדעראַל עמ־עמפּלאָיעמענט ביוראָ" פאַר ײדישע מײדלעך. אין די מלחמה־יאָרן װערט זי פאָרזיצער פונם אינדוסטריעלן קאָמיטעט פון דער „נאַציאָנאַלער ליגע פאַר פרויען־דינסט". זי איז פון די „אין דאָלאַר א יאַריקע" אינם „פעדעראַל עמ־פּלאָימענט קלירינג האוז". זי איז אַקטיװ אינם מלחמה־רעליף, אין דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע". דרײ און צװאַנציק מאָל האָט זי באַזוכט איר מוטערלאַנד אונגאַרן.

אין ניו יאָרק װאױנט זי אויף ביקמאַן פּלעיס, פּונקט אַנטקעגן דעם „בלעקװעל אײלאַנד", דער אינדזל פון דער באַװאוסטער טורמע. צי מ'האָט געקאָנט הערן פון דאָרט די זיפצן און געשרײען פון די אַרעסטאַנטן איז ניט זיכער, אָבער רעבעקאַ קאָהוט האָט פאַר זיך אַ לענגערע צײט געהאַט דעם סימבאָל פון עלנט און אָפּהענגיקײט. דאָס איז געװען איר „קאַפּװײטאָג" — די װאָרלאָזע און פאַרלאָזטע.

פאַר די אַרבעטלאָזע און פאַר װײניק־באַצאָלטע אַרבעטער האָט זי געהאַלטן באַזונדערע חשבונות. אין די יאָרן פון 1914־1917 האָט זי מעיאָר מיטשעל געהאַלטן אויף אַלע קאָמיסיעס, װאָס האָבן צו טאָן מיט די פּראָב־

לעמען. אין 1931 באַשטימט איר גאָווערנאָר פרענקלין ד. רוזוועלט אין דעם ניו יאָרק „סטעיט אַדוואיזאָרי קאָמיטע" וועגן אַרבעטלאָזיקייט. אין 1932־1933 געפינט זי זיך אין דער „סטעיט דזשאָינט סוירוויס לעדזשיסלעישאָן קאָמיטי אָן אַנעמפּלאָימענט".

אָבער איר בילדונגס־טעטיקייט גיט זי אויך ניט אויף. זי ווערט אין 1933 עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער פּריוואַטער „קאָלאָמביא גרעמער־סקול" אין משך פון עטלעכע יאָר. ווען עס ווערט געפייערט אין 1935 דער פופציקסטער יובילײ פון אירע טעטיקייטן, ווערט זי פּרעזענטירט מיט אַ טשעק פון פופציק טויזנט דאָלאַר פאַר אירע ווייטערדיקע פילאַנטראָפּיעס.

אין 1942 ווערט זי דערוויילט פאַר פּרעזידענט פון וועלט־קאָנגרעס פון יידישע פרויען. זי ווערט אויך דערוויילט פאַרן וויצע־פּרעזידענט פונם אַמעריקאַנער יידישן פשרה־געריכט פון „דזשואיש סאָשעל ריסוירטש" פון דער אינסטיטוציע צו קריגן באַשעפטיקונגען פאַרן יונגוואַרג, און פון אַ „טראָסטי" פון אַזעלכע קערפּערשאַפטן, ווי „אַמעריקען ווימענס אַסאָ־סיעישאָן", „יידישער אינסטיטוט פאַר רעליגיע", פון וועלכן זי האָט אין 1943 געקריגן אַן ערן־טיטל, און ערן־פּרעזידענט פון דער ניו יאָרק סעקציע פון „נעשאָנאַל קאונסיל אָוו דזשואיש ווימען", און פיל אַנדערע טעטיקייטן.

אירע ווערק, וואָס זיינען פול מיט הומאַניטעט און געפילן פאַר גע־רעכטיקייט פאַרן אומפּריווילעגירטן זיינען מערסטנס אויטאָביאָגראַפישע, ווי למשל „מאי פאַרשן", „עז אַי ניו דהעם", „היז פאָדערס האוז" און פיל אַרטיקלען.

זי איז דאָ געווען פון די ערשטע פרויען, וואָס האָבן אויפגענומען אַ קאַמף פאַר קינדער־גערטנער, אַזוי שנעל ווי פּראָפעסאָר פעליקס אַדלער האָט אַריבערגעבראַכט די אידייע פון דער שווייץ, אַ לאַנד, וואָס זי האָט אויסער אַמעריקע אויך זייער ליב געהאַט. ניט ווייניקער האָט זי ליב געהאַט איר געבורטסלאַנד אונגאַרן.

איר לעבנס־גאַנג איז געווען אַן ערלעכער און שיינער. וואָלט זי נישט געווען קיין „פרוי פון איין ארמיי" און מער געגלויבט אין מאַסן־אָרגאַניזאַציע ווי אין פילאַנטראָפּיע, וואָלט איר שיינער וועג אויך געווען מוסטערהאַפטער. זי האָט ניט געזען די וואָרצלען פון די איבלען. זי האָט געקעמפט קעגן די סימפּטאָמען און ניט קעגן די אורזאַכן פון דער צרה גופא.

אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אונדזערע „פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע" דאַרף זיך רבקה באַטלהיים קאָהוט ציילן צווישן זיי. זי פאַרנעמט אין דער געשיכטע אַ באַזונדערן בכבודיקן פּלאַץ.

זי איז אַוועק אין טיפן עלטער פון 87 יאָר, אין 1951.

קאַפּיטל זיבן און זעכציק

סאַראַ אַדלער — די ערשטע באַדייטנדיקע אַקטריסע פון אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער

א חכם, מסתמא, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז עס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ אַזאַ שיינקייט פון שפּיל, ווי עס איז צו זען אין אַ פרוי'ס אויג. דאָס מאַכט פון דער פרוי בכלל אַ בינע פּערזענלעכקייט. אָבער שעקספּיר האָט בעסער געוואוסט, ווען ער האָט געזאָגט — די גאַנצע וועלט איז איין בינע און עס שפּילן אויף איר אַלע מענער און פרויען.

„קעניגין פון דער יידישער בינע"

אויב איר וועט צווייפלען אין דעם וועט איר אויך נישט זיין קיין גרויסער אפּיקורס. אָבער סאַראַ אַדלער איז זיכער געווען אַ בינע־פּערזענלעכקייט. זי איז עס געווען אפילו אין דער אַנוועזנקייט פון אַ צווייטער גרויסער בינע־פּערזענלעכקייט — פון איר לעצטן מאַן — יעקב פּ. אַדלער.

נאָך אין אירע יונגע קינדער־יאָרן פלעגט זיך סאָניעלע (די שפּעטערדיקע סאַראַ, אָדער סעראַ) אָנטאָן אין איר מאַמעס קליידער און שפּילן אירע ערשטע „מוטער ראָלן". אין עלטער פון אַכט יאָר האָט זי געשפּילט אין שילער'ס „רויבער" די ראָלע פון „אַמאַליע", אין דער רוסישער שולע.

זי איז געבוירן געוואָרן אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט אין אָדעס, אין דער קליין־סוחר'ישער פאַמיליע ל ע ווי צ ק י. דאָס איז געווען שוין אַ היפּשלעך אַסימילירטע פאַמיליע. סאָניע (סאַראַ) האָט נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען יידיש, איידער זי איז אַוועק לערנען אין דער רוסישער שטאָטישער שולע. דערפאַר האָט זי געהאַט אַ פיין שטימעלע און געווען די פאַרזינגערין אינ'ם שולע־כאָר. די ערשטע אויפמערקזאַמקייט, וואָס זי האָט געצויגן איז געווען מיט איר שפּילפּולן זינגען. דער דירעקטאָר פון אַ קונסט־שולע נעמט זי אַריין פאַר פרייען אונטערריכט.

שוין מיט דעם אליין האָט זיך סאַראַ אויסגעצייכנט פון די ערשטע יידישע אַקטריסעס מיט איר קינסטלערישער צוגרייטונג. זי האָט אויך פּריוואַט גענומען קונסט־לעקציעס און זיך געגרייט פאַרן רוסישן טעאַטער. אָבער די יידישע אַקטריסע דאַ־ין־קאַצמאַן האָט איר צוגערעדט אַנצושליסן זיך אין אַ יידישער טרופּע, אַלס זינגערין און דערוויל זיך צולערנען יידיש. איז זי טאַקע אַנגעקומען אין שמר׳ס טרופּע און אָנהייב אַלס רוסישע זינגערין אויף די דיווערטיסמענטן, נאָך דעם שוישפּיל.

סאַראַ האָט זיך מיט פלייס גענומען לערנען יידיש און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און זי האָט איינגעביסן די ראָלע פונם „שיכור׳ס פרוי" אין „טריפּניאַק", וואָס די זעלבע טרופּע האָט געשפּילט אין ניקאָלאַיעוו. דאָס איז שוין געווען אינם יאָר 1881, דער דאָרטיקער פּאָגראָם טרייבט די טרופּע צוריק קיין אָדעס. דאָרט טרעט זי אַריין אין דער היינע־חיימאָוויטש טרופּע. גלייכצייטיק לערנט זי ווידער בינע־קונסט און רעזשי ביים רעזשיסאָר ג ר י צ ק אָ פ ף פונם דייטשן טעאַטער. זי פאָרט אַרויס מיט היינע׳ן אויף אַ טור איבער פיל יידישע שטעט און שטעטלעך אין דרום־רוסלאַנד, אין זאַמוט און לעטלאַנד, און ווערט פאַרוואַנדלט פון סאָניאַ לעוויצקאַיאַ אין סאַראַ היינע.

אינגיכן פאַרלאָזט זי מיט איר מאַנ׳ס טרופּע רוסלאַנד, מסתמא צוליבן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער. זיי לאָזן זיך קיין לאָנדאָן שפּילן יידיש טעאַטער. נאָר אויך דאָרט זיינען פאַר זיי נישט געשטאַנען קיין אָנגעגרייטע גליקן. אפילו ווען די היינע־היימאָוויטש טרופּע גיסט זיך צוזאַמען מיט דער אַדלער־טרופּע האָט נאָך אַלץ די זון נישט אויפגעשיינט. האָבן זיי אין 1883 זיך געלאָזט צו דער „נייער וועלט" — קיין אַמעריקע — און סאַראַ איז שנעל אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס פּרימאַדאָנאַ אין משה זילבערמאַנ׳ס טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אין טוירנער האָל שמר׳ס „די יתומים".

איר שטרעבונג איז מקוים געוואָרן. זי איז אַ פּרימאַדאָנאַ. מען רייסט זיך שוין איבער איר. דער אָריענטאַל טעאַטער קריגט זי. די באַדינגונגען דאָרט זיינען בעסערע. באַלד פירן זי די אַנטוויקלונגען צו גט׳ן זיך מיט היינע׳ן, און אינגיכן נעמט זי אויך שוין אַ גט פונם אָריענט טעאַטער. און אָט איז דער אָפּערעטן־טעאַטער פון „פינקל, פיינמאַן און מאָגולעסקאָ". ער פינקלט פאַר איר מיט נאָך בעסערע האָפנונגען, דאָרט קען זי זיין אָנזעעוודיקער אַלס פּרימאַדאָנאַ אין אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס. נאָר ווען זי דערגרייכט שוין אויף ד ע ם ש ט אַ פּ ל, דערזעט זי אינגיכן אַ העכערן, און אָט איז זי שוין אַ דראַמאַטישע שוי־שפּילערין אין 8טע סטריט טעאַטער, און באַטייליקט זיך אינם בעסטן רעפּערטואַר.

דאָס יאָר 1886 איז פאַר דער יונגער גרושה געווען אָנגעלאָדן מיט

אַ גרויסער פּאַסירונג. אין דעם יאָר איז יעקב פּ. אַדלער אָנגעקומען קיין אמעריקע און ניו יאָרק האָט פאַר אים קיין פּלאַץ ניט געהאַט. ער קלאַפּט צוזאַמען אַ טרופּע און פאָרט קיין שיקאַגאָ. ס אַ ר אַ איז אַ טייל פונם אייגנס, וואָס ער פירט אַהין. און ווען ער קומט דערנאָך צוריק קיין אייראָפּע פירט ער שוין מיט זיך אַן אייגענע פּרימאַדאָנאַ, זיין נייע פרוי ס אַ ר אַ אַ ד ל ע ר.

פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן צו עטאַבלירן די אַדלער־דינאַסטיע אין יידישן טעאַטער. די אַדלערס שפּרייטן שוין ברייט אויס זייערע פליגלען. קומענדיק צוריק קיין ניו יאָרק מיט די גרויסע דערפאָלגן אין לאָנדאָן, וואַרשע, לאָדזש און לעמבערג, אין 1891. אינגיכן קומט יעקב גאָרדין און זיין גורל ווערט אין אַ גרויסער מאָס צוזאַמענגעוועבט מיט די דערפאָלגן פון די אַדלערס.

דאָס יידישע טעאַטער ווערט אויף אַ דריי צענדליק יאָר דערהויבן אין אַ היפּשער מאָס. עס ווערט געשאַפן יידיש טעאַטער־קולטור, נישט קוקנדיק אויף די בערג שונד־פּיעסן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן פון די הורע־וויטשעס, לאַטיינערס און זייער גלייכן.

אין אַט־דעם נייעם, בעסערן טעאַטער האָט סאַראַ אַדלער געשפּילט אַ היפּשע ראָל . אוודאי איז די הויפּט־אורזאַך פון דער מאָמענטאַלער דער־הויבונג געווען דער נייער אימיגראַנטן־מאַטעריאַל, וואָס האָט געוומען דער־גרייכן די ברעגן פון אונדזער לאַנד. די אַרבעטער־באַוועגונג, די פּראָגרעסיווע פאָלקס־אינטעליגענץ, וואָס איז אַנטשטאַנען פון איר מוטער־לייב, דער העכערער ניוואָ, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַלע געביטן פון לעבן האָט אויך זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם היימלעכן ווינקל פונם יידישן טעאַטער. אָבער סאַראַ אַדלער דאַרף פאַררעכנט ווערן צווישן די אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע כוחות, וואָס האָבן אַרויסגעהויבן די קורצע אָבער פינקלדיקע „גאָלדענע עפּאָכע" פונם יידישן טעאַטער דאָ אין לאַנד.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געזען, וואָס פאַר אַ דראַמאַטישע עשירות עס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין יענע יאָרן, פון דעם קינסטלערישן טעאַטער, צוזאַמען מיט אונדזערע אייגענע דראַמאַטורגן פון ערנסטן כאַראַק־טער. סאַראַ אַדלער איז בפועל־ממש געווען פון די סאַמע־פאָדערשטע לעדערינס ביי אונדז אין טעאַטער אין סטיל. בעת איר מאַן איז געווען דער גרויסער מייסטער פון ג ר י ם און איר איבערוואַנדלונג פון פערזענלעכקייט, איז זי געווען די קולטיווירערין פון אינטערפּרעטאַציע און פון נייער טעאַטער־סטיל און קולטור.

אָבער אינם פּאַקטישן לעבן פון בינע־קינסטלער איז אַן־און פאַר־זיך פאַראַן גענוג דראַמע און טראַגעדיע. עס איז אַ פאַרצווייגענער קאַמף. סאַראַ אַדלער האָט קיין האַניק נישט געלעקט אין איר פאַרהייראַט לעבן. צו האָבן פינף

קינדער און איין שטיפטאכטער — אלע פון זיי צוקונפטיקע בינע־בינען, מיינט צו האבן שטענדיק א בינשטאק אין הויז.

ווירדיק און שטאלץ האט סארא אדלער געטראגן דעם דאזיקן שווערן גורל און אין דער זעלבער צייט דורכגעפירט אירע שווערע ראלן אויף דער בינע. נישט אלע אירע ראלן זיינען געווען אין יידישע פיעסן אין יידישן טעאטער. זי האט זיך פון צייט צו צייט געלאזט אנגאזשירן אויך אין גאסטראָ־לירנדיקע רוסישע טרופעס, דא און אין אויסלאנד.

אזוי באטייליקט זי זיך אין 1917 אין די רוסישע אויפפירונגען פון „קאזן״, ווי אויך אין דער אוקראאינישער „זשידאווקא וויכרעסטקא״. אין 1918 פארט זי ארום אין משך פונם גאנצן יאר מיט בוזעטן און שפילט אין דער פראווינץ. ווער וואלט עס געגלויבט, אז די פרוי האט שוין אלע פינף גרויסע קינדער אויף דער בינע — דריי טעכטער — פרענצים, סטעלא, און דזשוליא און צוויי זין — איזי און לוטער, דער לעצטער איז א בארימטער פילם־אקטיאר.

פון 1919 ביז 1921 שפילט זי מיט איר פאמיליע אין לאנדאן. אירע קינדער זיינען שוין אלע דעמאלט געווען בינע קינסטלער אין דעם אייגענעם רעכט. די עלטסטע פון זיי — פרענציס, האט שוין געשפילט די ראליע פון אליא אין גארדינ׳ס „אמת׳ע קראפט״. איר שטיפטאכטער צ י ל י ע (א טאכטער פון יעקב אדלער און דינה פיינמאן) האט שוין אין עלטער פון 6 חדשים „געשפילט״ אלס „בעיבי״ אויף דער בינע. צו פיר יאר האט שוין יעקב גארדין פאר איר אריינגעשריבן א קינדער ראל אין זיין „אידישן קעניג ליר״. אירע טעכטער פרענציס און סטעלא האבן זיך דירעקט באטייליקט אין די יארן אין די לאנדאנער אויפפירונגען פון בוזעטן.

פון 1922 ביז 1926 פירט זי אן אין דער פראווינץ פון די פאראייניקטע שטאטן מיט יידישע קלענערע טרופעס. אין אירע עלטערע יארן שפילט זי אין מאקס געבעל׳ס פאלקס־טעאטער אין מעלאדראמעס. זינט איר מאן יעקב אדלער איז געשטארבן האט זי זיך גענומען קאנצענטרירן אויף אירע מעמוארן אויפטרעטנדיק שוין זעלטן-ווען אין די דרייסיקער יארן.

סארא אדלער האט נאך דערלעבט צו זען דעם אנהויב פונם באַרג־אראפ פונם יידישן טעאטער. זי האט אויך געזען, ווי אירע קינדער

ברייטערן אויס זייערע טעאַטער האָריזאָנטן דורכן פילם־מעדיום און ענגלישן טעאַטער.

צווישן אירע קרוין־ראָלעס זיינען איר כאַראַקטער־ראָלע „מינאַ" אין קאַברינ׳ס פּיעסע מיטן זעלבן נאָמען; „פאַניע זאַרכי" אין גאָרדינ׳ס „אמתע קראַפט"; די ראָלע פון דער פּרוי אינם „פּרעמדן"; „בעאַטאַ" אין „אלישע בן אבויה"; די בת־שבע ראָלע אין „אָן אַ היים". זי האָט זיך אויסגעצייכנט אויך אין ליבינ׳ס „צעבראָכענע הערצער" אין דער ראָלע פון „גיטעלע", אַלס די „מאַמע" אין מאַרקאָוויטש׳עס „אַ מאַמעס טרערן". זי האָט געשפּילט אין איבסענ׳ס „נאָראַ", געווען „אַמאַליאַ" אין שילער׳ס „רויבער", „קאַטישאַ מאַס־לאָווא" אין טאָלסטאָי׳ס „תחית המתים", „יעלענא" אין זיין „קרייצער סאָ־נאַטאַ", און סאָפאָ אין דעם „לעבעדיקן מת".

אָבער אפילו אַן אָדלער מוז אויך בויגן זיין שטאָלצן קאָפּ פאַר דער צייט. סאַראַ אַדלער איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין טיפן עלטער פון דריי און ניינציק יאָר.

קאַפּיטל אַכט און זעכציק

דר. הלל זאָלאָטאַראָוו — קעמפּער, שרייבער און טוער

מעדיקער, זשורנאַליסט
דראַמאַטורג.—
קעמפּער פאַר מענטשן־רעכט

פון צווישן אַלע פירנדיקע פּיאָנערן־אַנאַרכיסטן אויף דער יידישער גאַס, אין אַמעריקע, טיילט זיך באַזונדער אויס די ליטעראַרע און שיינע פּערפּערזענלעכקייט פון הלל זאָלאָטאַראָוו.

ווי אַן אינטעלעקטואַל, טעאָרעטיקער און ערנסטער דענקער, האָט ער אין די אָנפירנדיקע יידישע אַנאַרכיסטישע קרייזן צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט.

אַן אַנאַרכיסט פון ברייטערן באַנעם און פּאַרטייפּטער פילאָסאָפיע, איז דר. זאָלאָטאַראָוו געווען אויך היימיש און סימפּאַטיש צו פיל מאַרקסיסטישע שטעלונגען אין דער אויפפאַסונג פון היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן בליק אויף דער געשיכטע. אַן אידעאַליסט אין דער פילאָסאָפיע, האָט ער אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט באַקעמפט רעליגיע, אַלס אַ געצייג פון די הערשנדיקע קלאַסן צו האַלטן די ברייטע מאַסן אין בלינדער געהאַרכזאַמקייט און אין פולער עקספּלואַטאַציע.

אַ געלערנטער און פיל־וויסער האָט ער האַרמאָנירט מיט דוד עדעלשטאַדט׳ן, וועמענס אַנאַרכיזם איז געווען מער אַ דיכטערישער ווי אַ פילאָסאָפישער. צוזאַמען מיט׳ן סענטימענטאַלן פּאָעט, האָט ער רעדאַגירט דעם ערשטן נומער פונם אַנאַרכיסטישן אָרגאַן „די וואַרהייט״ און דערנאָך מיטגעאַרבעט אויפן טעאָרעטישן געביט אין אַלע אַנאַרכיסטיש־יידישע אויסגאַבעס אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד.

הלל זאָלאָטאַראָוו איז געבאָרן געוואָרן אין יעליסאַוועטגראַד, דרום־רוסלאַנד, אינם יאָר 1865, אין דער פאַמיליע פון אַ יידישן שניידער, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זעלטנהייט צווישן שניידער. ער איז געווען אַ משכיל, אַ וועלטלעך־געזינטער און אַקטיוו אין יעקב גאָרדינ׳ס „גייסטלעך־ביבלישער ברודער געזעלשאַפט״1) אַזוי אַז אַלס יינגל האָט ער שוין געקראָגן אַ וועלטלעכע דערציאונג. געווען אַ סטודענט אין דער דאָרטיקער רעאַל־שולע.

זע ה. בורגינ׳ס געשיכטע פון דער אַמ. ייד. אַרבעטער באַוועגונג, ז״ז 75 (1

איבערגעריסן זיין שטודיום צו זעכצן יאָר, האָט די צאַרישע פּאָגראָמען־כוואַליע אין 1881. יעליסאַוועטגראַד האָט פאַרזוכט דעם טעם פון יידישע „פעדערן און בלוט” אין די גאַסן. אין דער צייט איז זיין פאָטער שוין געווען אַן אָנהענגער פונם „עם עולם”, וואָס האָט זיך באַוועגט אין דער ריכטונג פון אַמעריקע צו גרינדן דאָ קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. זיי זיינען דאָ אָנגעקומען דעם 18טן יוני, 1882, צוזאַמען מיט ישראל באַרסקי.

ווי אַלע אָנגעקומענע טרוימער פון צווישן די עם־עולם גרופּירונגען האָבן זיי דאָ דערוואוסט סוועט־שעפּער אנשטאָט מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען פרייע קאָלאָניעס פון קאָמוניסטישן כאַראַקטער. דאָס רעאַלע לעבן דאָ האָט רוי און אומ׳ברחמנות׳דיק צעשטערט פיל אילוזיעס. אָבער אפילו די שווערסטע שטיינער אין וועג, האָבן הלל׳ן דעם ענערגישן ענטוזיאַסט, ניט געקענט אָפּהאַלטן פון שטודירן, אַרבעטן און ווירקן אין דער זעלבער צייט ווי אַן אָרגאַניזירטע קראַפט אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

מיר קענען זיך פאָרשטעלן ווי די אַלע שטרויכלונגען — שפּראַך, פּראַצע, און אוניווערסיטעט־שטודיום צוזאַמען מיט אָרגאַניזיר טעטיקייטן אין דער אַרבעטערבאַוועגונג, האָבן אויסגעאַרבעט אין זאָלאָטאַראָוו׳ן די עקשנות מיט וועלכע אַנאַרכיסטן האָבן אין די אַכציקער יאָרן געפּרואווט שטורעמען דעם יידישן קוואַרטאַל.

פריער אינם „רוסישן פּראָגרעסיוון פאַראיין”, וואו דאָס יונגע בחור׳ל האָט זיך שוין געלאָזט הערן מיט זיין ליידנשאַפטלעכן קול אַלס אַגיטאַטאָר און אויפקלערער, און שפּעטער אין דער יידישער אַנאַרכיסטישער סעקציע „פּיאָנערן פון דער פרייהייט”, האָט ער פאַרנומען אַן אַקטיווע פּאָזיציע אין אַלע טעטיקייטן פון יענער צייט צו אָרגאַניזירן יוניאָנס און באַזונדערע פּראָגרעסיווע זעלבסט־טעטיקייטן אויף געביטן פון קאָאָפּעראַטיוון, אויפקלערונגען דורך לעקציעס, און דעמאָנסטראַטיווע אַרויסטרעטונגען.

אין די דאָזיקע יונגע ברויזנדיקע יאָרן איז זאָלאָטאַראָוו׳ס קול געהערט געוואָרן אין די סאַמע עקסטרעמסטע אונטערנעמונגען פון אַנאַרכיסטישן כאַראַקטער. ער האָט אָנגעפירט מיט די אַנטי־רעליגיעזע קאַמפּאַניעס, יום־כיפור בעלער און דעמאָנסטראַציעס דורך וועלכע די אַנאַרכיסטן אין יענע אַכציקער יאָרן האָבן פאַרנומען די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פון פיל יידישע און דייטשע אַרבעטער. ער האָט אפילו ערנסט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער אָרדנונג פון עקספּלואַטאַציע, און וואַלד־טאָטן קעגן סטרייקנדיקע אַרבעטער.

דאָס זיינען געווען די יאָרן ווען דוד עדלשטאַט האָט מיט פּאַטאָס פון

קאַמפּס־בריגאַדן, דערקלערט די טיראַנען אַ קריג מוט און אַנטשלאָסנקייט בראַווע קאַמעראַדן, וועלן אייך פירן צום זיג!״

איז וואָס שייך מוט און אַנטשלאָסנקייט, האָבןביידע זאַכן ניט געפעלט ביי הלל זאָלאָטאַראָוו׳ן און ביי פיל פון זיינע חברים, אָבער די העימאַרקעט טראַגעדיע און אַנדערע געשעענישן אין די קומענדיקע יאָרן האָבן געוויזן ווי היפשלעך ווייט עס איז נאָך דער זיג. די אַרבעטער־קאַמפן האָבן זיך ערשט דעמאָלט פאַנאַנדערגעוואָרעמט אונטער אַזעלכע לאָזונגען ווי „דער אַכט־שעה׳דיקער אַרבעטס־טאָג״, אַ מינימום פון אַרבעטס־לוין, וואָס זאָל מיט זיך ניט פאַרשטעלן קיין הונגער לוין.

עס איז נאָך דעמאָלט רעכט געווען, אַז דער נאָך יונגער, ווייניק־דער־פאַרענער זאָלאָטאַראָוו זאָל אויסשטעלן אַלע זיינע האַרמאַטן קעגן סאָציאַליסט מיכאיל זאַמעטקינ׳ען אין א דעבאטע (1889) וועגן דער צוועקמעסיקייט פון קעמפן פאַר אַזאַ „קליינקייט״, ווי דער אַכט־שעה׳דיקער אַרבעטס־טאָג...

דער סטודענט פונם מעדיצינישן פאַקולטעט אין ניו יאָרקער אוני־ווערסיטעט, זאָלאָטאַראָוו, האָט נאָך געפונען צייט אויך מיטצואַרבעטן אינם „פאָלקס־אַדוואָקאַט״, פריוואַט אַרויסגעגעבן פונם ראַדיקאַל־געשטימטן מי־כאל מינץ וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען און קלענערע אַר־טיקלען, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט. ווער רעדט נאָך ווען ער האָט אין 1892 גראַדואירט אַלס דאָקטאָר־מעדיצין, איז שוין זיין פען נאָך פלינקער געלאָפן, נישט בלויז אין דער אָרטיקער אַנאַרכיסטישער פרעסע, נאָר אויך אין אַזעלכע ענגליש־יידישע אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן ווי „דער אַרבעטער פריינד״ און „זשערמינאַל״, אין לאָנדאָן.

אַ גרויסע ענדערונג אין זאָלאָטאַראָוו׳ס אַנשויאונגען איז אָנגעקומען אין 1903, ווען די נייעס וועגן קישינעווער פּאָגראָם האָט דערשיטערט ניט אײַן יידישן קאָסמאָפּאָליט. ווי קען מען ריידן וועגן אַ פרייע ברידערלעכע וועלט, ווען עס געשעען נאָך אַזעלכע גרויליקע פּאַסירונגען! אַ רעוויזיע האָט זיך אָנגעהויבן ביי דעם דאָזיקן אַנאַרכיסטישן טוער און טעאָרעטיקער. און אין זיין דעמאָלטיקער בראָשור „ערנסטע פראַגן״ איז ער שוין אַרויסגע־טראָטן קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, אַז זאָלאָטאַראָוו זאָל זיך ארומקוקן און זען, אַז אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע געפינט ער זיך שוין אויפן שוועל פון ציוניזם. ער איז געווען פון די ערשטע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן זיך פאַר־צווילינגט מיט׳ן ראַדיקאַלן ציוניזם. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין געאַרבעט אויף צוויי פראָנטן, און אָפטמאָל אויך אויף אַ דריטן.

נישט אויפגעבנדיק זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין די אַנאַרכיסטישע

צייט־שריפטן און טעטיקייט געפינען מיר אים שוין אויך אַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון דעם אָרגאַן פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן, וואו ער באַקענט זיך זייער נאָענט מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ן. ער באַטייליקט זיך אין דעם סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאַל „די צוקונפט״, וואו ער פאַר־עפנטלעכט אייניקע קאַפּיטלען פון זיין גרויס ווערק איבער סאָציאָלאָגיע.

אין דער זעלבער צייט לייענט מען מיט אינטערעס זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין דער „פרייער געזעלשאַפט״, אין זשיטלאָווסקי׳ס זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״, אינם „ליטעראַטור און לעבן״. ער אַרבעט אויך איבער קינ־סטלערישע פּראָבלעמען, פאַרעפנטלעכט זיין בראָשור וועגן דער יידישער קונסט־שול אין ירושלים, בצלאל. ער שרייבט וועגן די גרויסע פען־קינסטלער טאָלסטאָי און גאָרקי, וועגן שעקספּיר און מאַרלאָו, וועגן ביערנסאָן־ביערנעסטערניע. ער שרייבט וועגן טעאַטער און נעמט אליין שרייבן טעאַטער־שטיק.

זיין פּיעסע „פאַר אירע קינדער״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין ניו יאָרקער יידישן טעאַטער אין 1917, האָט געזען מאַדאַם בערטאַ קאַליש אין דער הויפט־ראָלע.

אין זיין דראַמע „דער לעצטער שומרוני״, דראַמאַטיזירט ער די זאָרג וועגן יידישן וויטערדיקן קיום און דעם דראַנג אויפצוקלערן דעם יידישן עולם וועגן זיינע קולטור־אוצרות און היסטאָרישער ראָל. דער אונטער־גייענדיקער שומרונישער שבט וועגן וועלכן ער איז דאָרט באַזאָרגט איז פאַקטיש דאָס יידישע פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך קעגן אונטערגאַנג. אגב איז די דראַמע אויך באַאַרבעט געוואָרן אַלס ליבערעטאָ פאַר אַן אָפּערע מיט מוזיק.

אין ענגליש באַהאַנדלט זיין דראַמע „דער שטורם פון אַ נשמה״ די קאָנפליקטן אין דער נשמה פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַמעריקע, די אינעווייניקסטע פּסיכאָלאָגישע קאַמפן אין די שיכטן פון איר פאָלקס־אינטעליגענץ אין ניו יאָרק, די שטימונגען און די אידעאָלאָגישע געראַנגלען, וואָס דערהויבן זיך צו אַקטועלער דראַמאַטישקייט.

אויסער זיינע אַרטיקלען און גרעסערע אַרבעטן אין זשורנאַלן האָט ער אויך מיטגעאַרבעט אין די צייטונגען „טאָג״ און „די צייט״, און געשריבן איבער ליטעראַטור און פּרעסע, איבער קונסט און טעאַטער און אַ ריי דערציילונגען, אונטערן פּסעוודאָנים ה. אָרדיטשעוו האָט ער אויך פאַר־עפנטלעכט אַ ריי לידער. מיט איין וואָרט — דר. זאָלאָטאַראָוו האָט אויסגע־פּרוווט יעדן כלי־זין (זאַיען) פון דעם קאַמפער מיט וואָרט און שריפט. ניט אַלע האָבן זיי געהאַט דעם זעלבן פּולווער. ניט אַלע זיינען געווען פון דער זעלבער קוואַליטעט. אָבער געצילט זיינען זיי אַלע געווען אין איין פּונקט —

די באפרייאונג פון דער מענטשהייט פון נויט און אומוויסנקייט, פון עקס־פלואטאציע און געוואלט־אקטן, פון קראנקהייטן און פון פריצייטיקן טויט.

א שאד, וואס בלויז צוויי בענד פון אלע זיינע שריפטן זיינען דער־שינען. מערסטע פון זיינע ארבעטן האבן נאך איצט אויך ניט פארלארן פיל פון זייער ווערט.

אלס דאקטאר האט ער מער געהיילט מיט זיין גוטסקייט ווי מיט קרייטעכצער. געלינדערט ווייטיקן מער מיט זיין ליבער פערזענלעכקייט, ווי מיט זאלבן. זעלטן איז געווען א מענטש אין דער פראגרעסיווער באוועגונג וואס זאל ניט האבן געזען אין אים א פארקערפערונג פון אלץ, וואס איז דערהויבן אינם מאדערנעם מענטשן.

אמבעסטן האט ער ארויסגעוויזן זיין כאראקטער לויט דעם ווי ער האט געשילדערט אנדערע פון דער יידישער פאלקס־אינטעליגענץ. ער האט גע־האנדלט, ווי ער האט געפריידיקט — אין אמת, גאנצקייט, נאבילימעט. ער האט געהאלטן, אז ווייזן א ביישפיל ווי אזוי צו לעבן איז פיל ווירקזאמער ווי פארשרייבן געבאטן. מענטשן גלויבן מער זייערע אויגן ווי זייערע אויערן.

ער האט דערגרייכט א הויכע שטופע פון געוויסנהאפטקייט, א שטופע, וואס איז נאבעלער און שענער פון אומשולד און תמימות, ווייל געוויסן איז געווען באדעקט מיט פערל פון וויסן.

אויב מיר וואלטן געדארפט זוכן אן אידעאלע פערזאניפיקאציע פון די פראגרעסיווע יידישע פאלקס־אינטעליגענטן אין יענע יארצענדליקער, און אונדזער אויג וואלט געפאלן אויף דר. הלל זאלאטאראוו, וואלטן מיר געווען צופרידן, ווייל עס וואלט ניט געווען קיין טעות.

זיין ליכט איז אויסגעגאנגען דעם 30טן אפריל, 1921.

קאַפּיטל ניין און זעכציק

לעאָן זאָלאָטקאָף — זיין מערקווירדיקער לעבנס-וועג

אַ ראַדיקאַל וואָס איז געוואָרן אַ קאָנסערוואַטיווער וואָרט-זאָגער

פּייאָניר שרייבער און זשורנאַליסט

עס איז אַ היפּשער מהלך פון אַ שטעטעלע לעבן ווילנע ביז די וועלט-שטעט פון פּאַריז און לאָנדאָן, שיקאַגאָ און ניו יאָרק. אָבער נאָך אַ ווייטערער מהלך איז פונ׳ם האַלב אַנאַרכיסטישן „בערנער סטריט קלוב" אין לאָנדאָן ביז צו די אולטראַ-קאָנסערוואַטיווע יידישע רעדאַקציעס אין שיקאַגאָ און ניו יאָרק.

אוודאי, מיט דראָבנע טריט קען מען אַזעלכע גרויסע שטרעקעס נישט דורכמאַכן. אָבער לעאָן זאָלאָטקאָף איז ניט געווען פון די דורכשניטלעכע דראָבנע מענטשעלעך. ער האָט געשטעלט ב ר י י ט ע טריט שוין אין זיינע יינגסטע יאָרן. ער איז געווען איינער פון די וואונדער-קינדער אין יענער צייט און אויף וואונדער פרעגט מען נישט קיין קשיות.

קיין איינצלהייטן וועגן זיינע יונגע יאָרן זיינען ניטאָ. מיר ווייסן אפילו ניט די נעמען און באַשעפטיקונגען פון זיינע עלטערן. אָבער אין אַזעלכע פאַלן מוז מען זיך אַן עצה געבן. אין איינעם פון זיינע ראָמאַנען מוז זיין געוויסע סימנים פון אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער. אַזעלכע סימנים זיינען בולט אין זיין ראָמאַן „פון ווילנע ביז האָליוואוד". מיר זיינען באַרעכטיקט אָנצונעמען די הויפּט-שטריכן פון יענעם יוגנט-פּעריאָד, אַלס די אויטענטישע ביאָגראַפיע פון אים אליין.

לויט דעם איז ער געווען ניט בלויז אַ וואונדער-קינד, אַן עילוי, נאָר אויך אַ מאַדים, אַ יונגאַטש, אַ בן-זקונים, ועמען די מאַמע גיט נאָך אַלץ.

ער איז געבאָרן געוואָרן ניט ווייט פון ווילנע אין 1865. פּרי אַרויס-געוויזן אַ שנעלע תפיסה און זכרון. צו זעקס יאָר געקענט אויסנווייניק דעם סידור; צו אַכט יאָר שוין געקענט אויסנווייניק פיל בלעטער גמרא נאָך איינמאָל לערנען. צו צ ע ן שוין געוואוסט אַקוראַט דעם פּלאַץ פון יעדן וואָרט אין פיל מסכתא׳ס, לויט דעם שטאָך פון דער שפּילקע. זיין בר-מצוה

דרשה האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אַרום אין דער געגנט. ער האָט געקענט אימיטירן אַ פולן שיעור פונ׳ם רבי׳ן מיט אַלע זיינע תנועות און זשעסטן.

נאָך אַ מגיד׳ס שבת׳דיקער דרשה האָט מען אים געקענט זען אין אַ שטאָל, ווי ער זאָגט איבער די דרשה מיט אַלע פּאַך־חנדלעך פונ׳ם מגיד און אפילו דערוואַקסענע פלעגן זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער. דערצו האָט ער נאָך געהאַט „גאָלדענע פינגער״. אַליין אויסגעמייסטערוועט המן־קלאַפּערס, גראַגערס, חנוכה־דריידלעך און וואָס ניט.

ער האָט אויך געהאַט קענטיק מאָלערישע פייאיקייטן. ער האָט לעבן זיך ניט געלאָזן קיין בלאַנק שטיקל פּאַפּיר. עס איז אַרויס פון זיינע הענט באַמאָלן מיט פען און בלייפעדער געמעלן, צי גאָר געריסעוועט מיט קרייד, וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט. ווען זיין פאָטער, אַ „קאַראַבעלניק״, איז געשטאָרבן, האָט די מוטער איבערגענומען אים, פאַרפילפאַכט איר השגחה און גע־האַרעוועט שווער און ביטער, אַז איר בן־זקונים׳ל זאָל גאָר ניט פעלן. אַ רב מוז ער ווערן.

אָבער אַ פאַרשיקטער יונגערמאַן פון ווילנע, אַ לערער פון זיינעם אַ חבר, האָט אים אויך באַרירט. ער האָט אים אויפגעהויבן אַ שטיקל פאָר־האַנג צו אַ נייער וועלט. דער יונגער זאַלאַטקאָף מיט זיין שוואַמען־אַרטיקייט אַריינצוזאַפּן אין זיך אַלץ פון אַרום אים, האָט שנעל גענומען דערלערנען די רוסישע געשיכטע. ער האָט דערזען ווי דער לערער איז דערפּאָלגרייך מיט זיינע „פּראָשעניעס״, וואָס ער שרייבט צום גוּבערנאַטאָר און איז אים מקנא. זיין חלום צו ווערן אַ רב ווערט פאַרביטן מיט ווערן אַ שרייבער.

דער „יונגאַטש״ אין אים פירט אים אָבער צו אַ סקאַנדאַל. ער קאַרי־קאַטירט זיין רבינ׳ס תנועות און זשעסטן פאַר אַ גרויסן עולם און גראַד דאַרף דער רבי אַליין אַנקומען בעת מעשה. דאָס מאַכט אים עוקר צו זיין. אַ מערכה, וואָס ווילנע איז אַזוי נאָענט: די שטאָט פון משכילים, פון גרופּקעס ליבעראַלן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אים האָט שוין סיי ווי לאַנג געצויגן אַהין. זיינע גמרות וואָס ער בלעטערט דאָרט נאָך אין בית־מדרש, ווערן ביי אים שוין אַ צודעק אונטער וועלכן צו האַלטן גראַמאַטיקעס, געשיכטעס, און צו האָבן „טעג צו עסן״, ביז מ׳כאַפּט אים ביי דער עבירה, און ער, דער עילוי־לערנער מוז אָנהויבן צו לעבן פון העברעאישע לעקציעס.

גראַד מאַכט זיך — אַ גלח׳שער סטודענט נויטיגט זיך אין דערלערנען העברעאיש און ער, זאַלאַטקאָף, נויטיגט זיך אין פּרנסה און אָט אַזוי קומען זיך צוזאַמען דער פריערדיקער פּאָטענציעלער רב מיט אַ צוקונפטיקן גלח. ער נעמט שוין אויך דעמאָלט שרייבן קאָרעספּאָנדענציעס אין „המליץ״ און „הצפירה״.

די ווילנער אָרעמשאַפט, דער לומפּן פּראָלעטאַריאַט, וואָס ער זעט און נאָך מער די אַטמאָספערע פון סטודענטישע רעוואָלוציאָנערן רודערן אים אויף. ער האָט חתונה, אויך סקאַנדאַל־מעסיק. ער כאַפּט אַ מיידל, וואָס איז שוין אָט־אָט געגאַנגען צו דער חופה מיט אַ רייכן זונדל און איז זי מקדש כמעט מיט גוואַלד, פאַר עדות. דאָס מאַכט אים שוין ווידער עוקר צו זיין פון דער גאַנצער געגנט.

און אָט זעען מיר אים שוין אין דער רעדאַקציע פונ׳ם העברעאישן „היום״ אין פּעטערבורג, וואו ער שרייבט אונטער׳ן פּסעוודאָנים „זקף גדול״, און אָט פאַרלאָזט ער אינגאַנצן רוסלאַנד, קומט קיין פּאַריז, לערנט אַליין, הערט אויך פריי לעקציעס אין סאָרבאָנע, האַלט זיך אויף מיט אָנשטרענג־גונגען אין משך פון דריי און אַ האַלב יאָר צייט, קלייבט אָן אַ ביסל געלט און אין 1887 זעען מיר אים שוין אין לאָנדאָן. ער קויפט דאָרט אָפּ אַ פאַרלאָזענע, קליינע דרוקעריי, ווערט צוגעצויגן צו די ראַדיקאַלע קרייזן פון אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן. דרוקט אין דער דרוקעריי דעם „אַרבעטער פריינט״. מיט דער צייט באַקענט ער זיך מיט ב. פייגענבוים׳ען און זיי שרייבן צוזאַמען אָן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור „הגדה של פסח״, אַרויסגעגעבן פונם „בערנער סטריט קלוב״ אין 1888.

אין דעם זעלבן יאָר קרייצט ער שוין דורך דעם אַטלאַנטיק און פאַר־פלאַנצט זיך אין שיקאַגאָ. זיינע קרייזן אין וועלכע ער פאַרקערט זיינען די אַרבעטער־קרייזן. ער באַטייליקט זיך אין דער יידישער טרעיד־יוניאָן באַ־וועגונג און גרייט זיך צום שטודירן אין שיקאַגער אוניווערסיטעט.

זיינע גבעניאַלע פייאיקייטן זיינען נאָך נישט פאַרוויאַנעט. ער האַלט שנעל אויס די איינטריט עקזאַמענס און פאַרענדיקט אין די מיטל 90־ער יאָרן דעם יורידישן פאַקולטעט. אין אָנהויב נוצט ער זיינע פייאיקייטן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, ער ווערט אַ גלענצנדיקער רעדנער. טרעט אַרויס אויף גרויסע פּאָליטישע מיטינגען מיט דערפאָלג. די בירגערלעכע פּאָליטישנס האָבן אָבער אין גיכן דערשמעקט, אַז ער וועט זיך לאַנג ניט לאָזן בעטן, ווען זיי וועלן אים עפּעס אונטערטראָגן. ווערט ער טאַקע באַשטימט אויף אויסצופילן אַ טערמין פון אַ באַשולדיקונגס־יוריסט (פּראָסעקיוטינג אַטאָרני).

אין גיכן ציען אים צו די יידישע בירגערלעכע פּאָליטישנס צום „יידישן קוריער״. פייאיק איז ער, אַן ערודיציע האָט ער, און קיין סך געזונט, קענטיק, קאָסט אים ניט דער איבערלויף אינ׳ם פיינטלעכן לאַגער — ווערט ער אַ דערפאָלגרייכער רעדאַקטאָר פונם „יידישן קוריער״, פון דער שיקאַגער אויסגאַבע פון „אידישן טאַגעבלאַט״, פונ׳ם וועכענטלעכן „אידישן רעקאָרד״ און אַנדערע פּראָווינציעלע אויסגאַבן.

עס איז אים קענטיק גרינג דער איבערגאַנג פון דער אַטעאיסטישער „הגדה של פסח", צו דער „אמת'ער" „גדיא". דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ ציגעלע.

אַלס דערפאָלגרייכער רעדאַקטאָר פון דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע ווערט ער גיך באַקאַנט אין די ברייטע קאָנסערוואַטיווע קרייזן פון דער יידי־שער אַמעריקע. אין 1911 לאַדעט מען אים איין פון ניו יאָרק צו קומען רעדאַגירן דעם „אידישן טאַגעבלאַט". ער ווערט אַ הייסער ציוניסט און מ'איז אים מכבד אויף אַ געוויסער צייט מיט דער רעדאַקציע פונ'ם וואָכנ־בלאַט „דאָס יידישע פאָלק", דער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע פון אַמעריקע. אַ געוויסע צייט אויך רעדאַקטאָר פונ'ם העברעאישן „קרן־אור".

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן ווערט ער אַ מיטאַרבעטער פונ'ם אָרטאָדאָקסישן „מאָרגן־זשורנאַל". ער שרייבט אויף פיל געביטן — פּאָליטיק און קריטיק, געשיכטע און ראָמאַנען. מערסטע פון די ראָמאַנען זיינען שנעל אויפגעכטריגעווען, בלויז פאַר'ן מאָמענט אויסצופילן צייטונגס־שטח. ער האָט זיי געשריבן אָן גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען. אייניקע פון זיי זיינען אַרויס אין בוכפאָרם און געווען היפשלעך גאַנגבאַר אפילו אין איראָפּע, אַזעל־כע, ווי למשל, „די וועלט־באַנדיטן", „די שוואַרצע האַנט", „צווישן ליבע און מיליאָנען" און אַנדערע. אָבער שרייבן האָט ער געקענט מיט ווערטפולן אינ־האַלט און קאָליר. אַ גוטער עדות איז דער ראָמאַן „פון ווילנע ביז האָלי־וואוד", וואו זיין סינטעטיזירטער, טיילוויז אויטאָביאָגראַפישער העלד, ווערט אַן אַקטיאָר און דערנאָך אַ רייכער פילם־מאַגנאַט.

צווישן די פאַרשיידענע גרעסערע ווערק, וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין די צוואַנציקער יאָרן, אין זיין פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער אַרבעט „דער מענטש און זיין וועלט". דאָס איז אַ קולטור־געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן די פאַרשיידענע שטופן פון ציוויליזאַציע, וואָס די מענטשהייט האָט דורכ־געמאַכט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יידישער געשיכטע. זיינע פּסעוודאָנימען זיינען: דר. אל. קלאָרמאַן, בן זאב, זאָלאָטאָראָווסקי, און אַנדערע

לעאָן זאָלאָטקאָף איז געווען זייער אַ באַגאַבטער מענטש, אָבער פון זיינע גרויסע, דערשטוינלעכע פעיאיקייטן אין די יונגע יאָרן האָט זיך פּאַקטיש „אויסגעלאָזט אַ טייך". אין די בירגערלעכע קרייזן האָט ער געמוזט נעמען זשאַווערן מיט אָרטאָדאָקסישן ראָסט. ער האָט געקענט זיין אַ קולטור־קראַפט פון היפשער קוואַליטעט. זיינע פעיאיקייטן זיינען אָבער פאַרטאַכלעוועט געוואָרן אויף דעם פאַרבייגייענדיקן, צייטווייליקן צייטונגס־פּאַפּיר.

מיטן אויסנאַם פונ'ם „שיקאַגער קוריער", וואו ער איז ווידער געווען שעף־רעדאַקטאָר אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, זיינען אַלע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס ער האָט רעדאַגירט שוין איצט אויפ'ן פרעסע בית־עלמין.

ער איז אָבער ניט דער איינציקער קרבן פון געשטרויכלט ווערן אין דעם אבן־נגף פון אָפּאָרטוניזם. ווען ער איז געשטאָרבן אין עמיטוויל, לאָנג איילאַנד, דעם 31 יולי, 1938, האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, צו וועלכער ער האָט אפשר אַמאָל געהאַט אַן עכטע וואָרעמע ליבשאַפט, נישט געפילט קיין פאַרלוסט. ער איז פאַר איר געווען אַ גע'גט'ער, פונקט ווי זיין יונג ווייבעלע, אינ'ם דערמאָנטן ראָמאַן, וואָס ער האָט מקדש געווען און דערנאָך געשיקט איר פון אַמעריקע אַ גט.

קאַפּיטל זיבעציק

דר. חיים זשיטלאָווסקי —

אַ גרויסע מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט



דר. חיים זשיטלאָווסקי — אַ באַוואוסטע פירמע אין די ספערן פון יידיש־רײדנדיקע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען און סאָציאַליסטישע גרופּירונגען אין משך פון איבער פינף יאָרצענדליקער. אַ פילאָסאָפירנדיקער פירער און אָרגאַניזירער פון פּאַרטייען, גרינדער און באַגרינדער פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, פון די עקסטעריטאָריעלע סעימיסטן, פון דער יידישיסטישער באַוועגונג, איינער פון די שענסטע רעדנער און לעקטאָרן אין יידיש, איינער פון די באַרייכערער און פלעגער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור — דער פאַרדינסטפולער קולטור־כוח אין יידישן פּראָגרעסיוון לעבן, וואָס איז נאָך ביי דעם היינטיקן טאָג, איבער פערצן יאָר נאָך זיין טויט (1957) אַלץ ווירקזאַם און פילבאַר.

אין אונדזער קולטור־ספערע איז ער געווען איינער פון די העלסטע שטערן.

צי איר זייט געגאַנגען אין דער פינצטערער נאַכט לויטן ציטערדיקן ליכט פון אַן אַנדער לאַנטערן, צי איר זיינט אַ געבענטשטער מיט אייגענע ליכטיקע אויגן, איז אָבער זיכער, אַז פונקען פון ז י י ן ליכט האָבן אייך אויך געדינט, צי איר זיינט באַוואוסטזיניק וועגן אים, צי איר האָט אים קיינמאָל אין די אויגן ניט אָנגעזען.

אויב דאָס לעצטע איז דער פאַל מיט אייך, האָט איר פיל פאַרלאָרן. אַזאַ פּערזענלעכקייט צו ז ע ן בלויז, הנאה צו האָבן פון דער הערלעכקייט, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום איר, פּשוט דאָס פאַרגעניגן צו ז ע ן די פיגור און דעם טראַט פון אַ יידישן פּרינץ, און דאָס זוניקע געשטאַלט, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון צווישן טויזנטער איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע געשעעניש.

אָבער נישט בלויז האָט ער גֶעהאַט פּאַטאָגענישע קוואַליטעט, ער איז — און דאָס איז דער עיקר — געווען אַן ענין צו הערן. און צו הערן מיט ביידע אויערן: די גוטע „האַי־פידעליטי״ מוזיק פון זיין שפּראַך, זיין חיתוך הדיבור, זיין רייכע לעקסיק, זיין בילדער־רייכקייט, זיינע מעטאַפאָרן, זיין הסברה, און מיטן צווייטן אויער הערן זיין לאָגישן, וויסנשאַפטלעכן אויסלייג פון זיינע געדאַנקען. דער אופן ווי אַזוי ער האָט זיי געשפּונען און אויסגעוועבט אין די פיינסטע אוזאָרן, האָט איר בלויז געקענט געפינען אין די טייערסטע פּערסישע טעפּיכער און וועניציאַנישע מוסטערן.

איר האָט ניט געמעגט איינשטימען מיט זיינע טעזיסן, מיט זיין אַי־דעאַליסטיש־קאַנטיאַנישן וועלט־אַנשוי, מיט זיינע נאַציאָנאַליסטישע אויס־פירן, אָבער זיין קונסט פון פּאַרטראָגן, פון מוזיקאַלישער אינטאָנאַציע, פון סקולפּטאָרישער מאַלעריי פון פּראָפּאָזיציעס און געדאַנקען, האָט איר גע־וואונטשן אַלע אייערע גוטע פריינט אינם אָראַטאָרישן און לעקטאָרישן שבט.

ער איז געווען געגנוג ערודיש, געשולט און געלערנט אין געשיכטע, אין נאַטור־וויסנשאַפט און פּסיכאָלאָגיע, אַז ער זאָל קענען אָפּשאַצן זיין איזגענעם ווערט, אָבער אין דער זעלבער צייט געגנוג ווירדיק, אַז ער זאָל וועגן דעם ניט אַראָפּשרייען פון דאַך אַראָפּ...

אויב עס זיינען געווען אין זיין צייט צוויי צענדליק יידן, וואָס זיינען גע־ווען ראוי געגנוג צו גיין מיט אַ שטראַלן־קראַנץ אַרום זייער קאָפּ, איז דר. חיים זשיטלאָווסקי געווען איינער פון זיי.

איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט זיין נאָמען געשימערט אויף ביידע זייטן ים, אויף ביידע העלפטן פונם ערד־קיילעך, און ווען זיין ליכט האָט זיך פאַרטויכט אין די טיפע שאָטנס פונם טויט, האָט זיך אַ לעש געטאָן אין די הערצער פון צענדליקער טויזנטער פאַרערער אין אַ גרויסן טייל וועלט.

פונדעסטוועגן האָבן זיך געפונען די טרויעריק־באַרימטע שמעון און לוי׳ס, וואָס האָבן אויף אים געטראָטן נאָך זיין טויט, און פאַראומרייניקט זיין כבוד, פונקט ווי זיי האָבן עס נאָך געטאָן ביי זיין לעבן, מיט די ווילדע אומפאַראַנטוואָרטלעכע באַשולדיקונגען, אַז ער איז געווען אַן „אַנטיסעמיט״, אַן „עוכר ישראל״, און וואָס נאָר אין קאָרט.

חיים זשיטלאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע אין אושאַטי, אַ קליין־שטעטל אין וויטעבסקער גובערניע. זיין פאָטער יוסף, האָט אין זיין יוגנט געקריגן העכערע בילדונג אין אָרטאָדאָקסיע, אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַן עילוי אָבער געוואָרן איז ער אַ בלעכער און שפּעטער אַ דערפאָלגרייכער סוחר פון פלאַקס, און געבראָכן די מתנגדישע טראַדיציע פון דער פאַמיליע און געוואָרן

אַ ליובאַוויטשער חסיד אונטער דער השפעה פון זיין רייכן חסידישן שווער, משה ווײַנשטיין.

חיימ׳קע האָט בלויז גע׳ירשנ׳ט פון דעם דאָזיקן רייכן זיידן זיין חסידישן ב ר ע ן און גלאַנץ, אָבער אַ סברה, אַז זיי נאָמען חיים, איז אַ נאָמען נאָכן מתנגדישן גרויסן גרינדער פון דער באַרימטער ישיבה, ר׳ חיים וואָלאָזשינער, אַ תלמיד פון ווילנער גאון.

די ערשטע דערציאונג, וואָס חיימ׳קע האָט געקראָגן אין חדר, איז ניט געווען אַ האָר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פונם דר. חיים זשיטלאָווסקי. עס איז געווען אַ חדר פונם טוכלען מין, אַלט־מאָדישע רביים מיט שמיץ און שמוץ, מיט פאַנאַטיזם און קלעריקאַליזם. אַ מערכה, וואָס דער פלאַקס־סוחר האָט זיך אויף געקענט פאַרגינען צו האַלטן אַ מלמד אין דער היים, און דערצו נאָך אַ ניט־יידישן רוסישן לערער.

צום גליק האָט חיימ׳קע געהאַט עטלעכע חברים, יידישע יינגלעך, וואָס זיינען געגאַנגען אין גימנאַזיע און דורך זיי געקראָגן אַ צוטריט צו דער רוסישער ליטעראַטור. זיין ערשטער ליטעראַרישער פּרואוו צו 12 יאָר, איז געווען דער פאַרמעסט איבערצוזעצן הערייעט ביטשער סטאָו׳ס „אַנקל טאָם״, פון א. מ. דיק׳ס יידישער איבערזעצונג, אויף העברעאיש. דאָס האָט שוין גענומען פירן דעם פייאיקן יינגל צו שיינער ליטעראַטור בכלל, פּאָעזיע בפרט.

איידער וואָס ווען זעען מיר שוין דעם יונגן בחור׳ל שרייבן לידער אין רוסיש. דער חשק צו זען זיך געדרוקט, וואָס איז אייגנטימלעך מערסטע קינ־דער פון דעם סאָרט, פירט אים דערווייל אַרויסצוגעבן אַ יידישע געשריבענע צייטונג, „וויטעבסקער גלעקלעך״, בחברותא מיט זיין יוגנט־חבר שלמה זאַנוויל ראַפּאַפּאָרט, דער שפּעטער־באַרימטער רוסישער און יידישער שריי־בער, ש. אַנסקי.

אין עלטער פון 14 יאָר האָט מען אים שוין דורך פּריוואַטע לערער געגוג צוגעגרייט, אַז ער זאָל אַליין אַריינטרעטן אין דריטן קלאַס גימנאַזיע. דאָס וואָס פיל ישיבה־בחורים האָבן גראַד אין דער ישיבה געמאַכט דעם קער צו מאַרקס׳ן און ענגעלס׳ן און געוואָרן סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, האָט חיים דורכגעמאַכט אין דער גימנאַזיע. די פלעמלעך פון רעוואָלוצי־אָנערער ליטעראַטור האָבן אים אויף אַזוי פיל פאַרסמאַליעט, אַז ער האָט שוין פאַרלאָרן דעם חשק ווייטער אַנצוגיין אין דער גימנאַזיע, און אין אָנ־הייב 1881 זעען מיר שוין דעם יונגן 16־יאָריקן בחור׳ל אין ק אַ ל ו ג אַ און שפּעטער אין ט ו ל אַ, עכט־רוסישע שטעט, וואו ער פירט אָן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער „נאַראָדנאַיאַ וואָ־ליאַ״ (פאָלקס־פרייהייט).

דער יידישער פונק גיט ביי אים אַ בליץ אויף דורך דער דעמאָלטיקער כוואַליע פון פּאַגראָמען, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט לויז־געלאָזן אין אוקראַאינע און ווייס־רוסלאַנד, וואָס האָט אייניקע פּאַנאַטישע נאַראָדאָ־וואָלצעס אין דער זעלבער צייט געמאַכט גלויבן, אַז די פּאָגראָמען זיינען, הייסט עס, אַ רעוואָלוציאָנערער אויסברוך פון די פויערשע מאַסן קעגן זייערע יידישע עקספּלואַטאַטאָרן, און אַז דאָס איז כלומרשט דער אָנהויב פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. חיים האָט זיך גלייך אָפּגעטרייסלט פון אַזאַ „רעוואָלוציע", און ווידער זיך אינגיכן געפונען אין זיין וויטעבסקער היימשטאָט. די ב י ל ו"י ־ באַוועגונג האָט שוין גענומען אויך דאָרט אַריינ־דרינגען (בילו: בית יעקב לכו ונלכה).

ביי דעם יונגן 18־יאָריקן בחור'ל האָבן זיך גענומען אויסצייטיקן, טאָקע צוליב די מאָדנע אויסטייטשונגען פון „יידישע עקספּלואַטאַטאָרן", געדאַנ־קען וועגן צוריקברענגען די גרויסע יידישע אָרעמע מאַסן צו דער ערד. דאָס האָט געשטימט טיילווייז מיט דער באַוועגונג פון די חובבי־ציון צו באַזעצן יידן אויף דער ערד, אין פּאַלעסטינע, אָבער ער גלויבט אין יענער צייט ניט אין אַזאַ פּאַלעסטינער באַזעצונג. „אין דער סאַכע ליגט די מזל־ברכה" — א ו מ ע ט ו ם. אין רוסלאַנד איז פאַראַן גענוג אומבאַזעצטער ערד־באָדן, וואו יידן קענען זיך באַזעצן.

אין אַזאַ פאַל, האָט חיים געטראַכט, וועלן יידן בילדן אַ נאַטירלעך־גע־זונטן קיבוץ. מיט דער הילף פון דער רעוואָלוציע וועלן זיי זיך דערווערבן רעכט אויף אַרבעט, אויף בילדונג, אויף לאַנד־באָדן און אויף אַן אייגענער קולטור. פאַרשיידענע פּלענער האָבן זיך דעמאָלט געוועבט אין זיין מוח, ווי אַזוי צו פאַרשפּרייטן ברייט די דאָזיקע געדאַנקען: אַ פאַרלאַג פון ביכער אין יידיש, אַ יידישע צייטונג, אַן אומלעגאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קעמפן פון איין זייט קעגן די חובבי ציון, וואָס ווילן בלויז יידישע פּוי־ערים אין פּאַלעסטינע און פון דער צווייטער זייט פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער סאָציאַליסטישער צוקונפט מיט יידיש אַלס די נאַציאָנאַל־שפּראַך. ער האָט שוין אפילו געהאַט אַ נאָמען פאַר דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע — „תשועת ישראל". אָבער אָן פינאַנציעלע מיטלען איז דער בעסטער נאָמען קיין רפואה נישט.

אוודאי מוז ער די אַלע פּלענער אָפּלייגן אויף שפּעטער. דערווייל גיט אים דער פאָטער אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין פּעטערבורג שטודירן גרינט־לעך יידישע געשיכטע. די קייזערלעכע ביבליאָטעק אין דער דעמאָלטיקער הויפּט־שטאָט האָט געהאַט אַ נאָמען מיט איר רייכן יידישן אָפּטייל. האָט זיך חיים דאָרט אַוועקגעזעצט מיט התמדה שטודירן, און אין צווישן־צייט געשריבן

לידער אין רוסיש. דאָס איז געווען שוין אין 1887. חיים האָט אויך געפונען צייט מיטצואַרבעטן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער די פּאָליציי האָט אים גענומען פאַרדעכטיקן אין דער מלאכה און אים אַוועקגעשיקט פון פּעטערבורג.

אינגיכן עטאַבלירט ער זיך אויף אַ שטיקל צייט אין מאָסקווע, וואו ער שרייבט אָן און פאַרעפּענטלעכט זיין ערשטע פּובליציסטישע שריפט, אין רוסיש — „געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע שיקזאַלן פון אידנטום". דאָס האָט אַרויסגערופן אין די יידישע קאָנסערוואַטיווע קרייזן אַ גאַנצע סומאַ־טאָכע. די עפּיטעטן פון „עוכר ישראל" און „יידישער אַנטיסעמיט" מיט וועלכע מ׳האָט אים מכבד געווען, האָבן גאָר געשטאַרקט זיין אייגענעם באַ־וואוסטזיין, אַז ער שטייט אויף אַ ריכטיקן באָדן.

דערפאַר האָט די רוסישע ליבעראַלע פּרעסע, לעגאַלע און אומלעגאַלע, געגעבן דעם יונגן שרייבער׳ס ערשטן בוך אַ פיינעם קבלת פּנים. זיי האָבן אין אים דערקענט ניט נאָר אַן אומדערשראָקענעם קעמפער, נאָר אויך אַ נייעם גייסט און היסטאָרישן פאָרשער פון היבשן סאָציאַלן באַדייט.

זינט די סוף־צוואַנציקער יאָרן, ווען די פרייהייט־סטאַטוע, אין ניו־יאָרקער האַפן, האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך מיטן פאַקל אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט, זיינען צענדליקער טויזנטער אימיגראַנטן באַגריסט געוואָרן פון אירע העלע שטראַלן. צווישן זיי זיינען געווען געסט פון איירא͏פּע, שליחים פון סאָציאַליסטישע פאַרטייען און פונם „בונד". אָבער פיל פון די, וואָס זיינען שוין דאָ געווען אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, קענען ניט פאַרגעסן דעם באַגייסטערטן קבלת פּנים, וואָס עס האָט געקראָגן אין סוף־זומער, 1904, די דעלעגאַציע פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

און עס איז ניט געווען דערפאַר, ווייל אין דער דעלעגאַציע איז געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי, איינער פון די גרינדער פון דער פּאַרטיי, נאָר צוליב דער אַלטער קעמפערין, די באַבע („באַבושקאַ") פון דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, קאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ. אָבער דאָס איז נאָך אויך נישט געווען דער סאַמע עיקר.

דאָס איז געווען אַ התעוררות, אַן אויפלעב פונם קאָשמאַר, וואָס די קישינעווער און האָמלער פּאָגראָמען האָבן געהאַט אָנגעטראָגן אויף די יידישע ראַדיקאַלע קרייזן אין לאַנד, אַ רעאַקציע פונם יאוש, וואָס האָט גע־האַט פאַרכאַפּט אפילו זייער ערנסטע, ערלעכע יידישע שרייבער, פון פּוילן און פון דאַנען, ווי י. ל. פּרץ, אברהם רייזען, דוד פּינסקי און אַנדערע. דער אויפלעב האָט זיך צעטראָגן פון די קלעפּ, וואָס די צאַרישע אַרמייען האָבן געליטן פון די יאַפּאַנער ביים יאלו און פון דעם באַמבען־קראַך, וואָס האָט

צעריסן אויף שטיקער דעם הויפט־אָרגאַניזאַטאָר פונם קיעשענעווער פּאָגראָם, דער מיניסטער פאָן פּלעווע, דורך דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון די סאָ־ציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן.

דער קבלת פנים פאַר דער דעלעגאַציע אין ניו יאָרקער קופּער יוניאָן, איז אויף אַזאַ אופן געווען אַ היסטאָרישע פּאַסירונג. די „באַבושקאַ" איז פאַר־פלייצט" געוואָרן פון טרערן, וואָס האָבן גערונען פון הונדערטער אויגן, טרערן פון פרייד, וואָס זיי הערן לעבעדיקע ווערטער פון איינער, וואָס איז שוין געווען לאַנגע יאָרן אַ לעבעדיק־באַגראָבענע אין צאַרישע קאַזעמאַטן. אַ לאַנגער דונער פון אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך צעקייקלט, ווען זי האָט געהאַלטן איר קורצע רעדע.

אַז דער אומבאַקאַנטער צווייטער דעלעגאַט, דר. חיים זשיטלאָווסקי, האָט זיך געשטעלט ריידן, האָט מען אים שוין אויפגענומען מיט שוואַכע, צופעליקע פון דאָ און דאָרטן אַפּלאָדיסמענטן, אָבער דער דרייסיק יאָריקער זשיטלאָווסקי האָט אין געציילטע מינוטן „גע'גנב'עט" די הערצער פונם לכתחילה קילן צו אים עולם. עס האָט זיך דערהערט אַ קול — אַ ליכטיקער און וואָגיקער אין אַ רוסיש פון מוזיקאַלישן טעמבער, וואָס האָט גלייך אויפ־געשפּיצט אויערן און געעפנט מיילער. „דער מענטש האָט וואָס צו זאָגן.." האָבן זיך אויגן שנעל דורכגעוואונקען „אַך, וואָס פאַר אַן אָראַטאָר!", האָט מען געשאָקלט מיט די קעפּ אין עקסטאַז.

באַשרייבט לעאָן קאָברין זייער אויספירלעך דעם דאָזיקן אָוונט אין אַן אַרומנעמענדיקן אַרטיקל „דר. זשיטלאָווסקי — דער מענטש" און שליסט אים אין זיינע לעצטע צוויי פּאַראַגראַפן: „אַז ער האָט געענדיקט האָט דער עולם אים געמאַכט אַן אָוואַציע און די אַלטע באַבושקאַ ברעשקאָווסקאַיאַ האָט זיך מיט אים צעקושט אויף דער פּלאַטפאָרמע נאָך דער רעדע.

„אין יענעם אויפדערנאַכט איז פאַרן היגן עולם געבוירן געוואָרן אַ נייער גרויסער רעדנער — דר. חיים זשיטלאָווסקי.." (אידישע קולטור, 1934)

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דער דאָזיקער ניי־געקומענער „גרינער" האָט באַוויזן ניט נאָר, אַז ער איז אַ גרויסער אָראַטאָר, נאָר נאָך אַ גרעסערער דעבאַטאַנט. ער האָט „צעקלאַפּט" אַזעלכע באַרימטע רעדנער פון יענער צייט, ווי אַב. קאַהאַן און יעקב גאָרדין, דר. פאַרנבערג און דר. אינגערמאַן; די דעבאַטעס זיינען געווען אין רוסיש.

נו, האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זשיטלאָווסקי איז אַ גרויסער מאַדים אין רוסיש, אָבער אַז דער דאָזיקער „גרינער" הייבט דערנאָך אָן צו ווייזן נאָך גרעסערע „וואונדער" אין אַ קערנדיקן, פול־זאַפטיקן, רייכן י י ד י ש, איז שוין חך. חיים זשיטלאָווסקי עטאַבלירט ווי דער גע־קרוינטער קעניג פון דער אימיגראַנטישער לעקטאָרישער בינע.

לידער אין רוסיש. דאָס איז געווען שוין אין 1887. חיים האָט אויך געפונען צייט מיטצואַרבעטן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָבער די פּאָליציי האָט אים גענומען פאַרדעכטיקן אין דער מלאכה און אים אַוועקגעשיקט פון פעטערבורג.

אינגיכן עטאַבלירט ער זיך אויף אַ שטיקל צייט אין מאָסקווע, וואו ער שרייבט אָן און פאַרעפענטלעכט זיין ערשטע פובליציסטישע שריפט, אין רוסיש — „געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע שיקזאַלן פון אידנטום". דאָס האָט אַרויסגערופן אין די יידישע קאָנסערוואַטיווע קרייזן אַ גאַנצע סומאַ־טאָכע. די עפּיטעטן פון „עוכר ישראל" און „יידישער אַנטיסעמיט" מיט וועלכע מ׳האָט אים מכבד געווען, האָבן גאָר געשטאַרקט זיין אייגענעם באַ־וואוסטזיין, אַז ער שטייט אויף אַ ריכטיקן באָדן.

דערפאַר האָט די רוסישע ליבעראַלע פּרעסע, לעגאַלע און אומלעגאַלע, געגעבן דעם יונגן שרייבער׳ס ערשטן בוך אַ פיינעם קבלת פנים. זיי האָבן אין אים דערקענט ניט נאָר אַן אומדערשראָקענעם קעמפער, נאָר אויך אַ נייעם גייסט און היסטאָרישן פאָרשער פון היבשן סאָציאַלן באַדייט.

זינט די סוף־צוואַנציקער יאָרן, ווען די פרייהייט־סטאַטוע, אין ניו־יאָרקער האַפן, האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך מיטן פאַקל אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט, זיינען צענדליקער טויזנטער אימיגראַנטן באַגריסט געוואָרן פון אירע העלע שטראַלן. צווישן זיי זיינען געווען געסט פון אייראָפּע, שליחים פון סאָציאַליסטישע פאַרטייען און פונם „בונד". אָבער פיל פון די, וואָס זיינען שוין דאָ געווען אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, קענען ניט פאַרגעסן דעם באַגייסטערטן קבלת פנים, וואָס עס האָט געקראָגן אין סוף־זומער, 1904, די דעלעגאַציע פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

און עס איז ניט געווען דערפאַר, ווייל אין דער דעלעגאַציע איז געווען דר. חיים זשיטלאָווסקי, איינער פון די גרינדער פון דער פאַרטיי, נאָר צוליב דער אַלטער קעמפערין, די באָבע („באַבושקאַ") פון דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, קאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ. אָבער דאָס איז נאָך אויך נישט געווען דער סאַמע עיקר.

דאָס איז געווען אַ התעוררות, אַן אויפלעב פונם קאַשמאַר, וואָס די קישיניעווער און האָמלער פּאָגראָמען האָבן געהאַט אָנגעטראָגן אויף די יידישע ראַדיקאַלע קרייזן אין לאַנד, אַ רעאַקציע פונם יאוש, וואָס האָט גע־האַט פאַרכאַפּט אפילו זייער ערנסטע, ערלעכע יידישע שרייבער, פון פוילן און פון דאַנען, ווי י. ל. פּרץ, אברהם רייזען, דוד פינסקי און אַנדערע. דער אויפלעב האָט זיך צעטראָגן פון די קלעפּ, וואָס די צאַרישע אַרמייען האָבן געליטן פון די יאַפּאַנער ביים יאַלו און פון דעם באָמבען־קראַך, וואָס האָט

סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פּראָגע" און זעצט זי איבער אין יידיש און רוסיש.

אָבער די צייט אין רוסלאַנד איז צו שטורמיש, אַז ער זאָל זיך באַזעצן דעמאָלט אינגאַנצן אין אַמעריקע. ער קערט זיך אום קיין אייראָפּע און באַזעצט זיך צייטווייליק אין ל עמבערג, וואו ער איז ניט ווייט פון דער רוסישער גרעניץ. ער פאַרשטענדיקט זיך מיט די סעימיסטן און אַרבעט גלייכצייטיק פאַר דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער פּרעסע, און פאַר דער סעימיסטישער פּרעסע אין ווילנע.

אין רוסלאַנד איז דערווייל אַרויסגעשטעלט געוואָרן זיין קאַנדידאַטור אַלס דעפּוטאַט אין דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער דומע פון וויטעבסקער גובערניע. זיין ברודער ד"ר מ. זשיטלאָווסקי האָט פאַר אים געדינט ווי אַ שילד. אָבער ער אַליין, חיים, ווען ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט די גרעניץ פון רוסלאַנד, האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע און אַפּטמאָל גאָר אין פינלאַנד. ער איז דערווײלט געוואָרן, ניט זייענדיק אין וויטעבסק, אַלס אויסקלייבער, אָבער סיי־ווי איז זיין קאַנדידאַטור גע'פּסל'ט געוואָרן.

ווי אומלעגאַל ער איז ניט געווען, האָט ער דאָך צוזאַמען מיט גריגאָרי גערשוני'ן זיך באַטייליקט אין וויכטיקע באַראַטונגען פון די עס־ערן, געווען צווישן די איניציאַטאָרן פון דעם קאָנגרעס פון אַלע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען געשטאַנען אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די עס־ערן, געפאָרן צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט, אין 1907, און אויסגעקעמפּט אַ פאַרטרעטערשאַפט פאַר דער סעימיסטישער פּאַרטיי, ווי פאַר די עס־ עס.

ווען די רעאַקציע האָט אוממעגלעך געמאַכט זיין טעטיקייט אַלס רעדנער און לעקטאָר אין רוסלאַנד, און ניט זייענדיק קיין פּ י ר ע ר, וואָס קאָן, ווי אַ גענעראַל זיצן אין ערגעץ באַהאַלטן און קאָמאַנדעווען, האָט ער באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין אַמעריקע און מאַכן זי פאַר זיין ה י י ם. דאָס איז פאָרגעקומען אין אָנהייב 1908. אוודאי פאָרט ער ווידער מיט אַ שליחות פון זיין עס־ערישער פּאַרטיי און פון דער סערפּ־פּאַרטיי און איינער פון זיינע אויפטוען איז די גרינדונג פונם חודש זשורנאַל „דאָס נייע לעבן". דאָס איז געווען אַ זשורנאַל, ניט ווייניקער ערנסט ווי „די צוקונפט", אָבער מיט אַ שאַרפערער אויג אויף אַ ריי נייע פּראָבלעמען, וואָס די „צוקונפט" האָט ביז 1908, ווען ווינטשעווסקי איז געוואָרן איר רעדאַקטאָר, קנאַפּ־וואָס אָדער גאָרניט באַרירט.

דער זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" האָט גלייך פון אָנהייב געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס דאָס האָט געמיינט יידישע פּראָגרעסיווע קולטור, יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, קאַמף קעגן

עם־הארצות, און אין אַ געוויסן גראַד — אַנטי־מאַרקסיזם, און סימפּאַטיע צום רעוויזיאָניזם. אַ סברא, אַז אַ היפּשער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט דורכן „נייעם לעבן" ביסלעכווייז געקריגן אַן אַנדער אָריענטאַציע אויף י י ד י ש און נאַציאָנאַלע יידישע פּראָגעס. ווינטשעווסקי'ן אַליין זעען מיר שוין אין אַן אַרטיקל אינם „נייעם לעבן", אין 1911, ווי ער טרעט אַרויס פאַר דער חשיבות פון יידיש און יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

אינם זעלבן יאָר פאָרט זשיטלאָווסקי צום קאָנגרעס פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין לאָנדאָן, פאָרט אַלס דעלעגאַט פון „סערפּ" צו דער זיצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, און גלייך דערנאָך זעען מיר אים אויף דער היסטאָרישער קאָנפערענץ וועגן דער יידי־שער שפּראַך אין טשערנאָוויץ, אויף וועלכער ער איז געוועזן איינער פון די באַוועגלעכסטע טאָן־געבער, פּאַרזיצער און פירער, און וואו יידיש איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם יידישן פאָלק.

דאָס יאָר 1908 אַליין און די דערמאָנטע היסטאָרישע קאָנפערענץ זיי־נען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּילזייטיקער, פיל־ווינקלדיקער טעטיקייט פונם געוואונענעם נייעם תושב אין דער יידישער אַמעריקאַנער ראַדיקאַלער גאַס, וואָס האָט דורכגעלעבט אין יענער צייט איר העכסטן צוואוקס.

דאָס איז געווען די צייט, ווען דר. זשיטלאָווסקי האָט אויסגעאיבט זיינע איינפלוסן ניט בלויז דורכן „נייעם לעבן", וואָס איז מיט קליינע איבעררייסן דערשינען ביזן יאָר 1913, נאָר נאָך מער און שטורעמדיקער, דורך זיינע לעקציעס, וואָס האָבן געצויגן די האַרכזאַמסטע אויערן פון דער יידישער נאַ־ציאָנאַלער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, און פון באַדייטנדיקע שיכטן יידי־שע אַרבעטער און פאָלקסמענטשן.

זשיטלאָווסקי האָט דער ערשטער, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, גע־שאַפן צווישן יידיש ריידנדיקע קרייזן אַ טיפן אינטערעס צו קולטור־פראַגן און פילאָסאָפישע ענינים, דורך זיינע אינטערעסאַנטע פאָרטראָגן. אין 1910 איז דערשינען זיין ערשט ווערק אין יידיש „די פילאָסאָפיע, וואָס זי איז און ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט".

אָבער איינער פון זשיטלאָווסקי'ס כאַראַקטעריסטישע שטריכן איז גע־ווען אין דער זעלבער צייט זיין אָפטער באַנייען זיך אין זינען פון צייט און אָרט, פון געדאַנק און געפיל. זעען מיר אים טאַקע, ווי ער טראָגט זיך אין 1913, אין איראָפּע, איבער די סטודענטישע קאָלאָניעס אין פראַנקרייך און אין בעלגיע, אין דייטשלאַנד, עסטרייך און גאַליציע מיט זיינע פאַרכאַפנדיקע לעקציעס און ער ווערט אומעטום אויפגענומען, ווי אַ גייסטיקער פרינץ, אפילו פון קעגנער.

איין-איינציקער אויסנאַם איז דאָס לאַנד, וואָס ער האָט מיט אַזויפיל ליבשאַפט שוין דעמאָלט אָנגערופן ארץ ישראל, כאָטש ער איז געווען אַ טעריטאָריאַליסט, און אים האָט דעמאָלט ניט געאַרט אין וועלכע טערי־טאָריע עס זאָל פאָרקומען די יידישע קולטור־קאָנצענטראַציע, דאָרט האָט ער קיין איין פאַרטראַג ניט געקענט האַלטן. די פאַנאַטיקער פון העברעאיש האָב׳ אים ניט דערלויבט אַרויסטרעטן אין דער עפנטלעכקייט.

דעם כהן גדול פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור איז פאַרבאָטן געווען אַרויסצוטרעטן פאַר די פשוטע כהנים, וואָס פּרואוון צוזאַמענשטעלן די ברעטער פון די ווענט און דילן, פון דעם יידישן משכן, וואָס זיי בויען!

וואָס פאַר אַ טראַגעדיע פאַר אַ קעמפער פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור!

פלענער, וויזיעס, טרוימען, אידעאַלן,ליידנשאַפטן — ווער האָט זיי ניט אין דער גאָלדענער יוגנט? דער יונגער סענסיטיווער און פייאיקער חיים זשיטלאָווסקי האָט, אויב עפּעס, געפילט זיי פלאַקערדיקער, העלער, אויב ניט העלישער.

אין זיינע זכרונות דערמאָנט זשיטלאָווסקי, אַז ניט קוקנדיק אויף אַ היפּש ביסל איבערגעבליבענער פרומקייט ביי זיי אין הויז, איז די אַטמאָ־ספערע געוואָרן דורכגעדרונגען מיט אַ היפּש ביסל עולם־הזה׳דיקייט, זיין פאָטער, דער גרויסער למדן, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ רב, האָט אַלס וואַלד־סוחר מיט ברייטער פרנסה, זיך ניט אָפּגעזאָגט אויך פון עולם הזה. איז מען פאַרמעגלעך געוואָרן — האָט מען טאַקע געהאַט שוין אַ גרויסן געראוויכערטן לאַקס און אַנדערע פיינע מאכלים, אַלערליי וויינען, משרתים, נייע מעבל, מלבושים, אפילו נייע נעמען פון קינדער — ר ו ס י ש ע נעמען.

נו, טאַקע — פּאַסט פאַר אַ גימנאַזיסט צו רופן זיך חיים? איז ער געוואָרן י ע פ י ם. אפילו דער פרומער פאָטער האָט זיך שוין געקענט פאַר־גינען לייכטע עבירה׳לעך. איז יעפים אוודאי ניט געווען קיין אויסנאַם. בפרט נאָך שפּעטער ווען ער איז שוין צוריקגעקומען פון טולע, פון פעטערבורג און מאָסקווע. ער האָט דאָך שוין אפילו פאַרזוכט פון דער ליידנשאַפט צו „זיין עפּעס“, צו האָבן געוואָרן אַרויסגעשיקט...

אָבער פון אַלע ליידנשאַפטן, ערדישע און גייסטיקע, האָט ביי אים גע־נומען וואַקסן די ליידנשאַפט צו זיין אַ ל ע ר ע ר. מיר זעען אים שוין סוף 1887 צוריק אין וויטעבסק, וואו ער פּראָפּאַגאַנדירט אין די יוגנטלעכע זעלבסט־בילדונג קרייזן, לייענט לעקציעס, שרייבט און העקטאָגראַפירט רעוואָלוצי־אָנערע פּראָקלאַמאַציעס אין גייסט פון די נאַראָדאָוואָלצעס.

אוודאי איז עס געווען אַ זאַך פון איבערצייגונג, אָבער ניט ווייניקער

איז עס געוועןליידנשאַפּט. ער קלייבט זיך פאָרן קיין גאַליציע כדי צו קענען פירן אַ טעטיקייט צווישן ברייטערע יידישע פאָלקס־מאַסן.

ווען פון דעם פּלאַן ווערט גאָרניט, פאָרט ער קיין בערלין. ער טרעפט זיך דאָרט מיט פאָרשטייער פון דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", וואָס זוכט זיין אַנטייל אין איר יידישער גרופּע. זיי פּלאַנירן אָנצוהויבן אַ יידישע צייטונג, אַ פאַרלאַג פאַר רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור.

אָבער אויך די דייטשע פּאָליציי פאַרדעכטיקט דעם יידישן בחור, וואָס קאָנספּירירט מיט פּוילישע רעוואָלוציאָנערן און שיקט אים אַרויס פון בערלין אויפן גרונט פון דעם „אַנטי־סאָציאַליסטישן געזעץ". אָבער די זומער־מאָנאַטן פון 1888, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין בערלין ביז דער אַרויס־שיקונג, באַטראַכט זש. אין זיינע דעראינערונגען, ווי די „גליקלעכסטע מאָ־נאַטן אין זיין לעבן". זיין פרוי, ווערא סעווועריאַנאָווא, איז ניט געווען די איינ־ציקע, וואָס האָט אים פאַרשאַפט די דאָזיקע גליקלעכע מאָנאַטן.

ווי ער באַשרייבט זיי דאָרט, האָט ער ערשט דערפילט אין בערלין, אַז „זיין נאָמאַדישער אַרומוואַנדערן אין דעם מרחב (רוים) פון דער מענטש־לעכער געדאַנקען־וועלט איז פאָרט ניט געווען קיין קאַפּריז פון אַ „פּרא למוד מדבר" (אַ ווילדער אויסגעכאָוועטער אין מדבר). דאָס איז געווען אַ נישטערן איבער די פאַרשיידנסטע ראַדיאוסן פון מיין האָריזאָנט. זיי אַלע האָבן ווי שטראַלן זיך געצויגן צו דער צענטראַלער זון, וואָס האָט באַהערשט מיין גאַנץ לעבן... די צענטראַלע זון פונם סאָציאַליסטישן אידעאַל". ווערא די טיף־פילנדיקע סאָציאַליסטקע איז געווען אין אים פאַרקערפּערט. ווי זיי וואָלטן ביידע פאַר אים געווען איין מהות.

ער פאַרזיכערט, אַז אין בערלין זיינען דעמאָלט פאַרזייט געוואָרן די קערנדלעך פון זיין שפּעטערדיקן סאָציאַליסטישן באַנעם אין דעם „ריכטיקן באַדייט פונם מאַרקסיזם". אָבער אפילו אין צ י ר י ך, אין דער באַרימטער שווייצאַרישער שטאָט, וואו ער האָט זיך באַזעצט און שטודירט אין אוני־ווערסיטעט , האָט ער פּאַקטיש נאָך לאַנג ניט דערשלאָגן זיך דעמאָלט דעם ריכטיקן באַדייט פון מאַרקסיזם, כאָטש ער האָט ערלעך אַזוי געמיינט. געווען איז עס אָבער ד ע ר מאַרקסיזם, וואָס עס האָבן אויסגעטייטשט די ביטערסטע קעגנער פון מאַרקס'ן, ניט דער, וואָס איז אַרויסגעקומען אין די שריפטן פון ענגעלס'ן, פּלעכאַנאָוו'ן, לענינ'ען און אַנדערע. איבער פיר צענדליק יאָר האָט געדויערט ביז זשיטלאָווסקי האָט גענומען דערזען דעם מאַרקסיזם אין ז י י ע ר ל י כ ט.

דאָס זיינען געווען די יאָרן ,ווען דער געראַנגל פון די רוסישע פאָלקס־

סאָציאַליסטן, די „נאַראָדניקעס“, מיט די מאַרקסיסטן, האָבן אָנגענומען פאַר־שאַרפטע פאָרמען, די גרופּירונגען האָבן זיך געטיילט אין קעגנערישע לאַגערן. אין ציריך האָט זיך זשיטלאָווסקי באַקענט מיט חנן ראַפּאַפּאָרט, (דער שפּעטערדיקער פראַנצויזישער קאָמוניסט שאַרל ראַפּאַפּאָרט) און מיט אים צוזאַמען געגרינדעט אַ „געזעלשאַפט צו קעמפן קעגן הונגער“, וואָס האָט שרעקלעך געטראָפן דעם רוסישן דאָרף. ער אַליין איז אויך געווען ניט ווייט פון הונגער, ווען ניט די קליינע פּענסיע, וואָס ער האָט געקראָגן פונם סטודענטן־פאָנד, צוליב דער באַמיאונג פונם פּראָפעסאָר לודוויג שטיין, וואָס האָט פון אים געהאַלטן און מקרב געווען.

ווען דער פּראָפעסאָר איז שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אין בערן און זשיטלאָווסקי איז אים נאָכגעפאָרן, האָט זיך פאַר אים דאָרט געעפנט אין דער גרעסערער גרופּע פון יידישע סטודענטן, אַ ברייטערער קאָנטאַקט סיי פאַר דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון די נאַראָדניקעס, סיי פאַר נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער יידישער טעטיקייט. דאָס האָט אים געגעבן אַ שטויס שוין אין 1891 אָנצוהייבן צו שרייבן און צו ריידן, אויף מיטינגען, ביסלעכווייז צומאָל אויך אויף יידיש.

דאָס איז ביי אים געווען אַן אָנהויב, די ערשטע פּאַזע פון פאַנאַנדערברענען אַ צווייטע מערקווירדיקע ליידנשאַפט — אַ קנאות, אַ פעטישיזם פון יידיש. די דאָזיקע שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדט (אין די אָנהייב 90־ער יאָרן) די מערהייט פון יידישן פאָלק, ווערט לויט אים דער איינציקער כוח צו פאַראייניקן זיינע הויפּט־טיילן אין איין גרויסן קולטור־פראָנט. אָן דעם דאָזיקן כוח קען לויט אים ניט זיין קיין רייד וועגן דער לייזונג פון דער יידישער פראַגע; אָן יידיש וועלן די יידישע אַרבעטענדיקע פאָלקס־מאַסן ניט זיין אומשטאַנד צוצוקומען צו אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אונטערן פּסעוודאָנים פון י. כאַסין שרייבט ער אָן, אין 1892, אין רוסיש נאָך אַלץ, זיין רוף צו אַ נייער יידישער אָריענטאַציע „יעווריעיסקי יעוורעיאַם“ פאַרן לאָנדאָנער פאַרלאַג פון „פאָנד פאַר אַ פרייער רוסישער פרעסע“, פון וועלכן ער איז געווען דער פאַרטרעטער אין דער שווייץ. די דאָזיקע היסטאָרישע בראָשור זיינע האָט, ווי אַ שטיין אין אַ שטייענדיקן וואַסער אָנגעהויבט אַ רייע כוואַליעס — פון פּראָטעסט אין מערסטן פאַל, פון גוטהייסונג אין אַ מער באַגרענעצטער צאָל.

אין דער בראָשור רופט זשיטלאָווסקי די יידישע אינטעליגענץ, וואָס איז שוין געווען טיילווייז, האַלב און גאַנץ אַסימילירט, צוריקצוקומען צום יידישן פאָלק און ראַטעווען די יידישע מאַסן פון פינצטערניש און אָרעמקייט, וואָס אפילו גלייכבאַרעכטיקונג וועט עס זיי ניט געבן.

זיין ערשטע זאַך אין יידיש, אַן איבערזעצונג פון ס. פרודאָמ׳ס פּאָעמע „דער חלום פון אַ ליידיקגייער", האָט איבערראַשט די לייענער פונם לאָנדאָנער זשורנאַל „די פרייע וועלט" און באַזונדערס דעם „זיידן" ווינטשעווסקי׳ן מיט זיין דערהויבענעם יידישן סטיל און ציכטיקייט פון דער שפּראַך. זיינע אייגענע רופן האָבן אים שוין פאַרפליכטעט אָפּצורופן זיך אויף די פראַגן פון יידישן לעבן אין דער שווייץ גופא. ער האָט זיך אפילו אַקטיוויזירט אַרום דעם פּלאַנירטן פאַרבאָט אויף יידישער שחיטה און אים באַקעמפט אין נאָמען פון יידישער אייניקייט.

מיטן דערווערבן זיך אין 1892 דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע פאַר זיין דיסערטאַציע וועגן דעם ערשטן ראַב"ד׳ס רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע הייבט זשיטלאָווסקי אָן צו דערוואַרטן אַן אָפּגעליידיקטע שטעלע אויף דעם בערנער אוניווערזיטעט אין דעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט. ער איז אָבער געוואָרן זייער אַנטוישט, אין אַנהייב, אין זיין פריערדיקן פראָטעקטאָר, פראָפ. לודוויג שטיין, וואָס האָט די שטעלע געגעבן אַ פרעמדן.

אָבער אין 1894 זעען מיר אים שוין ביי דער אָרגאַניזיר־אַרבעט פון דעם „פאַראיין פון רוסישע רעוואָלוציאָנערן", צוזאַמען מיט זיין פרוי, ווערא סערעזווריאַנאָוואַ, חנן ראַפּאַפּאָרט, מענדל ראָזענבוים און נאָך אייניקע, און ווערט איינער פון אירע פירער און באַגרינדער, מיטאַרבעטער פונם זשורנאַל „רוסקי ראַבאָטשי" פון „נאַקאַנוניע" און פאָרמולירט אויך שפּעטער אין 1898 די פראָגראַם פון דער עס־ערישער פאַרטיי אונטער דעם פּען־נאָמען ס. גריגאָרעוויטש.

אין יענע יאָרן קומט עס אַ ווײַלע אויס, אַז פון חיימ׳ען איז ווידער געוואָרן י ע פ י ם, אַז זיינע יידישע לעכצונגען זיינען שוין צעשמאָלצן געוואָרן אינם גלי פון דער נייער געגרינדעטער פאַרטיי. ער נעמט זיך דעמאָלט צו באַנוצן מיט דייטש ווי אַ צווייטע שפּאַך צו דער רוסישער. ער שרייבט ווערק וואָס קריטיקירן דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, וועגן סאָציאַליזם און דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָבער דאָס וואָלט געוועזן אַ פאַלשער איינדרוק. דר. זשיטלאָווסקי האָט גלייכצייטיק געאַרבעט אויך אַלס י י ד צווישן די יידישע סטודענטן. ער גרינדעט אין 1896 די „גרופּע יידישע סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד" אַרויסצוגעבן אויף יידיש סאָציאַליסטישע ליטעראַטור.

בעת י. בלומענשטיין איבערזעצט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", און באַאַרבעט די „מעשה מיט פיר ברידער", און עס ווערט איבערזעצט פראָפעסאָר ניזשיצקי׳ס „פאַרלעזונגען איבער סאָציאַלער עטיק", שרייבט זשיטלאָווסקי אַ פאָרוואָרט צו די דאָזיקע אויסגאַבן: „פאַרוואָס דווקא יידיש?" דער „בונד" וואָס האָט אַרויסגעגעבן די איבערזעצונגען נאָך זיין גרינדונג אין 1897, האָט

אָבער זשיטלאָווסקי׳ס פאַרוואָרט אויסגעלאָזן, ווייל די פראַגע „פאַרוואָס דווקא אידיש?״ וואָס ער האָט געשטעלט, און זיין ענטפער, אַז די אויפלעבונג פון דער יידישער שפראַך און ליטעראַטור איז דער וועג וואָס פירט צו דער סאָציאַלער אויפוואַכונג פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, איז נאָך געווען ביים „בונד״ אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן אין יענער צייט.

ערשט אין 1900 איז דאָס דאָזיקע פאַרוואָרט דערשינען אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס״. דערווייל איז זשיטלאָווסקי אַנוועזנדיק געווען אויפן ערשטן ציון־קאָנגרעס אין באַזעל אין 1897. זיין איינדרוק, וואָס ער האָט פון אים אַרויסגעטראָגן איז געווען אַ נעגאַטיווער — דאָס איז אַ בורזשואַזע באַוועגונג, וואָס איז פאַר די יידישע אַרבעטער „אַבסאָלוט רעאַקציאָנער און שעדלעך״.

אויף מאָרגן, אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג, וואו עס איז אַטאַקירט געוואָרן יידיש אַלס די „גלות־שפּראַך״, האָט זשיטלאָווסקי געקראָגן די געלעגנהייט אוועקצולייגן די ערשטע פּראָגראַם־רעדע פון זיין אידישיזם. וואָס ער האָט שפּעטער, אין עטלעכע יאָר אַרום ברייטער אַנטוויקלט אינם „פריינד״, אין אַ סעריע אַרטיקלען „דאָס יידישע פאָלק און די יידישע שפּראַך״, אונטער זיין רוסישן פּסעוודאָנים „ג. גאַידעראָוו.

אין זיין דערנעענטערן זיך צום „בונד״ האָט ער אונטער זיין יידישן פּען־נאָמען בן־אהוד אָנגעשריבן אין 1899 דעם אַרטיקל אין „אידישן אַרבעטער״ — „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס״. דער הויפּט־געדאַנק איז דאָרט געווען, אַז דער סאָציאַליזם איז ניט אין ווידערשפּרוך מיט דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון אונטערדריקטע פעלקער. אין דעם אַרטיקל רעדט ער שוין וועגן אַ יידישער שול־סיסטעם און אוניווערסיטעט ניט בלויז פון אַ יידישער ליטעראַטור.

אָבער דאָס זיינען נאָך אַלץ געווען יאָרן פון פאַרזייען „פרעמדע פעלדער״ פאַר דעם אומדערמידלעכן מיטליערין מאַן. ער אַנטוויקלט נייע טעטיקייטן אין רוסיש און אין דייטש. ער גרינדעט אַפילו אַ דייטשן פאַרלאַג פאַר פרייע סאָציאַלע פאָרשונגען, און דער דאָזיקער פאַרלאַג נעמט איבער דעם רעוויזיאָניסטישן זשורנאַל „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטן״.

צווישן זיינע יידישע טעטיקייטן איז די גרינדונג פון דער „אַגראַר־סאָציאַליסטישער ליגע צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליזם צווישן די יידישע פּויערים״, אָבער זיין ליידנשאַפט פאַר י י ד י ש, ווערט אַ ווילע געלאָשן מיט דער ליידנשאַפט פון ר י י ד ן, פון לערנען גרויסע מאַסן. זען זיין באַלדיקן איינפלוס, אַלס לערער, אויסער זיינע קאָנספּיראַטיווע פּאַרטיי־טעטיקייטן. ער אַנטוויקלט די לעקציעס צו דער מדרגה פון קונסט־דערהויבונגען.

מ׳באַוואונדערט זיין רוסיש, זיין רייכע לעקסיק און עכט קאָלוגער אויס־

שפראך. מען שטוינט איבער זיין דייטש, וואס איז אויך אנגעלאדן און איבער־פליסיק. זיין לעקציע אין יענער צייט איבערן „סינטעטישן מאניזם" ווערט דערנאך די פילאסאפישע באגרינדונג פון דער עס־ערישער פארטיי. שיר, שיר, וואלט ער אפשר אריינגעצויגן געווארן אין די דאזיקע אלגעמיינע ארבעטן, און ביסלעכווייז זיך ארויסגעגליטשט אינגאנצן פונם יידישן לעבן, פון וועלכן ער איז שוין לאנג געווען אפגעריסן.

איז אבער געקומען דער אומדערווארטעטער דונער פונם קישיניעווער פאגראם. די רעאקציע צווישן דער יידישער אינטעליגענץ איז געווען א שווערע. זי איז ניט געווען קיין גרינגע אפילו פאר זשיטלאווסקי'ן, בפרט נאך אין ווייניקער ווי א יאר ארום — א פערזענלעכער קלאפ: געזאלט קריגן א פראפעסאר שטעל אין א געפלאנטן פרייהייט־לעכן אוניווערסיטעט אין אמסטערדאם און — ווידער ניט געקראגן.

דערוויל איז ער אנוועזנדיק אויפן אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן קאנגרעס אין אמסטערדאם, וואו ער געווינט די אנערקענונג פון זיין סאציא־ליסטן־רעוואלוציאנערן פארטיי, ווי א באזונדערע ריכטונג אינם רוסישן סאציאליזם.

דאס פארגיטיקט אים דעם דורכפאל מיט דער פראפעסאר־שטעל. איז ניט זיין פארטיי, די עס־ערישע, זיין לייבלעך קינד? איז זי ניט א טייל פון זיין איך? בפרט נאך, ווען זי טרייסלט אויף די צארישע מאכט און דאס גאנצע לאנד מיט דעם באמבן־אויפרייס, וואס באפרייט רוסלאנד פונם טיראן און פאגראמשטשיק פאן פלעווע!

אין גיכן ווערט פאר אים געשאפן די ערשטע געלעגנהייט צו קומען אינם לאנד פון די „שטערן און שטרייפן".

„עפעס איז פאראן הינטער א טראן, וואס איז גרעסער, ווי דער קעניג גופא" האט אמאל געזאגט דער ענגלישער פאליטיקער וויליאם פיט.

אין שייכות מיט דר. חיים זשיטלאווסקי'ס „טראן", די רעדנער־און־לעקטאר פלאטפארם, איז סוף 1914 פאר אים אויסגעוואקסן דער „עפעס, וואס איז גרעסער". דאס איז געווען די נייע צייטונג, „דער טאג", וואס האט אים געזאלט געבן די „פולע פרייהייט" אויסצודריקן זיינע מיינונגען. הינטער דעם פארהאנג פון דער דאזיקער פלאטפארם זיינען שוין געווען צענדליקער טויזנטער צוהערער. אויף היפשע עטלעכע יאר א באפרידיקונג פון איינער פון זיינע גרעסטע ליידנשאפטן.

אין יענער צייט איז די דאזיקע זשיטלאווסקי־ליידנשאפט צו קאמוניקירן מיט אזויפיל מענטשן געווען גלייכצייטיק פארבונדן מיט זיין ליידנשאפט פאר א ריינעם, פרישן, קרעפטיקן, באנייטן יידיש, אין וועלכן „מען זאל

קענען אויסדריקן אַלץ, וואָס דער מענטשלעכער גייסט שאַפט". ער האָט אין דעם געזען ניט בלויז אַ דערהייבונג אין דער חשיבות פון דער שפּראַך גופא, נאָר אויך די חשיבות היינטער איר, די חשיבות פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן און אינטעליגענץ, וועמעס שפּראַך זי איז אָדער דאַרף זיין.

דער יידיש אינם „טאָג", אין אָנהייב 1915, איז שוין געווען מיט טרעפן העכער פונם שעטנז'דיקן יידיש אין די עלטערע יידישע צייטונגען. מיט וואָס פאַר אַ פאַרשטאַרקטער זיכערקייט איז שוין זשיטלאָווסקי יענעם יאָר אַרויסגעטראָטן אויף דער קאָנווענשאָן פונם אַרבעטער־רינג אין שיקאַגאָ, אין קאַמף פאַר פּראָגרעסיווע יידישע קינדער־שולן. צו האָבן אים דעמאָלט געזען ווי דעם פול־אָנגעגורטן ריטער־קאָמאַנדיר, מושטירנדיק זיינע כוחות קעגן די פאַראַנקערטע „זקנים", וואָס האָבן געציטערט פאַר יעדן נייעם פּראָיעקט אין אַרבעטער רינג, מיינט צו האָבן אים געזען אין זיין דעמאָלטיקער פולער קראַפט. זיינע פופציק יאָר, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט אויסגעשלאָגן זייער קלאַנג, זיינען געווען פופציק עדות, אַז זיי זיינען ניט געווען קיין פוסטע מדבר יאָרן.

אין דער זעלבער צייט איז ער דעמאָלט אויף אַ צייט אַריין אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, צוגעבנדיק איר אין יענער צייט מער חשיבות, ווי זי האָט פאַרדינט. ווען זי האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אין 1920 אויף אַן אייגענער צייטונג, „די צייט", איז ער אַריבער אַהין, און עס איז ניט געווען זיין שולד, וואָס די צייטונג האָט ניט געקענט פאַרענדיקן דאָס יאָר 1921, און געמוזט זיך אומקערן צום „טאָג".

זיין שטעלונג צו דער וועלט־מלחמה איז ניט שטענדיק געווען אַ זייער קלאָרע, אָבער זי איז בפירוש געווען קעגן דעם פּראָ־דייטשן קוק, וואָס אַנדערע יידישע צייטונגען האָבן אָנגענומען. אוודאי האָט זשיטלאָווסקי גענומען דער־נאָך אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַוועגונג פאַרן יידישן קאָנגרעס, זיך באַ־טייליקט מיט אַ רייע פיינע אַרבעטן אין דער „צוקונפט", ווען א. ליעסין איז שוין געווען דער רעדאַקטאָר, ווי למשל, „איינשטיין'ס טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט", „די נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע באַדייטונג פון דער יידישער קולטור", „איוב און פאוסט", „דער קינסטלער און דער הדיוט" (פּשוטער מענטש), „די אַנטשטייאונג פון דעם אתה־בחרתנו געדאַנק"... ער זעצט פאָר די רעדאַקציע פון „דאָס נייע לעבן", נאָכדעם ווי משה כץ האָט אים רעדאַגירט אַ יאָר צייט 1913־1914 אין זיין אָפּוועזנהייט.

אין 1922 הייבט ער ווידער אָן, צוזאַמען מיט ש. ניגער'ן, אַרויסצוגעבן „דאָס נייע לעבן", וואָס איז איבער פינף יאָר געלעגן אַן אויסגעלאָשענער. איינע פון זיינע גרעסערע סאָציאַל־פּאָליטישע אַרבעטן דאָרטן איז געווען

איבער „סאָציאַליזם און קאָמוניזם". זיין שטעלונג צום קאָמוניזם איז אין יענע יאָרן געווען אַן אויסגעשפּראָכן־קעגנערישע, ווי בכלל צו דער פילאָ־סאָפיע פונם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם (מאַרקסיזם). עס האָט געדויערט גאַנצע צען יאָר ביז וואַנען עס האָבן זיך גענומען ווייזן היפשע שפּאַלטן אין די פּאַרטן, וואָס ער האָט אין משך פון די יאָרן אויסגעבויט קעגן דעם מאַרקסיזם. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער שוין געווען מער מאַרק־סיסטיש געניגט, ווי ער אַליין וואָלט עס פריער געגלויבט.

ער נעמט אין 1923 ווידער אונטער אַ רייע רייזעס, ער זעט זיך אין דער שווייץ מיט זיינע קינדער (פון זיין ערשטער פרוי, וועראַ סעווערי־אַנאַוואַ לאַכאָווא), מיט אַלטע פריינט און חברים פון די עמיגראַנטישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין 1924 און 1925 באַזוכט ער אַ ריי לענדער, וואָס האָבן יידישע קינדער־שול סיסטעמען, און מיט אַ ריי לעקציעס אין פּוילן, ליטע און לעטלאַנד. מ'האָט אים אויפגענומען אין די דאָזיקע לענדער מיט פרייד און פאַרערונג.

יענער סוף יאָר, 1925, איז געווען זיין 60טער יובילייִ־יאָר און איז, אין נאָוועמבער, געפייערט געוואָרן אויף אַ וועלטלעכן מאַסשטאַב. אין ניו יאָרק אַליין האָט מען אָפּגעשאַצט די צאָל מענטשן, וואָס זיינען געקומען צו די דאָרטיקע פייערונגען אין 20 טויזנט. גרויסע יובילייִ־פייערונגען זיינען אויך פאָרגעקומען אין אַלע גרויסע יידישע צענטערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין פינף דרום־אַמעריקאַנער רעפּובליקן. מ'האָט אויך געפייערט דעם יובילייִ אין בערלין, פּאַריז, אין פיל שטעט אין פּוילן, ליטע און רומעניע.

אין פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע פייערונגען האָבן זיך געגרינדעט אין פיל שטעט ספּעציעלע זשיטלאָווסקי־קאָמיטעטן און פאַנדן אַרויסצוגעבן זיינע אַלע ווערק אין יידיש, רוסיש און דייטש, איינגעשלאָסן זיינע צענדליקער פאָרטראַגן.

ווען אַ ל ע זיינע שריפטן פון זיינע כמעט זעכציק שעפערישע יאָרן, וואָלטן טאַקע דערשינען אין בוך־פאָרם און זיי וואָלטן אויסגעשטעלט געוואָרן אין איין ביכער־שראַנק וואָלט דאָרט זיכער ניט געווען קיין שלום־בית. ניט בלויז וואָלטן זיך צע'הרג'עט גייסטיק דער אַנטי־מאַרקסיסטישער אַנגרייפער, אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, מיט'ן כמעט מאַרקסיסטישן דענקער פון זיינע לעצטע יאָרן, נאָר כמעט זיין גאַנץ לעבן איז אים אויסגעקומען צו זיין מיט זיך גופא אין שטענדיקער מלחמה: אַ „ויתרוצצו" פון טעאָריע מיט פּראַקטיק, פון קאַמף קעגן אַסימילאַציע, און פון זיין כסדר אין איר אַטמאָ־ספערע אין דער אייגענער היים.

זיין ערשטע פרוי און זיין צווייטע זיינען געווען סאָציאַליסטן, אָבער

ניט קיין יידיש־געבוירענע און ניט קיין יידיש־דערצויגענע; פיינע, האַרציקע, וואונדערבאַרע פרויען מיט פיל מעלות. אָבער אין זיין מלחמה קעגן אַסימי־לאַציע האָט דאָך זשיטלאָווסקי ניט געמאַכט קיין שום אייסנאָמען. זיינע קינדער, וואוילע, גוט־דערצויגענע, פייאיקע קינדער פון ביידע פרויען, זיינען די ערשטע קינדער געבליבן רוסן, די צווייטע — ענגליש־רײדנדיקע אַמעריקאַנער. דאָס לעבן איז שטאַרקער פון פיל טעאָריעס, און אויף זיינע וועגן ליגן אויסגעלייגט, ווי סנאָפּעס, די געפאַלענע און פאַר׳חלש׳טע.

דאָס איז די טראַגעדיע פון אַלע איוב׳ס און פאוסט׳ס, וועגן וועלכע דער דאָזיקער יידישער דענקער האָט פילאָסאָפירט און געשריבן. די צווייטע פרוי זיינע, נאַרא, האָט זיך, אמת, באַטראַכט, ווי די ביבלישע נעמי פאַר אַ יידישער פרוי, אָבער ער האָט זיך ניט געגעבן די מי אויסצולערנען זי יידיש. זי האָט אין געשפּרעכן מיט דעם שרייבער ניט איינמאָל באַדויערט דעם דאָזיקן פאַקט. פון די קינדער האָט בלויז דניאל געלערנט אַ ביסל יידיש, און דערנאָך כמעט פאַרגעסן. די עלטסטע טאָכטער סאָניא, אַ לינג־וויסטקע, וואָס איז געווען אַן איבערזעצערין ביי דער „ליג אָוו נעישאָנס" אין פּיל שפּראַכן, האָט אָבער קיין וואָרט יידיש ניט געקענט, און וואָס איז נאָך באַדויערנדיק וואָס זי האָט ניט געקוקט דורכן פאָטער׳ס סאָציאַליסטישע ברילן, וואָס איז ניט געווען דער פאַל מיט דער יינגסטער טאָכטער און מיטן ברודער.

דאָס איז אַ טראַגעדיע פאַר אַזאַ פילזייטיקן, קאַליִרפולן, געניאַלן מענטשן ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געווען. אָבער זיינע שונאים, האָבן פון דער דאָזיקער טראַגעדיע אויפגעשפּילט קעגן אים אַ העלישע העצע, באַשולדיקט אים אין היפּאָקריטיע, אין צוויי פּנים׳דיקייט. דאָס זיינען מערסטנס געווען די זעלבע „ליבע" מענער, וואָס האָבן אים אויך באַשולדיקט אין... אַנטיסעמיטיזם.

וואָס פאַר אַ בלוט־בלבול אויף איינעם פון די גרעסטע יידן אין אונדזער צייט! וואָס פאַר אַ חוצפה עס פאַראַדירט אַרום אינ׳ם פעלד פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט און פרעסע אונטער דער מאַסקע פון „אויסגעהאַלטענ־קייט" און „הוילן אמת!" די דאָזיקע לייט וואָלטן פונקט אַזוי פאַרלוימדעט די גרעסטע פּאַטריאָטן פונ׳ם יידישן פאָלק, די העלדישע נביאים, די הושע׳ס און עמוס׳עס, די מיכה׳ס און ישעיהס, די זכריהס און די ירמיה׳ס, די מאַקאַביייער און די בר־כוכבא קעמפער, וואָס האָבן געוואָרפן דעם אמת אין פּנים פונם מאַכטהאָבער און עקספּלואַטאַטאָר.

אין דער אמת׳ן האָט זשיטלאָווסקי געהאַט אין זיך די מאָראַלישע גבורה צו דערפילן אין זיך דעם קאַטעגאָרישן רוף פון „הגיד לעמי פשעם

ולישראל חטאתם״ (זאָג מיין פאָלק זיינע פאַרברעכנס און ישראל׳ן זיינע זינד). ער האָט געהאַט די העלדישע דרייסטקייט זיך אַליין אויך רופן צו אַ חשבון, און טריט ביי טריט איבערגעוואויגן אויף זיין פיינער לאָגיק־וואָג זיינע פריערדיקע איינשטעלונגען און טעאָריעס, און טיילווייז גוט־געמאַכט סוף כל סוף זיינע טעות׳ן.

ניט אַלעמאָל ווערט מען אַ זייל זאַלץ, אַז מ׳קוקט זיך אום...

אין סאַמע ברען פון די ליגן־קאַמפּאַניעס קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין וועלכע ער איז מיטגעשלעפּט געוואָרן, באַזונדערס צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט דער עס־ערישער עמיגראַציע דאָ און אין דער שווייץ, און אין אַנדערע לענדער, האָט ער זיך אַרומגעזען, וואו ער איז פאַרקראָכן, צוליב בלינדער, און טיילווייז, באַרעכנטער שנאה. און ער איז געוואָרן אַ הייסער אַנהענגער פון „איקאָר״ (אָן אָרגאַניזאַציע פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ביראָבידזשאַן) און געאַרבעט פאַר אים מיט לייב און לעבן.

אין 1937 איז ער געוואָרן איינער פון די חשוב׳סטע בויער פון׳ם א י ק ו ף, אַ וועלט־אינסטיטוציע, וואָס איז פאַרשריגן געוואָרן פונם זעלבן שבט ווי אַ „מאָסקווער קרעמל״.

סוף 1939, ווען אַ שנעלער צוג אויפן דיפּלאָמאַטישן פעלד האָט גראַד געפירט אַ צייטווייליקן ניט־אַנגריף אָפּמאַך פונ׳ם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט דער נאַצישער דייטשלאַנד, און פאַרן „שבט בנימין״ איז געוואָרן חגא (כאָגע) מיט נייע אָנפאַלן אויף פּראָגרעסיווע און לינקע, איז זשיטלאָווסקי ווידער געשטרויכלט געוואָרן אויף אַ ק ו ר צ ע ר צייט. ער האָט דעמאָלט רעזיגנירט פונ׳ם איקוף פּרעזידיום, ווייל עס האָבן זיך אין אים ניט געפונען קיין בעלנים צו מאַכן דעם איקוף פאַר אַ פּאָליטישן אינסטרומענט פון דער רעאַקציע, אָבער דער מיושב׳דיקער דענקער האָט ניט פאַרמאַכט זיין אויער צום קול פון ניכטערקייט און רעאַליזם און אומגעקערט זיך צו דער אַרבעט אינ׳ם איקוף, וואָס איז אים געווען אַזוי טייער.

און ווען דער פאַרשאָלטענער היטלער־שד האָט לויז געלאָזן די פייערן פון זיין גיהנום אויפ׳ן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז שוין דער זעלבער אַמאָליקער קעגנער פונ׳ם סאָוועטן־פאַרבאַנד גאַלוואַניזירט געוואָרן אין אַ פלאַמיקן שטאָלענעם רופער, און געשטעלט זיך אין שפּיץ פונ׳ם „קאָמיטעט פון יידישע שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער״, צו העלפן באַזיגן די חיה רעה, און אויסשמידן די יידישע איינקייט אין דער אַקציע אויף די ברעגן פון אַלע אַקעאַנען.

אָבער אויב צווישן די יידישע רעכטע האָט מען געשטורעמט קעגן דעם אַלטן קעמפער און דענקער און אים פאַרביטערט זיין עלטער, האָט

ער אָבער דערפאַר געוואונען טויזנטער נייע פריינט און באַוואונדערער. דר. זשיטלאָווסקי׳ס 75־טער יובילײ איז געפייערט געוואָרן מיט ליבשאַפט און פאַרערונג אין משך פון איבער אַ יאָר איבער דער לענג און ברייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אין דרום־אַמעריקע און אפילו אין צענטראַל אַמעריקע — מעקסיקא און קובא. ווען ניט די וועלט־מלחמה, וואָלט כמעט ניט געווען קיין איין לאַנד אויף דער וועלט מיט יידישע ישובים, וואָס וואָלטן דורכגעלאָזן אַזאַ גרויסן יידישן פּראָגרעסיוון קולטור־יום טוב, ווי דער איקוף האָט דורכגעפירט.

יאָ, מ׳האָט געדאַרפט זיין טאַקע אַזאַ קולטור־ריז ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי צו ווידער נעמען „גיין אין חדר״ אין טיפן עלטער. אויפן שרייבערטיש פון זשיטלאָווסקי׳ן האָט ד ע ר שרייבער צווישן אַנדערע „געפינגערטע״ ביכער, וואָס ער האָט דאָרט געפונען, און געזען מיט וואָס אָט־דער גרויסער קולטור־שאַפער האָט זיך פאַרנומען, איידער ער האָט זיך געלאָזן אויף זיין לעצטער ווייטער לעקטאָרישער רייזע, איז געווען לענינ׳ס „שטאַט און רעוואָלוציע״.

ווי נאָרא זשיטלאָווסקי און די יינגסטע טאָכטער, איוואַ, האָבן מיר דערמאָלט דערקלערט, האָט ער אין דער לעצטער צייט זיך זייער פיל פאַרנומען מיט לענינ׳ס שריפטן. אין געשפּרעכן אין אָנהייב יאָר (1943) און אין אַ געאַמפער מיט יעקב מילכ׳ן האָט ער שוין זיך באַרופן עטלעכע מאָל אויף מאַרקס׳ן, לויט ל ע נ י נ׳ס אויסטייטשונגען.

זיין פּלוצלונגער טויט דעם 6־טן מאַי, 1943, אין אַ שפּיטאָל אין קאַלגאַרי, צפון־מערב קאַנאַדע, האָט אַריינגעוואָרפן אין טרויער בוכשטעבלעך הונדערטער טויזנטער מענטשן. דער מלאך המות האָט אים פאַגעגנט אין מיטן פון אַ לעקציע־טור פאַרן איקוף און אים שוין ניט געלאָזט פאַרענדיקן. און כאָטש קאַלגאַרי איז אַ מהלך פון אַרום דריי טויזנט מייל פון ניו יאָרק, האָט מען דעם נפטר׳ס קערפּער איבערגעשיקט אין דער שטאָט, וואָס האָט די גרעסטע יידן־קאָנצענטראַציע אין דער געשיכטע און וואָס איז געווען די היים פון זיין פאַמיליע.

אויפן הספד אין איבערגעפאַקטן מאַנהעטן־צענטער, ניו יאָרק, האָבן צווישן אַנדערע גערעדט שלום אַש און דוד פּינסקי, רפאל מאָלער און פּ. נאָוויק, ש. ניגער, ר. זאַלצמאַן, און אַנדערע וויכטיקע פאָרטרעטער פון יידישן לעבן. אַלע האָבן געפילט ווי אַ גרויס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן, ווען די דונערדיקע שטיקלעך ערד האָבן זיך אַראָפּגעשאָטן אין קבר אויף זיין ארון.

קאַפּיטל איין און זיבעציק

דר. אייבּרעהעם פלעקסנער

אַ רעוואָלוציאָנער אין אַמעריקאַנער מעדיצינישער בילדונג



אַ גרויסער קריטיקער און רעוואָלוציאָנערער איבערבויער פון די מעדיצינישע בילדונג אינסטיטוציעס אין אַמעריקע — דר. אייבּרעהעם פלעקסנער האָט אין א האלבן יאָרהונ־דערט, מיט דער הילף פון זיין אומ׳רחמנות׳דיקער קריטיק, אַוועקגעשטעלט די אַמעריקאַנער מעדיצין צווישן די פאָדערשטע מעדיצינישע אינסטי־טוציעס אין דער וועלט.

מיר געדענקען נאָך די צייט ווען דער באַרוף פון אַן אַמעריקאַנער דאָק־טאָר האָט אַרויסגערופן אַ פאַראַכטלעכן שמייכל אין געבילדעטע אייראָפּייאישע קרייזן. די וואָס האָבן געהאַט מער מוט האָבן צו אַזאַ דאָקטאָר זיך באַצויגן ווי צו אַ פאַלסיפיקאַטאָר, אַ שווינדלער — אין בעסטן פאַל ווי צו אַ היימישן טערמינען.

אין יענער צייט האָט א באַרימטער אַמעריקאַנער ערלעכער יוריסט, דאָקטאָר און כלל טוער זיך מודה געווען, אַז די מעדיצין „ווי זי ווערט איצט פראַקטיצירט, מיט אירע רפואות — האָט ער געזאָגט — וואָלט מען געדאַרפט אַראָפּלאָזן אויפ׳ן דעק פונם ים. דאָס וואָלט פאַר דער מענטשהייט געווען אַ גרויסע טובה, אָבער די פיש וואָלטן שלעכט אָפּגעשניטן.

און דאָס איז ניט געווען בלויז דער פאַל מיט מעדיצין אין אַמעריקע. מיט׳ן אויסנאָם פון אַזעלכע באַרימטע אוניווערסיטעטן ווי האַרוואַרד, יעיל און עטלעכע אַנדערע, זיינען די טויזנטער אוניווערסיטעטן אין אַמעריקע געווען לויט דר. אייבּרעהעם פלעקסנער׳ס שאַרפער קריטיק, בלויז „באַרגעין קאונטערס” און „טשעין סטאָר” טיפּ פון בילדונג. ער האָט זיי פאַרדאַמט פאַר צולאָזן, און האַלטן ביי זיך „פּראָפעסאָרן”, וואָס זיינען פאַקטיש שאַרלאַטאַנעס, וואָס קוואָקען נאָך וויסנשאַפטלעכע ווערטער און פעלדשער.

גאָר באַזונדערס האָט ער פֿאַרדאַמט די מעדיצינישע קאַלעדזשעס. ער האָט זײ באַטיטלט מיט די עפּיטעטן „פּאַקטישע געלט־מאַכער אין גײַסט און אין ציל” און וואָס „פֿאַרמערן זיך אָן שום צוריקהאַלט”.

נאָך אין 1910, איז ער אַרויס מיט זײַן באַריכט וועגן דעם צושטאַנד פֿון מעדיצין אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע. ער איז שפּעטער אַרויס אין אַ בוך, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס לאַנד און אײראָפּע. אומ׳ברחמנות׳דיק האָט ער אויפגעדעקט די וואונדיקע זײַטן פֿון מעדיצינישער שולונג אין די קאַלעדזשעס און פֿון זײער פּראַקטיק, און צוגעגרייט אַ רעוואָלטירנדיקע געזעלשאַפֿטלעכע מײנונג פֿאַר רעפֿאָרמען.

און ניט בלויז אין די מעדיצינישע פֿאַקולטעטן האָט ער געפֿונען אויגן־רײַסנדיקע פֿלעקן. ער האָט זײ אויך געפֿונען אין די אַנדערע העכערע בילדונגס אינסטיטוציעס און געריסן פֿון זײ שטיקער פֿאַר האָבן מער אין זינען די קאָמערציעלע אינטערעסן פֿון די אוניווערסיטעטן אײדער די קענגשטאַנדן, וואָס זײ זײַנען באַרופֿן צו דערגרונטעוען.

דער קריטיקער איז אָבער געווען ניט קײן צעשטערנדיקער גײַסט אַלײן. ער איז ניט אויסן געווען אָפּצושאַפֿן די גאַנצע אָרדנונג. ער האָט בלויז געזוכט אָפּצוראַמען אַ געזינטערן פּלאַץ פֿאַר נײַע מעטאָדן און אינהאַלטן. ער איז אין דער זעלבער צײַט געווען דער גרויסער בילדונגס־דערציער, פֿילאָסאָף און פּראַקטישער גענײַאַלער אַדמיניסטראַטאָר, וואָס האָט אַרויפֿגעהייבן די אַמעריקאַנער בילדונג בכלל און די מעדיצינישע בפֿרט אויף אַ פֿיל העכערער מדרגה.

אײבערעהעם פֿלעקסנער איז געבאָרן געוואָרן אין קענטאַקי, אין 1866. וואו עס איז מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿריער געבאָרן געוואָרן אַ פֿריערדיקער אײבערעהעם — לינקאָלן, דער ערשטער האָט באַפֿרײַט די שקלאַפֿן, דער צווייטער האָט געפּראוווט באַפֿרײַען די אַמעריקאַנער דערציאונגס־סיסטעם פֿון אירע פֿאַרזשאַווערטע קײטן.

זײַן פֿאָטער מאָריץ פֿלעקסנער, אַ ייִד מיט אַ היפּשער איניציאַטיווע, איז געקומען מיט זײַן פֿרוי אסתּר קײן אַמעריקע פֿון בעהמען (טשעכיע) און רײַך געוואָרן מיט אַ גוט־גײענדיקן הוט־געשעפֿט, און מיט... נײַן קינדער. פֿון זײ האָבן זיך אויסגעצייכנט ד ר ײ זין און באַרימט געוואָרן אין דער געשיכטע פֿון אַמעריקע. אויסער אײבערעהעם׳ען זײַנען זײ — בערנאַרד פֿלעקסנער, דער הומאַנער יוריסט און ייִדישער כלל טוער און דר. סײמאָן פֿלעקסנער, דער וועלט־באַרימטער פּאַטאָלאָג און באַקטעריאָלאָג, אַ פּערטער ברודער ד ז ש ע י ק אָ ב, אַן ענערגישער און געפּילפּולער, האָט מעגלעך געמאַכט, אַז אײבערעהעם זאָל קריגן די געהעריקע בילדונג, ווײַל דער פֿאָטער

האָט אַ ל ץ פאַרלאָרן אינם עקאָנאָמישן קריזיס פון 1873 און דזשעיקאָב האָט געשאַפן דאָס געלט, אַז זיין גוטער באַנקיר, אייבערהעם, זאָל קענען דורכגיין האַי־סקול און האָט נאָך אים געשיקט אין דזשאָן האָפּקינס אוני־ווערסיטעט. מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע פיאַיקייטן האָט אייבערהעם דורכ־געמאַכט דעם פיר־יאָריקן קורס אין צ ו ו י י יאָר צייט.

דער 20יאָריקער בחור'ל אומקערנדיק זיך מיט זיין ראַנג פון „קאַ־וואַליער פון קונסטן", „ב־ע", קיין לואיוויל, האָט גלייך געקראָגן אַ שטעלע פון אַ לערער אין האַי־סקול. ער איז שוין געווען אַן אַנדער מין לערער מיט אייגענע דרכים און מעטאָדן. ווען די שול־רעגענטן האָבן זיך געקווענקלט, גרינדעט ער זיין א י י ג ע נ ע הויך שולע, אין 1891.

זיין באַזונדערע לערער־טעאָריע, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעווענדט, איז געווען אַ מינימום אַריינמישונג אין דער אויפפירונג פון סטודענטן. זיין פּעדאַגאָגישער פּרינציפּ איז געווען אַפּצושוואַכן דעם קינדעריש־רעבעלירנדיקן גייסט פון זיינע סטודענטן דורך לאָזן זיי צורו. ווען די סטודענטן האָבן דער־פילט זיין נייע האַנט, האָבן זיי אים א ו י ך געלאָזט צורו און זיך גענומען באַ־ציען ערנסט צו די געלערנטע קעגנשטאַנדן.

ער אַליין האָט קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט זיין וויטערדיקן שטודיום. ווען ער האָט אָפּגעשפּאָרט גענוג געלט איז ער נאָך 14 יאָר לערערשאַפט אַליין אַוועק קיין ה אַ ר וו אַ ר ד וויטער שטודירן און קריגן זיין מייסטער־ראַנג. אָבער דאָס איז נאָך פאַר אים אויך ניט געווען גענוג. מיט זיין מייסטער־ראַנג איז ער ערשט אַוועק קיין אייראָפּע און פאַרזוכט די פרוכט פון אַ ריי אוניווערסיטעטן. אין 1908, בעת זיין שטודיום אין היידלבערג, שרייבט ער אַן זיין דיסערטאַציע „דהי אַמעריקען קאָלעדזש". דאָס איז געווען אַ קריטישער איבערזיכט איבער דער טרעינירונג־סיסטעם אין די אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס.

ווען די דאָזיקע אַרבעט איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פונם הויפּט־פירער פונם קאַרנעגי־פאָנד, הענרי ס. פּריטשעט, איז עס אים אויך אַזויפיל געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט זיך מיט אים פּערזענלעך באַקענט און געוואָרן נאָענטע גוטע פריינט. ער האָט אים געגעבן דעם פּראָיעקט אָנצו־פירן אַן אויספאָרשונג אין די אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס און באַזונדערס אין די מעדיצינישע שולן.

צוויי יאָר האָט פלעקסנער געפאָרשט אומדערמידלעך. ער האָט אונטער־זוכט 155 מעדיצין־קאָלעדזשעס און ווען ער האָט אין 1910 פּאַרעפענטלעכט דעם דאָזיקן באַריכט, האָט ער אויפגעריסן ווי אַ דונער־קנאַל. דאָס איז געווען אַן עקספּאָזע, וואָס האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט. ער האָט אויפגעדעקט שענד־לעכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע מעשים פון קאָלעדזשעס, וואָס האָבן אַרויסגע־

לאָזט איבערן לאַנד היילערס, וואָס מ׳האָט זיי אַליין נאָך געדאַרפט אויס־היילן פון עם הארצות. פּופּצן מעדיצין־שולן אין שיקאַגאָ אַליין, זיינען אָנ־גערופן געוואָרן „די פּלאָג פון לאַנד״. איין מעדיצין־שול, וואָס האָט כסדר געצויגן פון פאַרשיידענע פאָנדן, האָט גאָר אינגאַנצן ניט עקזיסטירט.

דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן באַריכט איז געווען — די באַזייטיקונג פון פיל כלומר׳שטע אַזעלכע קאָלעדזשעס, וואָס האָבן אָנגע־פילט אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך מיט „פּורצעס״, און די גרעסערע אַכטונג וואָס מען האָט אָנגעהויבן צו געבן אויף די פאַרשיידענע „קאָלעדזש ענדאוּמענטס״, אַז זיי זאָלן העלפן צו פאַרשפּרייטן וויסן אנשטאָט צו איבער־פילן די פּראַפעסיע מיט דאָקטוירים, וואָס זיינען ניט ווערט דעם נאָמען.

אין 1918, ווען ער האָט שוין לאַנג צוריק דערגרייכט זיין דאָקטאָראַט, ווערט ער באַשטימט אַלס געהילפס סעקרעטאַר צום „דזשענעראַל עדיוּ־קעישאָן באארד״, און שפּעטער ווערט ער אַליין דער דירעקטאָר. דאָס האָט אים געגעבן אַ צוטריט צו די גרויסע „געבערס״ פאַר אוניווערסיטעטן. ער האָט עס דערגרייכט דעם אַ ל ט ן דזשאָן ד. ראָקפעלער און אים אַריינגעצויגן אין דער קאַמפּאַניע צו איבערבויען זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן צוציען געלערנטע, וואָס לערנען צוליבן לערנען און ניט בלויז צוליב קענען ציען פון דעם פּראָפיט.

ער האָט אין 1930 אַרויסגעגעבן זיין דעפיניציע, וואָס אַ קאָלעדזש דאַרף זיין — אַ פּלאַץ, וואו וויסנשאַפטלייט און געלערנטע שטעלן פאַר זיך פיר הויפּט־צילן — „אויפזאַמלען און קאָנסערווירן נייעם וויסן און געדאַנקען; צו אינטערפּרעטירן דעם דאָזיקן וויסן און די געדאַנקען; צו זוכן דעם אמת און צו טרענירן די סטודענטן ווי אַזוי צו פּראַקטיצירן און ווייטער אָנגיין״.

ער האָט עס פּראָיעקטירט, אַז ריינע געשעפטס־וויסנשאַפטן זאָלן ניט זיין קיין מחותנים אין די אוניווערסיטעטן, נאָר געלערנט ווערן אין צווייט־קלאַסיקע שולעס, איבערהויפּט ענינים, ווי גימנאַסטיק, געשעפט־אַדמי־ניסטראַציע, אַגריקולטור און סטענאָגראַפיע.

איינער פון זיינע גרויסע אויפטואונגען איז געווען צו שאַפן פאַר ריינער פאָרשונגס־אַרבעטן דעם „אינסטיטוט פאַר אַדוואַנסט סטאַדי״. ער האָט באַוועגט דעם פילאַנטראָפּ לואי ב אַ מ ב ע ר ג ע ר און זיין שוועסטער מרס. פעליקס פולד צו אויסטיילן פאַר דעם צוועק אַכט מיליאָן דאָלאַר. איי־נער פון די ערשטע פּראָפעסאָרן, וואָס ער האָט, אַלס דירעקטאָר, אָנגעשטעלט פאַר דעם אינסטיטוט, איז געווען אַלבערט איינשטיין, וועמען ער האָט אַרויס־

גערּאַטעוועט פון דייטשלאַנד אין צייט. ווען איינשטיין האָט געבעטן עפּעס אַ קליינע סומע פאַר זיין פּראָפעסור, האָט אים פלעקסנער באַוויליקט אַ קאָנטראַקט פאַר זעכצן טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

דר. אייברעהעם פלעקסנער איז אויך באַרימט אַלס אַן אידעאַלער געלט-מאָנער פאַר בילדונגס-צוועקן. פון די ראָקפעלערס אַליין האָט ער „אַרויסגעקוועטשט" איבער פופציק מיליאָן דאָלאַר. דזשאָרדזש איסטמאַן האָט זיך באַקלאָגט אויף אים, אַז ווען ער קומט אין ראָטשעסטער „לאָזט ער זי ליידיק, ווי ער וואָלט געווען דער גרעסטער רויבער".

סך הכל רעכנט מען האָט ער אַרויסגעצויגן פאַר די צוועקן פון בילדונג אין אַמעריקע העכער 500 מיליאָן דאָלאַר. ער האָט נאָך זיך געלאָזן אַ רייע וויכטיקע באַריכטן און ביכער וועגן די ענינים פון בילדונג, ווי אויך אַ באַריכט וועגן „פּראָסטיטוציע אין אייראָפּע", „אַ מאָדערנע שול" און אַנדערע.

ער איז געשטאָרבן דעם 21־טן סעפּטעמבער, 1959, אין עלטער פון 92 יאָר.

קאַפּיטל צוויי און זיבעציק

דוד עדלשטאַט — באַליבטער פּראָלעטאַרישער דיכטער



דאָס ערשטע יידישע אַרבעטער־ליד, וואָס איך האָב געהערט זינגען אויף אַ קליינער פאַרזאַמלונג אין לאָדזש פון שניידערס און מאָדיסטקעס, איז געווען דאָס ליד „אַרבעטער־פרויען". דאָס זינגען האָט מיך טיף אויפגערודערט מיט דעם ערנסט און געפּילפּולקייט פון די עטלעכע מיידלעך, וואָס האָבן עס געזונגען. ערשט אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן פון אַן אַמעריקאַנער יידישן דיכטער דוד עדלשטאַט. דערנאָך איז מיר שוין אויסגעקומען צו הערן אַ רייע אַנדערע לידער פון דעם זעלבן דיכטער. אָבער אַ לענגערע צייט האָב איך ניט געקענט פאַרגעסן פון יענער פאַרזאַמלונג אין 1901 דעם פּערז:

„ניט איינמאָל שוין העלדישע פרויען
געמאַכט ציטערן הענקער און טראָן,
זיי האָבן געצייגט, אַז מען קען זיי פאַרטרויען
אין ביטערן שטורם די הייליקע פאָן". ......

צי עס איז געווען באמת אַזוי, צי ביי מיר האָט דעמאָלט די פאַנטאַזיע געאַרבעט מעשים, אָבער איך האָב געזען פייערלעך אין די היפּש־אויסגעלאָשענע אויגן פון די אויסגעמאַטערטע, אויסגעזויגענע אַרבעטס־מיידלעך. זיי האָבן געגליט, אפשר אפילו ניט פאַרשטייענדיק גענוי, וואָס עס מיינט „הענקער און טראָן". נאָך מער האָבן זיי זיך געצונדן ביים נאָכפאָלגנדיקן פּערז —

געדענקט איר די נעמען, די הייליקע נעמען
פּעראָווסקאַיאַ, העלפּמאַן, גינצבורג, און נאָך? —
טויזנט אַזעלכע, וואָס פלעגן זיך שעמען
צו טראָגן געהאָרכזאַם דעם שקלאַפישן יאָך".

ווען איך בין אַלט געווען אַכט־ניין יאָר האָב איך שוין געקענט זינגען אַ היפּש ביסל יידישע לידער — אליקום צונזער׳ס, גאָלדפאַדנ׳ס, שפּעטער פרוג׳ס און העברעאישע לידער, אָבער קיינע פון זיי האָבן מיך ניט אַזוי מיט־געריסן אידייאיש, ווי דאָס איז געווען דער דערמאָנטער פאַל. איך האָב זיך אין גיכן אויסגעלערנט אַ גאַנצע רייע עדלשטאַט־לידער, אָבער איך האָב אַלץ ניט געוואוסט, אַז דעם דיכטער׳ס קול איז שוין לאַנג פאַרשטיקט. אַ שטיק האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעריסן, ווען איך האָב געהערט, אַז עדלשטאַט איז שוין לאַנג צוריק געשטאָרבן אין אַמעריקע.

אָבער דאָס איז ניט געווען בלויז דער פאַל מיט מיר. אין 1902 האָט אַ קליינע גרופּע אונדזערע זיך פאַרזאַמלט אין אַ בוידים־שטיבל און אַן אַרבעטער, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע האָט אונדז געהאַלטן געשפּאַנט מיט פיל וואונדער־מעשות וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער און געזונגען פאַר אונדז יוסף באָוושאָווער׳ס הספד־ליד, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן אומגעפער —

זיסע זאַנג, פאַרבאָרג זיך יעצט,
וויקל איין דיין שטראַלן־פּראַכט
אין אַ דיקער, דיקער כמאַרע
שוואַרץ און חושך ווי די נאַכט".

און דאָס ליד האָט זיך פאַרענדיקט האָפערדיק, אומגעפער:

עדלשטאַט, דו ביזט געשטאָרבן,
נאָר דיין גייסט ער לעבט נאָך יעצט"...

און דאָס איז געווען ריכטיק ניט בלויז צווישן יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, נאָר אויך אומעטום, וואו עס האָבן זיך געפונען יידישע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, אין גאַליציע און אין רומעניע, אין ענגלאַנד און אין פּאַריז. אפילו אין דער שווייץ, צווישן פיל יידישע סטודענטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן „בונד" אָדער מיט אַנדערע ייִדיש־ריידנדיקע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן פיל געזונגען עדלשטאַט׳ס לידער, ווי זיי וואָלטן געווען עפּעס אַ מוז־זאַך — ווי אַנדערש!

יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן האָבן אין די דעמאָנסטראַציעס קעגן צאַר מאַרשירט און געזונגען מערסטנס עדלשטאַט׳ס אויפברויזנדיקע לידער, אונטער וועלכע עס האָט זיך געשפּאַנט מיט מער מוט און דרייסטקייט. ווען עס זיינען אַנטשטאַנען אַרבעטער־כאָרן זיינען צווישן די ערשטע לידער געווען אויך עדלשטאַט׳ס „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן", „ווי לאַנג, אוי, ווי לאַנג", „אין לאַנד פון פּיראַמידן", „די צוואה", און אַנדערע. זיי האָבן זיך עפּעס געזונגען פון זיך אַליין.

און עס האָט אפילו די מער אינטעליגענטערע פון אונדז דעמאָלט ניט געאַרט וואָס די דאָזיקע לידער זיינען, אין בעסטן פאַל אויבערפלעכלעכע און האָבן אַפילו ניט די שוואַכע סימנים פון מיטלמעסיקער דיכטונג. מיר האָבן דעמאָלט געפילט די „פּאָעזיע אינם ע ר נ ס ט און א מ ת פון זיין קאַמפּס־גייסט אינם פאַרשנעלערטן טראָט אונדזערן... ניי שטעל, אַ זון־שטראַל צו א גאָלד־פּרואוו!

ווען מיר האָבן אין אַפּריל, 1904, פון אינעווייניק, געשמעטערט די האַלב־אַרשיניקע דיקע ווענט פון דער קאַלישער טורמע, און אַן אַלגע־מיינעם בונט קעגן תפיסה־טיראַניי, זיינען אין אונדזער קאַמער די הילכיקע קלעפּ באַגלייט געוואָרן מיט עדלשטאַט׳ס —

„איר קענט אונדז דערמאָרדן, טיראַנען,
נייע קעמפער וועט ברענגען די צייט״.

און דאָס איז ניט געווען קיין איינציקער פאַל אין דעמאָלטיקן רוסישן פּוילן. ווען מיר האָבן אין צען יאָר שפּעטער נאָך פּוילן, אין שיקאַגאָ, געגרינדעט דעם יידישן סאָציאַליסטישן געזאַנגס־פאַראיין מיט יעקב שייפער׳ן זיינען די עדלשטאַט־לידער געווען פון די ערשטע, וואָס שייפער האָט אַראַנ־זשירט און פאַרענדיקט זיין קאָמפּאָזיטאָרישע קאַריערע מיט דעם זיידן ווינטשעווסקי׳ס „איך הער אַקול, אַ יאָמער קול״.

פיל, פיל פון אונדזערע גרויסע יידישע דיכטער, וואָלטן זיך געוואונטשן, אַז זייערע לידער זאָלן אַזויפיל, און אַזוי לאַנג געזונגען ווערן פון יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער קאַדרען, ווי עס זיינען די „פּראָלעטאַרישע דיכטער״ בכלל און עדלשטאַט׳ס לידער בפרט. ניט קיין וואונדער, וואָס גאווה און קנאה האָבן דערפירט די יידישע „יונגע״ דיכטער פון די צענער יאָרן צו דער־מאָנען עדלשטאַט׳ס לידער מיט גרינגשאַצונג, אויב ניט מיט סאַרקאַזם און שפּאָט. אגב, האָבן אייניקע פון זיי ד ע מ אָ ל ט אפילו געמאַכט חוכא וטלולא פון פּרץ׳ן און מענדעלע׳ן און באַטראַכט ז י ך פאַר די אמת׳ע קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. אויך אייניקע יידישע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר אַזאַ פּראָלעטאַרישן דיכטער, וואָס איז פאַר־פלייצט מיט סענטימענטאַליטעט און אויסגעלידיקט פון פאָרם און מעטאַפאָר.

אָבער אַ פאַקט איז, אַז וועגן דוד עדלשטאַט׳ן איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור, הונדערטער אַרבעטן, גרעסערע און קלענערע, וואָס מ׳קען אַזויפיל ניט זאָגן וועגן פיל פון עדלשטאַט׳ס אונטערשאַצער און באַ־לײדיקער. ניט זיי האָבן אָפּגעשאַצט ז י י ן אייגענעם לעבנס־גאַנג, זיין יוגנט, זיינע באַגרעניצונגען, וואָס שייך צו ליטעראַטור־קענטשאַפט און צו דער יידישער שפּראַך. ניט זיי האָבן געפּרואווט אַריינטויכן אין די טיפענישן פון

דער תקופה פון די אַכציקער, אין די יאָרן, ווען עס איז פּאַקטיש פאָרגעקומען דער בראשית פונם יידישן אַרבעטער־ק ל אַ ס אין אַמעריקע.

די דאָזיקע תקופה איז דערגרונטעוועט געוואָרן פון קלמן מרמר. איז טאַקע זיין ביאָגראַפיע וועגן עדלשטאַט'ן אַ גרינטלעכע, אַ וויסנשאַפטלעכע. זיין בוך נעמט אַרום עדלשטאַט'ן פון פיל אַספּעקטן. ער האָט אַריינגעלייגט אַ מאַסע זוכעניש, מי און פאָרשונג אין אַרויסברענגען דעם פולן מהות פון דעם ערשטן דיכטער־פּראָלעטאַריער אין זיין גרויסן בוך וועגן אים.

דוד עדלשטאַט איז געבאָרן געוואָרן אין דער גרויס־רוסישער שטאָט ק אַ ל ו ג אַ, דעם 9טן (21) מאַי, 1866. זיין פאָטער מאַיסעי איוואַנאָוויטש איז געווען אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט און געהאַט דאָס רעכט ניט בלויז צו וואוינען אין דער „הייליקער" טיף־רוסלאַנד, נאָר אויך צו פאַרנעמען דעם „הויכן" אַמט פון אַ „גאָרדאָוואָי". פּאַקטיש איז ער געווען אַ צו־שטילער פרידלעכער מענטש, אַז ער זאָל לאַנג קענען אַנהאַלטן די דאָזיקע צאַרסקע שטעלע און איז געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ זעג־מיל און געמאַכט אַ שווערן אַרבעטער־לעבן.

זיין מוטער קאַטערינאַ פּיאָדאָראָוונאַ איז געווען אַ פּשוט'ע יידישע פרוי, אַן קענטעניש, אָבער מיט אַ ביסל בעסערן יידיש, ווי דער פאָטער. זי איז ביי אים שוין געווען די צווייטע פרוי און האָט געהאַט דריי זין פון אַ פריערדיקן מאַן — מוטשניקאָוו. דוד איז געווען, מיט נאָך דריי ברידער און שוועסטער שרה (סאָניע), פון זיין צווייטער פרוי און דער פאָטער האָט זיי זייער ליב געהאַט. ער האָט זיך אפילו באַמיט צו קריגן פאַר זיין דוד'לען אַ מלמד. אָבער זיין מלמד האָט אַליין נאָך געקענט לערנען עפּעס ביי אַ פּשוט'ן מלמד. אין קאַלוגא האָט ער מסתמא פאַר זיין מאַגערן איינקונפט קיין בעסערן ניט געקענט קריגן, איז ממילא דאָס ביסל עברי (איוורע) וואָס ער האָט ביי אים „געגנאַשט" אויך געווען ניט פון זעמל־מעל.

דערפאַר האָט דוד געהאַט אַ ניש־קשה'דיקן רוסישן לערער. ער האָט אים צוגעגרייט, אַז ער זאָל אַליין קענען נעמען לייענען רוסישע ביכער. דוד'ל איז געווען אַ יינגל, וואָס מען האָט אים ניט געדאַרפט טרייבן צו לערנען אָדער צו לייענען. ער האָט געלייענט, אמת, אָן אַ סיסטעם, איינגע־שלאָסן ניט וייניק „דרויב", אָבער פונדעסטוועגן איז אים אָנגעקומען אויך גוטע ליטעראַטור. צו עלף יאָר הייבט ער שוין אָן שרייבן רוסישע לידער און כאַפּט זיך ווי אַ דורשטיקער צו צו די דיכטער ניקיטין, נעקראַסאָוו און נאַדסאָן. דער לעצטער, דער שוואַכסטער און סענטימענטאַלסטער דיכטער, אַפּעלירט מער צו זיין יונגן געשמאַק און האַרצלעכן כאַראַקטער. וואָס אַ יאָר עלטער ציט אים אויך אַלץ מער צום טעאַטער. אָנגעהויבן האָט זיך ביי אים די ליידנשאַפט נאָך אין זיין ניין יאָריקן עלטער.

אין שטאָט האָט דעמאָלט גאַסטראָלירט אַ רוסישע טעאַטער־טרופּע. דאָס טעאַטער איז געווען נאָענט צו זייער וואוינונג און דוד׳ל האָט זיך אָנגעהערט וואונדער וועגן דעם שפּילן פון דער באַרימטער ז אַ ר י נ אַ. ער האָט שוין געהאַט געגנוג שכל אויף אויסצוגעפינען איר אין שטאָטישן פּאַרק, וואו זי פלעגט שפּאַצירן. ער קען זיך ניט זאַט אָנקוקן מיט איר. דאָס ניין־יאָריקע יינגל פּרואווט שרייבן וועגן איר אַ ליד אין רוסיש, און אין זיין התפּעלות באַמערקט ער ניט, אַז אַ פּאָר אויגן פון דער ווייטנס פּאַסן אויף אויף זיין יעדער באַוועגונג. ווי די מעשה ווערט דערציילט פון מ. קאַטצ׳ן אין זיינע קורצע ביאָגראַפישע נאָטיצן, וועגן אים, איז דאָס געווען דער פּריסטאַוו, וואָס האָט אים פאַרדעכטיקט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן עפּעס אַפּטאָן דער גרויסער אַקטריסע.

אט דער דאַזיקער פּריסטאַוו זאָל דאָס האָבן געווען דער ערשטער מ ב י ן אויף דוד׳ס „דיכטונג״. ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַ פאַרדעכטיקטן יונגאַטש, אָבער אָפּגעלאָזט אים מיט דרך־ארץ, ווען ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פון אים דאָס פּאַפּירל מיט די פערזן, וואָס באַזינגען די אַקטריסע מיט אַכפּערונג און ליבּ. ער איז אַפילו אַוועק דערנאָך צום פּאָטער, וואָס האָט געהאַט געדינט אונטער אים, און אים אָנגעזאָגט: „דיין זונעלע, דאַוויד, וואַקסט ביי דיר אַ פּאָעט״.

דאָס ביסל שרעק, וואָס דוד׳ל האָט געהאַט ווען דער פּאָליציי־באַאַמטער האָט אים געפּאַקט ביי זיין „פאַרברעכן״, האָט אים „געקאָסט״ דערנאָך די פרייע בילעטן אין טעאַטער, וואָס די אַקטריסע האָט צוגעטיילט דעם מערקווירדיקן יינגל מיט די גרויסע, וואַרעמע אויגן. ער באַזוכט שוין דאָס טעאַטער יעדן אָוונט און זיין יונגע מוזע קריגט אַלץ מער פוך אין די פליגל.

כאַראַקטעריסטיש איז דער אינצידענט, וואָס ווערט דערציילט וועגן אַן אָפּיצער, אַ שכן פון זייער הויז, וואָס פלעגט אריינקומען צו זיינע ברידער „באַלאַקען וועגן פּאָליטיק״. דוד׳ל פלעגט אָנשטעלן זיינע אויערן. ער הערט איינמאָל ווי דער אָפּיצער דערציילט די וואונדער וועגן נאַפּאָלעאָנ׳ען דעם דריטן און זיין גרויסע מפּלה. דער אָבערגלויבערישער אָפּיצער דערקלערט עס פּשוט — דאָס איז די פאַרשאָלטענע ווירקונג פון דער צאָל ד ר י י. וואָלט ער ניט געווען דער דריטער... וואָלטן די דייטשן געכאַפּט פון אים די גרעסטע מפּלה... ער האָט זייער מורא, אַז ווען דער איצטיקער צאַרעוויטש, אַלעקסאַנדער דער ד ר י ט ע ר וועט פאַרנעמען דעם טראָן, זאָל זיך דאָס כאָטש אויך ניט אויסלאָזן מיט אַן אומגליק פאַר רוסלאַנד. איז דוד׳ל אַוועק און דערנאָך אָנגעשריבן דאָס ליד „ראַקאָוואָיע טרי״ (די גורל׳פולע דריי).

אין 1880 שטאַרבט אין קאַלוגא אַ באַרימטער פּאָליטישער פאַרשיקטער, דער דאָקטאָר איוואַראָווסקי, אַ פּוילישער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געוואונען די פאַרערונג און ליבשאַפט פון אַלע קאַלוגער איינוואוינער. ער האָט אָרעמע געהיילט אומזיסט און זיי מקרב געווען. דוד שרייבט וועגן אים אַ טרויער־ליד, וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ. דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער דאָרטיקער „גובערנסקיע וויעדאָמסטי" און געמאַכט אויף אַזויפיל אַ רושם, אַז דער גובערנאַטאָר באַראָן פאָן שעוויטש האָט געשיקט נאָך אים. ער האָט דאָס ייִנגל געקושט און געוואונטשן דערפאָלג אַלס פּאָעט. (גראַד איז דאָס געווען אַ ליבעראַלער גובערנאַטאָר, אַ ברודער פון סערגעי שעוויטש, פערדינאַנד לאַסאַל'ס מיטאַרבעטער, וואָס האָט זיך שפּעטער באַטייליקט אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין דיכטערישע נשמות וואוינט דער שטענדיקער אומרו, דער טרייב צו נייע הימלען און פרישע לאַנדשאַפטן, צו נייע מענטשן און סביבות, צו נייע באַגעגענישן און געפילן. פאַר'ן יונגן דוד עדלשטאַט'ן איז קאַלוגא געוואָרן צו אַלטעגלעך. האָט ער טאַקע באַגריסט דעם פאַקט, וואָס זיינע דריי ברידער אין קיעוו לייגן אים פאָר צו קומען צו זיי.

ברייטער זיינען געוואָרן „דאַוויד'ס" אויגן ווען ער האָט געזען דעם פאַרנעם פון קיעוו, אירע הייזער און גאַסן, איר קאָכיקן לעבן. דאָ, אין זיין ברודער אַבראַשאַ'ס שוסטער ווערקשטאַט, זעט ער אויך מיט זיינע אייגענע אויגן אמת'ע רעוואָלוציאָנערן, אַרבעטער, סטודענטן, אָבער נאָך מער רייסט אים מיט דער שטראַלנדיקער דרום, מיט זיין מילדן קלימאַט, מיט זיינע ליכטיקע האַרי־זאָנטן, מיט זיינע פיל־פאַרביקע זון־אויפגאַנגען און אונטערגאַנגען.

וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע אידיליע פאַר זיסע חלומות און מנוחה'־דיקע נשמה־דיכטונגען!

אָבער אָט פּלאַצט דער דאָזיקער זייפנבלאָז אום'ברחמנות'דיק. די צאַרישע רעגירונג אין אירע חשבונות מיט די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, צווישן וועלכע יידישע סטודענטן האָבן זיך ניט קנאַפּ אָנגעזען, לאָזט לויז אין מאַי, 1881, אַ בלוטיקן פּאָגראָם אויף דער יידישער באַפעלקערונג. דער פּאָעטי־זירנדיקער „דאַוויד" ווערט געפלעפט פון די גרויליקע סצענעס — צע־שפּאָלטענע קעפּ און צעוואָלגערטע האָב־און־גוטס פון אומשולדיקע מענטשן. זיינע אויגן ווערן איבערגעלאָפן און דאָס האַרץ — אָט־אָט פּלאַצט ווי אַ פּענכער. ער ווערט צוגענומען אַ צוזאַמענגעבראָכענער אין שפּיטאָל.

אין עטלעכע טעג אַרום גייט ער אַרויס פון שפּיטאָל ניט בלויז אַ צוריק־געשטעלטער אויף די פיס, נאָר אויך אינ'ם געמיט. די מעדיצינישע סטודענטן אינ'ם שפּיטאָל האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם בחור'ל אין וועמענס קעשענעס עס זיינען געווען רוסישע ניט פאַרענדיקטע לידער. זיי

דערמוטיקן אים, פירן אים אַריין אינ׳ם הויז פונ׳ם באַרימטן דאָקטאָר מאַנדעל־שטאַם, דער אָנפירער פון הילף פאַר די פּאָגראָם־געליטענע, און דאָס ברענגט אים דערנאָך אריין אין דער קאַנצעלעריע פונ׳ם הילפס־קאָמיטעט.

פּאַר׳ן יונגן איינדרוקספולן עדלשטאַט׳ן וויקלען זיך דעמאָלט אויף שווידערלעך די מגילות פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט. ער ווערט אַליין אַריינגעצויגן אין די עמיגראַנטישע שטראָמען, וואָס שטאַרקן זיך באַדייטנדיק מיט די נייע גזירות, וואָס די צאַרישע רעגירונג וואַרפט אָן אויף די יידישע מאַסן. דער 16־יאָריקער דוד עדלשטאַט לאָזט זיך קיין אַמעריקע מיט דער קיעווער סטודענטן־גרופּע פון „עם עולם״. אין האַרצן וואַרעמט שוין דער געפיל פון דער פרייהייט און ברידערלעכקייט, וואָס עס שטייט זיי פאַר אין די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, וואָס זיי קלייבן זיך צו גרינדן. און צוויי געדיכטן וועגן אָקעאַן אין רוסיש, זיינען נאָך איצט עדות וועגן די האָפנונגען פון די עמיגראַנטן אין יענער צייט אויף אַ נייעם פריידיקן לעבן אין דער נייער וועלט, אין אַמעריקע.

אוודאי זיינען די אַנטוישונגען געווען כמעט די זעלבע ביי אַלע עם־עולם גרופּעס, וואָס זיינען אַהער געקומען און דערזען, ווי שטיינערדיק ס׳איז דאָ דער באָדן פאַר קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אינ׳ם אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן. אָבער דער יונגער האָפּערדיקער דיכטער האָט נאָך געהאַט אַזויפיל גלויבן אינ׳ם לאַנד פון פרייהייט, אַז ער האָט באַזונגען זיין אָנקום פול־ברוסטיק.

לויט קלמן מרמר׳ס גרינטלעכער עדלשטאַט׳ס ביאָגראַפיע לייענט דאָס דאָזיקע רוסישע עדלשטאַט־ליד אין יידישער איבערזעצונג פונ׳ם סאָוועטישן דיכטער א. גאָנטאַר, ווי פאָלגט:

„כ׳בין צום ציל־פּונקט שוין געקומען\
איצט בין איך אין פרייען לאַנד;\
לעבן־כוואַליעס קאָכן, ברומען,\
ס׳איז אַרום אַלץ ניי און פּרעכטיק\
פאַר אויג און דעם געהער.\
כ׳האָב די ווערטער ניט פאַרשטאַנען\
פון דעם אַלץ וואָס איך האָב געהערט.\
ס׳פילט מיין ברוסט די פרייהייט,\
אָטעמט פריי און טיף,\
און מיין טרוים פליט הויך צום הימל,\
ס׳שפילט מיין האַרץ און שטיפט.\
דאָס איז ער, דער טרוים פון דיכטער\
לעבן, לעבן, ניט קיין טרוים,

ידאַ גייט אומעט אויף דער פרייהייט,
שיינקייט, וואָרהייט אָן אַ צוים״.

ניט לאַנג איז אויסגעקומען דעם יונגן אימיגראַנט צו פאַרבלייבן אין ניו יאָרק. פון די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס האָט זיך „אויסגעלאָזן אַ טייך״ אין פון די אַנדערע יוגנטלעכע חלומות וועגן נאַכטיגאַל און לאַרבן־געזאַנג הויבן זיך אָן פאַר אים אויסצוקאָמפּאָנירן געזאַנגען פון אַ מאַשין, וואָס נייט קנעפּ־לעכער אין אַ שאָפּ אין ס י נ ס י נ ע ט י, אָהייאָ, וואו עס וואוינען זיינע אַנדערע דריי ברידער. אמת, זיין עלטסטער ברודער, אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויסן קליידער־געשעפט, וויל אַז ער זאָל זיך לערנען און אויסשטודירן אַ בכבוד׳יקע פּראָפעסיע, אָבער דוד איז שוין אויף אַזויפיל געוויסנהאַפט, אַז ער וויל ניט עקספּלואַטירן זיין אייגענעם ברודער.

כאָטש בכלל האָט נאָך דעמאָלט ביי דעם 16־יאָריקן בחור׳ל עקספּלואַ־טאַציע ניט פאַרנומען דעם צענטער פון זיין אויפמערקזאַמקייט. אין די רוסישע פאָלקיסטישע קרייזן אין קאַלוגאַ און קיעוו, האָט אינ׳ם ראַדיקאַלן לאַגער געשפּילט די הויפּט־ראָל דער קאַמף קעגן דער אַבּסאָלוטער פּאָלי־טישער הערשאַפט פונם צאַר און פּריץ. אַליין מערסטנס פון בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע פאַמיליעס האָבן זיי נאָך ניט דערפילט דעם פולווער פונ׳ם קלאַסנקאַמף. אפילו אין די רייען פון זייערע ר אַ ד י ק אַ ל־געשטימטע אימיגראַנטן, איז נאַציאָנאַליזם נאָך געווען אַ וויכטיקערע ראָד אינם שנעל־צוג פון פּראָגרעס, ווי דער געראַנגל פון די עקספּלואַטירטע מיט זייערע עקספּלואַטאַטאָרן.

בכלל איז נאָך ניט געווען אין די אָנהויב אַכציקער יאָרן קיין יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס דוד עדלשטאַט זאָל שוין קענען באַמערקן און זיך אין איר אָנשליסן. זי הויבט זיך ערשט דעמאָלט אָן אַרויסצואוויקלען פונ׳ם קנאָספּ אַרויס. ווען ניט די דייטשע פּראָלעטאַרישע און רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענטישע אימיגראַציע, וואָלט אפשר איר אנטשטיין געווען אַ זאַך פון אַ נאָך שפּעטערדיקער דערשיינונג.

די יידישע היפּשע באַפעלקערונג פון סינסינעטי איז שוין באַשטאַנען מערסטנס פון אַרויפגעאַרבעטע דייטש־יידישע געוועזענע פּעדלער און קליין־הענדלער אויף גרויסע געשעפט־אייגנטימער, אינדוסטריאַליסטן. די שפּעטער פון זיי געקומענע עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע, האָבן זיי שוין דערוואוסט פעסט אינם זאָטל פון דער יידישער געזלעשאַפטלעכקייט. יידישע אימיגראַנטן, ווען ענגליש איז געווען אינגאַנצן פרעמד איז געווען גרינגער אויפצוכאַפּן אביסל דייטש און ממילא איז זייער יידיש גופא היפּשלעך פאַרדייטשמערישט געוואָרן.

אָבער אין דער צייט ווען די יידישע בורזשואַזיע אין סינסינעטי איז געווען פאַרנומען מיט מאַכן גרויס־קאַפּיטאַל און בויען רעפאָרם טעמפּלען און אַנדערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, האָט זי זיך קנאַפּ וואָס פאַראינ־טערעסירט מיט די פריש־אָנגעקומענע אימיגראַנטן פון פּוילן און רוסלאַנד. ניט זי האָט געפּרואווט הייבן זייער קולטור־ניוואָ — עס וואָלט דאָך אויף אַזויפיל פאַרשווערט געוואָרן צו עקספּלואַטירן זיי — און ניט זי האָט זיי באַטראַכט ווי אַ קולטורעלן עלעמענט. זי האָט אויף זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ — „רוסיש־פּאָלנישע זשאַרגאָניידן".

דוד עדלשטאַט האָט זיך דערנעענטערט צו אַ קליינעם קרייז פון מער פּראָגרעסיווע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען מערסטנס געווען רוסיפיצירטע ווי ער גופא. זיי זיינען געווען „אַמעריקאַנער געוואָרענע שניידער" — זאָלאָ־טאַראָוו, זאַסלאַווסקי, מאַטוס און אַנדערע — זיי זיינען שפּעטער געוואָרן פּירנ־דיקע קולטור־כוחות צווישן זייערע ברידער אַרבעטער־אימיגראַנטן.

די געציילטע לידער וואָס דוד עדלשטאַט האָט געשריבן אין די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע זיינען נאָך אַלץ געווען אין רוסיש, און זיינען נאָך בכלל ניט געווען קיין פּראָלעטאַרישע. פון צייט צו צייט האָבן זיך נאָך ביי אים מיטגעריסן אפילו נאַציאָנאַליסטישע טענער. אָבער וואָס ווייטער הייבט ער אָן קלאָרער צו זען דיווירקלעכקייט. ער ווערט געוואָר וועגן די צענדליקער און הונדערטער קרבנות, וואָס זיינען שוין געפאַלן אין קאַמף פאַר׳ן רעכט צו סטרייקן, צו דענקען אין פרייערע טערמינען. ער דערוויסט זיך וועגן דעם גורל פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַינער־גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן די „מאַלי־מעקגווייערס", וועגן די „נאַיטס אָוו לעיבאָר" און זייערע פאָדערונגען.

אָבער קיין קלאָרע וועלט־אַנשויאונג האָט זיך ביי אים אַלץ ניט אויסגעקריסטאַליזירט. ער האָט אַ היפּשע צייט אפילו ניט געפילט קיין שום אונטערשייד צווישן אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם. די קליינע יידישע פּרעסע האָט זיך באַטראַכט ווי אַן אומפּאַרטייאישע. דער „אַרבעטער פריינד" אין לאָנדאָן, וואָס איז אויך געווען גלייכצייטיק דער אָרגאַן פון די יידישע ראַ־דיקאַלע אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט אפילו אַ געוויסע צייט געהאַט צוויי רעדאַקטאָרן — אַן אַנאַרכיסטישן און אַ סאָציאַליסטישן, כדי אָנצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט.

נאָר אפילו פיל אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַטראַכט ווי סאָציאַליסטן אין יענער צייט, האָבן געקוקט מיט גרינגשעצונג אויף טרעיד־יוניאָנס, אויף קאָאָפּעראַטיוון, אויף פּאַרלאַמענט־וואַלן, בעת אַנדערע סאָציאַליסטן האָבן שוין אָנגעהויבן צו זען אינ׳ם פּאָליטישן קאַמף דעם איינציקן אינ־סטרומענט פאַר סאָציאַליזם. די זעלבע מטושטש׳דיקייט איז געווען צווישן

די וואס האבן זיך גערופן אנארכיסטן — אזעלכע, וואס פארדאמען „דעם שווינדל פון פארלעמענטארישע וואלן" און גלויבן בלויז אין א באלדיקער סאציאלער רעוואלוציע, און אזעלכע, וואס האבן זיך פארנומען מיט קאא־פעראטיוון און מיט „וואלן פון פאליטישן כאראקטער" כדי דורך זיי אויפ־קלערן די צילן פון סאציאליזם.

ערשט ווען יידישע אימיגראנטישע ארבעטער זיינען אריינגעצויגן גע־ווארן אין דער רעאלער אימפעטיקער באוועגונג פאר אן אכט־שעה׳דיקן ארבעטס־טאג זיינען די אונטערשיידן צווישן די אנארכיסטן און סאציאליסטן ארויסגעקומען קלארער. עדלשטאט קען שוין גענוג ענגליש אויף צו פארשטיין די רעדע פון אלבערט פארסאנס, דער רעדאקטאר פון דער אנארכיסטישער וואכנבלאט אין שיקאגא „אלארם". ער הייבט זיך שוין אן צו אריענטירן אינ׳ם אנארכיזם און שליסט זיך אן אין דער „יידישער אינטערנאציאנאלער גרופע" אין סינסינעטי. דאס איז געווען סוף 1885.

נאך טיפער ווערט עדלשטאט אריינגעצויגן אין די אקטועלע קאמפן אין אמעריקע נאך די בלוטיקע העימארקעט מאי־טעג אין שיקאגא אין 1886. איבערהויפט ווען ער זעט ווי עס פאלט דורך זיין פרואוו צו ארגאניזירן דעם שניידער־פאך אין סינסינעטי. ער ווערט אפגעזאגט אין זיין שאפ און די איבעריקע מאנופעקטשורערס שטעלן ארויף דעם ארבעטלאזן עדלשטאט אויף דער שווארצער ליסטע.

דער טיף־פילנדיקער דיכטער שרייבט דעמאלט אין א רוסישן נאך ניט קיין פארענדיקטן מאנוסקריפט „...זאטע, מאכט־האבנדיקע בירגער פון דער מאדערנער געזעלשאפט. קרעזן (קרעזוסן, גרויסע געלט־מאגנאטן), צעזארן פונ׳ם 19־טן יארהונדערט, איך פארקויף אייך מיין פעל, איך פאר־קויף אייך מיין לעבן, מיין פלייש. גיט מיר ארבעט — איך וואלט שטאלץ געשטארבן פון הונגער־טויט, אבער די משפחה..." און לאזט אויס דעם לאנגן פאראגראף, ווי ער וואלט געקלאפט אין טיש — „גיט מיר ברויט, ברויט, ארבעט, ארבעט!"

אבער ער ווייס, אז זיי ווילן אים ניט, דארפן אים ניט. זיי דארפן האבן אונטערטעניקע קנעכט, אבער אים באטראכטן זיי פאר אן „אומצופרידענעם, אומפייאיקן קנעכט". און דאס איז, זאגט ער, אמת.

קלאגט ער זיך דערנאך (אויך אין רוסיש) אין זיין „ליד פון פראלע־טאריער":

„האסט קיין ארבעט ניט — שלעכט!
עס שטיקט דיך די נויט,
האסטו ארבעט — איז שלעכט,
זי איז מאטער ווי דער טויט".

ער װאַרפט זיך אַרײַן אינ׳ם קאַמף פאַר דער באַפרײַאונג פון די שי־קאַגער אַרבעטער־קעמפער, איבער װעלכע עס הענגט די שטריק פון דער תליה. ער װערט אַרעסטירט און בלױז זײַן 20־יאָריקע יוגנט ראַטעװעט אים פון אַ לאַנגן טערמין.

ער פאָרט קײן ניו יאָרק און װערט טעטיק אין דער קאַמפּאַניע פון דער אַרבעטער־באַװעגונג צו דערװײלן דעם ליבעראַל־סאָציאַלן רעפאָרמער הענרי דזשאָרדזש פאַר מעיאָר פון ניו יאָרק. דערװײַל קריגט ער די ידיעה, אַז זײַנע עלטערן און שװעסטער קומען פון קיעװ. זײער טרײַער זון דוד לעבט איבער אין אַ נאַװיִנע אַ רירנדיקן גליקלעכן מאָמענט װען ער נעמט זײ אַרונטער פון דער שיף און פירט זײ אײַנצופלאַנצן זיך אין סינסינעטי מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער משפחה.

אָבער באַלד קומט אָן אַ נײַער יאָר מיט פאַרשײדענע אַנדערע פאַרזוכן צו ראַטעװען די העלדישע שיקאַגער אַרבעטער־פירער. ביז דער לעצטער מינוט האָט נאָך אַלץ עדלשטאַט אילוזיעס, אַז די גערעכטיקײט װעט זיגן און זײ, די סימבאָלן פון פרײַע אַמעריקאַנער, װעלן בלײַבן לעבן.

װען די שיקאַגער פיר העלדן פאַרסאָנס און שפיז, ענגל און פישער האָבן זיך דעם 11־טן נאָװ. 1887, געװיגט אויף תליות, האָט זיך אויך העפטיק אַ װיג געטאָן אין דוד עדלשטאַט׳ס מוח. ער האָט שיִער ניט אינגאַנצן צוזאַמענגע־בראָכן. אָבער זיכער האָט אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן און אונטערגעגאַנגען זײַן נאַאיװער גלױבן ס ת ם אין „גערעכטיקײט״ און „פרײַהײט״.

װען איר קוקט אויף דוד עדלשטאַט׳ס לעצטן בילד, אויף דעם בלאַסן פּנים זײַנעם, אײַנגעראַמט אין אַ טונקעלער באָרד, קוקט דאָרט פון ערגעץ אַרױס אַ הײליקע טראַגיק. עס קען, דוכט זיך, ניט זײַן קײן מער אַנטריסטנ־דיקער פאַרװאורף דער ניװעץ־פולער ברוטאַלער געזעלשאַפט־אָרדענונג, װאָס האָט פאַרשניטן דאָס יונגע לעבן פון אַזאַ לעבן־ליבנדיקן לײדנשאַפט־לעכן דיכטער.

זײַן קורץ לעבן אינגאַנצן פון 26 יאָר, דערמאָנט זײער שטאַרק אָן דעם לעבן פון אַ פיל גרעסערן דיכטער, אָן דעם 26־יאָריקן ענגלישן פּאָעט דזשאָן קיטס, װאָס איז געשטאָרבן מיט קנאַפּע זיבעציק יאָר פאַר אים, אין 1821, און אָט װאָס קיטס האָט געשריבן פאַר זײַן טױט —

„איך האָב ליב געהאַט דעם פּרינציפּ פון שײנקײט אין אַלע זאַכן און װען איך װאָלט נאָר געהאַט גענוג צײַט, װאָלט איך זיך דערדינט געדענקט צו װערן״.

דאָס ביסל װאָס קיטס האָט געלאָזן איז אַ ה י פ ש ביסל. ער איז אין פּרט פון קונסט אײנער פון די גאָר גרױסע דיכטער אין דער װעלט פון דיכטונג בכלל און אין דער ענגלישער פּאָעזיע בפרט. אויב מיר פאַרגלײַכן

אים דאָ מיט דוד עדלשטאַט'ן, איז עס בשום אופן ניט אין דער קינסט־לערישער קוואַליטעט פון דער דיכטונג — זיי זיינען ליכט־יאָרן ווייט איינער פון אַנדערן. קיטס „שיינקייט" מיינט אויך אמת. אָבער אמת אין אַבסטראַקט, ניט דאָס, וואָס עס איז אמת פאַר'ן גרעסטן טייל פון דער מענטש־הייט. דאָס איז אויך עדלשטאַט'ס אמת, איינע פון זיינע צוזאַמענקייטן.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך דערדינט ניט נאָר געדענקט צו ווערן, נאָר אויך געליבט צו ווערן פון הונדערטער יידישע אַרבעטער איבער דער גאַנצער וועלט.

פון די זעקס און צוואַנציק יאָר, וואָס עדלשטאַט האָט געלעבט, האָט ער געשאַפן בלויז קנאַפע פיר יאָר און אין היפשע מאָנאַטן פונם פערטן יאָר האָט ער זיך שוין געראַנגלט מיטן ביטערן טויט.

זיין ערשט ליד, וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקע, איז דעם 5טן יאַנואַר, 1889, נאָך אין רוסיש, אין דער ניו יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג „זנאַמיאַ". דער נאָמען פונם ליד איז „פּראָלעטאַרי". אויך דאָס צווייטע ליד „נאָגי" — פּיס, דערשיינט דעם זעלבן חודש אין דער „זנאַמיאַ" — אַלץ אין רוסיש.

עדלשטאַט איז דעמאָלט קראַנק און שוואַך און קען ניט געפינען קיין אַרבעט אין ניו יאָרק. פּרוּווט ער פאָרן אין „אָרענדזש", ניו דזשוירזי. עטלעכע וואָכן „האַלט מען אים אויף אַ שטריקל" אין עדיסאָנ'ס פאָנאָגראַף־פאַבריק, אָבער „דער באַרג געווינט אַ מויז". בלויז פיר טעג אַרבעט ער דאָרט. די פאַבריק פאַרמאַכט זיך. אַז ער קומט צוריק אין ניו יאָרק דערוואַרט אים אַ זיסע איבעררעשונג — זיין ערשט ליד אין יידיש „צו דער וואַרהייט" איז דערשינען אינם ערשטן נומער פון דער אַנאַרכיסטישער צייטונג „די וואַרהייט", וואָס איז דאַטירט דעם 15טן פעברואַר, 1889.

דאָס גיט אים מוט. זיינע לידער דערשיינען שוין יעדע וואָך אין יעדן נומער. צום גליק האָט ער דעמאָלט שוין געקראָגן אַרבעט אין ניו יאָרק, ביי זיין אַלטן פאַך פון קנעפּ־לעכלעך אין מלבושים. אָבער זיינע לידער, מיט זייער ערנסט און רעוואָלט־גייסט מאַכן אים אַזוי פּאָפּולער, אַז דעם 25טן מאַי פייערט מען שוין זיין 23־טן געבורטסטאָג. מען באַגריסט אים אין זיין אַנאַרכיסטישן קרייז אַלס דיכטער, מענטש און פריינט.

אין יענע עטלעכע מאָנאַטן, וואָס די אַלטע אַנאַרכיסטישע „וואַרהייט" דערשיינט, קלייבן זיך אָן ביי עדלשטאַט'ן צוואַנציק יידישע לידער. ווי שנעל זיי האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן, ניט נאָר אין ניו יאָרק, נאָר אויך אין דער פּראָווינץ און — אין ענגלאַנד, און פון דאָרט אין רוסלאַנד, באַווייזט דער פאַקט, וואָס מ'האָט עטלעכע פון זיי גלייך גענומען זינגען. אַבסטראַקציע ווייזט אויס איז גראַד דעמאָלט ניט געווען קיין חסרון. זיי זיינען געזונגען

געוואָרן אין אַלערליי קלימאַטן, ווי מיט רעליגיעזער פאַרהייליקונג.

אגב זיינען פיל לידער עדלשטאַט׳ס אין די דערמאַנטע מאַנאַטן, ווען ער האָט זיי געדרוקט אין דער אַנאַרכיסטישער „וואָרהייט״, גאָרניט געווען קיין אבסטראַקטע לידער. זייערע טעמעס זיינען „דער אַרבעטער״, „דער שניידער״, אין קאַמף ווענן די שיקאַגער „העימאַרקעט מאַרטירער״ און אַנדערע.

אוודאי זיינען אים לייכט ניט אָנגעקומען די ערשטע יידישע לידער. ווי מיר זעען זיי איצט, זיינען זיי נאָך אויך פול מיט דייטשמעריזמען. דעמאָלט זיינען זיי אויך געווען פול מיט רוסיציזמען און אַלערליי גרייזן. דאָס העברעאישע וואָרט ר ח מ נ ו ת קומט ביי אים אַרויס „ר ח מ נ ס״. דאָס איז ניט העברעאיש און ניט פאָנעטיש. אין קלמן מרמר׳ס שוין דערמאָנטער אַקאַדעמישער ביאָגראַפיע זיינען אָנגעגעבן אַלערליי שטרויכלונגען, וואָס דער קאַלוגערגעבוירענער עדלשטאַט האָט געהאַט אויסצושטיין איידער ער האָט מער אָדער ווייניקער געקומען שרייבן אַ דערטרעגלעכן יידיש. ער האָט אָבער שנעל גענומען אַרבעטן אויף זיך.

נאָר אויב זיינע יידישע בוכשטאַבן זיינען אין אָנהייב געווען ווילדע און צעדרייטע, און די ווערטער ניט אַלעמאָל קלאָרע, האָט ער אָבער געהאַט אַ מענטשלעכע וואָרעמע האַרץ, וואָס האָט געהאַט דעם כוח מיטצורייסן מיט אירע פיינע סטרונעס.

די פון די אַנאַרכיסטישע מיטאַרבעטער זיינע, וואָס האָבן נאָענט געקענט עדלשטאַט׳ן האָבן וועגן אים כסדר גליענדיקע געפילן. איבערהויפּט זיינע צוויי נאָענטע פריינט משה קאַטץ, דער ערשטער ביאָגראַף זיינער, און דר. מיכאיל קאָהן.

שרייבט משה קאַטץ אין אַ פאָררעדע צו אַ לידער־זאַמלונג עדלשטאַט׳ס:

„אַ גראַדע פיגור פון מיטעלער הויך, סימעטריע אין דעם געבוי פון די גלידער; אַ ליכטיקער פנים מיט איידעלע, צאַרטע געזיכט־צוגן, אויף וועלכע עס איז אויסגעגאָסן אַ חן פון הויכער אינטעליגענץ און פון טיפן געפיל; אַ פאָר ווייט־צעעפנטע קאָרע אויגן, באַזוימט מיט אַרקן־פאָרמיקע שאָטן־ברעמען.

באַשרייבט דר. מיכאיל קאָהן אין אַ בריוו צו קלמן מרמר צווישן אַנדערע עדלשטאַט־שטריכן... „ליפּן עטוואָס דיקלעכע, אַ שיינע גריכישע נאָז, גרויסע, ברוינע אויגן, וועלכע האָבן אייך צוגעצויגן צו זיך מיט מאַגנעטישער קראַפט; אַ שיין, ליכטיק פנים״.

פון אַ בריוו צו מרמר׳ן פון עדלשטאַט׳ס שוואָגער, אַרקאַדי טעלסאָן:

„אַ הויכער, גוט געבויט, שלאַנק ווי אַ טאָפּאָל, שטענדיק מיט אַ שווערן שטעקן אין האַנט, ענלעך געווען צו אַן אַפּאָסטאָל פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטן״.

אין אַ בריוו פון זיין שוועסטער סאָניע (שרה) טעלסאָן צו מרמר׳ן שרייבט זי וועגן ברודער: „ער האָט ליב געהאַט מוזיק, בלומען, די נאַטור אין אַלע אירע פאַרבן און באַזונדערס... ליב געהאַט קינדער ווי די האָפנונג אויף אַ בעסערער צוקונפט פון דער מענטשהייט״.

אין אַ געשפּרעך מיט דעם שרייבער, אין 1931, אין לעיקוואוד, ווען סאָניע טעלסאָן האָט געהאַט וואַקאַציע מיט איר מאַן, אין סאָניע געלבוים׳ס האָטעלעכל, האָט זי (סאָניע טעלסאָן) גערעדט וועגן איר ברודער שטיל, ווי זי וואָלט פאַרטרויט אַ סוד:

„עס איז שוין באַלד פערציק יאָר ווי מיר האָבן אים שוין ניט קיין לעבעדיקן, אָבער איך זע אים נאָך קלאָר, דייטלעך, מיט יעדן כאַראַקטעריס־טישן שטריך זיינעם, און די גוטסקייט וואָס איז געווען ווי אריינגעגאָסן אין זיין גאַנצן וועזן. לײדער קאָן איך אייך ניט געבן אפילו קיין איין שורה, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. איך האָב אַלץ שוין אָפּגעגעבן מרמר׳ן פאַר אַ גרעסערער אַרבעט, וואָס ער מאַכט וועגן אים...״

און י. קאָפּעלאָוו אין זיין בוך „אַמאָל אין אַמעריקע״, שרייבט וועגן עדלשטאַט׳ן צווישן אַנדערן:

„...ער איז געווען די פּערזאָניפיצירטע גוטסקייט, די פאַרקערפּערונג פון ליבשאַפט. דוד עדלשטאַט איז געווען פאַרליבט אין דער מענטשהייט און מענטשן. ניט אַבסטראַקט, ניט אין דער טעאָריע, נאָר פּאַקטיש. אים איז ליב און טייער געווען איטליכער מענטש באַזונדער״.1)

זיין באַקאַנט בילד מיט דער באָרד, איז גענומען געוואָרן פון אים אויפ׳ן פאַרלאַנג פון זיינע פריינט פאַר זיין אָפּפאָר פון ניו יאָרק קיין סינ־סינעטי, וואו די פאַמיליע האָט אים אַרויסגערופן, דעם 27 טן יוני, 1889.

אין סינסינעטי ווערט ער טעטיק אין דעם ראַדיקאַלן אַרבעטער־פאַר־איין „טרוט־סיקער״ („זוכער פון אמת״), וואָס שטיצט דעם „אַרבעטער פריינד״ אין לאָנדאָן. ווען די „וואַרהייט״ פאַרמאַכט זיך אין יולי, הערט מען שוין פון אים ניט איבער אַ האַלב יאָר. ערשט אין יאַנואַר 1890, הויבט מען אָן צו דערקענען זיינע לידער אין דער פריוואַטער סאָציאַליסטישער צייטונג „מאָרגן־שטערן״. ער שרייבט דאָרט אונטערן פּסעוודאָנים „פּאַסקארעל״, אָבער ווען עס הייבט אָן דעם 4טן יולי צו דערשיינען די „פרייע אַרבעטער שטימע״ ווערט שוין דאָרט עדלשטאַט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. די צייטונג האָט כלומרשט געדאַרפט זיין אַן אומפּאַרטייאישע, מיט צוויי רעדאַקטאָרן — אַן אַנאַרכיסט און אַ סאָציאַליסט. געווען איז זי אָבער מער אַנאַרכיסטיש.

אין די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן, האָט דוד עדלשטאַט געהאַט

1) מערסטע אויסצוגן זיינען פון ק. מרמר׳ס בוך „דוד עדלשטאַט״. 1950.

אַ ריי פראַנטן, וואו ער האָט ביטער געקעמפּט. זינט עס האָט אָנגעהויבן אין ניו יאָרק, דעם 7טן מערץ, 1890, צו דערשיינען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבעטער צייטונג״, האָט דער אַנאַרכיסט אין עדלשטאַט׳ן, געפּירט מיט איר הייסע מלחמות. אַ צווייטער וויכטיקער פראַנט איז ביי אים דער געראַנגל מיט יידישע כלי־קודש. ער באַטייליקט זיך אין די אַנטי־רעליגיעזע קאָמפּאַניעס וואָס די אַנאַרכיסטן פירן, ער האָט אויך אַ האַנט אין די אָפּשפּעטערישע תפילות־זכאי׳ס יעדן נאָך יום כיפור.

אין דער זעלבער צייט זעען מיר אים ווי ער לאָזט אַרויס אַן אויפרוף צו די יידן אין סינסינעטי צו העלפן די ניי־איינגעוואַנדערטע רוסישע יידן צו ווערן אין אַמעריקע ערד־אַרבעטער. און דעם 25טן דעצעמבער ווערט ער דערוויילט, אויף אַ צוזאַמענפאָר פון 32 יידישע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס, אַלס אַנאַרכיסטישער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע״. דער צווייטער סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר, איז געווען דר. יצחק אייזיק הורוויטש.

פון אַ בריוו זיינעם דעם 9טן מערץ, 1891, צו אַ פריינדין, אַנאַ, קען מען זען, ווי אַזוי זיין רעדאַקטאָר־שטעל האָט געווירקט אויף זיין געמיט און זיין געזונט.

די רעדאַקציע האָט זיך געפונען אין אַ שמוציקן קעלער און אין אַ קאַלטער לופט. „די פּרעס־מאַשין קלאַפּט אין קאָפּ... רעדאַקציע „פול מיט אַ טומלדיקן המון״... דאָרט מוז ער ״שרייבן אַן אַרטיקל, פּאַרפאַסן פּאָעזיע, אויסהערן „קריטיק פון קאַפע־סאַלון״, עס זיצן דאָרט אַנטוישטע שרייבער... זידלעריי פון נאַראָנים..״ דאָרט שרייבן, שרייבן, שרייבן״ מיט צעבראָכן האַרץ, מיט בלוט־כראַקעניש... ער האָט דאָרט פאַרלאָרן זיינע „בעסטע פריינט״ און „אַריינגעקראָגן אַ הויפן נאַרישע שונאים״.

אויף אַזאַ אופן האָט ער שוין נאָך אַ פראַנט צו קעמפן אפילו אין די אייגענע רייען, אין דער אייגענער רעדאַקציע. זיין קאַנאָן מיט וועלכן ער ״שיסט״ כסדר איז די „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן״. ער לאָזט זי פון מויל ניט אַרויס. מיט דער „סאָציאַלער רעוואָלוציאָן״ וועלן פאַרשווינדן אַלע עוולות, אַלע פּלאָגן און וואונדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. אָבער ווי אַזוי וועט אַראָפּקומען פון הימל אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע — עדלשטאַט׳ן איז אַזאַ פראַגע ניט איינגעפאַלן, פונקט ווי עס פאַלט ניט איין דעם רעליגיעזן יידן, וואָס דערוואַרט יעדן טאָג משיח׳ן, צו פרעגן פון וואַנען וועט משיח קומען? — ער וועט שוין קומען! און אַזוי איז עס ביי אים געווען מיט דער פראַגע „די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן״.

ניט אומזיסט דערקלערט עדלשטאַט אַזוי פּשוט אין זיין תפילת זכאי״ זיין שטעלונג צו דער רעליגיע:

„יעדע צייט האָט איר נייע תורה
אונדזער תורה איז פרייהייט און רעכט
און ביי אונדז איז די גרעסטע עבירה
צו זיין אַ געהאָרכזאַמער קנעכט.
מיר האָבן אויך נייע פּראָפעטן —
בערנע, לאַסאַל, קאַרל מאַרקס".

מיט וואָס פאַר אַן אנטריסטונג מארקס וואָלט זיך ארויסגעריסן פון דער דאָזיקער עקלדיקער קאָמפּאַניע אין וועלכער דער נאַאיווער יונגער דיכטער האָט אים אַריינגעפּירט! מיט לאַסאַל׳ן האָט מאַרקס געהאַט אַלטע חשבונות וועגן זיין אָפּאָרטוניזם און וואָס שייך בערנע׳ן איז ער העכסטנס געווען אַ בורזשואַזער דעמאָקראַט.

קיין קלאָרער אין די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון יענער צייט איז עדלשטאַט אינגאַנצן ניט געווען. ניט ער האָט געהאַט די טעאָרעטישע צוגרייטונג, ניט ער האָט געקענט געפינען צווישן די אַנאַרכיסטישע מאַקסי־מאַליסטן וועלכן עס איז חוש פאַר די פּראַקטישע פּראַגעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ער דעריבער געווען בלויז האַרץ — אַ ליבנדיקע האַרץ און צוויי מאָל אפילו מיט שטאַרקע אַטראַקציעס צום... שיינעם געשלעכט.

איינער, אַ ביבליאָטעקאַרין אין סינסינעטי, האָט ער אפילו געפּרואווט אין רוסיש, ווידמען אַן אָדע: „מילאיאַ אַמעריקאַנקאַ".

„קינד פון ליבע, קינד פון פרייהייט,
הימל־שיינע קינד,
פון נאַטור די שענסטע שאַפונג,
ביזט מיין טרוים אַ צינד".

וועגן דער צווייטער מיידל אין וועלכער ער איז געווען פאַרליבט, אַ ניו יאָרקער פידלערקע, האָט ער געשריבן אַ ריי לידער אין רוסיש און איין ליד אין יידיש. דאָס ליד אין יידיש הויבט ער אָן — „איך בין פאַרליבט אין אַ שניי־ווייסער בלום..." זי האָט געהאַט אַ שטעלע אין אַ ביר־גאַרטן, און עדלשטאַט, כדי זי צו שלינגען כאָטש מיט די אויגן, פלעגט קומען אַהין יעדן אָוונט טרינקען ביר. אָבער דער דאָזיקער אַנאַרכיסט און דיכטער, האָט קיין מוט ניט געהאַט צו דערקלערן זיך אין ליבע.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז ער איז געווען אַ נעבעכל. ווען מ׳האָט אים אַנגעגריפן אָדער אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אַנגעגריפן, האָט ער געקענט זיין ביטער. אַזוי האָט ער זיך צעקריגט מיט מאָריס ווינטשעווסקי׳ן און מיט מאָריס ראָזענפעלד׳ן—און גראד האָבן ביידע פון אים פריער געהאַלטן. ער איז געווען זייער אייפערזיכטיק איבער זיין פּאָעזיע. ער האָט קיין אַנדערע

דיכטער, אויסער זיך, ניט געדרוקט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" אונטער זיין רעדאַקציע. ווי שטאַרק עס איז די קנאה צווישן די דיכטער! וואָס פאַר אַ קאָנטראַסטן עס הויזן צוזאַמען אפילו ביי אַזאַ שיינעם, ערלעכן פיינעם מענטשן!

אין דער זעלבער צייט זעען מיר, ווען עס שטאַרבט דער יונגער סאָציאַל־דעמאָקראַט קאָנסטאַנטין גאלאָפּ, דער פריערדיקער רעדאַקטאָר פונם „אַר־בעטער פריינט" אין לאָנדאָן, פון טובערקולאָז, פון דער זעלבער קראַנקהייט פון וועלכער עדלשטאַט אַליין איז געשטאָרבן אין 9 חדשים אַרום, באַוויינט אים עדלשטאַט אין אַ ליד „אין מעמאָריאַם":

„ווי אַ בלום, וואָס האָט נאָך ניט צעלאָזן .
.די יונגע קנאָספּן, די ראָזעווע קוויט,
האָט ער די ליידנדע וועלט פאַרלאָזן
רייך — מיט שמערצן, אָרעם מיט פרייד!"

אין רעכטן מיטן פון זומער 1891 הויבט ער אַליין אויך אָן צו ליידן פון דער זעלבער אָנשיקעניש. מען שיקט אים אָפּ אהיים, קיין סינסינעטי. אין סעפּטעמבער, און אין אָקטאָבער האָבן שוין פריינט פאַר אים געשאַפן אַביסל מיטלען אָפּצופאָרן קיין דענווער. זיין קראַנקהייט איז שוין אָבער ווייט אַוועק. ער קעמפט קעגן איר, שטרענגט זיך שטאַרק אָן צו בלייבן לעבן —

און לעבן ווילט זיך, ס'ווילט זיך טרוימען, זינגען
קעמפן קעגן יעדן שקלאַפן צוואַנג".

אַזוי האָט ער נאָך געזונגען אין זיין „אָוונט־גלאָק". אָבער פון אַלע זייטן צרות און צרות. זיין אַנאַרכיסטישע באַוועגונג ווערט צעבלאָזן ווי שטויב, די פירער געוואָרן דאָקטוירים, לאָיערס און געשעפטס־לייט. די „פרייע אַרבעטער שטימע" גייט אונטער — און ער גייט אויס דעם 17טן אָקטאָבער,1892, אויף די הענט פון זיין שוועסטער.

ביבליאָגראַפיע

אוניווערסאַל דזשואיש ענציקלאָפּעדיע, ניו יאָרק, 1948.
קאָ. 1923.

אַוער, לעאָפּאָלד, „מאַי לאַיף אין מיוזיק, ניו־יאָרק, פרעדריק עי, סטאָוקס
אוער, לעאָפּאָלד, „ווייאָלין פּלעאינג עז אי טיטש איט״, ניו יאָרק, פרעדריק
עי. סטאָוקס קאָ. 1930.

איקעס, העראָלד ל. „אַמעריקען האוז אָוו לאָרדס״, ניו יאָרק, האַרקאָורט,
ברעיס ענד קאָ. 1939.

אייזענשטיין, י. ד. „אוצר הזכרונות״, ניו יאָרק, 1929.

אַלגין, משה. „קולטור און פאָלק״, ניו יאָרק, איקוף־פאַרלאַג, 1941.

אָרדן אַלמאַנאַך, 10־טער יובילײ פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, ניו
יאָרק, קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג.1940.

באַאַז, פראַנץ, „אַריער און סעמיט״, ניו יאָרק: רעדע געהאַלטן פאַר דער
יידישער אַקאַדעמיע פון קונסט און וויסנשאַפטן, דעם 4־טן מערץ, 1934.

באַאַז, פראַנץ, „טשעינדזשעס אין באָדילי פאָרם אָוו די דיסענדענטס אָוו אי־
מיגראַנטס״, ניו יאָרק, קאָלאָמביא יוניווערסיטי פרעס, 1912.

באַאַז, פראַנץ, „מאַינד אָוו פּרימיטיוו מען״, 1911, רעווידירט אין 1938.

בוכוואַלד, נ. „טעאַטער״, ניו יאָרק, פאַרלאַג קאָמיטעט טעאַטער, 1943.

בורגין, הערץ, „די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג״, ניו־
יאָרק, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

ברײנין, ראובן, „מיין לעבנס־בוך״, ניו יאָרק, איקוף פאַרלאַג, 1946.

גאָלדפאַדען, אברהם, „אויטאָביאָגראַפיע״.

„דיקשאָנערי אָוו אָמ. מעדיקאַל ביאָגראַפי״. ניו יאָרק, סקריבנערס, 1937.

דעיוויס, מ. „יהדות אמריקה בהתפתחותה״, ניו יאָרק, 1950, 1951.

„הגדה של פסח״, בראַשור

ווילע, פרעדריק וויליאַם, „עמיל בערלינער״, אינדיאַנאַפּאָליס, דהי באָבס־
מעריל קאָמפּאַני, 1926.

זאַלעסקי, גדאַל, „פעימאָס מיוזישנס אָוו דזשואיש אָרידזשין״, ניו יאָרק
בלאָך פּאָבלישינג קאָ. 1949.

זאַקס, א. ש. „די געשיכטע פון אַרבעטער־רינג, ניו יאָרק, נאַציאָנאַלע עק־
זעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג, 1925.

זילבערצווייג, זלמן, „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, ניו יאָרק, פאַרלאַג
„אלישבע״, 1931.

„טאָג״, דער, דעם 19־טן יולי, 1924, ניו יאָרק.

טאָמאַשעווסקי, בעסי, „מיין לעבנס געשיכטע״, ניו יאָרק, וואַרהייט פּאָב. קאָ. 1916.
טעילאָר, דימס, „דהי ביאָגראַפיקאל דיקשיאָנערי אָוו מיוזישאַנס״, (באַ־אַרבעט און רעווידירט פון דימס טעילאָר, ניו יאָרק, בליו ריבאָן בוקס, אינק, 1940.
„טריביון״, ניו יאָרק העראַלד, דעם 15־טן יוני, 1924.
„יודישע פאָלקס לידער״, פיר מיטעל־שטימע אונד פיאנאָ אַקאָמפּאַנימענט, הארמאָניזירט אונד אראנזשירט פון פלוטאָן ברונאָוו״, ניו יאָרק, טשאַרלז ק. העריס, 1911.
לעווין, ס. ד. „פּופּציק יאָר פאָרווערטס״.
מאסליאנסקי, צבי הירש, „זכרונות״, פערציק יאָר לעבן און קעמפן פון צבי הירש מאָסליאנסקי״, ניו יאָרק, פאַרלאג „זרובבל״, טורבערג פּרעס, 1924.
מאָרגענטאו, הענרי,סר, „אָל אין עי לאיפטאים״, גאַרדען סיטי, נ. י. דאָבלדעי, פעידזש ענד קאָ. 1922.
מייזיל, נחמן „אברהם גאָלדפאַדען, דער פאָטער פון יידישן טעאַטער״, וואַרשע גראָשען ביבליאָטעק, 1935.
מרמר, קלמן, „דוד עדלשטאַט״, ניו יאָרק, קאָאָפּ. פאָלקס־פאַרלאַג, 1942.
מרמר, קלמן, „מאָריס ווינטשעווסקי, אַ ביאָגראַפיע״, פרייהייט־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1927.
סאָבעל, יעקב צבי, „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן״, טאָפּאָלאָווסקי׳ס דרוקעריי, ניו יאָרק, 1877.
סזאָלד, הענריעטא, „דהי קראי אָוו דהי טשילדרען״ (פּאַמפּלעט), ירושלים, 1937.
עדעמס, דזשעין, „פּאָרטי יערס אין האָול האוס״, ניו יאָרק מעקמילען קאָ. 1935.
עליכם, שלום, „אידישע שרייבער״.
„ענציקלאָפּעדיאַ אָוו דהי סאָשעל סאיענסעס״, באַנד 6.
פאָנער, דר. פיליפּ, „יידן אין דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג״, בראָשור, אינטערנעשאנאל פּאָבלישערס.
„פאָרווערטס״, יובילײ אויסגאַבע, 1917.
„פאָרווערטס״, 50־יאָריקער יובילײ נומער, מאי 4, 1947.
פייגענבוים, ב. „די גאולה אָדער די אידישע הילף״, די אידישע הילף אָדער, וואָס איז די מכה און וואָס איז די רפואה?״ לידס, ענגלאַנד, פרידערסאָנס פּרינטינג וואָרקס, 1893.
פלין, עליזאַבעט גורלי, „אי ספּיק מאי פּיעס״, אויטאָביאָגראַפיע, ניו יאָרק, מעסעס ענד מעינסטרים, 1955.

צביון ב. ניו יאָרק, „פאַר פופציק יאָר קלאוקמאַכער יוניאָן, ניו יאָרק, לאָקאל 117, 1936.
קלאוק אָפּערייטאָרס, יוניאָן לאָקאל 117, 1936.
צונזער, אליקום, „אויטאָביאָגראַפיע", ניויאָרק(צונזער יובילײ קאָמ. 1905.
קאָברין, לעאָן, „עראינערונגען פון אַ יידישן דראַמאַטורג", ניו יאָרק, ל. קאָברין קאָמיטעט, 1925.
קאָברין, לעאָן, „פופציק יאָר אין אַמעריקע", בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, פאַרלאג „יידבוך", 1955.
קאגאָן, דר. סאלאמאָן, „דזשואיש קאָנטריביושאָנס טו מעדיסין אין אַמעריקע",
קאגאָן, דר. סאלאַמאָן, „אַמעריקען דזשואיש פיזישענס אָוו נאוט", באָסטאָן, באָסטאָן מעדיקעל פּאָב. קאָ. 1934.
קאהאָן, אברהם „בלעטער פון מיין לעבן", באנד 2, באנד 3, ניו יאָרק, פאָר־ווערטס אסאָסיעישאָן, 1926.
קאַטץ, משה, „קורצע ביאָגראַפישע סקיצן, ביאָגראַפיע פון דוד עדלשטאַט, לאָנדאָן, 1909.
קאָפּעלאָוו, י. „אַמאָל אין אַמעריקע".
קאָרן, בערטראַהם, „אַמעריקען דזשורי ענד דהי סיוויל וואָר", באַנד 1, פילאַ־דעלפיע, דזשואיש פּאָבליקעישאָן סאָסייעטי אָוו אמעריקע, 1951.
רייזען, זלמן, „דער לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, באַנד 1,־4.
שאפּעס, מאָריס, „דאָקומענטערי היסטאָרי אָוו דהי דזשוס אין דהי יונייטעד סטעיטס, ניו יאָרק, סיטאדעל פּרעס, 1950, רעווידירט, 1952.
שמר, (שאיקעוויטש, נחום מאיר), „אויטאָביאָגראפיע" (געשריבן אין העב־רעאיש), נאָך אין מאנוסקריפּט.
שעכטער, פּראָפ. סאָלאָמאן, בריוו צו דר. סיירוס אדלער, 1900.

דער י. ב. ביילין קאמיטעט באדאנקט הארציק די פאלגנדע פריינט וועלכע האבן זיך פארשריבן אלס ספאנסארס, און מיט זייערע ביטראגן דערמעגלעכט, אז דער בוך זאל קענען דערשיינען

ארגאניזאציעס

דער י. ב. ביילין שטודיר־גרופע
דער י. ב. ביילין איקוף־קלוב
ברייטאָן בענעוואָלענט און קולטור סאָסייעטי
בעסעראַביער פאַד. בענ. סאָסייעטי
דרעסמאַכער קולטור פאַראיין
סאָניע עפשטיין לייען קרייז
עמאַ לאַזארוס קלוב
פאַרקסייד פראַטערנאַלע סאָסייעטי
פרץ גראַדזיסקער עיד סאָסייעטי
לאדזשער סאסייעטי

יואל בינשטאָק
מאָריס בערגער
הערי גליקסמאַן
יוסף גליקסמאַן
סעם האַנדעל
מאיר וואַרשאַווסקי
אַנאַ לאכמאן
הערמאַן מיגדאַל
לעאָן סטארק
הערי סטאָפּסקי
י. שמאראק
טעאָדאָר ענגעל
סעם שפיגל

יחידים

אבראַמאָוויץ, א.
אבראמאָוויץ, אברהם און בערטאַ
אדלער, פייגל און יעקב
אורליכט, ראָוז
אוערבאַך, מר. און מרס. ל.
אייזנבערג, גאָלדי
אוונער, עטקע
אייזענבערג, יעקב
אלטמאַן, ה.
אפּעל, רעי
אקון מר. און מרס.
אַראנאָף, האַנא
ארטשעס, סעמועל
באבריק, סאָפי
באומעל, מרים
באָטווניק, מ.
באך, פעסי
באַרון, סעמועל און פעני
בודיש, י. מ.
ביטסטאָן איוואַ
ביילין הערבערט
ביילין, משה און פלאָרענס
ביילין, מאָרי און בעס
ביילין, שרה
ביילים, נייטן
בינגער, נעטי און נייטן
בינסטאָק, דזשאָ
ביק, בעלאַ
בלום, גאָסי
בערמאַן, נייטן און סילוויע
בערנשטיין, סיליא
בערנשטיין, ראָוז
בערליאַנט, ע. און י.
בערנשטיין סיליא
בראון, פלאָרענס
גאָטעלמאַן, מר. און מרס.

גאלאָוויץ, ליליען
גאָלדבערג, שרה
גאָלדענבערג, פרומע און נוטע
גאָלדווירט, בעלא
גאָלדשטיין, נינא (וויירויב)
גאָרדאָן, זלמן און אידיט
גארעליק, סילוויע
גודמאַן, בלענטש
גלוקאַפּט, מר. און מרס.
געלפאַנד, ל. ה.
גערשאָם, פעני
גראָס, משה און רוט סטרים
גרין, בער
גרינשטיין, יעקב
געצאָוו, הערשל חיים
געצאָף, שמעון
דאָמבראָ, אסתר
דאָראָשקין, י.
דזשענאָפּסקי, א.
דזשענקינס, מאַקס און לענא
דעניעלס, עמאַ און העניך
דראַפּקין, אידע
האָד, רובין
האלפערין, אנא
האָפמאַן, ל.
הובער, סאָפי און יעקב
העריס, מ.
וואָלפסאָן, ליליען
וואַסערמאַן, קארל און ראָוז
ווינטראוב, מאנדעל
ווינטראוב, עמא און הערי
ווינער, שלמה און ראַסיל
וועלער, בערנארד
וואָרענבערג, עמנועל
זוסמאַן, שיע און חנה
זוקערמאַן, בנימין, רבקה
זייד, בעקי
זיסקינד, מר. און מרס. ה.

זינגער, חיים און רובי
טאָלער, סיליא
טשארנאָווער, יוסף און בעלא
טעלסאָן, י.
טענענבאום, רבקה
יאַגאָדניק, לענאַ
יאקער, נחמן
יאמניק, מ.
יוקלסאָן, פייגל
יוקלסאָן, ראובן
כאַראָווער, דאָרא און מישא
לאָבעל, מ.
לאזאראָוו, מאַקס און בעטי
לאַנגער, ס.
לאנגערט, ס.
לאנדאו, דינא
לאנדיס, אָסקאַר אונב עלא
לאָסעוו, הינדע
לאָפּין, ב.
לייב, א.
לייזעראָוויטש, יאַנקל און רחל
ליפסאָן, וויליאם
ליפצין, סעם און אַנאַבעל
לעווין, טעוויע
לעווין, ראוז
לעווין, שלום
לעכאָוויצקי, אברהם
מאַגדאָף, מאקס און לאה
מאָס, מ.
מייראָן, י.
מילער, ברוך
מענדעלאָוויץ, ג.
מענדעלסאָן, ה. ב.
ניומאן, אנא
ניוואוירט, אנא און דזשאָ
נעלסאָן, לאה
נעלסאָן, סאול און איוואַ
סאָבעל, יעטא

סטאר, ס.
סטיינמאַן, יונה און גאָסי
סטילמאַן, לואיס
סטירעס, פעני
סיגעל, אַנאַ
סיגל, י.
סיעב, לואי
סיימאַן, סעם
סטערן, סעם
סינגער, חיים און רובי
סילווער, איזידאָר און פּאָלין
סילווערבערג, מרס. און מרס. י.
סלייווין, אידיט
סלייטער, בען
סעלדין, ד.
סעלדין, יעקב
סעלדין, לואיס
סקאָלניק, אברהם און שרה
סקלאַרמאַן, מרס.
עווין, י.
עפּשטיין, דזשוליוס און אסתר
עקהייזער, ר.
פּאָדאָלסקי, ליזא
פּארנעס, מאקס
פּלאָטקין, לואי
פּרעס, ה.
פּאָגעל, פּאָלין
פּאַרמאַן, בעטי און לו
פּיין, לאָלא
פּינקל, פּיליפּ
פּינקלשטיין, י.
פּיינשטיין, יוסף און בלומע
פּעלדמאַן, לואי און נעטי
פּעט, יוסף
פרידמאַן, בעקי
פרידמאַן, געניע
פרידמאַן, דזשעק
קאהן, ראָוז
קאַגאַן, איזידאָר
קאָהען, איידע
קאָהען, מיני
קאָהען, מערי
קאָהען, סיליע
קאָהען, סעם
קאָהען, שעריל
קאופמאַן, איזידאָר
קאופמאַן, סעמועל
קאַלב, אברהם
קאָמענעצקי, ב.
קאסאנאָוו, אנא
קאַפּלאַן, ע.
קאָרן, שמואל און יודיף
קאץ, ראוז
קוואט, מר. און מרס. דזשעק
קוואסניק, אנא
קוזיניץ, לילי
קופּער, פייגל
קיימאָוויץ, שרה און מעני
קיעל, עטל און ה.
קליין, ל.
קעסלער, הערי
קעשמאַן, מאָריס
קעשמאַן, סילוויע
קראסנאָוו, ראָוז
קרישקאָ, ש.
ראָזען, שעפּסל און חנה
ראָזענבערג, פּיליפּ און פּערל
ראָלער, בערל און לאה
ראַפּאַפּאָרט, נח
ראַסקין, מרס.
רובינסקי, סעם
רובענאָף, י.
ריבאַק, פעני
רייזוואָסער, הילדא
ריטשלין, מר. און מרס.
ריפּין, ב.

רעמעניק, אסתר
שאַפּיראַ, סעם
שוואַרץ, חיים
שטראוס, אברהם
שיינבלום, מ.
שיינהאוס, בעסי
שניצער, ל.

שעלי, סאול
שענקער, טעסי
שעפער, יוסף
שעפער, פינקוס
שעק, אהרן און אדעלא
שערמאַן, הערי
שרייבער, אשר

שיקאגאָ, איל

לייען קרייז ביים איקוף
אבי־הם קאַפּלאַן לייען קרייז
ברייער מ.
זאַגאָרין, י.
חפץ, ז. און מ.
טענענהאָלץ, אסתר

האַרטפאָרד, קאָנ.

פרימאַק, אברהם און סימאַ

ניו דזשוירזי

אַטלאַנטיק סיטי פראָג. קלוב
פעלצמאַן, י.
קאַלטמאַן, פעני

מיאמי, פלאָרידא

בערג, אהרן און העלען
קאַרט, הערשל און חאַסיע
קערש, נייטן
סיימאַן, ס.

לאָס אנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

האָפמאַן, יעטא
טשערנער, פוליע און אסתר
מילער, אסתר
קראַסנאָוו, בען און שרה
שאַכנאָוו, יוסף
שוואַרץ, שמואל

מאָנטרעאָל, קאַנאַדע

בעקער, י.

לאַנדמאַן, דזשאָרדזש
סענדערס, שאַרלאָט
פּאָמעראַנץ, י.
פליישמאַן, מאָריס און סאָניע
שער, סעם און איווא

באָסטאָן, מאַסס.

וויינשטיין, מרס פעני

ניו הייווען קאָנ.

וואָלפסאָן, הערי

אטלאנטא, דזשאָרדזשיא

רעכטמאַן, סאל

דעטראָיט, מיש.

סאבאראָף, מעקס

סט. לואיס, מיזורי

סמיטה, מאקס

קענזעס סיטי, מיזורי

ברענער, סעם

פעטאַלומאַ, קאַליפאָרניע

גאָטפריד, זאַרי

ווינדזאָר, אָנט. קאַנאַדע

בערניקער, א.

אין ליכטיקן אָנדענק פון די פאָלגענדע פאַרשטאָרבענע:

איסט ניויאָרק משפחה — אין אָנדענק פון אידא לאנג.

איסט ניויאָרק משפחה און דוד ראַ־טענבערג אין אָנדענק פון סיליא ראָטענבערג

אַברהם ברעזנאָף און בראדסקי פאַמיליע — אין אָנדענק פון לינא ברעזנאָף

ביילע וויליאמס און קינדער — אין אָנדענק פון איר מאַן און פאָטער, פישל וויליאמס

פרוי עטל, פאַמיליעס לעשין און בראהינסקי — אין אָנדענק פון הערי לעשין

אננא ליבאָוו און קינדער — אין אָנדענק פון מאן און פאָטער, מאיר ליבאָוו

יוסף מאַלדאווער און קינדער, — אין אָנדענק פון פרוי און מוטער סאָניע מאלדאווער

נייטן קאָהען, קענאָזאַ פאַרק, קאַליפ. אין אָנדענק פון אונדזערע פריינט טייבל און משה גראָזול

מאַרטין קאַרנשטיין, אין אָנדענק פון מיין פרוי, רחל

די פאַמיליעס שוויילאק, סאָקשטיין און ראָזענבערג אין אָנדענק פון מיני גאָלאָמב

נאָלדע דוביצקי, לזכר אברהם דוביצקי

אין ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער ליבער מוטער, פעני האָפקינס.
דאָראָטי און מעטיו קאהאן

אין ליכטיקן אָנדענק פון דר. מייזאָוו.
איקוף לייען קרייז, היוסטאָן, טעקסעס.

אין ליכטיקן אָנדענק פון
פאול בערנשטיין
ראָז בערנשטיין

בערטא וויינשטיין, אין אָנדענק פון מיין מאַן, פיליפ וויינשטיין

פרידאַ ווישניאַק, אין אָנדענק פון מיין מאַן, מאַקס ווישניאק

נודעלמאַן, אין אָנדענק פון מיין ווייב, דוניא

וועלוול קאַפּלאַן, אין אָנדענק פון מיין יונג־פאַרשטאָרבענעם זון, מילטאָן

אהרן קוירטמאַן, לזכרון מיין רבקה׳ן